STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01803

TROYM UN LEBN

Taibe Segal

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טייבע סעגאַל

בלוזעם אין לעבן

מעשיות
דערציילונגען
און נאָוועלן

D
FOR
CIRCUIT

TROIM UN LEBN

BY

TAIBE SEGAL

BOOK ONE

Copyright reserved

קאָפּיע־רעכט רעזערווירט.

Published by Kayor,
Johannesburg, South Africa, 1976

פאַרלאַג קאַיאָר • יאָהאַנעסבורג, דרום אפריקע • תשל"ו/1976.

טייבע סעגאַל

DONNELL REGIONAL BRANCH
FOREIGN LANGUAGE LIBRARY
20 WEST 53rd STREET, N. Y. 19

דאָס בוך איז געווידמעט
מיין ליבן מאַן ר א ו ב ן —
מיינע טייערע קינדער
זעלדע, בעני און סטענלי —
און מיינע אייניקלעך
בערנאַרד, קענעט, אַרטור (ישראל),
מייקל, ראָבי און דזשאָלי (דרום־אפריקע) —

מיין געטרייע שוועסטער רחל אביטל און איר מאַן חיים (ירושלים) —

מיינע שוואָגערס אליעזר פרי (תל־אביב) און גדליה שאמעס (ווילנע) —

מיינע איבערגעבליבענע שוועגערין און שוואָגער ריוועלע און הערי וואַלמאַן —

מיינע פלימעניצעס און פלימעניקעס בתיה און יוסף ראַפּאָפּאָרט, שרה און רפי חנין, חנהלע און לייבעלע שאמעס, רינה און דזשאָני ביילי, טוטי און מיכה פרי, תמרה אביטל, קעראָל און דזשעקי, צפּורה און לעאָן וואַלמאַן און זייערע אַלעמענס משפּחות —

מיין מומע און פעטער פייגעלע און אברהם לאנדאו (אלע אויבן דערמאָנטע אין ישראל) —

מיינע שוועסטער־קינדער גיטל און לייבעלע סעגאַל און זייערע משפּחות (בוענאָס־איירעס) —

אַלע ווילנער לאַנדסלייט און אַלע פריינט אין דרום־אפריקע און איבער דער גאַרער וועלט. —

אויך די וואָס זיינען אַוועק אין דער אייביקייט —
און די וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון די נאַצישע מערדערס —
מיינע שוועסטער, ברידער, שוועגערין און שוואָגערס, פלימעניצעס און פלימעניקעס, קרובים און אַלע יידן.

דאַנק:

- מיין מאַן ראובן פאַר זיין געבן מיר אינספּיראַציע —
- די אינהאַבער פון דרוק — נ. און י. בערגער — פאַר אינטערעס און אויפפּאַסן די ביכער —
- דעם זעצער איבי קראַסנאָווסקי — פאַר גוטע און ריינע אַרבעט

אַ וואָרט צום לייענער

ווי צו אַ טייערן פריינד קום איך היינט צו דיר ווידער, יידישער לייענער, מיט אַ בוך אין אונדזער יידיש לשון, וואָס איז אונדז טייער און נאָענט, ווי אייגענע טאַטע מאַמע, ווי ווייטע היים אין מיין אַלטער היימשטאָט ווילנע — ירושלים ד׳ליטע.

מיט בענקשאַפט און טרערן דערמאָן איך מיין היים, מיין שטאָט, די מענטשן, די יידן, די ליבסטע, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזן אויף אייביק. אין אַ סך פון די דערציילונגען פּרווו איך באַלעבן זייערע געשטאַלטן, פאַרקריצן טיפן און פּנימער פון יענעם עבר. אָבער כ׳פּרווו אויך מיט אַ שפּיץ פעדער באַרירן דעם חורבן־פעריאָד, כאָטש איך אַליין בין אין געטאָ ניט געווען און ניט דורכגעמאַכט די שרעקלעכע איבערלעבונגען פון דער מלחמה־צייט. נאָר אפילו ניט זייענדיק דאָרט, האָב איך מיטגעליטן און מיטגעוויטיקט מיטן גאַנצן האַרצן דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געלייענט אָדער געהערט פון אַנדערע און די אַלע גרוילבילדער האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט אין מיין נשמה און געדאַנק. דערפאַר בין איך געקומען, חוץ די שורות וואָס כ׳האָב פאַרשריבן אין מיין ערשטן בוך, אין לידער און פּאָעמעס, מיט דערציילונגען פון די מענטשן אין אַלע צייטן, גוטע און שלעכטע, ווי כ׳האָב זיי געזען, ווי כ׳האָב זיי פאַרשטאַנען און געטראַכט וועגן זיי. כ׳האָב זיי געגעבן ווי כ׳האָב זיי געזען מיט מיינע אויגן.

איך האָב פאַרשריבן אַ סך בויגנס פּאַפּיר. און אויב אפילו איך צערייס אַ טייל, זעט מען נאָך אָן אַ גאַנץ היפּשן בערגל. די איינציקע פרייד איז, וואָס אַלץ איז מיינס, פליסט פון אייגענעם האַרץ, ווי וואַסער פון אַ קוואַל...

כ׳ווייס מיט וויפל שוועריקייטן ס׳איז פאַרבונדן היינט דאָס ארויסגעבן ביכער אין יידיש — סיי טעכניש און סיי מאַטעריעל. און ס׳איז מיר אויך באַקאַנט, אז ס׳זיינען פאַראַן נאָך גענוג יידישע שרייבער און דיכטער אין דער וועלט, און אויך ביי אונדז אין דרום־אפריקע, וואָס האָבן ניט די מעגלעכקייט אז זייערע ווערק זאָלן דערשיינען. דעריבער איז מיר אַ באַזונדער גליק און אינספּיראַציע, אז מיין טייערער לעבנס־באַגלייטער, וועמען כ׳רוף מיטן ליבשאַפט־נאָמען ראובעלע, האָט מיט לייב און לעבן זיך גענומען פּראַקטיש פאַרווירקלעכן דעם ציל פון ארויסגעבן מיינע ביכער. דאַרף מען נאָך האָבן עפּעס שענערס און בעסערס? בין איך אוודאי זייער גליקלעך אים דאָ אויסצודריקן מיין דאַנק פון טיפסטן האַרצן.

און לסוף: אזוי ווי מיין ערשט בוך איז געווען פּאָעזיע און כ׳האָב געמאָלן דאָרט די נאַטור: הימל און זון, שטערן און לבנה און איבער אַלעם — אונדזער טייער און ליב לאַנד ישראל, האָב איך מיט די אַלע געווירצן אויך באַשפּרינקלט מיין פּראָזע. איז מיין געבעט, אז דו זאָלסט לייענען און הנאה האָבן, חשובער און ליבער לעזער!

טייבע סעגאַל.

עלטערן און קינדער

אַן אמתע פּאַסירונג

אין לעבן טרעפן מאָדנע פּאַסירונגען, וואָס מ׳דאַרף זיי ווייט ניט זוכן. זיי קומען דיר אליין אונטער דער האַנט. מיט מיר אליין האָט עפּעס אזוינס געטראָפן. טשעקאָווע צו הערן: איך האָב ליב צו זיצן אין גאָרטן און שטענדיק אויף דער זעלבער באַנק. פון דאָ קוק אים זיך צו ווי קינדערלעך לויפן ארום, שפּילן זיך, יאָגן זיך. פייגעלעך פליען אַן פון אלע זייטן און מיט די שנעבעלעך שאַרן זיי די ערד, זוכן וואָס אַ פּיק צו טאָן. מענטשן שפּאַצירן הין און הער, קומען אָן און גייען, אַנדערע זעצן זיך אויף די בענק און נעמען ארויס אַ בוך צו לייענען, אַ צייטונג. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַטראַכטן די אַלע מענטשן. און ליב האָב איך דעם גאָרטן, ווען דער הימל איז בלוי און דער טאָג איז ניט צו הייס. און אז מ׳קוקט זיך גוט צו באַמערקט מען זאַכן, וואָס מ׳האָט פריער ניט געזען.

אין איינעם אַזאַ טאָג בין איך געזעסן אויף מיין באַנק און ווי מיין געוווינהייט אַלץ באַטראַכט. די בלומען האָבן פאַרביק געבליט און געשמעקט מיט אַן אַנגענעמען אַראָמאַט. אין די ביימער האָט גערוישט אַ שוואַך ווינטל, וואָס האָט אויך מיך ארומגענומען. אין האַנט האָב איך געהאַלטן אַ צייטונג, נאָר כ׳האָב ניט געלייענט.

מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט אז ביים צווייטן ברעג פון באַנק האָט זיך עמעצער אַוועקגעזעצט. איך האָב אַ קוק געטאָן צו יענער זייט און געזען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט גיך אַוועקגענומען זיין בליק פון מיר. ער האָט אויפגעמישט דעם בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, און גענומען לייענען. איך האָב פונאַנדערגענומען מיין צייטונג און כלומרשט אריינגעקוקט, נאָר פון דער זייט האָב איך באַטראַכט מיין באַנקגאַסט. ער איז געווען שיין געקליידט און געהאַט אַ סימפּאַטישן אויסזען. איך האָב געקוקט אין צייטונג, נאָר די געדאַנקען זיינען געווען ערגעץ אַנדערשוואו. דער מענטש וואָס זיצט דאָ ניט ווייט פון מיר האָט צוגעצויגן מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

מיך האָט אינטערעסירט זיין געזיכט, וואָס איז מיר פאַרגעקומען באַקאַנט, נאָר בשום אופן האָב איך זיך ניט געקענט דערמאָנען וווּ איך האָב אים געזען.

כ׳האָב באַמערקט אַז דער מאַן וואַרפט אויף בליקן צו מיר. ער טוט אַ קוק און מאַכט זיך ווייטער לייענענדיק.

כ׳בין נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבן זיצן אויף מיין באַנק, ווי איך וואָלט געדאַרפט לייזן אַ רעטעניש וואָס קען ניט וואַרטן. מיט אַ מאָל האָב איך דער־פילט ווי דאָס האַרץ שוואַכט מיר און איך האָב באַשלאָסן אַרויפגיין אין מיין אַפּאַרטמענט און עפּעס צובייסן. נאָר פאַרבייגייענדיק דעם רעסטאָראַן, וואָס שטייט אין מיטן גאָרטן, האָב איך באַשלאָסן אַריינצוגיין און כאַפּן אַ צובייס און נאָך דעם ווידער צוריקגיין אין גאָרטן. כ׳בין אַריין און זיך צוגעזעצט ביי אַ ליידיק טישל.

אין דער צייט פון זומער איז געווען זעלטן צו געדענקען אַזאַ קילן טאָג. דאָס רוב קומען גאַנצע וואָכן פון גוואַלדיקע היצן אָדער גרויסע רעגנס און אין ביידע פאַלן מוז מען זיצן פאַרשפּאַרט אין צימער עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. אין דער היץ שטעלט מען אַרויס די צונג פאַר אַ טראָפּן פרישע לופט, און אין די רעגנס קלאַפּט דער שטראָם אַריין אין צימער ווי נאָר מ׳עפנט אַ פאַרטקעלע. דער היינטיקער טאָג איז געווען ווי אָפּגעמאָסטן פאַר מיין גוטער שטימונג.

*

מיין טישל איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, ביים פענצטער. אַרום אים איז טאַקע קיינער ניט געזעסן, נאָר אויף אים זיינען נאָך געווען אַנגעשטעלט די טעלער און טעפּלעך פון די פריערדיקע געסט. כמעט אַלע איבעריקע טישלעך זיינען געווען פאַרנומען. דער קעלנער איז געווען פאַרנומען מיט אַנדערע באַ־שטעלונגען און כ׳האָב געדאַרפט אַ לענגערע צייט וואַרטן. דערווייל האָט עמעצער פון די דינער אָפּגערייניקט די געשיר פון טישל און אים אָפּגעווישט. ענדלעך איז דער קעלנער צוגעקומען און געפרעגט וואָס איך וויל האָבן. איך האָב באַשטעלט צוגעברוינטע ברויט מיט קאַפּע. כ׳האָב געוווסט אַז ס׳וועט דויערן אַ ביסל ביז ער וועט עס מיר ברענגען, נאָר ס׳האָט מיך ניט געאַרט.

אין דער צווישנצייט האָב איך געהאַט וואָס צו טאָן: איך האָב באַטראַכט די מענטשן וואָס זיינען אַריין און אַרויס. די טיר האָט זיך אַ רגע ניט צוגעמאַכט און איך האָב געדאַרפט אין אַ פּאָר סעקונדעס באַטראַכטן יעדן איינעם. דאָס האָט מיך אַמוזירט. איך האָב אין געדאַנק צונויפגעשטעלט אַ קאַטאַלאָג פון די פאַרשיידענע טיפּן: יונגע און אַלטע, הייכע און נידעריקע, פעטע און דאַרע, גראָבע און דינע. יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין סימן. דער קעלנער האָט מיר דערווייל געבראַכט מיין באַשטעלונג און כ׳בין געווען אַריינגעטאָן אין טרינקען און עסן, נאָר כ׳האָב נאָך אַלץ זיך צוגעקוקט צו דעם אַריינגאַנג.

אַ פּאָר מינוט איז קיינער ניט אַריין און אַרויס. פּלוצלינג האָט זיך די טיר

געעפנט און דער מאַן, וואָס כ׳האָב אים איבערגעלאָזן אויף דער באַנק, איז אריין מיטן בוך אין האַנט. ער איז שטיין געבליבן אין דורכגאַנג, צווישן די טישלעך, און האָט זיך ארומגעקוקט, זוכנדיק אַ פּלאַץ. זיין בליק האָט זיך פארהאַלטן ביי מיר. ער איז צוגעגאַנגען און געבעטן דערלויבעניש זיך צוצוזעצן ביי מיין טישל.

— יע, ביטע. מיט פאַרגעניגן! — האָב איך פריינדלעך געענטפערט.

ער האָט אַ צופרידענער זיך געזעצט אויף אַ שטול לעבן מיר און געפרווט אָנקניפּן אַ שמועס.

—אַ שיינער טאָג היינט, ניט אזוי?

— אָ, יע, דאָס איז איינער פון מיינע באַליבטע טעג. כ׳האָב הנאה פון אַזעלכע טעג. און ס׳איז אַוועק אַ שמועס וועגן וועטער, ביז ער האָט דערזען די צייטונג וואָס איך האָב אַוועקגעלייגט אויפן טיש. פון דער ערשטער זייט האָט אַראָפּגעשריען אַ קאָפּ איבער דער גאַנצער ברייט פון בלאַט: פייער־איבעררייס אין ישראל.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם? — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף דער ידיעה, — וועט טאַקע קומען צו אַ שלום צווישן די אַראַבער מיט ישראל.

—שווער צו זאָגן. די לאַגע איז זייער קאָמפּליצירט. די דיפּלאָמאַטן אליין ווייסן מסתמא אויך ניט. ס׳איז אַ גרויסער פּלאָנטער אין דער דאָרטיקער פּאָליטיק.

— איר זייט גערעכט — האָט ער צוגעשמייכלט. — אי די אַראַבער, אי די אַמעריקאַנער און אי די רוסן מאַכן דעם פּלאָנטער. זיי טראַכטן איין זאַך, זאָגן אַ צווייטע זאַך, און אז ס׳קומט צום טאָן — טוען זיי אַ דריטע זאַך...

— איר האָט עס גוט פאַרטייטשט, — האָב איך געזאָגט. אָבער ווייניקער פון אַלעמען געטרוי איך די אַראַבער. מען מוז פּרובירן, זוכן, געפינען אַ וועג צו שלום.

— נישקשה, אין ישראל זיינען פאַראַן פאַרשטענדיקע פירער. גאָלדע האָט אַ קלוגן קאָפּ.

— יע, ווען ישראל איז געווען דער העלד איז עס ניט געווען קיין גרויסער קונץ.

— די דיינס מיט די ראַבינס קען מען אויך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

— האָט ער געזאָגט. — אָבער ווי מאַכט מען אַז דער צווייטער צד זאָל צו־שטימען צו זייערע פּלענער?

— לאָמיר האָפן אַז פון דער שלעכטס וועט ארויסוואַקסן גוטס און אַלץ וועט זיך ענדערן לטובת ישראל — האָב איך געזאָגט ווי אַן אַנדייט אז כ׳וויל זיך ניט

אריינלאָזן אין דער פּאַליטישער טעמע. — עס זיינען געפאַלן און ס'פאַלן נאָך אין ישראל גענוג יונגע קינדער. און מיר זיינען דאָך אזוי וויניק אין צאָל, קעגן זיי.

— איר זייט גערעכט, — האָט ער געזאָגט, — אָבער דערפאַר איז עס מלחמה — אַ מלחמה וואָס ניט ישראל און ניט די יידן האָבן איר געוואָלט.

— די איינציקע זאַך וואָס איז אונדז איצט געבליבן איז האָפענונג, — האָב איך געזאָגט.

— טאָ לאָמיר האָפן אז די מלחמה דאָרט, וואָס גייט נאָך אָן ניט געקוקט אויפן פייער־איבעררייס, וועט זיך ענדיקן מיט אַ שלום. שלום וועט זיין דער זיג פון ישראל.

— הלוואי! — האָב איך מיט מיין ווונטש באַשטעטיקט זיינע רייד.

דער קעלנער איז צוגעקומען און ער האָט באַשטעלט אַ גלאָז טיי מיט סענדוויטשעס.

צוליבן שמועס האָב איך ערשט איצט פאַרענדיקט עסן מיין ברויט און פאַרזופּט מיטן קאַפע.

דערווייל האָט מען אים געבראַכט זיין באַשטעלונג און ווי נאָר ער האָט גענומען עסן האָב איך זיך אַנטשולדיקט און בין צוריק אַרויס אין גאָרטן.

*

איך האָב לאַנגזאַם שפּאַצירט, מיט קליינע טריטעלעך, כדי מער הנאה צו האָבן פון טאָג. אז איך בין צוגעקומען צו מיין שטענדיקן פּלאַץ איז ער שוין געווען פאַרנומען. איך בין אַוועק זוכן אַן אַנדער פּלאַץ און די גאַנצע צייט האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק: ווו האָב איך געזען דעם מאַן, וואָס איך האָב זיך ערשט מיט אים דורכגעשמועסט.

איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ ליידיקער באַנק, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל פאַררוקט אַן אַ זייט, און איידער איך האָב נאָך באַוויזן זיך ארומצוקוקן איז דער מאַן שוין ווידער געזעסן לעבן מיר אויף דער באַנק, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. דעם אמת געזאָגט האָט מיך אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס ער בעט אפילו קיין דער־לויבעניש זיך צו זעצן און ווערט מיט מיר אַ גאַנצער פריינד. נאָר ניט ווילנדיק האָט זיך ארויסגעכאַפּט ביי מיר:

— אין דער קורצער ווייַלע טרעפן מיר זיך שוין צום דריטן מאָל... — אייגנטלעך האָב איך געוואָלט מיט דעם זאָגן: איר פאַרפאָלגט מיר אויף טריט און שריט...

נאָר ער האָט זיך ניט געמאַכט הערנדיק מיין שטאָך און האָט געזאָגט ווי צו זיך אליין:

— איך אזא טאָג האָט מען הנאה פון אַלץ, אפילו פון אַ גלעזל טיי.

—זאָל אייך זיין צו געזונט! — האָב איך געזאָגט האַלב שפּאַסיק.

— איר קומט דאָ אָפט אויף האַלידיי? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— דאָ אין גאָרטן קום איך יעדן טאָג! — האָב איך אויף זיין מאָדנער פראַגע געענטפערט.

— און ווו שטייט איר דאָ איין? — האָט ער מיר געפאָרשט.

— איר ווילט מיר קומען באַזוכן? — האָב איך געלאַכט. — דאָס איז ניט קיין סוד. דאָ אין מויער אַנטקעגן פאַרדינגט מען צימערן. איך האָב אַ צימער מיט אַ קיך.

— איך האָב אויך דאָרטן אַ צימער מיט אַ קיך, — האָט ער געזאָגט.

— אזוי! — האָב איך אויסגערופן פאַרוואונדערט. — איך האָב אייך דאָרט קיין מאָל ניט געזען.

— און איך אייך האָב יאָ געזען, עטלעכע מאָל, — האָט דער מאַן געזאָגט צופרידן.

— איר שפּיאָנירט מיר נאָך... — האָב איך געלאַכט. — אָבער אייער געזעלשאַפט איז מיר אָנגענעם, ווייל איר קומט מיר פאַר זייער באַקאַנט. איך קען זיך אָבער בשום אופן ניט דערמאָנען ווו איך האָב אייך געטראָפן. אַנו, אפשר וועט איר מיר ארויסהעלפן.

— מיט פאַרגעניגן. כ׳ווייס ניט צי ס׳וועט אייך העלפן, אָבער שטרענגט אָן אייער זכרון. ווייל איך האָב אייך גלייך דערקענט.

— ס׳האָט געמוזט זיין אין אַ פריערדיקן יאָרהונדערט... — האָב איך ווידער געשפּאַסט.

— אזוי ווייט ניט, אָבער שוין אַוועק אַ היפּש ביסל יאָרן.

— נו, מוטשעט מיך שוין ניט מער!.. — האָב איך אויסגערופן אויפן היימישן שטייגער.

— גוט! כ׳וועל אייך אין קורצן אַלץ דערציילן און כ׳האָף אז איר וועט זיך דערמאָנען יענע יאָרן. מיר זיינען נאָך דאַן ביידע יונג געווען, און מיר זיינען געווען שכנים. אַ טיר לעבן אַ טיר. איר זייט געווען אַ שיינע פריילין. איר פלעגט זיך פּוצן גרויסאַרטיק און איר זייט מיר שטאַרק געפעלן. מיר פלעגן זיך נאָר באַגריסן, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן אויף די טרעפּ אָדער צופעליק אין גאַס. מיר האָבן אפשר קיין מאָל ניט געהאַט אַ לענגערן שמועס ווי אַ מינוט צוויי, און אפשר דאָס אויך ניט. איך האָב ניט געהאַט די חוצפּה אייך אויסצודריקן מיינע געפילן, פלעג איך זיי טראָגן באַהאַלטן אין האַרצן. נאָך דעם פלעג איך נאָכקוקן די בחורים, וואָס פלעגן אריינקומען ביי אייך. מיט איינעם

פון זיי האָט איר חתונה געהאַט. איך בין צו אייך קיין איינציקן מאָל ניט אריינ־געקומען, דעריבער מסתמא קענט איר זיך שוואַך דערמאָנען וועגן מיר.

ער איז געררעכט געווען: איך האָב זיך זייער ווייניק געקענט דערמאָנען, אָבער זיין פּנים האָב איך איצט געדענקט. די אַלטע בענקשאַפט האָט אין מיר אַ ציטער געטאָן:

— יע, די יאָרן זיינען זיך געגאַנגען זייער וועג און מיר זיינען עלטער געוואָרן.

— אמת! — האָט ער צוגעשטימט. און אַ ווײַלע געשוויגן. — איך געדענק אַז איר האָט זיך נאָך דער חתונה ארויסגעקליבן. ווו האָט איר געלעבט אַלע יאָרן?

— אין ברוקלין. און איר האָט חתונה געהאַט? — האָב איך פּשוט געפרעגט.

— ניין, איך בין פאַרבליבן אַליין. ביז היינטיקן טאָג האָב איך זיך ניט גע־קענט צוקלייבן אַ פּאַסיקע פּאָר. איצט... — האָט ער פּלוצלינג אָפּגעהאַקט.

— אַ שאָד צו בלייבן אַ גאַנץ לעבן אַליין. ס'איז ניט גוט אַליין. — האָב איך געזאָגט.

— אָבער איך זע דאָך אַז איר זייט אויך אַליין. — האָט ער מיר געקוקט אין די אויגן.

— איצט בין איך ווידער אַליין. כ'האָב געהאַט אַ גוטן מאַן, נאָר אַ לאַנגע צייט איז ער שוין אין זיין אייביקער רו, זאָל ער אַ גוטער בעטער זיין. און כ'האָב איין זון, וואָס לעבט אין וואַשינגטאָן. איר ווייסט דאָך היינטיקע קינדער — וואַרפט ער צו דער מאַמען אַ מאָל אַ בריוול מיט אַ טשעקל. איז אַ דאַנק דער־פאַר. ער האָט צוויי זין. שיינע קינדער, זאָלן זיי נאָר געזונט זיין. זיי שרייבן גוטע בריוו צו דער באָבען. ביי אַ געלעגנהייט וועל איך אייך ווייזן די בילדער. זיין פרוי איז אויך אַ שיינהייט.

— איך האָב עס! — האָט ער זיך מיט אַ מאָל דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין שטערן. — איך זיץ די גאַנצע צייט און וויל זיך דערמאָנען אייער נאָמען און אָט איז עס געקומען: מאַניע!

— אמת! — האָב איך באַשטעטיקט. — אַ סימן אַז איך בין אייך אריין אין קאָפּ...

— און אין האַרץ אויך! — איז ער געווען צופרידן פון מיין אינטימען טאָן.

— נו, דאָס איז ביי אייך מסתמא פאַרבליבן אַ פונק פון אַ מאָל, ווי איר דערציילט.

— איצט, אַז איך האָב אייך געזען, איז פון פונק ווידער געוואָרן אַ פייערל. — האָט ער געזאָגט. — איר האָט זיך ניט צו פיל געביטן, מאַניע.

איצט האָב איך געוואָלט וויסן זיין נאָמען, נאָר ס׳האָט מיר עפּעס ניט גע־פּאַסט אים צו פרעגן. איך בין געווען זיכער אז כ׳וועל זיך אליין קיין מאָל ניט דערמאָנען.

— אַ שיינעם דאַנק! — האָב איך געזאָגט. — נאָר מיר אליין איז אַ וווּנדער ווי איך בין געבליבן אזוי, ווייל דורך די יאָרן האָב איך אַ סך דורכגעמאַכט.

— יע, כ׳קען זיך פאָרשטעלן, אז אַ פרוי בלייבט אליין מיט אַ קינד.

— איר זייט גערעכט...

— זאָגט: איר זייט גערעכט, מאַקס. אזוי רופט מען מיר.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון באַנק און שפּאַצירט אַ ביסל אין גאָרטן. איך האָב געפילט אז ער וויל מיר זאָגן עפּעס וואָס האָט אַ שייכות צו אונדזביידן, נאָר ווי אַ מאָל האָט ער איצט אויך ניט די חוצפה. איך האָב זיך געמאַכט אז איך בין גלייכגילטיק.

*

פון יענעם טאָג פלעגן מיר זיך שוין טרעפן עפטער און שפּאַצירן צוזאַמען אין פּאַרק. מיר האָבן זיך שוין געדוצט, ווי אַלטע חברים, און הנאה געהאַט צו זיין צוזאַמען.

— ווייסט, מאַניע, — האָט ער צו מיר איין מאָל געזאָגט, — וואָס מיר איז ניט געווען באַשערט אין די יונגע יאָרן, איז היינט, אין די מיטעלע יאָרן, אויך ניט צו שפּעט.

כ׳האָב געפילט מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. כ׳האָב אים ליב געקראָגן.

— ס׳איז קיין מאָל ניט צו שפּעט... — האָב איך געזאָגט מיט צושטימונג.

— געלט האָב איך גענוג! — האָט ער אויסגערופן, אַ דערפרייטער פון מיינע רייד, — וועלן מיר נעמען אַ גרויסן אַפּאַרטמענט, קויפן אַלץ וואָס אַ מאַן און ווייב דאַרפן האָבן אין דער ווערטשאַפט און מיר וועלן בויען צוזאַמען אַ נייע היים.

— ווען־זשע וועסטו חתונה האָבן מיט מיר? — איז געקומען די קאָנקרעטע פראַגע, וואָס האָט מיך אַ ביסל צעטומלט.

נאָך אזוי פיל יאָרן זיין אליין האָט עס מיר אויסגעזען ווי אַ גרויס גליק וואָלט פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן פון הימל.

— יע! — האָב איך געענטפערט דעם איין וואָרט, זיכער און אנטשיידן.

— איצט האָבן מיר זיך אויף אַן אמת דעררעדט צו עפּעס! — האָט ער כמעט אַ געשריי געטאָן.

— און מער וועלן מיר ניט זיין עלנט! — האָב איך אים נאָכגעהאַלטן.

— מער ניט, מער ניט! — האָט ער מיר ארומגענומען.

און מיר זיינען ביידע אַוועק צו אונדזער נייעם צוזאַמענלעבן.

דאָס בעסטע גליק

.1

לילי האָט אַ גאַנצע נאַכט געוויינט פון דער נעכטיקער איבערלעבונג, נאָך דעם ווי זי האָט איבערגעריסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מיט באָריסן. זי האָט אים דייטלעך געזאָגט, אַז זיין מיט אים צוזאַמען אויף פרייע ליבע, ווי ער רופט עס, קען זי ניט איינשטימען, און אויב ער וויל ניט חתונה האָבן קען ער זיך גיין.

נאָך דעם האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן דעם. אַזאַ זאַך איז גוט פאַר אַ מאַן. ווען זי וועט עלטער ווערן וועט ער איר אַוועקוואַרפן, ווי אַן אַלטע שמאַטע וואָס מ׳קען מער ניט נוצן. איצט איז זי נאָך יונג און שלאַנק און זי איז אויך ניט מיאוס. אָבער ווי לאַנג נעמט עס ביז מ׳ווערט אַלט.

ניין און ניין! האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט. זי מוז פון באָריסן זיך אָפּגעוויינען. אָבער דאָס אָפּגעוויינען האָט זיך געצויגן ביז אין דער פרי מיט טרערן און געוויין. באַגינען איז זי שטאַרק איינגעשלאָפן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז אין שטוב געווען שטיל. ס׳איז שוין זייער שפעט, האָט זי געטראַכט. איר שוועסטער מאַניע און איר מאַן סעם זיינען שוין לאַנג ביי דער אַרבעט, און דעם קליינעם פלימעניקל בעני האָבן זיי אוועקגעפירט אין קינדערגאָרטן.

מיט אַ מאָל איז זי געוואָרן אומרואיק. פון גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ טומל און איר האָט זיך געדוכט, אַז אין צימער איז געוואָרן הייס, שטיקנדיק. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם שלאָפראָק און צוגעשפרונגען צום פענצטער.

זי האָט אַ קוק געטאָן און אַ גרויל האָט איר דורכגענומען: די גאַס, אנטקעגן איר פענצטער, איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. זי האָט דייטלעך געהערט געשרייען און קוויטשערייען, וואָס קומען פון די איבערשטע שטאָקן.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, איבערן ראַנד פון פענצטער, און דערזען אַז אויבן איז אַלץ רויט פאַרפאַרבן. פייער! איז דאָס וואָרט ווי פון זיך אליין אַרויס פון אירע ליפּן און זי האָט דערפילט אַ ציטערניש אין אַלע גלידער. וווּ ברענט? האָט אַ בליץ געטאָן אין איר קאָפּ די פראַגע.

זי האָט פאַרשטאַנען אַז עס ברענט אויף די איבערשטע עטאַזשן און באַלד

קען דער גאַנצער סופיט זיך אַראָפּלאָזן אויף איר. זי איז געשטאַנען אַ צעטומל־טע אין פענצטער און אפילו פאַרגעסן צו עפענען אים. די מענטשן האָבן ארויפ־געקוקט אין דער הייך, צו איר, און געמאַכט מיט די הענט און מיט די ליפּן. זי האָט ניט געהערט און ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן פון איר. דאָס גאַנצע בילד האָט איר אויסגעקוקט ווילד־פרעמד.

עס האָט איר פּלוצלינג אָנגעהויבן שוידערן פון קעלט. זי האָט ניט פאַר־שטאַנען, ווי קומט אַזאַ קעלט ארום איר, אז אויבן ברענען שוין די פענצטער. זי האָט געזען די פלאַמען. זי האָט געוואָלט עפענען דאָס פענצטער, אָבער ס׳איז איר געווען צו קאַלט, די פינגער האָבן געפראָרן...

איצט האָט זי שוין ניט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר מיט איר: צי די נעכ־טיקע איבערלעבונג האָט איר משוגע געמאַכט, צי איז עס גאָר אַ בייזער חלום? ווייל אָט קלאַפּט איר אַ צאָן אָן אַ צאָן, און דאָ שפּרינגען שוין פייער־צינגלעך איבער איר פענצטער.

לילי האָט געפילט אז עס פאַרפעלט איר לופט, אָט וועט זי אוועקחלשן. פּלוצלינג האָט זי דערהערט קלעפּ אין דער וואַנט, ווי גלאָז ברעכט זיך און אַ פרישער לופט־שטראָם האָט אויף איר אַ ווייַ געטאָן. זי האָט געטראַכט, אז אפשר האָט עס באָריס זיך געוואָלט אריינרייסן צו איר, ווען זי האָט דערפילט אַ פּאָר שטאַרקע הענט וואָס האָבן זי אָנגעכאַפּט און געשלעפּט. זי האָט אָנגעהויבן מאַכן גוואַלדן: באָריס, לאָז אָפּ, לאָז מיך אָפּ!

אָבער אָנשטאָט באָריסן האָט זי דערזען איבער זיך אַ מאַן אין אַ שוואַרצע הוט פון אַ פייערלעשער. זי האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים: לאָזט מיר אָפּ! וווּ שלעפּט איר מיר? ס׳איז מיר קאַלט... לאָזט מיר זיך אָנטאָן עפּעס אויפן לייב... נאָר דער פייערלעשער האָט איר געהאַלטן איינגעקלעמט אין זיינע שטאַרקע הענט און גערעדט:

— פריילין, איר זייט משוגע! זעט איר ניט אז איבער אייער קאָפּ ברענט שוין דער סופיט. דאָס פייער וועט אונדז ביידן באַלד פאַרצוקן. קומט! — ער האָט זי מיט אַלע כוחות אַ שלעפּ געטאָן נענטער צום אויפגעבראָכענעם פענצ־טער. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן מיטביידע הענט אָן די פּלייצעס פון פרעמדן מאַן, וואָס האָט געוואָלט זיך לויז מאַכן, און איר געשריען אין די אויערן: — פריילין, לאָזט מיר אָפּ, גיכער, שפּרינגט, אַניט קומען מיר ביידע אום. גיכער, שפּרינגט! האָט קיין מורא ניט!

לילי האָט זיך געריסן פון זיינע אָרעמס, ווי פון אייזערנע צוואַנגען. אַ גוואַלדיקע שרעק איז איר איצט באַפאַלן. איצט האָט זי געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן און זי האָט מורא געהאַט צו שפּרינגען דעם מלאך־המוות אין די

אַרעמס. זי האָט דערזען דעם טויט אַזוי נאָענט פון זיך: איין שפּרונג און זי איז אויס.

ערשט נעכטן, נאָך דעם ווי באָריס איז אַוועק פון איר, האָט זי געוואָלט דורכאויס שטאַרבן, און ווען דאָס פּאַסירט נעכטן וואָלט זי אַ סעקונדע ניט גע־טראַכט און גלייך אַ שפּרונג געטאָן, אַ שפּרונג געטאָן און אויס! איצט האָט זי זיך איינגעקלאַמערט מיט די נעגל אין פייערלעשער און אים ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט געשריען מיט ווילדע קולות צו איר:

— שפּרינגט! שפּרינגט! ס'איז דער לעצטער שאַנס! אָט וועט אונדז דאָס פייער פאַרכאַפּן!

אַלע פענצטער זיינען שוין געווען געפּלאַצט פון היץ און זי האָט דייטלעך געהערט די געשרייען און גוואַלדן פון די מענטשן אונטן, אין גאַס. זי האָט גע־הערט ווי עס קראַכט עפּעס איבער איר קאָפּ און דער פייערלעשער האָט איר אַ ריס געטאָן פון זיך. פּלוצלינג האָט זי דערפילט, ווי אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן איר אַ שליידער געטאָן דורכן פענצטער און זי פליט... זי פליט, ווי זי וואָלט זיך געטראָגן מיט אימפּעט אויף אַ יאָגנדיקער כוואַליע אין מיטן ים... מער האָט זי קיין זאַך ניט געדענקט.

.2

ווי לאַנג זי איז געלעגן באַוווסטלאָז האָט לילי ניט געדענקט, אָבער ווי דורכן חלום האָט זי געהערט ווי עמעצער וויינט. דאָס געוויין איז איר פאַרגע־קומען באַקאַנט און זי האָט געעפנט די אויגן צו זען ווער עס וויינט עס, נאָר אַלץ אַרום איר איז געווען פאַרשוווּמען אין ווייס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אַלץ אויסגעקלאָרט און זי האָט דייטלעך געהערט איר שוועסטערס שטימע. זי איז געזעסן לעבן איר, געהאַלטן איר האַנט און געפרעגט:

— ווי פילסטו זיך לילי?

— שוין בעסער, גוט! — האָט לילי געזאָגט. — די שוועסטער האָט איר אַרומגענומען און ביידע האָבן געוויינט.

— מאַניע, ווו איז סעם? און בענעלע? — האָט לילי געפרעגט, ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, — זיי ווייסן מסתמא גאָר ניט, וואָס עס האָט פּאַסירט.

— מ'האָט אונדז געלאָזט גלייך וויסן. סעם וועט דאָ באַלד קומען. און בענעלע איז נאָך אין קינדערגאָרטן. סעם איז געגאַנגען זען, צי מ'קען נאָך עפּעס ראַטעווען. אָבער...

— וואָס איז דער אָבער ? וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן ? — האָט לילי געמאָנט.

— כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן, אז באָריס איז דאָ אויך דאָ. איך אליין האָב אים טעלעפאָנירט און געבעטן קומען.

— כ'וויל אים ניט ! — האָט זיך לילי אַ וואָרף געטאָן. זי האָט זיך איצט דערמאָנט יעדע קלייניקייט אַלץ וואָס נעכטן איז צווישן זיי פאָרגעקומען. — האָסט שוין פאַרגעסן וואָס איך האָב דיר נעכטן דערציילט, מאַניע ? און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן, און דערפאַר האָט מיר דאָס פייער פאַרכאַפּט. ער איז שולדיק אין אַלץ.

— אָבער, לילי, היינט גלייך אין דער פרי, ווען דו ביסט אַזוי שטאַרק געשלאָפן, האָט באָריס טעלעפאָנירט און געזאָגט, אז ער איז גרייט מיט דיר חתונה האָבן, אפילו די מינוט, און מיר געבעטן אז איך זאָל מאַכן שלום צווישן אייך — טו איך עס.

— ער איז אַ בלאָפער, אַ ליגנער. מער גלייב איך אים ניט ! — האָט לילי זיך אויפגערעגט און געבעטן דער שוועסטער, זי זאָל אים ניט ברענגען צו איר.

— גוט, גוט, מיין טייערע שוועסטער, — האָט זיך מאַניע געבעטן, — באַרואיק זיך און קום צו זיך פון דער שרעק וואָס דו האָסט איבערגעלעבט היינט.

— נעכטן האָב איך אויך איבערגעלעבט אַ שרעק. כ'וויל מער זיין נאָמען ניט הערן.

מאַניע האָט געזען אז איר שוועסטער איז זייער נערוועז און געטראַכט, אז בעסער וועט זי שווייגן.

אַ ווײַלע ארום איז סעם געקומען. ער איז געווען שטיל און טרויעריק.

— נו, — האָבן לילי און מאַניע מיט איין מאָל געפרעגט, — ווי זעט עס אויס ?

— ווי זאָל אויסזען נאָך אזא פייער ? — האָט סעם געענטפערט מיט אַ פראַגע. ביסט אַ גליקלעכע, לילי, אז דו ביסט ארויס אַ לעבעדיקע. די גאַנצע געשיכטע פון דיין קאַמף מיטן פייערלעשער גייט ארום פון מויל צו מויל. מסתמא וועט עס באַלד זיין אין צייטונג.

— אַ גליק האָט דיר פּאַסירט, — האָט מאַניע געזאָגט. האָט מען עפּעס געראַטעוועט ?

— ניין, קיין זאַך ניט, — האָט סעם געענטפערט. די גאַנצע גרויסע הויז מיט אַלדאָס האָב און גוטס איז אַוועק מיטן פייער, מיר דוכט אז קיינער האָט גאָרניט געראַטעוועט.

לילי האָט פאַרמאַכט די אויגן און גענומען ביטער וויינען, ווי ס'וואָלט גע־

ווען איר שולד. מיט אַ מאָל האָט זי דערפילט אַ וואַרעמע באַקאַנטע האַנט וואָס גלעט איר קאָפּ:

— וויין ניט, מיין טייערע!..

זי האָט אַ ציטער געטאָן און געעפנט די אויגן. לעבן איר איז געשטאַנען באַריס און דערביי מאַניע און סעם. פלוצעם איז איר אַוועק דער גאַנצער כעס אויף באַריסן. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס איר שוועסטער האָט איר ערשט דער־ציילט. זי האָט געשוויגן.

— מיר וועלן נעמען דערווייל צו אונדז אין הויז, דיין שוועסטער מיט סע־מען מיט זייער בענעלען, — האָט באַריס גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ וואָס איז צווישן זיי פאַרגעקומען פאַרגלעטן, — און מיר וועלן, ביז אונד־זער חתונה, שטיין אין אַ האָטעל.

— אויב דו טוסט עס אויס רחמנות, באַריס, דאַנק איך דיר און בין אַלץ מוחל. כ׳וועל פון רחמנות ניט גיין ד״ונה האָבן מיט דיר, נאָך דיין נעכטיקן פאַרלאָזן מיר.

— ניין, לילי, ניט אויס רחמנות טו איך עס, — האָט באַריס זיך פאַרענט־פערט, — און אָט איז דיין שוועסטער און שוואָגער עדות וואָס איך זאָג. און דאָ — האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע אַ קליין שאַכטעלע, — איז דער פאַר־לאָבונג־רינג פאַר דיר.

— איך גלייב ניט מיינע אויגן, — האָט לילי געקוקט אויפן שאַכטעלע, — איבער נאַכט האָסטו זיך איבערגעביטן, באַריס. אַ דאַנק דיר! — און זי האָט געדריקט זיין האַנט.

— אָבער כ׳קען ניט לעבן אָן דיר, לילי. און דיין נעכטיקער ארויסטרייבן מיר איז אַ צייכן אַז דו ביסט ריין ווי קרישטאָל. און זיי זיינען עדות, אַז דו וועסט גאָר גיך ווערן מיין געזעצלעכע פרוי. — און באַריס האָט זיך איינגע־בויגן און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. לילי איז געווען גערירט.

— האָסט מיר געוואָלט אויספּרובירן, האַ? — האָט לילי מיט אַ שמייכל געפרעגט.

—דיר דאַרף מען ניט פּרובירן. ביסט די ערלעכסטע פרוי אין דער וועלט.

— אַ דאַנק, באַריס! — האָט לילי געזאָגט, — איצט גלייב איך דיר אַלץ, אַלץ!

— איז טו אָן דעם רינג, מיין טייערע, אַלס סימן אַז דו געהערסט נאָר מיר.

זי האָט אָנגעטאָן דעם רינג און אַ קוש געטאָן דעם דימענט, וואָס האָט געבלישטשעט אין אַלע קאָלירן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי ווייס אפילו ניט ווו זי געפינט זיך.

— ווו בין איך? ווענמענס הויז איז עס? — האָט זי געפרעגט ביי באָריסן.

— זאָרג זיך ניט, דו געפינסט זיך ביי זייער פיינע מענטשן. דאָס האָב איך אַראַנזשירט.

— און דאָ בלייב איך שוין? — האָט זי האַלב־צעשראָקן געפרעגט, ווי ס׳וואָלט איר אַ פאַרדאַכט אויפגעקומען פאַר אַ מאָמענט.

— ניין, ניין, — האָט איר באָריס באַרואיקט, — איך האָב שוין באַשטעלט צימערן אין אַ האָטעל פאַר אייך אַלעמען, ווו צו בלייבן די נאָענטסטע עטלעכע טעג. אונטער דער צייט וועל איך פאַרענדיקן אַן עניין, וואָס איך האָב שוין פון לאַנג אָנגעהויבן: דאָס אָפּקויפן אַ גרויסן פלאַץ, אויף וועלכן מיר וועלן אויס־בויען צוויי פּרעכטיקע הייזער — פאַר אונדזערע ביידע פאַמיליעס. — באָריס האָט דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן זיינע פּלענער, ווי ס׳וואָלט נעכטן און היינט גאָרניט פּאַסירט.

מאַניע און סעם האָבן געדאַנקט באָריסן און אים געדריקט די האַנט. זיי האָבן געאיילט זיך צו גיין אָפּנעמען בענעלען פון קינדערגאָרטן.

— אַלע צוזאַמען וועלן מיר שפּעטער אריבערגיין צום האָטעל. כ׳מוז אויך גיין, — האָט באָריס געזאָגט. — כ׳וועל דיר באַלד זען. — האָט ער געזאָגט צו לילין און אַלע דריי זיינען ארויסגעגאַנגען צוזאַמען.

3.

אַז זיי זיינען אַוועק, האָט לילי זיך אויסגעריבן די אויגן און געטראַכט, צי דאָס אַלץ איז קיין חלום ניט. פון צווייטן צימער איז אריינגעקומען אַ פרוי און געזאָגט:

— איך בין די באַלעבאָסטע פון הויז. איצט, מיין טייערע פריילין, וועט איר צוזאַמען מיט מיר טרינקען טיי. קומט אריין מיט מיר אין זאַל. ס׳וועט אייך טאָן גוט אַ ביסל זיך באַוועגן. — זי האָט ליבלעך געשמייכלט.

— אַ דאַנק, באַלעבאָסטע, — האָט לילי געזאָגט, — נאָר ס׳איז מיר נאָך אַ ביסל קאַלט.

— אויב אזוי דאַרפט איר בלייבן אין בעט! — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט. זי האָט שנעל געבראַכט אַן עלעקטריש קישעלע און אונטערגעלייגט אונטער לילים פיס.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! טייערע פרוי! — האָט לילי איר באַגייסטערט גע־דאַנקט.

— און ווו זיינען אַוועק אייער שוועסטער מיטן מאַן ? — האָט די באַלע־באָסטע געפרעגט.

— זיי זיינען אַוועק אָפּנעמען זייער זונעלע פון קינדער־גאָרטן, — האָט לילי געזאָגט.

— אויב אַזוי, וועט איר, ביז זיי וועלן צוריק קומען, כאַפּן אַ דרעמל. נו, טרינקט צו ערשט די טיי. הייסע טיי איז גוט צו באַרואיקן די נערוון. — האָט זי געזאָגט.

און לילי האָט געטרונקען די טיי און הנאה געהאַט. די באַלעבאָסטע איז אַרויס און אין עטלעכע מינוט איז שוין לילי געשלאָפן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען טונקל. די נאַכט איז צוגע־פאַלן. די גאַנצע משפחה איז געזעסן אַרום איר בעט און ניט גערעדט, כדי איר ניט צו וועקן. אפילו דער קליינער בענעלע האָט זיינע פראַגן געשטעלט אין דער שטיל, נאָר ווי ער האָט געזען, אַז די טאַנטע האָט געעפנט די אויגן איז ער צו איר צוגעפאַלן מיט קושן און האַלדזן:

— אַך, טאַנטע לילי, ביסט אַרויס פון פייער גאַנץ. ס'איז געווען הייס, טאַנטע ? גוט וואָס דו ביסט געבליבן לעבן, — האָט ער קינדיש גערעדט.

לילי האָט בענעלען שטאַרק געדריקט צו איר האַרצן און שטילערהייט גע־וויינט פון פרייד, וואָס זיינע נאַאיווע רייד האָבן אין איר אויפגעוועקט. זי איז געווען גליקלעך מיט איר אייגן גליק און מיט דעם גרוס, אַז קיינעם פון די שכנים האָט גאָר ניט פּאַסירט און דאָס פייער האָט ניט געבראַכט קיין קרבנות.

זי האָט געקוקט אויף דעם רינג און געטראַכט, אַז דער הייניקער טאָג האָט אָנגעצייכנט איר צוקונפט אין לעבן — דאָס גליק איז געקומען נאָכן אומגליק.

כ׳בין געווען צו שפעט

.1

ווען סעם האָט זיך אויפגעכאַפּט איז נאָך געווען זייער פרי. אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, נאָר דער פּאַפּאַ איז שוין געווען אַוועק צו דער אַרבעט. צווישן די האַלב־גרויע און די שטיקלעך ווייסע וואָלקנס, וואָס זיינען געהאָנגען אויף דעם בלויען הימל, האָט זיך די לבנה געהאַלטן אין באַווייזן און פאַרשווינדן.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ מילדער, איז ניט צו קאַלט און ניט צו הייס, און אַ לייכט ווינטעלע האָט ארומגעבלאָזן אין די בלעטער פון דערבייאיקן בוים. אויך די בלומען פון גאָרטן האָבן צוגעשאָקלט מיט זייערע פאַרביקע קעפּלעך, ווי זיי וואָלטן געזאָגט גוט־מאָרגן צו סעמען.

איצט האָט זיך סעם געכאַפּט, אז ער שטייט צו לאַנג ביים פענצטער. ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און געטראַכט, אז היינט וועט זיין אַ שענערער טאָג פון נעכטן. ער האָט גענומען אַ בולקע, זיך אָנגעגאָסן קאַווע פון דער טערמאָס־פלאַש און אין איילעניש אָפּגעגעסן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער שוין מיט זיין אויטאָמאָביל געווען אין דעם גאַסיקן גערויש פון אַ סך פאַרשיידענע אוי־טאָמאָבילן. ער איז געפאָרן צו זיין שטענדיקער שטעלע אין פּאַפּאַס פאַבריק.

פאָרנדיק, האָט ער געטראַכט, אז היינט פאַרנאַכט קומט זיין פריינדין לוסי פון לאָנדאָן. פינף יאָר זיינען שוין אַוועק ווי ער האָט איר ניט געזען. שנעל זיינען פאַרגאַנגען די פינף יאָר! ער געדענקט נאָך דעם געזעגענונגס־אָוונט, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען, און איז נייגעריק ווי זי קען איצט אויסזען. אַ מענטש בייט זיך אין פינף יאָר, אי אין אויסזען און אי אין כאַראַקטער.

פאַר די אויגן שטייט אים לוסיס פּנים, וואָס אַלע ייִנגלעך האָבן איר גע־האַלטן פאַר די שענסטע אין זייער קרייז. דורך די לאַנגע וויעס קוקט זי איצטער אויף סעמען מיט אַ פּאָר טונקל־בלויע אויגן. אירע שוואַרצע לאָקן גלאַנצן און טיילן נאָך שטאַרקער אויס איר העל־צאַרטן געזיכט מיטן אַזוי קליין־פאַרריסן נעזל. איר פיין־געשניצטע מויל שמייכלט צו אים מיט זיס־בלאַנקע ציינדלעך. איר שלאַנקע פיגור, וואָס איז ניט צו הייך, בייגט זיך איבער אים און ער פאַר־נעמט איר באַקאַנט קול:

— סעם, וווהין פֿאָרסטו?

— צום עראָדראָם! ווייל ער איר זאָגן.

ער כאַפּט זיך מיט אַ מאָל, אז ער איז גאָר פֿאַרפֿאָרן ערגעץ אנדערשוווּ, ווייט פֿון פֿאַבריק, אין אַ געדיכטקייט פֿון אויטאָס. ער מוז איצטער מאַכן א גרויסן אומוועג און ער וועט פֿאַרלירן אַ סך צייט, וועט ווידער פֿאַרשפּעטיקן צו קומען אין פֿאַבריק. זי, לוסי, האָט אים שוין פֿאַרשטעלט דעם וועג, טראַכט ער. זי האָט יעדן פֿון די יונגע־לייט פֿאַרשטעלט דעם וועג און יעדער האָט גע־טראַכט נאָר וועגן איר. זי איז געווען שיין. וואָס זי פֿלעגט אָנטאָן האָט איר גע־פּאַסט, ווי זי וואָלט געווען אַ מאָדעל. ניט אומזיסט האָב איך זיך פֿאַרליבט אין איר, טראַכט סעם.

ער איז אַריינגעפֿאָרן אין הויף פֿון פֿאַבריק און אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער: שוין אַ האַלבע שעה צו שפּעט. ווידער שפּעט, האָט ער געטראַכט פֿאַרדראָסיק אויף זיך אַליין. מיין פּאַפּאַ איז אַ גוטער באַלעבאָס, ער קומט אַלע מאָל צו דער צייט, אָבער היינט וועט ער מיר זיכער פֿאַרגעבן, ווייל לוסי קומט. ער איז דאָך אויך אַ מאָל געווען יונג...

ווען ער איז אַריין אין ביוראָ, האָט ער באַגריסט דעם פֿאָטער מיט אַ פֿריי־לעכן „האַלאָ, פּאַפּאַ!" דער פֿאָטער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— ביסט שפּעט, סעם. גיי שנעל אַריין אין פֿאַבריק און זע אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. און ווען דו וועסט זיך אָרומטאָן, קום אַריין צו מיר. כ'וויל דיר עפּעס פֿרעגן.

— גוט, פּאַפּאַ, איך וועל אַלץ דערליידיקן און דאַן קומען צוריק, — האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

*

ווען ער איז אַריין אַ שעה שפּעטער אין ביוראָ, האָט אים דער פֿאָטער געפֿרעגט:

— איך האָב געהערט אַז היינט קומט לוסי. פֿאַר וואָס האָסטו עס מיר גאָר ניט געזאָגט?

— ווייל איך האָב עס אויך ניט געוווּסט ביז נעכטן. מיינע פֿריינד האָבן מיר געזאָגט...

— דיינער אַ פֿריינד האָט דאָ טאַקע טעלעפֿאָנירט גלייך אויפֿן פֿרימאָרגן, ווען איך בין געקומען אין פֿאַבריק. ער האָט געוואָלט וויסן ווען דו פֿאָרסט צום עראָדראָם?

— איך האָב זיך דערוווּסט אַז דער עראָפּלאַן קומט אָן האַלב נאָך פֿינף.

— ווּעסטו גיין אַ ביסל פריער היינט. איך וועל שוין אַליין פאַרמאַכן די פאַבריק.

—אַ דאַנק, פּאַפּאַ. דאָס פאָרן צום עראָדראָם געדויערט...

— אָבער, סעם, — האָט אים דער פאָטער איבערגעריסן, — פאַר וואָס האָט זי דיר ניט געלאָזט וויסן אַז זי קומט? איר שרייבט זיך גאָר ניט?

— ניין, פּאַפּאַ, שוין לאַנג האָב איך איר ניט געשריבן. און חוץ דעם ווייס זי אַז איך בין שטענדיק פאַרנומען אין פאַבריק. קען אויך זיין אַז אַ בריוו איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

— מאָדנע... — האָט דער פאָטער געשמייכלט. — ביסט דער אמתער קאַוואַליער.

סעם האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט געפילט אַז דער פּאַפּאַ איז גערעכט. פאַר וואָס האָט ער טאַקע אויפגעהערט שרייבן לוסין? ער האָט זיך ניט גע־קענט פאַרענטפערן די פראַגע.

שפּעטער האָט ער זיך ארומגעדרייט אין פאַבריק צווישן די מאַשינעס און אַלץ געטראַכט פאַר וואָס ער איז שטענדיק שפּעט צו דער אַרבעט. דער פּאַפּאַ איז שוין דאָ אין פאַבריק זעקס באַגינען און עפנט די טירן. היינט, די האַלבע שעה, איז ניט געווען אַזוי געפערלעך, ווייל אַלץ איז געגאַנגען אין אָרדענונג. אָבער לעצטן מאָנטיק האָט ער פאַרשפּעטיקט גאַנצע צוויי שעה. געקומען שפּעט ביי נאַכט פון אַ פּאַרטיע און געווען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ניט ער האָט געהערט דעם זייגער קלינגען און אויך ניט דעם טעלעפאָן.

ווען ער איז געקומען אין פאַבריק, יענעם מאָנטיק, איז שוין באַלד געווען מיטאָג־צייט און די מאַשינעס האָבן ניט געאַרבעט. עטלעכע הונדערט מענטשן זיינען געשטאַנען ליידיק פאַר אַ פאָר שעה. ווייל די מאַשין, וואָס ער איז פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר איר, טרייבט אַלע אַנדערע מאַשינעס, און קיינער קען אים ביי דער מאַשין ניט פאַרבייטן. איז דער פּאַפּאַ געווען צעקאָכט, אין כּעס, ווייל די פאַבריק האָט זיך אָפּגעשטעלט און מ׳האָט גראָדע געדאַרפט ארויסענדיקן אַ גרויסע באַשטעלונג פאַר איינע פון די גרעסטע אוניווערסאַל־מאַגאַזינס אין ניו־יאָרק. חוץ דעם גוואַלדיקן היזק פון אַרבעט, האָט מען מורא געהאַט אַז די פירמע זאָל ניט בטל מאַכן די גאַנצע באַשטעלונג און מ׳האָט געמוזט אַרבעטן איבער־שעהען און צאָלן טאָפּלט. ער דערמאָנט זיך ווי דער פּאַפּאַ האָט אויף אים געשריען:

— שוין צייט דו זאָלסט וויסן, אַז אַ פאַבריק איז ווי אַ מענטשנס האַרץ — שטעלט זיך עס אָפּ איז אַלץ טויט. און מיר מוזן האָבן אַ לעבעדיקע פאַבריק,

אַניט זיינען מיר באַנקראָט. האָסטו שוין איצט פאַרשטאַנען, סעם! — האָט דער פּאַפּאַ געליאַרעמט.

— איך זאָג דיר צו אז מער וועט אַזאַ זאַך ניט פּאַסירן. — האָט סעם פאַרזי־כערט דעם פּאַפּאַ.

און היינט האָט עס ווידער פּאַסירט. ווידער האָסטו פאַרשפּעטיקט, אידיאָט! — האָט ער צו זיך אין די געדאַנקען געשריען און גאָר ניט באַמערקט ווי דער פּאַפּאַ איז שטיין געבליבן לעבן אים. — כ׳מוז זיך נעמען אין די הענט! — האָט ער באַשלאָסן.

— וואָס ביסטו אזוי פאַרטראַכט, סעם? — האָט דער פּאָטער געפרעגט מיט וואַרעמקייט אין שטים. — דו קענסט שוין גיין. ווייל אויב דו ווילסט זיך נאָך איבערטאָן, מוזסטו זיך צואיילן. מסתמא וועסטו ניט באַוויזן צו קומען אהיים צו אָונטברויט...

— ניין, פּאַפּאַ, געוויס ניט. עסט אָן מיר. אפשר וועל איך זיין פאַרבעטן ביי לוסין.

.2

פאָרנדיק צום עראָדראָם, האָט ער געפּרוווט זיך דערמאָנען אַלע מיידלעך, וואָס ער איז מיט זיי ארויס דורך די פינף יאָר. קיין איינע האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט לוסין. און מיט יעדן מייל, וואָס ער איז נענטער געקומען צום עראָדראָם, האָט ער שטאַרקער דערפילט די בענקשאַפט צו איר. ער האָט גע־ווּוסט אז ער איז איר זייער געפעלן, נאָר ער האָט זיך שטענדיק צוריקגעהאַלטן און איר ניט געזאָגט וואָס ער פילט. ער ווייס אז לוסי פלעגט זיך באַקלאָגן פאַר חברטעס, אז ער קוקט אויף איר ניט, אָבער וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך האָט זי ניט געוווסט. פאַר איר אָפּפאָר האָט ער איר געוואָלט אַלץ דערציילן, אָבער ס׳איז געוואָרן שפּעט. ער האָט באַשלאָסן אז ער וועט עס איר אַלץ אויס־שרייבן אין אַ בריוו. און אפשר איז עס געווען אַ תירוץ מיט אויפהערן שרייבן בריוו צו איר, ווייל ער האָט איר ניט געוואָלט שרייבן וועגן זיין בענקשאַפט און ליבע.

די ערשטע אין דער משפחה, וואָס האָט אויפגעדעקט זיין סוד, איז געווען זיין שוועסטער. ווען זי פלעגט זען אז ער טוט זיך איבער, פלעגט זי גלייך ארויסשפּרינגען:

— היינט אָוונט גייסטו זיך טרעפן מיט לוסין. זעסט אז איך ווייס.

— פון וואַנען ווייסטו עס?

— ווייל דו פוצסט זיך און זוכסט אויס דיינע שענסטע זאַכן.

— ריכטיק, שוועסטערל, כ׳גיי טאַקע זען לוסין. ביסט גערעכט. — פלעגט ער לאַכן.

—וואָס לאַכסטו? זי איז דאָך ניט דיין כלה. — פלעגט זיין שוועסטער ערנסט און נאַאיוו זאָגן.

— זי איז זייער שיין און זי געפעלט מיר, — פלעגט ער זיך פאַרטרויען פאַר דער שוועסטער, — און זי קען טאַקע אַ מאָל ווערן מיין כלה.

און ווען לוסי איז אַוועקגעפאָרן אין לאָנדאָן, האָט זיך זיין שוועסטער מיט אים גערייצט:

— זעסט, דיין כלה איז זי ניט געוואָרן.

— וואָס איז די איילעניש? — האָט ער איר געענטפערט. — ס׳איז דאָ גענוג צייט.

— עס זאָל אַ מאָל ניט ווערן צו שפעט... — האָט זי זיך געחכמעט.

די שוועסטער האָט לוסין האָלט געהאַט און זי פלעגט אים כסדר פרעגן וואָס לוסי שרייבט פון לאָנדאָן. ער פלעגט איר אָפּגעבן אויסגעטראַכטע גרוסן און זי האָט זיך געפרייט.

ווען סעם איז אָנגעקומען שפּעט צום עראָדראָם, איז לוסי מיט אירע על־טערן שוין געזוען אדורכגעגאַנגען דעם צאָלאַמט און געוואַרט מיט זייער געפּעק אין ארויסגאַנג־זאַל.

סעם איז אָנגעלאָפן אויף זיי. איז גלייך צוגעגאַנגען צו לוסין, איר געגעבן אַ האַנט און געפרעגט וואָס זי מאַכט. נאָך דעם האָט ער זיך באַגריסט מיט די אַנדערע, און מיטן יונגן־מאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט זיי און קיינער האָט אים ניט פאָרגעשטעלט.

ער האָט איר געפרעגט, ווי איז געווען די רייזע, און אירע עלטערן — וואָס זיי מאַכן.

ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט און אַנטשולדיגט פאַר אַ ווײַלע. אין דער־בייאיקן קיאָסק האָט ער געקויפט אַ בוקעט בלומען און עס צוגעטראָגן לוסין. זי האָט געדאַנקט.

— ס׳וועט מיר זיין אַ כבוד צו נעמען צו אייער הויז לוסין מיטן דזשענטל־מען, — האָט סעם געזאָגט צו אירע עלטערן, — טוט מיר דעם פאַרגעניגן.

— אָ, יע, — האָט לוסי ווי זיך דערמאָנט, — סעם, כ׳לאָד דיר איין אויף דער פאַרטיע, וואָס די עלטערן האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז. וועסט אונדז ברענ־גען און שוין בלייבן מיט אונדז.

— עס פרייט מיך זייער, לוסי, אַ גרויסן דאַנק!

— נעם זיי, סעם! — האָט דער פּאָטער פריינדלעך געזאָגט. — מיר וועלן זיך היינט מוזן באַגנוגן נאָר מיטן באַגאַזש...

3.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען איז דאָס גאַנצע הויז געווען באַלויכטן. פּאַרפּוצטע קרובים און פריינד זיינען זיי געקומען אַנטקעגן. מ׳האָט זיך געקושט און צוגעווונטשן. יעדע ווילע זיינען אָנגעקומען נייע געסט. ס׳האָט אויסגעזען אז אין די זאַלן וועט אַ גרויסע שימחה פאָרקומען.

ער האָט זיך עפּעס געפילט ניט באַקוועם אין דער יום־טובדיקייט און געזאָגט לוסין, אז ער וועט שנעל צופאָרן אַהיים אָנטאָן אַ קאָסטיום. נאָר לוסי האָט אים געזאָגט, אז ער קוקט אויס גוט ווי ער איז און דאָס האָט אים באַפרידיקט. אים האָט אָבער ניט צורו געלאָזן דער געדאַנק, ווער איר באַגלייטער איז, נאָר פרעגן האָט אים ניט געפּאַסט. זי האָט זיך אַנטשולדיקט און איז אוועק צו זיך אין צימער. די טישן זיינען געווען געדעקט מיט כל־טוב. דערווייל האָבן די געסט געטרונקען קאָקטיילס.

אז לוסי איז צוריק אריין אין הויפּטזאַל, איז איר ניט געווען צו דערקענען. אויב אַ מלאך איז שיין, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מלאך. אויף אירע שוואַרצע האָר איז געווען אָנגעטאָן אַ בלישטשענדיקע קרוין, וואָס האָט נאָך מער צאַרט געמאַכט איר פּנים. אַ בלוי־סאַמעטענע קלייד האָט אונטערשטראָכן די שלאַנקע פאָרמען פון איר פיגור. אירע בלוי־זיידענע פּאַנטאָפעלעך זיינען געווען אויסגעזעצט מיט ווייסע פּערל. סעם האָט איר אָנגעקוקט און איז איר געגאַנגען אַנטקעגן מיט אַ פּאַרטיקן קאָמפּלימענט:

— לוסי, ביסט די שענסטע מיידל אויף דער ערד! — האָט סעם אָנגענומען אידל איר האַנט.

— אַ דאַנק, סעם. אָבער...

— אָבער... — האָט איר סעם איבערגעריסן. — אָבער לאָז מיר זאָגן עפּעס: איך האָב דיר ליב פון ערשטן טאָג זינט איך קען דיר. נאָך אין שול האָב איך דיר ליב געהאַט. איצט וויל איך דיר מאַכן אַ דערקלערונג: איך וויל מיט דיר חתונה האָבן!

— איך האָב שוין אַ חתן, סעם. האָסט אונדזביידן געבראַכט אין דיין אויטאָמאָביל אַהער. איך באַדויער זייער, סעם, אָבער ס׳איז צו שפּעט.

— אָבער... — איז סעם בלאַס געוואָרן און פֿאַר די אויגן האָבן געשווינדלט אַלע קאָלירן.

— איצט לאָז מיר פֿאַרענטפֿערן דעם אָבער... — האָט זי איבערגעריסן. — פֿאַר וואָס האָסטו עס מיר ניט געזאָגט איידער כ׳בין אַוועקגעפֿאָרן, און נאָכדעם האָסטו אויפֿגעהערט אין גאַנצן שרייבן.

— איך האָב זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ קליין נאַריש ייִנגל, לוסי. אָבער כ׳האָב דיר ליב.

— איך האָב דיר אויך ליב געהאַט, נאָר היינט איז שוין צו שפּעט. זעסט די פּאַרטיע — דאָס איז פֿאַר מיר מיט מיין חתן. מיר זיינען געקומען זיך דורכ־ריידן מיט מיינע עלטערן און באַשטימען די צייט פֿאַר אונדזער חתונה. דאָס איז היינט אַ מין ניט אָפֿיציעלע פֿאַרקנסונג.

— איך בין אַן אידיאָט! — האָט סעם געזאָגט, און געפֿילט פֿאַראַכטונג צו זיך אַליין.

— ביסט ניט קיין אידיאָט, סעם, — האָט זי געזאָגט מיט מיטלייד, — נאָר האָסט ניט געהאַנדלט ווי אַ מאַן. איך האָב די ערשטע יאָרן אין לאָנדאָן גע־טראַכט פֿון דיר, נאָר איך האָב ניט געוווּסט צי דו טראַכסט פֿון מיר. איך האָב געוואַרט אויף אַ בריוו און זיך ניט דערוואַרט. דערווייל האָב איך זיך באַקאַנט ביי מיינע נייע פֿריינד מיט לואי הימלשטיין, אַזוי הייסט מיין חתן. ער איז אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט. ווי ער האָט מיר דערזען האָט ער זיך פֿאַרליבט אין מיר. ער איז טאַקע מיט צען יאָר עלטער פֿון מיר, נאָר מיר געפֿעלט עס גראָדע. אַ מאַן דאַרף זיין עלטער. ער האָט מער דערפֿאַרונג און איז מער פֿאַראַנטוואָרט־לעך. לואי איז גוט איינגעאָרדנט און האָט אַ גרויסן נאָמען אין לאָנדאָן.

— זייער פֿיין... — האָט סעם געזאָגט אומגעדולדיק און זי האָט ארויסגע־פֿילט פֿאַרדרוס אין זיין קול.

סעמען האָט פֿאַרדראָסן, וואָס לוסי דערציילט אים מיט אַלע פּרטים וועגן איר חתן. ער האָט געפֿילט, אַז זי וויל זיך באַרימען פֿאַר אים. זי האָט אַ סך גערעדט צו אים, אָבער ניט אַלץ האָט ער איצט געהערט. פֿון גאַנצן פּלאָנטער רייד האָט ער ארויסגעקראָגן, אַז צוויי יאָר זיינען זיי ארומגעגאַנגען; אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט ער איר פֿאָרגעלייגט אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבן און אַז ער איז זייער אַן איידעלער און וועט איר טראָגן אויף די הענט.

סעם האָט געפֿילט אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן:

— נו, זאָלסט האָבן אַ סך מזל, לוסי! ס׳איז אין גאַנצן מיין שולד!

— האָסט געדאַרפֿט זאָגן אַז איך געפֿעל דיר, — האָט לוסי געזאָגט קאָ־קעטיש.

— ס׳איז מסתמא אזוי באַשערט! — האָט סעם געזאָגט, ווי ער וואָלט אָנ־גענומען זיין שיקזאַל.

די גאַנצע צייט וואָס לוסי און סעם האָבן זיך אונטערהאַלטן, האָט דער חתן גערעדט מיט לוסיס פאָטער. מ׳האָט געקענט זען אז זיי זיינען ביידע פאַרטיפט אין שמועס און זיי אינטערעסירט ניט וואָס אין זאַל קומט פאָר.

די טאַנצמוזיק האָט שוין געשפּילט אַ לענגערע צייט. פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אויפן טאַנצדיל. סעם האָט איינגעלאַדן לוסין צו טאַנצן. סעם האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גוטן טענצער. זיי האָבן געטאַנצט צוגעטוליעט איינע צום אַנדערן. ביים אויסגאַנג פון אַ טאַנץ האָט סעם זיך פאַרנייגט און אַ קוש געטאָן לוסין אין באַק. אין דעם מאָמענט האָט דער חתן זיך גראָדע אומגעדרייט, אַ קוק צו טאָן אויף די טאַנצנדיקע פאַרלעך, און האָט עס באַמערקט. ער איז רויט גע־וואָרן פאַר באַליידיקונג און די אייפערזוכט האָט אים אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ:

— ווער איז דאָס דער בחור וואָס טאַנצט די גאַנצע צייט מיט לוסין? — האָט ער געפרעגט ביי איר פאָטער און זיך באַמיט צו צוימען זיין כעס.

— אַ, דאָס איז סעם, וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט היינט אָוונט.

— איז וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט לוסין, אז ער קושט איר אזוי עפנטלעך, — האָט לואי הימלשטיין זיך באַמיט אָנצונעמען אַ גוטמוטיקן טאָן, ווי ס׳וואָלט אים גאָר ניט געאַרט. — איר פאַרשטייט, מיר ריידן דאָ וועגן אַ חתונה, און דאַרט קושט מען זיך.

— דאָס איז אין גאַנצן אומשולדיק! — האָט דער פאָטער געזאָגט. — זיי קענען זיך פון די ערשטע קלאַסן. זיי זיינען ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. פונקט ווי זי קען זיך קושן מיט אים, אזוי גוט קען זי אים אויך אַרויסוואַרפן.

די לעצטע ווערטער האָבן באַרואיקט דעם חתן, כאָטש אים איז נאָך אַלץ ניט געפעלן געווען וואָס מ׳האָט זיך אזוי צעקושט אין מיטן דערינען. ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

—אָבער זיי זיינען דאָך ניט אַ ברודער מיט אַ שוועסטער — און דאָס איז די צרה...

דער פאָטער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן אויף דעם וויץ.

לואי איז צוגעגאַנגען צו לוסין און איר געזאָגט, אז זי מוז זיין מיד פון טאַנצן, וואָלט גוט זיין זי זאָל זיך אַ ביסל צוזעצן. אָפּרוען...

לוסי האָט פאַרשטאַנען דעם אָנווונק און זי האָט ווי פאַרשולדיקט אַ קוש געטאָן איר חתן.

— סעם איז מיין פריינד פון קינדוויז אָן! — האָט זי געמאָלדן איר חתן.

— מיר וועלן זיך שוין מסתמא מער אזוי גיך ניט זען. יעדער גייט דאָך זיין וועג...

— איך האָף, סעם, אז דו וועסט קריגן אַ פּאַסיקע פריינדין און זיין באַגליקט! — האָט זי געזאָגט, זיך אויסגעדרייט און אים געלאָזן שטיין. זי איז אַוועק, געאָרעמט מיט לואי הימלשטיין. און סעם האָט ווי צו זיך איבערגעחזרט: — איך האָף...

און ווען ער איז געזעסן אין אויטאָמאָביל און געפאָרן אַהיים, האָט ער צו זיך געזאָגט — סעם, קומסט אומעטום צו שפעט!..

מ י ר ע ל ע

.1

מירעלע האָט געעפֿנט די טיר און געבליבן שטיין קעגנאיבער דעם פֿרעמדן מאַן, וואָס האָט איר אַ רגע אָנגעקוקט און פּלוצלינג געפֿרעגט:

— דו ביסט דאָך די קליינע מירעלע, האַ?

— איך בין מירעלע, אָבער שוין מער ניט די קליינע, איך בין שוין אַכצן יאָר.

שוין אַוועק זעכצן יאָר! האָט דער מאַן געטראַכט. ער האָט זי געקענט ווען זי איז געווען צוויי יאָר אַלט. מסתמא דערפֿאַר האָט זיך ביי אים ארויסגעכאַפּט די קליינע מירעלע.

— וואָס, איר האָט מיר געקענט? — האָט מירעלע פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט דעם מאַן.

— יע, כ׳געדענק דיר ווען דו ביסט געווען אַ קליינינקע, צוויי יאָר אַלט.

מירעלע האָט מיט אַ מאָל פֿאַרגעסן, אז דער מאַן איז איר אין גאַנצן פֿרעמד און האָט אָנגעהויבן אים דערציילן, ווי אזוי קלייבנדיק זיך אין דער דירה, זיינען פֿאַרלאָרן געוואָרן אַ סך זאַכן, און צווישן זיי אַן איינציקע פֿאָטאָגראַפֿיע אירע, ווען זי איז קליין געווען. — דאָס פֿאַרדריסט מיך שטאַרק — די פֿאָטאָגראַפֿיע, — האָט זי זיך באַקלאָגט.

— און דיין שוועסטער, כאַסעס בילד? — האָט דער מאַן געפֿרעגט, ווייל ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט אריבערצוגיין צו דער זאַך, וואָס האָט אים אינטערעסירט.

— די מאַמע האָט אַ בילד, נאָר זי האַלט עס פֿאַרשלאָסן. עפּעס אַ גאַנצע מעשה...

— און וואָס טוט כאַסע? — האָט דער מאַן געפֿרעגט בייגעריק.

איצט איז איר איינגעפֿאַלן צו פֿרעגן דעם מאַן ווער ער איז, נאָר פֿון דער־בייאיקן צימער איז דערגאַנגען דער מאַמעס קול:

— מירעלע, מיט וועמען רעדסטו עס? ווער איז דאָרט אריין?

— עפּעס אַ מאַן, ער פרעגט זיך נאָך אויף כאַסען. זאָל איך אים געבן איר אַדרעס?

— איך וויל ריידן מיט דיין מאַמען, — האָט דער מאַן האַסטיק אריינגערעדט.

— ער וויל ריידן מיט דיר, מאַמע.

— ווי איז זיין נאָמען? — האָט די מאַמע אריינגעשריען פון צווייטן צימער.

— כ׳ווייס ניט, כ׳האָב אים ניט געפרעגט.

— נו, גוט, מירעלע, בעט אים וואַרטן, איך גיי שוין אריין.

— קומט אריין, זעצט זיך, — האָט מירעלע אריינגעבעטן דעם פרעמדן מאַן.

אין אַ ווײַלע ארום איז מירעלעס מוטער אריינגעגאַנגען און נערוועז געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, איך האָב איך געלאָזן וואַרטן. איר קומט מיר פּאָר באַקאַנט...

— און אייך האָב איך אויך גלייך דערקענט, פרוי שאַפּיראָ, איר האָט זיך ווייניק געביטן. און מיין נאָמען איז גרישאַ קאַגאַן — אַ קוזין פון אייער כאַסעס מאַן.

— איר ווייסט דאָך מסתמא, אז כאַסעס מאַן איז אומגעקומען.

— איך האָב געהערט דערפון, — האָט דער פרעמדער געזאָגט.

— איר ווייסט, מ״ר קאַגאַן, — האָט זי געזאָגט, — ווי נאָר כ׳האָב אייך דאָ דערזען, האָב איך געמיינט אז איר זייט מיין געוועזענער אידעם, און ס׳האַרץ האָט מיר שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן. ווען איך ווייס ניט אז ער איז טויט, וואָלט איך געמיינט אז אַ נס האָט פּאַסירט און ער איז צוריק געקומען.

— ס׳קענען אַ מאָל אויך אַזעלכע ניסים פּאַסירן... — האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— איר זייט טאַקע ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו אים, אפילו די שטי־מע, דוכט מיר, איז די זעלבע, נאָר איר זייט אַ סך עלטער און אזוי באַוואַקסן, אַניט...

— ס׳איז קיין וווּנדער ניט, מיר זיינען דאָך נאָענטע קרובים, ערשטע קוזינס, איז מען ענלעך. כ׳וואָלט טאַקע וועלן ווייסן, וווּ כאַסע איז? און איר זונעלע, ליאָווּאַ?

— כאַסע איז איצט אין איר געשעפט. און איר זון איז שוין אַ גרויסער בחור. ער איז זייער אַ פּעאיקער, מיט אַ גוטן קאָפּ — ער ענדיקט אין גיכן אויף דאָקטער.

— זאָגט מיר, פרוי שאַפּיראָ, כאַסע האָט אליין אַ געשעפט? — האָט מ״ר קאַגאַן געפרעגט.

— וואָס מיינט איר אַליין? זי האָט חתונה געהאַט און אַרבעט צוזאַמען מיט איר מאַן. שוין זעקס יאָר ווי זי האָט חתונה געהאַט און זיי האָבן אַ מיידעלע פון פינף יאָר — איר נאָמען איז לוסי. שיין און קלוג ווי די גאַנצע וועלט.

ווי אַ קוזין פון איר כאַסעס מאַן, האָט זי אים געוואָלט אַלץ דערציילן, נאָר ביי די לעצטע ווערטער האָט זי געזען ווי ער ווערט בלאַס און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן שטול.

— וואָס איז מיט אייך, מיסטער קאַגאַן? — האָט זי געפרעגט מיט מיט־לייד. — טוט אייך עפּעס וויי? מירעלע, דערלאַנג אַ גלאָז וואַסער.

— אָ, באַמיט זיך ניט. ס׳קומט ביי מיר פון מידקייט. אָט איז עס שוין אַוועק.

— מירעלע, מאַך אַ גלאָז טיי פאַר מ״ר קאַגאַן. איר ווילט זיך אפשר צושפּאַרן?

— ניין, ניין, פרוי שאַפּירא. דערציילט מיר ווייטער, אַלץ. מיך אינטע־רעסירט עס.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן, מ״ר קאַגאַן? ס׳איז טרויעריק פאַר אַ פרוי, אַז זי מוז זיצן לאַנגע יאָרן אַליין. זי פלעגט אַלץ וואַרטן אויף בריוו פון איר מאַן. אַלע האָבן צו איר געטענהט, אַז דיין מאַן וואָלט געלעבט וואָלט ער זיכער צו דיר געשריבן. און זי האָט אַנשטאָט עסן און שלאָפן געשלונגען פילן, געוואָרן דין ווי אַ שטעקן. מיר האָבן געזען, אַז זי וועט לאַנג אַזוי ניט אָנהאַלטן, האָבן מיר איר אָנגעהויבן איינריידן זי זאָל גיין אַרבעטן. ס׳וועט זיין בעסער, זאָל זי זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ איר סאַשאַן. אַזוי פיל יאָרן נאָך דער מלחמה, איז שוין מער קיין האָפענונג ניטאָ.

און כאַסע האָט אַלץ געזאָגט, וואָס זי פילט קען איר קיינער ניט פאַרשטיין און גלייבן, — ווייל אויב ער לעבט אפילו ניט, לעבט ער ביי איר אין האַרצן. און דאָרטן ווו זי האָט געאַרבעט, האָט אויך געאַרבעט איר איצטיקער מאַן, וואָס איז געווען געקומען פון פּוילן, ווו ער האָט אַלע זייניקע פאַרלאָרן. כאַסע איז ארומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטע. זי איז שוין געווען צו שטאַרק מיד פון די אַלע יאָרן, וואָס זי איז ארומגעלאָפן אין אַלע אַגענטורן און אין רויטן קרייץ, זוכן איר מאַן נאָך דעם ווי זי האָט אויפגעהערט קריגן פון אים בריוו. און דאָ האָט זיך פאַרליבט אין איר דער פּוילישער, וואָס האָט געזאָגט אז ער האָט נאָך אַזא איידלקייט און שטילקייט ווי כאַסעס ניט געזען ביי קיין פרוי. ער האָט גע־וואָלט ארויסגיין מיט איר אין אַ קינאָ, אַ רעסטאָראַן, אָבער זי האָט אפילו ניט געוואָלט הערן דערפון.

מירעלע האָט אריינגעטראָגן אַ טאַץ מיט טיי און ארויפגעשטעלט אויפן טיש. איצט איז מ״ר קאַגאַן געזעסן קעגן פרוי שאַפּיראָ, ביידע האָבן געטרונקען.

— איך פאַרדריי אייך אַ קאָפּ מיט מיינע מעשיות, — האָט פרוי שאַפּיראָ געזאָגט.

— אדרבא, כ׳וויל עס זייער הערן. ער איז דאָך געווען מיין קוזין.

— נו, טאָ הערט, מ״ר קאַגאַן. דער מאַן איז איר נאָכגעלאָפן, ער איז משוגע געוואָרן פאַר איר. ביז איין טאָג האָט ער איין ביוראָ געגומען איר אַדרעס און איז געקומען ריידן צו אונדז — צו מיר מיט איר זון, מיט ליאָוואַן. ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון הארצן פאַר אונדז: וואָס די ערד דעקט צו מוז פאַרגעסן ווערן. ער קען ניט צוריק ברענגען זיין פרוי און קינדער, וואָס די דייטשן האָבן אומגעבראַכט, און כאָטש קען ניט צוריק לעבעדיק מאַכן איר מאַן, וואָס איז געפאַלן אין מלחמה. ער איז געווען אַ פיין געבויטער מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, און גערעדט שטיל און שיין. ער האָט אונדז גלייך איבערצייגט אין זיינע רייד. איך האָב גערעדט מיט כאַסען, אָבער ס׳האָט גאָר ניט געהאָלפן. כ׳האָב איר געזאָגט: וואָס וועסטו זיצן אליין, ער וועט זיין אַ מאַן פאַר דיר און אַ טאַטע פאַר דיין זון. אזוי לאַנג ביז ליאָוואַ אליין האָט צו איר געזאָגט, אז זיידל מאַנדעלמאַן, דער פּוילישער, געפעלט אים און ער וויל די מאַמע זאָל שטעלן אַ חופה — וועט זי ניט זיין מער עלנט, און ער וועט האָבן אַ טאַטן. דעמאָלט ערשט האָט זי איינגעשטימט. נאָר צו מיר איז זי געקומען מיט טרערן אין די אויגן: — מאַמע, און ווי אז סאַשאַ קומט צוריק? ווי אז ער לעבט גאָר? — נאַרישקייטן, מיין קינד, האָב איך געזאָגט. און אפילו עס זאָל אזא זאַך פּאַסירן, וועסטו זיידלען אָפּגטן און אַ סוף. — מאַמע, מיט דעם איין תנאי האָב איך חתונה מיט אים, האָט זי מיר געזאָגט. — דאַרף איך מיט אים וועגן דעם ריידן, מאַמע? — האָט זי מיר געפרעגט. — ניין, ס׳איז גענוג אז דו פאַרטרויסט זיך פאַר מיר. און זי האָט חופה געהאַט. איך בין געווען דער איינציקער עדות און געזען ווי טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן אונטער דער חופה. און זיידל, איר מאַן, האָט מיר אויסגעזען צו זיין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. ער רופט איר אַלץ „מיין טייערע״ און ניטאָ אַ זאַך, וואָס זאָל אים זיין צו שווער צו טאָן פאַר איר. זיינען זיי ביידע גלייך אַוועק פון זייערע שטעלעס און ער האָט געעפנט אַ קליינעם געשעפט פאַר זיך. זי העלפט אים אונטער און זיי לעבן באַשיידן און צופרידן.

ביי מ״ר קאַגאַן איז פלוצלינג ארויסגעפאַלן די גלאָז פון האַנט און צעבראָכן געוואָרן.

— וואָס האָט פּאַסירט, מ״ר קאַגאַן? — איז פרוי שאַפּיראָ אויפגעשפּרונגען

אַ דערשראָקענע. מירעלע איז געשטאַנען לעבן איר און זיך געטרייסלט. ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

— אַנטשולדיקט, פרוי שאַפּיראָ. — האָט מ״ר קאַגאַן ארויסגעשטאַמלט. — די האַנט איז מיר פּלוצלינג שוואַך געוואָרן. דאָס קומט פון מידקייט. אַנט־שולדיקט.

— אפשר שיקן מירעלען רופן דעם דאָקטער? — האָט זי געפרעגט.

— אָ, ניין, מ׳דאַרף קיין דאָקטער ניט. — האָט ער געזאָגט.

— פילט איר זיך בעסער? — האָט זי געפרעגט.

— איך וועל זיך שוין קיין מאָל בעסער ניט פילן. — האָט ער טרויעריק געזאָגט.

— פאַר וואָס רעדט איר אזוי?

— ווייל כאַסע איז מיין פרוי. איך בין סאַשאַ! — האָט ער אויסגערופן.

מער האָט מען ניט געדאַרפט: פרוי שאַפּיראָ האָט ארויסגעלאָזן אַ געשריי און געפאַלן אין חלשות. מירעלע האָט געבראַכט וואַסער און זי מיט סאַשאַן האָבן איר אָפּגעמינטערט. איצט האָט מירעלע פאַרשטאַנען דעם גאַנצן פּלאָנ־טער: ווען זי איז געווען אַ פּיצל קינד האָט איר עלטערע שוועסטער חתונה גע־האָט מיט סאַשאַן. אַ קורצע צייט נאָך דעם איז ער אַוועק אויף מלחמה מיט די דייטשן. מירעלע האָט אים ניט געקענט, אָבער כאַסעס זון, ליאָווא, וואָס איז נאָך דעם געבאָרן געוואָרן, האָט ניט געקענט זיין טאַטן. זיי האָבן געוווסט אז איצט איז כאַסעס מאַן זיידל און זיי לעבן גליקלעך, כאָטש פון צייט צו צייט, ווען כאַסע דערמאָנט זיך אָן סאַשאַן, באַפאַלט איר אַ שרעקלעכער אומעט און ס׳דויערט שעהען און אַ מאָל טעג, צי מער, ביז זי קומט צו זיך.

— וואָס וועט איצטער זיין, סאַשאַ? און ווו ביסטו געווען די גאַנצע צייט?

— האָט פרוי שאַפּיראָ געפרעגט און געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט ניט גע־גלייבט אז דאָס איז טאַקע דער זעלבער סאַשאַ, כאַסעס מאַן, וואָס האָט זיך צוריק אָפּגעפונען.

2.

ס׳האָט געדויערט אַ ביסל ביז סאַשאַ האָט זיך באַרואיקט. מירעלע האָט דערווייל אָפּגערואַמט פון טיש די צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז און געבראַכט אַנדערע טיי.

איצט האָט סאַשאַ דערציילט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער איז פאַר־וווּנדעט געוואָרן בעת אַן אַנגריף אויף די דייטשע פּאָזיציעס אויפן גרענעץ פון

איטאַליע. אַ שראַפּנעל האָט אים געטראָפן אין מוח און ער איז געלעגן באַוווסט־לאָז. די דייטשן האָבן מסתמא געמיינט אַז ער איז טויט און האָבן אים אין גע־פאַנגענשאַפט ניט גענומען. נאָך דעם, ווען זיי זיינען אָפּגעטראָטן האָט מען אים אוועקגענומען אין מיליטערישן שפּיטאָל, נאָר ער האָט ביי זיך קיין דאָקומענטן ניט געהאַט, טאָמער פאַלט ער אריין צו די דייטשן. האָט מען ניט געוווּסט ווער ער איז. ווען ער איז אַ לאַנגע צייט שפּעטער געקומען צום באַוווסטזיין, האָט ער קיין זאַך ניט געדענקט. ער האָט אין גאַנצן פאַרלאָרן דעם זכרון און אפילו ניט געוווּסט פון וואו ער קומט, ווער ער איז און ווי זיין נאָמען איז. נאָך דעם, אַז דער שפּיטאָל האָט געמוזט אָפּטרעטן הינטערן פראָנט, האָט מען אים אריי־בערגעפירט אין אַ פּריוואַטן שפּיטאָל אין אַן איטאַליענישער שטאָט און מ׳האָט אָן אים אין גאַנצן פאַרגעסן. יאָרן זיינען אזוי אַוועק. ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך דער מלחמה. ער פלעגט ארומגיין אין דער געביידע פון שפּיטאָל, אָבער מ׳האָט אים געהיט און ניט ארויסגעלאָזן אין דרויסן. מ׳האָט געשריבן און גע־זוכט אומעטום, ווער עס קען אים, אָבער אָן רעזולטאַטן. ביז איין מאָל האָט פאַרבלאָנדזשעט, דורך אַ צופאַל, אין שפּיטאָל, אַ מאַן, וואָס ער איז מיט אים געווען באַפריינדט אין דער אַרמיי, און ער האָט אים דערקענט. און ווי נאָר יע־נער האָט ארויסגערעדט צו אים זיין נאָמען, האָט ער זיך דערמאָנט אַז אזוי הייסט ער טאַקע. ער האָט זיך דערפרייט און די דאָקטוירים האָבן אָנגעהויבן ריידן מיט אים, געבעטן אים זיך דערמאָנען, דער מאַן האָט געהאָלפן מיט אַלץ וואָס ער האָט געדענקט. דאָס איז געווען מיט אַ יאָר צוריק. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן אַלץ דערמאָנען און די גרעסטע פּראָפעסאָרן זיינען געקומען אים היילן. צום סוף, אַז ער איז געקומען צום פאַרשטאַנד און מ׳האָט צונויפגע־שטעלט אַ בילד פון זיין לעבן, האָט דער פריינד געקראָגן פאַר אים אַרבעט אין שטאָט און ער האָט ניט שלעכט פאַרדינט. ער האָט אָנגעהויבן אים העלפן זוכן זיין פרוי און קינד, אָבער אזוי ווי ער האָט ניט געדענקט דעם ריכטיקן אַדרעס, און דערצו האָבן זיי זיך אריבערגעקליבן אין אַן אַנדער שטאָט, זיינען אַלע בריוו געקומען צוריק. אַז ער האָט אָנגעקליבן אַ ביסל געלט, האָט ער באַשלאָסן אליין צו פאָרן אויפזוכן זיי. מיט שוועריקייטן האָט ער זיך געשלעפּט פון שטאָט צו שטאָט, פון גאַס צו גאַס, ביז ער האָט געפונען זייער אַדרעס.

פרוי שאַפּיראָ האָט זיך דערמאָנט ווי זי האָט צוגעזאָגט איר טאָכטער, אַז טאָמער וועט סאַשאַ צוריקקומען, וועט זי געבן איר מאַן אַ גט. זי איז געווען פאַרצווייפלט.

— איז וואָס זאָל מען איצט טאָן? — האָט זי גערעדט ווי ניט צו קיינעם.

— ווי קען איך זען מיין זונעלע? און כאַסען? — האָט סאַשאַ געפרעגט.

— וואַרט צו אַ ווײַלע. לאָז מיר אָפּכאַפּן דעם אָטעם און כ׳וועל איר טעלעפאָנירן.

אַז זי האָט איר טעלעפאָנירט און געזאָגט, אַז אַ קוזין פון סאַשאַן האָט צו זיי פאַרבלאָנדזשעט, אַ מיסטער גרישאַ קאַגאַן, האָט זיך כאַסע אָנגעכאַפּט אָן דעם. און כאָטש ס׳איז אַ שטיק וועג און זיידל איז גראָדע ארויס, וועט זי גלייך צופאָרן, ווי נאָר ער קומט אריין.

דערווייל האָט זיך די שטימונג געבעסערט און סאַשאַ האָט אָנגעהויבן זיך אויספרעגן ביי פרוי שאַפּיראָ פאַרשיידענע זאַכן. ער האָט אַ שטייגער געוואָלט וויסן ווי דער מאַן פון כאַסען באַציט זיך צו זייער זון, צו ליאָוואַן?

— זייער גוט, סאַשאַ, ניט ערגער ווי צו זייער טעכטערל. און כאָטש בייביידע קינדער איז אַ גרויסער אונטערשייד אין יאָרן, זעען זיי אָבער אויס ווי אַ צווילינג, אין אויסזען, מ׳דערקענט גלייך אַז זיי זיינען געראָטן אין דער מאַמען — שיינע!

אַ קאָמישע זאַך: — האָט זיך מירעלע ארייַנגעמישט — איך גיי אָפּט ארויס מיט ליאָוואַן, און מיר זיינען ביידע כמעט אין איין עלטער — אַ טאַנטע מיט אַ פּלימעניק. איז עס ניט צום לאַכן? — האָט זי זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט.

— הער אויף, ס׳איז מיר ניט אויפן האַרצן איצטער צום לאַכן, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— און ווי גייט כאַסען? זי איז צופרידן, הער איך. — האָט סאַשאַ געזאָגט.

— זיידל האַלט איר גוט. ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן פאַר איר, עס זאָל איר חלילה עפּעס ניט פאַלן צו שווער. ער פאַרלויפט איר אַלע וועגן. — האָט זי געלויבט איר מאַן.

— איר ווייסט וואָס? — האָט זיך סאַשאַ אויפגעהויבן, — כ׳וועל גאָר גיין. כ׳וויל איר ניט צעשטערן דעם גוטן לעבן.

— מיטן אַוועקגיין אין מלחמה האָסטו עס שוין סיי ווי צעשטערט.

— כ׳האָב זיך ניט געקענט העלפן, מ׳האָט געמוזט! ס׳איז געווען אַ מלחמה פאַר יידן. און אַז מ׳האָט גערופן איז מען געגאַנגען. איר וועט זאָגן אַז דער קוזין האָט זיך געאיילט און געמוזט אוועקגיין... — און ער האָט געמאַכט אַ טריט צו דער טיר.

אָבער ווי נאָר ער האָט ארויפגעלייגט די האַנט אויף דער קליאַמקע, איז כאַסע אריין. און ווי נאָר זי האָט אים דערזען האָט זי אוועקגעחלשט, און מ׳האָט בשום־אופן איר ניט געקענט דערמינטערן. זיי האָבן איר ארייַנגעלייגט אין בעט און ארויסגערופן דעם דאָקטער.

אז דער דאָקטער איז אַרויס פון איר צימער, האָט ער געזאָגט אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער באַוווסטלאָזיקייט. ער האָט איר געגעבן אַ שטאַרקן איינשפּריץ. אַז זי וועט זיך אויפכאַפּן אין עטלעכע שעה אַרום, וועט זי מסתמא קיין זאַך ניט געדענקען.

— זי האָט קענטיק איבערגעלעבט אַ צו גרויסן שרעק־פּאַסירונג — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — נאָר זאָרגט זיך ניט, די הייַנטיקע מעדיצין העלפט עס איבערצוקומען.

3.

מירעלע איז אַריין צו זיצן ביי כאַסען ביז זי וועט זיך איבערוועקן. נאָך אַ לאַנגע צייט זיצן האָט מירעלע געהערט ווי כאַסע מורמלט עפּעס און זי ווערט אומרואיק. איצט האָט זי געהערט די ווערטער דייטלעך: — סאַשאַ... ביסט צו שפּעט געקומען... דער דאָקטער פאַרשטייט אַ קרענק... האָט מירעלע שטי־פעריש געטראַכט. אָט געדענקט זי דאָך יע, אפילו אין חלום. און זי איז אַרויס אין דער שטיל און דערציילט דער מאַמען און סאַשאַן וואָס כאַסען חלומט זיך...

— הער זיך איין, מירעלע, זאָג קיין מאָל ניט דיין שוועסטער, אַז איך בין סאַשאַ. זי וועט עס זיכער פאַרגעסן. דער דאָקטער ווייס וואָס ער זאָגט. זאָג איר אַזוי: אַז דאָ איז געקומען פון אויסטראַליע, געשעפטלעך, גרישאַ קאַגאַן, אַ קוזין פון סאַשאַן. מיט יאָרן צוריק, נאָר פאַר דער מלחמה, איז ער דאָ געווען צו באַזוך און גראָדע זייט איר געווען אַרויסגעפאָרן אויף אורלויב, און ער האָט אייך ניט געפונען דעמאָלט. מסתמא וועט זי זיך דערמאָנען אינעם באַזוך און וועט פאַרגעסן וועגן הייַנטיקן. זאָג איר אַז כ׳האָב געמוזט אָפּפאָרן, אַניט וואָלט איך פאַרשפּעטיקט דעם עראָפּלאַן. גיב איר דעם גרוס און זאָג איר, אַז איך האָב צוגעזאָגט צו שרייבן. ער האָט אַ קוש געטאָן מירעלען און זי איז אַריין צוריק צו כאַסען, וואָס איז ווידער געוואָרן אומרואיק.

— כ׳וועל גיין! — האָט ער גערעדט צו פרוי שאַפּיראָ. — כ׳וויל ניט שטערן כאַסען אין איר גליק. און מיין זון געדענקט דאָך מיר סיי ווי סיי ניט. כ׳וועל שרייבן — און אפשר אַ מאָל באַהאַלטענערהייט אַהער פאַרבלאָנדזשען...

ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין און געטראַכט, און ווי ער וואָלט זיך פּלוצ־לינג אָן עפּעס דערמאָנט האָט ער שטיל געפרעגט:

— און וווּ איז ער?.. דער... אייער מאַן?..

— שוין עטלעכע יאָר אַז איך בין אַליין. ער איז אַוועק, פון האַרצוויטיק.

ער האָט מער ניט געקענט אריבערטראָגן כאַסעס עלנט און אירעליידן. ער האָט געהאָלפן דיך זוכן.

— אַ גוטער מענטש געווען... — האָט סאַשאַ טרויעריק געזאָגט. ער האָט ארומגענומען פּרוי שאַפּירא. מיט טרערן האָבן זיך ביידע צעקושט. און ער האָט פאַרמאַכט אויף שטענדיק די טיר.

*

ווען כאַסע האָט געעפנט די אויגן, איז מירעלע געזעסן לעבן איר בעט. אין דער שטילקייט פון צימער איז מירעלע איינגעדרעמלט. פּלוצלינג האָט זי געהערט אַ קול:

— ווו איז סאַשאַ? — האָט כאַסע געפרעגט, ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ חלום.

מירעלע האָט זי אַ טרייסל געטאָן און שאַרף געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ סאַשאַ? דיר חלומט זיך מסתמא עפּעס, האַ?

— סאַשאַ איז דאָך דאָ געווען, מיין געוועזענער מאַן? — האָט זי געפּרווט אויסגעפינען.

— אַ, דער... מיסטער קאַגאַן? ער האָט טאַקע געפרעגט אויף סאַשאַן, ער איז זיינער אַ קוזין. ער האָט אונדז קוים געפונען, האָט ער געזאָגט. געקומען פון אויסטראַליע... און זי האָט כאַסען דערציילט די געשיכטע, פּונקט אזוי ווי סאַשאַ האָט איר געהייסן.

די מאַמע איז אריין און כאַסע האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט:

— וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר, מאַמע?

— גאָר ניט, ביסט אַ ביסל שוואַך געוואָרן. נו, וועסט זיין געזונט, — איז זי צוגעגאַנגען און איר אַ קוש געטאָן אין באַק.

— דאָ איז געווען גרישאַ קאַגאַן, פון אויסטראַליע. פאַר דער מלחמה איז ער שוין דאָ געווען אויף באַזוך און אייך ניט געפונען. ער האָט געמוזט אָפּפּליען.

איצטער איז שוין כאַסע געווען זיכער אַז זי האָט אַ טעות געמאַכט.

— און סאַשאַ האָט אים אויך קיין מאָל ניט געשריבן? זיי פלעגן זיך דאָך אַמאָל איבערשרייבן.

— יע, ער זאָגט אַז ער האָט געהאַט נאָר איין בריוו, אָנהייב פון מלחמה. ער איז, זאָגט ער, איבערצייגט אַז סאַשאַ לעבט שוין ניט מער...

כאַסע האָט אַראָפּגעלאָזט די פיס אויפן דיל און געזאָגט:

— איך וואָלט קיין מאָל ניט אונטערשיידט סאַשאַן פון גרישאַן, אזוי ווי

איין מענטש זעען זיי אויס. — האָט כאַסע אָנגעטאָן אירע שיך און אויסגעגלייכט די קליידער.

—און איך האָב זיך דערשראָקן ניט ווייניקער פון דיר, ווען כ׳האָב אים דערזען, — האָט די מאַמע געזאָגט.

מירעלע האָט אריינגעטראָגן טיי פאַר אַלע דריי און אוועקגעשטעלט אויפן טיש.

כאַסע האָט זיך באַרואיקט און מירעלע איז איר געגאַנגען באַגלייטן אַ היים.

אויף מאָרגן האָט זי שוין גאָר ניט געדענקט און דאָס לעבן איז ווייטער גע־גאַנגען ווי געוועזן.

און פון סאַשאַן האָט זי מער קיין מאָל ניט געהערט.

צוויי פריינד

1.

ציפּקע און טעמע זיינען געווען אינטימע פריינד, אָבער אויך די פאַמיליעס זייערע זיינען געווען נאָענט און שטאַרק באַפריינדט. די ביידע מיידלעך זיינען געווען ווי צוויי שוועסטער, און ווען איינע פון זיי פלעגט האָבן נייעס, אָדער ס׳פלעגט איר סתם באַפאַלן אַן אומעט און זי פלעגט זיך וועלן דורכריידן, פלעגט זי גלייך טעלעפאָנירן צו דער צווייטער, האָט עס געמעגט זיין אין מיטן דער נאַכט. חוץ דעם איז כמעט אַלץ געווען שותפותדיק ביי זיי: ביידע זיינען געווען בת־יחידהס ביי די עלטערן, ביידע אין די זעלבע יאָרן, די זעלבע שול באַזוכט און אפילו אויף דער זעלבער באַנק געזעסן, און איצט האָבן ביידע געאַרבעט אין זעלבן געשעפט, מער ניט איינע האָט געאַרבעט אויפן אייבערשטן שטאָק, די אַנדערע — אונטן.

נאָר אין זייער אויסזען האָבן זיי זיך אונטערשיידט: ציפּקע איז געווען בלאָנד, מיט בלויע אויגן און שלאַנק; טעמע האָט געהאַט שוואַרצע האָר מיט גרויע אויגן און געווען אַ ביסעלע פּעטער ווי ציפּקע. און אויך געקליידט האָבן זיך ביידע די זעלבע זאַך און עלעגאַנט, און אפילו געלעבט האָבן זיי ניט ווייט איינע פון דער אַנדערער, פלעגט מען טאַקע זאָגן: אָט גייט דער צווילינג.

אָבער אויב זיי זיינען ניט געווען קיין צווילינג, האָבן זיי זיך לעצטנס באַקענט מיט אַ צווילינג, צוויי ברידער, מעדיצין־סטודענטן. ניט איין מאָל פלעגן זיי זיך באַדויערן, וואָס זיי זיינען איינציקע קינדער און די עלטערן ציטערן אזוי איבער זיי, אז ביי יעדן מאָל ארויסגיין מוזן זיי בעטן אַ דערלויבעניש.

אויך צו דער אַרבעט פלעגט מען פאָרן צוזאַמען און מיטאָגצייט פלעגט מען זיך טרעפן און גיין צוזאַמען עסן. און ווי די צוויי חברטעס זיינען געווען צו־זאַמען, אזוי פלעגן זיך אָפט טרעפן אויך זייערע עלטערן, וואָס האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט און אפילו אויף אורלויב פלעגט מען פאָרן צוזאַמען.

די צוויי חברטעס און אויך די פאַמיליעס, פלעגן זיך אָפט טרעפן און צו־זאַמען פאַרברענגען, איבערהויפּט אז איינע פון די פאַמיליעס האָט געפייערט

אַ שימחה. וועגן אזא צוזאַמענטרעף פון די פאַמיליעס איז איצט געלעגן און געטראַכט ציפּקע.

דעם פרייטיק צו נאַכט פייערן טאַטע־מאַמע זייער חתונה־טאָג און עס וועט גרינגער זיין צו פועלן, אז זיי זאָלן זיי דערלויבן ארויסצוגיין אויף דעם יערלעכן קאָנקורס־טאַנצבאַל, וואָס איז איינע פון די גרעסטע געשעענישן ביי דער יוגנט. וועגן דעם האָט זי דאָס געוואָלט טעלעפאָנירן אזוי שפּעט ביי נאַכט טעמען, ווייל די איינלאַדונג פון לאַוואַ און סיאָמען איז היינט געקומען צו איר, און יענע האָט עס נאָך ניט געוווּסט. און כאָטש זי איז געווען זייער מיד און דער הייסער טאָג האָט איר איבערגעלאָזן מיט אַ מיגרען, דאָך האָט זי ניט געוואָלט בלייבן אליין אַ גאַנצע נאַכט מיטן סוד. די עלטערן זיינען שוין געשלאָפן, ווען זי האָט שטילערהייט אָנגעדרייט דעם נומער פון טעמען.

טעמע איז שוין געלעגן אין בעט ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אז דאָס איז ציפּקע און שוין ביים ענטפערן האָט זי געזאָגט:

— וואָס האָט פּאַסירט, ציפּקע? אזוי שפּעט. כ׳האָב שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן.

— כ׳האָב ניט געקענט גיין שלאָפן איידער כ׳וועל דיר זאָגן די נייעס: לאַוואַ האָט היינט טעלעפאָנירט צו מיר און אונדז ביידן געלאַדן צום טאַנצבאַל אין שטאַטזאַל.

— ווי קען גיין איין בחור מיט צוויי מיידלעך. דו וועסט גיין אליין!

—אז דו לאָזסט ניט אויסריידן. איז הער, ווייסט דאָך אז זיין ברודער סיאָמאַ איז אַ שעמעוודיקער, האָט ער דיר געלאַדן אין נאָמען פון זיין ברודער, פאַרשטייסט?

— האָסטו אים שוין צוגעזאָגט? ווייל אויב דו גייסט וועל איך אויך מוזן גיין.

— אוודאי האָב איך אים צוגעזאָגט, מיט איין באַדינג: אויב מיינע עלטערן וועלן דערלויבן. און כ׳האָב אים געזאָגט, אז דאָס זעלבע וועט זיין אויך ביי דיר.

— און ווען דאַרפסטו אים געבן דעם ענדגילטיקן ענטפער?

— דעם שבת, ווייל ער וויל אין אָוונט קויפן בילעטן. אַניט וועט זיין צו שפּעט.

— פרייטיק צו נאַכט וועלן מיר זיך אַלע טרעפן אויף דעם חתונה־טאָג, וועט עס זיין אַ גוטע געלעגנהייט. איך פיל אז זיי וועלן אונדז דערלויבן, ווייל שוין דער נאָמען פון די סטודענטן איז אַ גוטע גאַראַנטיע פאַר דעם. זיי זיינען אומעטום באַקאַנט.

— איז לאָמיר איצטער גיין שלאָפֿן. מאָרגן פֿרי טרעפֿן מיר זיך. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, ציפּקע. מאָרגן פֿרי...

ציפּקע האָט געאַרבעט אויפֿן צווייטן שטאָק פֿון אַ גרויסן ביכער־געשעפֿט, אונטן, ביים אַריינגאַנג, האָט געאַרבעט טעמע. דאָס געשעפֿט איז געווען ניט ווייט פֿון אוניווערסיטעט און דאָ פֿלעגן קומען אַ סך סטודענטן. דאָ טאַקע האָבן זיך די מיידלעך באַקענט מיט די צוויי ברידער, וואָס זיינען געווען שטענדיקע קונדן. לעצטנס פֿלעגן זיי אָבער עפּטער קומען, קויפֿן עפּעס און כאַפּן אַ פּאָר ווערטער מיט די מיידלעך.

אין דער פֿרי, ווען די מיידלעך האָבן זיך געטראָפֿן צו גיין צו דער אַרבעט, האָט טעמע זיך געוווּנדערט וואָס איז געווען די איילעניש איר צו טעלעפֿאָנירן אין מיטן נאַכט.

— ווייל כ׳ווייס אַז סיאָמאַ וועט שוין היינט קומען צו דיר, האָב איך געוואָלט ער זאָל דיר געפֿינען אַ צוגעגרייטע און דו זאָלסט וויסן וועגן וואָס עס גייט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. טעמע האָט געזען דורך דער גלעזערנער טיר אַז סיאָמאַ דרייט זיך שוין אַרום פֿאַרן געשעפֿט. ער האָט מסתּמא נאָך ניט געהאָט דעם מוט אַריינצוגיין. ענדלעך איז ער אַריין און ווי ער איז צוגעגאַנגען צו טעמען איז ער רויט געוואָרן.

טעמע האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן אין זיין פֿאַרלעגנהייט. מיט אַ שמייכל האָט זי געפֿרעגט:

— מיט וואָס קען איך דינען אַזאַ גוטן קונד און אַזאַ ליבן פֿריינד?

דאָס האָט אים באַפֿרייט פֿון זיין קלעם. ער האָט געקויפֿט אַ פּאָר קלייניקייטן, די אַנדערע זאָלן ניט טראַכטן אַז ער איז בלויז אַריינגעקומען זיך צו אונטערהאַלטן.

איצט האָט ער זיך שוין געפֿילט זיכער און ער איז געשטאַנען און אָפּגערעדט אַלע קלענסטע איינצלהייטן. ער האָט איר אָפֿן געזאָגט, אַז ער האָט געבעטן זיין ברודער ער זאָל אין זיין נאָמען איר איינלאַדן צום טאַנצאָוונט אין שטאָטזאַל.

— צוויי צווילינגען — ס׳וועט זיין צוויי אינטערעסאַנטע פּאָרלעך, — האָט טעמע געלאַכט, — כאָטש מיר זיינען ניט קיין ריכטיקע שוועסטער.

וועןביידע חברטעס האָבן זיך געטראָפֿן אין רעסטאָראַן צו מיטאָג, האָט טעמע דערציילט ציפּקען וועגן סיאָמאַס באַזוך. יענע האָט איר אויך דערציילט, אַז לאָווא איז געווען ביי איר. ביידע האָבן געלאַכט. איצט איז אַוועק אַ שטילער

שמועס. ביידע האָבן גערעדט און זיך אָנפּאַרטרויט איינע פאַר דער אַנדערער וועגן זייערע געפילן.

— ווייסט, איך האָב היינט, קוקנדיק אויף סיאַמאַן, געטראַכט ווי שיין ער איז!

— און איך האָב געטראַכט דאָס זעלבע וועגן לאָוואַן, — האָט ציפּקע גע־ענטפערט.

— ווייסט, זיי זיינען צוגעפּאַסט צו אונדז, ווייל זיי זיינען פּונקט פאַרקערט ווי מיר — סיאַמאַ איז בלאָנד און לאָוואַ ברונעט. מיך וווּנדערט נאָר ווי קומט אזא צוויי פאַרביקייט צו אַ לייבלעכן צווילינג?

— דאָס האָט גאָט ספּעציעל געמאַכט, אז זיי זאָלן זיין אַ פּאָר, ווי מיר זיינען...

ביידע האָבן האַרציק געלאַכט. און דאָס לאַדן צום טאַנצבאַל איז געווען אַ סימן אז די מיידלעך געפעלן זיי. זיי האָבן ניט באַוויזן אין דער שעה וועגן אַלץ צו ריידן.

— גלייך נאָך דער אַרבעט טרעפן מיר זיך צו גיין אהיים, — האָט טעמע אריינגעשריען אין עלעוויימער, אין וועלכן ציפּעלע איז ארויפגעפאָרן צו איר צווייטן שטאָק.

נאָך מיטאָג איז סיאַמאַ ווידער געקומען עפּעס קויפן און ווידער האָט מען זיך אונטערהאַלטן. סיאַמאַ האָט איר דערמאָנט, אז שבת מוזן זיי זאָגן: יאָ, מיר גייען!

— און אויב מיר וועלן זאָגן ניין, מיר גייען ניט!

— וועלן מיר ביידע קומען און אייך ארויסגנבענען ביי נאַכט, ווי מ׳טוט עס אין אַריענט. מיר האָבן גראָדע לעצטנס געזען אַ פילם, ווי מ׳טוט עס...

— אזוי דרייסט ביסטו מיט אַ מאָל געוואָרן?.. האָט טעמע געפרעגט מיט אַ שפּאַס.

— יע, אז מ׳האָט ליב קען מען זיין דרייסט! — האָט ער געענטפערט און רויט געוואָרן.

נאָך דער אַרבעט, ווען ביידע האָבן זיך געאיילט אהיים, האָט טעמע איבער־געגעבן דעם שמועס ציפּקען. יענע האָט איר אָנגעקוקט ערנסט און געזאָגט:

— אַלץ איז ביי אונדז אין טאָפּל — מיר וועלן האָבן צוויי מענער דאָק־טוירים...

2.

דער פרייטיק איז אָנגעקומען. ביידע מיידלעך האָבן זיך געגרייט צו פרעגן די עלטערן אַ דערלויבעניש ארויסצוגיין מיט זייערע בחורים צום טאַנצאָוונט. טעמעלע האָט זיך צו דער אַרבעט אָנגעטאָן אזוי, אז גלייך נאָך דעם זאָל זי קע־

נען גיין צו ציפּקען ניט קומענדיק צוריק אַהיים. זיי זיינען געווען זייער באַ־גייסטערט צו פאַרברענגען דעם אָוונט אין אַ פאַמיליע־קרייז, ווו קיין פרעמדע מענטשן זיינען ניט געלאָדן. טעמע און ציפּקע האָבן נאָך אויפן וועג אָפּגענומען פון בעקעריי אַ גרויסן שאָקאָלאַד־טאָרט, מיט דער אויפשריפט אין גאָלד: צו אייער חתונה־טאָג מזל טוב! טעמע און ציפּקע.

ווען זיי זיינען אריין אין שטוב, האָבן שוין אויפן טיש געברענט ליכט און בלומען האָבן פול געמאַכט אַלע ווינקעלעך. מ׳האָט געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג.

ציפּקע האָט זיך צעקושט מיט טאַטע־מאַמע און איבערגעגעבן די מתנות. טעמע האָט זיך אויך צעקושט און געזאָגט מזל־טוב.

די מאַמע האָט געעפנט די פּושקע און געווען באַגייסטערט פון דעם שיינעם טאָרט.

— אַ דאַנק! אַ דאַנק, קינדער! מען האָט זיך נאָך אַ מאָל געקושט און גע־רעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן.

ווען ס׳האָט געקלונגען דאָס גלעקל און טעמעס עלטערן זיינען געקומען, האָט מען זיך ווידער געקושט און געווונטשן מזל־טוב. זיי האָבן געבראַכט אַ קרישטאָלענע וואַזע מיט פריש־לעבעדיקע ראָזעס אין רויט און גאָלד־געל.

ציפּקעס מאַמע האָט אָנגעפילט די וואַזע מיט וואַסער און עס ארויפגעשטעלט אויפן טיש. אין שיין פון די ליכט האָט די וואַזע אָנגעהויבן שפּילן מיט די שענ־סטע פאַנטאַסטישע פאַרבן און ס׳האָט אויסגעזען ווי די ראָזעס וואָלטן זיך גע־טונקט אין די קאָלירן.

ווען מ׳האָט זיך געזעצט צום טיש עסן זיינען אַלעמענס אויגן געווען צוגע־שמידט צו דער וואַזע — אזא ווונדערלעכן בילד זעט מען זעלטן. לעבן יעדן איינעם איז געשטאַנען אַ גלאָז וויין. טעמעס פאָטער האָט דערמאָנט די לאַנג־יאָריקע פריינדשאַפט פון די ביידע פאַמיליעס, געווונטשן נאָך פיל חתונה־פייערונגען און אַלע האָבן געטרונקען לחיים. צום סוף איז געקומען די אַטראַק־ציע, וואָס איז געווען איינגעפירט אין יעדן יום־טוב און מ׳האָט עס דערוואַרט מיט אַן אויסגעשריי הורא — גאַנצע טאַצן קאַרטאָפל־לאַטקעס מיט שוואַרצן קאָפע. נאָך דעם זיינען אַלע אריין אין זאַל, ווו עס האָט געשפּילט שטילע מוזיק און מען האָט זיך צעזעצט אויף די ווייכע פאָטעלן און זיך צוגעהערט צו די שטימונג־מעלאָדיעס.

ס׳איז געוואָרן געמיטלעך. די מענער האָבן געזופּט וויסקי, פון גלעזער, און די פרויען — אַ זיסן ליקער. די מיידלעך האָבן געטרונקען עפּעס קאַלטס

און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו פרעגן אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין צום טאַנצאָוונט. מ׳האָט זיך דערמאָנט פאַרגאַנגענע יאָרן און מ׳האָט דערציילט מיט בענקשאַפט איבערלעבונגען פון די סאַמע ערשטע יאָרן: ווי מ׳האָט זיך באַקענט, ווי מ׳האָט פאַרבראַכט, ווי מ׳האָט חתונה געהאַט און ווי ס׳איז געבאָרן געוואָרן דאָס ערשטע קינד ביי יעדערן. מ׳האָט געוואַרט אויף נאָך קינדער, אָבער מער זיינען ניט געקומען. מסתמא אַזוי באַשערט.

זאָלן די נאָר זיין געזונט און זאָלן זיי האָבן אַ גוטן מזל, האָבן זיך די מאַמעס געווונטשן איינע די אַנדערע. איצט, האָט ציפּעלע באַשלאָסן, איז די בעסטע געלעגנהייט אַרויסצוקומען מיט דער ביטע. זי האָט זיך אַ שאַר געטאָן צווישן טאַטע־מאַמעס פאַטעלן:

— טאַטע און מאַמע, און כ׳מיין דאָס טעמעס טאַטע־מאַמע אויך. מיר ווילן אייער דערלויבעניש אַרויסצוגיין צום קאָנקורס טאַנצבאַל, וואָס קומט פאָר אין שטאָטזאַל. מיר זיינען איינגעלאַדן פון צוויי סטודענטן, אַ ברידער־צווילינג — לאָווּאַ און סיאָמאַ.

— זיכער! זיכער קענט איר גיין! — האָבן אַלע פיר כמעט אויף איין מאָל אויסגערופן.

ס׳איז געווען איינע פון די פיינסטע פאַמיליעס אין שטאָט און אַ גרויסער כבוד איז געווען פאַר די מיט וועמען זיי האָבן זיך געחברט. די עלטערן פון ציפּקען און טעמע האָבן זיך געפרייט אַז אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט זייערע קינדער. וואָלטן זיי זיך ניט געשעמט וואָלטן זיי זיי אויסגעפרעגט מיט יעדע פּיצעלע ווי אַזוי קומט עס.

קיינער האָט די נייגעריקייט ניט געשטילט, אָבער דער שמועס איז מיט אַ מאָל איבערגענומען געוואָרן פון די ווייבער. איצט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט די קינדערס גאַרדעראָבע. אויף אַזאַ באַל ווו עס קומט די סמעטענע פון דער הייכער געזעלשאַפט, מוז מען גיין אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, כדי מ׳זאָל זיך ניט פילן פאַרשעמט. די מאַמעס האָבן אפילו פאָרגעלייגט, אַז זיי זאָלן זיך קויפן די לעצטע מאָדע קליידער, אָבער די קינדער האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן נייע קליידער.

מ׳האָט גלייך אויף אָן אָרט צוזאַמענגעשטעלט אַ ליסטע פאַר יעדע פון די קינדער, וואָס זי זאָל אָנטאָן און וואָס פאַר אַ פריזור ס׳וועט איר מער פּאַסן. וועלכע שיך און וועלכע טאַשן מ׳זאָל טראָגן. צו וועלכן האָר־מאָדעליסט מ׳זאָל גיין און ווען.

די מענער האָבן אָנגעהויבן דרעמלען, אָבער די ווייבער זיינען ניט מיד

געוואָרן. שפּעטער האָט זיך געצויגן דער שמועס. מ׳איז געווען גליקלעך פון גע־דאַנק, אז די מיידלעך וועלן גיין מיט אזעלכע בחורים. און ביידע פּאָרלעך האָבן געקענט גוט טאַנצן און גערעכנט זיך פאַר שיינע.

דער ערשטער האָט זיך דערלאַנגט אַ כאַפּ אויף טעמעס פּאַטער. דער קאָפּ האָט נאָך געשווינדלט פון די פּאָר גלעזלעך וויסקי און ער האָט אויפן טעפּעך אַראָפּגעוואָרפן ס׳ליידיקע גלעזל.

— וואָס האָט פּאַסירט, טאַטע? — איז טעמע אונטערגעלאָפן און אויפ־געהויבן דאָס גלעזל.

— טעמעלע, — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט ליבשאַפט, — עס טאָגט שוין באַלד. מיר דאַרפן גיין אהיים. ווו איז די מאַמע? — האָט ער זיך ארומגע־קוקט. — מ׳רעדט נאָך אַלץ...

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן. ווידער האָט מען זיך אָנגעהויבן ווינטשן און גראַטולירן און פארזאָגן די טעכטער, וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט די צוגרייטונ־גען צום באַל. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע, ביז מ׳איז שטיין געבליבן פאַר דער אָפענער טיר. דאָ האָט מען זיך שנעל געזעגנט און מ׳האָט זיך גע־קושט „ביז איבער אַ יאָר!״

גלייך אין דער פרי האָט שוין ציפּקע טעלעפאָנירט צו לאָוואַן. סיאָמאַ איז אויך געווען מיט אים ביים טעלעפאָן. די ברידער האָבן אויפגענומען מיט פרייד די נייעס אז די עלטערן האָבן זיי דערלויבט ארויסצוגיין מיט זיי צום באַל.

— מיר האָבן כמעט אויף זיכער געוווסט, אז מיר וועלן האָבן דעם פאַר־געניגן מיט אייך צו טאַנצן און פאַרברענגען דעם אָוונט, — האָט לאָוואַ מאַניר־לעך־איידל געזאָגט.

— ווי אזוי האָט איר געקענט זיין אזוי זיכער? — האָט ציפּקע סאַרקאַסטיש געפרעגט.

— אַ סימן האָסטו, — האָט לאָוואַ געזאָגט, ניט לייגנדיק אַכט אויף איר שפּאַסיקן טאָן, — אז מיר האָבן שוין די בילעטן. מיר האָבן ניט געוואָלט זיין פון די לעצטע.

— אוי, איר געשמאַקע יינגלעך, — איז ציפּקע ארײַנגעפאַלן אין עקסטאַז.

— אַ דאַנק! זאָג סיאָמאַן אז כ׳וועל גלייך טעלעפאָנירן טעמען און מיר וועלן זיך זען... ניין, בעסער זאָל ער אליין טעלעפאָנירן. אַ דאַנק לאָוואַ, אַ דאַנק!

דער שיינער זשעסט פון די ברידער האָט איר אין גאַנצן צעטומלט און זי האָט געפילט אז זי דאַנקט צו פיל, אָבער זי האָט ניט געפונען קיין אַנדערע ווערטער.

.3

דער באַל איז אויסגעפֿאַלן אין אַ מיטן מיטוואָך, ווען זיי אַרבעטן, אָבער מ׳האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ געניוע פּראָגראַם און מ׳האָט געמוזט אויסנוצן יעדע פֿרייע מינוט. מיטאָג איז מען געלאָפֿן צום פֿריזירער, אָנשטאָט צו גיין אין רעס־טאָראַן. זיי האָבן ווי ניט איז פֿאַרדעקט די געלאָקטע האָר, אָבער מ׳האָט ניט געקענט באַהאַלטן די שיינקייט וואָס האָט געשיינט פֿון די יונגע אויגן. אין דער לעצטער מינוט זיינען נאָך ביידע ברידער געקומען, יעדער צו זיין מיידל, און געהערט די אַלע קאָמפּלימענטן מיט וועלכע מען באַשיט זיי פֿון אַלע זייטן. אפֿילו דער באַלעבאָס האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז ער האָט די שענסטע אָנגעשטעלטע אין שטאָט, און סעם האָט זיך פֿאַרשעמט און רויט געוואָרן.

זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט צו גיין אַהיים. יעדע האָט זיך געאיילט באַ־זונדער. די מאַמעס האָבן שוין געוואַרט מיט די קליידער, די שיך, די טאַשן — און מ׳האָט זיך גענומען אויספּוצן די טעכטער. אפֿשר מיט פּרינצעסינס וואָס גייען ארויס צו גאַלאַ־בעלער פֿאַרנעמט מען זיך אַזוי פֿיל. מ׳האָט געקוקט אויפֿן זייגער און געציילט די שעהען, די מינוטן. די מאַמעס האָבן געקליבן נחת, ווי קינדער פֿון זייערע ליאַלקעס.

ציפּקע איז געווען אין גאַנצן איינגעוויקלט אין בלוי, ווי אַ צעשטראַלטער הימל מיט זילבער־וואָלקנס. די בלויע מיט זילבער אויסגעהאַפֿטע קלייד האָט נאָך ליכטיקער זיך געשפּיגלט אין אירע בלויע שיינע אויגן און דאָס בלימל אין די האָר האָט געשימערט מיט טויזנט חנען. זי האָט גענומען די בלויע האַנט־טאַש מיט פּערל געשטיקט און איז געגאַנגען צו טעמען, ווו די ברידער האָבן אָפּגערעדט צו קומען זיי נעמען.

טעמעס מאַמע האָט אָקערשט געהאַט פֿאַרענדיקט אויספּוצן איר טאָכטער. אין איר קאַרמין־קלייד מיט גאָלד אויסגעניייט און די שוואַרצע האָר און גרויע אויגן, האָט זי אויסגעזען ווי אַ מאָדעל פֿון אַ קונסטסאַלאָן. ציפּקעס מאַמע, וואָס האָט איר באַגלייט, האָט שטיל געשעפּטשעט:

— קיין עין־הרע! נאָר מלאכים קענען אַזוי אויסזען.

און ס׳איז טאַקע שווער געווען צו וויסן וועלכער מלאך איז שענער.

איז טאַקע קיין וווּנדער ניט, אַז ווען די צוויי עלעגאַנט־אויסגעפּוצטע ברי־דער האָבן געעפֿנט די טיר צו נעמען צום וואַרטנדיקן אויטאָ די צוויי דאַמען, זיינען זיי געבליבן שטיין און זיי אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זייערע אויגן ניט געגלייבט. זיי האָבן אפֿילו ניט געפֿונען קיין ווערטער פֿאַר אַ קאָמפּלימענט.

אָבער די מאַמעס האָבן ניט פֿאַרגעסן אַז מען דאַרף לאָזן אַן אָנדענק פֿון

דע ערשטער באַגעגעניש, און נאָך דעם ווי מ׳האָט זיך באַקענט, האָבן זיי גע־בעטן די קינדער זיך שטעלן אין אַ ריי — יעדער מיט זיין פּאָר — און ציפּקעס מאַמע האָט געמאַכט אַ פאָטאָגראַפיע. דאַן — ווי זיי גייען צו דעם אויטאָ, נאָך דעם — ביים אָפּפאָרן.

און די מאַמעס האָבן נאָך דעם געהאַט אַ לאַנגע צייט צו ריידן, ווי העפלעך די קאַוואַליערן זיינען געווען און ווי מ׳האָט געהאָלפן די מיידלעך זיך צו מאַכן באַקוועם, אַז די קליידער זאָלן ניט צעקניטשט ווערן.

מ׳האָט איצט ווידער געקוקט אויפן זייגער און געטראַכט וואָס די קינדער טוען אין דער צייט: איצט גייט מען אריין אין זאַל; מ׳זעצט זיך צום טיש; מ׳עסט דעם דינער; און איצט טאַנצט מען!

די מאַמעס האָבן געציילט די מינוטן ביז די קינדער וועלן קומען — זיי זיי־נען געווען גליקלעך נאָר צו טראַכטן, נאָר צו פילן, נאָר זיך פאָרצושטעלן אַז זייערע קינדער האָבן באַטראָטן אַ וועג וואָס פירט צו גליק.

אוודאי איז עס געווען גליק. די יונגע הערצער האָבן געצאַפּלט מיט יעדער רגע, מיט יעדן טראָט, מיט יעדן אָטעם און באַריר. ווען זיי זיינען אריין אין זאַל זיינען די טישן שוין געווען געגרייט. ליכט האָט געפלייצט פון סופיט, ווי אין מיטן טאָג. אַ דינער אין אַ רויטע ליווריע און מיט ווייסע הענטשקעס האָט אָפּגענומען ביי זיי די קאַרטן און זיי געפירט צו זייערע באַשטימטע פלעצער. אויפן טיש איז שוין געלעגן אַ צעטל מיט זייערע נעמען. די בלומען האָבן פאַר־שמעקט דעם זאַל. עס זיינען אויך געלעגן דערביי די נומערן, וואָס מע שפיליעט אָן די טאַנצפאָרן אויפן רוקן, ווען עס הייבט זיך אָן דער קאָנקורס.

ביידע ברידער האָבן זיך פאַרשריבן מיט זייערע געסט און עס איז געווען אָן איבערראַשונג פאַר די מיידלעך. זיי האָבן זיך געפרייט און געציטערט מיט דערוואַרטונג. פון אויפרעקונג האָבן זיי אפילו ניט באַמערקט, ווי אַלעמענס אויגן זיינען צוגעצויגן געוואָרן צו זיי. קיינער האָט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דער שיינקייט און גוטן געשמאַק פון די צוויי פּאָרלעך.

דער אָונטברויט האָט לאַנג געדויערט, ווייל דער מעניו איז געווען אַ גאַנץ היפּשער און די ברידער האָבן נאָך דערצו באַשטעלט אַ פלאַש לייכטן וויין.

איצטער איז זייער שטימונג נאָך מער געשטיגן. און ווען דער טאַנצמייס־טער האָט אויסגערופן אַלע פאַרשריבענע צום קאָנקורס, האָבן זיי זיך געשטעלט אין דער ריי. אויף יעדער טיש איז געלעגן אַ שטימקאַרטע, וואָס מ׳האָט נאָך דעם טאַנץ געדאַרפט אויספילן, פאַר וועלכן נומער מע שטימט — פאַר גוט טאַנצן, פאַר שיינקייט און פאַר עלעגאַנץ.

די מוזיק האָט אָנגעהויבן לייכט שפּילן. די פּאָרלעך האָבן זיך געגליטשט אויפן טאַנצדיל. מ׳האָט געטאַנצט אַ וואַלס, נאָכהער אַ טאַנגאָ.

לאָווא און סיאָמאָ מיט זייערע פּאַרטנערינס זיינען געווען זיכער, אַז ניט זיי וועלן געווינען. אָבער זיי זיינען געווען גליקלעך איבערראַשט, ווען מ׳האָט אויסגערופן זייערע נעמען און זיי האָבן געמוזט ארויסטרעטן אין מיטן זאַל. אַלע האָבן אַפּלאָדירט. בעתן איבערגעבן די פּרייזן — די מיידלעך: פּלאַקאָנס מיט פּאַרפיום, און די בחורים — וויס־זיידענע שאַלן, האָט מען זיי פּאָטאָ־גראַפירט.

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט זיינען זיי געקומען אַהיים. די עלטערן האָבן זיי אָפּגעוואַרט און אויסגעהערט אַ פולן באַריכט.

נאָך דעם זיינען די צוויי פּאָרלעך זייער אָפט ארויס צוזאַמען — אין קינאָ, אין טעאַטער, אין רעסטאָראַן — און פלעגן שפּעט קומען אַהיים, אָבער זיי האָבן שוין מער ניט געדאַרפט בעטן אַ דערלויבעניש ביי די עלטערן. די פריינד־שאַפט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. די מאַמעס האָבן אָנגעקוואָלן פון זייערע קינדער און צווישן זיך גערעדט:

— דאָס איז אַ פריינדשאַפט וואָס וועט פירן צו גליק.

די באַרימטע זינגער

.1

ע לוסאַ און לאָוואַ זיינען געווען אַ יונג זינגער־פּאָרל, וואָס זיינען פאַר אַ לענ־
גערע צייט אויפגעטראָטן צוזאַמען אין דער אָפּערע. צום ערשטן מאָל האָבן זיי
געדאַפּט דערשיינען אין אַ קאָנצערט פון צוויי.

מער ווי אַלעמאָל האָט לוסאַ היינט געפילט אַ ציטער אין האַרצן. ס׳איז ניט
געווען דער ציטער פון שרעק, נאָר מער אַ צאַפּל פון דערוואַרטונג פאַר עפּעס
וואָס דאַרף געשען. זי האָט ניט געוווסט וואָס דאָס איז אַזוינס וואָס מאַכט איר
אומרואיק, אָבער זי האָט געוואָלט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. אפשר איז עס
געווען, וואָס דער דירעקטאָר מיטן רעזשיסער האָבן זיך מער ווי אַלע מאָל
פאַראינטערעסירט מיט דעם קאָנצערט, און דער דיריגענט פון אָרקעסטער איז
אויף אַלע רעפּעטיציעס געקומען — אַ זאַך וואָס אין געוויינלעכע פאָרשטעלונגען
פלעגט עס ניט פּאַסירן.

מ׳איז אויך געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן די ספּעציעלע גאַלעריעס פאַר
מיטגלידער פון דער קייזערלעכער פאַמיליע און אַנדערע הויכע פּערזענלעכ־
קייטן. דאָס האָט לוסאַן מער נערוועז געמאַכט ווי אַלע מאָל, כאָטש זי האָט שוין
ניט איין מאָל געזונגען פאַר דער הויכער געזעלשאַפט. זי האָט געוווסט, אַז
פון דער קייזערלעכער פאַמיליע איז מען געקומען אויף אַ באַזוך אין האָליוווד,
און ניט אָפיציעל האָט מען זיי איינגעלאַדן אויף דעם קאָנצערט.

— מאַמע, עס ציטערט מיר היינט דאָס האַרץ מער ווי אַלע מאָל... אַזאַ
געזעלשאַפט !

— ס׳איז דאָך ניט צום ערשטן מאָל, וואָס דו זינגסט פאַר דער הויכער
געזעלשאַפט. מיט דיין זיסע שטימע ,מיין קינד, און מיט דיין בליענדיקער
שיינקייט וועסטו געוויס האָבן אַ גרויסן דערפאָלג. זאָל דיין האַרץ זיין רואיק,
לוסאַ.

נאָך דעם איז אַוועק אַ געשפּרעך וועגן די קלײדער, וואָס דער דירעקטאָר
אליין האָט איר אויסגעקליבן אָנצוטאָן אויף דער בינע. זי וועט צוויי מאָל זיך

מוזן איבערטאָן, ווען לאָוואַ וועט איר פאַרבייטן אויף דער בינע, און בעת דעם אַנטראַקט.

זי האָט געמוזט דער מאַמען אָפּגעבן אַ פולן באַריכט וועגן די גאָלד־ און זילבער־קליידער און שיכלעך, וואָס זי וועט טראָגן, און אַ ווייסע אָרכידעע אין די האָר. די מאַמע איז געווען אַנטציקט און געפרעגט ווער עס קומט איר אָפּנעמען.

— לאָוואַ, מאַמע.

— דער זינגפּאַרטנער אליין! אַך, ווי שיין דאָס איז פון אים, ווי איידל!

אין דעם מאָמענט האָט דאָס גלעקל געקלונגען. די דינסט האָט אריינגע־לאָזן לאָוואַן און געמעלדעט: — דער הער זינגער לאָוואַ איז געקומען. אים פאַרבעטן אין גאַסטצימער?

— ניין, — האָבן ביידע פרויען אויף אַמאָל געענטפערט, — פאַרבעט אים אַהער.

לאָוואַ האָט זיך באַגריסט מיט די דאַמען. ער איז געווען עלעגאַנט גע־קליידט, אָבער אין אַ באַשיידענעם סטיל. ער איז געווען פריש־ראַזירט און פאַרפומירט און דאָס האָט אים נאָך געמאַכט אַ סך יינגער ווי זיינע עטלעכע און צוואַנציק יאָר. מיט דעם מאַניער פון אַ קאַוואַליער האָט ער אַ קוש געטאָן לוסאַס מוטער אין האַנט און זיך פאַרנויגט פאַר לוסאַן.

— איך האָף אז איך שטער ניט די דאַמען, ווייל איך בין געקומען אַ ביסל פרי.

— ניין, הער לאָוואַ, אייער געזעלשאַפט איז אונדז אָנגענעם, — האָט לוסאַס מוטער זיך געאיילט צו ענטפערן מיט איבערטריבענער העפלעכקייט. — איך ווינטש דערפאָלג!

— אַ דאַנק, מאַדאַם. דער אויפטריט פון אייער טאָכטער איז אַ זיכערער דערפאָלג. נעכטן האָבן מיר געהאַט די גענעראַל־פּראָבע צוזאַמען מיטן אָר־קעסטער, און דער דירעקטאָר איז געווען באַגייסטערט פון אונדזער דועט, איבערהויפּט לוסאַס זינגען!

— אַ דאַנק, לאָוואַ, פאַר אויסרימען מיר פאַר מיין מוטער, אָבער דיין חלק איז ניט קלענער.

לוסאַ האָט זיך אַנטשולדיקט און איז ארויסגעגאַנגען. דערווייל האָט די דינסט געבראַכט עפּעס צו טרינקען פאַר לאָוואַן. ער האָט איר באַדאַנקט און געזאָגט צו לוסאַס מוטער:

— אייערע אוילבילדער זיינען רייך און שיין, מ׳דאַרף זיי אַ מאָל גוט באַ־טראַכטן. אָבער דערווייל דערלויבט מיר אריינקוקן אין אייער בילדער־אַלבאָם.

— אַ, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, הער לאָוואַ. און אונדזערע בילדער אויף דער וואַנט זיינען אָריגינאַלן, פון באַרימטע מאָלער. זייער ווערטפול.

לאָוואַ איז געזעסן אריינגעטאָן אין בילדער־אַלבאָם פון לוסאַס אויפטריטן אין אָפּערע. זי האָט געגלאַנצט אין איר גאַנצער פראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין באַשלוס, וואָס ער וויל היינט נאָך דעם קאָנצערט אויספירן, און זיין האַרץ האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן פריידיקער.

די מוטער האָט אויף אַ רגע זיך אָפּגעדרייט און לאָוואַ האָט שנעל צוגע־לייגט זיינע ליפּן צו אַ בילד און אים אַ קוש געטאָן. אין דעם מאָמענט איז לוסאַ אריין צוריק אין צימער און לאָוואַ איז רויט געוואָרן. זי האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק:

— לאָוואַ, דו טרינק דיין טיי און קוק ניט אויף די נאַרישע בילדער... האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל. — איך בין פאַרטיק צו גיין.

לאָוואַ האָט אויפגעהויבן די אויגן און באַמערקט ווי שיין זי איז און זיך ארויסגעכאַפּט:

—דו ביסט שיין ווי אַ פּרינצעסין, לוסאַ!

— און דו ווי אַ פּרינץ! — האָט זי געענטפערט האַלב־סאַרקאַסטיש, ווי פאַרשעמט פאַר דער מוטער. אָבער די מוטער איז גראָדע געווען גליקלעך פון קאָמפּלימענט און געזאָגט:

— אַ פּרינץ און אַ פּרינצעסין איז אַ גלייך פּאָרל! — ווי זי וואָלט צוגע־שטימט צום שידוך.

ווען זיי זיינען שוין געשטאַנען ביי דער טיר אויף ארויסצוגיין, איז אָנגע־קומען לוסאַס פאָטער. די אונטערהאַלטונג איז געווען קורץ, ווייל זיי האָבן זיך געאיילט.

ער האָט זיי געווונטשן דערפאָלג און געזאָגט, אז זיין פרוי און ער וועלן זיכער הנאה האָבן פון היינטיקן קאָנצערט.

— זיכער, זיכער, זיכער! האָבןביידע געזאָגט כמעט אין איין קול, און לוסאַ האָט זיך צעקושט מיטן פאָטער און פאַרלאָזן דאָס הויז.

— ביטע, הויכווירדיגע פרימאַדאָנע! — האָט לאָוואַ געעפנט די טיר פון זיין שוואַרצן לימוזין, ווי ער וואָלט אליין געווען דער שאָפער.

— אַ דאַנק, הויכווירדיגער פּרינץ! — האָט לוסאַ זיך פונאַנדערגעלאַכט און אריין אין אויטאָ, לעבן לאָוואַן. און ניט טראַכטנדיק האָט זי זיך צוגע־רוקט נענטער צו אים.

ער האָט גענומען דאָס רעדל און דער אויטאָ האָט זיך לייכט אַוועקגע־גליטשט. זי האָט געטראַכט, אז זיינע עלטערן, וואָס לעבן אויף אַ ווייטער פאַרם,

מיט ווילעס און שווים־באַסיינען, מוזן זיין זייער רייך. פון זיינע פאַרדינסטן אין דער אָפּערע, וואָלט ער זיך ניט געקענט אַזוי קליידן און פאָרן מיט אַזא לימוזין. זי האָט פּלוצלינג געפרעגט:

— לאָוואַ, מיר קענען זיך דאָך שוין אַ לאַנגע צייט און כ׳האָב דיר קיין מאָל ניט געפרעגט אויף דיינע עלטערן. זיי מוזן זיין זייער רייך, ווי איך פאַרשטיי.

די פראַגע האָט אים הנאה געטאָן און ער האָט שטיפעריש זיך צערעדט:

— אוודאי דאַרפסטו פרעגן און דו דאַרפסט עס טאַקע וויסן אויך. מיר האָבן נאָך אַ ביסל צייט, וועלן מיר אַ שפּאַציר טאָן אין דער „אַלעע פון ליבע״ און איך וועל דיר קורץ דערציילן וועגן מיין היים.

מיין פאָטער האָט מיט אייגענע כוחות אַלץ דערגרייכט. אַ דאַנק זיינע פּלענער האָט די גרויסע פאַרלאָזענע פאַרם, וואָס מיר האָבן געירשנט פון אַ קינדערלאָזן אָנקל, אָנגעהויבן בליען און געוואָרן אונדזער „גאָלדגרוב״, ווי מיין פאָטער רופט עס. מיט מיר, ווי מיט אַ בן־יחיד, האָבן טאַטע־מאַמע ניט גע־ווּסט וואָס צו טאָן און קיין זאַך איז זיי פאַר מיר ניט געווען צו טייער. מ׳האָט פאַר מיר צוגעבויט אַ גאַנצן פליגל צו דער גרויסער ווילע זייערער. ס׳איז געווען אַזוי ליב און וואַרעם אין מיינע יונגע יאָרן, אַז איצט בענקט זיך מיר נאָך אַהין. אָבער ווי דער לערער אין דער שול האָט אויסגעפונען אַז איך האָב אַ גאָלדענע שטים, און ער האָט עס געזאָגט מיינע עלטערן און זיי אַלץ אויפגעפּאַדערט זיי זאָלן מיר שיקן אין דער גרויסער שטאָט, אין קאָנסערוואַטאָריע, זיינען זיי ניט גאָר גליקלעך געווען. זיי האָבן מיר ניט געוואָלט אָוועקלאָזן פון זיך. ביז אַ דראַנג האָט זיך דערוועקט ביי מיר און איך בין אַנטלאָפן. זיי האָבן אויסגע־פונען ווו איך בין — און דאָס אַלץ וואָס איך האָב, איז די ליבע פון ווייטן — —

— און נאָך דעם ווי דיינע עלטערן טוען אַזוי פיל פאַר דיר, גייסטו זיי אפילו ניט זען. יאָ, דאָס זיינען די מאָדערנע קינדער... האָט זי אים געמוסרט אין האַלב־שפּאַס.

— די נאָענטסטע טעג מוז איך זיי באַזוכן, איך מוז!

— וואָס האָט פּאַסירט, פאַר וואָס מיט אַ מאָל מוזסטו? — האָט זי געפרעגט פאַראינטערעסירט, צוליב זיין צוויי מאָל אונטערשטרייכן דעם מוז.

— דאָס וועסטו זיך דערוויסן נאָך אונדזער אויפטריט... שוין שפּעט. — האָט ער פאַרהאַלטן דעם עלעגאַנטן אויטאָ אויף אַ ספּעציעלן פּאַרקפּלאַץ ביי דעם הינטערשטן אריינגאַנג פון דעם אָפּערע־הויז.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען און געעפנט איר דאָס טירל. ווי נאָר זי איז אַרויס האָט ער זי אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן און געזאָגט: דערפאָלג!

אַ צעטומלטע איז זי אַ רגע שטיין געבליבן און אין איר האַרץ האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן.

.2

דאָס געזשום פון דער מאַסע מענטשן אין טעאַטער איז דערגאַנגען הינטער די קוליסן. לוסאַ איז אַריין צו זיך אין גאַרדעראָבע־צימער און די פרוי וואָס העלפט איר האָט שוין אַלץ געהאַט גרייט. זי האָט זיך נאָר געדאַרפט איבערטאָן, דער גרים איז געבליבן אין דער נאַטירלעכער פאָרעם. די קליידער זיינען געווען פאַרפיומירט מיט אַ צאַרטן אַראָמאַט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און זי איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל אַ צעשמייכלטע. הינטער איר האָט זי געזען די פרוי, וואָס גלעט אויס אויף איר רוקן די לעצטע קנייטשן.

— איר האָט נאָך עטלעכע מינוט, קענט איר שנעל כאַפּן אַ בליק אויף די בלומען, וואָס זיינען צוגעשיקט געוואָרן פאַר אייך, — האָט די פרוי געזאָגט. — און דאָ אויפן טאָץ איז אַ פּאַק באַגריסונגען און טעלעגראַמעס. מיט אַזאַ צאָל פאַרערער קען מען זיין שטאָלץ.

— אַ דאַנק, טייערע! — האָט לוסאַ געזאָגט.

זי האָט אויפגעעפנט די באַגריס־קאַרטל פון אַ גרויסן פילפאַרביקן בלומען־קויש. ס'איז געווען געשריבן: טייער קינד לוסינקע, פיל דערפאָלג! מאַמאַ און פּאַפּאַ. טרערן פון פרייד זיינען אָנגעלאָפן אין אירע אויגן.

איצט איז איר בליק געפאַלן אויף אַ גרויסן בוקעט פון רויט־פלאַמיקע ראָזעס. פון וועמען? ליבסטע! דיין דערפאָלג איז אויך מיינער, מיטן גאַנצן האַרצן, לאָוואַ. איר גאַנץ וועזן איז פול געוואָרן מיט אזא צאַפּלדיקער שימחה, אז זי האָט געפילט אז זי מוז איצט האָבן עטלעכע מינוט זיך צו באַרואיקן, און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט איר אויפגעריסן ווי פון אַ חלום. די מוטער און פאָטער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט זאָגן זייער ברכה. די אויפמערקזאַמקייט און ליבשאַפט פון טאַטע־מאַמע האָבן זי באַרואיקט.

ווי נאָר זיי זיינען אַרויס איז אַריין לאָוואַ:

— קום, לוסאַ, מיר מוזן זיין גרייט צום אויפטריט. דער דירעקטאָר וואַרט שוין.

די גרויסע קרישטאָל־קאַנדעלאַבערס אין זאַל האָבן אָנגעהויבן אויסגיין, טונקעלער ווערן, ביז אַ פינצטערניש האָט אַלץ צוגעדעקט. די שטילקייט איז געווען אזוי טיף, אזביים קלענסטן באַוועג האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון די זיידענע און בראָקאַטענע קליידער. אַלע אויגן זיינען געווענדט צו

דער בינע, איבער וועלכער דער פלושענער רויטער פאַרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן.

אין דער מיט פון דער בינע איז געשטאַנען לאַווא, וואָס איז אין די פראַג־ראַמען באַצייכנט געווען, ווי דער פרינץ פון קלאַסישן געזאַנג. ער האָט זיך לייכט פאַרנויגט און אַ כוואַליע פון אַפּלאַדיסמענטן האָט פאַרהילכט דעם זאַל. דער אָרקעסטער האָט שטיל אָנגעהויבן, און לאַוואַס טענאָר האָט זיך מיט זיל־בערקלאַנג געטראָגן אין זאַל, איבער אַלעמענס קעפּ, צו די גאַלעריעס פון די קעניגלעכע געסט. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן לאַנג געדויערט.

און אָט איז געקומען די ריי פון דועט. ביידע זיינען ארויפגעלאָפן אויף דער בינע אָנגענומען פאַר די הענט, ווי זיי וואָלטן ארויפגעשוועבט. לוסאַ האָט זיך פאַרנויגט מיט אַ ברייטן רעווערענס און איר שיינקייט האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם ביי די צושויער. אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך געטראָגן צו דער בינע און ביידע האָבן געדאַנקט.

דער אָרקעסטער האָט לייכט געזשומט, ווי אַ וואַסערל וואָס פליסט. די פידלען זיינען דין זיך פאַרגאַנגען, אָבער מיט אַ מאָל האָט זיך צעפלאַטערט אַ קאָלאָראַטור־געזאַנג פון אַלערליי טענער, ווי צענדליקער פאַרביקע פייגל וואָלטן זיך צעזונגען אין אַ געוועט. דער גאַנצער זאַל איז געבליבן זיצן ווי פאַרכישופט, ווי דאָס געזאַנג וואָלט פון הימל אַראָפּ. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן אז אַ מענטש קען אזוי זינגען.

לוסאַ האָט פאַרגעסן אָן די צושויער און צוהערער אין זאַל. זי איז אליין געווען אין די הימלען פון געזאַנג. זי האָט עפּעס טענות צו איר באַגלייטער און ער קוקט זי אָן מיט אויגן פון געבעט. ער ענטפערט אויף איר געזאַנג, ווי אַ ביסל ברוגזלעך. אָבער די ווערטער און דער אינהאַלט זיינען שוין ניט וויכטיק. איצט בעטן זיך ביידע איבער און די שטימעס גיסן זיך צוזאַמען ווי פייגל־געזאַנג מיטן שאַל פון זילבער־גלעקלעך. און ביידע שליסן זיך צוזאַמען אין ליבשאַפט. ער נעמט זי אַרום.

אַ רגע הערשט שטילקייט. מיט אַ מאָל גיט זיך אַ טראַג פון אַלע זייטן מיטן געדויש פון אַפּלאָדיסמענטן: בראַוואָ! בראַוואָ! ביס! און עס וויל ניט אויפהערן.

די קאַנדעלאַבערס צינדן זיך אָן און דער זאַל ווערט פאַרגאָסן מיט אַ ים ליכט. די אַפּלאָדיסמענטן ווילן ניט אויפהערן. לוסאַ און לאַוואַ האַלטן זיך פאַר די הענט און נייגן זיך אָן אויפהער. שמייכלען. דער עולם איז ווילד פון באַגייסטערונג.

דער איבעררייס פון פּראָגראַם האָט ניט געקלעקט פאַר די צושויער זיך

צו טיילן מיט די לויברייד פאַר דעם זינגער־פּאָרל. וואָלט מען זיך ניט זשענירט פאַר די קעניגלעכע געסט, וואָלט מען מיט די לאַנגע רייכע באַלקליידער זיך אַ לאָז געטאָן הינטער די קוליסן און געשטורעמט די זינגער, זיי צעקושט די גלידער! זיס! זיס! אַזוי הימליש־זיס! האָבן זיך געהערט די ווערטער פון פרויען און מענער, ווו מ׳האָט זיך נאָר געקערט.

דער דירעקטאָר, וואָס האָט געזען דעם ענטוזיאַזם פון די קעניגלעכע געסט, האָט זיך געאײלט און זיי אַרײַנגעשיקט קאָסטבאַרע שאַכטלען שאָקאָלאַד מיט זײַנס אַ קאַרטעלע: צו אײַער גענוס!

די פאָטאָגראַפן און צײַטונג־רעפּאָרטערן זײַנען געווען שטאַרק באַשעפטיקט. מאָרגן וועלן זײַן פול די צײַטונגען. בילדער אין קאָלירן אין דער גאַלעריע, פון דירעקטאָר מיט די קעניגלעכע געסט, איז גענומען געוואָרן.

עס הייבט זיך אָן דער צווייטער האַלבער קאָנצערט. דער פאָרהאַנג עפנט זיך. לוסאַ שטייט אין אַ הימל־בלויע קלייד, מיט זילבער־שטערן באַפּוצט. די פרוי, וואָס זיצט לעבן לוסאַס מוטער, בייגט זיך צו צו איר און שעפּטשעט: געטלעך! און די איבעריקע ווערטער ווערן פאַרטרונקען אין אַ ים פון אַפּלאָ־דיסמענטן.

דער אָרקעסטער הייבט אָן שטיל און לוסאַ אַליין פילט ניט ווי איר שטים צעקלינגט זיך מיט נײַעם כישוף, ווי זי וואָלט זײַן אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון וווּנדער און מוזיק. דאָס ליד און דער מאָטיוו טראָגן איר אַוועק.

די אַפּלאָדיסמענטן און בראַוואָ־אויסרופן וועקן זי אויף ווי פון אַ זיסן חלום. די ביס־אויסרופן צעטראָגן באַלד די בינע. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס בייגן זיך און דאַנקען, לוסאַ האָט געמוזט געבן צוגאָב־נומערן.

צום סוף איז די בינע געווען אָנגעשטעלט און פאַרלייגט מיט בוקעטן ראָזעס, אַז מען האָט געמוזט פאָרזיכטיק אַ טריט טאָן. דער דירעקטאָר איז אַרויף און געדאַנקט די קעניגלעכע געסט מיט אַלע באַזוכער. לוסאַ און לאָוואַ זײַנען געשטאַנען אין מיטן און די בליצליכט פון די פאָטאָ־אַפּאַראַטן האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו צינדן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער דירעקטאָר אָנגעקלאַפּט אין לוסאַס גאַרדעראָבע־צימער. ער איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ הער מיט אַ דאַמע. דער דירעקטאָר האָט זיי פאָרגעשטעלט: מאַרקיז און מאַרקיזע, אָבער דעם נאָמען האָט לוסאַ פאַרהערט. דער מאַן האָט לוסאַן אַ קוש געטאָן אין האַנט און באַדאַנקט און געזאָגט, אַז די פייגל אין וואַלד דאַרפן זיך קומען לערנען ביי איר זינגען. די פרוי האָט איר איבערגעגעבן אַ פושקעלע מיט אַ מעדאַליאָן פון קעניגלעכן עמבלעם. נאָך דעם זײַנען זיי אַרײַן צו לאָוואַן, אים באַדאַנקט און

אויף איבערגעגעבן אַן אָנדענק־מתנה פאַר זיין וווּנדערלעך זינגען. דער די־רעקטאָר האָט באַגלייט דעם מאַרקיז מיט דער מאַרקיזע צו זייער אויטאָ. די אַנדערע געסט האָבן שוין געוואַרט אויף זיי. זיי האָבן באַדאַנקט דעם דירעקטאָר פאַר דעם פאַרגעניגן, וואָס דער קאָנצערט האָט זיי פאַרשאַפט. ער האָט זיך גלייך אומגעקערט אין לוסאַס גאַרדעראָבע־קאַמער, כדי צו זען און באַווּנדערן דעם מעדאַליאָן מיטן קייזערלעכן עמבלעם.

דער דירעקטאָר איז געווען אין זייער אַ געהייבענער שטימונג און איר פאַרויסגעזאָגט, אַז זי וועט גאָר אין גיכן פאַרנעמען אַן אָרט פון אַ פּרימאַדאָנע אין דער אָפּערע. לוסאַ האָט אים אָפּגעדאַנקט מיט אַ קוש אויף דער צערונצל־טער באַק.

— ניין, דאָ! — האָט דער דירעקטאָר געוויזן אויף די ליפּן און זיי האָבן זיך בײדע צעקושט.

דאָס ארויסגיין פון פיל־הונדערט־קעפּיקן פּובליקום פון טעאַטער האָט לאַנג געדויערט. איצט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פריינד, באַקאַנטע, קינסטלער און שרייבער הינטער די קוליסן, צו באַגריסן דאָס פּאָרל. די ענגשאַפט איז געווען גרויס, נאָר די דינערשאַפט האָט ניט געקענט פאַרשטעלן דעם וועג פון אזא מאַסע.

צו ערשט איז געקומען די ריי פון די עלטערן. מ׳האָט מיט רעספּעקט פאַר זיי געמאַכט אַ וואַרע. לוסאַ האָט זיך דערפרייט מיט טאַטע־מאַמע און זיי גע־וויזן דעם מעדאַליאָן. גלייך איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאָרגן וועט לוסאַ אריינ־שיקן אַ דאַנקבריוו צו דער קעניגלעכער געזעלשאַפט, פאַר קומען צום קאָנצערט און איר באַערן מיט דעם מעדאַליאָן. ביים אריינגיין האָבן די עלטערן געזען אַז די ריי פון באַגריסערס איז גאַנץ לאַנג, האָבן זיי זיך ניט געזאַמט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע צערעמאָניע פון באַגריסונגען און דאַנקען, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז אַ שטיק אין דער נאַכט. אַז דער לעצטער איז ארויס, האָט זיך לוסאַ מיט אַ קרעכץ פון דערלייכטערונג אַראָפּגעלאָזט אין ווייכן פאָטעל און געבליבן זיצן ווי אָן כוחות. איצט וויל זי זיך אָפּרוען כאָטש עטלעכע מינוט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געפרוווט אויף אַ מאָמענט אַלץ פאַרגעסן.

— שלאָפן, אַ פּאָר מינוט שלאָפן, אַ מינוט. האָט זי גערעדט צו זיך, ווי זי וואָלט דורך דעם געוואָלט ארויפברענגען אויף זיך אַ שלאָף. אָבער די געדאַנקען זיינען געווען צו וואַך און זי האָט באַשיימפּערלעך געפילט אַז לאָוואַ וועט באַלד אריינקומען.

איצט האָט זי דערוואַרט לאָוואַן מיטן זעלבן ציטער ווי זי איז געגאַנגען צום קאָנצערט. זי האָט געדענקט, אַז ער האָט איר עפּעס וואָס צוגעזאָגט צו

דערציילן נאָך דעם קאָנצערט, אָבער וואָס האָט זי זיך ניט געקענט דערמאָנען. זי איז געווען אומגעדולדיק און נערוועז מער ווי פריער. זי האָט געקוקט צו דער טיר און זיך געווונטשן אז דער באַגערטער קלאַפּ זאָל קומען — און ער איז געקומען.

— אליין... — האָט לאָווא געזאָגט. — דער גהינום פון די באַגריסערס איז געענדיקט...

לאָווא האָט לוסאַן לאַנג געקוקט אין די אויגן. ס׳איז געווען עפּעס אין דעם קוק וואָס האָט אין לוסאַן צעוואַרעמט אַ מאָדנעם געפיל, וואָס זי וואָלט ניט געקענט אָנרופן און ניט אויסמאָלן. אזא וואַרעמקייט דערפילט זי אין האַרצן, ווען זי צעטרילערט זיך אַ מאָל אויף דער העכסטער קאָלאָראַטור מיט אַ פאָלקס־ליד צי אַ ראָמאַנס.

זי האָט הנאה געהאַט פון זיין קוק און מיט ליבלעכקייט אויף אים געענט־פערט. ביידע האָבן זיך געקוקט אין די אויגן. ס׳איז געווען שטיל ארום. דער עלעקטרישער זייגער איבער לוסאַס גאַרדעראָבע־טיש האָט זיך געגליטשט אַ קרייז נאָך אַ קרייז אויפן ציפערבלאַט. ביידנס פּראָפילן זיינען געווען ערנסט־פאַרגליווערט אין שפּיגל. ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס שווייגן האָט בלויז דער רויטער מינוט־ווייזער פאַרצייכנט.

מיט אַמאָל האָט לאָווא ארויסגענומען פון טאַש אַ גאָלדן רינגל מיט אַ שיי־נענדיקן דימענט, האָט גענומען אין זיין האַנט לוסאַס פינגער און עס אויף אים ארויפגעטאָן. נאָך דעם האָט ער זי אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן. ביידע זיינען גע־שטאַנען ארומגענומען און פאַרזויגן אין אַ לאַנגן־לאַנגן קוש.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט אויף עפּעס. איר האָט זיך גע־דוכט אז זי הערט אַ סערענאַדע זינגען. זי האָט אָנגעהויבן צו ברומען די מע־לאָדיע און ער האָט שטיל־שטיל געזונגען צו איר די באַקאַנטע ווערטער.

3.

מיט אַ מאָל האָט זיך די טיר געטאָן אַ עפן און דער דירעקטאָר איז אריין, אָן אַ אָטעם און אָן אַנטשולדיקונג. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן איינער פון אנדערן.

— אזוי שפּעט און איך האָב געמיינט אז כ׳וועל אייך שוין ניט טרעפן. כ׳האָב אייך געבראַכט אַ וואונדערלעכע ידיעה, אָבער פריער קומט מיר אויך עפּעס פון וואָס איר נאַשט.

לוסאַ האָט אַ צעטומלטע אַ טריט געטאָן צום דירעקטאָר און אים דערלאַנגט

אַ קוש אויף דער באַק. ווי מיט אַ פּאָר שעה פריער, האָט דער דירעקטאָר פּראָטעסטירט:

— ניין, דאָ! און אָנגעוויזן אויף די ליפּן.

— הער דירעקטאָר, — האָט לוסאַ שטאָלץ אַ זאָג געטאָן און געוויזן דעם רינג אויף איר פינגער, — אויף דעם דאַרף איך שוין איצט אַ דערלויבעניש פון מיין פּאָר...

דער דירעקטאָר האָט נאָכגעגעבן געשמייכלט. אָבער לאָווא האָט פריילעך געזאָגט:

— דעם דירעקטאָר מעגסטו אַ קוש טאָן — ער איז אונדזער טאַטע.

— דאָס לאָז פּאַרן טאַטן, לוסאַ... — האָט ער זיך געוויצלט. — נאָר איך האָב אייך געבראַכט גוטע נייעס. קומענדיק אַהיים האָב איך געפונען אַ טעלע־גראַמע פון זינגער־פעסטיוואַל אין האָליוווד, אַז מ'לאַדט אייך ביידן איין אויפצוטרעטן אין אַ סאָלאָ־דועט. און איצט, מיינע האַרציקסטע גראַטולאַציעס! איר זייט דאָס פּערפעקטע זינגער־פּאָר.

דער דירעקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער איבערן טואַלעט־טיש און אויסגערופן:

— היינט איז טאַקע ביי אייך אַ גרויסער טאָג, אָבער איר האָט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז מיר זיינען אַלע געלאַדן צו אַ מיטנאַכט־פּאַרטיע פון לוסאַס עלטערן.

לוסאַ האָט מיט שרעק אַ קוויטש געטאָן:

— גאָר פאַרגעסן. אַזאַ באַליידיקונג! איך שעם זיך פאַר די עלטערן עס צו דערמאָנען.

— מסתמא ווייסן זיי שוין אַלץ. און מיר וועלן נאָך קומען אין דער צייט.

— האָט איר דער דירעקטאָר באַרואיקט. — די פּאַרטיע איז דאָך פאַר אייך ביידן, ניין?

— ניט פאַר אונדז, נאָר פאַר אייך, הער דירעקטאָר, און פאַר חשובע טעאַטער־געסט.

— דאָס איז געווען מיין סוד ביז היינט, — האָט לאָווא געזאָגט, — קיינער ווייס עס נאָך ניט. אפילו לוסאַ האָט עס ביז מיט אַ האַלב שעה צוריק ניט געוווסט.

— אַזאַ סורפּריז! — איז דער דירעקטאָר אויפגעשפּרונגען. — דערלויבט מיר עס צו מעלדן עפנטלעך אויף דער פּאַרטיע, ניט אַזוי.

— דאָס מאָל איז ניט אַזוי, — האָט לוסאַ געזאָגט, — פאַר מיינע עלטערן וויל איך ניט דאָס זאָל זיין אַ פּאַרטיע־סורפּריז, ווי פאַר פרעמדע געסט.

— ביסט קלוג און גערעכט, טייערע! — האָט לאָוואַ געזאָגט. — און איך האָב אַ פּלאַן: פּאָר גלייך אַהיים און דערצייל עס די עלטערן, און איך וועל קומען שפּעטער. און דער דירעקטאָר וועט עס מעלדן עפנטלעך.

אַלע טעאַטער־געסט זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט און מ׳האָט דערוואַרט דאָס זינגער־פּאָרל. מיט אַ הוראַ האָט מען אויפגענומען דעם דירעקטאָר מיט לוסאַן. איצט האָט דער דירעקטאָר געמעלדעט, אַז דאָס זינגער־פּאָרל איז אַנגאַ־זשירט אויפן פעסטיוואַל אין האָליווד, און שפּעטער וועט קומען די באַמבע־מעלדונג, וואָס וועט אַלעמען איבערראַשן.

לוסאַ האָט שוין געהאַט דערציילט די עלטערן, אַז לאָוואַ האָט איר געמאַכט אַ הייראַט־אָנבאָט. זי האָט געוויזן דעם פאַרלאָבונג־רינג און די עלטערן זיי־נען געווען גליקלעך פון פרייד און זי געקושט.

ווען די געסט זיינען שוין געווען פריילעך פון טרינקען און עסן, אַ שטיק אריבער האַלבע נאַכט, האָט דער דירעקטאָר געמאַכט זיין מעלדונג. די באַמבע האָט טאַקע קיינעם ניט געשאַדט, אָבער דערפאַר האָבן אַלע נאָך מער גע־טרונקען און געזונגען און געטאַנצט.

ווען די שימחה האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט, האָט דער דירעקטאָר געמעלדעט, אַז די חתונה, וואָס וועט בקרוב פאָרקומען, וועט זיין די חתונה פון יאָר און דאָס זינגער־פּאָרל וועט זיין די באַרימטסטע און סענסאַציאָנעלסטע חתונה־פּאָר אויף דער גאַנצער וועלט.

פּ ע ס ע ל ע

.1

כאָטש מ׳האָט איר גערופן מיטן קינדיש־פאַרצויגענעם נאָמען, פּעסעלע, איז זי אָבער געווען ווייט פון איר ערשטער יוגנט. אָבער אין פּנים האָט זיך אָפּגעהיט אַ מין חן און פרישקייט, אַז קיינעם וואָלט ניט איינגעפאַלן אַז זי איז שוין באַלד אַ דרייסיקער. און ניט געקוקט וואָס זי איז יעדן טאָג אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט אין פאַבריק, ווו זי איז געווען אַ צושניידערין, האָט זי זיך נאָך דעם לאַנגן טאָג אַרבעט געדאַרפט אַ פּאָר שעה אָפּרוען און שוין האָט זי זיך געפילט שטאַרק און מונטער. זי האָט געוווּסט, אַז אַ רייכער בחור זוכט אַ יונגע און אַ טאַנצעוודיקע און אַ שיינע דערצו, און אַן אָרעמער בחור פאַרקערט — זוכט אַ רייכע מיידל, ער זאָל קענען לעבן אַ גוטן טאָג. און אַ מאָדנע זאַך: איר לאַגע האָט זי ניט געמאַכט פאַרצווייפלט, ווי אין איר האַרצן וואָלט זי געוווּסט אַז ערגעץ ליגט פאַר איר עפּעס אָנגעגרייט, נאָר מ׳דאַרף וואַרטן. האָט איר אפילו ניט געאַרט, וואָס זי ווערט עלטער, אַבי זי זעט נאָר אויס יונג.

געלעבט האָט זי צוזאַמען מיט איר מוטער אין אַ בוידעם־שטיבל. דאָרט האָט זי סיי ווי ניט געוואָלט ברענגען אַ באַקאַנטן בחור, ווייל זי האָט זיך ניט געוואָלט אַרויסשטעלן מיט איר אָרעמקייט. די מאַמע אירע איז געווען אַ שוואַכע און געמוזט טאָן די שווערע אַרבעט פון דער ווירטשאַפט.

אַזוי ווי פּעסעלע איז שוין לאַנג קיין קינד ניט געווען, האָט זי זיך צוגעוווינט צו ריידן מיט דער מאַמען וועגן אַלץ — אירע ווייניקע פריידן און די סך ליידן. די מאַמע האָט פאַרדרוס געהאַט, וואָס פּעסעלע דאַרף פון איר אַרבעט אויך איר אויסהאַלטן. פלעגט די מאַמע זיך כסדר באַקלאָגן און פּעסעלען פלעגט עס אויפרעגן.

— ווײ־ווײ, אַז דאָס מזל איז ניט גוט צו דיר... — פלעגט די מאַמע קרעכצן.

— אָט, ווען דו וואָלסט געהאַט אַ טאַטן, וואָלט אונדז ביידן גוט געווען... אָדער ווען עס מאַכט זיך אַ לייטישער בחור, אַז דו זאָלסט ניט דאַרפן אַזוי שווער האָרעווען אין פאַבריק.

— מאַמע, האָסט זיך שוין ווידער צערעדט. איך האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט, אז מיר איז ניט שווער, איך האָרעווע ניט. און מ׳באַצִיט זיך צו מיר פיין.

— אָבער ס׳איז מיר אַ ווייטיק אין האַרצן, אז מיין טאָכטער דאַרף פאַר מיר אַרבעטן...

— מאַמע, הער אויף מיט די רייד, כ׳קען שוין דאָס אַלץ אויף אויסוויניק. איך אַרבעט ניט פאַר דיר, איך אַרבעט פאַר זיך. דו אַרבעטסט אויך גענוג, דאָ, אין שטיבל. זיי נאָר געזונט, און וועגן מיין אַרבעט זאָרג זיך ניט, כ׳וויל עס מער ניט הערן.

דער מין געשפּרעכן האָט זיך אָפט איבערגעחזרט. און ווי נאָר ס׳פלעגט פעסעלען ווערן שווער צו הערן דער מאַמעס רייד, פלעגט זי אַרויסשפּרינגען שטענדיק ווי מיט אַ שפּרוך:

— וואַרט נאָר מאַמע, כ׳האָב דאָך אַ לאָטעריי־צעטל, וועל איך באַלד געווינען דעם גרויסן געווינס. וועל איך דיר אַריינזעצן אין אַ פּאַלאַץ און וועסט מער ניט דאַרפן אַרבעטן.

— כ׳הער שוין פון דיר יאָרן וועגן דעם גרויסן געווינס, אָבער ווי קומט צו אונדז אזא מזל, פעסעלע? זעסט, גראָדע די וואָס דאַרפן ניט — די געווינען.

— ווער דאַרף עס קיין געלט ניט, מאַמע? — האָט פעסעלע געלאַכט. — אפילו דער אַלטער בחור, וואָס פירט מיר יעדן אָוונט אהיים מיט זיין אויטאָ, וויל געלט.

— אַ, יע, וועגן דעם בחור האָב איך דיר טאַקע געוואָלט פרעגן. ער האָט דיך אוודאי ליב, אז ער פירט דיר אַהיים און עפנט נאָך די טיר פאַר דיר.

— מאַמע, דאָס קאָסט אים קיין געלט ניט, טוט ער עס. ער איז קאַרג און העסלעך.

— צי קענען דען אַלע זיין שיין? און פאַרגעס ניט אז די צייט רוקט זיך...

— און זיין הייקער, מאַמע? — האָט פעסעלע אויסגערופן. — ער וועט מיר ניט געפעלן אפילו אין דרייסיק יאָר ארום... אויב אפילו איך זאָל בלייבן אַ פאַרזעסענע מויד...

— דו ביסט אַ צו שטילע, פעסעלע, און דיין מזל שוויגט אויך...

— און אז איך וואָלט געשריען, וואָלט מען מיר אויסגעכאַפּט? — האָט פעסעלע געזאָגט. — אָט, געדענקסט דאָך אז כ׳האָב מיט אַ פאָר יאָר צוריק געטראָפן אַ בחור ביי מיין חברטע, מירע, איז גלייך דעם ערשטן טאָג האָט ער צו מיר געשמייכלט און מיר געהאַלטן פאַר אַ האַנט, נאָר איידער כ׳האָב נאָך

באַוויזן צו וויסן זיין נאָמען האָט עס מירעלע באַמערקט און מער ניט געלאַדן ניט דעם בחור און ניט מיר. ס'האָט איר פאַרדראָסן...

— וואָס געווען איז אַוועק... — האָט די מאַמע געזאָגט און אָפּגעשניטן דערמיט די רייד.

— אָבער ס'וועט נאָך קומען עפּעס גוט, מאַמעלע, איך פיל עס... — פלעגט פּעסעלע פאַרענדיקן מיט אַ טאָן פון האָפענונג.

די האָפענונג איז אַלץ געקומען אויפן חשבון פון לאָטעריי־צעטל. דאָס פלעגט דער באַלעבאָס פון פאַבריק פאַרקויפן פאַר די אַרבעטער לאָטעריי־צעטלען, אָבער פאַר אַלע יאָרן האָט דער אָדער יענער געוואונען אַ קליינע סומע, אָבער צו דעם גרויסן געווינס איז קיין מאָל ניט געקומען.

אויך פּעסעלע האָט גענומען אַ לאָטעריי־צעטל. דאָס פלעגט איר וואַרעמען, פּונקט ווי די אַנדערע, און געבן האָפענונג, אַז אָט פּאַסירט עס און זי געווינט — און ווי נאָר זי פלעגט זען אַז זי האָט ניט געוואונען, פלעגט זי עטלעכע טעג אַרומגיין אַנטוישט און פאַרזאָרגט. זי האָט געוואָלט ווערן רייך, ניט אַזוי צוליב דער אַרבעט ווי צוליב דער מאַמען. האָט זי שוין די לעצטע פּאָר מאָל געקויפט צו צוויי לאָטעריי־צעטלען, כאָטש ס'איז איר געפאַלן שווער, און נאָך דעם איז געווען גרעסער די אַנטוישונג.

איין טאָג איז פּעסעלע געקומען פון פאַבריק און געזאָגט, אַז זי גייט אויף אַ פּאַרטיע צו איר חברטע פרומעלען, וואָס זיי מאַכן פאַר אַ פעטער מיט אַ מומען און זייערע קינדער. זיי קומען צו זיי צו גאַסט אויף אַ פּאָר וואָכן.

— ווועסט קומען שפּעט אַהיים, פּעסעלע?

— כ'ווייס ניט, מאַמע. נאָר איצט מוז איך זיך צואיילן, ווייל באַלד וועט מען מיר קומען נעמען. און דו, מאַמע, לייג זיך צו און רו זיך אָפּ. וואַרט ניט אויף מיר.

די מאַמע האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט אַראָפּגיין אונטן, אין קעלערשטוב, אַראָפּטראָגן צו די אַלטע לייט וואָס וווינען דאָרט, אַ ביסל קרויטזופּ וואָס איז איר געבליבן.

— מאַמע, — האָט זיך פּעסעלע געבעטן, — זיי זיינען טאַקע אַלטע לייט און קיינער זאָרגט ניט פאַר זיי, אָבער דו ביסט קראַנק, מיט געשוואָלענע פיס, און פאַר דיר זיך שלעפּן פון בוידעם־שטיבל ביזן קעלער־שטוב, אונטן, און נאָך ביי נאַכט, איז צו שווער.

— אָבער ס'איז אַ רחמנות אויף זיי, זאָלן זיי כאָטש האָבן אַ ביסל וואַרעמע זופּ.

— איך זשאַלעווע ניט די זופּ, — האָט זיך פּעסעלע באַליידיקט, — נאָר דו

דאַרפסט אויך טראַכטן וועגן זיך! — פלוצלינג האָט זי אַ געשריי געטאָן: — אוי, שוין שפּעט!..

— פעסעלע, ביז דו וועסט זיך איבערטאָן וועל איך זיין צוריק! — האָט די מאַמע גענומען דעם טעפּל פון פליטע און ארויס אין דרויסן.

פעסעלע האָט זיך גיך איבערגעטאָן. זיך פאַרקאַמט. אַ פוץ געטאָן די נעגל. געמאַכט די ליפּן און געשטאַנען גרייט צו גיין. איצט האָט זי געוואָרט די מאַמע זאָל קומען.

די מאַמע איז אריין מיטן ליידיקן טעפּל און מיט אַ קרעכץ: — אוי, מיינע פיס!..

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט, מאַמע, היט דיין געזונט און זוך ניט קיין מיצוות. די אַלטע לייט, האָב איך געהערט, האָבן אַ רייכן זון אין אמעריקע און ער אינטערעסירט זיך אויך ניט מיט טאַטע-מאַמע. אז אָך און ווי צו זיי.

— אזוי זיינען שוין קינדער, פעסעלע, זיי פאַרגעסן...

— ניט אַלע קינדער, מאַמע, — האָט פעסעלע גערעדט, קוקנדיק אויפן זייגער, — אָט, אז איך וועל געווינען דעם גרויסן געווינס, נעם איך דיר גלייך צו די בעסטע דאָקטוירים און זיי וועלן דיר געזונט מאַכן, און דו וועסט זיצן אין הויז ווי אַ גרויסע גבירטע און זיך כסדר רוען. די דינסטן וועלן אַלץ טאָן פאַר דיר.

— ס׳איז גוט צו הערן אזעלכע וואַרעמע רייד פון דיר, פעסעלע. אַ דאַנק, מיין קינד.

— אוי, מאַמע, הערסט, דער אויטאָ טרובעט שוין. מ׳איז מיר געקומען נעמען.

— פאַרברענג זיך גוט, פעסעלע. און פעסעלע האָט אַ קוש געטאָן די מאַמען און אַוועק.

.2

ווען פעסעלע איז צוריק געקומען אהיים, אַ שטיק נאָך האַלבע נאַכט, האָט זי געפונען איר מאַמען זיצן ביים פענצטער און דרעמלען.

— פאַר וואָס ביסטו אויף אזוי שפּעט, מאַמע? כ׳האָב דיר געזאָגט זאָלסט ניט וואַרטן.

— כ׳האָב געפּרוווט איינשלאָפן און ניט געקענט, און אז כ׳האָב דערזען אז ס׳ווערט שפּעט און דו ביסט ניטאָ, בין איך געוואָרן אומרואיק. ווייסט דאָך, אַ מאַמעס האַרץ...

— אָבער זיך אַוועקזעצן ביים פענצטער אין מיטן דער נאַכט, צוליב וואָס?

— אַט, סתם אַזוי. כ'האָב געקוקט צום נאַכטיקן הימל מיט די שטערן. און כ'האָב געבעטן ביים אייבערשטן, אַז ער זאָל דערפילן אַלץ וואָס דו ווינטשט זיך. נו, אַז כ'האָב געזעצן אונטן דעם אויטאָ קומען און דער בחור עפנט דיר די טיר, איז מיר געוואָרן פריילעכער. ווער איז ער, דער בחור? — האָט די מאַמע געפאָרשט.

— דאָס איז דער עלטסטער זון פון דער פאַמיליע, וואָס איז געקומען צו פרומעלען צו גאַסט, אירער אַ קוזין. מ'האָט געשפילט פלאַטן און ער האָט די גאַנצע צייט מיט מיר געטאַנצט. — האָט אָפּגעגעבן פּעסעלע דעם באַריכט פון אָוונט מיט אַ צופרידן קול.

— מיך פרייט אַז דו האָסט גוט פאַרבראַכט, — האָט די מאַמע הנאה גע־האַט פון פּעסעלעס אויפגעמונטערטער שטימונג און פון איר אָפנהאַרציקייט.

— און וואָס טוט ער, ער לערנט? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן.

— ניין, מאַמע, ער איז אַליין אַ לערער, ער לערנט יענעם, קינדער אין אַ שול.

שפּעטער, ווען די מאַמע איז אַ מידע איינגעשלאָפן, איז פּעסעלע געלעגן וואַך ביז אין באַגינען אריין. זי האָט וויל געוווסט אַז מאָרגן איז אַן אַרבעטס־טאָג און זי מוז פרי אויפשטיין, אָבער דער שלאָף איז צו איר ניט געקומען. אירע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיטן בחור. איצט נאָך האָט זי געפילט די וואַרעמקייט פון זיין האַנט אין אירע, זיין נאָענטקייט בעתן טאַנצן און זיין שטיל שעפּטשען. נאָר מער פון אַלץ האָט זי געדענקט, ווי ער האָט איר דעם גאַנצן אָוונט גערופן ביים ערשטן נאָמען, אַזוי ווי מ'האָט איר פאַרגעשטעלט. זיין פּעסעלע איז ארויסגעקומען ליבלעך, ווי זיי וואָלטן שוין געווען לאַנג באַ־קאַנטע. און ער האָט איר אפילו געמאַכט אַ האַרציקן קאָמפּלימענט:

— ס'געפעלט מיר דיין צוריקגעהאַלטנקייט, פּעסעלע... — האָט ער גע־זאָגט. די מיידלעך ביי אונדז אין שטעטל האָבן ליב זיך ארויסצושטעלן און מאַכן אַ גערודער ארום זיך.

זי האָט נאָך געדענקט זיינע ווערטער. ס'איז געווען גוט זיך צו דערמאָנען זיינע רייד. זי האָט זיך אפילו דערמאָנט די שטריכן פון זיין פּנים און ווי ער שמייכלט. גלייך נאָך דעם ערשטן טאַנץ איז ער שוין ניט אָפּגעטראָטן פון איר...

— דו רופסט מיר הענעך, אויב דו הייסט פּעסעלע — צוויי יידישע נעמען! אין דער היים און אין שול רופט מען מיר העניי... ס'איז אָנגענעם מיט דיר צו פאַרברענגען...

— מיט מיר? — האָט זי זיך אויפריכטיק געוווּנדערט. — איך בין שוין ניט קיין צו יונגינקע, באַלד גאַנצע דרייסיק! — האָט זי אים געקוקט גלייך אין די אויגן.

— קיין אומגליק ניט! — האָט ער געלאַכט. — און איך בין נאָך עלטער — גאַנצע פינף און דרייסיק. אָבער כ'האָב ליב סאָלידע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעקליבן אַ באַגאַזש פון פאַרשטאַנד. און די הויפּטזאַך, אַז איר זייט אַזוי נאַטירלעך אין יעדע זאַך — אָנגעטאָן באַשיידן און אָן שמינקע. אַזוי געפעלט מיר. ביי אונדז די מיידלעך — מיט פאַרשמירטע פּנימער און לאַנגע ברעמען, ביז די אויערן, און נאָך לענגערע הויזן און קליידער.

צום וויפלטן מאָל דערמאָנט זי זיך ווידער און ווידער די דאָזיקע רייד זיינע. און איר האַרץ ציטערט־אויף, ווען זי דערמאָנט זיך אַז ער האָט איר איינגעלאַדן צו גיין מיט אים שבת אין קינאָ. זי ציילט וויפל טעג און נעכט ס'איז געבליבן ביז שבת.

אָבער ווען ער האָט זי געפרעגט וואָס זי טוט, האָט זי האַלב זיך ניט גע־מאַכט הערנדיק און האַלב פאַררעדט מיט עפּעס אַנדערש. זי איז זיכער אַז ער סימפּאַטיזירט איר. און אפשר טאַקע ליבט ער מיר? און ס'וועַרט איר וואַרעם אין אַלע גלידער. און זי? זי ליבט אים פון ערשטן קוק. אין דעם איז זי זיכער. און אויב ער ליבט מיר אויף אַן אמת, וועט אים ניט אינטערעסירן צי איך בין אָרעם צי רייך.

נאַרישקייטן, באַפאַלט איר מיט אַ מאָל אַ צווייפל, מאַלע וואָס בחורים גיבן מיידלעך קאָמפּלימענטן. אָבער אַזאַ ווי אים האָט זי נאָך ניט געטראָפן... ענד־לעך, ער איז דער באַשערטער...

די שויבן גרויען שוין און די אויגן קלעפּן זיך. — איך בין אַזוי מיד פון טאַנצן אַ גאַנצע נאַכט! זאָגט זי צו אים און שפּאַרט זיך אָן אויף זיין וואַרעמער פּלייצע.

— כ'וואָלט דיר וועלן פרעגן עפּעס, — זאָגט ער, — אָבער ענטפער מיר אויפריכטיק: — ווען מ'גיט דיר זיך אויסקלייבן, וואָס דו ווילסט בעסער, מיר אָדער דעם גרויסן געווינס, וואָס וואָלסטו גענומען?

— כ'וויל ביידע! ביידע! האָט זי אַ שפּרונג געטאָן פון געלעגער מיט אַ געשריי. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען אַז ס'איז שוין ווייטער טאָג. ווען די מאַמע וואָלט איר ניט געלאָפן אַנטקעגן, וואָלט זי זיכער געווען אַז דאָס איז ניט געווען קיין חלום:

— וואָס האָט פּאַסירט, פעסעלע? האָסט עפּעס געשריען. מסתמא א חלום?

— אַזוי צו פאַרשלאָפן, מאַמע. שוין גרויסער טאָג.

— איך האָב אויך פאַרשלאָפן, — האָט זיך די מאַמע פאַרענטפערט, — און ס'איז מיר געווען אַ רחמנות דיך אויפצוּוועקן. האָסט אַזוי געשמאַק געשלאָפן.

— אָבער כ'האָב שוין געדאַרפט זיין אין פאַבריק. מ'וועט וואַרטן אויף מיר.

— האָט פעסעלע פאַרזאָרגט געזאָגט. זי האָט געזען דער פרישטיק איז שוין געשטאַנען אויפן טיש.

אַ מאָדנער חלום, האָט זי געטראַכט, און ניט געקענט באַשליסן צי זי זאָל דערציילן דער מאַמען.

— פאַר וואָס האָסטו מיר גלייך ניט אויפגעוועקט ? — האָט זי געפרעגט.

— מיר דוכט, אַז דאָס איז ס'ערשטע מאָל אַז דו פאַרשלאָפסט, און ס'איז קיין אומגליק ניט, אַז מ'איז אַ מאָל אַ ביסל שפּעט. און כ'געדענק גאַנץ גוט, אַז דו האָסט מיר דערציילט אַז שטענדיק איז ביי דיר פאַראַן אַ גרויסער רעזערוו פון צוגעשניטענע ארבעט.

— יע, מאַמע, כ'האָב טאַקע איינגעפירט אזא סיסטעם, זינט איך האָב אי־בערגענומען דעם דעפּאַרטמענט פון צושניידן און מאָדעלירן נייע פאַסאָנעס.

— איז אויב אזוי, טאָ זעץ זיך און עס אָפּ פרישטיק, נאָך דעם וועסטו פאָרן אין פאַבריק.

— ווייסטו ווי פרומעלעס קוזין הייסט, דער וואָס האָט מיר דאָ נעכטן גע־בראַכט ? ער הייסט הענעך, — האָט פעסעלע פלוצלינג געזאָגט. — און ווייסטו וואָס מיר האָט זיך געחלומט ?

אין דעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר און איידער זי האָט נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן, איז דער באַלעבאָס פון פאַבריק, מ״ר ראַכמאַן, גע־שטאַנען אינעווייניק אין שטוב און האָט זיך שנעל ארומגעקוקט.

דאָס האָט פּאַסירט דעם ערשטן מאָל, אַז דער באַלעבאָס אליין זאָל דאָ קו־מען. שטענדיק, אין אַ דרינגנדיקן פאַל, האָט ער געשיקט אַ יינגל. אין דער ערשטער רגע איז ער געבליבן שטיין אָן לשון, זעענדיק די אָרעמקייט אין וועלכער זיין בעסטע צושניידערין און מאָדעלירערין פון פאַסאָנעס, לעבט. אָבער איידער ער האָט נאָך באַוויזן ארויסצוברענגען אַ וואָרט, איז שוין פעסעלע גע־שטאַנען לעבן אים און זיך פאַרענטפערט פאַר היינטיקער פאַרשפּעטיקונג :

— זיך שפּעט געלייגט שלאָפן, מ״ר ראַכמאַן, און צוליב עפּעס ניט געקענט איינשלאָפן. און דאָס איז מיין מוטער ! — האָט זי זיך דערמאָנט איר פאַר־צושטעלן. — כ'בין גרייט צו גיין מיט אייך.

— ניט וועגן דעם בין איך איצט געקומען, — האָט איר ראַכמאַן וואַרעם אריינגעקוקט אין די אויגן און אויף זיין קיילעכדיקן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ שמייכל.

פעסעלע און איר מוטער זיינען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער, אין דערוואַרטונג.

— מיינע ליבע דאַמען! — איז ער פלוצלינג איבערגעגאַנגען אין אַ פייער־לעכן טאָן, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ טאָסט. — איך בין געקומען אייך גראַטולירן: פעסעלע האָט געוואונען דעם גרויסן געווינס! —

מאַמע און טאָכטער זיינען געבליבן שטיין צעטומלטע פון דער פלוצלינג־דיקער בשורה און האָבן ניט געקענט אַרויסברענגען אַ קלאַנג פון מויל.

די ערשטע איז צו זיך געקומען פעסעלע. זי האָט זיך דערמאָנט אָן חלום און די אויגן זיינען איר פול געוואָרן מיט טרערן פון פרייד. זי איז אַרויפגע־פאַלן דער מאַמען אויפן האַלדז און געוויינט. די מאַמע האָט אין גאַנצן געצי־טערט פון אויפרעקונג און געגאָסן מיט טרערן.

דער באַלעבאָס האָט זיך צוגעקוקט צום בילד און געשוויגן. נאָך דעם האָט פעסעלע אויסגעווישט די אויגן, איז צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס, אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, מ״ר ראָכמאַן! איך האָב געוווסט אז דאָס וועט אַ טאָג פּאַסירן. אָבער היינט האָט מען עס מיר אין חלום אָנגעזאָגט: ס'איז מער ווי איין געווינס. ס'איז מער... — האָט זי שטיל געשעפּטשעט. — ס'איז מיין גרויס מזל!

דער באַלעבאָס און די מאַמע האָבן איר אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען, אָבער אין דער פייערלעכער מינוט האָבן זיי איר ניט געוואָלט צעשטערן איר גליק מיט פראַגן.

ס'האָט אויסגעזען ווי אַ יום־טוב וואָלט אַראָפּגענידערט אין שטוב. די פנימער פון די דריי מענטשן האָבן געלויכטן און פון די אויגן האָט געשטראַלט אַ פרייד.

אַ ביסל שפּעטער איז שוין מ״ר ראָכמאַן געזעסן מיט זיי ביים פרישטיקטיש און מ'האָט גערעדט וועגן פּראַקטישע זאַכן. ער האָט געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט און ס'איז נאַטירלעך, אַז פעסעלע וועט איצט אַוועק פון דער אַרבעט, אָבער ס'וועט זיין אַ גרויסער שאָדן פאַר דער פאַבריק און אַ פּערזענלעכער שאָדן אויך פאַר אים. ווייל זי איז אַן ערשטקלאַסיקע מאָדעלירערין און צושניידערין, און ווייל ער פילט אַ טיפע פריינדשאַפט צו איר צוליב איר ערלעכקייט און שטילקייט. פעסעלע האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי וועט ניט אַוועקגיין פון דער אַרבעט איידער זי וועט צוגרייטן אַ פּאַסיקע שטעלפאַרטרעטערין, וואָס זאָל קע־נען פאַרנעמען איר פּלאַץ. און ווי אַ סימן פון איר גוטן ווילן וועט זי מאָרגן קומען צו דער אַרבעט. דער באַלעבאָס איז געווען גערירט:

— די טעלעגראַמע איז אָנגעקומען הייַנט באַגינען, און ס'וועט מסתמא זיין הייַנט אין די נאָכמיטאָג־צייַטונגען. איך באַטראַכט עס, אייער באַשלוס וועגן פאַבריק, ווי די גרעסטע פריינדשאַפט! — האָט ער אויסגערופן. — און הייַנט נאָך מיטאָג וועלן דיר באַפאַלן די קאָרעספּאָנדענטן פון די צייַטונגען און וועלן וויסן וואָס דו גייסט טאָן? אַז זיי וועלן הערן אַז דו גייסט צוריק אין פאַבריק, וועט עס זיין די גרעסטע סענסאַציע, ממש אַ באָמבע!

און ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען.

3.

אויף מאָרגן האָט דער באַלעבאָס געשיקט זיין אויטאָ מיטן שאָפער איר ברענגען אין פאַבריק. אויפן געזעס איז געלעגן די מאָרגן־צייַטונג מיט אַ גרויסן בילד פון איר, אויף דער ערשטער זייט, און אַ קאָפּ איבער אַלע שפּאַלטן: 60.000 דאָלער און — צוריק אין פאַבריק!

גראָדע איז דער ענין פון פעסעלעס געווינס אַריבער ביי פרומעלען מיט אירע געסט אין גיך וויסן. דאָרט פלעגט מען ניט האַלטן פון צייַטונגען און פּאָליטיק, אַזוי אַז צו זיי איז די סענסאַציע פון גרויסן געווינס ניט דערגאַנגען. דערפאַר האָט מען פעסעלען אויפגענומען אין פאַבריק מיט אַזאַ פּאַראַד, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. די גראַטולאַציעס און קושענישן זייַנען געווען אַזוי פיל, אַז זי האָט ניט געהאַט ווי אָפּצואָטעמען. און גלייַך נאָך דער אַרבעט האָט מען אין עקזעקוטיוו־זאַל צוגעגרייט אַ גרויסע פּאַרווײַלונג. דאָס האָט דער באַלעבאָס געגעבן אַ פּאַרטיע לכבוד פעסעלען און אַליין האָט ער געהאַלטן דעם טאָסט פאַר איר, ווו ער האָט זי געלויבט און געווונטשן אַ סך גליק. אירע נאָענטסטע מיטאַרבעטער האָבן געטרונקען מיט איר, און זי איז געווען שיכור פון גליק מער ווי פון ווייַן. די שיינע בחורים, מיט וועמען זי האָט געאַרבעט צוזאַמען און אפילו דירעקטאָרן פון דערבייאיקע פאַבריקן, וועמען מ'האָט איינגעלאַדן, האָבן איר געמאַכט קאָמפּלימענטן. אַ פּאָר האָבן עס געטאָן אַזוי אָפן, אַז ס'האָט איר זשעניִרט. — מיט מיין געלט ווילן זיי חתונה האָבן... האָט זי געטראַכט. זי האָט נאָר געטאָן אַ שמייכל צו דעם און יענעם און באַדאַנקט פאַר די קאָמפּלימענטן.

אויף איר געלעגער ביי נאַכט האָט זי ווידער געטראַכט וועגן הענרין און געציילט די טעג ביז סוף־וואָך, ווען זיי וועלן גיין צוזאַמען אין קינאָ. זי האָט פאַרשטאַנען אַז ביי פרומעלען ווייס מען פון דעם גאָר ניט און איז געווען

צופרידן. זי האָט אפשר געוואָלט מער זיך טאָן אַ שפּיל מיט אים. זאָל ער ניט וויסן. דאָס וועט איר אויך זיין אַ סימן ווי ערנסט ער איז מיט איר.

אין דעם שפּיל האָט זי אויך געוואָלט דערוויל בלייבן ווינען אין דעם אַלטן בוידעם־שטיבל, אָבער אין אירע געדאַנקען האָט זי שוין געמאַכט פּלענער וועגן קויפן אָדער בויען אַ גרויסע הויז, אז אויך איר מאַמע זאָל קענען מיט זיי ווינען. זי וועט אויך העלפן די אָרעמע אַלטע פּאָרפאָלק, וואָס ווינען אין קעלער.

פאַרשטייט זיך, אז פּעסעלע האָט וועגן אירע אַלע פּלענער דערציילט איר מאַמען און מיט איר אָפּגעמאַכט, אז טאָמער קומט ארויף העברי צו זיי טאָר ער דערוויל פון דעם ניט וויסן. דערוויל איז שוין אין אָרעמען בוידעם־שטיבל געוועזן פריילעך און גוט.

און העברי איז אין די פּאָר טעג אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. ער האָט שוין געמאַכט זיינע פּלענער — די ערשטע זאַך קריגן אַרבעט. מיט זיינע רעפערענצן איז אים דאָס ניט געפאַלן שווער און אין דעם מאַנגל פון לערער האָט מען אים גלייך צוגעכאַפּט, פאַר אַ גוטן געהאַלט.

ער האָט באַשלאָסן אז ס'איז שוין צייט פאַר אים חתונה צו האָבן. איצט האָט ער געפונען די ריכטיקע מיידל, וועט ער איר ניט אָפּלאָזן און מער ניט צו־ריקפאָרן אין שטעטל, מיט דער פאַמיליע.

נאָכן גיין אין קינאָ האָבן זיי זיך שוין אָפּט געטראָפן. ער האָט איר דער־ציילט אז ער האָט פּלענער פאַר זיי ביידן, און אז צוליב דעם בלייבט ער שוין איבער אין שטאָט. ער האָט אַרבעט.

פּעסעלע האָט אים געפרעגט, וואָס מיינט עס פּלענער פאַר ביידן.

— פּלענער פאַר ביידן, מיינט : חתונה האָבן ! פּעסעלע, איך ליב דיר...

— און וואָס וועט מיין מאַמע זאָגן, העברי ? כ'האָב אויך ליב מיין מאַמען...

זי האָט אים שוין אויך געהאַט געבראַכט אהיים, אין דעם בוידעם־שטיבל. ווען זיי האָבן זיך אין אָוונט געטראָפן, האָט ער געזאָגט אז ער האָט באַמערקט ווי איר מאַמען איז שווער צו גיין אויף די טרעפּ. ער טראַכט, אז מיט זייערע פאַרדינסטן וועלן זיי קענען נעמען אַ גרעסערע הויז און די מאַמע וועט זיין ביי זיי. אפשר אויך אַ דינסט.

אַ טאָג שפּעטער, ווען פּעסעלע איז געקומען פון גאַס, האָט זי געפונען העברין מיט איר מאַמען זיצן ביים טיש, ביי אַ גלעזל טיי. העברי האָט איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט :

— פּעסעלע, דיין מאַמע האָט געגעבן איר צושטימונג צו אונדזער חתונה.

די מאַמע האָט איר געקושט אין די אויגן, געווונטשן מזל טוב און גע־ווינט פאַר שימחה.

דאַן האָט העני ארויסגענומען פון טאַש אַ קליין פושקעלע און פון דאָרט אַ קליין גאָלד ריגעלע מיט אַ דימאַנט און עס אָנגעטאָן אויף פעסעלעס פינגער.

— איצט זיינען מיר פאַרלאָבט! — זיי האָבן זיך ארומגענומען און געפילט ווי זייערע הערצער צאַפּלען פון גרויס פרייד. — דאָס איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן!

— אין מיין לעבן — אויך! — האָט פעסעלע געזאָגט מיט אַ פייכטן גלאַנץ אין די אויגן.

4.

זיינע עלטערן זיינען געווען צופרידן פון שידוך. זיי האָבן שוין לאַנג גע־וואַרט אויף דעם טאָג, אז דער „אַלטער בחור" זאָל ברענגען אַ ווייב אין שטוב. עס איז באַשטימט געוואָרן דער טאָג פון דער חתונה, און פעסעלע האָט אָנ־געהויבן זוכן אַ פּאַסיקע שיינע און גרויסע הויז.

אַגענטן האָבן אָנגעהויבן אָפּקלאַפּן אירע טירן און זי האָט זיך געמוזט היטן, אז העני זאָל דערפון ניט וויסן. זי האָט אים געוואָלט מאַכן דעם גרעסטן סורפּריז אין זיין לעבן. אין טאָג פון דער חתונה האָט זי אים געוואָלט אריינ־פירן אין אַ שיין מעבלירטע הויז מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און זאָגן:

— העני, דאָס איז מיין מתנה צו אונדזער חתונה!

ווען זי האָט זיך ענדלעך באַשלאָסן אויף איינע פון די שענסטע און רייכסטע הייזער, האָט זי מיטגענומען איר מאַמען עס זען. די מאַמע האָט אירע אויגן ניט געגלייבט:

— פון דעם בוידעם־שטיבל אין אזא הויז!...

— נאָך דער חתונה וועלן מיר פאָרן אויף אַ רייזע, מ'רופט עס „האָנימון", מאַמע. דו וועסט בלייבן אין אונדזער הויז, מיט אַ דינסט, און זיך אָפּרוען, הערסט!

העני איז ניט געווען שטאַרק צופרידן, וואָס פעסעלע האָט אויף זיך גע־נומען אַלע זאָרגן פון קריגן אַ וווינונג פאַר זיי, ער האָט אָבער ניט געוואָלט שטערן אויב איר מאַכט עס פאַרגעניגן. ער איז געוואָרן אומרואיקער מיט יעדן טאָג, נאָר זי האָט עס אזוי פאַרצויגן ביזן סאַמע טאָג פון דער חתונה.

גלייך באַגינען, פון חתונה־טאָג, האָט העני איר געפירט צו דעם אַדרעס, וואָס זי האָט אים געזאָגט, מיט זיין קליינעם אויטאָ. ער האָט מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף איר און זיך געוואונדערט, ווי קומט זי צו דינגען אַ וווינונג אין דער עלעגאַנטסטער געגנט פון שטאָט. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם איז ער איר

נאָכגעגאַנגען. זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם שיינעם גאָרטן מיט דער גרינער לאָנקע, אין מיטן, ווי אַ בריליאַנט, האָט קעגן זון געגלאַנצט אַ בלויער שווימ־באַסיין. אז זי האָט אַנגעקלונגען אין דער ליכטיקער טיר, האָט אַ דינסט גע־עפנט און מיט אַ שמייכל זיך פאַרנייגט. פּעסעלע האָט העגרין געפירט איבער די ווייכע טעפּעכער, אין אַלע צימערן זיינען געשטאַנען מעבל־שטיקער אין אַלערליי פאַרבן, מיט קרישטאָלענע לוסטרעס, זיידענע גאַרדינען...

העגרין האָט פאַרשווינדלט דער קאָפּ. אים האָט זיך געדוכט ס׳איז אַ חלום. אַזלעכע פּראַכטיקע באָד־צימערן און אזא שלאָפצימער האָט ער גאָר קיין מאָל ניט געזען. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אין היפּנאָז. זי האָט אים צו לעצט צוגעפירט צום גאַראַזש, וווּ ס׳איז געשטאַנען אַ רויטער גלאַנציקער לוקסוס־אויטאָ. ער האָט קוים ארויסגערעדט:

— ווער האָט דאָס דיר דערלויבט צו מאַכן אזא שפּאַס מיט מיר?

— ס׳איז ניט קיין שפּאַס, העגרי, דאָס איז מיין מתנה צו אונדזער חתונה! —

*

קומענדיק צו דער חתונה האָט שוין העגרי געוווּסט די גאַנצע געשיכטע, וואָס פּעסעלע האָט פאַר אים די אַלע חדשים אויסבאַהאַלטן. די סענסאַציע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די געסט, וואָס האָבן פול געמאַכט די שול און דעם אויפנאַמזאַל. און ס׳איז געווען אַזוי ליכטיק און פריילעך און שיין, אז קיין פּעדער קען עס ניט באַשרייבן.

שפּעט ביי נאַכט, ווען זיי זיינען געזעסן אויף דער זאָפע און זיך אָפּגערוט פון דעם לאַנגן טאָג מיט די אויסטערלישע איבערלעבונגען, האָט העגרי פּע־סעלען אַ קוש געטאָן:

— דאָס איז אַ חלום, פּעסעלע, כ׳וואָלט זיך עס קיין מאָל ניט געקענט פאָרשטעלן.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן און זיך עפּעס דערמאָנט און אַ צוק געטאָן:

— זאָג מיר, העגרי, ווען מ׳לאָזט דיר אויסקלייבן וואָס דו ווילסט בעסער, מיר אָדער די מתנה מיינע, וואָס וואָלסטו גענומען?

— דיך, טייערע, זיכער דיך!

— נאַרעלע, — האָט זי אים געגלעט ווי אַ קליין ייִנגל, — זאָג:ביידן! ביידן!..

צוריק אַהיים

1.

ווען מאַקס האָט מיט אַכצן יאָר צוריק פאַרלאָזן צילען, האָט עס אים צו ערשט ניט געאַרט. נאָך דעם האָט ער אין גאַנצן פאַרלאָרן אירע שפּורן. נאָך שפּעטער האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעלאָזן אין מאַכן געלט, און ער איז טאַקע רייך געוואָרן. און דאַן האָט אים אָנגעהויבן זיין געוויסן פייניקן און ער האָט איר אָנגעהויבן זוכן.

צו ערשט האָט ער איר געזוכט אין דער שטאָט ווו ער האָט איר געלאָזן. ער האָט זיך אומעטום נאָכגעפרעגט, ער איז געפאָרן אין די שטעטלעך ארום, אָבער קיינער האָט אים גאָר ניט געקענט זאָגן. האָט ער זיך דערמאָנט אַז זי איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און אָנגעהויבן גיין איבער די שפּיטעלער, ביז אין איין שפּיטאָל האָט ער דערזען אין קאָרידאָר הענגען אַ גרויסן בילד פון פּער־סאָנאַל און איר גלייך דערקענט צווישן די אַנדערע שוועסטער. אַז ער האָט געוויזן די הויפּטשוועסטער וועמען ער זוכט, צי זי קען אים געבן דעם אַדרעס פון דער פרוי, און אויב זי לעבט אליין, האָט אים די שוועסטער געזאָגט, אַז ווי וויט זי געדענקט האָט זי איר אַ מאָל דערציילט: איר מאַן איז געפאַלן אין וויעטנאַם און זי לעבט צוזאַמען מיט איר איינציקער טאָכטער. די אינפאָרמאַ־ציע מיטן אַדרעס איז גענוג געווען, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן זאָל מאַקס גיין גלייך צו זיי אַהיים.

ער האָט געוווּסט אַז ס׳איז ניט זיין היים און ניט ער האָט די טאָכטער אויפ־געהאָדעוועט. עס האָט אים אָבער שטאַרק געצויגן, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז ער האָט צילעס בלוט פאַרגאָסן און ער איז ניט אָפּגעקומען זיין שטראָף פאַר דער זינד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום צילעס וווינונג און זיך געפּייניקט מיט געדאַנקען: הייסט עס אַז זי האָט דערציילט, אַז איר מאַן איז אומגעקומען אין דער מלחמה אין וויעטנאַם, ווייל זי האָט געוואָלט פון איר קינד פאַרמיידן די שאַנדע פון אַ ניט חתונה־געהאַטער מאַמען. ער האָט געוווּסט, אַז אין דער גרויסער שטאָט האָט קיינער צילען ניט געקענט און מ׳האָט ניט געפאָרשט ווער

זי איז, אָבער ער האָט איר איבערגעלאָזן אַליין אין איר גרעסטער נויט און אַנטלאָפֿן ווי אַ פֿאַרברעכער.

ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט איר הייליק געשוואָרן אַז ער האָט זי ליב, אָבער זי איז געווען צו יונג צו פֿאַרשטיין אַז ער נאַרט איר. זי האָט אים גע־גלייבט. איצט ווייס ער אַז זי האָט אים ליב געהאַט, אַניט וואָלט זי אוודאי שוין חתונה געהאַט. מאַקס האָט שנעל אויסגערעכנט, אַז צילע איז נאָך גאָר אַ יונגע פֿרוי. ווען עס האָט פּאַסירט דער אומגליק איז זי געווען אין גאַנצן פֿופֿצן יאָר אַלט, און ער מיט דריי יאָר עלטער. ביידע נאַרישע קינדער, האָט ער זיך גע־וואָלט גרינגער מאַכן דאָס האַרץ. איצט קען מען נאָך אַלץ ווידער גוט מאַכן. ער מוז איר באַצאָלן מיט גוטס פֿאַר זיין שלעכטס טאָן איר. זיי קענען נאָך ביידע גליקלעך זיין.

ווען מאַקס האָט זיך ארומגעדרייט און געריסן פֿון זיך שטיקער, האָט צילע געהאַט אַ שאַרפֿן אַרגומענט מיט איר טאָכטער גיטעלען. זי האָט זיך צוגע־הערט צום געשפּרעך וואָס איר טאָכטער האָט געפֿירט אויפֿן טעלעפֿאָן מיט סאַלי שער, וועלכער איז געווען אַ שותּף צו אַ פֿאַבריק און מ׳האָט אים גע־שאַצט פֿאַר אַ גביר. איר האָט פֿאַרדראָסן, וואָס גיטעלע איז אַזוי קאַלט צו אים און זאָגט אָפּ זיינע אַלע פֿאַרבעטעניש ארויסצוגיין פֿאַרברענגען.

— גיטעלע, פֿאַר וואָס טרייבסטו אים פֿון זיך? ער איז שיין און הייך און רייך אויך.

— אָבער ער איז ניט מיין געשמאַק, מאַמע. און וואָס האָט ער דערזען אין מיר, האַ?

— אָבער דו ביסט דאָך ניט מיאוס, מיין קינד. האָסט אַ שלאַנקע פֿיגור.

— עס זיינען דאָך אָבער דאָ שענערע פֿון מיר, און רייכערע. און ער געפֿעלט מיר ניט.

— און דער גערי, דער היפּי, געפֿעלט דיר יע, האַ? ער זעט מיר אויס אַ פֿוילער.

— ער איז ניט קיין היפּי, מאַמע, ער איז אַ סטודענט. ער וועט איין טאָג זיין אַ דאָקטער.

— ער וועט זיין אַ שמענדריק מיט לאַנגע האָר, און דיר וועט ער שיקן אַרבעטן.

— מאַמע, גערי לערנט זיך זייער גוט. ער קריגט מעדאַלן און ער וועט איין טאָג זיין אַ גרויסער מאַן. און די הויפּטזאַך: מיר האָבן זיך ליב און עס ציט מיין האַרץ צו אים.

— אַ האַרץ קען אַ מאָל פאַרפירן, גיטעלע. כ'ווייס עס. און ס'קען זיך אויך בייטן.

— ניין, מאַמע. פון יענעם וויל איך ניט הערן מער, דערמאָן מיר אים ניט.

— איז ווילסטו חתונה האָבן מיט געצין?

— ניט אזוי גיך, מאַמע. כ'בין נאָך צו יונג. כ'וויל נאָך אַ ביסל געניסן פון לעבן.

— און איך אין דיינע יאָרן בין שוין לאַנג געווען חתונה געהאַט...

— האָסטו זיך געאײַלט, מאַמע. און די צייטן זיינען געווען אַנדערע.

די מאַמע אליין האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס, ווייל אַניט וואָלט זיך עס נאָך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט אז טרערן שטיקן איר. זי האָט זיך דערמאָנט אָן מאַקסן. שטענדיק, בעת אזא אַרגומענט, דערמאָנט זי זיך אָן אים. ער האָט איר אוועקגעוואָרפן אין איר גרעסטן אומגליק, דערפאַר וויל זי אויסהיטן איר איינציקע טאָכטער. און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי איז פּלוצלינג געבליבן אליין מיטן פּיצל קינד, אָן קיינעם ניט — ניט קיין טאַטע־מאַמע און ניט קיין פריינד. זי האָט דורכגעמאַכט שווערע צייטן. זיך געמאַטערט. נעכט ניט געשלאָפן, און אין די טעג געאַרבעט צו פאַרדינען אויף אָן אָרעם לעבן פאַר זיך מיט גיטעלען. שפּעטער האָט זי איר אריינגעגעבן אין פּענסיאָן און אליין איז זי אַוועק ארבעטן אין אַ שפּיטאָל. ווען מאַקס וואָלט אַלץ ניט פאַרלייקנט און פאַרבליבן דאָן מיט איר — —

גיטעלע איז אריין צו זיך אין צימער. זי האָט געזען אז די מאַמע איז פאַרטראַכט און מיד, האָט זי איר געוואָלט לאָזן אליין. איצט האָט צילע זיך דערמאָנט יענע טעג, ווען זי איז געווען פאַרליבט אין מאַקסן און ניט געוווּסט וואָס מיט איר טוט זיך. אז זי האָט דערפילט אז אַ קינד צאַפּלט זיך אונטער איר האַרצן, האָט זי אים געזאָגט אז זיי מוזן חתונה האָבן. ער האָט איר געהאַט צוגעזאָגט, אז אויב נאָר עס פּאַסירט עפּעס איז גלייך דעם זעלבן טאָג גייט ער מיט איר צו דער חופּה. נאָר ווען זי האָט אים געזאָגט דעם סוד, אז זי איז שוואַנגער, האָט ער אָנגעהויבן גוואַלדעווען: ס'איז ניט זיין קינד. ער האָט זיך געהיט. זי האָט מסתמא נאָך בחורים און ווער ווייס פון וועמען עס קומט. זי איז געווען דערשלאָגן פון זיינע ווערטער. זיי האָבן איר ווי געטאָן און פאַרשעמט. דאָך איז איר ליבע געווען שטאַרקער ווי די באַליידיקונגען. זי איז אים געפאַלן צו די פיס און געזאָגט, אז נאָר אים אליין האָט זי ליב און חוץ אים האָט זי קיינעם ניט. ער האָט איר אָבער אַלץ פאַרדעכטיקט און געטענהט: אז דו גייסט מיר זיך איבערגעבן, איז זיכער אז דו קומסט צו אַנדערע פריינד

אויך... און ווער ווייס פון וועמען דאָס קינד איז ?.. זי האָט געפילט אז זי וועט פלאַצן פון זיינע פאַרווורפן און פון זיין שלעכטסקייט. זי האָט געפּרוווט גע־פינען אַ באַרעכטיקונג פאַר אים: ער האָט מורא פאַר זיינע עלטערן. זיי וועלן אים ניט לאָזן אזוי גיך זיך פאַרבינדן מיט אַ פרוי. דאָס וועט אים שטערן אין זיין לערנען. האָט זי געפילט אז זי וועט עס מער ניט אויסהאַלטן און באַשלאָסן צו אַנטלויפן: וואָס ס'וועט זיין זאָל זיין.

זי דערמאָנט זיך, אז זי האָט נאָך געוואַרט, געהאַט אַ האָפענונג: אפשר וועט ער זיך באַטראַכטן און קומען, קומען ווערן אַ טאַטע פאַר זיין קינד. מיט יעדער מינוט איז אָבער די פאַרצווייפלונג געוואַקסן, ביז זי האָט זיך אַ ריס געטאָן און אַנטלאָפן. נאָך דעם האָט איר פאַרדראָסן: אפשר איז ער שפּעטער געקומען און איר שוין מער ניט געפונען? עפּעס אַ מאָדנער כעס האָט איר געיאָגט די ערשטע טעג פון איין פּלאַץ צום אַנדערן. אפשר האָט ער איר גע־זוכט? זי האָט געוווסט אז ער איז פון אַ פיינע היים און ער האָט אַ גוטן כאַ־ראַקטער. האָט זי טאַקע ניט געקענט פאַרשטיין וואָס מיט אים איז מיט אַ מאָל געוואָרן. ווי אַ טייוול וואָלט אריין אין אים.

שפּעטער פלעגט גיטעלע אַלץ פרעגן פאַר וואָס האָט זי ניט קיין טאַטן, ווי די אַנדערע קינדער אין שול. דיין טאַטע איז געפאַלן אין וויעטנאַם, אין מלחמה, פלעגט זי איר זאָגן. און אין דער זעלבער צייט האָט ער געלעבט, מאַקס. צילע טוט זיך אַ טרייסל: און ווער ווייס וואָס מיט אים האָט טאַקע פּאַסירט? און אפשר זוכט ער מיר נאָך ביז היינט? גיט אַ בליץ אַ געדאַנק.

.2

אַ קלונג אין גלעקל פון טיר האָט צילען אויפגעוועקט פון די דערמאָנונגען וועגן אירע פאַרגאַנגענע שווערע יאָרן. גיטעלע איז ארויס פון איר צימער עפענען די טיר. זי האָט געוווסט אז די מאַמע איז אין כעס, און טאָמער איז עס אַ מאָל געריי קען זי אים נאָך באַליידיקן. אין טיר איז געשטאַנען אַן עלעגאַנט־געקליידטער מאַן אין די מיטן פון זיינע דרייסיקער, אָדער נאָענט צו די פערציק. די שלייפן זיינען שוין געווען גרוי, נאָר דאָס פּנים האָט אויסגעזען יונג און פריש.

גיטעלע האָט אַ מינוט אים אָנגעקוקט דערשטוינט, ווי זי וואָלט זיך גע־וווּנדערט ווי ער קומט דאָ. דער מאַן האָט איר אָבער דורכגענומען מיט אַ שאַרף־פאַרשנדיקן בליק און זי האָט ארונטערגעלאָזן די אויגן. אים האָט זיך געדוכט, אז זי הערט ווי זיין האַרץ קלאַפּט.

— אַ גוטן טאָג, פריילין, — האָט ער שטיל געזאָגט. — וווינט דאָ פרוי צילע לעווין?

מאַקס איז געשטאַנען אַנטקעגן גיטעלען און געזען, אַז זי איז ווי צווי טראָפּנס וואַסער יענע צילע, וועמען ער האָט פאַרלאָזן מיט אַכצן יאָר צוריק. ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך איינגעהאַלטן ניט אויסצושרייען: מיין טאָכטער!

— דאָס איז מיין מאַמע, — האָט גיטעלע געזאָגט צעטומלט. — קומט אַריין.

— אַ דאַנק, — האָט דער מאַן געזאָגט. ער איז אַריין אינעווייניק און נאָכ־געגאַנגען גיטעלען. די פיגור האָט אים אויך דערמאָנט צילען. אין זאַל איז ער געבליבן שטיין אַנטקעגן צילען, וואָס איז געזעסן אין אַ פאָטעל.

— מאַקס! — האָט צילע אַ געשריי געגעבן. זי איז געוואָרן ווייס ווי פּאַ־פּיר און געחלשט.

גיטעלע איז געלאָפן און געבראַכט וואַלעריאַן־טראָפּנס און אַ גלאָז קאַלט וואַסער. דער מאַן האָט איר אַ ריב געטאָן די שלייפן און זי האָט געעפנט די אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט, אז אַ גאַנצן אָוונט האָט זי טאַקע געטראַכט וועגן מאַקסן און יענע יאָרן. זי האָט אים אָנגעקוקט און ניט געוווסט וואָס צו זאָגן. די שוואַכעניש אין האַרצן איז נאָך ניט געווען אַריבער. מאַקס איז געשטאַנען איינגעבויגן און פאַרזאָרגט און אין זיינע אויגן האָבן געפינקלט טרערן.

אז גיטעלע האָט געזען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, האָט זי זיך געשטעלט צווישן דער מאַמען און דעם מאַן, ווי זי וואָלט געוואָלט איר פאַרטיידיקן. ס'איז געווען קלאָר אז דער מאַן איז דאָ שולדיק אין דער מאַמעס אויפרעגונג און אז זי קען אים. גיטעלע האָט געפרעגט הויך, אז דער מאַן זאָל הערן:

— פילסט זיך בעסער, מאַמע? — און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער ווידער געפרעגט:

— ווער איז דער מאַן, מאַמע? — אין איר טאָן איז געווען אי נייגער אי דערוואַרטונג.

— וועסט דאָס גאָר גיך וויסן, מיין קינד... — האָט צילע שוואַך געזאָגט.

גיטעלע האָט אומגעדולדיק אַ קוק געטאָן אי אויפן זייגער און אי אויפן מאַן אין דער זעלבער צייט, ווי זי וואָלט זיך איבערגעלייגט וואָס זי זאָל טאָן: לאָזן דעם מאַן אליין מיט דער מאַמען און לויפן צו דער טרעפונג, וואָס זי האָט זיך נעכטן אָפּגערעדט מיט גערין. אָבער קענטיק אז איר געדאַנק האָט אַריבער־געשוועבט צו צילען, וואָס האָט זיך דערמאָנט אז דער אַרגומענט איז אויסגע־בראָכן צוליב גיטעלעס זיך איילן צו גערין.

— גיי, מיין קינד, און ברענג גערין אַהער. כ׳האָב זיך איבעליייגט אַז אפשר ביסטו גערעכט. אומזיסט זיך איבערגערעדט. יע... — האָט זי אַ שטאַמל געטאָן. — דאָס איז אַ גוטער באַקאַנטער פון די יונגע יאָרן. גיי, טייערע...

גיטעלע איז ארויס. מאַקס האָט אָנגענומען צילעס האַנט און זי געגלעט. ער האָט איר געקוקט אין די אויגן און געזען, אַז ניט קיין סך האָט זי זיך געביטן. עס האָט אים באַהערשט אַ מאָדנער אומרו: זיין אייגענע טאָכטער קען אים ניט. און ווער ווייס מיט וואָס פאַרא אויגן מיין טאָכטער וועט אויף מיר קוקן, ווען זי וועט זיך אַלץ דערוויסן. און לאַנג באַהאַלטן וועט מען דאָס ניט קענען. ער האָט ארויסגעשעפּטשעט:

— צילע...

— נאָך וואָס ביסטו געקומען... נאָך אַזוי פיל יאָרן?.. מיך ווידער ווי צו טאָן? — האָט צילע געפרעגט און איר שטימע האָט געציטערט.

— איך בין געקומען צו דיר און צו אונדזער קינד אויף שטענדיק. און איך וויל זיך מודה זיין אויף אַלע זינד קעגן אייך. ניטאָ קיין שטראָף וואָס זאָל זיין גענוג פאַר מיר.

— שטראָף... — האָט צילע אַ שמייכל געטאָן. — די שטראָף איז געקומען אויף מיר און דו האָסט זיך ארומגעדרייט אויף דער וועלט און געהוליעט... — האָט זי שטעכיק געזאָגט.

— ניין, די לעצטע יאָרן האָב איך זיך ארומגעדרייט און דיר געזוכט. אייך ביידן... איצט וועל איך זיין דער גליקלעכסטער מענטש, אַז דו וועסט מיר פאַרגעבן. און אויב דו וועסט מיך ארויסטרייבן פון דאָ און אויפדעקן מיין שאַנד, בין איך עס אויך ווערט.

אַ וואַרעמקייט האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין צילעס האַרצן און אַ שפּאַר געטאָן צו די אויגן. טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן קייקלען אויף אירע באַקן, ווי אַ שטראָם וואָס מ׳קען אים ניט אָפּשטעלן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און אַזוי געשטאַנען אויף די קני פאַר איר. ס׳איז געווען די ריכטיקע פּאָזע פון אַ פאַרליבטן מאַן, וואָס בעטלט אויס ליבע ביי אַ פרוי. זי האָט געפילט ווי ער גלעט איר און זיינע הענט ציטערן.ביידע האָבן ניט גערעדט, נאָר מיט יעדער טרער איז זיי געוואָרן לייכטער. דער מאַן האָט אויך געוויינט און זייערע טרערן האָבן זיך צוזאַמענגעמישט.

אַז ביידע האָבן זיך דורכגעוויינט, האָט מען ערשט דערפילט ווי ס׳קומט צוריק די יונגע אַמאָליקע ליבע. מ׳האָט זיך געקושט און געצערטלט און מאַקס האָט געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיינע זינד און בעטן מוחל זיין אים.

— איצט ווייס איך אַז דו ביסט געווען אָרנטלעך און גיטעלע איז מיין בלוט

און פלייש. כ׳ווייס ניט וואָס פאַר אַ פינצטערער טייוול ס׳האָט זיך אין מיר באַזעצט...

— נו, געזונג. געזונג. איצט דאַרף מען געפינען אַ וועג ווי זיך אַרויס־צופּלאָנטערן.

— אפשר וועט מען גיטעלען זאָגן, אַז דו האָסט געקראָגן אַ פאַלשע ידיעה, אַז איך בין נאָר פאַרוואונדט געוועזן און מ׳האָט מיך מיט אַ טעות רעגיסטרירט אַלס טויט.

— אָבער, מאַקס, מיר האָבן דאָך אפילו ניט חתונה געהאַט. גיטעלע ווייס עס אפילו ניט.

— וועלן מיר צופאַרן ערגעץ אָפּשטעלן אַ חופּה. כ׳בין גרייט אפילו שוין, די מינוט.

— איצט זעסטו ווי געטריי איך בין דיר פאַרבליבן. כ׳בין מיט קיינעם ניט אַרויס און געיאָגט פון זיך אַלע מענער — און בעלנים אויף מיר זיינען גע־ווען געזונג.

— איצט זע איך מיין גרויסן פעלער און ווייס אַז אזוי איז באַשערט געווען.

— נאָך גוט וואָס גיטעלע זאָמט זיך און מיר קענען זיך דורכריידן. זי האָט געפילט עפּעס און דערפאַר אפשר קומט זי ניט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך שוין געווען אומרואיק.

— האָט זי קיין מאָל מיין בילד ניט געזען. האָסט דאָך געהאַט בילדער פון מיר.

— ווי דו ביסט אַוועק האָב איך אַלע בילדער פאַרברענט. כ׳בין געווען אין כעס. און ניט איין מאָל האָט מיר טאַקע גיטעלע געפרעגט: האָסטו ניט קיין בילד פון טאַטן? זי וואָלט אַלץ וועלן וויסן ווי ער האָט אויסגעזען, און איך זאָג אַלץ תירוצים.

— זי וואָלט מיר פון אַ בילד סיי ווי ניט דערקענט. כ׳בין עלטער געוואָרן און גרוי.

— ביסט נאָך ווי געווען. אפשר אַ ביסל מער מענעריש. און די גרויע שלייפן מאַכן דיר אַ סך שענער, וויכטיקער.

— און כ׳בין רייך אויך. איך האָב אַ גרויסע פאַבריק. מיר וועלן נעמען אַ וווינונג אין דער רייכסטער געגנט פון שטאָט און מער וועסטו ניט גיין אַרבעטן. מער ניט! — האָט ער אונטערגעשטראָכן זיין באַשלוס. — און דו, צילע, זעסט אין מיינע אויגן אויס שענער.

איצטער איז איר געווען גוט צו הערן דעם קאָמפּלימענט. די אויגן זיינען שוין געווען אויסגעטריקנט און אין האַרצן איז געווען אַ וואַרעמע פרייד. זי

האָט געדריקט זיין האַנט און קיין דאַנק ניט געזאָגט. איצט האָט מען געוואָרט אז גיטעלע זאָל שוין קומען. מ׳האָט שוין אפילו געשמייכלט איינער צום אַנדערן. און ביידע האָבן שטאַרק זיך געוווּנדערט, וואָס דער אַכצן יאָר־איבערדרייס האָט ניט פאַרגיפט זייערע ליבע־געפילן.

— הער, מאַקס! — האָט צילע געזאָגט נאָך אַ לאַנגע ווײַלע שוויַיגן. — אפשר מאַכן די גאַנצע זאַך אַנדערש: זאָגן גיטעלען אז דו ביסט אַן אַמאָליקער פריינד, וואָס פלעגט קומען צו אונדז אין הויז איידער כ׳האָב חתונה געהאַט, און דו האָסט מיר געליבט. דו ביסט נאָך אַ בחור, ווי דער אמת איז, און אַ לאַנגע צייט ווי דו זוכסט מיר שוין ארום. און דאָ, ווען דו ביסט געקומען אין שטאָט געשעפטלעך, האָסטו מיר צופעליק באַמערקט אין גאַס, ביסטו מיר נאָכגעגאַנגען, אויסגעפונען מיין אַדרעס און ביסט עס געקומען איצט בעטן מיין האַנט. און מיר וועלן קענען גלייך שטעלן אַ חופּה. ניט אזוי?

מאַקס האָט אָנגעקוקט צילען מיט אַ שמייכל. ער האָט זי אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

— ניין, צילע, דאָס טויג ניט. ס׳קלינגט נאַריש, און היינטיקע קינדער זיינען קלוג. און חוץ דעם, ווייל איך ניט זיין גיטעלעס שטיפטאַטע, אַ צווייטער טאַטע, ווען איך בין דער אמתער טאַטע. כ׳וויל מיין טעכטערל ארומנעמען און אַ קוש טאָן ווי אַ טאַטע.

— איז וואָס זאָל מען טאָן, מאַקס? — האָט צילע געפרעגט, ווי זי וואָלט נאָכגעגעבן.

— די בעסטע זאַך איז — דערציילן גיטעלען דעם ריינעם אמת. און צוליב דעם טאָקע בין איך געקומען אַהיים. יאָרן לאַנג האָב איך געבענקט נאָך מיין קינד און איך האָף אז זי וועט מיר מוחל זיין, ווי דו האָסט מיר מוחל געווען. זי וועט פאַרשטיין.

— איז ווער וועט עס איר אַלץ דערציילן? איך האָב קיין כוח ניט פאַר דעם.

— איך וועל עס טאָן! — האָט מאַקס געזאָגט. — כ׳ווייס ווי שווער דאָס איז, אָבער מען מוז. ס׳וועט איר מסתמא ביטער אַנטוישן, נאָר צוליב דעם בין איך צוריק געקומען.

— ווייסט, מאַקס, גיטעלע איז פאַרליבט אין אירן אַ פריינד, גערי, אַ בחור מיט לאַנגע האָר וואָס זעט אויס ווי אַ היפּי. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך איר די גאַנצע צייט געשטערט זיך צו טרעפן מיט אים, ווייל פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען מיין אומגליקלעך לעבן און כ׳האָב מורא געהאַט, אז אויך אונדזער טאָכטער זאָל מען ניט פאַרנאַרן און זי וועט בלייבן מיט אַ קינד און אָן אַ מאַן.

איצט איז מיר אַ סך גרינגער און די מורא איז אַוועק. האָסט דאָך געהערט, אַז איך האָב איר געהייסן ברענגען גערין.

— צילע, דאַרפסט וויסן אַז לאַנגע האָר איז איצט אין מאָדע, און ניט נאָר פאַר היפּיס. ניו־יאָרק איז פול מיט די לאַנגהאָריקע, אַז ס'איז שווער צו דער־קענען ווער איז ווער.

— ביסט גערעכט, — האָט צילע געזאָגט. — אַז איך גיי אַ מאָל אין גאַס און זע אַ יונגן מענטשן, ווייס איך טאַקע ניט צי דאָס איז אַ יינגל צי אַ מיידל. אַ קאָמישע וועלט...

— איז דאָך דער גערי ניט ערגער ווי אַלע אַנדערע, צילע. מוזט קוקן אויף דער וועלט אַזוי ווי זי איז היינט, ניט ווי אין אונדזערע יונגע יאָרן.

צילע האָט זיך ווידער געפילט יונג. מאַקס האָט איר ארומגענומען און זי געצערטלט און שטילערהייט געפרעגט:

— און וואָס טוט ער, דער גערי? ער לערנט נאָך?

— יע, ער שטודירט אויף דאָקטער. ער קריגט אפילו מעדאַלן פאַר גוט לערנען.

— נו, איז דאָך אוודאי גוט. וועלן מיר האָבן אַ באַרימטן דאָקטער אין פאַמיליע.

איצט איז צילע געשטאַנען איינגעטוליעט אין אים. ער האָט איר געקושט אויפן קאָפּ.

3.

גיטעלע האָט ארויסגייענדיק פון שטוב, לאָזנדיק דעם פרעמדן מאַן מיט איר מאַמען, געפילט זיך אומרואיק. איבערהויפּט איז איר געווען מאָדנע, וואָס איר מאַמע האָט מיט איין מאָל געביטן איר מיינונג און אַליין געבעטן ברענגען גערין. איר איז געווען מוראדיק צו ברענגען גערין, טאָמער קען זיך ביי איר מאַמען צוריק אַלץ איבערדרייען און זי קען אים גאָר באַליידיקן.

זי איז געווען זיכער אַז דאָס האָט אַלץ פּאַסירט מיטן קומען פון דעם מאַן, וואָס איז נאָך גאַנץ יונג און שיין און ניט פיל עלטער פון איר מאַמען. און פאַר וואָס האָט זי מיט אַ מאָל געחלשט, אַז מ'האָט איר געדאַרפט אָפּמינטערן? אַז דער מאַן איז אַ גוט־באַקאַנטער אירער, אין דעם האָט גיטעלע ניט געצווייפלט. גוט וואָס זי האָט דעם מאַן געלאָזן מיט דער מאַמען אַליין, זיי דאַרפן זיך אפשר דורכריידן. און מיין מאַמע האָט דאָך געזאָגט, אַז כ'וועל דאָס גאָר גיך וויסן, האָט זי געטראַכט און דער נייגער איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דאַרף מען

וואַרטן ביז מיין מאַמע וועט מיר אַלץ דערציילן, קען זיין אַז נאָך היינט! האָט זי אַנגעהויבן שטעלן גיכערע טריט. און אפשר איז ער גאָר מיין טאַטע? געקומען פון יענער וועלט? האָט זי מיט אַ מאָל אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק, אַז אזא זאַך קען אפשר אויך טרעפן.

גערי האָט שוין געוואַרט. זי האָט אים אַלץ דערציילט. זיי האָבן ניט געקענט באַשליסן צי זיי זאָלן קומען צוזאַמען, צי זי זאָל גיין אליין. צום סוף איז איר איינגעפאַלן, אַז גערי זאָל קומען אַ ביסל שפּעטער, נאָך איר אריינגיין אין שטוב, מיט אַ בוקעט בלומען פאַר איר און עס זאָל הייסן, אַז זיי האָבן זיך אפילו ניט געטראָפן. זי וועט שוין מסתמא דאַן וויסן מער וועגן דעם מאַן און וואָס דאָרט קומט פאָר. ער דאַרף זיך ניט איילן. אויב זי וועט ניט אַראָפּגיין צו אים אין אַ שעה צי מער, זאָל ער ארויפקומען צו איר. אזוי איז געבליבן און זי איז שנעל צוריק געלאָפן אַהיים. ווען זי האָט געעפנט די טיר, איז די מאַמע מיטן פרעמדן מאַן געשטאַנען ארומגענומען און ער האָט איר געקושט. גיטעלע איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע און געקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן. אַז זי האָט געזען, אַז זיי האָבן ניט באַמערקט איר קומען, האָט זי הויך אויסגערופן:

— ווי פילסטו זיך, מאַמע? — און גלייך געזאָגט: — אַנטשולדיקט וואָס איך שטער...

ביידע האָבן זיך אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן. איצט איז שוין געווען קלאָר, אַז זיי טאָרן קיין צייט ניט פאַרלירן און גלייך איר אויפקלערן די גאַנצע פאַרהעלטעניש. איר אַנטשולדיקן זיך איז געווען דאָס זעלבע ווי זי וואָלט געפרעגט: וואָס קומט דאָ פאָר? אַ מאָדנע שטילקייט איז געווען ארום זיי. ס׳איז צילען געוואָרן אזוי אומאַנגענעם און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט גיטעלען געבעטן ברענגען גערין:

— כ׳האָב אים שוין ניט געטראָפן, מאַמע. איך האָב פאַרשפּעטיקט און לאַנג געוואַרט. אָבער זאָרג זיך ניט, מיר וועלן זיך מאָרגן טרעפן. און ווי פילסטו זיך, מאַמע?

— איך פיל זיך גוט, זעסט דאָך. און כ׳וועל גיין צוגרייטן אָונטברויט.

— אַבי איך האָב זיך געאיילט צו קומען. כ׳בין געווען אומרואיק וועגן דיר.

— אַ דאַנק דיר, גיטעלע. ביסט אַ גוט קינד, איך וויס.

— און פון אַלע מעשיות פאַרגעסט איר אָן מיר, — האָט מאַקס געזאָגט. — און איך וויל זיך מיט דיר דורכריידן וועגן עפּעס וויכטיקס, שיינע פריילין.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט, מיין הער, אָבער כ׳וויס נאָך אפילו ניט אייער נאָמען.

— מיין נאָמען ווּעסטו באַלד וויסן. ס'וועט ניט געדויערן. און ס'וועט זיין אַ סורפּריז אי מיין נאָמען און אי אַלץ וואָס כ'וועל דיר דערציילן.

גיטעלע האָט געפילט, אַז איצט קומט דער דערוואַרטער סוד. זי איז געווען אַ ביסל נערוועז, ווייל זי האָט געפילט אַז ס'האָט צו טאָן מיט דער מאַמען, אפשר אויך מיט איר. די מאַמע איז ארויס אין קיך און מאַקס האָט געזאָגט:

— כ'גיי דיר דערציילן אַ זאַך אין וועלכער איך אליין בין שולדיק. און אויב דיין מאַמע האָט דיר עפּעס פאַרגלעט ציי אפילו ליגן געזאָגט, האָט זי עס געטאָן צוליב דיין טובה, כדי דיר ניט וויי צו טאָן. און איך בין געקומען מיטן אמת — און אויך די מאַמע האָט צוגעשטימט אַז כ'זאָל דיר דערציילן דעם ריינעם אמת.

פון מאַקס' ניט קלאָרע רייד האָט גיטעלעס האַרץ געקלאַפּט אין דערוואַר־טונג. מיט אַן אַנגעשטרענגטן בליק האָט זי אים געקוקט אין די אויגן, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון איר. זיי האָבן זיך ביידע געזעצט איינער אַנטקעגן אַנדערן און ער האָט אַנגעהויבן איר דערציילן, ווי אַזוי ער און איר מאַמע האָבן זיך געטראָפן: ווי זיי האָבן זיך ליב געהאַט; ווי איר מאַמע האָט פאַרשוואַנגערט און אויף וואָס פאַר אַן אוממענטשלעכן אופן ער האָט פאַר־לייקנט זיין אייגן קינד און ווי ער האָט זי פאַרלאָזן אין איר גרעסטער נויט.

גיטעלע האָט שוין געוווסט וואָס דאָ קומט פאָר. איר האַרץ האָט געפּויקט ווי אין אַליאַרם און איר איז פאַרגעקומען, אַז זי אליין שפּילט אויף אַ שפּאַנענ־דיקן פילם. זי האָט געוואָלט וויסן דעם וויכטיקסטן פונקט אין דער גאַנצער געשיכטע:

— און וואָס איז געוואָרן מיטן קינד? — וווּ איז ער אַהינגעקומען? — האָט זי געפרעגט.

— דאָס קינד זיצט דאָ — דו ביסט עס, מיין טאָכטער!

ווען זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, האָט זי ארויסגעלאָזן אַ געשריי און אריינגעלאָפן אין איר צימער. זי האָט פאַרקלאַפּט די טיר און איר היסטעריש געוויין האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן שטוב. צילע איז אריינגעלאָפן פון קיך און געוואָלט אַנקלאַפּן אין טיר פון גיטעלעס צימער, אָבער מאַקס האָט איר אַ ווונק געטאָן אַז ניט:

— איצט טאָרסטו איר ניט טשעפּען. לאָז איר זיך אויסוויינען און זי וועט זיך באַרואיקן.

ס'איז טאַקע געווען ווי מאַקס האָט געזאָגט. ווען צילע האָט געגרייט דעם טיש, האָט מאַקס לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר און געזאָגט מיט אַ וואַרעם קול:

— גיטעלע, מיר גייען עסן, — האָט ער גערעדט היימיש, — מיר וואַרטן...

זי איז געלעגן פאַרקראַמפּט, נאָר דאָך האָט איר געצויגן צו זען דעם מאַן וואָס איז אין איין מינוט געוואָרן איר טאַטע. זי איז אַריין מיט אַראָפּגעלאָזטע פאַרווייִנטע אויגן.

*

אַ קלונג אין טירגלעקל האָט זיי אויפגעוועקט פון זייערע געדאַנקען. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי איינער זאָגט: ווער קען עס זיין אין מיטן דערינען? צילע איז געגאַנגען עפענען. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען געררי, אַ שיינער, עלעגאַנט אויסגעפּוצטער און מיט בלומען אין האַנט:

— אַ גוטן אָוונט, מאַדאַם לעווין! כ׳בין געקומען זען גיטעלען! איז זי אַהיים?

— קום אַריין געררי, זי איז אַהיים. מיר זיינען אין מיטן אָונטברויט.

געררי איז איר נאָכגעגאַנגען. גיטעלע האָט צוגענומען די בלומען און גע־שמייכלט צו אים. צילע האָט געררין איינגעלאַדן צום אָונטברויט.

— אַ דאַנק, מאַדאַם לעווין, כ׳האָב שוין געגעסן אָונטברויט.

ווי נאָר זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט צילע געזוכט אַ געלעגנהייט צו לאָזן די קינדער אַליין. זי האָט געוואָלט אַז גיטעלע זאָל אים דערציילן אַלץ וואָס דאָ איז היינטיקן אָוונט פאָרגעקומען. דערפאַר טאַקע האָט זי מאַקסן ניט פאָרגעשטעלט. געררי האָט געמיינט אַז דאָס איז איינער פון די פאַמיליע־פריינד, וואָס איז גע־קומען צו אָונטברויט.

— זיי אַזוי גוט און פיר מיר צו צום סופּער־מאַרקעט, כ׳דאַרף עפּעס בייטיק קויפן, — האָט צילע געבעטן. — און איר, קינדער, בלייבט דאָ. מיר וועלן גלייך קומען און צוזאַמען אַ ביסל פאַרברענגען.

אַז זיי זיינען צוריקגעקומען פון גאַס, באַלאָדן מיט גוטע זאַכן און שאַמפּיין, האָט שוין גיטעלע געהאַט געררין אַלצדינג דערציילט. גיטעלע איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען און איר באַפאַלן קושן:

— אַ דאַנק, מאַמע, פאַר אַלץ וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר! מיך האָט צו ערשט פאַרדראָסן וואָס דו האָסט מיר ניט דערציילט אַלץ, אָבער כ׳פאַרשטיי אַז דו האָסט גוט געטאָן. האָסט מיך געוואָלט פאַרהיטן, ניט פאַרשאַפן קיין שאַנדע...

מאַקס איז געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן. ער האָט געזען אַז די טאָכטער פילט זיך נאָך פרעמד צו אים. האָט ער אַרונטערגעלאָזן די פּעקלעך און געזאָגט:

— היינט פראַוועט מיר אַ שימחה, קינדער. כ׳וועל אָפּצאָלן מיין פרוי און טאָכטער מיט דאָס שענסטע און בעסטע וואָס איך קען. און זאָל אונדזער לעבן פון היינט זיין אַנדערש, מיט ליבע. און גערי וועט אויך געהערן צו דער פאַמיליע. אַלע צוזאַמען.

צילע האָט אויסגעשפּרייט אירע הענט איבער אַלעמענס קעפּ און זיי צוגעצויגן איינעם צום אַנדערן. אזוי זיינען זיי אַלע פיר געשטאַנען. אפילו גערים אויגן, וואָס ער איז געווען פרעמד צו די היינטיקע פאַרקומענישן, האָבן באַקומען אַ גלאַנץ פון טרערן. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אז מ׳האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ בינע ווו ס׳קומט פאָר אַ גרויסע דראַמע און ער איז איינער פון די באַטייליקטע.

מ׳האָט געטרונקען דעם שאַמפּיין און אַלע זיינען געוואָרן אויפגעלייגט. צילע האָט געמאַכט אַ דערקלערונג פייערלעך: אז ווי נאָר גיטעלע און גערי וועלן באַשליסן אז זיי גייען חתונה האָבן, וועט פון איר און מאַקסן קיין שטער ניט זיין און מ׳וועט מאַכן אַ גרויסאַרטיקע חתונה. גיטעלע האָט ארויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— פריער דאַרפן טאַטע־מאַמע שטעלן אַ חופּה, און מיר וועלן זיין די אונטערפירערס... נאָך דעם וועט איר אונדז פירן צו דער חופּה...

אַלע האָבן געפּאַטשט, נאָר מאַקס האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און געזאָגט:

— אָבער קיינער טאָר ניט וויסן פון דעם... דער סוד וועט בלייבן צווישן אונדז.

— אוודאי וועט עס קיינער ניט וויסן! — האָט צילע באַרואיקט מאַקסן. — די קינדער פאַרשטייען ווי אונדז איז אויפן האַרצן. אָבער נאָך דעם וועט שוין אַלץ גוט זיין.

— איך בין גליקלעך צו געפינען צוריק מיין היים! מיין פרוי! מיין טאָכטער! און באַלד וועט אויך צוקומען אַ זון — גערי! איך טרינק פאַר אייך!

— און מיר טרינקען פאַר דיר! — האָט צילע אויסגערופן.

און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען געזופּט שאַמפּיין.

פון דאָקטער

.1

געהייסן האָט זי עטעלע מיט די שיינע אויגן. אויף אירע אויגן האָבן זיך אַלע געוווּנדערט: ווי קומט צו אַ מיידל אַזעלכע שיינע אויגן? בחורים האָבן זיך געדרייט אַרום איר ווי בינען אַרום האָניק. און ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט אייבין האָבן אים אַלע מקנא געווען דאָס גליק. זיי האָבן שוין געהאַט אַ טעכטערל, אויך מיט שיינע בלויע אויגן, און איצט איז זי ווידער געווען שוואַנגער. זי האָט געוואָלט האָבן אַ יינגל. צוויי קינדער היינטיקע צייטן איז גענוג! האָט זי געטראַכט.

ווען דער עלעוויִיטער איז אַרונטערגעפאָרן צום אַרויסגאַנג, האָט זי גע־כאַפּט אַ זייטיק בליק אין שפּיגל און באַמערקט ווי בלאַס איר פּנים איז. ווען זי איז אַרויס אין גאַס האָט איר האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. זי האָט זיך פּאַמעלעך געשלעפּט צופוס אַהיים, כאָטש עס איז געווען אַ גאַנץ ווייטע שטרעקע.

איצט איז זי געווען צופרידן, וואָס זי האָט פאַרגעסן פון דאָקטער צו טעלע־פאָנירן צו איר מאַן, ער זאָל איר קומען נעמען. אין קאָפּ האָבן זיך געמישט טרויעריקע געדאַנקען. אין איר צעקלעמט געמיט האָט זי זיך שוין געזען אַ בלינדע: אָט גייט זי אַריבער די גאַס און זעט ניט... אַן אויטאָ פאָרט שנעל אָן און זי ווערט געהרגעט... זי ציטערט־אויף און אַ שוויס באַדעקט איר לייב.

זי באַמערקט ווי אַ יונגער מאַן קוקט איר ליבלעך אַריין אין די אויגן. זי דרייט אָפּ דאָס געזיכט און דערמאָנט זיך, אַז לוסינקע, זייער טעכטערל, האָט אויך בלוי־גרינע אויגן ווי אירע. — פונקט דיינע אויגן! זאָגט איר אייבי יעדן מאָל, ווען ער קושט איר אין די אויגן. — און דער מאַמעס גאָלדלאָקן! — קושט ער לוסינקען אויפן קאָפּ.

אייבי זאָגט אַז לוסינקע איז אין גאַנצן איך. אָבער אַז לוסינקע וועט מיר וואָס בעטן, וועל איך ניט זען ווי איר עס צו דערלאַנגען. כ׳וועל עס ניט אַרי־בערטראָגן, ניין!..

אַן אויטאָ האָט מיט אַ קוויטש פון טאָרמאָז זיך אָפּגעשטעלט ביי אירע פיס. זי האָט אַ שולדיקן שמייכל געטאָן צום מאַןביים רעדל און ער האָט אַ ווונק גע־

טאָן זי זאָל גיין. זי איז אריבערגעגאַנגען די גאַס. אויף אירע באַקן האָט זי גע־פילט אַ פייכטקייט. זי האָט ארויסגענומען אַ טאַשנטיכל און אויסגעווישט די אויגן. זי האָט זיך ארומגעקוקט צי עמעצער האָט עס געזען. זי האָט ניט גע־וואָלט קומען מיט פאַרוויינטע אויגן און אַ טרויער אין האַרצן צו זיך אהיים. אייבי וועט עס גלייך באַמערקן און האָבן פאַרדרוס. און וואָס קען זי אים זאָגן?

ער איז טאַקע אַ גינעקאָלאָג, איר דאָקטער, אָבער ער האָט דאָך געמאַכט אַ דיאַגנאָז און געבראַכט די מיינונג פון אַ ספּעציאַליסט. ער האָט זי אויף אַן אמת איבערגעשראָקן, כאָטש ער האָט געפונען מילדע ווערטער איר צו טרייסטן...

עטעלע איז לאַנג געשטאַנען פאַר דער טיר. זי האָט געהערט ווי לוסינקע לאַכט...

ווי נאָר זי האָט געעפנט די טיר איז דער מאַן איר געלאָפן אַנטקעגן. געווען קענטיק אז ער האָט זי מיט אומגעדולד דערוואַרט. ווי תמיד האָט ער זי גע־קוקט אין די אויגן:

— און וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט, עטעלע טייערע? — האָט דער מאַן געפרעגט. עס איז ארויסגעקומען אזוי נאַטירלעך, אז זי וואָלט זיך גאָר ניט געכאַפּט, אז דער דאָקטער האָט שוין גערעדט מיט אייבין און אים אַלץ דער־קלערט. ערשט איצט האָט זי זיך דערמאָנט, אז צום דאָקטער גייט זי וועגן שוואַנגערשאַפט און קיינער ווייס ניט וועגן די אויגן.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, האָט ער געזאָגט. ס'איז דאָך נאָר די ערשטע וואָכן, נאָר... און זי האָט פּלוצלינג איבערגעהאַקט, ווי זי וואָלט פאַרגעסן וואָס זי וויל זאָגן.

— אַבי דו ביסט געזונט, עטעלע. — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. — לוסינקע איז מיד געווען און כ'האָב איר געלייגט שלאָפן. זי האָט אזוי פיל גע־לאַכט, אָבער איינגעשלאָפן איז זי אין אַ מינוט. כ'האָב איר געגעבן אַ גלאָז מילך. — פון זיין באַריידעוודיקן באַריכט האָט עטעלע געמערקט אז ער איז אומרואיק צוליב עפּעס און וויל עס מסתמא פון איר באַהאַלטן.

זי איז צוגעגאַנגען צום בעטעלע און אַ קוש געטאָן לוסינקען. כ'מוז זיך נעמען אין די הענט, האָט זי געטראַכט, אייבי טאָר ניט באַמערקן מיין ווייטיק. אָבער ווי קען א מענטש לעבן אָן שיין? האָט איר געגריזשעט די פראַגע. אייבי האָט איר נאָכגעקוקט און אויך געטראַכט וועגן דעם: זאָל חלילה דאָס נייע נפשל ניט געבאָרן ווערן אַ מאָל בלינד.

אייבי איז געווען בערוועז. ער איז געגאַנגען וואַשן די הענט צום צווייטן מאָל און האָט נאָך אַלץ גערעדט ליבע ווערטער צו עטעלען און פון זאַכן וועגן וועלכע ער האָט זיך קיין מאָל ניט אינטערעסירט.

עטעלע האָט זיין ליבשאַפט אָנגענומען פאַר אַן אויסברוך פון געפילן און געווען צופרידן פון דער ענדערונג אין די טעגלעכע געשפּרעכן וואָס האָבן גע־האַט איין כאַראַקטער. ער האָט צוגעטראָגן אַ לעפל זופּ צום מויל און געזאָגט:

— עטעלע, דו האָסט גוט אויסגעלערנט די דינסט קאָכן. אַזעלכע זופּ קריגט מען ניט אין בעסטן רעסטאָראַן. און ס'איז גוט וואָס דו טוסט ניט די קיכאַרבעט. כ'וויל ניט מיין ווייב זאָל זיך פאַרנעמען מיט שטובאַרבעט! — האָט ער הויך פּראָקלאַמירט.

דאָס האָט עטעלען אויפגעמונטערט און זי האָט אים העפלעך באַדאַנקט פאַר דער אויפמערקזאַמקייט:

— דאַרפסט מיר אריינשטעלן אין אַ גלעזערן קעסטל, איבי.

— אז אַלע זאָלן זען דיינע שיינע אויגן... די פּראַזע האָט זיך אַראָפּגע־גליטשט פון זיינע ליפּן, און ער האָט גלייך דערפילט אז ער האָט ניט גוט גע־זאָגט, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבן, איז צוגעגאַנגען, זי ארומגענומען און געקושט מיט צערטלעכקייט אירע האָר, איר האַלדז, איר געזיכט. — דיין גע־זונט איז מיר טייערער פון אַלץ!

אָבער עטעלע איז שוין געווען אין אַ שלעכטער שטימונג. זי האָט זיך דער־מאָנט וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט וועגן אירע אויגן. איר האָט זיך געדוכט, אז זי קען ניט מער זען ווי פריער. זי האָט געפּינטלט אויף איבין מיט די אויגן, אָבער זי האָט אים ווי שטענדיק קלאָר געזען. ער האָט זי לייכט אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

— לייג זיך צו און רו זיך אָפּ, דאַרפסט איצט רוען פאַר צווייען... איך מוז ערגעץ צוגיין געשעפטלעך. — ער האָט זי גענומען פאַר אַ האַנט און געפירט צו דער זאָפע.

אין דעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַ קלונג ביי דער טיר. איבי האָט געעפנט און אין טיר האָט זיך אריינגעשפּאַרט עטעלעס מוטער, באַלאָדן מיט פּעקלעך.

איבי האָט זיך באַגריסט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער:

— כ'מוז זיך איילן. איך וועל באַלד זיין צוריק. גיט אַכטונג אויף עטעלען. האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן צו איר מאַמען.

— עטעלע, קינד, וואָס מאַכסטו? האָט די מוטער אַראָפּגעלאָזן די פּעקלעך ביי דער טיר.

איבי האָט זיך ארויסגעשאַרט און פאַרמאַכט די טיר. עטעלע איז צוגעלאָפן צו דער מאַמען און אַ זאָג געטאָן ברוגזלעך:

— מאַמע, וואָס האָסטו דאָ אָנגעבראַכט? מ'דאַרף ניט!

די טאָכטער האָט ארומגענומען די מאַמען און זי אַ קוש געטאָן. די מאַמע האָט איר צוגעדריקט צו זיך:

— אין גאַנצן צען טעג געבליבן צו לוסינקעס געבורטסטאָג, דאַרף מען זיך אָנהייבן גרייטן. און וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט? היינט איז דאָך געווען דיין וויזיטטאָג. — האָט די מוטער איר באַקוקט און אָנגעקוואָלן.

—גאָר ניט ספּעציעל, מאַמע, אַלץ ווי ס׳באַדאַרף זיין.

— דאָס ווייס איך, — האָט די מוטער געזאָגט, — אָבער איך פרעג וועגן אַן אַנדער זאַך. וועגן דיינע אויגן וואָס דו באַקלאָגסט זיך, וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט?

עטעלע האָט אָפּגעמאָסטן די מאַמען מיט אַ פאַרשערישן בליק, ווי זי וואָלט וועלן וויסן פאַר וואָס די מאַמע פרעגט איר שוין צום וויפלטן מאָל די זעלבע פראַגע. מסתמא ווייס זי עפּעס, אָדער דער דאָקטער האָט איר שוין עפּעס געזאָגט:

— מאַמע, פאַר וואָס פרעגסטו מיר נאָכאַנאַנד וועגן די אויגן. דער דאָקטער איז ניט קיין אויגן־דאָקטער און ער באַהאַנדלט מיר ניט וועגן די אויגן, ווייסט דאָך... — האָט זי דער מוטער געענטפערט מיט אָפּגעם פאַרדראָס.

— איך ווייס עס, טאָכטערל, אָבער מסתמא דאַרף איך פרעגן, אז איך פרעג... האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ מין אָנצוהערעניש. — וועגן דיינע אויגן בין איך זייער אומרואיק — און איך ווייס פאַר וואָס...

— פאַר וואָס? — האָט עטעלע נערוועז אַ געשריי געטאָן און זיך אַ וואָרף געטאָן: — זאָג!

— דאַרפסט גיין צו אַ ספּעציאַליסט, מיין קינד. — האָט די מוטער איר איינגענומען.

— פאַר וואָס, מאַמע? — האָט עטעלע געפרעגט שוין רואיקער. — דו שרעקסט מיך...

— וועל איך דיר זאָגן, מיין קינד, ניט צו שרעקן דיך, נאָר צו וואָרענען. די מומע עטעלע, וואָס נאָך איר ביסטו אַ נאָמען, האָט זייער געליטן פון די אויגן.

— אָבער איך געדענק אז דו האָסט מיר מיט יאָרן צוריק דערציילט, אז די מומע עטעלע איז בלינד געוואָרן... — איר שטימע האָט געציטערט.

די מוטער האָט געשוויגן און אַ ליפּ האָט ביי איר געצוקט, ווי זי וואָלט וועלן וויינען. איצט האָט די מוטער געקוקט איר טאָכטער אין די אויגן און ס׳האָט זיך איר געדוכט, אז זי זעט איר ייִנגערע שוועסטער. זי האָט איר גענומען פאַר אַ האַנט און ביידע האָבן זיך געזעצט אויף דער זאָפע. עטעלע האָט אַ צוק געטאָן און געזאָגט:

— איך געדענק אז דו האָסט אויך דערציילט, אז דיין שוועסטער עטעלע איז דערהרגעט געוואָרן... זי איז ארויס פון שטוב און אַן אויטאָ איז אָנגעפאָרן...

— יע... יע... עטעלע, דו געדענקסט. ס'איז אמת. אָבער היינטיקע צייטן מאַכט מען שוין אָפּעראַציעס, וואָס ראַטעווען פון בלינדקייט. מוזט גלייך גיין זען אַ ספּעציאַליסט.

— אָבער מאַמע, אויב ס'איז אַ ירושה־קראַנקייט? — האָט עטעלע מיט אַ מאָל אַ שניט געטאָן. — דער דאָקטער האָט מיר טאַקע געפרעגט צי עמעצער אין אונדזער פאַמיליע איז געווען בלינד.

די מוטער איז געבליבן זיצן אָן לשון. זי האָט אָנגעקוקט די טאָכטער און געענטפערט ווי ניט צו דער זאַך:

— ווייס איך וואָס, מיין שוועסטערל איז דאָך דערמאָלט נאָך כמעט אַ קינד געווען. וואָס דיר פאַלט איין. ירושה...

— מאַמע, העלף מיר, מאַמע... — האָט זי זיך געטוליעט צו דער מוטער.

ביידע פרויען זיינען געזעסן מיט אויגן פול מיט טרערן. די מוטער האָט איר געדריקט צו איר ברוסט און געגלעט:

— מיין קינד, ס'וועט אַוועק... וועסט זיין געזונט... אָבער אויף ניסים טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן... מוזט גיין צו אַ גרויסן דאָקטער..

— אָבער פאַר וואָס האָסטו מיר עס דערציילט, מאַמע? — האָט עטעלע שוואַך געפרעגט

— טאַקע דערפאַר ווייל אויף ניסים טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן, מוזטו אַלץ וויסן און זיין פאַרזיכטיק... דאָקטוירים מאַכן היינטיקע טעג וווּנדער־אָפּעראַציעס.

— כ'וועל דיר פאָלגן, מאַמע.

— און אייבי ווייס וועגן דעם? — האָט די מוטער געפרעגט.

— ניין, מאַמע, כ'האָב אים מורא צו דערציילן. אָט וועט ער באַלד קומען.

— דו דאַרפסט אים אַלץ דערציילן, ער איז דאָך דיין מאַן — מוז ער וויסן.

— אוי, שוין שפּעט! — האָט זיך די מוטער מיט אַ מאָל געטאָן אַ הייב פון זאָפע. — כ'מוז גיין. כ'וועל נאָר געבן אַ קוש לוסינקען. — פאַרזיכטיק האָט זי זיך אריבערגעבויגן איבער דעם שלאָפנדיקן קינד און עס אַ קוש געטאָן אויפן שטערן.

— וואַרט, מאַמע, וועסט פאַרן אַוועקגיין טרינקען מיט מיר אַ גלאָז טיי.

— גוט, טאָכטער, איך וועל מאַכן טיי און דו רו זיך אָפּ.

ווען זיי זיינען געזעסן ביים טיש, האָט די מוטער געפילט דעם ווייטיק פון עטעלען. ס'איז איר איינציק קינד און — חלילה־חלילה... האָט זיך געשאָקלט

דאָס טעצעלע אין איר האַנט. ניין, קיין זאַך וועט ניט טרעפן... קיין שלעכטס טאָר זיי ניט טרעפן...

איר טאָכטער האָט געזופּט דעם הייסן טיי און אומעטיק געקוקט אויף דער מוטער. פון איר בליק האָט דער מאַמען אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן און זי האָט געזען איר קליין שוועסטערל. זי האָט פּאַרזיכטיק אַראָפּגעשטעלט די האַלב־ליידיקע טאַס:

— איך וועל גיין. זיי געזונט, עטעלע, און פאָלג מיר.

גייענדיק צו דער טיר האָט זי געטראַכט וועגן שיינעם לעבן פון איר טאָכטער און די פריילעכקייט אין הויז ביז היינט. איר האַרץ האָט אַ צוק געטאָן. ביי דער טיר האָבן זיך ביידע פרויען צעקושט. זי האָט אַ מורמל געטאָן: — וועסט זיין געזונט, מיין קינד.

2.

אייבי איז אריינגעפאַלן אין שטוב אָן אַן אָטעם:

— אַנטשולדיק, טייערינקע, כ׳האָב פאַרשפּעטיקט. די מאַמע איז שוין אַוועק. וואָס האָט זי זיך געאיילט? כ׳וואָלט איר צוגעפירט אהיים. — ער האָט אַ קוש געטאָן עטעלען.

— זי איז ניט לאַנג צוריק אַוועק. קענסט איר דאָך, זי וויל בלייבן מיט זיך אליין.

אייבי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן זיין ווייב אויף דער זאָפע. ער האָט זי גענומען אין זיינע אָרעמס און געגלעט. זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט אים איצט דערציילן וועגן אירע אויגן, אָבער די שטילקייט האָט איר געשטערט און זי האָט ניט געוווּסט ווי אָנצוהייבן. זי האָט זיך אין אים איינגעטוליעט און דערפילט וואַרעם און זיכער.

זי האָט איצט געטראַכט פון דער מוטער, וואָס לעבט אין דער גרויסער דירה מיט די בילדער פון טאַטן ארום. זי רעדט צו זיינע בילדער, ווי ער וואָלט נאָך געלעבט. זי שטעלט זיך פאַר אז ער זיצט נאָך לעבן איר. עטעלע האָט ניט איין מאָל געזען, ווי זי גרייט צום טיש: אַלץ אין צווייען. פאַר יעדער מאָלצייט. אויך צו טיי. אירע געדאַנקען לאָזן ניט צו אז ער לעבט מער ניט. אזוי ליב האָט זי אים געהאַט. זיי האָבן געלעבט ווי טייבעלעך.

— אייבי, אז מ׳ליבט זיך שטאַרק, ליבט מען זיך אייביק?.. האָט זי פּלוצלינג געפרעגט.

— הער אויף מיט אזעלכע פראַגעס, עטעלע. ווייסט דאָך אז מיר ליבן זיך אייביק.

ווידער איז געווען שטיל. אייבי האָט געקוקט אויף די פעקלעך, וואָס זײַנען געבליבן ליגן ביי דער טיר, ווי עמעצער וואָלט עס פאַרגעסן. פלוצלינג האָט ער געפרעגט:

— וואָס האָט די מאַמע אָנגעבראַכט אזוי פיל פעקלעך, ווי אויף אַ חתונה?

— זי גרייט עס צו באַצייטנס לוסינקעס געבורטסטאָג. מ׳דאַרף באַקן, קאָכן...

— אָבער ס׳איז נאָך אַ לאַנגע צייט, נאָך צען טעג. איז וואָס איז די איי־לעניש?

— די צייט לויפט, אייבי. מ׳קוקט זיך ניט ארום. — האָט זי פאַרטראַכט געענטפערט.

אייבי האָט געזען אז זי איז פאַרנומען מיט אירע אייגענע געדאַנקען. ער האָט געוווסט וועגן וואָס. די שווייגעניש האָט אים געדריקט, האָט ער געזוכט צו ריידן, אַבי עפּעס.

— ס׳איז אַ קאַלטער ווינט אין דרויסן, איז בעסער צו זיצן אַהיים, מיט דיר...

— עפּעס אַ מאָדנער טאָג איז היינט געווען: האַלב זון — האַלב רעגן. כ׳האָב פיינט אזעלכע טעג.

זי האָט גערעדט ווי צו זיך. אייבי האָט איר געצערטלט און געזוכט ווי אָנצוהאַלטן דעם שמועס. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער שטילקייט. אים האָט זיך געדוכט אז ער קען לייענען אירע געדאַנקען. זי טראַכט צי זי זאָל אים דער־ציילן די געשיכטע מיט אירע אויגן. ער האָט עס געפילט אין דער שטילקייט. און זי האָט טאַקע געטראַכט וועגן דעם. ער האָט באַמערקט די ניט דערטרונ־קענע טייגלעזער אויפן טיש און געפרעגט:

— האָסט מכבד געווען דיין מאַמען מיט טיי, זע איך. זי האָט געמעגט וואַרטן...

עטעלע האָט זיך ווי געכאַפּט און געזאָגט:

— כ׳וועל דיר מאַכן אַ גלאָז טיי. ביסט דאָך דורכגעקעלטערט, פון ווינט.

— און זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אָ, ניין, עטעלע, באַמי זיך ניט. כ׳האָב געטרונקען טיי. דו, זע איך, ביסט זייער מיד. לייג זיך שלאָפן, שוין צייט. איך וועל באַלד ארויפקומען...

עטעלע האָט ניט געהאַט קיין לוסט צו פירן ווייטער דעם ניט אינטערעסאַנטן געשפּרעך. זי האָט סיי ווי ניט אַלץ געהערט וואָס ער האָט גערעדט, נאָר זי האָט געפילט אז ער האָט זי ליב. דערפאַר רעדט ער טאַקע אזוי פיל. ס׳האָט איר

געמאַטערט דאָס געוויסן וואָס זי האָט אים נאָך אַלץ ניט דערציילט וועגן די אויגן.

ער האָט איר געגומען אונטערן אָרעם און געפירט אַרויף די טרעפּ, צום שלאָפצימער. ביי דער טיר האָט ער זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— אויב דו ווילסט שוין שלאָפן, איז אַ גוטע נאַכט! איך האָב נאָך אַ ביסל אַרבעט צו טאָן.

— זיץ ניט שפּעט! — האָט זי געזאָגט. — דאַרפסט זיך אויך אָפּרוען. — און זי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ער זאָל ניט זען ווי אירע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן. זי איז האַסטיק אַריין אין צימער און צוגעמאַכט די טיר.

עטעלע האָט זיך געלייגט אין בעט, אָבער זי האָט ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט די מומע עטעלע, וואָס איז בלינד געוואָרן. זי האָט אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק, אַז יענע איז געשטאָרבן אין אַן אויטאָ־קאַטאַס־טראָפע, ביים אַריבערגיין די גאַס. און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער אויטאָ האָט איר היינט אויך שיעור ניט אוועקגעהרגעט.

אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען איר לייב: די מאַמע האָט מיר נאָך שווערער געמאַכט מיין האַרץ. איך וועל אויך ווערן בלינד — עטעלע מיט די שיינע בלינדע אויגן. איך וועל גאָר ניט זען. די וועלט וועט זיין חושך־פינצטער. ווער ווייס ווי גיך דער פּראָצעס פון בלינד ווערן וועט דויערן? אפשר אזוי גיך, אַז איך וועל מיין קינד ניט זען. עס וועט געבאָרן ווערן און כ׳וועל אים קיין מאָל ניט זען. און אייבי וועט שוין קיין מאָל ניט זאָגן: עפן דיינע שיינע אויגן און קוק אויף מיר, עטעלע! און כ׳וועל זיין אומגליקלעך. די קינדער וועלן אפילו ניט וועלן מיך צופירן אַ פּאָר טריט, צום שלאָפצימער. אוי ווי, גאָט! האָט זי געקלאָגט אין זיך. כ׳האָב דאָך אַ טעכטערל, מיין לוסינקען, און אייבין און די מאַמען און אַ קינד אויפן וועג... זי האָט געציטערט אויפן גאַנצן קער־פּער. אַ שוויס האָט איר באַדעקט: אפשר טאָן ווי די מומע עטעלע?.. נאָך דעם איז דאָך שוין אַלצאיינס. — אָבער ווערן בלינד! בלינד! זי האָט אויפגעשריען און זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר געשריי. אַ ווײַלע איז זי געלעגן שטיל. גאָט צו דאַנקען, קיינער האָט ניט געהערט. און דער טאָכטערס חופּה־קלייד וועל איך אויך ניט זען! איז איר פלוצלינג איינגעפאַלן. וואָס זאָל איך טאָן, וואָס, גאָטעניו? ווי קען איך זיי אַלעמען איבערלאָזן, העלף מיר גאָט, העלף! האָט זי פאַרצווייפלט געבעטן. די געדאַנקען האָבן זיך אין אַ ווילדן מישמאַש געפּלאָנ־טערט און זי האָט ניט געקענט איינשלאָפן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט געטראַכט וועגן זען אַ חופּה־קלייד. אָבער לוסינקע איז דאָך נאָך אַ קינד. איך בין אויף אַן אמת משוגע. און זי האָט זיך דערמאָנט ווי די מאַמע

האָט איר געוואָרנט, זי זאָל זיין פּאָרזיכטיק. די מאַמע איז דאָך געשטאָרבן. זי מיינט גוט, און איך פּאַראומער זיך דאָס לעבן. ס'איז דאָך טאַקע ניט אין די אַלטע צייטן. זי האָט אַליין געלייענט דאָ ניט לאַנג אין צייטונג, אַז מ'האָט א בלינדע פרוי פון קינדרוויז, געמאַכט אַן אָפּעראַציע און זי האָט אָנגעהויבן זען...

3.

איר האָט זיך געדוכט אַז לאַנגע שעהען ליגט זי שוין אַזוי וואַכערהייט. זי האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן איינדרעמלען, און האָט זיך געוווּנדערט פאַר וואָס אייבי קומט ניט ארויף אַזוי שפּעט... זי האָט געפילט אַ לייכטן קוש אויף די ליפּן... נאָך דעם האָט איר אייבי אויפגעהויבן אויף די הענט און ער איז מיט איר געפלויגן. ס'איז געווען גוט. — —

ס'איז שוין געווען באַגינען, ווען עטעלען האָט זיך געחלומט אַז אייבי פליט מיט איר. זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער זאָל זיין פּאָרזיכטיק, נאָר זי איז געווען אַזוי מיד.

אייבי האָט זיך שטיל אָנגעטאָן, איר ניט אויפצוּוועקן, און געטראַכט וועגן דעם מאַן וואָס ער האָט נעכטן געטראָפן, און די געשיכטע וואָס ער האָט דער־ציילט וועגן דעם גרויסן אויגן־פּראָפעסאָר אין שווייץ, וואָס מאַכט פון בלינד זעענדיק. ער וועט דעם מאַן היינט טרעפן אין געשעפט. ער האָט נאָך מיט אים צו פאַרענדיקן עטלעכע ענינים, וועט ער שוין זיך דערפרעגן אויף אַלץ. דעם נאָמען. אַדרעס. יענער קומט דאָך פון שווייץ. און נאָך איידער וואָס־ווען האָט אייבי שוין באַשלאָסן ביי זיך, אַז ער נעמט עטעלען צום פּראָפעסאָר אין דער שווייץ, און אַ פריילעכקייט האָט אים באַהערשט פון דעם געדאַנק.

עטעלע האָט אַ גאַנצן טאָג געטראַכט וועגן מאָדנעם חלום, ווי אייבי פליט מיט איר אויף די הענט. ס'איז געווען אַזוי פאַנטאַסטיש גוט און לייכט, און זי האָט דעם חלום אויסגעלייגט צום גוטן און געווען אין אַ בעסערער שטימונג.

ביים אָוונט־מאָלצייט האָט אייבי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— אין אַ מאָנאַט ארום פלי איך געשעפטלעך אין דער שווייץ — ווי וואָלט געווען אז דו זאָלסט אויך מיטקומען, עטעלע?

— אָט דאָס איז עס! — האָט עטעלע ארויסגעשאָסן מיט אַ פריילעכן געלעכטער. — מיר וועלן פליען. דו וועסט פליען מיט מיר...

אייבי האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר, וואָס זי פלוידערט דאָ צוזאַמען און געזאָגט:

— איך וויל דיר מאַכן אַ סורפּריז, מעגסטו אפילו לאַכן פון מיר: איך האָב שוין אַלץ דערליידיקט אין רייזע־ביוראָ. מיר פליען... און ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און זיך מיט איר געדרייט ארום טיש. ביידע האָבן צופרידן געלאַכט. ער האָט זי געקושט.

— ניט אזוי ווילד! וועסט נאָך אויפוועקן לוסינקען. — האָט זי זיך גע־בעטן ביי אים.

— ער האָט זי אויפגעהויבן אויף די הענט און לייכט אַראָפּגעשטעלט אויפן טעפּיך.

עפּעס ווי פון הימל איז עס אַראָפּגעפאַלן, האָט זי געטראַכט. די מאַמע האָט דאָך געזאָגט זי זאָל פאָרן זען אַ ספּעציאַליסט. איז איצט די געלעגנהייט. ס׳וועט שוין זיין נאָך לוסינקעס געבאָרנטאָג און די מאַמע וועט זיין צופרידן צו בלייבן אויפּפּאַסן אויף איר.

— ווייסט, אייבי, מיין דאָקטער האָט געזאָגט, אז ביי מיר איז עפּעס ניט אין אָרדענונג מיט די אויגן, וועל איך שוין פאַראיינס זען אַ ספּעציאַליסט אין דער שווייץ.

— ביסט אַ חכמה! ביסט קלוג ווי די וועלט! — איז ער געוואָרן איבער־ראַשט פון איר צושטימונג און זיך געבעטן: — עטעלע, עפן דיינע שיינע אויגן און קוק מיך אָן!

עטעלע איז שוין געווען אין גאַנצן באַהערשט פון געדאַנק פון קומען אין דער שווייץ, זען אַ גרויסן אויגן־פּראָפעסאָר. זי האָט ניט געוווּסט, אז אייבי גייט שוין ארום מיטן אַדרעס פון פּראָפעסאָר אין קעשענע און מאָרגן קלייבט ער זיך טעלעפאָנירן אין דער שווייץ און צו באַשטימען די צייט פון באַזוך. איר פּנים האָט אָבער היינט געשיינט פון פרייד און זי איז געווען אין אַ געהייבענע שטימונג.

אייבי האָט אפילו אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך רויטן ליקער, און מ׳האָט גע־טרונקען, צו פייערן דעם אזוי אומדערוואַרטן באַשלוס.

אייבי האָט אָבער אויסגעמיטן צו ריידן וועגן די אויגן און געפּרוווט ריידן וועגן דער שוואַנגערשאַפט. איצט, האָט ער געזאָגט, וועט קומען אַ יינגעלע. ער פילט עס. וועט זיין אַ שיין פּאָרעלע: לוסינקע און? און ווי?

— פרעג מיר ניט איצטער, אייבי. אז מיר וועלן קומען פון שווייץ, וועלן מיר באַטראַכטן. נאָך דאָ גענוג צייט...

— און ער וועט האָבן שיינע אויגן, ווי דיינע...

עטעלע איז מיט אַ מאָל אומעטיק געוואָרן. ווידער האָט ער אַלץ קאַליע

געמאַכט מיט זיין פלוידעריי, האָט ער געטראַכט. ער האָט זי ארומגענומען און גערעדט צו איר וואַרעמע ווערטער, זי געקושט, געהאַלדזט.

שיינע אויגן, ווי דיינע... האָבן איר נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערן זיינע לעצטע ווערטער. און ווי אז די ירושה־קראַנקייט וועט אויך איבערגיין אויף מיינע קינדער און זיי וועלן ווערן בלינד. בלינדע קינדער!

ווי נעכטן אין בעט האָבן זיך די בייזע מחשבות אָנגעהויבן פלאָנטערן אין איר קאָפּ. און צווישן די געדאַנקען האָט יעדן מאָל ווי אַ העל ליכט אַ פלאַקער געטאָן דאָס וואָרט שווייץ. זי האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און געוואָלט זיך ארויסרייסן פון דעם פינצטערן פלאָנטער.

— כ׳זע אז דו ביסט געוואָרן אומעטיק, עטעלע, אָבער מיר פאָרן דאָך אין דער שווייץ. געדענק, אין אַ מאָנאַט ארום וועלן מיר ביידע זיצן אין עראָפּלאַן און פליען. פליען.

עטעלע האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן חלום און ס׳איז איר פריילעכער געוואָרן:

— ביסט גערעכט, אייבי, איך בין אַ שלעכטע מיידעלע און ניט דאַנקבאַר פאַר דעם אַלץ וואָס דו טוסט פאַר מיר. וויל איך דיר דערוויל באַדאַנקען מיט אַ קוש, מיין ליבער.

זי האָט אים ארומגעאַרעמט און הייס געקושט. און ניט ווילנדיק זיינען געקומען אין אירע אויגן טרערן. זי האָט אים באַנעצט די באַקן, דעם מויל, נאָר ער איז געווען צופרידן און האָט זיך ניט וויסנדיק געמאַכט.

— אייבי, אַנטשולדיק, דאָס זיינען טרערן פון פרייד. אַ דאַנק דיר.

.4

פון טאָג צו טאָג, מיטן דערנענטערן זיך פון דער צייט פון אָפּפלי, איז זי געוואָרן פריילעכער, ווי די מאָסע פון ליידן וואָלט פון אירע פלייצעס אראָפּ־געפאַלן. זי האָט אַלץ מער געוואָלט זיין מיט אייבין, פאַרברענגען מיט אים די אָוונטן. זי האָט מורא געהאַט צו לאַנג צו בלייבן אליין, כדי די פאַרצווייפלונג זאָל איר ניט ווידער באַפאַלן.

איז זי צופרידן געווען וואָס די מאַמע באַקט און גרייט אַלץ צו פאַר לוסיב־קעס געבורטסטאָג. זי האָט איר אַ גאַנצן טאָג ביי זיך און פאַרהאַלט איר נאָך אַנדערע מאָל ביז אייבי דאַרף קומען.

זי האָט זיך פיל געשפּילט מיט לוסינקען, איר געלייענט קינדער־געשיכטעס איר געלערנט און געוויזן זאַכן, נאָר כדי זיך צו האַלטן פאַרנומען.

לוסינקע האָט געהאַלטן אין ציילן די טעג ביז איר געבורטסטאָג. און זי איז אפילו צופרידן געווען, וואָס פאָ און מאַ, ווי זי פלעגט זיי רופן, וועלן אוועקפאָרן און זי וועט בלייבן אליין מיט דער באָבען. די באָבע גיט איר אַלץ נאָך, טוט פאַר איר וואָס נאָר זי וויל, וועט עס זיין אַ גוטע צייט פאַר זייביידן. זי האָט ארומגענומען די באָבען און איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט, אז זי קוקט שוין אויס דעם טאָג ווען פאָ און מאַ וועלן אוועקפאָרן און זיי וועלן בלייבן אליין אין גאַנצן הויז. די באָבע האָט איר געגלעט אויף די גאָלדענע לעקעלעך, און זיך דערמאָנט ווי עטעלע איז געווען אַ קינד און אויסגעזען ווי לוסינקע:

— אוי, וועלן מיר הוליענען, לוסינקע! — האָט די באָבע פריילעך געזאָגט.

— יאָ, יאָ, באָבע, מיר וועלן גיין זען אַלע שיינע בילדער אין קינאָ. ניין, באָבע?

— אוודאי וועלן מיר גיין. און די מאַמע וועט דיר ברענגען אַ ברודערל, אזא ווי דו.

— אזוי ווי מיין ליאַלקע, באָבע. כ׳וועל אים האַלטן אויף די הענט, וויגן, שלאָפן לייגן.

— ניט קיין ליאַלקע! — האָט איר די באָבע איבערגעריסן. — אַן אמתן ברודערל, אַ קליין ייִנגעלע. דו ביסט אַ מיידעלע, און ער וועט זיין אַ ייִנגעלע.

אזוי פלעגט זיך די באָבע פאַררייִדן מיטן אייניקל אין קינדערשע שמועסן ביז זי פלעגט איינשלאָפן. און ס׳איז שווער געווען צו וויסן ווער האָט מער הנאה געהאַט.

אייבי, וואָס האָט געוווסט וואָס ס׳איז אָנגעגאַנגען אין עטעלעס האַרץ, איז געווען גליקלעך פון דער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען. ווען זיי פלעגן בלייבן אליין פלעגט עטעלע ארויפלייגן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און אים קוקן אין די אויגן. אויב אפילו זי האָט ניט גערעדט, האָט זי געוווסט אז אייבי פאַרשטייט איר צו גוט און האָט זי ליב. ער האָט איר אויך געזאָגט, אז זי זאָל ניט זאָרגן וועגן די אויגן, ווייל זיינער אַ געשעפטספריינד האָט אים געגעבן אַן אַדרעס צום גרעסטן פּראָפעסאָר.

זי האָט זיך געפילט בעסער. געווען גליקלעך. אויף גאַנצע טעג פאַרגעסן די אויגן. איין זאַך האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי קען ניט אייבין דערציילן די גאַנצע געשיכטע, אָט אזוי ווי איר מאַמע האָט איר דערציילט, וועגן יענער עטעלען, איר מומע, וואָס איז קינדווייז בלינד געוואָרן. עפּעס אַ מאָדנער געפיל

פון זיכערקייט האָט איר איצט ארומגענומען, אז מיט איר וועט עס ניט פּאַסירן. זי פלעגט אָנשטעלן, ווי אַ מאָל, אירע בלויגרויע אויגן אויף אייבין און אַ זיסער שמייכל פלעגט זיך איר צעגיסן אויפן פּנים, און אייבי פלעגט פילן ווי אַלע גלידער צעגייען אים פאַר פרייד. ער האָט שוין לאַנג ניט געזען עטעלען אזוי שמייכלען.

איר דאָקטער איז שטאַרק צופרידן געווען פון דעם אָנזאָג אירן, אז זי פאָרט אין דער שווייץ און זי וועט זען אַ גרויסן פּראָפעסאָר. ער האָט איר געזאָגט אז ער וועט איר געבן אַן אַדרעס פון דעם סאַמע גרעסטן אויגן־דאָקטער, וואָס איז ממש אַ כּישוף־מאַכער. זי האָט גענומען דעם אַדרעס און געגעבן אייבין. אייבי האָט געזאָגט, אז ער וועט טעלעפאָניש באַשטעלן אַ וויזיט מיט אים — אזוי האָט אייבי אריינגעצויגן אין שפּיל דעם דאָקטער, און עטעלע האָט עס ניט געוווּסט. אָבער דאָס איז געווען די בעסטע רפואה פאַר אירע נערוון.

איצט איז שוין געווען נאָך לוסינקעס גרויסן געבורטסטאָג, ווו עס האָט זיך אָפּגעטומלט מיט אַ סך קינדערלעך אַ גאַנצן טאָג, אָבער אזוי ווי איר טעכטערל פריער, האָט איצט די מאַמע, געציילט די טעג ביז זייער אָפּפלי. זי איז געווען אומגעדולדיק און האָפענונגפול. ס׳האָט געצויבערט אַ ניי לאַנד און נייע מענטשן.

.5

דער טאָג פון אָפּפליען איז אָבער געווען שווער פאַר עטעלען. עפּעס אַ בענקשאַפט צו די אַלע זאַכן, צו די מענטשן און איבערהויפּט צו דער מאַמען און לוסינקען האָט זי באַהערשט. ס׳איז געווען אַ מאָדנער געפיל, וואָס האָט געמאַכט איר האַרץ קלאַפּן מיט באַדויער און פרייד. זי האָט געקושט דער מאַמען, און די מאַמע האָט איר ווידער דערמאָנט וועגן וואָס זי פּאָרט, אז זי זאָל עס ניט פאַרגעסן.

עטעלען האָט זיך איבערגעגעבן די שרעק פון דער מאַמען און ווען זי האָט געקושט לוסינקען האָט זי זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון איר. מיט לוסינקעס גאָלדענע לאָקן האָט זי פאַרדעקט אירע טרערן. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געטראַכט: זאָל אייבי עס כאָטש ניט זען!

— מ׳דאַרף שוין גיין. — האָט אייבי איר לייכט אָנגענומען ביים אָרעם.

איצט האָט לוסינקע ניט געוואָלט אָפּלאָזן די מאַמען, ווי זי וואָלט ערשט דערשפּירט אז ס׳איז טאַקע אַן אמת אז פּאַ און מאַ פאָרן אַוועק.

— בלייב מיט מיר, מאַ, בלייב!... האָט זי איר נאָכגעשריען מיט טרערן אין די אויגן.

*

עטעלע איז געפלויגן איבער די וואָלקנס, איבער ים און בערג. זי האָט אַלץ געזען און באַוואונדערט. ווי הייך דער עראָפּלאַן איז געפלויגן, אַזוי הייך האָט זיך געהייבן איר מוט. זי האָט געזען אַ גרויסע, ברייטע, זוניקע וועלט. ניין, זי טאָר ניט בלינד ווערן. אַ שאָד צו פאַרלירן אַזעלכע הימלען און אַזוי פיל גאָלד און בלוי. זי האָט געדריקט אייביס האַנט, וואָס איז געזעסן לעבן איר, און אים באַשאָטן מיט אירע בלויגריַנע שטראַלן. פאַר אים איז עס געווען מער ווי זון, מער ווי אַלץ.

מיט אַ מאָל האָבן זיך אַנטפּלעקט די שנייקעפּ פון די אַלפּן. אונטן גרינע טאָלן, אויבן — שניי. זי האָט נאָך אַזאַ שיינקייט ניט געזען. נאָר ניט לאַנג האָט עס געדויערט. אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט דער עראָפּלאַן באַרירט די ערד.

מענטשן. גערודער. ס'האָט איר געשווינדלט דער קאָפּ פון די פאַרבן. אַלץ האָט זיך באַוועגט.

און אָט לויפט שוין זייער טאַקסי איבער די גאַסן פון שטאָט. זי קוקט דורכן שמאָלן פענצטער און קען ניט כאַפּן די בילדער. און אָט בלייבן זיי שטיין פאַרן האָטעל.

*

דער אַפּאַרטמענט האָט ווייכע טעפּעכער, שיינע פּלושענע מעבל, פיין־פאַרבעטע בעטן, נאָר מער פון אַלץ איז דער ארויסבליק דורך די פענצטער. ליכטיק־ווייסע בערג, ווי ריזן, הייבן זיך צום הימל. זי שטייט ביים פענצטער און האָט פאַרגעסן אָן אַלץ.

אָבער אייבי איז שוין געווען פאַרנומען ביים טעלעפאָן. אָנגערופן גע־שעפטספריינד און באַשטעטיקט דעם מאָרגנדיקן וויזיט ביים פּראָפעסאָר. איצט האָט ער געעפנט די טשעמאָדאַנעס און אָנגעהויבן אויספּאַקן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק צום פענצטער און הנאה געהאַט פון עטעלעס פאַרקוקטקייט אין דער נאַטור, אין דער פרישער אומגעבונג.

— ביסט גאָר ניט פאַרמאַטערט, טייערע? — האָט ער לייכט איר אָנגע־רירט ביים שולטער.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום:

— דאָ איז אַזוי שיין, אייבי. ווי אין קינדער־מעשהלעך, ווי אין פאַרביקע בילדער.

אייבי איז געווען צופרידן פון איר באַגייסטערונג. ער האָט איר צוגע־צויגן צו זיך:

— און דאָ איז אזוי גוט צו זיין מיט דיר. — ער האָט געמורמלט ליבערייד און זי געקושט.

אויף מאָרגן איז מען געזעסן ביים פּראָפעסאָר אין קאַבינעט. דער פּראָפע־סאָר איז געווען אַן עלטערער מאַן מיט גרוי־זילבערנע האָר און אַן אײדל פּנים. ער האָט גערעדט שטיל, אָבער מיט אַ ליבלעכן קלאַנג אין שטים.

עטלעכע שעה האָט געדויערט די אונטערזוכונג. קיין סך פראַגעס האָט ער איר ניט געשטעלט, און איר איז אפילו ניט אויפגעפאַלן אז ער האָט שוין געקראָגן אַ באַריכט פון איר דאָקטער און ווייס אַלץ. אומזיסט האָט זי זיך גע־שראָקן טאָמער פרעגט ער איר, צי אין פאַמיליע איז ווער געווען בלינד.

איצט זיינען די געשעענישן געלאָפן מיט אומפאַרמײדלעכער שנעלקייט. ערשטנס, האָט דער פּראָפעסאָר אליין איר ארויפגעזעצט אויף דער נאָז אַ פּאָר טונקעלעברילן און געזאָגט:

— מאַדאַם, שרעקט זיך ניט און זייט ניט שאָקירט פון די טונקעלע גלעזער. דאָ גייען כמעט אַלע מענטשן אין זונברילן, צוליב דער גליאיקער זונליכט. און צוליב דעם טאַקע דאַרפט איר עס אויך טראָגן, נאָר איר דאַרפט עס טראָגן לענגער — אויך ביי העל־עלעקטרישע ליכט. און דאָ האָט איר אַ צייט פאַר צוויי קומענדיקע וויזיטן.

נאָך די צוויי קומענדיקע וויזיטן, האָט דער פּראָפעסאָר פעסטגעשטעלט די דיאַגנאָז און געגעבן דערקלערונגען אייבין און עטעלען. ער האָט געזאָגט, אז אזעלכע אָפּעראַציעס האָט ער שוין געמאַכט און ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט פון פולקום געזונט ווערן. לויט ווי עס זעט אויס ביי עטעלען זיינען די שאַנסן גאָר גוטע. אָבער די אָפּעראַציע קען נאָר פאָרקומען נאָך דעם געבורט פון קינד. און זי מוז צוליב דעם בלייבן אין דער שווייץ.

ער וויל זיך ניט מישן צי דער מאַן מוז אויך בלייבן. דאָס מוזן זיי אליין באַשליסן, האָט ער געזאָגט, נאָר ס'איז בעסער פאַר דער מאָראַל און אין אַלע זינען אז דער מאַן איז מיט דער פרוי ביז נאָך דער אָפּעראַציע. דער דאָזיקער זאָג איז געווען גענוג אז אייבי זאָל בלייבן מיט עטעלען, כאָטש זיין גרויסער געשעפט איז געבליבן אויף פרעמדע הענט.

פון די רייד פון פּראָפעסאָר זיינען זיי געווען דערמונטערט.

*

חדשים זיינען אַוועק אין האָפן און אויסקוקן אויפן קינד. ס'איז געווען גענוג צו שמועסן. אפילו אַ נאָמען האָט מען שוין געפונען.

דאָס קינד איז געקומען נאָרמאַל, אין דער צייט. אַ שיין יינגעלע מיט בלויע אייגעלעך, וואָס זיינען נאָך געווען פאַרנעפּלט.

אַ מאָנאַט שפּעטער, נאָך דעם ווי עטעלע האָט זיך דערהאָלט, איז פאָרגעקומען די אָפּעראַציע. און ווען דער פּראָפעסאָר האָט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אַראָפּגענומען די באַנדאַזשן פון די אויגן, האָט ער עטעלען גראַטולירט און זי האָט זיך צעקושט מיט אים.

— מאַדאַם, די אָפּעראַציע איז געלונגען. אייערע שיינע אויגן זיינען פולקאָם געזונט.

— אַ דאַנק, פּראָפעסאָר, איר האָט מיר געראַטעוועט... האָט זי זיך באַלד צעוויינט.

— ניט וויינען איצט, מאַדאַם. איר דאַרפט מער ניט וויינען.

ווען דער עראָפּלאַן האָט זיי אין אַ קורצע צייט ארום געבראַכט אַהיים, האָבן זיי אויפן עראָדראָם אָפּגעוואַרט די באָבע און לוסינקע. ווען די מאַמע איז אָנגעקומען פון ווייטן מיטן בייבי אין איר אָרעם, האָט די באָבע געזאָגט מיט אַ שמייכל צו לוסינקען:

— זעסט, איך האָב דיר געזאָגט אז די מאַ וועט דיר ברענגען אַ ברודערל אַ מתנה — אָט טראָגט זי אים.

אַן אומעטיקער טאָג

1.

דבורהלע איז געווען אַ רבס אַ טאָכטער. דער רב איז שוין געווען אַלט און קיין שטעלע ניט געהאַט. די חיונה האָט מען געצויגן פון אַ קרעמל, וואָס די רביצין האָט אַ מאָל געפירט, און דבורהלע איז געווען איר רעכטע האַנט. איצט איז די רביצין אויך אַלט, און דבורהלע האָט איבערגענומען ס׳קרעמל.

דעם אמת געזאָגט, האלט זיך דבורהלע אליין אויך פאַר אַן אַלטע. אַנטקעגן איר מאַמען, וואָס האָט חתונה געהאַט צו פערצן יאָר, און אירע חברטעס — צו זיבעצן־אַכצן, איז זי, מיט אירע אַכט און צוואַנציק יאָר, אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד.

איצטער, אַז זי איז אַליין גאַנצע טעג אין קראָם, האָט זי צייט צו טראַכטן און זיך דערמאָנען די ניט לאַנג פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען זי האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע קראַסאַוויצע און אַלע בחורים האָבן זיך געשדכנט צו איר. אָבער ס׳איז שוין אַ מעשה פון צען יאָר.

זי איז דעמלט געווען אַזאַ יונגינקע, ערשט אַכצן יאָר איז איר געווען, און אַלע בחורים פון שטעטל זיינען אַ כפרה געוואָרן פאַר איר. זי פלעגט אירע העל־ברוינע צעפּ איבערבינדן מיט בלויע סטענגעס און מאַכן אַ גרויסן שלייף אויפן קאָפּ, פלעגן די בחורים קוקן אויף איר מיט פאַרוווּנדערונג, ווי אויף אַ פּרינצעסין. ס׳פלעגט זיי זיין אַ כבוד אָנצורירן, כאָטש מיט אַ פינגער, אירע סאַמעטענע סטענגעס און פאַר איינס פילן אירע זיידענע האָר.

זי איז געווען צו שטאָלץ מיט זיך און קיינער איז איר ניט געווען צום האַרצן: דער איז צו גראָב און דער אַנדערער צו גרויס, איינער איז צו הויך און אַ צווייטער צו קליין. דבורהלעס מאַמען האָט שוין דעמלט פאַרדראָסן, וואָס קיין איין בחור געפעלט איר ניט. מיט ביטערן שפּאָס פלעגט זי זאָגן:

— אפשר אָראָפּברענגען פאַר דיר אַ פּראָפעסאָר, מיין טאָכטער? אַ מיידל קען אייביק ניט שטיין אין אַ קרעמל און פאַרקויפן בשמים און הערינג, זאַלץ און מעל און קעראָסין.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט שוין די מאַמע גערעדט קלאָר און שאַרף:

— וועסט נאָך פאַרזעסן ווערן מיט דיין שטענדיקן בראָקירן אַלעמען. שוין צייט זאָלסט האָבן דיין אייגענעם ווינקל. אין דיינע יאָרן האָב איך שוין געהאַט אַ פּאָר קינדערלעך.

היינט ווייס דבורהלע, אַז די מאַמע איז געווען גערעכט. געדאַרפט איר פאָלגן.

— אַ מאָל האָסטו געקענט קלייבן, אָבער היינט ווייסטו שוין מוזן נעמען וואָס עס מאַכט זיך. אַבי עס זאָל זיך נאָר עפּעס רעכטס מאַכן... — זאָגט היינט די מאַמע מיט אַ טענה.

די מאַמע דאַרף איר שוין גאָר ניט זאָגן אפילו. אַז זי ליגט אין בעט הערט זי ווי זיי זיפצן, טאַטע־מאַמע, און זי פאַרשטייט שוין אַלץ. אַזוי באַדויערן זיי איר. די מאַמע זאָגט שוין מער גאָר ניט, אָבער זי פילט אַז ס׳טוט איר ווייט דאָס האַרץ. אַלע אירע חברטעס האָבן שוין אייגענע היימען, קינדער. פירן זיי פאַר אַ הענטל אין חדר.

די טעג, ווען זי פלעגט דאָס אַלץ איבערטראַכטן, זיינען געווען אומעטיקע טעג. אָבער נאָך אומעטיקער איז געווען, ווען דער הימל האָט זיך פאַרדעקט ווי מיט אַ טונקל־גרויע טוך און ס׳האָט פון אין דער פרי ביז פאַר נאַכט ניט אויפגעהערט צו רעגענען. אין אַזעלכע קאַלט־רעגנדיקע טעג פלעגט מען זעלטן זען ווען ניט איז פאַרבייגיין פאַרביי דער קראָם, שוין אָפּגערעדט פון קונים. זעלטן פלעגט ווער אריינכאַפּן זיך קויפן אַ הערינג, אָדער אַ פאַרפראָרן יינגעלע פלעגט אריינלויפן קויפן אַ צוקערל. אין אַזאַ טאָג פלעגט זיין גענוג צייט איבערצוטראַכטן וועגן אַלץ וואָס איז אַוועק.

דעם גאַנצן טאָג איז דבורהלע געשטאַנען און ארויסגעקוקט דורך דער אָפענער טיר: אפשר וועט נאָך ווער קומען? זי האָט געזען, אַז ס׳איז שוין באַלד צייט צו פאַרמאַכן די קראָם און זי האָט נאָך כמעט גאָר ניט געלייזט. זי האָט אָפּגעזיפצט צו זיך אליין: אַ שווערע פרנסה!..

אַלע מאָל, אין דער לעצטער שעה, איז זי שטאַרק פאַרנומען. ס׳פעלן איר אויס הענט אלעמען צו באַדינען — און יעדער וויל גלייך האָבן וואָס ער בעט. מענטשן איילן זיך אַהיים נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג, וויל מען ניט שטיין און וואַרטן, איבערהויפּט די פרויען: זיי דאַרפן מאַכן עפּעס פאַרן הויזגעזינט אָדער אויסקאָכן וואַרמעס. אַמערגסטן איז געווען ווינטער אָדער אין אַ קאַלטן רעגן.

אין אַזאַ טאָג, האָט דבורהלע אויסגעזען ווי אַן אַלטע אָפּגעלעבטע יידענע און מ׳האָט איר קוים געקענט דערקענען. אירע שוואַרצע אויגן פלעגן ווערן פאַראומערט און נאָך טיפער פאַרזינקען אין אויסגעטריקנטן פּנים. אירע העל־

ברוינע האָר פלעגט זי פאַרבינדן מיט אַ טונקעלן טיכל און די צוויי ברעגעס פלעגן אַראָפּהענגען פוןביידע זייטן. איר גרויער שירץ איז געווען צו גרויס פאַר איר נידעריקן וווקס, און די קעשענעס האָבן אויסגעזען ווי אָנגעהאנגענע טאָרבעס. דאָס האָט פאַרדעקט ניט נאָר איר בלויע קלייד אונטער דעם אָנטוי־עכץ, נאָר איר אין גאַנצן. מ׳האָט זי קוים ארויסגעזען.

דבורהלע ווייס אַז זי טוט עס ניט נאָר פאַר זיך אליין, נאָר מער פון אַלץ פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס זיי איז שוין שווער צו אַרבעטן. און אַז זיי ווילן איר צוהעלפן אָדער עפּעס טאָן, שטערן זיי איר. אָבער דבורהלע האָט אַ גוט האַרץ און זי וועט ניט איבערלאָזן טאַטע־מאַמען אויף הפקר.

אין דער וואָכן איילט זי זיך ניט אַהיים, ווייל זי וויל ניט הערן זייערע קרעכצן און זען ווי זיי קוקן מיט רחמנות אויף איר. אַ מאָל הערט זי ווי די מאַ־מע ברעכט מיט די הענט און קלאָגט, אָבער זי מאַכט זיך ניט זעענדיק און הערנדיק. האָט זי זיך אויך הייגט ניט געאיילט. זי ווייס: אין אַ רעגנדיקן טאָג איז עס נאָך ערגער.

די איינציקע טעג ווען זי פלעגט זיך איילן אַהיים זייַנען געווען ערב שבת און ערב יום־טובים. קומענדיק אין אזא טאָג, פלעגט זי גלייך אַראָפּוואַרפן די קראָם־אָנטועכץ, זיך ארומוואַשן, אויסצוואָגן און אויסקאָמען די האָר און זיך אויספּוצן אין אירע שענסטע קליידער. דעמלט פלעגט זי ווערן פריש און לע־בעדיק און ס׳איז מער ניט געווען די זעלבע טרויעריקע און אומעטיקע דבורהלע פון אָרעמען קרעמל.

איצט האָט זי ניט געאיילט און עפּעס אַ מאָדנער געדאַנק איז איר געקומען אין קאָפּ: ווען איר באַשערטער קומט אריין צו איר, אָט דאָ, וואָלט זי שוין מער ניט איבערקלייבן. דבורהלע האָט אָבער געוווּסט אַז קיין קונים וועלן שוין מער ניט קומען. ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער און מ׳האָט גאָר ניט געזען. איז זי געשטאַנען אזוי סתם.

*

מיט אַ מאָל האָט זיך עמעצער אריינגעשאַרט, אזוי ווי אַ שאָטן. דבורהלע האָט ניט געזען ווער דאָס איז און אויך ניט דערקענט דאָס קול, נאָר יענע האָט איר גערופן ביים נאָמען.

— דבורה, ראַטעווע מיר. כ׳וויל קיין נדבות ניט בעטן, נאָר באָרג מיר אַ לעבל ברויט און אַ הערינג. וועסט ראַטעווען מיין הויזגעזינט.

— ווער זייט איר? — האָט דבורהלע כמעט אַ געשריי געטאָן. — און פאַר וואָס אזוי שפּעט?

— איך בין משהקעס מאַמע. געדענקסט דאָך משהקען, האַ? ווען ס'איז נאָך געווען ליכטיק האָב איך זיך געשעמט אַריינצוגיין. געשעמט זיך צו קומען בעטן ברויט אויף באָרג.

— זאָרגט זיך ניט, — האָט דבורהלע גערעדט צו איר, ניט קענענדיק דער־מאָנען זיך איר נאָמען, — אָט דאָ האָט איר אַ לעבל פרישן ברויט מיט צוויי הערינג. אַז איר וועט האָבן, וועט איר מיר באַצאָלן. און עסט געזונטערהייט.

— אַ דאַנק, דבורהלע, אַ דאַנק! — איז איר די פרוי געפאַלן קושן די הענט.

— פּאָרט אַ רבס אַ טאָכטער. ניט אומזיסט האָסטו מיין זון ניט געוואָלט, ער איז אַ פּראָסטאַק, אָן ייחוס.

— ווער זוכט עס היינטיקע צייטן ייחוס? אַלע מענטשן זיינען גלייך.

— אָבער אַ רבס אַ טאָכטער מיט אַ שוסטעריונג, ווי פּאַסט עס? שוין אַוועק אַזאַ לאַנגע צייט...

— שוין באַלד צען יאָר, — האָט דבורהלע געזאָגט טרוקן. — פאַר די אַלע יאָרן האָב איך אים ניט געזען. ער איז דאָך ביי אייך, אַהיים. ניט אַזוי?

— יע, ער זיצט אין דער היים און וויל ניט גיין אַרבעטן. ער און זיינע חברים וואַרטן, אַז געבראָטענע טייבעלעך זאָלן זיי אַריינפליען אין מויל. — זי האָט אַ קרעכץ געטאָן. — ער איז דאָך שוין אַ בחור איבער דרייסיק. אָבער אין דיר איז ער געווען פאַרקאָכט מיטן גאַנצן האַרצן. ער דערמאָנט דיר נאָך ביז היינט. און ער שעמט זיך... נו, אַ דאַנק, דבורהלע. האָסט פאַרדינט אַ מצווה, זאָל דיר גאָט פאַר דעם באַצאָלן.

.2

דבורה איז געבליבן אליין אין דער פינצטערער קראָם. זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט אים אָפּגעזאָגט, כמעט אַרויסגעטריבן. היינט וואָלט ער שוין געווען אויסגעמענטשלט. אפשר האָט ער זיך איבערגענומען, וואָס איך האָב אים ניט געוואָלט און ער איז געוואָרן אַזוי אָפּגעלאָזן.

זי קען זיך ניט דערמאָנען ווו זיי ווינען, אָבער ס'מוז זיין גאַנץ ווייט, אַניט וואָלט זי געוווסט. אַ שאָד וואָס זי האָט ניט געפרעגט זיין מאַמען, אָבער ווי נאָר זי וועט עס אויסגעפינען, וועט זי יעדן טאָג עפּעס צושיקן. אפשר דאַרף זי זיך טרעפן מיט משהקען, ריידן צו אים. זי האָט דאָך געזאָגט, אַז ער ליבט איר נאָך איצטער.

דבורהלע טוט אַ ציטער ביי דעם געדאַנק און אין דער פינצטער זעט זי זיין אויסזען: אַ הויכער, אַ ברונעט, מיט שוואַרצע אויגן און געדיכטע ברעמען

איבער זיי. זי געדענקט ווי די מאַמע האָט זיך ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל משהקען ניט אַוועקיאָגן פון זיך:

— ס׳וועט דיר ביי אים גאָר ניט פעלן. ער איז אַ שיינער בחור און אַ גוטער פאַרדינער. וואָס ווילסטו, אַז גאָט זאָל דיר צושיקן דעם קייזער אליין? נישקשה, אַז דער טאַטע וויל און עס שטייט אים אָן, מעגסטו אויך וועלן.

— אָבער מאַמע, ער איז אַ שוסטערס אַ זון און אַ גראָבער יונג דערצו.

— דבורהלע, ביסט ניט גערעכט. זע, מ׳דערציילט אַז דער אַלטער שוסטער מיט זיינע דריי בנים האָבן אין דער גרויסער שטאָט אַן אייגענע פאַבריק. און דאָ האָבן זיי ניט געהאַט וואָס אָפּצועסן. באַטראַכט זיך דבורהלע, כל־זמן ס׳איז ניט צו שפּעט.

איצט ווייס זי אַז ס׳איז צו שפּעט. די מאַמע איז גערעכט געווען. כ׳האָב זיך געבריקעוועט און בין געבליבן אַ פאַרזעסענע מויד. און אַז ס׳וואָלט זיך איצטער געמאַכט עפּעס, וואָלט זי שוין ניט בראַקירט. אַז מ׳פאַרבריט זיך אויף הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן... פאַלט איר איין אַ ווערטל, וואָס איר מאַמע זאָגט כסדר.

איצט פילט זי, אַז עס ווערט פון איר אַ תל. באַקאַנטע אפילו דערקענען איר ניט. אין קראָם זעט זי אויס ווי אַ באָבע. אָבער אַ טיכל אויפן קאָפּ מוז זי טראָגן. ס׳איז שווער צו וואַשן די האָר מער ווי איין מאָל אַ וואָך, אויף שבת.

זי כאַפּט זיך, אַז ס׳איז געוואָרן שפּעט, שפּעטער ווי אַלע מאָל. זי מוז צומאַכן די קראָם. מיט די שליסלען אין האַנט בלייבט זי שטיין אויף דער שוועל, ווייל ס׳קומט אָן אַ מאַן. אין אזא רעגן און אזוי שפּעט, טראַכט דבורהלע, מוז ער עפּעס זייער נייטיק האָבן.

— וואָס האָט איר געוואָלט? ס׳איז אזא פאַסקודנער וועטער. קומט אריין.

— דורכגענעצט געוואָרן ביז די ביינער, — זאָגט דער מאַן און גייט אריין אין דער פינצטערער קראָם.

דבורהלע קען אים ניט זען, ווייל ס׳איז פינצטער, אָבער זיין שטימע קומט איר פאָר באַקאַנט. זי קען זיך אָבער בשום אופן ניט דערמאָנען ווער דאָס איז

— איר זייט דאָך ניט געקומען אין רעגן סתם אזוי. איר ווילט דאָך מסתמא עפּעס.

— כ׳וויל גאָר ניט, גאָר ניט. כ׳בין אייך נאָר געקומען באַדאַנקען, וואָס איר האָט מיין מאַמען געבאָרגט דאָס ברויט מיט די הערינג. מיר וועלן אייך באַצאָלן...

איצט האָט דבורהלע פּלוצעם זיך געכאַפּט: דאָס איז משהקע! אָבער זי מאַכט זיך ווי זי קען אים ניט. און אפשר, פאַלט איר איין, דערקענט ער מיר ניט אין דער פינצטער.

— און ווער זייט איר? — פרעגט אים דבורהלע.

— איך בין משהקע דעם שוסטערס, אָבער אליין בין איך אויך אַ שוסטער און אַ שטעפּער —ביידע זאַכן. מיין מאַמע ליבע־רייזע איז דאָ אָקערשט געווען ביי אייך און זי האָט געזאָגט, אז דבורהלע האָט איר געגעבן דאָס ברויט. בין איך געקומען זאָגן אַ דאַנק.

— אָבער איך בין ניט דבורהלע! — פּרוווט דבורהלע זיך אַ שפּיל טאָן מיט אים.

— אייער שטימע איז מיר באַקאַנט, אזוי ווי דבורהלעס, איר זייט מסתמא דבורהלעס מאַמע. איך געדענקט אז אייער טאָכטער האָט ניט געפּאַסט דער שידוך מיט מיר.

— יע, כ׳געדענק. נאָר פאַר וואָס קומט איר פון אזוי וויט צוליב אזא נאַרישקייט.

— מיר האָבן טאַקע געוווינט וויט, עק שטאָט. נאָר מיט אַ וואָך צוריק האָבן מיר זיך אריבערגעקליבן דאָ, ערגעץ ניט וויט. אַן אַלטע חורבה, אָבער ס׳קאָסט גראָשנס...

— און איר האָט נאָך ליב דבורהלען? — מאַכט דבורהלע איר שטים אַ ביסל הייזעריקלעך.

— אוודאי האָב איך איר נאָך ליב, ווי מיין לעבן. אָבער זי איז נאָך אַלץ מסתמא אזא מאַדנע, אין גרויסן. און וויל נאָך אַלץ מסתמא חתונה האָבן מיטן פּרינץ פון לאָנדאָן.

— ניין, זי איז ניט שטאָלץ און האַלט זיך ניט גרויס. זי איז געווען יונג און ניט פאַרשטאַנען דאָס לעבן. די צייט און די יאָרן האָבן איר געביטן.

— אָבער זי האַלט נאָך אַלץ מסתמא, אז אַ רבס אַ טאָכטער טאָר מיט אַ שוסטער ניט חתונה האָבן.

— און אייך פאַרדריסט דען וואָס זי האָט מיט אייך ניט חתונה געהאַט.

— כ׳וואָלט נאָך מיט איר אפילו איצט חתונה געהאַט. זי האָט דאָך געשיינט ווי די זון. מיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך איר, רביצין.

דבורהלע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַ שפּרונג צו טאָן און אויסשרייען פון פרייד.

— טאָ פאַר וואָס טרעפט איר זיך ניט? פאַר וואָס האָט איר אזוי פיל יאָרן זי אויסגעמיטן?

— ווייל כ׳האָב זיך געשעמט, געגאַנגען צען מייל ארום, נאָך דעם ווי זי האָט מיר ארויסגעטריבן. מיינע חברים האָבן מיר אויסגעלאַכט.

— וואָלט איר זיך וועלן טרעפן מיט איר, משהקע? — האָט דבורהלע געפרעגט.

— זיכער וואָלט איך וועלן. כ׳וועל זיין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

— ווען זאָל איך איר זאָגן, זאָל זי וואַרטן אויף אייך?

— שבת נאָכן טשאָלנט איז די בעסטע צייט. וועט זי מיר ניט ארויסטרייבן?

— ניין! כ׳זאָג אייך צו. קומט צו אונדז שבת. כ׳וועל ריידן מיט איר.

— אַ געזונט אין אייך, רביצין. איר האָט מיר אַ נייע נשמה אריינגעזעצט.

משהקע איז ארויסגעלאָפן אין דער פינצטערער נאַסער נאַכט אַ טאַנצנדי־קער. און ווי נאָר ער איז ארויס האָט זיך דבורהלע פאַנאַנדערגעוויינט. מער פון אַלץ האָט איר פאַרדראָסן, וואָס משהקע האָט איר ניט דערקענט. פון דער צוויי־טער זייט איז זי געווען צופרידן ,וואָס ער האָט איר פאַרביטן פאַר דער מאַמען. שיין וואָלט זי אויסגעזעצן זיך צו לאָזן דערקענען אין אזא יענטישן הילוך.

זי האָט געוויינט און איר האַרץ האָט געצאַפּלט פון פרייד. זי אליין האָט געמאַכט פאַר זיך דעם צוזאַמענטרעף. זי האָט גיך פאַרשלאָסן די טירן און ממש געלאָפן אַהיים, ווי זי וואָלט געטראָגן אַ גוטע בשורה. און ווען זי האָט געעפנט די טיר האָט די מאַמע שוין געוואַרט אויף איר:

— דאַרפסט ניט שטיין אזוי שפּעט אין קראָם אין אזא טאָג. און דאָ ווערט דיין וועטשערע אין אויוון אויסגעטריקנט. גיי עסן, מיין קינד.

— אַ דאַנק, מאַמע, כ׳בין ניט הונגעריק.

— אָפּשטיין אזא קאַלטן רעגנדיקן טאָג און דורכפרירן די ביינער ,איז גוט אַ ביסל הייסע זופּ. וועסט זיך דערוואַרעמען. — האָט די מאַמע איר אונטער־גערוקט אַ טעלער זופּ.

— גוט, כ׳וועל עסן די זופּ, מאַמע, אָבער מער קיין זאַך ניט.

— און געלייזט האָסטו מסתמא אויך ניט. כ׳וויס שוין וואָס אזא טאָג הייסט.

— נו, ביסט דאָך אַ גאַנץ לעבן אָפּגעשטאַנען אין קראָם, מעגסטו וויסן.

— און דאָס געבעקס מיט די ברויטן האָסטו אריינגעלייגט אין עלמערל, דבורהלע?

— יע, מאַמע. קלעם זיך וועגן גאָר ניט. כ׳גיב אויף אַלץ אַכטונג. ס׳וועט גוט זיין.

— הלוואי זאָל גוט זיין, מיין קינד. שוין צייט דיר זאָל גוט זיין. שוין צייט.

— אונדז אַלעמען זאָל גוט זיין, מאַמע. כ׳וויס... — און דבורהלע האָט אָפּגעהאַקט.

פון צווייטן צימער איז דערגאַנגען דעם טאַטנס קול, וואָס האָט געדאַווענט

מעריב און אונטערגעקרעכצט. דאָס האָט ער אַזוי געבעטן גאָט, אַז ער זאָל נאָך פון זיין בת־יחידה דערלעבן נחת אויף די עלטערע יאָרן. די מאַמע האָט אַ ווײַלע שפּעטער געזאָגט:

— יע, ס'קען נאָך אונדז אַלעמען גוט זיין, מיין קינד. גאָט איז אַ פֿאָטער!

3.

דבורהלע איז געלעגן אין בעט און ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן משהקעס קומען צו איר, שבת. זי געדענקט אים נאָך, ווי ער פּלעגט זיך ארומ־דרייען מיט אַ שטעקעלע אין האַנט. אויסגעפּוצט ווי אַ פּראַנט. אין דער פֿינצ־טער האָט זי ניט גוט באַמערקט, נאָר איר דאַכט אַז ער איז אָפּגעלאָזן. איצט דאַרף זי שבת זיך אויספּוצן, אַז ער זאָל איר ווידער ניט פֿאַרבייטן אויף דער מאַמען. זי וועט אָנטאָן איר בלויע קלייד און אָנשמירן פֿאַרב אויף די ליפּן. זי טראַכט צי זי זאָל מיט די זעלבע פֿאַרב אויך רויט מאַכן אירע באַקן, ווײַל זיי זיי־נען אַ ביסעלע צו בלאַס. און אויך לייכט אַ שמיר טאָן מיט אַ שוואַרצן בלייער ארום די אויגן, וועט זי אויסזען פרישער. און די לאַנגע האָר וועט זי פֿאַנאַנדער־קאָמען און איבערבינדן מיט אַ רויטן שלייף, אָנטאָן די נייע שיך מיט די רויטע נעזער און זיך זעצן אין גאַסטצימער, מיט אַ בוך אין האַנט. דאָס וועט אויף משהקען מאַכן אַן איינדרוק און ער וועט ניט וויסן ווו צו פֿאַלן. דער פּלאַן איז איר געפֿעלן.

אין מיטן מאַכן די פּלענער האָט זי זיך דערמאָנט אַז הייַנט איז דאָנערשטיק. זי דאַרף זיך באָדן און וואַשן די האָר, אַז פֿרייטיק צו נאַכט, ווען זי קומט פֿון קראָם, זאָל עס צוגיין גיכער.

אַז זי האָט זיך אויפגעזעצט, האָט זי באַמערקט אַז זי איז נאָך אין די קראָם־זאַכן, מער ניט דעם שירץ מיטן טיכל פֿון קאָפּ האָט זי אַראָפּגעוואָרפֿן. זי האָט אַרייַנגעשטעקט די פֿיס אין די שטעקשיך ביי איר בעט און געפֿילט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. זי איז געווען אַזוי פֿאַרמאַטערט, קומענדיק, און זיך אַזוי אַרייַנגע־וואָרפֿן אין בעט, מיטן אָנטועכץ.

טאַטע־מאַמע מוזן שוין לאַנג שלאָפֿן. זי האָט זיך צוגעשאַרט צו זייער שלאָפֿצימער און געהערט זייער שטילן אָטעמען. גאָט צו דאַנקען, אַבי זיי שלאָפֿן רואיק און מ'הערט קיין קרעכצן ניט. זי האָט אַ מורמל געטאָן: שלאָפֿט געזונט.

שפּעטער, ווי זי האָט זיך נאָר געלייגט אין בעט, איז זי גלייך איינגעשלאָפֿן.

זי איז דורכגעשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט אין איין אָטעם, נאָר אין דער פֿרי איז זי אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ דערשראָקענעם טפּו־טפּו־טפּו, אויף אַלע ווינטע פֿעלדער זאָל עס פֿאַלן! זי האָט געזען אַ שרעקלעכן חלום.

אָבער ווי זי האָט זיך דערמאָנט אַז היינט איז פֿרייטיק, האָט זי דעם חלום פֿאַרגעסן. און כאָטש די שעה איז נאָך געווען אַ פֿריע, האָט זי גיך אָנגעטאָן די קראָם־קליידער, מער ניט די האָר טיפֿער אין טיכל פֿאַררוקט, זיי זאָלן ניט שמוציק ווערן פֿון מעלשטויב און הערינג־ראָפּע.

זי האָט געזען דורכן פֿענצטער, אַז עס שטעלט זיך אַ זוניקער טאָג און געוווּסט: היינט וועט זיין אַ כאַפּעניש. די וואָס זיינען נעכטן ניט געגאַנגען אין רעגן, וועלן קומען היינט. זי האָט גענומען די שליסלען און אויף גיך געלאָפֿן. אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ ווינטל.

פֿון סאַמע פֿרימאָרגן האָבן מענטשן אָנגעהויבן אריינגיין און ארויסגיין. דבורהלע איז געווען אזוי פֿאַרנומען, אז זי האָט ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן ניט וועגן זיך און ניט וועקן משהקען און ניט וועגן זייער מאָרגנדיקן צוזאַמענטרעף. זי האָט ניט געהאַט קיין צייט ארויסצוקוקן צו דער זוניקער גאַס. זי האָט ווייניק געזען און ווייניק געטראַכט, דערפֿאַר האָט זי גוט געלייזט. זי האָט דורכן טאָג אפֿילו פֿאַרקויפֿט די נעכטיקע ברויטן און געבעקס. וואָלט זי געהאַט נאָך, וואָלט זי אויך פֿאַרקויפֿט.

ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער איז שוין געווען אַ קורצע ווילע פֿאַר ליכט בענטשן. זי האָט ניט באַמערקט ווי דער טאָג איז אַריבער. זי האָט זיך איצט דערמאָנט, אז די מאַמע האָט איר געבעטן עטלעכע זאַכן מיטברענגען אויף שבת. אַ פּאָר חלות האָט זי נאָך געהאַט אָפּגעלייגט פֿון פֿריער, ווי זי טוט עס יעדן פֿרייטיק. אין דער לעצטער מינוט האָט זי זיך דערמאָנט, אז די מאַמע האָט איר געבעטן ברענגען ליכט.

— זי וועט וואַרטן אויף די ליכט. שוין שפּעט! האָט דבורהלע אין איילעניש פֿאַרהאַקט די קראָם און זיך געלאָזן אַהיים מיטן פֿולן קאָשיק. זי האָט האַסטיק געשפּרייזט און ס׳איז איר געווען גוט אויפֿן האַרצן: מאָרגן קומט צו איר משהקע. זי וועט מער ניט אָפּזיצן אַ לאַנגן שבת איינער אליין.

.4

שבת אין דער פֿרי האָט די מאַמע באַמערקט, אז דבורהלע פּוצט זיך מער ווי אַלע מאָל. זי האָט אויך געפֿילט, אז דבורהלע איז אין אַ גוט געמיט און זי האָט שטיל געפֿרעגט:

— מיין קינד, דו קלייבסט זיך ערגעץ ווו צו גיין ?

— ניין, מאַמע, היינט קומט מען צו מיר. אָבער דו וועסט סיי ווי ניט טרעפן ווער.

— זאָל דיר זיין צו געזונט, ווער נאָר עס קומט. כ׳וויל ניט טרעפן.

דבורהלע איז געווען צופרידן וואָס די מאַמע איז ניט נייגעריק. און ווען מ׳האָט אָפּגעגעסן דעם טשאָלנט און דער טאַטע האָט זיך צוגעשפּאַרט אין שלאָפצימער צו כאַפּן אַ דרעמל, האָט שוין דבורהלע נערוועז געוואַרט אויפן קלאַפּ אין טיר.

די מאַמע האָט טאַקע ניט געפרעגט ווער דאָס איז, אָבער זי האָט אויך געוואַרט. דבורהלע איז אין גאַסטצימער געזעסן אין דער פּאַרטראַכטער פּאָזע, מיטן בוך, און די מאַמע האָט פאַר איר גאַסט געעפנט די טיר. געענטפערט אויף זיין גוט־שבת, אים אָנגעקוקט און ניט דערקענט. אין האַנט האָט משהקע געהאַלטן אַ קליין בינטעלע בלימעלעך.

— איר דערקענט מיר ניט, רביצין. איך בין משהקע, ליבע־רייזע דער שוסטערקעס זון.

— אָ, יע. כ׳דערמאָן זיך: פלעגסט דאָך אַמאָל קומען צו מיין דבורהלען. שוין לאַנג.

— יע, שוין לאַנג. און איצט בין איך ווידער געקומען. קען איך איר זען, דבורהלען ?

— אוודאי. גיי אריין אין גאַסטצימער. זי זיצט דאָרט און לייענט אַ בוך.

— כ׳וויל אייך נאָר זאָגן, רביצין, אז די בלימעלעך האָב איך געקויפט נעכטן און אַ גאַנצע נאַכט זיי געהאַלטן אין וואַסער. דבורהלע וועט זיי מוזן אריינשטעלן אין וואַסער.

— גיי שוין, גיי, נאַרעלע... — האָט זי גערעדט צו אים ווי צו אַ קליין ייִנגל. עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס ער האָט זיך פאַרענטפערט און געווען צופרידן פון זיין קומען.

ווען ער איז אריין אין גאַסטצימער האָט זיך דבורהלע אויפגעשטעלט, אים דערלאַנגט אַ האַנט און געזאָגט : — ביטע, זיצט.

— פאַר וואָס זיצט און ניט זייַ ? — האָט משהקע געפרעגט. — מיר קענען זיך גענוג לאַנג.

— אָבער לאַנג גענוג האָבן מיר זיך ניט געזען. מ׳דאַרף זיך ווידער צו־געוווינען.

— פון היינט אָן וועלן מיר זיך עפּטער זען, דבורהלע. — און שטילער

אַ ביסל האָט ער געזאָגט: — כ'האָב צוויי בילעטן פאַר היינט אָוונט אין קינאָ. ווּעסט דאָך גיין.

— יע, משהקע, אַ דאַנק!

— און דבורהלע, כ'וויל דיר זאָגן די נייעס, אַז איך אַרבעט שוין ווידער. און קומענדיקע וואָך וועל איך דיר אָפּטראָגן דעם חוב.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן, משהקע. איך דאַרף ניט זיין די ערשטע. דו באַזאָרג בעסער פריער פון אַלץ פאַר דיין מאַמען, פאַר דיר, אַז איר זאָלט מער ניט דאַרפן באָרגן.

— גוט, דבורהלע, כ'וועל דיר פאָלגן און טאָן אַלץ וואָס דו הייסט. ווייסט, דיין מאַמע יענעם אָוונט אין קראָם, אין דער פינצטער, האָט מיר ניט דערקענט, נאָר איך וויל איר עס ניט דערמאָנען.

דבורהלע האָט אַ שמייכל געטאָן און צוגעשטימט, אַז ס'איז בעסער ניט צו דערמאָנען.

— ווּעסט טרינקען מיט אונדז אַ גלאָז טיי, משהקע. — האָט דבורהלע געזאָגט. — נעכטן האָבן מיר צוזאַמען מיטן טשאָלנט פאַררוקט אין אויוון אַ קופּערנעם טשייניק מיט וואַסער.

זי האָט געשטעלט כיבוד אויפן טיש, פון דעם וואָס זי האָט נעכטן מיט־געבראַכט פון קראָם. נאָכן פאַרבריען טיי און פאַנאַנדערגיסן עס אין גלעזער, האָט זי גערופן טאַטע־מאַמען צו טרינקען מיט זיי צוזאַמען.

אַז משהקע האָט זיי געזען קומען האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אויסגע־שטרעקט דבורהלעס טאַטן אַ האַנט:

— וואָס מאַכט איר, רבי? איר דערקענט מיר, האַ?

— פאַר וואָס זאָל איך דיר ניט דערקענען, משהקע? פלעגסט דאָך קומען צו דבורהלען.

— יע, יע, רבי! — האָט זיך משהקע געפרייט. — די רביצין געדענקט עס אויך.

און אַלע האָבן זיך צעזעצט אַרום טיש. דבורהלע האָט אַריינגעטאָן ציטרין אין טאַטנס און משהקעס טיי און מ'האָט עס געטרונקען מיט האַרטע שטיקלעך צוקער.

משהקע האָט זיך געהיט ניט צו ריידן די גאַנצע צייט, טאָמער וועט ער עפּעס ניט ריכטיק זאָגן. דבורהלעס טאַטע איז געווען ניט אויסגעשלאָפן, ווייל ער האָט געהערט אַז עס טומלט זיך מיט אַ גאַסט, איז ער אַראָפּ אַ קוק טאָן און שוין געבליבן פאַר טיי.

מאַמע און טאַטע האָבן זיך געאיילט אַרויסצוגיין גלייך נאָכן אָפּטרינקען די

טיי, אַז די קינדער זאָלן בלייבן אַליין. משהקע האָט געבעטן דבורהלען צו גיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטן. זי איז אַריין צו די עלטערן און זיי געזאָגט, אַז זי וויל אַ ביסל אַרויסגיין מיט משהקען אין גאַס.

— גייט געזונטערהייט! — האָט די מאַמע געזאָגט.

דבורהלע האָט ביים אַרויסגיין געהערט דעם טאַטנס קרעכץ און ווי ער זאָגט:

— ברוך השם, אַבי זי האָט מיט וועמען אַרויסצוגיין.

5.

די זון האָט געשיינט. אין גאָרטן האָט נאָך געשמעקט מיט דער פרישקייט פון נעכטיקן רעגן, אָבער ס'איז מער ניט געווען קאַלט. דאָ האָבן געשפּאַצירט אַ סך יונגע פּאָרלעך, אַלטע האָבן זיך געוואַרעמט קעגן זון, קינדער זיינען אַרומגעלאָפן.

דבורהלע און משהקע האָבן געהאַט מזל. אַ פּאָרל האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ באַנק און זיי האָבן פאַרנומען די ליידיקע פּלעצער. זיי האָבןביידע געשוויגן. דבורהלע איז געווען פאַרטראַכט, און משהקע האָט ניט געוווסט ווי און מיט וואָס אָנצוהויבן. זי האָט געקלערט, אַז אויף דעם וועמען זי האָט ניט געוואָלט קוקן יונגערהייט, מוז זי צו אים איצט שמייכלען. פון דעם איז איר געוואָרן אומעטיק. אָבער טאַטע־מאַמע האַלטן זי פאַר אַן אַלטע מויד און ווילן נאָך האָבן נחת פון איר. ביי איר איז רעכט אַז זי וואָלט אפילו אין גאַנצן ניט חתונה האָבן, אָבער טאַטע־מאַמע זיינען אַלט און קראַנק און דאָס קען זיין פאַר זיי אַ היילונג.

ווי משהקע וואָלט אירע געדאַנקען געכאַפּט האָט ער געזאָגט:

— מיר וואָלטן שוין לאַנג געווען חתונה געהאַט און געהאַט גרויסע קינדער.

— דער חשבון שטימט, משהקע. אפשר איז טאַקע אַ שאָד געווען די אַלע יאָרן.

משהקע האָט איר אָנגעקוקט און האָט זיך דערמאָנט איר מאַמען, יענעם פינצטערן אָוונט אין קראָם.

דבורהלע האָט מער ניט געוואָלט זיצן אין גאָרטן און משהקע האָט איר צוריק געפירט אַהיים. ער האָט איר דערמאָנט אַז נאָך מעריב קומט ער איר נעמען אין קינאָ.

— כ'וועל שוין וואַרטן. — האָט זי געזאָגט און האַסטיק אַריינגעגאַנגען אין הויז.

ווי נאָר איר טאַטע איז געקומען נאָך מעריב פון בית־מדרש, האָט ער אָנגעצונדן אַ וואַקסענע ליכט און געמאַכט הבדלה. מ׳האָט זיך געזאָגט אַ פריילעכן גוט־וואָך. נאָך דעם האָט מען געגעסן קאַלטע פיש מיט חלה און אַ ביסל אָנגעוואַרעמטע זופּ. מ׳האָט פאַרטרונקען טיי.

דבורהלע האָט שוין געוואַרט. אַז משהקע איז געקומען, איז זי שוין געווען אָנגעטאָן און גרייט ארויסצוגיין. פאַרן ארויסגיין האָט משהקע זיך געמאַכט האַרץ און געפרעגט איר טאַטן, צי ער קען דבורהלען ארויסנעמען מאָרגן. זיי גייען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע.

— וווהין גייט מען עס? — האָט די מאַמע זיך ארויסגעכאַפּט מיט אַ פראַגע.

— מיר גייען אין וואַלד, אַ ביסל פרישע לופט... — האָט משהקע געזאָגט ניט זיכער.

— מאָרגן איז זונטיק, — האָט איר טאַטע געזאָגט. — כ׳ווייס, גויים... שקצים...

— דבורהלע איז שוין גענוג גרויס, אַז זי קען אליין באַשליסן, — האָט די מאַמע געזאָגט.

דבורהלע האָט געשוויגן. משהקע האָט איר ניט דרייסט אָנגענומען פאַר אַ האַנט, ווי עס פירט זיך ביי די יונגע חברה.

— מיר וועלן ניט קומען שפּעט, גלייך ווי ס׳וועט זיך ענדיקן.

— גייט געזונטערהייט! — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— האָט הנאה! — האָט געזאָגט די מאַמע.

אַז זיי זיינען ארויס, האָט איר משהקע געדריקט די האַנט און שטיל געזאָגט:

— ווייסט, דבורהלע, דיין האַנט איז וואַרעם, אָבער אַ ביסל צו קליין און צו דאַר.

— ווער קוקט עס אויף הענט?.. — האָט דבורהלע איראָניש געזאָגט. — מ׳קוקט אַ מיידל אין פּנים, און אויב זי האָט אַ גוט האַרץ?

— דאָס דאַרף איך דיר ניט זאָגן: דיין פּנים איז נאָך שיין, און דיין האַרץ

— גוט. ביסט נאָך אפשר שענער און בעסער ווי אַ מאָל. כ׳וויל דיר עפּעס פרעגן, דבורהלע.

— אדרבא, פרעג. און אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

— כ׳וויל דיר פרעגן, צי דו וואָלסט איצט מיט מיר חתונה האָבן. שוין פאַרביידן צייט.

דבורהלעס האַנט האָט אַ צאַפּל געטאָן אין זיין גרויסער האַנט. ער האָט זי אַ דריק געטאָן.

—יע, משהקע! — האָט זי קורץ געענטפערט, מיט אַ ציטער אין קול.

— איך בין טאַקע אַן אָרעמער בחור, אָבער כ׳בין געזונט און קען אַרבעטן פאַר צוויי׳ען.

— יעדער דאַרף אַרבעטן נאָר פאַר איינעם — פאַר זיך אַליין.

— כ׳האָב געמיינט צו זאָגן, אז כ׳קען שווער ארבעטן. כ׳וועל אַרבעטן מיט דיר אין קראָם.

— אז כ׳וועל האָבן ווער עס זאָל מיר העלפן, קען מען די קראָם גאַנץ שיין ארויפאַרבעטן.

— דאָס האָב איך טאַקע געמיינט: איך וועל דיר העלפן און טאָן וואָס דו וועסט זאָגן.

— דאָס איז גוט, משהקע. און מיר וועלן נעמען אַ גרויסע דירה מיט אַ סך צימערן.

— עס זאָל קלעקן פאַר אַלעמען: פאַר דיין טאַטע־מאַמע איין צימער. פאַר מיין מאַמען און שוועסטערל נאָך אַ צימער. נאָך אַ צימער פאַר מיינע ברידער־לעך, און איינעם פאַר אונדז.

— און אַ זאַל, אַן עסצימער און אַ קיך, האָבן מיר שוין זעקס צימערן. — האָט דבורהלע פאַרענדיקט זיין חשבון. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זייט און געזען ווי שיין ער איז.

זיי זיינען אריין אין קינאָ, ווען דער פילם האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער זיי זיינען געווען מער פאַרנומען מיט זייערע געדאַנקען און מיט זיך, ווי מיט די בילדער אויף דעם לייוונט.ביידע האָבן שטאַרק איבערגעלעבט די איבערראַ־שונג פון אזוי גיך און קורץ אַלץ איבעררייידן און באַשטימען.

איצט האָט מען זיך געהאַלטן פאַר די הענט און געפילט דעם וואַרעמען ציטער, וואָס גייט איבער פון איינעם צום אַנדערן. ווי נאָר זיי זיינען ארויס פון קינאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס מיט די פּלענער פון אַ נייס.

— ווייסט, משהקע, דאָס איז אמת, אז ס׳איז שווער פאַר אַ פרוי איינער אַליין צו פירן אזא קראָם. ס׳איז טאַקע ניט גרויס, אָבער ארבעט פעלט ניט. און אָט וועט מען דאַרפן אַ גרויסע הויז. איך מוז שטיצן מיינע עלטערן, דו — דיין מאַמען מיט די קינדער, מיינסטו אז דאָס קען קלעקן פאַר אלעמען? אַלע פון איין קרעמל? כ׳האָב מורא אז ניט.

— ווייסטו וואָס, דבורהלע, איך וועל נאָך ארבעטן אויף מיין שטעלע, און פון די פאַרדינסטן וועלן מיר שפּאָרן און אָנקלייבן אַ ביסל געלט צו פאַר־גרעסערן די קראָם. דורכן טאָג קענען דיר העלפן מיינע שוועסטער, ווען זיי זיינען פריי פון דער אַרבעט, און אין די אָוונטן וועל איך אַלץ טאָן, אַכטונג געבן. אזוי וועט עס זיין.

— כ'ווייס נאָך ניט, משהקע, צי פונקט אזוי וועט עס זיין, ווייל כ'דאַרף זיך נאָך אָנפרעגן ביי מיין טאַטע־מאַמע וועגן אַלץ וואָס מיר האָבן גערעדט.

— אָבער מיר זיינען דאָך שוין ווידער חתן־כלה. מיר האָבן דאָך שוין אָפגערעדט.

— וואָס מיר האָבן אָפגערעדט איז ווייניק. פאַרגעס ניט אז כ'בין אַן איינאיינציקע.

— אָבער האָסט דאָך געהערט ווי דיין מאַמע האָט געזאָגט, אז דו ביסט שוין גענוג גרויס אז דו קענסט אליין באַשליסן. ביסט דאָך שוין מער קיין קינד ניט.

— דאָס איז אמת, משהקע, אָבער אויף חתונה צו האָבן דאַרף מען נאָך אַלץ פרעגן.

— גוט, זאָל זיין אזוי, — האָט משהקע נאָכגעגעבן, — כ'בין סיי ווי גליקלעך מיט דיר.

זיי זיינען געבליבן שטיין לעבן טיר פון דבורהלעס הויז. משהקע האָט שטיל געפרעגט:

— ווילסט גיין מיט אונדז מאָרגן אין וואַלד? ס'וועט זיין אַ גאַנצע חברה.

— ניין, משהקע, ניט מאָרגן. מאָרגן האָב איך וויכטיקערע זאַכן. און כ'וויל דער מאַמען העלפן מיט שטוביקער אַרבעט, ס'איז איר שווער אליין. גיי אפשר מאָרגן אליין.

— ניין, אז דו גייסט ניט גיי איך אויך ניט. און מאָרגן וועל איך קומען.

— ווייסטו וואָס? קום צוזאַמען מיט דיין מאַמען, וועט מען קענען אַלץ באַשליסן.

— ביסט טאַקע גערעכט. ווייסטו גאָר וואָס, דבורהלע. כ'וויל דיר געבן אַ קוש.

— דאָס קען אויך וואַרטן ביז מאָרגן, — האָט זי שטיפעריש זיך אויסגעדרייט און אריין אין שטוב.

אז דבורהלע איז אריין אין שטוב, זיינען שוין טאַטע־מאַמע געשלאָפן. זי האָט שטיל זיך אריינגעשאַרט אין איר צימער און ניט אָנגעצונדן קיין ליכט. זי האָט ניט געקענט איינשלאָפן און אין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט איין פראַגע נאָך דער אנדערער. זי איז געווען צופרידן, ווייל זי האָט געוווּסט אז זי וועט די עלטערן גליקלעך מאַכן מער ווי זיך. זי אליין וועט זיך צו אים צוגעוווינען און זיין אַ געטרייע פרוי. זי קען זען, אז משהקע איז צופרידן מיט איר. ער וויל אפילו זיך אָנשטרענגען, אז עס זאָל אַלעמען בעסער זיין. ער זאָרגט פאַר אַלעמען. ער איז אַ גוטער. און וואָס איז דער אומגליק, אז דער טאַטע זיינער

איז געווען אַ שוסטער. אַט אַרבעט ער אין אַ פאַבריק און פאַרדינט גוט. עמעצער מוז דאָך מאַכן שיך, ווייל אַז מ׳וועט ניט לערנען וועט סיי ווי זיין קאַלט אין די פיס, און ווינטער אָן שיך איז קאַלט... האָט זי מיט זיך אַליין זיך געַ־חכמעט. זי האָט האַסטיק אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אַ קוק געטאָן אין איר שפּיגעלע און געטראַכט: איי, ווי פאַרנאַרישט כ׳בין געווען...

6.

דבורהלע איז אויף מאָרגן אויפגעשטאַנען פרי. זי האָט געפונען די מאַמען פאַרטאָן אין שטובאַרבעט. זי איז צופרידן געווען, וואָס דער טאַטע איז שוין אוועק דאַוונען.

— משהקע האָט געפרעגט צי כ׳וועל מיט אים חתונה האָבן, — האָט זי געזאָגט אָן צערעמאָניעס, — האָב איך אים געזאָגט, אַז כ׳דאַרף פריער פרעגן ביי טאַטע־מאַמען.

— האָסט גוט געטאָן, דבורהלע. אַזוי פירט זיך ביי יידן. אָבער האָסט אים דאָך שוין מסתמא עפּעס געזאָגט פון דיין זייט, ניט אַזוי?

— יע, מאַמע. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך בין גרייט אַלץ צו פאַרגעסן און מיט אים חתונה האָבן.

— טאָ זאָל זיין מיט מזל, דבורהלע. דער טאַטע וועט אויך צופרידן זיין.

— אַ דאַנק, מאַמע. ביסטו אָבער ניט אין כעס, וואָס כ׳האָב אַלץ אַליין באַשטימט.

— ניין, דבורהלע. מיר וואַרטן שוין צו דערלעבן אַ ביסל נחת פון דיר. געדענקסט מסתמא, אַז איך אַליין האָט דיר נאָך אין יענע יאָרן געזאָגט, אַז זאָלסט חתונה האָבן מיט משהקען. ער איז זייער אַן אָרנטלעכער בחור און וויל אַרבעטן.

— מאַמע, דאָס האָט ער מיר אַליין געזאָגט נעכטן אָוונט, אַז ער איז געזונט און וויל אַרבעטן, העלפן מיר. נעמען אַ גרויסע דירה און אַלעמען פאַרזאָרגן.

— איר דאַרפט זיך, מיין קינד, פריער אַליין פאַרזאָרגן. אָבער ער איז אַ גוטער.

— ווייסטו וואָס נאָך איך האָב געטאָן? איך האָב אים געבעטן היינט אָוונט מיטנעמען צו אונדז זיין מאַמען און מ׳וועט צוזאַמען וועגן אַלץ באַשליסן.

— דאָס האָסטו געטאָן ווי אַ חכמה, דבורהלע. האָסט פאַרשפּאָרט אונדז זיי ספּעציעל איינלאַדן. פאַר איינוועגס וועט מען שוין פאַרענדיקן וועגן אַלץ.

פאַר דבורהלען האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערער טאָג. זי האָט געראַמט, געשייערט, געקאָכט און געבאַקן. זי האָט געוואַשן אַלע פּאַדלאָגעס, ביז זיי האָבן געשיינט און מ׳האָט זיך געקענט אין זיי שפּיגלען. אַלץ איז געווען ריין און געבלאַנקט. דער טאָרט מיט די פּירעסקעס האָבן פאַרשמעקט די שטוב. זי האָט געהערט ווי די מאַמע דערציילט אין דער שטיל דעם טאַטן וועגן אַלץ.

דער טאַטע האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געלערנט. זיין פּנים האָט געשיינט און ס׳איז קענטיק געווען, ווי מ׳וואָלט זיך גרייטן אויף אַ יום־טוב.

דבורהלע האָט אַ גאַנצן טאָג ניט אויפגעהערט טראַכטן וועגן משהקען. נאָך מיטאָג האָט זי אָנגעשטעלט כיבוד אויפן טיש. פאַר נאַכט האָט זי פאַרבריט טיי און פאַררוקט אין הייסן אויוון. נאָך דעם איז זי זיך אַוועק וואַשן און איבערטאָן.

אין אָוונט זיינען געקומען משהקע מיט דער מאַמען. ביידע זיינען געווען אויסגעפּוצט אין זייערע יום־טובדיקע קליידער. מ׳האָט זיך באַגריסט, זיך אָנגעוווּנטשן און געבעטן זיצן.

נאָך דעם האָט מען גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, ביז מ׳איז סוף כל סוף געקומען צום עיקר. דער רב האָט געזאָגט אין פּשוטע ווערטער:

— אז די קינדער ווילן זיך, איז קיין שטער ניט פאַראַן פון קיין זייט. אַלץ איז כשר, ווי ביי יידן דאַרף זיין. ביסטו צופרידן מיט דיין חתן, דבורהלע?

— יע, טאַטע.

— און דו, משה, ביסט צופרידן מיט דער כלה?

— יע, רבי.

— איז איצט דאַרפט איר וועגן אַלץ אָפּריידן און אַלץ באַשטימען, — האָט דער רב געזאָגט צו די פרויען, ווי ער וואָלט זיך ניט וועלן שטעקן אין וואָכע־דיקע עניינים.

— איר ווייסט, מחותנתטע, — האָט דבורהלעס מאַמע געזאָגט אין אַ פאַ־מיליערן לשון צו משהקעס מאַמען, — די קינדער, האָב איך געהערט, האָבן גאַנצע פּלענער וועגן אַרבעטן און העלפן אונדז, אָבער מ׳דאַרף עס דערווייל אויסלאָזן. זאָלן זיי זיך אליין צו ערשט העלפן. נאָך דער חתונה וועט דבורהלע נאָך קענען שטיין אין קראָם, אָבער...

— איך ווייס... איך ווייס... — האָט איר משהקעס מאַמע איבערגעריסן. — לאָמיר טאַקע דערווייל ניט ריידן וועגן דעם. מ׳וועט שוין ווי ניט איז דורכקו־

מען. מײַנע צוויי מיידלעך העלפן שוין אונטער מיט אַ גראָשן. זיי אַרבעטן און פאַרדינען.

— דאָס איז גוט. און נאָך דער חתונה וועלן די קינדער צו ערשט קענען זיין מיט אונדז. מיר האָבן אַ גרויסע שטוב. איך מיט מיין מאַן דאַרפן נאָר איין צימער. אויב אייער זון איז מסכים, וועט מען קענען באַשטימען די חתונה.

— יע, רביצין. אוודאי בין איך מסכים. מסכים צו אַלץ וואָס איר זאָגט און וואָס דבורהלע וועט זאָגן. און מ׳קען גלייך באַשטימען די חתונה. — האָט זיך משהקע געאיילט מיט זיינע רייד. — און מיין מאַמע איז אויך מסכים, כ׳ווייס עס.

— און וועסט האַלטן דיין ווייב בכבוד, משה, — האָט דער רב געזאָגט.

— אוודאי, רבי, כ׳וועל אייער בת־יחידקע האַלטן טייער! — האָט ער פאַרזיכערט. — איר זעט דאָך אז איך האָב צען יאָר אויף איר געוואַרט. גאַנצע צען יאָר!

דער רב און זיין ווייב זיינען געווען צופרידן. מ׳האָט געטרונקען טיי און געגעסן זיסע זאַכן. דער רב האָט ארויסגענומען דעם לוח און געמאַכט פאַר־שיידענע אויסרעכענונגען, ביז מ׳האָט באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה. מ׳האָט זיך געווונטשן מזל־טוב און געקושט.

✽

די קראָם איז געוואַקסן, געווען אָנגעשטאָפּט מיט סחורה. די פרנסה איז געווען גוט. משהקע האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין אַרבעט און אריבערגיין אין קראָם, ווייל עס זיינען אין אַ פּאָר יאָר צוגעקומען צוויי זינעלעך און דבורהלע האָט מער ניט געהאַט קיין צייט צו אַרבעטן. און אז ער פלעגט קומען אַ מידער און צופרידענער אהיים נאָך אַ לאַנגן טאָג אין קראָם, פלעגט ער ארומנעמען דבורהלען מיט די קינדער, זיי קושן און איר שעפּטשען אויפן אויער:

— האַ, אַ שאָד געווען צו פּטרן אומזיסט צען יאָר... שוין געקענט זיין אַלטע טאַטע־מאַמע...

פלעגט דבורהלע קוקן אויף אים מיט גוטסקייט און טראַכטן, אז שולדיק איז זי גאָר, ס׳האָט איר ניט געפּאַסט דער ייחוס. פלעגט זי זיך צודריקן צו אים און אַ שולדיקע שווייגן.

דער אויספלוג

.1

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי. דער פרימאָרגן האָט זיך ערשט גענומען פאַנאַנדערוויקלען און די זון האָט בידעריק, פון האָריזאָנט, באַלויכטן די שפּיצן ביימער אַנטקעגן. אַ פייגעלע איז געקומען צופליען און זיך גע־שטעלט אויפן פענצטער, אַ פּישטשע געטאָן, ווי זי וואָלט גערופן די אַנדערע וואָס אין די ביימער. באַלד זיינען אָנגעקומען נאָך עטלעכע און אַלע צוזאַמען האָבן זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופט.

שלמה האָט זיך געשמאַק אויסגעגענעצט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס'איז נאָך געווען פאַר זעקס. נאָך אַ גאַנצע וואָך שווער אַרבעטן, איז גוט, זונטיק, צו ליגן ביז שפּעט אין בעט און זיך אויסרוען. אין דרויסן איז שטיל און אומעטום, אין די הייזער ארום, שלאָפט מען נאָך.

אָבער שלמה האָט שוין מער שלאָפן ניט געקענט. ער האָט געוווּסט אַז באַלד וועט קומען זיין חבר דוד, אים נעמען צום אויספלוג אין וואַלד. ער האָט זיך געזעצט אויפן ברעג בעט און גענומען אָנטאָן. האַלטנדיק איין שוך אין האַנט, האָט ער געטראַכט, אַז דוד איז אַ גוטער חבר.

דוד נעמט אויך מיט זיין כלה און היינט וועט איר שלמה זען צום ערשטן מאָל. אין האַרצן האָט אים עפּעס אַ ציטער געטאָן: ס'אַראַ שלימזל איך בין, קען זיך ניט צוקלייבן אַ מיידל. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האַלט די שוך שוין אַ לאַנגע צייט און האָט גאָר פאַרגעסן אַז ס'ווערט שפּעט. ער מוז זיך צואיילן. כאָטש ער קען שוין צו גוט דודן, אַז יענער זאָגט ער וועט קומען אַכט, וועט ער קומען ניין און אַ מאָל שפּעטער. דוד האָט ליב צו שלאָפן אין דער פרי, און ניט איין מאָל פאַרשלאָפט ער אפילו צו דער אַרבעט.

ווען ניט דער אויספלוג, וואָלט נאָך שלמה אויך געשלאָפן. דאָס האָט אים פאַרדראָסן. ער האָט אויסגעצויגן די גלידער און אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער. די זון האָט באַשיינט די גראָזן און געבלישטשעט פון טוי. דער טאָג וועט זיין אַ שיינער, האָט ער געטראַכט. מילא, וועט מען כאַפּן אַ דרעמל אין וואַלד. אין אַזאַ טאָג אויף דער פרישער לופט קומט צו אַ שטיק געזונט.

ער האָט זיך ארומגעקוקט און זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס ער דאַרף נאָך מיטנעמען. ער האָט באַמערקט אויפן טיש, אז די מאַמע האָט פאַר אים אַלץ צוגעגרייט, און ס׳איז ערשט אַכט, ס׳איז נאָך פרי. ער האָט נאָך געקענט אַ שעה שלאָפן.

די מאַמע האָט זיך באַוויזן אין טיר פון שלאָפצימער.

— גוט־מאָרגן, מאַמע, וואָס האָסטו זיך היינט געאיילט אויפצושטיין? האָסט געקענט זיך אָפּרוען אַ ביסל לענגער.

— גוט־מאָרגן, מיין קינד. און אַ דאַנק וואָס דו זאָרגסט אזוי פאַר מיר. כ׳וויל דיר ארויסבאַגלייטן. האָסט געזען וואָס איך האָב דיר צוגעגרייט מיט־צונעמען?

— יע, מאַמע, אַ דאַנק! אָבער פאַר וואָס אזוי פיל? דאָס קען דאָך גענוג זיין אויף א גאַנצער וואָך, ניט בלויז פאַר איין טאָג. האָסט געמיינט מיר גייען דאָרטן בלייבן?

— כ׳ווייס, קינד, אָבער ס׳קומען דאָך די אַנדערע, וועט קלעקן פאַר אלעמען.

— און צו וואָס דאַרף איך מיטנעמען אַ מאַנטל אין אזא שיינעם וועטער? כ׳וועל אים בעסער איבערלאָזן. ס׳איז דודס אויטאָ און כ׳וויל זיך ניט שלעפּן מיט איבעריקע זאַכן.

— פאָלג מיר, משה, ס׳וועט רעגענען.

— מיר קוקט עס ניט אויס, ווי ס׳וואָלט זיך קלייבן צום רעגענען.

— אָבער איך פיל עס.

— אוי, מאַמע! — האָט שלמה אויסגערופן און זיך צעלאַכט. — כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אז דו פילסט עס באַצייטנס. דיינע רעמאַטעס. גוט, מאַמע, כ׳וועל מיטנעמען דעם מאַנטל.

— זעסטו, שלמה, מ׳דאַרף פאָלגן אַ מאַמען, — האָט זי מיטגעלאַכט מיטן זון.

— ביסט גערעכט, מאַמע. יענעם מאָל, ווען דיר האָט געדרייט די האַנט, האָסטו געזאָגט אז ס׳וועט רעגענען און אזוי איז טאַקע געווען. כ׳האָלט עס אין איין פאַרגעסן.

— טאָ פאַרגעס טאַקע ניט מיטצונעמען די טערמאָספלאַש מיט קאַקאַאָ.

— גוט, מאַמע. הער, דער טעלעפאָן קלינגט שוין אזוי פרי. מאַמע, זיי אזוי גוט און ענטפער. אויב ס׳איז דוד וועל איך צו אים ריידן.

ווען די מאַמע איז אוועק צום טעלעפאָן, האָט שלמה האַסטיק צונויפגעג־לייגט די זאַכן עס זאָל ניט פאַרנעמען צו פיל אָרט. ער האָט געפילט אַ דאַנק־באַרקייט צו דער מאַמען, וואָס זי זאָרגט אזוי פאַר אים.

— שלמה, ס׳איז פאַר דיר. דוד. — האָט די מאַמע קורץ געזאָגט.

— האַלאָ, דוד, וואָס איז נייעס? איך זע אַז ס׳איז שוין באַלד אַכט. שוין צוויי שעה ווי איך בין אויפגעשטאַנען. יע, כ׳בין שוין פאַרטיק, איינגעפּאַקט. וואָס? אַן איבערראַשונג? יע, יע, נעם איר מיט. אוודאי. וועסט געבן אַ טרובע, וועל איך ארויסקומען.

די מאַמע האָט געהערט, ווי שלמה זאָגט „איבערראַשונג" און „נעם איר מיט", איז זי געווען נייגעריק און זיך גלייך נאָכגעפרעגט, וואָס דוד האָט געזאָגט.

— ער האָט געזאָגט, אַז ער נעמט מיט זיין כלהס שוועסטער.

— איז זי עפּעס אַ וואַזשנע מיידל? — האָט זיך די מאַמע אינטערעסירט צו וויסן.

— וואָס ווייס איך? — האָט שלמה געענפערט. — כ׳האָב נאָך אפילו חנהלען, דודס כלה, אויך ניט געזען, טאָ ווי קען איך האָבן געזען איר שוועסטער? היינט ביי נאַכט וועל איך דיר עס קענען זאָגן, מאַמע. — האָט שלמה געלאַכט.

שלמהס מאַמע וויל זייער שטאַרק, אַז שלמה זאָל חתונה האָבן. שלמה ווייס עס אויך. ניט איין מאָל האָט עס אים די מאַמע אָפן געזאָגט. די יאָרן לויפן, טראַכט זי, און ער איז שוין פינף און צוואַנציק יאָר אַלט. ווי לאַנג נאָך וועט ער וואַרטן? און יעדע מיידל וואָס ער דערמאָנט, טראַכט זי גלייך אַז דאָס איז גוט פאַר אים.

זי וואָלט וועלן דערלעבן נחת פון זון, פון איר בן־יחיד. זי זאָל האָבן אַ שנור און אַן אייניקל. זי האָט טאַקע נאָך אַ קינד, שרה, אָבער יענע איז חתונה געהאַט און זי איז ניט איר אייגן קינד. זי האָט איר נאָר אויפגעהאָדעוועט, אָבער זי האָט איר געהאַלטן ווי איר אייגענעם זון, ווי שלמהן. שרהס מאַמע איז אַוועק אַ יונגע פון דער וועלט. זי איז געשטאָרבן אין קימפּעט מיט שרהן. ס׳זיינען געווען צרות מיטן מאַן און מיט די קרובים און זי האָט אַדאָפּטירט דאָס מיידעלע.

איר מאַן האָט נאָך דאַן געלעבט און שלמה איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. אָבער שפּעטער פלעגן זיי זיך שפּילן און ער האָט געוווּסט, אַז שרה איז זיין איינציקע שוועסטער. און שלמה האָט גוט געדענקט, אַז ווען יינגלעך פלעגן אים שלאָגן, פלעגט שרה זיך לויפן אַננעמען פאַר אים, אים פאַרטיידיקן, היטן. וואָלט כאָטש שרה געהאַט קינדער, וואָלט עס געווען אַ טרייסט פאַר איר. און ווען זי מיט שלמהן באַזוכן שרהן, דערמאָנט ער איר נאָך אַלץ ווי זי פלעגט אים ניט לאָזן שלאָגן.

אַ טרובע פון אַן אויטאָ האָט אויפגעוועקט די מאַמען פון אירע טראַכטענישן.

— הערסט, מאַמע, דוד טרובעט שוין. איך מוז לויפן.

— גיי געזונטערהייט, מיין קינד, און פֿאַרברענג זיך גוט.

— אַ דאַנק, מאַמע, און זיי געזונט. און זאָג מיר צו אַז דו וועסט עפּעס עסן און ניט הונגערן אַ גאַנצן טאָג, הערסט ?

— גוט, גוט, מיין זון. און פֿאַרט ארויס צוריק באַצייטנס. קום ניט שפּעט.

— גוט, מאַמע. כ׳מוז לויפן. שוין באַלד ניין. הערסט, ער טרובעט ווידער.

קינדער באַוויזן קיין מאָל ניט, האָט זי אַ צופרידענע געטראַכט ווען שלמה האָט פֿאַרמאַכט די טיר. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געפּרוווט ארויס־קוקן, אפשר וועט זי כאַפּן אַ בליק אויף דער מיידל. אָבער זי האָט ניט געקענט זען איינעווייניק אין אויטאָ. זי האָט נאָר געזען ווי שלמה איז אריין און דער אויטאָ איז אָפּגעפּאָרן. זי האָט אים באַגלייט מיט אַ ברכה און נאָך אַ מאָל זיך געווונטשן אַ ביסעלע נחת פון זון.

זי האָט ניט געדענקט ווי לאַנג זי איז געשטאַנען ביים פענצטער. דער אויטאָ איז שוין לאַנג געווען אַוועקגעפּאָרן. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי שטייט און טראַכט פון איר אַמאָל, האָט זי זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און איז אוועק צו איר שטובאַרבעט.

.2

שלמה איז אריין אין אויטאָ און געזאָגט אַ פריילעכן „האַלאָ" צו אַלעמען. ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן איינע פון די אומבאַקאַנטע מיידלעך, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז דאָס איז דער כלהס שוועסטער. דוד האָט זיך אויסגע־דרייט פון רעדל פון אויטאָ :

— דאָ, לעבן מיר, זיצט מיין כלה, חנהלע. לעבן דיר — איר שוועסטער, רייזעלע, און דאָס איז שלמה — מיין בעסטער און נאָנטסטער חבר.

שלמה האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, פריער צו חנהלען, נאָך דעם — צו רייזעלען, און אלע דריי האָבן זיך איבערגעקוקט.

— ס׳איז מיר אָנגענעם אייך צו קענען, און איך האָף אַז מיר וועלן זיין גוטע חברים, ווי איך מיט דודן.

— מיר אויך ! — האָבן די מיידלעך מיט צושטימונג געשמייכלט.

נאָך דעם האָבן אַלע געשוויגן, ווי ס׳וואָלט מער ניט געווען וואָס צו זאָגן.

דער אויטאָ איז געלאָפן אויפן גלאַטן אַספאַלט. שלמה האָט זייטיק באַ־קוקט זיינע צוויי בייע באַקאַנטע. פון ערשטן בליק איז אים געפעלן געוואָרן חנהלע. ווען זי האָט צו אים דעם ערשטן קוק געטאָן, האָט ער גלייך באַמערקט

אירע גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָבן געשיינט מיט אַ ליבלעכן שמייכל. זי איז זייער אַ שיינע, האָט ער געטראַכט.

אז ער האָט אַ האַסטיקן בליק געוואָרפן אויף רייזעלען, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט ער געזען אז זי איז ניט קיין מיאוסע. איר לענגלעכע נאָז און די שוואַרצע האָר, האָבן איר געגעבן דעם אויסזען פון אַן אָריענטאַלישן טיפּ. מער ניט אירע הענט זיינען געווען אַ ביסל צו גרויס פאַר איר קליינע פיגור.

ביידע מיידלעך האָבן אויסגעזען, ווי צוויי פרעמדע, און קיינער וואָלט קיין מאָל ניט געזאָגט אז זיי זיינען צוויי שוועסטערס.

שפּעטער איז די אַטמאָספער געוואָרן פריינדלעכער, און דוד האָט שלמהן דערציילט דעם יחוס פון ביידע מיידלעך. די מיידלעך האָבן נאָר צוגעשמייכלט. מ׳האָט געזען, אז זיי זיינען גוט דערצויגן און האָבן איידעלע מאַנירן. ביידע האָבן געהאַט קאָלעדזש־בילדונג און געאַרבעט אַלס לערערינס. רייזעלע, וואָס איז געווען אַ יאָר יינגער, איז געווען די מער פּעאיקערע, און חנהלע האָט עס באַשטעטיקט מיט אָנערקענונג.

— אַ, הערט אויף צו ריידן וועגן מיר. און ריכטיק איז, אז חנהלע איז מער געראָטן. גיט נאָר א קוק ווי שיין זי איז.

— אַ דאַנק, ליבינקע! — האָט איר שוועסטער אויסגערופן. — נאָר זאָל שוין זיין גענוג.

אַלע האָבן געפילט אז מ׳האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און מ׳האָט געשוויגן.

— לאָמיר זיך אויף עטלעכע מינוט אָפּשטעלן, אויסצוגלייכן די ביינער. מיר פאָרן שוין איבער אַ שעה. — האָט דוד איבערגעריסן די שטילקייט. אַלע זיינען געווען צופרידן אַ ווײַלע זיך אָפּצורוען.

דוד האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ ביי אַ ספּעציעלן אָפּרופּלאַץ, אין זייט פון וועג. דאָרט איז געווען אַ טיש מיט בענק. ווען זיי זיינען ארויס פון אויטאָ, האָט שלמה געזען די צוויי מיידלעך אין זייער גאַנצער גרייס. ביידע האָבן געטראָגן די זעלבע קליידער, ווי אַ צווילינג. די הויזן און סוועטערס זיינען געווען פון זעלבן קאָליר. אויף די פיס ווייסע לייכטע שיכלעך, און די האָר ארויפגעקאָמט צום אויבן און איבערגעבונדן מיט רויטע שלייפן. אין אויטאָ האָט חנהלע אויסגעקוקט אַ סך העכער פון רייזעלען, נאָר איצט האָט מען געזען אז זי איז נאָר אַ פּאָר סענטימעטער העכער.

און פּונקט ווי שלמה האָט באַקוקט די מיידלעך, האָבן זיי באַקוקט שלמהן. מ׳איז געזעסן ביים שווערן בעטאָנענעם טיש און געשמועסט. רייזעלע האָט מיט אינטערעס באַטראַכט שלמהן:

— און איר ווו אַרבעט? מיר ווילן עס טאַקע וויסן, ווערן אונדז ווייסט

איר שוין. — האָט זי געפרעגט שלמהן, זאָגנדיק מיר, ווי זי וואָלט גערעדט אויך פאַר איר שוועסטער.

שלמה האָט געניי דערציילט וועגן זיך, וואָס און ווו ער אַרבעט. אפילו דוד, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט, איז געווען צופרידן עס צו הערן.

— קומט, מיר וועלן ווייטער פאָרן. שוין ניט געבליבן לאַנג צו פאָרן. — האָט דוד זיך אויפגעהויבן גלייך ווי שלמה האָט פאַרענדיקט דערציילן וועגן זיך.

אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל וועג האָט שלמה באַמערקט, אַז אין שפּיגעלע איבערן פראָנטפּענצטער זעט ער חנהלעס געזיכט. זי האָט אים ניט געקענט זען, אָבער זי האָט מסתמא געפילט די בליקן הינטער איר. זי האָט זיך אומגעדרייט און געפרעגט ביידן, שלמהן און רייזעלען, וואָס זיינען געזעסן פון הינטן, צי זיי איז באַקוועם און צי זיי ווילן עפּעס.

— ניין, אַ דאַנק! — האָט שלמה געזאָגט, און רייזעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

רייזעלען האָט שלמה ביז איצט כמעט ניט באַמערקט און ניט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט איר, כאָטש זי איז געזעסן ביי זיין זייט, אָבער ווי חנהלע האָט עפּעס געפרעגט האָט ער גלייך געענטפערט און מיט אַלע איינצלהייטן עס דערקלערט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער איז געוואָרן צו באַריי־דעוודיק און דאָס זעט ניט אויס שיין, טאָמער דוד און רייזעלע וועלן עס באַ־מערקן. אָבער חנהלע האָט ניט אויפגעהערט שטעלן פראַגעס, און יעדן מאָל, ווען זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהינטער, האָט שלמה געפילט ווי ס׳גיט אים אַ קלאַפּ אין האַרצן.

מ׳קען אַ האַרץ קיין דעות ניט זאָגן, האָט ער זיך דערמאָנט אַ ווערטל און זיך אליין פאַרשעמט. איך האָב ניט קיין רעכט צו טראַכטן פון איר אזוי, האָט ער זיך געמוסרט. זי איז דאָך מיין בעסטן חברס כלה. און דוד האָט דאָך מיט אַלץ צוטרוי צו מיר. און וואָס פאַרא פּנים וועט ער האָבן, אויב דוד וועט עפּעס דערפילן צווישן אונדז...

3.

זיי זיינען אָנגעקומען אין וואַלד פאַר האַלבן טאָג. די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און געגאָסן מיט ברענענדיקער היץ. זיי האָבן אויסגעזוכט דעם גרעסטן און דיקסטן בוים. זיינע לאַנגע צווייגן זיינען געווען פול מיט גרינע בלעטער און אונטער אים איז געווען אַ ברייטער געדיכטער שאָטן. אויף דעם ווייכן גראָז האָט יעדער אויסגעשפּרייט זיין דעקע און זיין קישעלע — צוקאָפּנס, און מ׳האָט זיך אויסגעלייגט באַקוועם.

דוד האָט אָפּן געלאָזט די טיר פון זיין אויטאָ, כדי די קלאַנגען פון ראַדיאָ, וואָס ער האָט אָנגעדרייט, זאָלן דערגיין צו אַלעמען. ער האָט ארויסגענומען פון באַגאַזשניק פיר שטולכעלעך מיט אַ טישל און זיי אַוועקגעשטעלט אונטערן בוים.

חנהלע און רייזעלע האָבן געבראַכט צוויי גלעזער קאַלטן אָראַנדזשזאַפט פאַר דודן מיט שלמהן. דערפרישטע און מונטערע האָט מען באַשלאָסן, אז מ׳וועט זיך אָפּרוען, און ווער עס וויל וועט כאַפּן אַ דרעמל און נאָך דעם וועט מען עסן מיטאָג.

אין שאָטן פון דעם גרויסן בוים איז געווען קיל. די לופט פריש. שלמה האָט געקוקט אויףביידע שוועסטער, נאָר באַוואונדערט האָט ער חנהלען.

דוד האָט זיך אויסגעצויגן און געזאָגט באַגייסטערט:

— איך האָב שטאַרק ליב דעם וואַלד! די נאַטור! דאָ איז אזוי שיין און געשמאַק.

— אין אזא טאָג איז דאָ אַ מחיה. דאָ איז קיל, און אין שטאָט קען מען פאַר־ברענט ווערן, — האָט שלמה געזאָגט. — אָבער בלייבן דאָ וואָלט איך ניט געוואָלט.

— און איך האָב ליב די נאַטור, אזוי ווי דוד האָט געזאָגט, — האָט זיך אָפּגערופן רייזעלע. — איך וואָלט יע געבליבן אין וואַלד. כ׳וואָלט דאָ זיך אויס־געבויט אַ גרויסע הויז, דאָ וואָלט איך געלעבט, און איינגעלאַדן מיין שוועסטער חנהלען מיר באַזוכן...

— אָ, אַ דאַנק רייזעלע! כ׳וואָלט געווען אַן אָפטער גאַסט ביי דיר, איבער־הויפּט אין די הייסע זומערטעג, ווי היינט. אָבער לעבן אין וואַלד געפעלט מיר ניט.

— וואָס האָט איר אזוי מורא פאַרן וואַלד? — האָט שלמה געפרעגט.

— איר האָט געטראָפן: כ׳וואָלט געפילט דעם אומעט, און ביי נאַכט וואָלטן מיר די ביימער אויסגעזען, ווי גרויסע גזלנים. און אין אַ שטורעם וואָלטן די גזלנים מיך באַפאַלן, ווי מ׳דערציילט אין די קינדער־מעשהלעך. ניין, ניט פאַר מיר.

— אָבער פיל נאָר דעם ווינטל וואָס בלאָזט דאָ, — האָט דוד געזאָגט, — ער גלעט אזוי ווי זייד. איז עס ניט אָנגענעם?

— אוודאי איז עס אָנגענעם, ווען מ׳קומט נאָר פאַר אַ פּיקניק, אזוי ווי מיר היינט, — האָט רייזעלע געענטפערט. — און ס׳איז גוט צו וויסן אז מ׳קומט אין אָוונט צוריק אהיים.

מ׳האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן וואַלד. חנהלע האָט באַמערקט אז שלמה שווייגט:

— וואָס טראַכט איר, שלמה? מיר ווילן וויסן אויך אייער מיינונג.

שלמה איז טאַקע געווען פאַרטראַכט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט אז זי רעדט צו אים.

— אָ, אַנטשולדיקט, חנהלע. איר האָט דאכט זיך גערעדט צו מיר.

— איך האָב אייך געפרעגט, וואָס איר טראַכט וועגן וואַלד.

— כ׳ליב דעם וואַלד, אָבער ס׳איז אַ ליבע נאָר פאַר אַ טאָג. ס׳איז אַ קורצע ליבע.

— פּונקט ווי ביי מיר, — איז חנהלע געווען צופרידן מיט זיין ענטפער.

— ווי איך זע, רייזעלע, — האָט דוד געזאָגט, — וועסטו מוזן אליין בלייבן אין וואַלד, ווייל איך וועל זיין ווו חנהלע וועט זיין.

— אליין וויל איך ניט בלייבן... — האָט רייזעלע געענטפערט ווי אַ קאַפּ־ריזנע קינד.

— וועלן מיר דיר אין אָוונט מיטנעמען צוריק אַהיים, — האָט דוד געלאַכט.

— אַבי מ׳בלייבט צוזאַמען — אונדז קען דער וואַלד אויך ניט צעטיילן, — האָט חנהלע געזאָגט. און איצט וועל איך גיין גרייטן צום טיש. ס׳איז שוין איינס. איר ווילט עסן? ווער עס וויל זאָל אויפהייבן אַ האַנט.

פיר הענט האָבן זיך אויפגעהייבן.

רייזעלע האָט זיך אויפגעשטעלט:

— האָסט דאָך געזאָגט אז צוזאַמען, גיי איך דיר העלפן, חנהלע. ס׳וועט זיין גיכער.

— גוט, רייזעלע. מיר וועלן עס טאָן צוזאַמען.

ווען די שוועסטער האָבן אָנגעהויבן אויספּאַקן דאָס עסן אויפן טיש, זיינען דוד און שלמה געלעגן אונטערן בוים, מיט פאַרריסענע פּנימער צום הימל, אריינגעאָטעמט די וואַלדלופט און געפירט אַ שטילן שמועס:

— ווי געפעלן דיר די פּאָר מיידלעך?

— פאַר וואָס דאַרפן זיי מיר עפּעס געפעלן? — האָט שלמה זיך ארויסגעדרייט פון אַן ענטפער. ער איז ניט געווען זיכער צי דוד האָט דאָ ניט עפּעס אַ מיין.

— דו האָסט דאָך אויגן, דערפאַר פרעג איך דיר. ווילסט ניט דאַרף מען ניט.

— אָ, אַנטשולדיק, דוד, ס׳איז נאָר אַ שפּאַס. אוודאי געפעלן זיי מיר. פיי־נע מיידלעך.

— כ׳האָב דיר געפרעגט וועגן פּאָר, אָבער געמיינט האָב איך באַזונדער. מעגסט וועגן יעדע איינע זאָגן דיין מיינונג.

שלמה האָט זיך געפילט אומבאַקוועם. צי האָט דאָ דוד ניט באַמערקט עפּעס?

— זיי זיינען ביידע איינע ווי די אַנדערע — און ביידע קענען גלייך געפעלן.

.4

אז מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָבן חנהלע מיט רייזעלען אויפגע־ראַמט און אַלץ אוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט.

— לאָמיר זיך דורכגיין און זען וויפל מענטשן זיינען היינט דאָ אין וואַלד, — האָט חנהלע געזאָגט. — מיר דוכט, אז צו ספּאָרט גייט מען מער ווי צו אויספלוגן.

— ווער עס וויל זאָל גיין ציילן די מענטשן, איך בין געקומען אין וואַלד זיך אויסרוען. כ׳בין זייער פרי אויפגעשטאַנען אַלץ צוצוגרייטן און זיך ניט אויסגעשלאָפן.

— לייג זיך טאַקע און רו זיך אָפּ, — האָט אים חנהלע געזאָגט.

— אַ דאַנק. כ׳וועל אזוי טאָן! — האָט דוד געזאָגט און זיך אויסגעצויגן אויף זיין דעקע. ס׳איז געווען שטיל, און ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן איז ער איינגעשלאָפן.

— לאָמיר ביידע גיין, — האָט געזאָגט חנהלע צו רייזעלען שטילערהייט.

— מוזט מיר אַנטשולדיקן, נאָר ס׳איז מיר צו הייס צו גיין. — האָט רייזעלע געענטפערט. — און די לופט איז דאָ פריש און שלעפעריק. זעסט דאָך ווי שטאַרק ער שלאָפט, — האָט זי געוויזן אויף דודן.

— דוד קען איינשלאָפן אין מיטן גיין אפילו, ער האָט ליב צו שלאָפן, — האָט חנהלע געזאָגט. — אָבער איך וויל זיך איצט דורכגיין.

— טאָ גיי מיט שלמהן, ער וועט דיר האַלטן קאָמפּאַניע..

שלמה האָט ניט געוואַרט אויף אזא פאָרשלאַג. זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן.

— קומט, שלמה, — האָט חנהלע געזאָגט אזוי נאַטירלעך, אז שלמה האָט זיך דערפילט זיכער און זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט.

זיי זיינען ניט געגאַנגען מיטן וועג, נאָר צווישן די ביימער, וווּ ס׳איז ניט געווען אזוי הייס. זיי זיינען געגאַנגען האַנט ביי האַנט און געשוויגן. ווען זיי זיינען געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט שלמה געפרעגט.

— לערער האָבן דאָך איצט זייער וואַקאַציע, ניט אזוי?

— יע, מיר האָבן איצט אונדזער זומער־וואַקאַציע, — האָט חנהלע געענטפערט. — און איר ווען האָט אייער וואַקאַציע, שלמה?

— כ׳האָב אייך דאָך היינט דערציילט, אז איך בין אַ מעכאַניק אין אַ פאַבריק. אונדזער אַרבעט איז אַ שווערע, אָבער מיר האָבן ניט אזוי פיל וואַקאַציעס

ווי לערערס. בלויז אין די גרויסע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע יום־טובים קענען מיר זיך אָפּרוען.

— זייט אונדז ניט מקנא, מיט קינדער צו אַרבעטן איז זייער שווער.

— דאָס ווייס איך אליין, ווייל איך האָב גענוג צרות אָנגעמאַכט מיינע לערערס.

— וואָלט איך אייך ניט וועלן פאַר מיינעם אַ שילער.

— איצט איז שוין אַנדערש. און אייך וואָלט איך פאָלגן. אפשר איז טאַקע אַ פלאַן איר זאָלט גאָר ווערן מיין לערעריך. וואָס לערנט איר אין שול?

— יידיש און עברית.

— אָט דאָס איז גוט, כ׳וואָלט עס טאַקע וועלן קענען —ביידע שפּראַכן.

— איר זייט גערעכט. וויפל שפּראַכן מ׳קען איז ניט צו פיל. מיין שוועס־טער קען אַ סך מער שפּראַכן ווי איך. זי איז זייער אַ פעאיקע.

— איר אַרבעט דאָך אין דער זעלבער שול, דוכט מיר.

— יע, אפילו אין דער זעלבער אָפּטיילונג: שפּראַכן.

— און וועלכע שפּראַכן לערנט זי?

— איטאַליעניש און פראַנצייזיש.

— אָ, אזא פּאָר אייראָפּעאישע שפּראַכן איז גוט צו קענען.

— אוודאי. מ׳קען אַ האלבע וועלט אויספאָרן מיט זיי און ניט פאַר־בלאָנדזשען...

— זייט איר מיט אייער שוועסטער צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג? — האָט שלמה געפרעגט.

— מיר טרעפן זיך יעדע שעה, אין שול, בעת דער פויזע, און עסן אפילו מיטאָג צוזאַמען.

— אָט בין איך מיט דודן חברים פון קינדווייז אָן, און מיר אַרבעטן אפילו צוזאַמען, וואָלט שוין גאָר געפּאַסט אז מיר זאָלן זיין ברידער...

— איר זייט דאָך פונקט ווי ברידער, — האָט חנהלע געזאָגט. — דוד האָט מיר וועגן אייך אַלץ דערציילט.

— איז עס ניט אַ מאָל שלעכט.

— גוט, זייער גוט. איך האָט אַ גוטן חבר. און איך וויל אויך זיין מיט אייך גוט... כ׳מיין, גוטע חברים, — האָט זי אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַר־רויטלט.

— אַ דאַנק! — האָט שלמה אָנגענומען איר האַנט, זי געטאָן אַ דריק און אַ קוש. — אַ דאַנק, חנהלע!

— אוי, וויפל איז דער זייגער? — האָט זי זיך געגעבן אַ כאַפּ. מיר זיינען שוין צו ווייט אַוועק. לאָמיר גיין צוריק. — האָט זי געזאָגט אומרואיק.

— ס'איז נאָך קיין פיר ניט, — האָט שלמה געוואָלט צונישט מאַכן איר שרעק.

— די צייט לויפט דאָ אַזוי גיך, — האָט זי געזאָגט, — מ'זעט זיך ניט ארום און שוין...

אז זיי זיינען צוריקגעקומען זיינען נאָך דוד און רייזעלע רואיק געשלאָפן. זיי האָבן זיך שטיל געזעצט, יעדער אויף זיין אָרט, און זי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווייל זי האָט געפילט שלמהס בליק אויף זיך.

נאָך אַ קורצן אָפּרו האָט זיך חנהלע אויפגעהויבן און שטיל געזאָגט שלמהן, אז זי וועט צוגרייטן אַ קאַלטן טרונק און צובייסן פאַר יעדערן.

— איך וועל אייך העלפן, — האָט שלמה געזאָגט. — ווען זיי וועלן זיך אויפכאַפּן, וועט עס זיין אַן איבערראַשונג און ס'וועט זיי אויך גוט טאָן.

— דאָ אין וואַלד וויל מען מער עסן, — האָט זי געזאָגט, — ווייל די לופט איז פריש.

— טאָ לאָמיר טאַקע צוגרייטן אַלץ וואָס איז געבליבן, פאַר אונדז אַלעמען, ווייל אין אַ קאָמפּאַניע עסט זיך מער, — האָט שלמה געלאַכט: — קאָמפּאַניע פּלוס לופט... טאָפּלט עסן!

זיי האָבן אַוועקגעשטעלט אויפן טיש די טערמאָס-פלאַשן און די טעפּעלעך צום טרינקען.

שלמה האָט געפילט יעדן צופעליקן באַריר פון חנהלען בעת דער אַרבעט און ס'האָט אים אין האַרצן אָנגענעם עפּעס אַ ציטער געטאָן.

פּלוצלינג האָט חנהלע אָנגענומען שלמהס האַנט און אים אַ קוש געטאָן אין באַק:

מיט אַ מאָל האָט זיך שלמה דערפילט פאַרלאָרן און אומבאַקוועם, ווייל אין דעם מאָמענט האָט דוד געעפנט די אויגן. ער האָט אָנגעקוקט חנהלען און געזאָגט:

— ווי איך זע, חנהלע, געפעלט דיר מיין חבר שלמה?

— ער איז זייער גוט, — האָט חנהלע געענטפערט. — ער האָט מיר דאָ אַלץ געהאָלפן צוגרייטן און איינשטעלן, פּונקט ווי אַן אמתע באַלעבאָסטע.

— פאַרגעס ניט, חנהלע, אז שלמה האָט אַ מאַמען און אַ חתונה-געהאַטע שוועסטער, און ער האָט פון וועמען זיך צו לערנען, און איך בין נעבעך אַ קיילעכדיקער יתום.

— פאַר מיר ביסטו ניט קיין יתום, — איז חנהלע צו אים צוגעלאָפן —

און ארויסגעווישט די פּאָר טרערעלעך פון זיינע אויגן, וואָס ער האָט אין שפּאַס ארויסגעקוועטשט. — איך וועל זיין דיין באַלעבאָסטע און דיר לערנען אַלץ וואָס דו ווילסט און וואָס איך קען. — און זי האָט אים ארומגענומען און אַ קוש געגעבן.

שלמה האָט איצט געפילט אז ער איז גערירט פון חנהלעס אויפמערקזאַמ־קייט, אָבער נאָך מער איז ער געווען איפּערזיכטיק אויף זיין חבר דוד.

— נו, מ׳דאַרף אויפוועקן רייזעלען. מיר ווען גיין עסן. די זון זעצט זיך שוין, — האָט דוד זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך חנהלען.

נאָר רייזעלען האָט מען שוין ניט געדאַרפט וועקן, זי האָט געעפנט די אויגן, אָנגעקוקט אַלעמען און זיך פונאַנדערגעלאַכט. דריי פּאָר אויגן האָבן געקוקט אויף איר מיט אַ פראַגע: וואָס האָט פּאַסירט? וואָס איז אין מיטן דערינען צו לאַכן? און פון וועמען?

— ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַ מאָדנער חלום, — האָב איך זיך אויפגע־כאַפּט און געזען אז ס׳איז אַ ליגן, האָט עס מיר אויסגעזען קאָמיש.

— דערציייל, וואָס האָט זיך דיר געחלומט, אפשר ווען מיר אויך לאַכן? — האָט חנהלע געזאָגט און אַלע האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום איר.

— ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אז איר האָט מיר איבערלגעאָזן אליין אין וואַלד און איך האָב פאַרבלאָנדזשעט. און דאָ איז געוואָרן נאַכט און איך האָב געציטערט פאַר מורא...

— זעסט, — האָט זיך חנהלע אָפּגערופן, — ווען נאָך אַלץ ווען לעבן אין וואַלד, אז דו האָסט אפילו מורא אין חלום?

— נו, האָב איך געעפנט די אויגן און אייך אַלעמען דערזען, און ס׳איז מיר באַפאַלן אַ געלעכטער. און די מורא איז אַוועק...

5.

ווען אַלע פיר האָבן זיך געזעצט ביים טישל אָן אָנגעהויבן טרינקען און עסן, האָט פלוצלינג זיך צעבלאָזן אַ ווינט. וואָס אַ מינוט איז ער שטאַרקער געוואָרן און ס׳איז געוואָרן קיל, קאַלטלעך. די ערשטע זאַך זיינען זיך די סער־וועטן פונאַנדערגעפלויגן אין אַלע זייטן, דאַן האָט זיך דאָס טישטעכל אַ הייב געטאָן, ווי עמעצער וואָלט עס אַ שלעפּ געטאָן, און אַלץ האָט גענומען פונאַנ־דערפאַלן.

דער הימל איז געוואָרן גרוי, נאָך דעם טונקל, ביז שוואַרץ. דיביימער האָבן אָנגעהויבן שטאַרק רוישן און ס׳איז געוואָרן פינצטער און קאַלט.

זיי האָבן אויף גיך צוזאַמענגעכאַפּט די קישעלעך מיט די דעקעס, דעם טישל און שטולן, מיט די בלעטער און זאַמד וואָס האָט געקלעפּט אויף דעם און אין אומאָרדענונג אַריינגעוואָרפן אין באַגאַזשניק פון אויטאָ. זייער איינציקע שוץ איז איצט געווען דער אויטאָ, האָבן זיי זיך אַלע אַריינגעזעצט אינעווייניק.

חנהלע האָט זיך געטוליעט צו דודן. רייזעלע איז געזעסן לעבן שלמהן ווי אַ פרעמדע. ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. שלמה איז אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ, גענומען פון באַגאַזשניק צוויי דעקעס, איינע האָט ער געגעבן חנהלען און מיט דער צווייטער האָט ער איינגעדעקט רייזעלען. ער איז געווען גליקלעך פון זיין אויפטו און זיי האָבן אים האַרציק געדאַנקט.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן נאָך קעלטער און דער שטורעם גרעסער. אַ האָגל האָט אַ שאָט געטאָן און געפּויקט איבער די שויבן און איבערן דאַך פון אויטאָ. נאָך דעם האָט אָנגעהויבן שמייסן אַ שטאַרקער רעגן.

— ס׳איז אַ גיכער רעגן, — האָט דוד געזאָגט, — ער וועט גלייך איבערגיין.

— מ׳דאַרף ניט וואַרטן, — האָט שלמה געזאָגט, — ס׳וועט אָנטראָגן זאַמד אויפן וועג און ס׳וועט ווערן אַ בלאָטע. און איך האַלט ניט, אז דער רעגן וועט גיך אויפהערן.

— דער רעגן וועט גיך אַוועקגיין און די בלאָטעס וועלן מיר דורכקריכן, — האָט דוד זיך געוויצלט. — ערגער איז די קעלט. כ׳האָב נאָר די דינע בלוזקע מיט קורצע אַרבל.

שלמה האָט געטראַכט, אַז ס׳איז גוט וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן דעם מאַנטל. זי איז אַ חכמה און זי ווייס וואָס זי האָט גערעדט. ער האָט געזען ווי דוד טרייסלט זיך פון קעלט, האָט ער אוסגעטאָן זיין רעקל און אים געגעבן.

— און דו? — האָט דוד געפרעגט.

— איך האָב אַ מאַנטל. מיין מאַמע זאָל געזונט זיין, האָט געזאָגט אַז ס׳וועט זיכער רעגענען. מיר זאָלן ניט זיין ביז שפּעט. זי האָט אירע סימנים: פון רע־מאַטעס דרייט איר, פאַר אַ רעגן, די הענט מיט די פיס. זי האָט שטאַרקע ווייטיקן. ניטאָ וואָס צו לאַכן.

— גיב דיין מאַמען אַ דאַנק, — האָט דוד געזאָגט און אָנגעטאָן שלמהס רעקל.

— וויסטו וואָס, דוד? לאָז מר פירן דעם אויטאָ. דו ביסט געפאָרן אַהער, איך — צוריק.

— ניין, שלמה, כ׳האָב זיך גוט דורכגעשלאָפן און בין אויסגערוט.

אַ לעצטער אויטאָ פון וואַלד איז פאַרבייגעפאָרן פאַרביי און געגעבן סיג־נאַלן אז זיי זאָלן גיכער פאָרן. אָבער דוד האָט זיך אלץ ניט געאיילט. שלמה האָט געמיינט אז ער פילט זיך ניט גוט און האָט אים נאָך אַ מאָל פאַרגעלייגט אז ער וועט פירן דעם אויטאָ, אָבער דוד איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. חנהלע האָט זיך אפילו געבעטן:

— זיי ניט איינגעשפּאַרט, דוד. זעסט דאָך אז פון וואַלד זיינען זיך שוין לאַנג אַלע אויטאָס צעפאָרן. אויב מיר בלייבן שטעקן, וועט ניט זיין אפילו ווער עס זאָל העלפן.

— נו, פאָר שוין! — האָט רייזעלע געהאָלפן איר שוועסטער. — זיי ניט איינגעשפּאַרט.

דער אויטאָ האָט זיך גערירט. אָבער ס׳איז קענטיק געווען, אז דוד שטרענגט זיך אָן צו פירן דעם אויטאָ איבערן נאַסן זאַמד. חנהלע האָט עס איצט, זיצנדיק לעבן דודן, דערפילט. זי האָט געזאָגט:

— ס׳איז אַ לאַנגע און שווערע וועג, דוד. ביסט געפאָרן אַהער, לאָז שלמהן פאָרן צוריק. — איר זייט דאָך חברים. וואָס האָסטו מורא?..

— ער האָט מורא טאָמער עס איך אויף זיין אויטאָ, — האָט זיך שלמה גע־חכמעט.

— אויב אזוי, — האָט רייזעלע געזאָגט, — איז לאָמיר ציען קניפּלעך. קינ־דער לייזן זייערע אַלע פּראָבלעמען מיט ציען קניפּלעך.

— מיר וועלן מאַכן צוויי קניפּלעך, — האָט זיך דוד געוויצלט, — און ווער ס׳וועט ארויסציען איין קניפּל און איין ליידיקן, וועט פירן דעם אויטאָ.

— מיר וועלן עס מאַכן לויטן רעגולאַמין, — האָט חנהלע געזאָגט, — איין קניפּל.

— און ווער וועט ארויסציען דעם קניפּל?.. — האָט דוד געלאַכט.

— דאָס וועלן מיר זען, — האָט חנהלע געזאָגט.

— און איך זאָג, — האָט דוד געזאָגט, אז ווער עס זיצט ביים רעדל, דער איז באַלעבאָס.

— דאָס וועלן מיר זען, — האָט חנהלע געזאָגט, — אלע מוזן זיך אונ־טערוואַרפן די שפּיל.

שלמה האָט געגעבן די ריינע טאַשנטיכל, וואָס זיין מאַמע האָט אים אריינ־געלייגט אין קעשענע און חנהלע האָט געמאַכט אַ קניפּל. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און דעם קניפּל אריינגענומען צווישן די אַנדערע ברעגעס. זי האָט עס געהאַלטן אין איר דינעם פויסטל און אַלע דריי האָבן ארויסגעצויגן ליידיקע ברעגעס. חנהלע איז געבליבן ביים קניפּל.

— דו האָסט אומישנע איינגעהאַלטן דעם קניפּל, ווייל דו האָסט געוואָלט אויספּירן און זאָגן מיר אַ דעה, — האָט דוד געזאָגט און אַלע האָבן פריילעך געלאַכט.

— אויב אזוי לאָמיר איבערציען, — האָט חנהלע געזאָגט. — זאָל רייזעלע האַלטן.

— ניין, — האָט דוד געזאָגט, — זאָל רייזעלע באַשטימען און מיר וועלן זיך אונטערוואַרפן איר באַשלוס. זייט איר איינשטימיק.

— איינשטימיק! — האָבן אַלע געזאָגט.

— באשטים איך, — האָט רייזעלע געזאָגט, — אז ביידע זאָלן זיך בייטן.

— גוט! — האָט דוד געזאָגט. — איך פאָר צוערשט, ביז אַהיים, צוריק וועט פאָרן שלמה. — ווידער האָבן אַלע געלאַכט.

דער רעגן האָט זיך געשטאַרקט. עס האָט געגאָסן עמערווייז און מ'האָט קוים געזען אַ פּאָר מעטער פאָרויס. די אויטאָ־לאָמפּן האָבן ניט געגעבן גענוג שיין צו באַלייכטן די געדיכטע פינצטערניש.

— איר האָט מזל אז מיר פאָרן, — איז דוד נאָך אַלץ געווען אין זיין גוטער שטימונג, ניט געקוקט אויפן שטורעם, — שטעלט זיך פאָר אז מיר דאַרפן נעכטיקן אין וואַלד. אין אזא גוסרעגן וואָלט דאָך רייזעלע געוויס פאַרבלאָנדזשעט... — אַלע האָבן געלאַכט. און אין מיטן פריילעכן געלעכטער — טראַך! דער אויטאָ איז געבליבן שטיין.

— וואָס ביסטו מיט אַ מאָל געבליבן שטיין, דוד? — האָט שלמה געפּרוווט אָנהאַלטן די פריילעכע שטימונג. — מיר דוכט אז דו שטעקסט ביז צום האַלדז אין אַ זאַמדזומפּ...

— מיר שטעקן אַלע! — האָט דוד געזאָגט. — אפשר איז גאָר אַ פּלאַן דאָ איבערצונעכטיקן?

צום גליק האָט זיך דער רעגן אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט.

שלמה האָט געזאָגט:

— איך האָב אַ מאַנטל, וועל איך ארויסגיין און צולייגן אַ פּלייצע. דו זיץ ביים רעדל און גיב גאַז, ביסט דאָך דער באַלעבאָס...

די מיידלעך האָבן אויך געוואָלט ארויסגיין העלפן, נאָר שלמה איז געווען קעגן דעם. ער האָט זיך אָנגעמאַטערט אפשר אַ האַלבע שעה. ער איז געוואָרן אָפּגעגאָסן מיט אַ שוויס. ער האָט אונטער די רעדער אונטערגעלייגט צווייגן, אַ פּאָר שטיינער, וואָס ער האָט געפונען אין דער פינצטער.

מיט אַ מאָל האָט דער אויטאָ דערלאַנגט אַ שפּרונג, ווי אַ שד, און איז

ארויס פון זומפּ. דאָן האָט שוין דוד אַליין איינגעזען, אַז ער דאַרף זיך בייטן מיט שלמהן. ווי אַ באַזיגטער גענעראַל האָט ער איבערגעגעבן זיין פּאָסטן.

איצט איז שלמה געזעסן לעבן חנהלען, און דוד לעבן רייזעלען. זיי האָבן די גאַנצע צייט גערעדט, אָבער שלמה איז געווען צו פיל אָנגעשטרענגט אויפ־צופּאַסן דעם וועג. צוליב דער קאַלטער לופט איז דער האָגל נאָך ניט געווען אין גאַנצן צעגאַנגען, כאָטש דער רעגן האָט ווידער אָנגעהויבן צו גיסן.

דער אויטאָ האָט זיך געגליטשט און מ׳האָט געמוזט פאָרן זייער לאַנגזאַם. חנהלע האָט די גאַנצע צייט געפּרוווט שלמהן עפּעס זאָגן, נאָר צוליבן רעגן, וואָס האָט געקלאַפּט אויפן אויטאָ, האָט מען גאָר ניט געקענט הערן. אָבער ווען זי האָט אים אומגערן באַרירט, איז אַריבער אַ וואַרעמע כוואַליע איבער זיין גאַנצן קערפּער און ער איז באַלד אַראָפּגעפאָרן פון גלאַטן וועג...

אַז זיי האָבן דערזען די ערשטע עלעקטרישע פייערלעך פון שטאָט, האָט דוד אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און געזאָגט:

— ס׳האָט גענומען פונקט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי אונדזער פאָרן צום וואַלד. שוין באַלד האַלבע נאַכט. צו ערשט וועלן מיר דיר אַראָפּלאָזן, שלמה. און איך וועל שוין אָפּפירן ביידע מיידלעך אהיים. און מאָרגן זעען מיר זיך ביי דער אַרבעט.

— אָבער איידער מיר געזעגענען זיך, — האָט שלמה געזאָגט, — פאַרבעט איך אייך אַלע דריי, שבת אָוונט, צו גיין מיט מיר אין קינאָ, און נאָך דעם — צו אַ טאַנץ. אָנגענומען?

— אָנגענומען! — האָבן אַלע דריי אויסגעשריען.

ווען שלמה איז צוגעפאָרן צו זיין היים, און דוד און ער זיינען ארויס פון אויטאָ אַז דוד זאָל קענען ווייטער פאָרן, האָט שלמה אים ארומגענומען און געדאַנקט פאַר דעם שיינעם אויספלוג און פאַר באַקענען אים מיט די אינטע־רעסאַנטע שיינע מיידלעך.

חנהלע האָט עס געהערט און ארויסגעשריען פון אויטאָ:

— אין אונדזערע ביידנס נאָמען, אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט!

*

ווען דער רעגן און שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן, איז שלמהס מאַמע יעדע ווײַלע געלאָפן צום פענצטער זען צי די קינדער קומען. מיט יעדע מינוט איז איר האַרץ איינגעפאַלן. אַז ס׳איז שוין געוואָרן גאָר שפּעט, האָט זי אָנגעהויבן בעטן גאָט און וויינען, אַז ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן און ברענגען בשלום איר איינציקן זון.

אז זי האָט געזען ווי דער אויטאָ שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר פון הויז, איז זי אויפגעשפרונגען פון שימחה. אַ דערפרייטע איז זי געלאָפן דעם זון אנט־קעגן, אים אַרומגעכאַפּט און געקושט. שלמה האָט געפילט, אז די מאַמע האָט געהאַט אַ סך פאַרדרוס פון זייער פאַרשפּעטיקן. כדי איר אויפצומונטערן, האָט ער איר דערציילט וועגן דעם אויספלוג מיט אַלע איינצלהייטן.

— און ווי געפעלט דיר דודס כלה? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— מאַמע, פרעג שוין גאָר ניט, זי געפעלט מיר גאָר־גאָר שטאַרק!

— שפּיל זיך ניט מיט פייער... — האָט די מאַמע געלאַכט. — ווילסט פאַרלירן דיין בעסטן חבר?

— ניין, מאַמע! דאָס טו איך ניט. אָבער ווען איך קריג אזא מיידל טראַכט איך קיין רגע ניט און שטעל גלייך אָפּ אַ חופּה.

— און איר שוועסטער? — האָט די מאַמע געפּרוווט אים פאַרשן, — ווי איז זי?

— זי איז אויך אַ שיינע, ניט קיין נאַר, אינטערעסאַנט און זייער געבילדעט.

— נו, מיין קינד, איז וואָס?.. — האָט די מאַמע אים געצויגן פאַר דער צונג.

— איז דאָס, מאַמע, וואָס איך נעם זיי שבת אָונטן אַלע דריי ארויס — אין קינאָ, און נאָך דעם צו אַ טאַנץ.

— האָסט זייער גוט געטאָן, מיין זון.

— איך ווייס וואָס איך טו... — האָט שלמה געגעבן אַנצוהערעניש דער מאַמען, אז זי דאַרף אים ניט לערנען. — און איצט, מאַמע, איז שפּעט. דו און איך זיינען פאַרמאַטערט, — מוזן מיר זיך גיין אָפּרוען. מאָרגן דאַרף איך אויפשטיין פרי, צו דער ארבעט. איז אַ גוטע נאַכט, מאַמע!

— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד.

ל א ה ל ע

.1

לאהלע האָט געענדיקט די פאָלקשול, וואָס איז געווען אַן אָנפאַנגשול, צו זעכצן יאָר. ניט לאַנג טראַכטנדיק האָט זי באַשלאָסן צו גיין אַרבעטן, זוכן אַ שטעלע. זי האָט גוט געוווּסט, אַז אירע עלטערן זיינען ניט אויף אַזוי ווייט פאַרמעגלעך און זיי וועלן איר קענען אויסהאַלטן מיט דעם אַלעם, וואָס זי דאַרף און וויל האָבן. און געוואָלט האָט זי האָבן שיינע זאַכן, ווייל זי איז געווען די עלטסטע פון די קינדער און זיך געפילט ווי אַ גרויסע.

אַז זי האָט געקראָגן אַ שטעלע, האָט זי געוווּסט, אַז זי וועט, ווי אַנדערע אָנגעשטעלטע אין געשעפט, מוזן זיין לייטיש אָנגעטאָן. כאָטש ווי אַן אָנפאַנגער וועט מען איר ניט צו פיל צאָלן, איז עס אָבער געווען פאַר איר אַ דערגרייכונג, ווייל קוואַרטיר, עסן און שלאָפן האָט זי דערווייל אין דער היים און ס׳קאָסט איר גאָר ניט. כ׳וועל איצט אַליין פאַרדינען, האָט זי געטראַכט מיט שטאָלץ, און זי האָט אפילו געמאַכט דעם חשבון פון די קליינע זאַכן וואָס זי וועט ברענגען אַהיים דעם ערשטן מאָל פאַר אייגענע פאַרדינטע גראָשנס — און איז געווען צופרידן.

זייער הויז איז געווען ניט קיין צו גרויסע, אָבער דערפאַר גאַנץ באַקוועם און אַ ביסל אָן אַ זייט פון דער גאַס. איר שוועסטערל, ברײנעלע, כאָטש דריי יאָר ייִנגער פון איר, איז געווען מיט לאהלען אין איין הייך, און ביידע, קומענדיק פון שול, פלעגן צוהעלפן דער מאַמען מיט דער שטובאַרבעט. זי איז געווען געראָטן אין טאַטן, האָט געהאַט בלויע אויגן און שוואַרצע האָר, און לאהלע האָט אויסגעזען פּונקט ווי די מאַמע: בלאָנדע לאָקן מיט בלויע שיינע אויגן און אַ שלאַנקע פיגור.

די מאַמע האָט געוווּסט ווי שיין די מיידלעך זיינען, אָבער זיי קיין קאָמפּלימענטן ניט געשאָנקען. זי האָט זיי אַלץ געזאָגט אַז זיי דאַרפן זיך צו פיל ניט פּוצן, און געלערנט זיי, אַז וואָס איינפאַכער מ׳טוט זיך אָן, אַלץ איידעלער און שענער זעט מען אויס. לאהלע האָט אויסגעטייטשט וואָס די מאַמע מיינט: אַז

מיט אַ שיין פּנים דאַרף מען זיך צו פיל ניט פּוצן. פון דעסטוועגן האָט זי גע־וואָלט האָבן שיינע זאַכן. און מאַדנע, אפילו די צוויי ברידערלעך, יאַנקעלע און לייבעלע, דער צווילינג פון זעקס יאָר אַלט, איז אויך געווען פאַרשיידן: דער ערשטער איז געווען בלאָנד, און דער צווייטער טונקל.

אין דער פרי פלעגן אַלע אַוועקגיין פון שטוב — די קינדער אין שול, די מאַמע בלויז פלעגט דעם ערשטן האַלבן טאָג בלייבן אליין, ביז די קינדער פלעגן קומען צוריק. די ייִנגלעך פלעגן גלייך לויפן זיך שפּילן אין דרויסן, און די מאַמע מיט לאהלען און ברײנעלען פלעגן זיין פאַרנומען מיט פאַרענדיקן ראַמען און וואַשן, און צופרידן זיין וואָס די קליינוואַרג דרייט זיך ניט אונטער די פיס.

לאהלע און ברײנעלע האָבן כמעט קיין פריינד ניט געהאַט, נאָר איין נאָנטע חברטע, חנהלע, וואָס האָט געוווינט אין דערבייאיקן הויז. זי איז געווען אַן איינציק קינד, אין איין עלטער מיט לאהלען, און זיי ביידע פלעגן זיך פאַרטרויען איינע פאַר דער אַנדערער יעדע קלייניקייט. זומער פלעגן זיי זיך זען אָפט נאָך דער אַרבעט. ביז צום אָוונט פלעגט אַ לאַנגע צייט זיין ליכטיק, פלעגט מען אויף די צוזאַמענדיקע שפּאַצירן אויך מיטנעמען ברײנעלען. דאָס רוב פלעגט מען גיין אין גאָרטן, וואָס איז געווען ניט ווייט פון זייער הויז. אז זיי פלעגן גיין אליין פלעגן זיי זיצן ביז שפּעט, פאַנטאַזירן און זיך דערציילן מיידל־שע סודות.

איצט, אז חנהלע האָט זיך דערוווּסט, אז אין אַ פּאָר טעג אַרום גייט שוין לאהלע אַרבעטן אויף אַ שטעלע, איז זי געוואָרן אומעטיק.

— מיר וועלן זיך שוין ניט קענען אזוי אָפט טרעפן, — האָט זי געזאָגט טרויעריק.

— איך גיי דאָך ניט אַוועק פון דאַ, — האָט איר לאהלע געטרייסט. — זאָרג ניט, מען וועט זיך נאָך אַלץ טרעפן.

לאהלע האָט זיך אליין אויך באַדויערט, וואָס זי וועט ניט קענען גיין אין גאָרטן. זי האָט ליב געהאַט צו זיצן אליין אויף אַ באַנק און לייענען, אָדער סתם אין דער וועלט זיך פאַרקוקן אַ לאַנגע צייט אויפן בלויען הימל און חלומען. אָדער גאָר זיך זעצן אונטער אַ בוים און זיך צוהערן צום גערויש פון די גרינע בלעטער אויף די צווייגן, ווען אַ ווינטעלע בלאָזט אין זיי, ווי ער וואָלט זיך שושקען. נאָך מער האָט זי ליב געהאַט זיך צוצוהערן ווי אַ פויגל זינגט ערגעץ אויפן שפּיץ בוים און מ׳קען אים אפילו ניט זען. אָדער זי פלעגט זיך גאָר פאַר־קלייבן אין אַ זייטיקער אָפּגעזונדערטער אַלעע, ווו אויף די שוואַרצע בייטן זיינען געוואַקסן אַלערליי בלומען אין פּרעכטיקע קאָלירן, וואָס פלעגן אָנפילן

די לופט מיט אַ זיס־שמעקעדיקן גערוך. אין די אָ שעהען מיט זיך אַליין, פלעגט זי ניט איין מאָל טראַכטן מיט פאַרדרוס, פאַר וואָס זי האָט ניט די פעאיקייט צו מאָלן אָדער שרייבן וועגן דעם אַלעם וואָס זי זעט און פילט. ווען זי וואָלט געווען אַ מאָלער אָדער אַ שרייבער, וואָלט זי אין פאַרשיידענע צייכענונגען אויס־געמאָלט אָדער באַשריבן דעם וווּנדער־שיינעם גאָרטן, איבערהויפּט אין פרי־לינג, ווען די נאַטור צעבליט זיך און לעבט אויף. זי האָט שוין געקענט יעדן בוים און יעדן צווייג, יעדן בלימל און גרעזל מיט זייערע אַלע חנען און וואָלט זיי ניט געוואָלט איבערלאָזן אויף לאַנג אַליין. און ווי זי וואָלט זיך געזעגנט מיט לעבעדיקע חברטעס, האָט זי צו זיי אין געדאַנקען גערעדט:

— איך מוז גיין אַרבעטן, נאָר ווי איך וועל האָבן אַ מינוט פרייע צייט, וועל איך צו אייך קומען.

דעם אָוונט, פאַר לאהלעס גיין צו דער אַרבעט, איז די מאַמע געווען פאַר־נומען מיטן צוגרייטן די ריכטיקע זאַכן. זי האָט איר געהייסן אָנטאָן איר בלויע קלייד און נאָך אַ מאָל איר דערמאָנט, אַז זי דאַרף זיך ניט פּוצן. דער טאַטע און די קינדער האָבן איר צוגעווונטשן גליק. זיי האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פריער ווי זי.

דעם ערשטן מאָל, האָט איר דער באַלעבאָס געזאָגט, דאַרף זי קומען צען אַ זייגער, וועט ער האָבן אַ רואיקערן קאָפּ אַלץ צו פאַרשרייבן און איר ווייזן וואָס זי האָט צו טאָן. אָבער פרי באַגינען האָט זיך לאהלע אויפגעכאַפּט און שוין מער ניט געקענט שלאָפן. און ווען זי האָט זיך שפּעטער געזעגנט מיט איר מאַמען, האָבן זיך איר טרערן געשטעלט אין די אויגן. די מאַמע האָט געפילט ווי נערוועז זי איז, האָט זי איר אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אַ קוש געגעבן. זי האָט איר באַגלייט ביז הינטער דער טיר, זיך אָפּגעשטעלט און וואַרעם געזאָגט:

— מיין קינד, גיי געזונטערהייט און זאָל דאָס זיין דיין וועג צו גליק.

דער מאַמעס ברכה האָט לאהלען אַ ביסל באַרואיקט. זי האָט זיך געפרייט, וואָס די מאַמע זאָרגט אַזוי פאַר איר. וואָס זי האָט אַזאַ גוטע מאַמען און אַזאַ וואַרעמע היים. אָבער וואָס נענטער זי איז אָנגעקומען צום געשעפט, אַלץ שטאַר־קער האָט איר געקלאַפּט ס'האַרץ — זי האָט געציטערט טאָמער נעמט מען איר אין גאַנצן ניט אָן, ווער ווייס...

אָבער יעדער האָט זיין מזל. ווי לאהלע איז אריין אין געשעפט, איז איר גלייך דאָס מזל געקומען אַנטקעגן. אַז דאָ, צווישן די צענדליקער אָנגעשטעלטע, זאָל דער באַלעבאָס אַליין גלייך באַמערקן אַ ניי־געקומענעם, האָט מען טאַקע געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער מזל. און ווי לאהלע איז אריינגעקומען דורך דער

הויפטטיר, איז דער באַלעבאָס, פון זיין באַזונדערן גלאָזצימער, איר גלייך ארויסגעקומען אַנטקעגן. ס'איז קענטיק געווען אז ער האָט צו איר אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט. ער טאַקע איז געווען דער, וואָס האָט איר געהייסן קומען. ער האָט איר געגעבן אַ צייכן זי זאָל אים נאָכגיין. זי איז אריין צו אים אין ביוראָ און געזאָגט אַ שטילן גוט־מאָרגן. ער האָט איר אונטערגערוקט דעם וויכן פאָטעל און געזאָגט:

— זיצט, פריילין. — און איידער זי האָט נאָך געהאַט צייט צו זאָגן אַ דאַנק, האָט ער געפרעגט: — ווי איז דיין נאָמען?

— זיין פריינדלעכקייט איז געווען אַן אָפנהאַרציקע און איר האָט דעריבער הנאה געטאָן וואָס ער זאָגט איר דו. ס'איז אויך ארויסגעקומען נאַטירלעך.

— מיין נאָמען איז לאה ליבערמאַן, — האָט לאהלע געזאָגט, און צוגעגעבן איר אַדרעס.

ער האָט אַלץ אריינגעשריבן אין אַ בוך, וואָס איז געלעגן אויף זיין טיש.

— קומט מיט מיר, פריילין ליבערמאַן, — האָט ער געזאָגט. אז ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר, האָט ער מיט אַ נייגעריקן בליק זי אָנגעקוקט און דערקלערט: — איר וועט קריגן אַ העכערן געהאַלט און בעסערע באַדינגונגען, ווי נאָר איר וועט זיך אויסטייגן צו אַ ספּעציעלע אַרבעט. דערווייל וועל איך הייסן דעם פאַרוואַלטער פון געשעפט, וואָס הייסט מיטן יידישן נאָמען מאָטל, ער זאָל אייך געבן אויסצופּרווון פאַרשיידענע אַרבעטן. און איר וועט האָבן ביי מיר אַ ספּעציעלע באַציאונג, און פרעגט ניט פאַר וואָס. כ'טו דאָס פאַר אזעלכע וואָס געפעלן מיר. און מיין נאָמען איז לעווינסאָן, — האָט ער זיך גע־איילט צוצוגעבן.

— אַ דאַנק פאַר אייער פריינדלעכקייט, מיסטער לעווינסאָן! — האָט לאהלע אויסגערופן.

זי וואָלט אים פאַר גליק נאָכגעטאַנצט, נאָר גלייך ארויסקומענדיק האָבן זיי געטראָפן דעם פאַרוואַלטער און ער האָט איר איבערגעגעבן אין זיינע הענט מיט אַן אָנזאָג:

— גיט ספּעציעל אַכטונג אויף פריילין ליבערמאַן, מ"ר מאָטל. און איצט איז הער מאָטל אייער באַלעבאָס, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל צו לאהלען.

לאהלע האָט געטראַכט, אז איצט זאָגט ער איר, כדי ארויסצורופן צו איר רעספּעקט.

— איך וועל אויספירן אייער פאַרלאַנג, מ"ר לעווינסאָן, — האָט מאָטל אָפיציעל געזאָגט.

.2

לאהלע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו טאָן יעדע אַרבעט פּינקטלעך און גוט. יעדע זאַך איז געווען ניי און אַזוי פיל פרעמדע מענטשן ארום. נאָך דעם ערשטן שווערן טאָג אַרבעט איז דעריבער גוט געווען צו זיין אַהיים, מיט אַלע אייגענע צוזאַמען. אין שטוב איז מען איר באַפאַלן מיט פראַגעס, ווי ס'איז געווען און וואָס זי האָט געטאָן. לאהלע האָט אַ צופרידענע יעדערן געענטפערט, ווייל צו פיל וואָס צו דערציילן האָט זי ניט געהאַט.

אויף מאָרגן האָט מען איר שוין באַהאַנדלט ווי אַן אַלטע, אין געשעפט. יעדער האָט איר גערופן מיטן ערשטן נאָמען, און זי איז וואָס פון טאָג אַלץ מער צוגעוווינט געוואָרן צו דער אַרבעט. זי האָט זיך שנעל אַלץ געכאַפּט, פאַרשטאַנען מער אין די זאַכן און געוווסט כמעט אַלע ארטיקלען, מיט וועלכע זי האָט געהאַט צו טאָן. און אַלע מענטשן אין געשעפט זיינען איר מיט אַ מאָל געוואָרן נאָנט און טייער.

זי האָט יעדן טאָג זיך באַקאַנט מיט נייע פּנימער, געטראָפן אַלטע און פרישע קונדן, ווען ס'איז איר אויסגעקומען צו באַדינען. זי האָט אויך באַמערקט אַז דער באַלעבאָס, מ״ר לעווינסאָן, איז צופרידן, אַ סימן האָט זי געהאַט, אַז ווען ער פלעגט פאַרבייגיין, פלעגט ער פריינדלעך שמייכלען. — און פאַרבייגיין פלעגט ער אָפט. די ערשטע טעג פלעגט איר יעדן מאָל אַ קלאַפּ טאָן אין האַרצן, נאָך דעם פלעגט זי שוין ניט לייגן קיין אַכט אויף אים.

מיטן ערשטן געהאַלט, וואָס לאהלע האָט אָפּגענומען סוף חודש, האָט זי גלייך איינגעקויפט פאַר יעדער איינעם אַ שיינע מתנה. זי האָט אַלץ געקויפט אין זעלבן געשעפט, וווּ זי האָט געאַרבעט, און זי איז קוים אויסגעקומען מיטן געלט, און אַ קליינער חוב איז נאָך געבליבן אָפּצורעכענען פון קומענדיקן חודש.

פאַר זיך האָט זי געקויפט אַ שיין קליידל מיט שיך, פאַר דער מאַמען אַ גוטע שאַל, און פאַרן טאַטן אַ מאָדערנעם שניפּס. פאַר דער שוועסטער ברייַנעלען האָט זי געקויפט אימפּאָרטירטע בלויע דזשינס מיט אַ בלוזקע, און פאַר די ברידערלעך — פאַר יעדן איינעם אַ ביכל מיט אילוסטראַציעס און שאָקאָלאַד.

דער טאָג איז פאַר לאהלען געווען דער גליקלעכסטער אין איר לעבן. אין שטוב זיינען אַלע געשטאַנען ארום איר און באַדאַנקט פאַר די מתנות. דעם צווייטן חודש האָט זי שוין געקויפט ווייניקער מתנות, אָבער האָט קיינעם ניט אויסגעלאָזן.

*

אזוי זיינען פאַרביי זעקס חדשים. פלוצלינג, נאָך די זעקס חדשים, האָט איר דער באַלעבאָס גערופן אריינקומען אין זיין אָפיס. אויף דער ערשטער מינוט האָט זיך לאהלע דערשראָקן. זי האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן: אפשר האָט זי זיך מיט עפעס פאַרזינדיקט, כאָטש זי האָט זיך ניט געפילט שולדיק. די אַרבעט טוט זי נאָך מיט מער פלייס און דער באַלעבאָס שמייכלט נאָך אַלץ צו איר. זי איז אריין אַ רואיקע אין ביורא פון מ״ר לעווינסאָן און באַגריסט זיך מיט אים. ער איז איר אַנטקעגן געגאַנגען און געזאָגט:

— זיצט, פריילין ליבערמאַן! — דער טאָן איז געווען אָפיציעל אָבער פריינדלעך. — איך האָב אייך היינט גערופן צו מאַכן אַ סורפריז.

— איך האָף אז אַן אָנגענעמען סורפריז, — האָט לאהע זיך אָפּגערופן מיט אַ זיכער קול.

— לאהע, איך האָב זיך אַ האַלב יאָר צוגעקוקט צו דיין אַרבעט און בין זייער צופרידן, — איז דער באַלעבאָס מיט אַמאָל אריבער אויף אַ פאַמיליערן טאָן. — דו ביסט דאָ ווי אַן אייגענע, גיך און גוט, און קיין קונד גייט ניט ארויס מיט ליידיקע הענט. דו באַהאַנדלסט יעדן שיין און איידל, און אויב ס׳געפעלט עמעצן ניט איין זאַך, קויפט ער עפעס אַנדערש. אַ דאַנק דעם וועיזט דיין דעפּאַרטמענט אַ גרויסן פּראָפיט מיט יעדן חודש, און דעריבער האָב איך באַשלאָסן דיר צו דערלייגן גאַנצע זעכציק ראַנד.

לאהן האָט אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן פון דער גרויסער סומע:

— אזוי פיל אויף איין מאָל! — האָט זי זיך ארויסגעכאַפּט באַגייסטערט: — אַ דאַנק... זי האָט נאָך געוואָלט זאָגן עפעס, נאָר אין דעם מאָמענט האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין טיר.

זי האָט געוואָלט ארויסגיין, נאָר דער באַלעבאָס האָט איר פאַרהאַלטן:

— בלייב נאָך אַ ווײלע, לאהע, דו וועסט מיר ניט שטערן. קום אריין, לעאָן!

אויפן באַלעבאָס׳ רוף, וואָס האָט דערקענט דורך דער שויב אָדער לויטן קלאַפּ ווער דאָס איז, איז אריין אַ יונגער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. ער איז געווען אַ ברונעט, הויך און גוט געבויט. מיט אַ שיינעם מאַניר האָט ער זיך באַגריסט און לייכט פאַרבויגן פאַר לאהלען.

לאהלע האָט דעם יונגן מאַן שוין עטלעכע מאָל געזען אריינקומען אין געשעפט. זי האָט געוווסט, אז דאָס איז דער זון פון באַלעבאָס, אָבער קיינער האָט איר ביז היינט מיט אים ניט באַקענט:

— דאָס איז מיין זון, לעאָן, און דאָס איז פריילין לאהע ליבערמאַן. זי אַרבעט דאָ.

— זייער אָנגענעם אייך צו קענען, פריילין ליבערמאַן. איך האָב אייך שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט, אָבער אויף אַן אמת האָבן מיר זיך איצט געטראָפן צום ערשטן מאָל.

— אַזוי איז עס, — האָט לאהלע באַשטעטיקט. — נאָר ס׳איז דאָך אַ פּאָר־געניגן צו מאַכן די באַקאַנטשאַפט מיט אייך. — זי האָט געפילט אויף זיך זיינע שאַרפע בליקן און צעטומלט געוואָרן. זי האָט אויף גיך געזאָגט: — אנטשול־דיקט ביז אויף אַ צווייטן מאָל, מ״ר לעאָן, — און זי איז גיך ארויס פון ביוראָ.

אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען גליקלעך פון דער העכערונג וואָס זי האָט געקראָגן, נאָר מער נאָך איז זי געווען צופרידן פון זיך באַקענען מיט לעאָנען. זי האָט אַ מינוט ניט אויפגעהערט טראַכטן פון דעם שיינעם בחור און ווי איני־טעליגענט ער האָט זיך באַנומען. קיינער האָט נאָך אויף איר דאָ אַזאַ איינדרוק ניט געמאַכט, אַז זי זאָל אים ניט קענען אויף אַ סעקונדע פאַרגעסן.

גראָדע איז זי דעם טאָג געווען שטאַרק פאַרנומען און אַ סך געלייזט, נאָר צווישן איין קונד און אַנדערן האָט זי געטראַכט פון לעאָנען. נאָך מיטאָג איז די קאַסע שוין געווען אָנגעשטאָפּט.

פּאָר נאַכט, אַז ס׳איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, האָט זי זיך גענומען אויפ־הענגען די אָנגעוואָרפענע קליידער, אויפלייגן די העמדער אויף אַן אָרט און פאַנאַנדערציען די קנייטשן, אַז די סחורה זאָל אויסקוקן בעסער און שענער. לאהלע האָט געטראַכט, אַז ניט אומזיסט העכערט מען מיט אַ מאָל אַזוי פיל געלט, האָט זי ניט געוואָלט, ווי די איבעריקע אָנגעשטעלטע, זיצן ליידיק און ריידן מיט די אַנדערע, ווי אַלע טוען דאָ. האָט זי דערווייל גענומען אַ נאָדל מיט פאָדעם און אָנגעהויבן צונייען דאָ אַ קרעגעלע צו אַ קליידל, אויסנייען אַ בלימל אויף אַ קעשענע און אַ פרינצעסין — אויף אַ קינדערשע בלוזקעלע. זי האָט אפילו ניט באַמערקט ווי דער באַלעבאָס איז אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעגאַנגען און געקוקט מיט אַ צופרידענעם שמייכל צו איר זייט.

ווען דער קאַסיר איז געקומען אָפּנעמען ביי איר די לייזונג, האָט זי זיך ערשט געכאַפּט אַז ס׳איז שוין שפּעט. זי האָט זיך שנעל צורעכט געמאַכט און ארויס די לעצטע פון דער אַרבעט. די אויגן פון באַלעבאָס האָבן איר נאָכ־געקוקט.

ארויסגייענדיק פון געשעפט, האָט שוין אויף איר געוואַרט איר חברטע חנהלע. אַזוינס פלעגט זעלטן טרעפן. לאהלע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר און זי האָט געפרעגט:

— וואָס ברענגט דיר דאָ היינט, מסתמא א וויכטיקע נייעס ?

— יע, לאהלע, כ'האָב דיר עפּעס געוואָלט דערציילן. וועלן מיר גיין צו־זאַמען אהיים און ס'וועט דיר אודאי אינטערעסירן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט לאהלע געפרעגט בייגעריק.

— גאָר ניט האָט פּאַסירט, נאָר כ'האָב דיר געוואָלט זאָגן, אז נעכטן אָוונט האָט מען מיר באַקאַנט מיטן זון פון דיין באַלעבאָס. מיר זיינען געווען צוזאַמען אויף אַ קאָנצערט.

— אָ, אזוי גאָר, דאָס איז זייער פיין. ביסטו עס מיר געקומען ספּעציעל זאָגן?

— יע, כ'האָב געמיינט אז דאָס וועט דיך אינטערעסירן. מיר געפעלט ער זייער שטאַרק.

— נו, און דו אים? — האָט לאהלע געפרעגט און זיך געמאַכט ווי איר אַרט עס ניט.

— דאָס ווייס איך ניט, לאהלע. מיר האָבן נאָר גערעדט געציילטע ווער־טער. ער האָט געהאַט ארום זיך אַ סך פריינד און געווען פאַרנומען מיט זיי. נאָך דעם האָב איך אים שוין מער ניט געזען. דו האָסט אים שוין מסתמא געזען אַ סך מאָל, האַ?

— ניין, חנהלע, ספּעציעל האָבן מיר זיך קיין מאָל ניט געטראָפן, נאָר היינט האָט דער באַלעבאָס מיר צופעליק באַקענט מיט אים. ער איז גראָדע אריין אין אָפיס...

— איז ווי געפעלט ער דיר, לאהלע? — האָט זי איר געפאָרשט.

— כ'ווייס נאָך ניט. פון ערשטן איינדרוק איז שווער צו זאָגן. נאָר אלע מיידלעך זאָגן, אז ער איז דער שענסטער בחור אין שטאָט. וואָלט דאָך געפּאַסט אז אזא איינער זאָל האָבן אַ סך חברים און חברטעס, איז אָבער פּונקט פאַר־קערט: ער איז באַשיידן און שטיל. ער פירט אָן מיט די אַנדערע געשעפטן, וואָס געהערט צו זיין פאָטער. זיי זיינען זייער פאַרמעגלעכע מענטשן, קען זיין די רייכסטע מענטשן דאָ, — האָט איר לאהלע ניט געזשאַלעוועט קיין אינ־פאָרמאַציע.

זי האָט זיך עפּעס געפילט מאָדנע, וואָס איר חברטע פאָרשט איר און גע־וואָלט וויזן אז זי ווייס אַ סך וועגן אים, כאָטש מיט אים אליין האָט זי נאָך כמעט גאָר ניט גערעדט. פון חנהלעס אָפענע רייד און פראַגעס, האָט זי געפילט אז זי איז פאַרליבט אין לעאָנען, און זי אליין האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג אויך געטראַכט וועגן אים.

איצט זיינען זיי שוין געגאַנגען שווייגנדיק. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן חנהלעס טיר און איר געזאָגט:

— זיי געזונט, חנהלע. כ׳מוז זיך צואיילן, מ׳וואַרט שוין אויף מיר מיטן אָונטערבריט. אין דער אמתן איז זי אַליין געוואָרן אומגעדולדיק און געוואָלט וואָס גיכער דערציילן וועגן דער העכערונג אַלעמען אין הויז.

3.

לאהלע האָט געוואַרט ביז אַלע זיינען שוין געזעסן ביים טיש און געהאַלטן אין עסן, האָט זי צופרידן אַ זאָג געטאָן:

— היינט האָב איך צו מאַכן אַ וויכטיקע מעלדונג: מ׳האָט מיר היינט דער־לייגט גאַנצע זעכציק ראַנד אויפן חודש — איך בין אַזוי גליקלעך דערפון!

— הוראַ! — האָבן אַלע ביים טיש אויסגערופן. מ׳האָט געזען אַ צופרידענע מינע אויף יעדערנס געזיכט.

יאַנקעלע האָט ארויסגעשאָסן מיט אַ פראַגע:

— פאַר וואָס אַזוי פיל געלט, לאהלע?

— ווייל איך פאַרקויף גוט און האַלט אַלץ אין אָרדענונג, — האָט לאהלע אים דערקלערט.

— מיר האַלטן אויך אַלץ אין אָרדענונג! — האָט זיך לייבעלע באַרימט.

— דאָס איז זייער פיין! — האָט די מאַמע געזאָגט. — קינדער דאַרפן זיך צוגעוויינען צו אָרדענונג. — זי איז צוגעגאַנגען צו לאהלען, איר ארומגענומען און אַ קוש געטאָן: — איך גראַטוליר דיר, קינד.

— און איך ווינטש דיר אַ סך דערפאָלג! — האָט דער טאַטע געזאָגט און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: — וועסט שוין באַלד פאַרדינען מער ווי איך...

— צו דעם איז נאָך גאַנץ ווייט, טאַטע, — האָט לאהלע געזאָגט אַ צו־פרידענע, — אָבער ס׳וועט מיך פאַרשאַפן פאַרגעניגן צו קענען העלפן אַ ביסל אין שטוב, צו קענען קויפן פון צייט צו צייט זאַכן פאַר יעדן באַזונדער.

— מיין ליבינקע טייערע לאהלע, — האָט איר די מוטער ווידער געקושט:

— ביסט אַ גוטע.

בריינעלע האָט זיך אויך צוגעדריקט צו איר און אָן ווערטער האָט לאהלע געפילט איר דאַנק.

נאָר די צוויי ברידערלעך האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אויסגערופן:

— איצט וועסטו אונדז קענען קויפן די העפטן מיט פאַרב, וועלכע מיר האָבן געזען אין פענצטער פון בוכגעשעפט. — ביידע האָבן עס געזאָגט אין איין קול, ווי זיי וואָלטן זיך עס אויסגעלערנט פון פריער.

— זיכער, זיכער! — האָט לאהלע אַ צופרידענע געלאַכט פון זייער אויפטו:
— העפטן מיט פּאַרב מיט בלייפעדערס מיט אַלץ וואָס איר ווילט!

די קינדער האָבן לאהלען ארומגענומען און געקושט.

נאָכן אָוונטברויט איז לאהלע ארייַן צו זיך אין צימער זיך אָפּרוען. די שווערסטע טעג אַרבעט האָבן איר פאַרשאַפט אַ סך גליק, איבערהויפּט האָט זי עס היינט געפילט. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפקע האָט זי אַלץ פאַרגעסן און נאָר געדענקט אים— לעאָנען, דעם באַלעבאָס' זון. ער איז איר איצט געשטאַנען פאַר די אויגן.

לאהלע האָט געטראַכט פון לעאָנען און זיך פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס זי קלערט פון אים. אפשר איז עס גאָר אומזיסט, אַ מאָל טראַכט ער גאָר ניט פון מיר, האָט זי צו זיך גערעדט. און אז מע געוווינט זיך צו צו עפּעס מיט די געדאַנקען, ליידט מען נאָך דעם. איז אפשר בעסער אין גאַנצן ניט צו טראַכטן וועגן אים, אָבער זי האָט ניט געוווסט ווי אזוי שטעלט מען אָפּ די געדאַנקען. און איבערהויפּט בין איך נאָך צו יונג זיך צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, — איז איר פּלוצלינג אייַנגעפאַלן. ערשט אין אַ פּאָר מאָנאַטן ארום וועל איך ווערן זיבעצן. זיבעצן יאָר איז דאָך נאָך אַ קינד, האָט זי געטראַכט. אָבער זייענדיק די עלטסטע האָט זי זיך שטענדיק געפילט אַ סך עלטער ווי זי איז באמת.

זי האָט גענומען דאָס בוך פון ביבליאָטעק און געפּרוווט לייענען, אָבער די געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט און זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי לייענט. האָט זי באַשלאָסן, זי וועט בעסער ארויסגיין אין גאָרטן, דער אָוונט איז אַזאַ שיינער, נאָר ווי זי האָט געוואָלט עפענען די טיר, האָט זיך דער טעלעפאָן צעקלונגען. ווער קען עס זיין? האָט לאהלען אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרויסגעפילט. זי האָט אראָפּגענומען דאָס טרייבל און שטיל געפרעגט:

— האַלאָ, ווער רעדט?

אַן אומבאַקאַנטע שטימע האָט אייַנגעהאַלטן געפרעגט:

— כ'וואָלט וועלן ריידן צו פריילין לאה, זייט אזוי גוט.

— לאה רעדט דאָס טאַקע. וואָס קען איך טאָן פאַר אייך? — האָט זי העפלעך געזאָגט.

— אָ, לאה! זייער אָנגענעם. און דאָ רעדט לעאָן. מיר האָבן זיך היינט געטראָפן ביי מיין פאָטער אין אָפיס. כ'וויל אייך גראַטולירן מיט אייער אויסגעצייכנטע און שיינע אַרבעט אין אונדזער געשעפט. מיין פאָטער האָט גוט געטאָן וואָס ער האָט אייך דערלייגט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, הער לעווינסאָן! — האָט לאהלע ארייגערעדט אין טרייבל און געפילט ווי איר האַרץ פויקט, אָט־אָט וועט עס ארויסשפּרינגען.

— רוף מיך לעאָן, אזוי רופן מיר אַלע. און איך האָב דאָ גרייט נאָך עפּעס אַ סורפּריז.

— אַ דאַנק, לעאָן, — האָט לאהלע געזאָגט. — איך בין אוודאי נייגעריק אויף דעם סורפּריז וואָס איר גייט מיר מאַכן. נו, לאָמיר שוין הערן. — האָט זי קאָקעטיש געזאָגט.

— דער סורפּריז איז, אז אין צוויי וואָכן ארום קומט פאַר אַ באַל ביי אונדז אין הויז, פאַר מיר — צו מיין איין און צוואַנציקסטן געבורטסטאָג — וויל איך אייך פערזענלעך פאַרבעטן. אַלע אָנגעשטעלטע פון געשעפט וועלן זיין פאַר־בעטן, נאָר אייך פאַרבעט איך באַזונדער, ווי מיין גאַסט. כ׳פאַרשטיי אז איר וועט אָננעמען מיין איינלאַדונג.

לאהלען זיינען מיט אַ מאָל אַוועק אַלע ווערטער און ס׳האָט געדויערט ביז זי האָט געענטפערט.

— אָ, ס׳איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, און אזוי אומדערוואַרט. אַ דאַנק, לעאָן.

— איך בין זייער צופרידן אז איר האָט אָנגענומען מיין איינלאַדונג, און איך דאַרף אייך זאָגן אַ דאַנק! — לעאָנס שטים האָט געקלונגען אין איר אויער ווי מוזיק. דאָס טרייבל אין איר האַנט האָט געציטערט. זי איז געווען אויפגע־רעגט און צעטומלט.

— נאַרישקייטן, מיר קומט קיין דאַנק ניט. זייט געזונט. — האָט זי אין איילעניש ארייגערעדט אין טרייבל און באַמערקט דער מאַמעס נייגעריקע אויגן אָנגעשטעלט אויף איר.

— ווער איז דאָס געווען, לאהלע? — האָט די מוטער געפרעגט.

— אָ, לעאָן, דעם באַלעבאָס׳ זון. ער ווערט איין און צוואַנציק יאָר, מאַכט ער אַ גרויסע פאַרווײַלונג פאַר אַלע אָנגעשטעלטע פון געשעפט, האָט ער מיר איינגעלאַדן.

— דאָס הייסט, אז ער האָט דיר ניט סתם אזוי געלאַדן, נאָר ווי אַ ספּעציעלן גאַסט, האַ?

— יע, מאַמע, ס׳איז טאַקע אזוי ווי דו זאָגסט. ער האָט מיר פאַרבעטן ווי זיין גאַסט.

— זעץ זיך, לאהלע. גיי איצטער ניט אין ערגעץ. לאָמיר בעסער ריידן ווי דו דאַרפסט זיך צוגרייטן צו אזא באַל. ערשטנס, דאַרפסטו זיך קויפן אַ נייע קלייד מיט שיך, און אַ טאַש וואָס זאָל פּאַסן צו די שיך.

דער שמועס האָט זיך לאַנג פאַרצויגן. געדעדט האָט מער די מאַמע. און געבליבן איז, אַז מיטוואָך, ווען לאהלע האָט איר פרייען טאָג, וועט זי מיט דער מאַמען גיין איינקויפן אַלע נייטיקע זאַכן און וואָס די מאַמע וועט איר ראָטן, וועט זי איר פאָלגן.

4.

ווען זיי האָבן מיטוואָך געבראַכט די זאַכן אהיים און לאהלע האָט זיי נאָך אַ מאָל אָנגעמאָסטן, איז די מאַמע געווען אַנטציקט. זי האָט אויסגעפונען אַז דאָס בלויע קלייד פּאַסט זיך מיט לאהלעס בלויע אויגן, און וואָס זי איז געפוצט מיט ראָז, פּאַסט צו אירע באַקן. אין האַנט האָט זי געהאַלטן די בלויע טאַש, און אויף די פיס — די בלויע שיכעלעך.

זי האָט נאָך דערציילט דער מאַמען, אַז לעאָן איז ספּעציעל געקומען אין געשעפט איר זאָגן, אַז דעם צווייטן זונטיק, נאָך אָונטברויט, קומט ער איר אָפּנעמען און ברענגען צום באַל, ווייל זי איז זיין גאַסט. די מאַמע איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז זי האָט געוואָלט אריינרופן איר חברטע חנהלען, זען ווי לאהלע זעט אויס, האָט איר לאהלע אָפּגעהאַלטן און געזאָגט, אַז לעאָן האָט איר ניט פאַרבעטן. זיי האָבן זיך נאָר איין מאָל צופעליק געטראָפן.

ווען דער זונטיק איז געקומען, האָט די מוטער לאהלען געפּוצט אַ גאַנצן נאָך מיטאָג. זי האָט איר אַליין פאַרקאַמט די האָר און אריינגעפלאָכטן אַ בלוי בלימע־לע. אין דער ראָזער קעשענע פון קלייד, האָ טזי אריינגעלייגט אַ זיידענע בלויע טיכעלע. לאהלע האָט אויסגעזען אַזוי יום־טובדיק ליכטיק, אַז די מאַמע האָט זיך ניט געטרויט צו קוקן אין איר שיין פּנים, זי זאָל איר קיין עין־הרע ניט געבן.

— וועסט זיין די שענסטע, איך בין זיכער אין דעם, — האָט די מוטער זיך ניט געקענט איינהאַלטן איר צו געבן דעם קאָמפּלימענט.

— אַ דאַנק דיר, מאַמע, דאָס האָסטו מיר געמאַכט אַזוי שיין. כ'זע אויס ווי דו, ניט אַזוי? — האָט איר לאהלע צוריקגעצאָלט מיט אַ קאָמפּלימענט.

און ווי די מוטער האָט געקוקט אויפן זייגער און געטראַכט, אַז באַלד וועט לעאָן קומען נעמען לאהלען, האָט טאַקע געקלונגען דאָס גלעקל. די מאַמע האָט געעפנט און לעאָן איז געשטאַנען אין טיר אַ שמייכלדיקער און צופרידענער.

— איר זייט דאָך לאהלעס מאַמע, מ'קען עס גלייך דערקענען, — האָט ער איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט. — איך בין לעאָן. לאהלע וואַרט שוין מסתמא?

— זייער אָנגענעם איך צו קענען, לעאָן. קומט אריין. איר וועט אפשר וואָס טרינקען?

לעאָן איז אריין און געזאָגט, אז לאַנג קען ער דאָ ניט בלייבן, ווייל די געסט קומען שוין. ער האָט זי באַדאַנקט. אין דעם מאָמענט איז לאהלע אריינ־געקומען אין זאַל. זי האָט אויסגעזען אזוי שיין און עלעגאַנט, אז ער איז גע־בליבן שטיין אָן לשון.

— דו איילסט זיך דאָך, לעאָן, — האָט לאהלע געזאָגט און ארויפגעוואָרפן אַ לייכטע פעלערינע איבער די פלייצעס, טאָמער ווערט קאַלט אָדער אַ רעגנדל הייבט אָן טריפן.

די מוטער האָט צוגעווונטשן, אז זיי זאָלן זיך גוט פאַרברענגען און זיי זיינען ארויס.

— פאָרנדיק אין אויטאָ, האָט לעאָן פון דער זייט געקוקט אויף לאהלען און באַוואונדערט איר שיינקייט. איצט האָט ער זיך געפילט באַרואיקט און האָט איר אָפּגעשאָטן מיט קאָמפּלימענטן. זי האָט געוווּסט אז ער איז אויפריכטיק און אים געדאַנקט פון גאַנצן האַרצן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין הויז, איז דער גרויסער ארייַנפאָר געווען שוין פול מיט גרויסע און רייכע אויטאָמאָבילן. אַלע וועראַנדעס זיינען געווען פאַרפּלייצט מיט ליכט. די שיינע הויז איז געווען איבערפולט מיט פריילעכן געפּלאַפּל פון געסט.

די ערשטע זיינען זיי אַנטקעגן געקומען לעאָנס פאָטער און מוטער. לעאָנס פאָטער האָט געקוקט מיט אַנטציקטע אויגן אויף לאהלען און געזאָגט:

— לאה, דו פאַרשיינסט היינט מיין זונס געבורטסטאָג־באַל.

— איר זייט ווירקלעך אַ שיינהייט, — האָט די מוטער געזאָגט. — איר ציט צו אַלעמענס בליקן. מיר פרייען זיך אז לעאָן חברט זיך מיט אייך.

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק פאַר אייערע ליבע קאָמפּלימענטן, — האָט לאהלע זיך קוים איינגעהאַלטן ניט ארויפצופאַלן אויף דער פרוי און איר צע־קושן. זי האָט טאַקע געפילט אויף זיך די בליקן פון די פיל באַקאַנטע און אָנגעשטעלטע פון געשעפט, וואָס האָבן זיך געדרייט ארום זיי, אין טומלדיקן גרויסן זאַל.

די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ וואַלס, פאַר דעם אָנהייב פון אָוונט.

— לאה, איך וועל גאָר גיין מיט דיר דעם ערשטן טאַנץ, — האָט דער פאָטער געזאָגט האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט. אָבער לעאָן האָט גלייך געמאַכט קלאָר די לאַגע:

— דו, טאַטע, טאַנץ מיט דער מאַמען, איך וועל טאַנצן מיט לאהן, — און ער האָט איר עלעגאַנט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, וואָס לאה האָט אַ צופרידענע אָנגענומען.

— גוט, לעאָן, זאָל זיין אזוי, — האָט דער פּאָטער געשמייכלט און ארויפ־געלייגט זיין האַנט אויף דער ווייבס טאַליע אוןביידע פּאָרלעך האָבן זיך לייכט ארייגעשלייכט אין מיטן לידיקן טאַנצקרייז פון זאָל.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און אַנדערע פּאָרלעך האָבן שוין אָנגעהויבן זיך דרייען אין טאַנץ איבערן שיינעם זאַל, וואָס פון זיינע ווענט האָבן אַראָפּ־געשיינט אוילבילדער, קרישטאָלענע לוסטערס און שפּיגלען.

נאָך דעם טאַנץ האָט יעדער איינער געקראָגן אַ גלאָז שאַמפּיין און אַלע האָבן געזונגען פאַר לעאָנען א ליד פאַרן געבורטסטאָג און אויסגעטרונקען. לאהלע האָט נאָך געטאַנצט מיט לעאָנס פּאָטער און מיט אַ פּאָר אָנגעשטעלטע, מיט וועמען זי האָט געאַרבעט אין געשעפט האַנט ביי האַנט.

די סאַרווערס האָבן ארומגעטראָגן פולע טאַצן מיט גוטע זאַכן און גע־טראַנקען צווישן עולם. פולע טישן זיינען געווען אָנגעשטעלט מיט פאַרשיי־דענע עסנוואַרגן, פליישן, טאָרטן, און ווער ס׳האָט געוואָלט האָט זיך אליין באַדינט.

*

דער אָוונט האָט זיך געענדיקט שפּעט. לעאָן האָט געפירט לאהלען אהיים. ביידע זיינען געווען צופרידן און גליקלעך. לאהלע האָט אים נאַאיוו און פריינד־לעך געפרעגט:

— לעאָן, כ׳וואָלט דיר געוואָלט קויפן אַ מתנה וואָס זאָל דיר צו ניץ קומען און עס זאָל דיר שטענדיק דערמאָנען אָן מיר. אנטשולדיק וואָס כ׳פרעג דיר דאָס, אָבער ס׳איז בעסער.

— די בעסטע מתנה ביסטו אליין, לאה, ווייל דו געפעלסט מיר זייער שטאַרק. און ס׳איז גוט אז דו פילסט זיך מיט מיר נאָענט, ניט ווי עפּעס אַ באַלעבאָס, און זאָגסט מיר דו.

לאהלע איז רויט געוואָרן פון זיינע האַרציקע ווערטער. איצט האָט זי געוווסט, אז ער האָט זי ליב. זי האָט אים שטיל געזאָגט אַ דאַנק פאַר דעם שיינעם אָוונט היינט.

— און שבת אָוונט וועל איך ווידער קומען דיר נעמען. מיר וועלן ערגעץ ארויסגיין. — און ער האָט געדריקט איר האַנט. זי האָט געצאַפּלט פון גליק און ער האָט עס געפילט.

— איך וועל דיר נאָך זען איינעם פון די טעג, ביז שבת, אין געשעפט, — האָט ער געזאָגט און געבליבן שטיין פאַר דעם ארייגאַנג צו לאהלעס הויז.

— אַ דאַנק, לעאָן! — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן, איר אַ קוש געטאָן אין באַק, און געוואַרט ביז זי איז אריין אין שטוב.

*

אויף מאָרגן, אין געשעפט, האָבן אַלע אָנגעשטעלטע און דירעקטאָרן נאָר געריעדט וועגן דעם באַל נעכטן אָוונט. די קלענערע אָנגעשטעלטע זיינען גליק־לעך געווען וואָס דער באַלעבאָס האָט זיי אַלעמען געלאַדן צו אַזאַ גרויס־אַרטיקן יום־טוב.

ווען לאהלע איז אַהיים געקומען פון דער אַרבעט, האָבן שוין די קינדער געוואַרט איר אויסצופרעגן אַלץ וועגן נעכטיקן אָוונט. אפילו חנהלע האָט זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן. ווי נאָר זי האָט געזען לאהלען קומענדיק פון דער אַרבעט, איז זי אריינגעלאָפן צו איר און מיט אינטימער חברשאַפט אָנגע־הויבן זיך הערקונדיקן וועגן אַלץ:

— זאָג, לאהלע, דעם ריינעם אמת? דו ביסט אוודאי געווען די שענסטע נעכטן?

— ניין, חנהלע, — האָט לאהלע דיסקרעט געענטפערט, — אַלע זיינען געווען שיין.

— און זיין מוטער, לעאָנס מאַמע? — האָט חנהלע ווייטער געפרעגט.

— זיין מאַמע איז אַ פאַרשוין, חנהלע. און זייער הויז איז אַ ריכטיקער פּאַלאַץ, — האָט זי זיך געאיילט צוצוגעבן, ווי זי וואָלט געפילט אז די פראַגע וועט באַלד קומען.

— און ווען גייסטו ווידער ארויס מיט לעאָנען? — האָט חנהלע געפרעגט אָן צערעמאָניעס. — אָבער מיין ניט, אז איך בין דיר מקנא, נאָך איך פאַרשטיי אז דו געפעלסט אים.

— ער האָט מיר געבעטן אויף שבת צו נאַכט. מיר וועלן מסתמא גיין אין אַ קינאָ. אָבער איך פיל אַז דיר געפעלט ער אויך זייער שטאַרק, — האָט לאהלע געזאָגט אָפנהאַרציק.

— דו ביסט גערעכט, לאהלע, ער געפעלט מיר זייער, אָבער ווי קען איך קאָנקורירן מיט דיר אין שיינקייט. דו האָסט אים שוין געוווּנען.

— וואָס בין איך שולדיק? — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט. — אין מיינע אויגן ביסטו אויך שיין, חנהלע. יעדער האָט זיין געשמאַק.

— אַ דאַנק, לאהלע, פאַרן קאָמפּלימענט. ס'איז שוין באַלד זעקס אַ זייגער און כ'וועל גיין עסן. נאָכן אָונטברויט וועל איך ווידער אריבערקומען און מיר וועלן נאָך ריידן, ווילסטו אַזוי?

לאהלע האָט געפילט, אז חנהלע האָט אַ נייטוועגדיקייט כאַטש צו ריידן וועגן לעאָנען:

— גוט, חנהלע, קום אַריבער שפּעטער, וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

— אַ דאַנק, לאהלע. זיי געזונט! — און זי איז אַוועק צו זיך אהיים.

5.

פאַר די צוויי וואָכן, זינט לאהלע האָט זיך באַקענט מיט לעאָנען, האָט זי אין די טעג מער געחלומט, ווי געטאָן, און אין די נעכט, האָט זי מער געטראַכט, ווי געשלאָפן. פון ניט עסן און ווייניק שלאָף איז זי געוואָרן בלאַס, און כאָטש די איידעלע פאַרב האָט איר געפּאַסט, האָט עס איר מאַמע באַמערקט און גע־טראַכט, אז זי אַרבעט צו שווער:

— לאהלע, דו ביסט צו מיד און דו עסט ניט, פאַלט דיר די אַרבעט צו שווער?

— ניין, מאַמע, ס׳איז מיר ניט צו שווער. כ׳פיל זיך גוט און בין צופרידן.

— טאָ וואָס דען איז עס, מיין קינד, אז דו עסט אזוי ווייניק? — האָט זי געפרעגט.

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, מאַמע, כ׳קען ניט שלאָפן צו גוט, און האַלבע נעכט ליג איך וואַך. מסתמא דאָס פאַרטרייבט מיר דעם אַפּעטיט.

די מאַמע האָט זיך באַלד ארויסגעכאַפּט: ביסט פאַרליבט, מיין קינד. נאָר זי האָט עס פאַרשפּאַרט צו זאָגן, ווייל לאהלע האָט עס איבערגעלייענט אין דער מאַמעס אויגן. די מאַמע האָט גלייך עס איבערגעדרייט און געפרעגט:

— לעאָן מוז דיר שטאַרק האַלט האָבן, מיין קינד?

— יע, מאַמע, — האָט לאהלע זיך פאַרטרויט פאַר דער מאַמען, — ער האָט עס מיר געזאָגט שבת צו נאַכט אין קינאָ, — אז ער טראַכט פון מיר די גאַנצע צייט, זינט ער האָט מיר געזען. און ער וויל — מיר זאָלן חתונה האָבן... אין גיכן...

— ביסטו צופרידן, לאהלע?

— יע, מאַמע, אוודאי בין איך צופרידן, גליקלעך. אָבער זאָג עס קיינעם ניט, אפילו ניט דעם טאַטן, ווייל איך שעם זיך.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן, קינד. ניטאָ זיך וואָס צו שעמען! מיינסטו אז איך און דער טאַטע האָבן חתונה געהאַט אָן ליבע? דער טאַטע האָט זיך אין מיר פאַרליבט און ער האָט זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן מיר זאָלן חתונה האָבן. ס׳איז שיין אזוי.

— אָבער איך וויל אז קיינער חוץ דיר זאָל עס דערוויל ניט וויסן, ווייל ווער קען וויסן... און מ׳קען נאָך אַ מאָל גאָר בלייבן פאַרשעמט... — האָט זי גערעדט ווי אַ דערפאַרענע. ס׳איז געווען דער אינסטינקט פון אַ פרוי וואָס וויל זיין זיכער.

— אזוי ביסטו גערעכט, מיין קינד — האָט די מאַמע געזאָגט פארטראַכ־טערהייט.

— טאָ דערצייל קיינעם ניט פון דעם, מאַמע! דאָס בלייבט אונדזער ביידנס סוד, יע?

— יע, לאהלע, כ׳וועל טאָן אזוי ווי דו בעטסט. ס׳איז אָפּגעמאַכט.

— דאָס האָט מיך שוין באַרואיקט, — האָט לאהלע געזאָגט. — פון איצט אָן וועל איך פרווון בעסער עסן, און כ׳וועל אפשר בעסער שלאָפן אויך. ס׳איז גרינגער אז מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. און דאָס האָב איך ניט געקענט טאָן אפילו פאַר מיין בעסטע חברטע, פאַר חנהלען.

— איך געדענק טאַקע, אז דעם אוונט נאָכן באַל האָט זי דיר וואָך גע־האַלטן ביז אין מיטן דער נאַכט און אַלץ זיך אויסגעפרעגט.

— יע, מאַמע, דאָס טוט איר ווי, און דערפאַר קען איך איר עס ניט דערציילן.

ס׳איז שוין געווען שפּעט, אז מאַמע און טאָכטער האָבן געענדיקט זייער געשפרעך. אויף מאָרגן, נאָכן אָונטבברויט, האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— מסתמא האָט אונדזער שמועס נעכטן געווירקט. זעסט היינט אויס בע־סער, לאהלע.

— ווייסט, מאַמע, לעאָן איז היינט געקומען צו מיר אין געשעפט און מיר געזאָגט, אז ער וויל אריבערקומען היינט אָוונט און מיר נעמען עפּעס ווייזן. ער האָט מיר ניט געזאָגט וואָס, נאָר ער האָט געזאָגט אז ס׳וועט זיין אַן איבער־ראַשונג פאַר מיר. ער האָט מיר געבעטן פרעגן דיין דערלויבעניש. מסתמא וועט ער באַלד קומען.

— אוודאי קענסטו גיין מיט אים, קינד! — האָט איר מאַמעהאַרץ אזוי גליקלעך געקלאַפּט, ווי זי וואָלט געפילט אז עס גייט געשען אַ גרויסע זאַך אין לאהלעס לעבן.

ס׳האָט טאַקע ניט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט געקלאַפּט אין טיר און לעאָן איז אריינגעפאַלן מיט אַ פריילעכן גוטן־אָוונט און גלייך ארויסגעפלאַצט:

— איך וויל מיטנעמען לאהלען עפּעס ווייזן, מעג איך? מיר וועלן זיך ניט לאַנג זאַמען, און כ׳וויל זיך היינט אליין פאַרבעטן אויף אָונטברויט ביי אייך.

דער מאַמען איז געפעלן געוואָרן זיין מונטערע אָנפנהאַרציקייט און זי האָט שוין אויף זיכער געוווּסט, אַז היינט גייט עס געשען...

— גייט געזונטערהייט, קינדער, און מיר וועלן אייך באַלד זען.

— געוויס, מוטער, מיר קומען גלייך צוריק.

דאָס רופן איר מוטער איז שוין געווען ביי איר דער בעסטער סימן, כאָטש קיינער האָט עס גאָר ניט באַמערקט. די מאַמע האָט זיי נאָכגעקוקט און גע־שמייכלט. איר האַרץ איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט צו ביידן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען ביידע געקומען, זיך האַלטנדיק פאַר די הענט, און אַ צופרידנקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון זייערע פּנימער.

— איך האָב אייך פאַרן אַרויסגיין גערופן מוטער, ווייל איך וויל אַז איר זאָלט מיר געבן אייער טאָכטער לאהלען, ווי איר רופט איר פאַרצויגן, פאַר אַ ווייב.

— וואָס איז די איילעניש? — האָט די מאַמע זיך באַהערשט ניט אויסצו־שרייען פון גליק. — מיין מאַן האָט היינט פאַרשפּעטיקט. ער וועט באַלד קומען און מ׳וועט ריידן.

— ניין, מאַמע, — האָט לאהלע פּראָטעסטירט. — דו גיב אונדז שוין אָפּ מזל טוב. מיר זיינען געוואָרן חתן־כלה — און דער טאַטע וועט געוויס ניט זיין קעגן.

— איז זאָל זיין אַזוי: מזל טוב אייך! אַוודאי וועט דער טאַטע ניט זיין קעגן.

— און אָט איז מיין דימענטרינג, — האָט לאהלע אויסגעשטרעקט אַ פינגער און געוויזן דער מאַמען דעם פאַרלאָבונג־רינג.

— איך בין פאַרליבט אין לאהן און וועל איר גליקלעך מאַכן, מוטער! — איז לעאָן צוגעגאַנגען צו לאהלעס מוטער און איר אַ קוש געטאָן.

— איך ווייס עס און פיל עס, לעאָן. איר זאָלט ביידע גליקלעך זיין.

— און מיינע עלטערן זיינען אויך זייער צופרידן און האָבן מיר געגעבן זייער צושטימונג. זיי וועלן דאָ באַלד זיין, מיט אייך צו ריידן און זאָגן זייער מזל טוב.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז שוין געווען דער טאַטע געקומען און ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט די קינדער און זיי געווונטשן מזל טוב.

אַז לעאָנס עלטערן זיינען שפּעטער געקומען, איז שוין די שימחה געוואָרן גרויס און ס׳איז געווען פריילעך אין גאַנצן הויז. מ׳האָט אפילו געשיקט יאַב־קעלען מיט לייבעלען אַריינרופן חנהלען מיט אירע עלטערן און אַלע צוזאַמען

האָבן געטרונקען לחיים. חנהלע איז איצט אפילו צופרידן געווען, וואָס איר בעסטע חברטע וועט גליקלעך חתונה האָבן.

די מחותנים זיינען געבליבן זיצן ביז שפעט אין דער נאַכט און מ׳האָט געמאַכט פּלענער פאַר די קינדער און באַשטימט דעם טאָג פון דער חתונה.

אויף מאָרגן האָט מיסטער לעווינסאָן געמעלדעט, אז פריילין לאה ליבער־מאַן איז באַשטימט געוואָרן פאַר זיין פּריוואַט־סעקרעטאַרין און זי וועט זיין אַ צוקונפטיקער דירעקטאָר פון זייערע געשעפטן, צוזאַמען מיט זיין זון לעאָן.

אין לאהלעס הויז האָט מען זיך שטאַרק געגרייט צום טאָג פון דער חתונה, און פון אַלע געשעפטן אין שטאָט האָט מען אריינגעשיקט די באַשטעלונגען צו דער שימחה — פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

אנטוישונג און ליבע

די פאַרצווייפלטע מאַמע

דער קליינער משהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט מיט גוואַלדיקע קולות. די מאַמע, אַ פאַרשלאָפענע און פאַרמאַטערטע פון טאָג אַרבעט, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון האַרטן געלעגער און אין דער פינצטער געטאַפּט דעם וועג צו זיין בעטעלע. זי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אויף אירע אויסגעהאָרעוועטע דאַרע הענט און אים געפּרוווט באַרואיקן, אָבער איר מי איז געווען אומזיסט. זי האָט געפילט אז אַ היץ שלאָגט פון קינד.

אַ פּאָר טעג ווי ער איז שוין קראַנק און זי מוז ארויסגיין צו דער אַרבעט, איז ניטאָ ווער עס זאָל אים אויפפּאַסן. דער מאַן, דער שיכור, וואַלגערט זיך ביי טאָג אין שענק, און ביי נאַכט כראָפּעט ער ווי אַ געהרגעטער און הערט גאָר ניט. און אז ער הערט שוין יע, אַרט עס אים ניט און ער וויל ניט העלפן. און אין צימער איז קאַלט און וויסט. פון צעבראָכענעם פענצטערל בלאָזט אריין אַ פראָסטיקער ווינט, און מ׳פילט די פייכטקייט וואָס רינט פון די ווענט.

די מאַמע ליוליעט איר קינד, נאָר ער וויל זיך ניט באַרואיקן. און דאָ קלאַפּט שוין דער שכן פון איבער דער וואַנט — ער קען ניט שלאָפן. ציגדט די מאַמע אָן דאָס רויכערדיקע לעמפּעלע און מאַכט אַ ביסל פאַרזיסט וואַסער, אָבער דאָס קינד וויל עס ניט נעמען. און ווי אויף צו להכעיס האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעשריען. די מאַמע זעט ווי וואַרעמע טרערעלעך גיסן זיך פון זיינע אייגעלעך.

— אוי וויי איז מיר, וואָס זאָל איך איצט טאָן? — ברעכט זיך די פאַרצווייפלטע מאַמע די הענט. — ווו קריגט מען אַ דאָקטער אין מיטן דער נאַכט? און קיין געלט צו באַצאָלן פאַר רפואות האָט זי אויך ניט. די רייכע איז גוט, טראַכט זי, אז ביי זיי ווערט אַ קינד קראַנק, האָבן זיי אַ טעלעפאָן און מ׳קלינגט גלייך צום דאָקטער. דער דאָקטער קומט צולויפן אפילו אין מיטן דער נאַכט.

און ווער וועט מיר העלפן? נאָר איין גאָט קען אויף אונדז רחמנות האָבן, רעדט זי צום קינד און וויגט אים אויף אירע שוואַכע הענט. און אפשר בעטן דעם שכן, פאַלט איר מיט אַ מאָל איין. אָבער ער איז אַן אַלטער מאַן, טראַכט זי איבער, און וואָס קען ער מיר שוין העלפן? ער אליין איז דאָך אויך אַן אָרע־

מער מענטש, און איך אליין וואַרף אים אַ מאָל צו אַ ביסל מאָגערע זופּ. ס׳איז אַ רחמנות אויך אויף אים.

זי לייגט אַראָפּ דאָס קינד אויף איר בעט און הייבט אָן איינדרעמלען ביי זיין זייט. זי הערט זיך צו ווי דאָס קינד אָטעמט שווער. די לונגעלעך זיינען אים פאַרלייגט, טראַכט זי אין דרימל. ער האָט נייטיק אַ דאָקטער ווי דאָס לעבן. זי פילט ווי די הענט טוען איר וויי. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געוואַשן שמוציקע וועש און די באַלעבאָסטע האָט געהאַלטן אין איין צולייגן אין דער באַלייע נאָך און נאָך. זי שטרעקט אויס אַ האַנט און טאַפּט דאָס קינד. די היץ איז געוואָרן קלע־נער ,דאַנקען גאָט.

נאָך גוט, וואָס די באַלעבאָסטע האָט איר געטרויט און דערלויבט צו נעמען מאָרגן די וועש צו זיך אין צימער. וועט זי כאָטש קענען אַכטונג געבן אויף משהלען. אירע פאַרדינסטן זיינען סיי ווי קליין, און דער מאַן, דער שיכור, העלפט ניט מיט אַ פּאָר גראָשן אפילו, און ער פאַרלאַנגט נאָך אז זי זאָל אים געבן, אַניט שלאָגט ער איר. און בעת ער טוט עס הייבט ער אָן אליין שרייען, ווי ער וואָלט גאָר געווען דער געשלאָגענער.

ניין, שוין בעסער אז ער שלאָפט. און טאָמער כאַפּט זיך משהלע ווידער אויף? לאָזט איר דער געדאַנק ניט רוען. זאָל זי אפשר אויפוועקן דעם מאַן, דעם שיכור? טראַכט זי. ניט איין מאָל האָט שוין אַזוינס געטראָפן.

די שכנים קען זי אויך ניט בעטן, אז זיי זאָלן אַ רגע אכטונג געבן אויף משהלען. זיי קרימען זיך שוין אַזוי אויך אויף איר. ווער האָט ליב צו וווינען אַ טיר ביי אַ טיר מיט אַ צעבראָכענעם מענטשן, וואָס מען קען ביי אים אפילו אַ קערנדל זאַלץ ניט לייען. אָבער זיי ווילן אז מ׳זאָל פאַר זיי עפּעס טאָן און ניט בעטן באַצאָלט. און זי רעדט אין איר דרימל צום קינד:

— אוי ווי, מיין טייער קינד, שלאָף נאַר! שלאָף! כ׳וויל דיין טאַטן דעם שיכור ניט וועקן. ער וועט אונדז שלאָגן. אויך דיר פאַלט ער זיך שלאָגן, מיין משהלע, מיין אומשולדיק קינד! פאַר וועמען האָרעווע איך אַזוי שווער, אויב ניט פאַר דיר. אָבער עס איז צו ווייניק, מיין קינד! איז כאָטש אַ ביסעלע זופּ, אַ ביסעלע קאַשע מיט מילך. —

פון שלאָף ציט זי אויס איר האַנט און גלעט זיין קעפּעלע. דאָס קינד פילט די וואַרעמקייט פון דער מאַמישער האַנט, און אפשר אויך פון האַרץ און זיין שלאָף ווערט רואיקער. ער נעמט ארום מיט זיין הענטעלע דער מאַמעס האַנט, ווי ער וואָלט זיך אַנהאַלטן אָן אַ זיכערן אָנשפּאַר.

די מאַמע וועקט זיך מיט אַ מאָל איבער. זי ליגט מיט אָפענע אויגן און קען ניט אַנטשלאָפן ווערן. זי הערט ווי דער מאַן, דער שיכור, כראָפּעט ווי אַ גע־

זונטער גוי און באַשליסט ביי זיך, אז זי וועט אים מער אַ גראָשן ניט געבן. ער קען גיין אַרבעטן, אַזוי ווי איך. אַלץ וועט זי האַלטן פאַר משהלען. זי אליין דאַרף גאָר ניט האָבן. נישקשה, זי קען אויסקומען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ טעפּל ציקאָריע, און ס׳איז איר גענוג פאַרן גאַנצן טאָג. זי דרייט זיך אויס צום קינד און נעמט אים אריין אין אירע אָרעמס. ער טוליעט זיך אריין אין איר און זיין אָטעם ווערט גרינגער.

— מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך, מיין אוצר! — מורמלט זי. זי לייגט צו די ליפּן צו זיין שטערן, צו פילן צי ס׳איז נאָך הייס, און משהלע גיט אַ ציטער.

איצט האָט זי מורא זיך אַ ריר צו געבן, טאָמער וועט דער קליינער משהלע זיך אויפכאַפּן. ליגט זי מיט די ליפּן צוגעדריקט צו זיין שטערן. איר דוכט, אז קיין היץ האָט ער ניט מער, נאָר ער קען זיך סתם אויפכאַפּן מיט גוואַלדן. אַ מאָל חלומט זיך אים עפּעס.

*

אַלץ איז געוואָרן שטיל. דער שכן האָט זיך שוין לאַנג באַרואיקט. די גאַנצע שטוב איז אריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. די מאַמע איז אויך איינגעשלאָפן, מיטן קינד אין די הענט. זי האָט זיך אָבער יעדע ווילע אויפגעוועקט אַ מידע און אַ צעקלעמטע. זי האָט איינגעוויקלט אין דער דעקע משהלען און אליין געלעגן אויפן ברעג פון בעט אַ פאַרפראָרענע. ווען איך קען מאָרגן רופן דעם דאָקטער, האָט זי געטראַכט אַ פאַרצווייפלטע. און דורכן צעבראָכענעם פענצטער האָט דער בייזער ווינט אריינגעבלאָזן. די קעלט האָט זי דורכגענומען און ס׳האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

אומזיסטע שרעק

ס׳גאַנצע הויזגעזינד איז שטאַרק געשלאָפן. אין דער שעה אין מיטן דער נאַכט טרעפט גאָר זעלטן, אז עמעצער זאָל זיך אויפוועקן. יעדער מאַטערט זיך אָן דורכן טאָג און מען מוז זיך אויסרוען. אָבער די מאַמע איז שטענדיק די ערשטע זיך אויפצוכאַפּן, טאָמער עמעצער גיט נאָר אַ פּיפּס. די באָבע האָט גראָדע גענומען אירע פּילן קעגן רעמאַטעס־ווייטיקן און איז איינגעשלאָפן. דער טאַטע, וואָס אַרבעט שווער, איז שוין געווען אין טיפן שלאָף.

נאָר מירעלע האָט ניט געקענט איינשלאָפן. און ווי זי האָט איינגעדרעמלט, האָט זיך איר געחלומט אַ מאַן מיט אַ בייז געזיכט, וואָס גייט מיט אַ מעסער אין האַנט איר דערהרגענען. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צערודערטע און עס האָט לאַנג געדויערט ביז זי איז געקומען צו זיך.

ציפּקע האָט אויך צו ערשט ניט געקענט איינשלאָפן, נאָר אַז זי האָט שוין געשמאַק געכראָפּעט, האָט זי דערפּילט אַז מ׳קריכט אונטער איר בעט, דער מאַטראַץ באַוועגט זיך:

— מאַמע, מאַמע! — האָט זיך ציפּקע אויסגעשוכעט און גענומען שרייען מיט אַ פאַרשטיקט קול.

לאַה, די מאַמע, איז גלייך אריינגעלאָפן אין ציפּקעס שלאָפצימער און שטיל געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט, ציפּקע? וואָס שרייסטו? האָסטו געהאַט אַ שלעכטן חלום?

— ניין, מאַמע, ניט קיין חלום, נאָך ערגער: אונטער מיין בעט ליגט עמעצער...

— גיי, נאַרעלע. אַלע טירן זיינען פאַרשלאָסן. ביסט דאָך שוין ניט קיין קינד.

— קינד צי ניט קינד, כ׳האָב מורא. אז עמעצער קריכט ארונטער אונטער דיין בעט?...

— אונטער דיין בעט איז קיינער ניטאָ, איך פאַרזיכער דיר. ס׳האָט דיר זיך אויסגעדאַכט.

— ווייסט וואָס, מאַמע? צינד אָן דאָס ליכט, ווּעסטו אליין זען, נו, מאַך ליכטיק.

— ניין, מיין קינד, די באָבע וועט זיך אויפכאַפּן און דערפילן אירע ווייטיקן און זי וועט שוין אַ גאַנצע נאַכט קרעכצן. איז הער אויף מיט די נאַרישקייטן.

— נאַרישקייטן?! — איז ציפּקע געוואָרן אין כעס. — אָט וועל איך אויפוועקן דעם טאַטן, ווּעסטו זען אז ס'איז ניט קיין נאַרישקייטן.

— דיין טאַטע איז פאַרהאָרעוועט און מ'טאָר אים ניט וועקן. און אָט וועט ער זיך פון דיינע רייד אין מיטן דער נאַכט סיי ווי אויפוועקן, און אז ער וועט דערזען אז מיין בעט איז פוסט, וועט ער זיך דערשרעקן און מיך אָנהויבן זוכן איבערן שטוב.

— גיי איך ארויס פון בעט און וועל מער ניט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

— ציפּקע, ווילסט אויפוועקן דיין באָבען און מירעלען, אז זיי זאָלן אויך ניט קענען שלאָפן!

— איז ווייסטו גאָר וואָס, מאַמע? לייג זיך אַ ווײַלע לעבן מיר. כ'האָב מורא אליין דאָ צו בלייבן.

— דעק זיך גוט איין און שלאָף, ווּעסטו אַלץ פאַרגעסן.

— אָבער לייג זיך אַ ווײַלע לעבן מיר, מאַמע! — האָט זיך ציפּקע געבעטן.

— ביסט געגוג גרויס צו שלאָפן אליין, און ניט וועקן מיר ווייל ס'האָט זיך דיר עפּעס אויסגעדוכט, — האָט לאה געזאָגט אומגעדולדיק און געוואָלט ארויסגיין.

— גיי איך ארויס פון בעט, — האָט ציפּקע געמאַכט אַ באַוועגונג ארויס־צוגיין פון בעט.

— נו, גוט, — האָט די מאַמע איינגעשטימט. — כ'וועל זיך לייגן לעבן דיר נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע, און טאָמער שלאָף איך איין איז וועק מיר גלייך אויף.

לאה האָט עס געזאָגט אומישנע, ווייל זי האָט געטראַכט אז ווי נאָר ציפּקע פאַרמאַכט די אויגן, וועט זי ארויסגיין פון בעט. זי האָט פיינט צו שלאָפן מיט קינדער. נאָר ווי זי האָט אַנידערגעלייגט איר מידן קערפּער אין בעט, איז זי גלייך איינגעשלאָפן. ציפּקע האָט זיך צוגעטוליעט צו דער מאַמען און אויך איינגעשלאָפן.

אָבער לאה איז ניט לאַנג געשלאָפן. זי האָט דערפילט, אז עמעצער איז טאַקע דאָ אונטערן בעט. זי האָט געפילט ווי איר גאַנצער קערפּער איז שטייף געוואָרן, און זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט צו שרייען. זי האָט זיך געשעמט פאַר ציפּקען, ווּעמען זי האָט ערשט געמוסרט פאַר אירע נאַרישקייטן.

זי איז אַראָפּ פון בעט, נאָר דאָס ליכט ניט אָנגעצונדן, ווייל די טיר צום

דערבייאיקן צימער, ווו עס שלאָפן די באָבע און מירעלע, איז שטענדיק אָפן און זי האָט ניט געוואָלט מאַכן אַ טרעוואָגע אין מיטן דער נאַכט. זי איז אויף די שפּיץ פינגער צו זיך אין שלאָפצימער אריין און געוועזן צופרידן, אז משה, איר מאַן, איז רואיק געשלאָפן.

זי איז שטיל צוריק געגאַנגען צו ציפּקעס צימער. ווער ווייס, האָט זי גע־טראַכט, אפשר איז עס גאָר דער מאַטראַץ, אַ ספּרוזשינע איז צעבראָכן.

לאה איז געבליבן שטיין אין טיר פון שלאָפצימער און איר האַרץ איז איר באַלד ארויסגעפאַלן פאַר שרק. זי האָט געזען ווי אַ ווייסער שאָטן האָט אַ שוועב געטאָן פון ציפּקעס בעט צו איר. נאָך גוט וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין נאַטור צו חלשן.

— ווער איז דאָ? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— איך, מאַמע, מירעלע... — האָט זי געהערט מירעלעס דערשראָקן קול.

— איז וואָס טוסטו דאָ אין דער פינצטער?! — האָט די מאַמע כמעט אַ געשריי געטאָן.

מירעלע האָט זיך אליין דערשראָקן און זיך געבעטן:

— שאַ־שאַ, מאַמע, וועק קיינעם ניט אויף. שריי ניט.

לאה איז שוין אויף אַן אמת בייז געוועזן אויף די קינדער. פריער ציפּקע, איצט מירעלע. וואָס טוט זי אין מיטן דער נאַכט ביי ציפּקען אין צימער? וואָס פאַרא קונצן מאַכן זיי?

— ציפּקע האָט אַ האַלבע נאַכט ניט געשלאָפן, און איך אויך ניט. און איצט דרייסטו זיך ארום ווי אין אַ בייזן חלום.

— יע, מאַמע, איך האָב אויך ניט געשלאָפן.

— פאַר וואָס האָסטו ניט געשלאָפן, מירעלע? — האָט די מאַמע געפרעגט מיטליידיק.

— טאַקע ווייל איך האָב געהאַט אַ בייזן חלום.

— טפו־טפו־טפו, — האָט לאה דריי מאָל אויסגעשפּיגן. — זאָל עס אויס־גיין צו אונדזערע שונאימס קעפּ. וואָס טוט זיך דאָ היינטיקע נאַכט?

— מאַמע, שולדיק בין איך, אָבער זיי ניט אין כעס. דער חלום איז געווען אַ שרעקלעכער און כ׳האָב זייער מורא געהאַט צו זיין אליין, האָב איך גענומען אַ ליילעך מיט אַ קישעלע און געגאַנגען צו ציפּקעס צימער, שלאָפן מיט איר. איז זי אָבער געלעגן אין דער ברייט פון גאַנצן בעט, און ווען כ׳האָב געוואָלט גיין צוריק האָט זי זיך אָנגעהויבן אויסטשוכען. איז כדי זי זאָל זיך ניט דער־שרעקן, בין איך ארונטערגעקראָכן אונטער איר בעט. ס׳איז מיר געווען האַרט און קאַלט.

— מאָדנע ווילדע זאַכן טוט איר אָפּ, קינדער... — האָט לאה געזאָגט הייבנ־דיק די פּלייצעס. — טאָ פאַר וואָס ביסטו ניט ארויס און אַוועק צו זיך אין בעט?

— ווייל איך בין איינגעשלאָפן. און אז ס'איז מיר געוואָרן אומבאַקוועם צו ליגן און כ'האָב זיך געוואָלט איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט, האָט דער מאַטראַץ אָנגעהויבן זיך באַוועגן און ציפּקע האָט אָנגעהויבן שרייען: מאַמע! מאַמע! האָב איך שוין מורא געהאַט ארויסצוגיין פון אונטערן בעט. איך האָב געהערט אייער געשפּרעך, און איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן דו זאָלסט ניט אָנצינדן ליכט און רופן דעם טאַטן.

— האָב איך אים דאָך ניט גערופן, נאָר ציפּקע האָט געוואָלט כ'זאָל שלאָפן מיט איר.

— האָב איך טאַקע געטראַכט, אז ווי נאָר דו וועסט איינשלאָפן וועל איך ארויסקריכן און גיין צו זיך אין צימער, האָט זיך אָבער דער מאַטראַץ ווידער אַ ריר געטאָן און דו ביסט אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. כ'האָב פאַרשטאַנען אז דו האָסט זיך דערשראָקן, און אַ שטיין איז מיר פון האַרץ אַראָפּגעפאַלן ווי נאָר דו ביסט ארויס פון צימער.

— ביסט אַ ווילדע בריאה, מירעלע. דיין מעשה איז נאָך שרעקלעכער ווי דיין חלום.

— ניין, מאַמע, מיין חלום איז געווען שרעקלעך. זאָל איך דיר אים דערציילן?

— ניין! ניין! — האָט לאה געזאָגט. זי האָט געפילט אז זי איז פאַרמאַ־טערט פון די צוויי לאַנגע געשפּרעכן מיט די טעכטער. — טאָ פאַר וואָס ביסטו גלייך ניט ארויס צו זיך אין צימער, נאָר דרייסט זיך דאָ ארום מיטן ליילעך אויף זיך, אז מ'קען זיך דערשרעקן אויף אַן אמת.

— כ'האָב טאַקע אזוי געטראַכט, איך וועל שטיל־שטיל ארויסגיין און אין דער פרי וועט איר מיינען, אז דאָס האָט זיך אייך גאָר אויסגעדאַכט, און שפּע־טער וועט איר אַלץ פאַרגעסן. נאָר מיין ליילעך האָט זיך דאָ פאַרטשעפּעט ערגעץ אין בעט, און דו האָסט מיר געכאַפּט לויז מאַכנדיק דעם ליילעך.

— איר זייט ניט קיין קינדער, נאָר שדים, דו הערסט, מירעלע? — האָט די מאַמע געזאָגט בייז. — אַ גאַנצע נאַכט לאָזט איר ניט שלאָפן און מ'דאַרף נאָך אויסהערן אייערע מעשיות.

— זאָלסט מיר מאָרגן ניט שלאָגן, מאַמע. — האָט מירעלע זיך ווי אַנט־שולדיקט. — כ'וועל מער אזא זאַך ניט טאָן, מעג זיך מיר חלומען דער שרעק־לעכסטער חלום.

— נו, גוט, גיי צוריק אין דיין צימער, אָבער וועק ניט אויף די באָבען.

— צו וועמען רעדסטו, מאַמע? — האָט זיך ציפּקע מיט אַ מאָל אויפֿגעכאַפּט.

— צו מירעלען, הערסט דאָך.

— אין מיטן דער נאַכט. פאַר וואָס שלאָפט זי ניט?

— דאָס איז טאַקע די מעשה. פון איר איז געקומען די אומזיסטע שרעק. נאָר שלאָף איצט, כ׳וועל דיר מאָרגן אַלץ דערציילן.

— איך האָב נעכטן זיך שפּעט געלייגט שלאָפן, צוליב די עקזאַמענס אין אוניווערסיטעט, און אַ גאַנצע נאַכט לאָזט מען דאָ ניט שלאָפן, — האָט זיך ציפּקע באַקלאָגט.

— איך האָב דיר דאָך ניט אויפגעוועקט, — האָט זיך די מאַמע פאַרענטפערט. — כ׳ווייס אַז דו אַרבעטסט שווער און ביסט מיד. טאָ שלאָף, ס׳איז נאָך פרי.

— פאַר מיר איז ניט פרי. כ׳דאַרף שוין באַלד אויפשטיין און אָנהויבן שוויצן. היינט שרייבן מיר אַ שווערן עקזאַמען־פּאַפּיר.

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דער באָבעס שטימע:

— וואָס דרייסטו זיך ארום אין בעט, ווי דו וואָלסט געלעגן אויף טשוועקעס?

— גאָר ניט, באָבע, איך שלאָפט.

— ווי קען מען דאָ שלאָפן, אַז אַ גאַנצע נאַכט נאָר מ׳רעדט און די פילן האָבן וויניק געהאָלפן. און פון גאַס זיינען געקומען אזעלכע גוואַלדן... — האָט די באָבע געקרעכצט.

— דאָס איז ניט געווען פון גאַס, נאָר פון צווייטן צימער. ציפּקע האָט געשריען.

— וואָס האָט זי געשריען?

— זי האָט גערופן די מאַמען. — האָט מירעלע געזאָגט דער באָבען.

לאה האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין טיר און געזאָגט:

— זיך צערעדט אין דער פינצטער, ווי אין מיטן טאָג. זייט שטיל, שלאָפט.

— און דו, ציפּקע, שלאָף און רו זיך אויס. דאַרפסט דאָך באַלד אויפשטיין.

— איך שטיי טאַקע באַלד אויף, — האָט ציפּקע געזאָגט. — אָבער, מאַמע, ווען דו וואָלסט מיך געפאָלגט און אָנגעצונדן ליכט, וואָלטן מיר געכאַפּט דעם גנב...

— וואָס, אַ גנב איז דאָ געווען? — האָט אריינגעשריען די באָבע פון צווייטן צימער.

— ניין, שוויגער, ניט קיין גנב, נאָר באַהאַלטן האָט זי זיך ווי אַ גנב.

— אוי ווי איז מיר, ווער האָט זיך באַהאַלטן?

— שלאָפט זיך אויס, וועט איר וויסן, — האָט לאה אומגעדולדיק געזאָגט.

פלוצלינג האָט זי דערזען ווי אין טיר שטייט איר מאַן:

— און דו, משה, וואָס טוסטו דאָ אזוי פרי?

— כ׳האָב געהערט אז מ׳דערציילט זיך דאָ מעשיות אין מיטן דער נאַכט, בין איך אויך געקומען הערן. טאָ דערציילט זשע מיר טאַקע, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

— דו דערצייל, ציפקע, דערצייל דעם טאַטן אונדזערע אומזיסטע שרעקן, און איך וועל דערווייל צוגרייטן דעם פרישטיק פאַר אייך אַלעמען.

— קען איך דיר מיטהעלפן, לאה? — האָט די באָבע געפרעגט.

— ניין, שוויגער. איר מעגט אויך הערן וואָס אייער אייניקל וועט דערציילן.

*

ווען אַלע זיינען געזעסן אַרום טיש און געגעסן דעם געשמאַקן פרישטיק, האָט מען נאָך אַלץ גערעדט און געלאַכט און זיך דערציילט פון דער שלאָף־לאָזער נאַכט, פון דער קליינער מירעלען און די אומזיסטע שרעק, וואָס די מאַמע און ציפקע האָבן געהאַט.

אַז דו מײַן קינד

— איך האָף, מײַן קינד, אַז דו װעסט ענדיקן דײַן קאָלעדזש, װעסטו שױן ניט דאַרפֿן זײַן אַ דינסט װי דײַן מאַמע, און װעסט האָבן אַ גרינגערן לעבן. ניט דאַרפֿן, װי דײַן מאַמע, אױפֿשטײן באַגינען, לױפֿן צו דער אַרבעט אױף צו פֿאַרדינען די פּאָר אָרעמע גראָשן. מיר מוזן עס האָבן — פֿאַר אונדז בײדן, מיר זאָלן קענען עקסיסטירן, זאָלסט קענען װײַטער לערנען. אָבער זײַן בײַ יענעם, װי איך, איז שװער. אַלץ איז אױף דײַן קאָפּ: מאַך אין דער צײַט די טישן, גרײט צו געשמאַקע סאַלאַטן פֿאַר די קונדן, און װען דו סערװירסט, מוזסטו זײ אַרײַנשמײכלען אין פּנים. און דאָס האַלטן רײן נעמט צו פֿון דיר אַ שטיק געזונט. ציטערסט אַלץ, טאָמער דער אינספּעקטאָר קומט. מוז מען דעם גרױסן זאַל יעדן טאָג װאַשן, און דער עסזאַל מוז זײַן זױבער. קען זײַן אַז אַנדערשװו קומט עס נאָך אָן שװערער און מ׳צאָלט װײניקער. װעגן דעם האָב איך זיך ניט װאָס צו באַקלאָגן. מ׳צאָלט אָנשטענדיק, און אַ מאָל גיט מען נאָך עפּעס מיט פֿאַר דיר, אַ גוט מאכל, פֿאַרשטײט זיך, װען ס׳בלײַבט עפּעס איבער. איך אַלײן עס אױף די רעשטן פֿון די טעלער, װען דאָס איז רײן. אַ מאָל טרעפֿט אַז אַ קונד װאַרפֿט צו קלײנגעלט פֿאַר סערװירן. און די הױפּטזאַך — עס איז נאָענט צום הױז. איך דאַרף זיך ניט אײַלן און לױפֿן עק װעלט. און ס׳איז מיר אַזאַ פֿאַרגעניגן צו טאָן דאָס פֿאַר דיר, מײַן קינד. דו זאָלסט אַלץ האָבן.

— איך װײס, מאַמעלע, װי שװער דיר איז! אָבער אַז איך װעל ענדיקן לערנען און אָנהױבן אַרבעטן, װעל איך ס׳גאַנצע געלט װאָס איך װעל פֿאַרדינען דיר אַװעקגעבן. װעסטו ניט דאַרפֿן האָרעװען אַזױ שװער און זײַן אַ באַלעבאָסטע פֿאַר זיך. און שבת און זונטיק װעסטו ליגן אין בעט און זיך אָפּרוען, מײַן טײַערע מאַמעלע. און איך װעל פֿאַר דיר אַלץ צוגרײטן, ניט אַזױ, מאַמעלע? כ׳װעל זײַן גוט צו דיר.

— אַ דאַנק דיר, מײַן קינד, ביז דאַן איז נאָך גענוג צײַט געבליבן. דערװײַל האָבן מיר זיך פֿאַררעדט און ס׳איז געװאָרן שפּעט. גײ, מײַן קינד, אין קאָלעדזש.

— גוט, מאַמעלע, איך גײ. און װי אַלע מאָל װעל איך דיר נאָך דעם דערצײלן, װאָס מיר האָבן געלערנט און װאָס די לערער האָבן אונדז געזאָגט. איך

קום דיר נאָך דעם באַריכט פון נעכטן, ווייל ווען דו ביסט געקומען פון רעסטאָראַן איז געווען שפּעט און איך בין שוין געשלאָפן.

— יע, מיין קינד, ביסט שוין געשלאָפן, פאַרמאַטערט פון לערנען. און איך מוז איצטער אויך גיין. איז האָב אַ גליקלעכן טאָג, מיין קינד!

— און דו אויך, מאַמעלע! און כ׳וועל דיר געבן נאָך איין קוש פאַרן אוועקגיין. זיי געזונט, מיין טייערע מאַמעלע!

ס׳איז שוין געווען באַלד זיבן אַ זייגער, ווען זיי זיינען ביידע ארויס פון שטוב. די מאַמע איז לאַנגזאַם געגאַנגען, ווייל זי האָט ניט געהאַט ווייט, און זי האָט דעם שמועס ווייטער געפירט, מיט זיך אליין, מיט זיך אליין, ווי זי וואָלט עס דער טאָכטער נאָך אַלץ דערציילט אַלע שוועריקייטן פון איר לעבן פון אָנהייב אָן. ס׳איז שווער אָן אַ טאַטן, אויסערגעוויינלעך שווער. איצט בין איך שוין ביידע זאַכן — אי אַ טאַטע און אי אַ מאַמע. ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט איך ניט געדאַרפט אזוי שווער אַרבעטן. ער איז געווען אַ גוטער פאַרדינער, אין זיין בויפאַך. און זי דערמאָנט זיך: דער אנדער אַרבעטער איז געווען אייפערזיכטיק, וואָס מיין מאַן פאַרדינט מערער פון אים, האָט ער אים אַ שטופּ געגעבן דורכן אָפענעם פענצטער און גלייך — אויף טויט. ס׳איז געווען פון צוועלפטן שטאָק און ניט געווען קיין עדות דערביי, האָט דער ריכטער ארויסגעטראָגן דעם ווערדיקט: אַן עקסידענט. מיין מאַן איז געווען זייער פאָרזיכטיק, איבערהויפּט אין די הויכע גאָרנס. אַנדערע אַרבעטער האָבן מיר בסוד דערציילט, אז דאָס איז געווען אַ מאָרד, אַ סימן: דער מאַן וואָס האָט געאַרבעט מיט אים איז נעלם געוואָרן און מ׳קען אים ניט געפינען. מיין מאַן האָט מיר איבערגעלאָזן מיט אַ קליין קינד. און אים, אזא יונגן, האָט מען אין קבר באַגראָבן, און מיין לעבן איז דערוויייל צעבראָכן געוואָרן. ס׳איז גוט אז מיין קינד זאָל עס אַלץ וויסן. זאָל זי וויסן וואָס איר מאַמע האָט דורכגעמאַכט אין די אַלע יאָרן. זאָל זי פילן, אז די צרות האָבן אונדז צוזאַמענגעבונדן אויף אייביק.

*

— נו, גאָט צו דאַנקען, מיין קינד, ביסט שוין צוריק פון קאָלעדזש. איך בין אויך מיט אַ פּאָר מינוט צוריק אריינגעקומען. זיץ איך און ס׳איז מיר אומעטיק. אַ גאַנצן טאָג די זעלבע געדאַנקען. מיין גאַנץ לעבן איז מיר היינט ווידער אַדורך פאַר די אויגן, ווי אין אַ פילם. איך האָף אז דו האָסט געהאַט אַ גוטן טאָג היינט, מיין קינד. אָט האָב איך שוין אָנגעגרייט דיין מיטאָג. עס אָפּ איידער ס׳ווערט קאַלט.

— אַ דאַנק מאַמעלע, וואָס דו זאָרגסט אזוי שטאַרק פאַר מיר. נאָר איידער

כ׳וועל דיר איבערגעבן וועגן מיין לערנען פון נעכטן און היינט, וויל איך דיר זאָגן וואָס דער לערער האָט געבעטן. ס׳איז וועגן דעם באַל וואָס אונדזער קאָ־לעדזש מאַכט דעם שבת ביי נאַכט — ביסטו פריי דעם אָוונט, מאַמע?

— יע, מיין קינד, כ׳האָב ניט פאַרגעסן וועגן דעם. כ׳האָב געפרעגט מיינע באַלעבאַטים און זיי האָבן מיר געגעבן אַ פרייען האַלבן טאָג. זיי וועלן אויך זיין אויפן באַל, האָבן זיי געזאָגט, וויל מ׳האָט זיי ספּעציעל איינגעלאַדן — זייערס אַן אייניקל וועט דאָרט אויך אויפטרעטן. זי האָט אָנגעהויבן היינטיקס יאָר לערנען אין קאָלעדזש.

— דאָס פרייט מיך אַזוי שטאַרק, מאַמע. דער לערער, וואָס אָרגאַניזירט דעם באַל, האָט מיר געבעטן דיר פרעגן, צי דו וואָלסט אויפפּאַסן און העלפן מיטן מאַכן טיי און מיטן סערווירן, וויל דו, זאָגט ער, וועסט עס מאַכן בעסער ווי די אַנדערע, ביסט דאָך עפּעס אין דעם פאַך. ס׳וועלן דיר צוהעלפן די מאַמעס פון קאָמיטעט און די שילער.

— כ׳וועל טאָן מיט פאַרגעניגן, וואָס נאָר מ׳וועט מיר הייסן. נאָר דו, מיין קינד, האָסטו דען די ריכטיקע זאַכן וואָס מ׳דאַרף אָנטאָן אויף אַזאַ באַל?

— מאַמע, ס׳איז אַ באַל פון סטודענטן און מ׳קען אָנטאָן וואָס מ׳וויל און ווי מ׳וויל, אויב נאָר ס׳איז זויבער. כ׳וויל זיך אָנטאָן פּשוט: הויזן מיט אַ סוועט־טער און געננוג.

— און איך וואָס דאַרף אָנטאָן?

— דו, מאַמע, דאַרפסט זיך אויך ניט אויספּוצן. ס׳איז ניט קיין גראַנדבאַל. און פאַרגעס ניט, מאַמעלע, אַז דו וועסט דאַרפן סערווירן, מעגסטו גיין ווי דו גייסט אין רעסטאָראַן. און סערווירן וועט מען נאָר אין אינטערוואַל. בעת דער פּראָגראַם וועסטו זיצן, ווי אַלע, אויף דיין באַשטימטן פּלאַץ.

— און וואָס איז די פּראָגראַם, מיין קינד.

— די פּראָגראַם איז אַ פאַרשיידנאַרטיקע. ס׳רופט זיך: די פּראָגראַם פון טאַלאַנטן. יעדער לערער האָט עס אָרגאַניזירט ביי זיך אין קלאַס. אַ לערער וועט אויסרופן די נומערן און דעם נאָמען פון סטודענט וואָס פירט עס אויס. וועלן ארויפקומען אייניציקווייז די וואָס דאַרפן דעקלאַמירן, זינגען, שפּילן די פּיאַנע. די בינע וועט זיין דעקאָרירט, און איך וועל זינגען און זיך אַליין באַ־גלייטן מיט דער גיטאַר. האָסט דאָך געהערט ווי איך האָב זיך לעצטנס רע־פּעטירט. געפעלט עס דיר, מאַמע?

— מיר געפעלט ווי דו מאַכסט עס, ס׳איז גאַנץ גוט, אָבער וועסט זיך ניט שעמען?

— פאַר וועמען איז זיך דאָ צו שעמען, אַז אין זאַל איז פינצטער און מ׳זעט

קײנעם ניט. װעל איך אײַן זינגען האָבן נאָר דיר, מאַמע. כ׳װעל עס זינגען פֿאַר דיר. און דו װעסט זיך פֿאַר אײנס באַקענען מיט מײַנע אַלע פֿרײַנד, סטודענטן, לערערס.

— איז דאָס אַלץ װאָס דו װילסט מיר דערצײלן װעגן דעם באַל, האַ?

— נײן, נאָך ניט אַלץ. ס׳װעלן נאָך זײַן טענץ. די סטודענטן װעלן טאַנצן און די לערערס אױך. אַנדערע לערערס זײַנען אַלײן, אײנזאַם. װעסט אפשר אױך טאַנצן מיט אײנעם פֿון זײ?

— װילסט מיר פֿאַרשדכענען, מײַן טאָכטער? ניטאָ װער ס׳זאָל לאַכן.

— אַנטשולדיק, מאַמע, ביסט נאָך אָבער שײן און יונג און דאַרפֿסט הנאה האָבן פֿון לעבן.

— אָבער ס׳ליגן מיר אזעלכע זאַכן ניט אין קאָפּ, מײַן קינד.

— כ׳האָב עס דיר דערצײלט, מאַמע, װײַל איך האָב זיך דערמאָנט אַז אַ לערער האָט דיר געגעבן אַ קאָמפּלימענט אונטער די אױגן.

— מיר אַ קאָמפּלימענט פֿון דײַנעם אַ לערער? אַז איך קען קײנעם ניט.

— אָט טאַקע װײַל דו קענסט אים ניט. ער האָט אונדז בײדן געזען זונטיק אין גאָרטן. איך האָב אים אפֿילו ניט באַמערקט. האָט ער מיר אױף מאָרגן גע־זאָגט, אַז איך האָב אַ יונגע און אַ שײנע מאַמען.

— האָט ער דאָס אױף אַן אמת געזאָגט? און דו מײנסט עס ערנסט?

— װאָס איז מיט דיר, מאַמע? דו װײסט דאָך אַז איך קלער פֿון קאָפּ גאָר ניט אױס.

— דו מוזט גײן! כ׳האָב אלעמען געזאָגט אַז דו װעסט קומען. אָבער דו מאַך זיך ניט װיסנדיק, אַז איך האָב דיר עפּעס דערצײלט. ס׳װעט ניט זײַן פֿײַן. דו ביסט דאָך אָבער מײַן מאַמע און כ׳האָב געפֿילט אַז כ׳מוז דיר דערצײלן.

— זאָרג זיך ניט, מײַן קינד, כ׳װעל זיך ניט מאַכן װיסנדיק. אין רעסטאָ־ראַן זאָגן מיר אַ סך געסט פּונקט דאָס זעלבע װאָס דײַן לערער האָט געזאָגט, אָבער איך נעם עס ניט אין אַכט. ניט אַלע מאָל זאָגן מענטשן דאָס װאָס זײ טראַכטן. טו איך טאַקע נאָר װאָס די באַלעבאָטים מײַנע הײסן, און טראַכט פֿון דיר, מײַן קינד.

— און איך טראַכט שטענדיק פֿון דיר, מאַמעלע. און כ׳װיל שױן דערלעבן דעם טאָג װען איך װעל דיר קענען צוריקצאָלן פֿאַר דײַן גוטס.

— דו דאַרפֿסט מיר ניט צוריקצאָלן, מײַן קינד. כ׳װיל נאָר זאָלסט האָבן אַ רויִקן קאָפּ צום לערנען, אַז דײַן לעבן זאָל דיר שפּעטער גרינג זײַן.

— איך פֿרײ זיך װאָס איך האָב אזא איבערגעגעבענע מאַמען.

— און איך דאַנק גאָט, װאָס איך האָב אזא געראָטענע און קלוגע טאָכטער.

*

מיט טעג פריער האָט די מאַמע געוואַשן, געפּרעסט, צוגעפּאַסט און צו־געגרייט די זאַכן צום באַל פאַר זיך און דער טאָכטער. זי האָט אַליין די טאָכטער אויסגעגלעט און אויסגעפּוצט און אַנטציקט געווען פון איר שיינקייט. נאָך דעם האָט זי זיך אָנגעטאָן און לאַנג געשטאַנען אין שפּיגל. זי האָט נאָך געדענקט דער טאָכטערס רייד און די מיינונג פון לערער. ווען זי איז געווען פאַרטיק, האָט זיך די טאָכטער געשטעלט פּלייצע ביי פּלייצע מיט איר, צוגעלייגט איר קאָפּ צו דער מאַמעס קאָפּ און געזאָגט:

— איצט זעען מיר אויס ווי צוויי שוועסטער, מ'קען אונדז נאָך פאַרבייטן.

— דאָס וועל איך ניט דערלאָזן. מיר זיינען אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער! — האָט די מוטער געלאַכט.

— ווי איז דיר געפעלן געוואָרן דער באַל? — האָט די טאָכטער געפרעגט דער מאַמען, ווי נאָר זיי זיינען אריבערגעטראָטן די שוועל אין זייער היים.

— אויסערגעוויינלעך! זייער פיין, מיין קינד, זייער פיין! — האָט די מאַ־מע געענטפערט און איבערגעחזרט די ווערטער מיט באַגייסטערונג.

— און וועגן לערער, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, מאַמע, איז דאָך אמת. כ'האָב געזוען אז ער האָט דיר אויף אַ מינוט ניט אָפּגעלאָזן. כ'ווייס, ער האָט דאָ קיינעם ניט.

— יע, מיין קינד, ער איז אַן עלנטער מענטש, ביסט גערעכט. און טאַקע זייער אַ פיינער מענטש אויך. דערפאַר האָב איך מיטן גרעסטן פאַרגעניגן אָנ־גענומען זיין ווונטש אונדז צו קומען באַזוכן. האָב איך געטאָן ריכטיק, מיין קינד?

— זייער גוט האָסטו געטאָן, מאַמע.

— און מיינע באַלעבאַטים האָב איך באַגעגנט, ווען איך האָב געוואַרט אויף דיר. זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון די טאַלאַנטן, איבערהויפּט פון דיר. זיי זאָגן אז דו האָסט געזונגען און געשפּילט די גיטאַר וווּנדערפול. און מער פון אַלץ געפעלט מיר וואָס אַלע זיינען געווען אזוי פריינדלעך און ס'זיינען ניט פאָרגעקומען קיין אינצידענטן. די סטודענטן זיינען גוט דערצויגן און העפלעך.

— איך בין אזוי גליקלעך אז דו ביסט צופרידן, מאַמעלע.

— און דער לערער האָט מיר געזאָגט, אז נאָך דעם ווי דער באַל איז גע־ווען אזא דערפאָלג, וועט מען מאַכן אַ צווייטן באַל פאַר דעם פּובליקום, אויף בילעטן, און דאָס געלט וועט גיין פאַר סאָציאַלע הילף. — איז די מאַמע געווען באַריידעוודיק, ווי עס וואָלט גאָר ניט געווען אין די שפּעטע נאַכט־שעהען.

— מאַמעלע, כ׳וויל גיין שלאָפן.

— מאָרגן איז דאָך זונטיק און קענסט לענגער שלאָפן, מיין קינד.

— ניין, מאַמעלע, מאָרגן פאַר מיטאָג מוזן אַלע שילער קומען העלפן אויפ־ראַמען דעם זאַל און די קלאַסן, ווו ס׳איז פאָרגעקומען דער באַל. חוץ דעם הייבן זיך אָן די עקזאַמענס און כ׳וועל דאַרפן אַ סך אַרבעטן.

— ביסט גערעכט. אַ גוטע נאַכט, מיין קינד!

— אַ גוטע נאַכט, מאַמע. און האָב גוטע חלומות!

— און דו שלאָף געזונטערהייט, קינד!

דער קליינער בערעלע

בערעלע איז ערשט אַכט יאָר אַלט געוואָרן, אָבער ער האָט געהאַט זייער אַ גרויסן טאַלענט צו מאָלן. די לערערס אין קלאַס פלעגן אים לויבן און געזאָגט, אַז איין טאָג קען ער זיין אַ באַרימטער מאָלער.

בערעלע האָט ליב געהאַט צו צייכענען, מיט פאַרבן, וואָס נאָר ס׳איז אים געפעלן. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון דער שטוב, וואָס איין טאָג האָט ער זי אויסגעמאָלט אויף אַ גרויסן בלאַט פון אַ העפט, און יעדע זאַך איז געווען פונקט אויף אַן אָרט און פינקטלעך: דער גאַנעק, דער דאַך, די פענצטער און טירן, אפילו דער גאָרטן ארום איז געווען געמאַכט, ווי אַ לעבעדיקער, און יעדער בלימעלע איז געווען פאַרטיק און פריש, :אַטש בייג זיך איין און טו עס אַ שמעק.

די שכנים, ווייבער, מענער און קינדער, זיינען געלאָפן אויף וואונדער עס אָנקוקן. קיינער האָט ניט געוואָלט גלייבן, אַז דער קליינער בערעלע האָט עס געמאָלן. ווייל בערעלע האָט ניט ליב געהאַט, אַז מ׳קוקט אים אין די פינגער ווען ער מאָלט, פלעגט ער עס טאָן ווען קיינער זעט ניט. מילא, אַז מען גלייבט ניט, דאַרף מען ניט. קיין חיונה פון זיין מאָלן האָט מען ניט געמאַכט.

די ווייבער האָבן געמיינט, אַז מען מאַכט פון זיי חוזק. — לאַכט ניט אָפּ, ניט בערעלע האָט עס געצייכנט! מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ס׳איז טאַקע בערעלע, דער וואָס מאַכט די בילדער, און מ׳האָט אָנגעהויבן קוקן אויף אים מיט רעספּעקט.

אַז בערעלע פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף אַ שעה צי צוויי, האָט די מאַמע שוין געוווּסט, אַז ער האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט און קוקט אין אַ פענצטער פון אַ געשעפט, אין פאַרק, ביים טייכל, צי גאָר ווי די זון הייבט זיך אין הימל, אָדער גייט אונטער אויפן האָריזאָנט. נאָך דעם פלעגט ער קומען אהיים און עס מאָלן אין אַ העפט. ער האָט שוין געהאַט אַ פולן העפט מיט שטיבער, פייגל, חיות, זון און הימל.

ער איז שוין אפילו אַוועק איינער אליין אויף אַ בילדער אויסשטעלונג פון אַ באַקאַנטן קינסטלער און ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האָט מען אים ארומגעזוכט. איצט גיט מען שוין אכטונג, אַז בערעלע זאָל ניט פאַרפאַלן ווערן אויף

לאַנג. די מאַמע און דער עלטערער ברודער, מאָטל, לאָזן אים טאָקע ניט ארויס פון אויג, אָבער ניט אַלע מאָל קען מען אים אויסהיטן. מיט אַ מאָל פאַרשווינדט ער און ווי אין וואַסער אריין...

*

ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען, ווען די מאַמע האָט זיך געכאַפּט אז בערעלע איז נאָך ניטאָ אהיים. מאָטל איז אים אוועק זוכן, נאָר ער האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן און אים ניט געפונען. אין די גאַסן האָט מען שוין אָנגעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן. האָט די מאַמע געכאַפּט אַ יאַקל און שוין געוואָלט אליין ארויסגיין זען ס'קינד.

מיט אַ מאָל האָט זלאַטע, בערעלעס מאַמע, דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. זי האָט גלייך דערקענט אז ס'איז בערעלע. זי האָט זיך דערלאַנגט אַ וואָרף צו דער טיר און ווי נאָר זי האָט איר געעפנט, איז פאַר איר געשטאַנען אַ מאַן, וואָס האָט געהאַלטן בערעלען פאַר אַ הענטל, און הינטער אים אַ פּאָליציאַנט. בערעלע איז געווען בלאַס און צעשראָקן און ווי נאָר ער האָט דערזען די מאַמען, האָט ער זיך צעשריען מיט גוואַלדיקע קולות. — איך בין ניט שולדיק! איך בין ניט שולדיק!

אויפן פּנים פון מאַן האָט מען גלייך דערקענט, אז ער איז שטאַרק אין כּעס. ער האָט געהאַט אַ ווילדן קוק און דאָס האָט זלאַטען דערשראָקן, פון דעסטוועגן איז זי גלייך צוגעגאַנגען און ארויסגענומען פון זיין האַנט בערעלעס הענטעלע.

— וואָס האָט פּאַסירט? וואָס ווילט איר האָבן פון קינד? — האָט זי געפרעגט אויפגערעגטערהייט און געגלעט בערעלעס קעפּעל. בערעלע האָט זיך געטוליעט צו דער מאַמען.

— איך פאַרשטיי אז איר זייט זיין מאַמע, — האָט דער מאַן געזאָגט מיט אָפּגעגאַנגענעם כּעס, — אָבער ער האָט מיר אָנגעטאָן אַ גרויסן שאָדן...

— מיין קינד וועט קיינעם קיין שאָדן ניט טאָן, ער איז צו איידל דערפאַר,
— האָט זלאַטע פאַרטיידיקט בערעלען. — וואָס פאַלט אייך איין? און וואָס האָט ער געטאָן?

— אָט דאָס וויל איך אייך דערציילן. ער איז געשטאַנען און געקוקט אין דעם גרויסן פענצטער פון מיין שפּילצייג־געשעפט. פּלוצלינג האָט ער אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן און דער פענצטער איז זיך צעפּאַלן, און שטיקער גלאָז זיינען זיך צעפלויגן אומעטום. אז איך בין ארויסגעלאָפן פון געשעפט, האָב איך געזען אַ גרויסן שטיין ליגן אין פענצטער און צעשמעטערטע צאַצקעס. לעבן פענצטער איז ער געשטאַנען, אַ צעשראָקענער. האָב איך אים פאַרנומען ביי זיך

אין געשעפט און גערופן דעם פּאַליציאַנט. איצט האָב איך אים געבראַכט. איז אויב איר וועט מיר באַצאָלן דעם שאָדן, וועל איך דעם ענין האַלטן פאַר דער־לידיקט. ווי ווילט איר? — האָט ער געפרעגט זלאַטען.

— און וואָס זאָגט מיין קינד? אים האָט איר געפרעגט וואָס האָט פּאַסירט?

— איך בין ניט שולדיק, מאַמע! איך בין ניט שולדיק! — האָט בערעלע געוויינט.

— די ערשטע זאַך, לאָמיר ניט שטיין ביי דער טיר, — האָט זלאַטע גע־זאָגט און אריינגעבעטן די מענטשן צו זיך אין עסצימער. — זעצט זיך! — האָט זי געוויזן אויף די שטולן, — און איצט דאַרפן מיר הערן, וואָס מיין בערעלע האָט צו זאָגן. כ׳בין זיכער אז ער איז ניט שולדיק, ער רירט ניט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט.

— דער מאַן האָט מיר ניט געלאָזן אויסריידן אַ וואָרט... — האָט זיך בע־רעלע באַקלאָגט.

דער פּאַליציאַנט, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אַ סטאַטיסט און געשוויגן, האָט זיך פּלוצלינג דערלאַנגט אַ כאַפּ פאַרן טאַש און ארויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל:

— כ׳מוז אַלץ פאַרשרייבן, איר פאַרשטייט, כ׳וועל אפשר דאַרפן אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט.

— און ער האָט מיר אָנגעדרייט די אויערן, אז זיי טוען מיר נאָך איצט ווי, — האָט זיך בערעלע באַקלאָגט פאַר דעם פּאָליציסט.

— און איר האָט געזען, אז דער יינגל האָט געוואָרפן דעם שטיין? — האָט מיט אַ מאָל דער פּאָליציסט געפרעגט דעם מאַן, האַלטנדיק גרייט די פּען צו פאַרשרייבן זיין ענטפער.

— ניין, כ׳האָב ניט געזען ווי ער האָט געוואָרפן. אז איך בין ארויס פון געשעפט איז שוין דער שטיין געלעגן אין פענצטער.

— און איצט דערצייל דו, יאַטל! — האָט דער פּאָליציסט געזאָגט צו בערעלען.

— כ׳האָב פּלוצלינג באַמערקט ווי דער פענצטער ווערט צעשמעטערט, האָב איך מיט שרעק זיך אַ קער געטאָן און געזען ווי אַ יינגל אין מיין עלטער איז אריינגעלאָפן אין הויף.

— איך האָב קיינעם ניט געזען און איר וועט מיר באַצאָלן פאַר דעם שאָדן!

— האָט דער מאַן פעסט געזאָגט. — און איר זעט דאָך אליין אז ס׳איז אַן אויסגעטראַכטער תירוץ.

— אזא זאַך קען קיינער ניט זאָגן אויף זיכער, — האָט דער פּאָליציסט

געזאָגט. — אויף יעדן פֿאַל קענט איר עס מאַנען נאָר דורכן געריכט, און איך קען ניט זאָגן װער עס איז שולדיק, װײל איך האָב גאָר ניט געזען.

— גוט, — האָט דער מאַן געזאָגט אַ ביסל װײכער, — אויב מ׳קען ניט אַנדערש, װעלן מיר זיך זען אין געריכט, און ס׳װעט אײַך קאָסטן טײַערער...

— און מיר װעלן אײַך אָנגעבן אין געריכט פֿאַרן שלאָגן מײַן ײנגל. דער פּאָליציסט האָט געהערט, װי איר האָט זיך אַלײן מודה געװען און ער האָט עס פֿאַרשריבן.

דער מאַן איז איצטער װידער בײז געװאָרן, װײל ער האָט זײנס ניט גע־קענט דערגרײכן און ער האָט אַ סטראַשע געטאָן בערעלען מיט אַ פֿינגער:

— װאַרט, דו שױבן־ברעכער, כ׳װעל זיך מיט דיר אָפּרעכענען...

— איר זאָלט אים נאָר ניט סטראַשען! — האָט זלאַטע אויך אַ װײז געטאָן מיט אַ פֿינגער צום מאַן. — איר װעט פֿאַר דעם טײַער באַצאָלן!

— איר טאָרט אַזױ ניט האַנדלען! — האָט דער פּאָליציסט געזאָגט צום מאַן. — שרײַבט אויף דעם נאָמען פֿון קינד, פֿון די עלטערן, דעם אַדרעס, און גיט עס איבער אײַער אַדװאָקאַט, אויב איר װילט מאַנען פֿאַר אײַער שאָדן — אויף דעם זײַט איר באַרעכטיקט.

דער מאַן און אויך דער פּאָליציסט האָבן פֿאַרשריבן אַלע אײנצלהײטן און בײדע זײַנען אַװעק.

*

ערשט װען דער אומבאַקאַנטער מאַן איז אַװעק, איז די מאַמע געװאָרן אומרואיק. אין אײלעניש האָט זי געגרײט צום טיש, װײל דער מאַן האָט גע־דאַרפֿט יעדע װײלע קומען.

— טאָרסט זיך ניט אָפּשטעלן קוקן אין די פֿענצטער, בערעלע, — האָט די מאַמע צו אים צאָרט גערעדט. — נאָך אײן גליק װאָס דער טאַטע האָט הײַנט פֿאַרשפּעטיקט, אַניט װאָלט ער געהאַט אַ סך פֿאַרדרוס פֿון דעם. און מיר האָבן דאָ ניט געװוסט װאָס איבערצוטראַכטן. איך דאַרף נאָך אַדװאָקאַטן מיט גע־ריכטן מיט קאָפּ־פֿאַרדרײעניש, האַ, בערעלע?

— אָבער, מאַמע, איך בין ניט שולדיק! — האָט בערעלע זיך קױם אײַנ־געהאַלטן פֿון װײנען.

— איך װײס אַז דו ביסט ניט שולדיק, — האָט די מאַמע אים באַרואיקט, — אָבער אַז עס קומט צו אַ געריכט, װער װעט גלײבן אַ קלײן ײנגל? און װאָס פֿאַרא באַװײַזן װעסטו קענען ברענגען? — האָט די מאַמע אים געפֿאָרשט, װי אַן אמתער ריכטער.

— איך ווייס אז דו האָסט פאַרדרוס פון דעם, מאַמע, — האָט בערעלע אָנגעהויבן ריידן ווי אַ דערוואַקסענער, — און כ'זאָג דיר צו אז כ'וועל מער ניט גיין קוקן אין די שויפענצטער, און אז כ'וועל ניט גיין, וועט קיין זאַך ניט פּאַסירן, ניט, מאַמע?

זלאַטען האָט שוין פאַרדראָסן וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו מוסרן בערעלען. ס'איז איר אַ רחמנות געווען אויפן קינד. ער וויל דאָך זען די אַלע שיינע שפּילצייג, פּונקט ווי אַלע קינדער. נאָך דעם צייכנט ער דאָס אַלץ אויפן פּאַפּיר. זי האָט אָבער געזען אז דער מאַן פון געשעפט איז געווען אַ רוצח, אַ גוי אַ גזלן. ער האָט אָנגעדרייט דאָס קינד די אויערן און אים געהאַלטן פאַרן הענטל, ווי ער וואָלט אים באַרויבט. און זי האָט זיך אין מיטן דערמאָנט: ס'איז פאַר זייער חגא און גיי הייב זיך איצט אָן מיט אַ גוי...

דער טאַטע האָט פאַרשפּעטיקט און מ'האָט געוואַרט אויף אים מיט דער וועטשערע. אז די מאַמע האָט אים נאָך דעם דערציילט די געשיכטע, האָט ער איר געפרעגט:

— ווער איז דער גוי? און ווו איז זיין געשעפט?

— וואָס קען איך ווייסן זיין נאָמען? ער האָט ניט געזאָגט.

— אין אַזאַ דיעלא, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — מוז מען ווייסן יענעמס נאָמען.

בערעלע האָט געזאָגט, אז ער ווייס ווו דער געשעפט איז. מ'האָט געגעסן שווייגעדיקע און בערעלען האָט פאַרדראָסן, וואָס צוליב אים אז אַזא אומעט אַראָפּ אויף אַלעמען. פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט:

— איך ווייס פאַר וואָס דאָס איז אַלץ, ווייל איך מאָל. מסתמא איז דאָס אַ שטראָף. איך וועל אויפהערן מאָלן... און ער האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

דער טאַטע, די מאַמע, דער עלטערער ברודער מאָטל האָבן מיט שותפותדיקע כוחות אים קוים איינגעשטילט.

*

פרייבאַגינען האָט בערעלע געפירט דעם טאַטן זען דעם שפּילצייג־געשעפט. זיי זיינען געשטאַנען פון ווייטן. די אייזערנע גראַטע־לאַדנס פון פענצטער זיינען נאָך געווען צוגעמאַכט, אָבער מ'האָט געזען אז די גרויסע שויב איז צעבראָכן און אַלע שפּילצייג פון פענצטער זיינען ארויסגענומען. לעבן פענצטער איז געשטאַנען אַ מאַן און עפּעס געשריען צו אַ קליינע פרוי, וואָס האָט אויף אַלץ וואָס ער זאָגט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דער טאַטע האָט געזאָגט צו

בערעלען, ער זאָל בלייבן פון ווייטן און ער וועט אריבערגיין זיך צוהערן וואָס דאָרט קומט פאָר. בערעלע איז מיט אַ מאָל געוואָרן צעשראָקן:

— גיי ניט, טאַטע, דאָס איז דער מאַן פון געשעפט!

— האָב ניט מורא! איך וועל גלייך זיין צוריק. וואַרט דאָ! — האָט דער טאַטע אים פאַרזאָגט.

בערעלע האָט פון ווייטן דערזען, ווי דער טאַטע מישט זיך פלוצעם אריין אין דעם געשפרעך, און דער מאַן רעדט צו אים, זאָגט אים עפּעס און ווייזט אים אויף דער פרוי. בערעלע האָט אויך באַמערקט, אז דער שמועס צווישן די מענטשן איז געוואָרן גלאַסענער. ער האָט פאַרשטאַנען אז ס׳איז וועגן דער צעבראָכענער שויב. ער האָט שוין אומרואיק געוואַרט דער טאַטע זאָל צוריק קומען. צום סוף האָט דער טאַטע מיטן פרעמדן, וואָס האָט אים געבראַכט נעכטן אהיים, זיך געגעבן די הענט און בערעלען איז פריילעכער געוואָרן אויפן האַרצן.

דער טאַטע איז געקומען צוריק אַ צופרידענער און געבראַכט די גאַנצע געשיכטע אהיים.

— שוין דערליידיקט! — האָט ער געזאָגט צו זלאַטען. — כ׳האָב דיר גע־זאָגט, אז מ׳דאַרף וויסן ווער און ווו. איז גוט וואָס כ׳בין דאָרט צוגעגאַנגען. קינדער האָבן געזען ווי דער באַלעבאָס פון געשעפט האָט גערופן אַ פּאָליציסט און אַוועקגעפירט בערעלען, אָבער זיי האָבן אויך געזען, ווער עס האָט גע־וואָרפן דעם שטיין: דאָס איז געווען אַ קינד פון סטאַראָזש פון דעם זעלבן הויף. ער האָט געיאָגט אַ פייגעלע און געוואָרפן אין אים אַ שטיין, וואָס האָט געטראָפן אין פענצטער. איז ער גלייך אריינגעלאָפן אין הויף און זיך פאַר־באַהאַלטן. די קינדער האָבן מורא געהאַט עס צו דערציילן, האָבן זיי דערציילט איינעם פון זייערע טאַטעס, וואָס האָט נאָך נעכטן ביי נאַכט עס איבערגעגעבן דעם באַלעבאָס. דער שייגעצל האָט זיך מודה געווען. איך ווייס שוין, אז ער הייסט וואַנקע, און זיין מאַמע סטעפאַנע. זי האָט געזאָגט, אז זי וועט אויסצאָלן פאַר דעם שאָדן, אָבער איך מיטן מאַן האָבן אָפּגעמאַכט אז יעדער פון אונדז וועט דעקן אַ העלפט. די גויע, די סטרוזשוווקע, זעט אויס צו זיין זייער אַן אָרנטלעכע, וויל איך, זלאַטע, אז דו זאָלסט אויפקלייבן ביי אַלע שכנים אַ ביסל געלט פאַר איר, זאָל זי עס האָבן פאַר זייער חגא — פון יידן אַ מתנה...

פון יענעם טאָג איז בערעלע מער ניט געגאַנגען פאַרביי דעם שפּילצייג־געשעפט.

די נאַשערקע

.1

ע נאַשערקע קליינע, פלעגט די מאַמע רופן ברײַנעלען אין אַ שפּאַס. ווײַל וויפיל מישטיינס געזאָגט, קען אזא קליינע מיידעלע אויפעסן. אָבער ברײַנעלע האָט איין מאָל געוויזן וואָס זי קען, אז אין נאַשן איז זי אַ גרויסע בריה.

זי האָט געוווּסט, אז עס דאַרפן קומען געסט פון ישראל, און די מאַמע גרייט זיך צו פרעגלען איינגעמאַכטס און קויפן אַ סך גוטע זאַכן. פלעגט זי האַלטן אין איין קומען און זיך נאָכפרעגן:

— מאַמע, דאָס איינגעמאַכטס איז נאָך אַלץ ניט פאַרטיק... מ׳דאַרף שוין אָנהייבן.

— וואָס איז די איילעניש, ברײַנעלע? ביז די געסט וועלן קומען איז נאָך געבליבן אַ פּאָר וואָכן. גענוג צייט אָנצופרעגלען פאַר אַ גאַנצן פּאָלק סאָלדאַטן...

— האָט זי געלאַכט.

— אָבער, מאַמע, דו אַליין זאָגסט דאָך, אז די צייט לויפט און ס׳איז בעסער אז אַלץ שטייט פאַרטיק. און וואָס וועט מען געבן די געסט, ווען זיי וועלן קומען?

— זאָרג זיך ניט, מיין קינד. ס׳איז נאָך דאָ גענוג צייט. און אָן דעם איינ־געמאַכטס וועט אויך זיין גענוג. — און זי האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען: — הערינג און קיכל, טאָרטן און ביסקוויטן, פאַרשיידענע פרוכטן און ניסלעך. זעסט, ס׳וועט זיין גענוג.

— יע, כ׳ווייס, — האָט ברײַנעלע גערעדט צו דער מוטער. — אָבער איינ־געמאַכטס דויערט דאָך צו פרעגלען. מאַמע, מאַך עס גיכער. — האָט זי זיך געבעטן.

— אָן איינגעמאַכטס קען מען אויך אויפנעמען געסט. און אז כ׳וועל מאַכן צו פרי, איז דאָך דאָ די נאַשערקע און זי וועט אַלץ אויפנאַשן.

— מאַמע, כ׳זאָג דיר צו אז כ׳וועל זיך דאָס מאָל צו דעם ניט צורירן. איך שווער דיר.

— פאַר וואָס וועסטו דאָס מאָל ניט נאַשן? אַלע מאָל עסטו אַלץ אויף איי־דער עס קומט צום טיש.

— ווייל עס דאַרף זיין פאַר די געסט, און איך בין שוין גרעסער, מאַמע. כ׳ווייס עס.

— גוט, — האָט די מאַמע געוואָלט זיך פון איר אָפּטשעפּען. — מאָרגן, בלי נדר, וועל איך זיך שטעלן פּרעגלען די איינגעמאַכטס.

— קען איך דיר העלפן מאָרגן, מאַמע? — האָט ברײַנעלע געפרעגט מיט דערוואַרטונג.

— יע, פאַר וואָס ניט, — האָט די מאַמע מיט אַ שמייכל געענטפערט.

די קליינע נאַשערקע האָט שוין געוואָלט דערלעבן דעם מאָרגן. אַלע רגע האָט זי אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. זי האָט שוין געוואָלט אַז ס׳זאָל ווערן נאַכט. היינט וועט זי באַצייטנס אליין שלאָפן גיין, ניט אָפּלייגן, ווי אַלע טאָג, אויף באַלד, שפּעטער. און ביי זיך אין האַרצן האָט ברײַנעלע געטראַכט: איך האָב טאַקע זייער ליב איינגעמאַכטס, נאָר דאָס מאָל וועל איך ניט נאַשן. איך האָב צוגעזאָגט דער מאַמען און וועל היטן מיין צוזאָג. איך טאָר עס ניט טאָן! האָט זי זיך געחזרט.

אַז ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, איז ברײַנעלע צוגעקומען צו דער מאַמען:

— מאַמע, פון היינט וועל איך דיר אַלץ פאָלגן. און כ׳וועל גיין יעדן טאָג שלאָפן ווי אַ גוט קינד. וועסט מיר ניט דאַרפן לייגן שלאָפן. כ׳וועל זיך אפילו אליין אויסטאָן.

— זייער גוט, מיין קינד. איצט זע איך אַז דו ווערסט גרעסער און האָסט מער שכל. ווילסט כ׳זאָל דיר געבן אָונטברויט באַזונדער?

— ניין, מאַמע. היינט וועל איך וואַרטן ביז דער טאַטע וועט קומען פון געשעפט און מיר וועלן עסן צוזאַמען.

די מאַמע איז געווען צופרידן און געטראַכט, אַז ברײַנעלע מענטשלט זיך. און אַז זי וויל וואַרטן אויפן טאַטן און זיין גוט, מוז זי האָבן וואָס פאַרטראַכט.

באַלד נאָכן אָונטברויט איז ברײַנעלע גלייך אריין אין בעט, אָן זיך צו דינגען וועגן נאָך אַ ביסל און נאָך אַ ביסל אויף זיין.

דער טאַטע האָט געפרעגט:

— רחל, וואָס האָט היינט פּאַסירט מיט ברײַנעלען, אַז אַזוי פרי און אַזוי שטיל איז זי געגאַנגען שלאָפן? עפּעס ניט ווי אַלע מאָל.

— ווייס איך וואָס, — האָט רחל געענטפערט. — קינדער האָבן אַלערליי איינפאַלן.

— אינטערעסאַנט וואָס זי וועט וועלן פאַר זיין אַזוי גוט? — האָט דער טאַטע געלאַכט.

ברײנעלע האָט אָבער געוווּסט וואָס זי וויל: זי האָט געוואָלט העלפֿן דער מאַמען מיט פֿרעגלען דאָס אײנגעמאַכטס. דערפֿאַר איז זי אויך געווען די ערשטע אויפֿצושטיין. זי האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און שטילינקערהייט אַרויס פֿון איר צימער, כדי ניט אויפֿצוּוועקן טאַטע־מאַמען. זי האָט זיך אוועקגעזעצט בײַם טיש און געוואַרט אויפֿן פֿרישטיק.

ביז נעכטן האָט נאָך די מאַמע געהאַט צרות מיט איר. ביז זי פֿלעגט אַרויסקריכן פֿון בעט און אַראָפּשטעלן די פֿיס אויפֿן דיל, פֿלעגט עס נעמען גענוג לאַנג. און נאָך לענגער האָט געדויערט דאָס אָנטאָן זיך. ביז זי פֿלעגט קומען צום טיש, פֿלעגט שוין איר פֿרישטיק קאַלט זײַן. ווײַל אויב ס'האָט איר ניט געפֿעלט, צום גליק, אַ שוך אָדער אַ זאָק, פֿלעגט דאָס וואַשן זיך דויערן אפֿשר אַ שעה. די מאַמע פֿלעגט איר יאָגן, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿן.

.2

ווען די מאַמע איז אַראָפּ פֿון בעט און אַרײַן אין עסצימער עפּעס נעמען, האָט זי די אייגענע אויגן ניט געגלייבט:

— ברײנעלע, דו ביסט עס? וואָס האָט פּאַסירט? פֿאַר וואָס זיצסטו אַזוי שטיל?

רחל איז אַפֿילו צוגעגאַנגען און איר אָנגעטאַפּט דאָס קעפּל.

— מיינסט אַז איך בין קראַנק, — האָט ברײנעלע געלאַכט.

— כ'האָב געמיינט אַז דו פֿילסט זיך ניט ווי ס'דאַרף צו זײַן, אַזוי פֿרי אויפֿצושטיין!

— זעסט, מאַמע, כ'האָב זיך אַפֿילו אָפּגעוואַשן און פֿאַרקאַמט אַליין. איך האָב עס געמאַכט אַזוי שטיל, אַז דו מיטן טאַטן האָבן אַפֿילו ניט געהערט.

— דו ווערסט עלטער און קליגער, — האָט די מאַמע זיך געפֿרייט און איר געגעבן אַ גלעט איבערן קעפּל. — האָסטו כאָטש גוט געשלאָפֿן?

— יע, מאַמע. זייער גוט. אַ דאַנק.

— טאָ וואָס האָסטו זיך געאײַלט אַזוי פֿרי אויפֿצושטיין?

— ווײַל כ'וויל דיר העלפֿן, מאַמע.

— מיט וואָס העלפֿן?

— מיטן אײנגעמאַכטס! האָסט שוין פֿאַרגעסן?

ברײנעלע איז געווען גערעכט. די מאַמע האָט טאַקע געהאַט פֿאַרגעסן. זי האָט זיך איצט דערמאָנט וואָס זי האָט איר נעכטן צוגעזאָגט.

— פריער וועלן מיר אָפּעסן פרישטיק און אַלץ ריין מאַכן. ווען אַלץ וועט זיין פאַרטיק וועלן מיר זיך נעמען צום איינגעמאַכטס.

— גוט, מאַמע. כ׳וועל דיר העלפן אויפראַמען, אַלץ...

— און אפשר ווילסטו גיין נאָכן פרישטיק זיך שפּילן מיט דיינע חברטעס? כ׳וועל אַלץ אליין באַוויזן.

—ניין, מאַמע, איך וויל דיר בעסער העלפן.

— נו, גוט. זאָל זיין אזוי.

בריינעלע איז נאָכגעגאַנגען איר מאַמען אויף טריט און שריט. זי האָט איר געהאָלפן דעקן דעם טיש, און זיך ניט געקענט דערוואַרטן אז דער טאַטע זאָל קומען צום טיש.

נאָך דעם האָט זי געהאָלפן ראַמען, וואַשן געשיר, מאַכן די בעטן, און אז אַלע אַרבעט פון פרימאָרגן איז געווען געענדיקט, האָט די מאַמע זיך אַ ווילע צוגעזעצט אָפּרוען:

— מיר וועלן באַלד אָנהייבן די פּרעגלעניש. און דו וועסט זיך צוקוקן ווי איך מאַך עס, אז דו זאָלסט עס אליין קענען טאָן אַ צווייטן מאָל.

— און וואָס וועט היינט זיין מיין אַרבעט? — האָט בריינעלע געפרעגט.

— אָט וועל איך גלייך צושטעלן די רעטעך אָפּקאָכן, און אז ס׳וועט ווייך ווערן וועל איך זיי ריין מאַכן, און דו וועסט אַלע שטיקלעך שאָלעכץ אריינוואַרפן אין מיסטקעסטל.

— דאָס גאָר? — האָט בריינעלע געפרעגט אומצופרידן.

— כ׳האָב דיר דאָך געזאָגט, אז צו ערשט מוזסטו זיך צוקוקן. ווילסט דאָך ניט איבערפירן די גאַנצע איינגעמאַכטס און די געסט זאָלן ניט האָבן וואָס צו עסן.

— ניין, מאַמע.

בריינעלע איז געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי די מאַמע גרייט צו סיראָפּ מיט צוקער, געשיילטע מאַנדלען און אינגבער־פּודער. זי האָט זיך דאָס אַלץ אין געדאַנקען פאַרצייכנט, אז זי זאָל וויסן אויף אַ צווייטן מאָל, ווען זי וועט עס אליין מאַכן.

די מאַמע האָט אויף אַ ריבאייזן צעריבן די רעטעכער. זי האָט אויפגעקאָכט די סיראָפּ און אריינגעלייגט צוזאַמען מיט אַלע צודאַטן אין אַ קופּערנעם קעסל.

— ס׳מוז זיך קאָכן לאַנגזאַם, — האָט רחל דערקלערט בריינעלען, — און ווען ס׳ווערט אַ גאָלדקאָליר איז אַ סימן אז ס׳איז געראָטן. אָט, זעסט, בריינעלע, ווי ס׳ווערט פון דעם גאָלד. די געסט וועלן הנאה האָבן, ס׳איז זייער געראָטן.

די מאַמע האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער און מ׳האָט געוואַרט עס זאָל זיך אָפקילן.

שפעטער האָט זי עס אריינגעלייגט אין אַ גרויסן סלוי, פאַרמאַכט מיט אַ דעקל און אוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. זי האָט נאָר געלאָזן אַ ביסל פאַר ברייי־נעלען צו פאַרזוכן.

— דאָ האָסטו אַ גאַנצן טעצל מיט זיסן גאָלד, נאַשערקע קליינע... — האָט די מאַמע צו ברײַנעלען צוגעטראָגן אַ ביסל פון דעם איינגעמאַכטס.

— אַ דאַנק, מאַמע! — זי האָט געגעסן און זיך באַלעקט פון געשמאַקייט.

רחל האָט איר דערלאַנגט קליינגעלט און געזאָגט:

— דאָס איז פאַר העלפן מיר, בריינעלע. גיי צו דיינע חברטעס און קויפט זיך אייז־וואַפלעס. האָסט דאָך עס האָלט.

— ניין, מאַמע, כ׳וועל בעסער בלייבן אַהיים. ס׳איז מיר פריילעכער מיט דיר.

די מאַמע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז בריינעלען אַזוי פריילעך מיט איר. זי האָט אויך ניט באַמערקט ווי בריינעלע האָט געוואָרפן בליקן צום איינ־געמאַכטס. איר איז געווען ווייניק וואָס זי האָט פאַרזוכט, און זי האָט געוואָלט האָבן נאָך אַ ביסל.

.3

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק נאָך מיטאָג, ווען די מאַמע האָט גענומען צוגרייטן אָונטבברויט. בריינעלע איז נאָך אַלץ געזעסן אין שטוב. וויפל די מאַמע האָט איר ניט געבעטן גיין אין דרויסן, ווייל ס׳איז אַזאַ שיינער טאָג, האָט זי ניט געפאָלגט.

רחל האָט דערווייל באַמערקט, אַז ס׳איז געוואָרן שפעט און זי האָט ניט קיין ברויט.

— ניטאָ קיין ברעקל ברויט אין שטוב. כ׳וועל זיך צוכאַפּן אין קלייט קויפן אַ ברויט.

— מאַמע, זאָל איך אפשר מיטקומען מיט דיר.

— מ׳דאַרף ניט, בריינעלע. מיט דיר וועל איך זיך צו פיל פאַרדרייען, ווי שטענדיק, און אַזוי וועט מיר נעמען אַ פאַר מינוט. דו גיב נאָר אַכטונג אויפן שטוב און לאָז קיינעם ניט אריין.

דער אמת איז געווען, אַז בריינעלע האָט גאָר ניט געוואָלט גיין מיט דער

מאַמען, זי האָט גאָר געוואָלט נאָך אַ מאָל פּאַרזוכן פון דעם איינגעמאַכטס, וואָס צעגייט אין מויל.

איז ווי נאָר די מאַמע האָט ארויסגעשטעלט אַ טריט הינטער דער טיר, האָט בריינעלע צוגעשטעלט אַ שטול צו דער אַלמער, וווּ די מאַמע האָט אוועקגע־שטעלט דעם סלוי. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקל און אריינגעקוקט. ס׳איז טאַקע געווען ווי גאָלד און ס׳האָט איר געצויגן עס פּאַרזוכן.

ניין, איך וועל ניט נעמען! האָט זי געהערט ווי זי רעדט אליין צו זיך. איך האָב דאָך צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז כ׳וועל ׳עס ניט טשעפּען. און זי איז גיך אַראָפּ פון שטול, אים אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט און אוועק צו זיך אין צי־מער. זי איז געבליבן אין צימער און זיך געשפּילט ביז די מאַמע איז געקומען.

די מאַמע האָט, אויסער דעם ברויט, מיטגעבראַכט אַ סך פּעקלעך. ברײי־נעלע האָט געזען ווי זי לייגט אַוועק אין אַלמער אינגבערלעך און מאַנדלען, צו־קערקעס און פּלעצלעך און נאָך אַנדערע זאַכן. זי האָט אויך געבראַכט אַנדערע צודאַטן, צו באַקן פאַר די געסט לעקעכער און טאָרטן.

בריינעלע האָט קוים אריבערגעוואַרט ביז מ׳האָט געענדיקט עסן אָוונט־ברויט. זי איז היינט אויך געגאַנגען פרי אין בעט, אָן קיינעמס הילף, נאָר היינט איז זי געלעגן וואַך און געוואַרט ביז טאַטע־מאַמע וועלן איינשלאָפן. אַז זי איז שוין געווען זיכער אַז זיי שלאָפן, איז זי אַראָפּ פון בעטל און גלייך צום אַלמער. זי האָט עס געמאַכט שטיל.

דאָס נאַכטלעמפּל איז געווען גענוג אַז זי זאָל אַלץ זען. זי האָט אריינגע־קוקט אין סלוי און זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן. זי האָט גענומען אַ לע־פּעלע איינגעמאַכטס, אַ ביס פון אַ פּלעצל, און אַ פּאָר צוקערקעס מיט עטלעכע ניסלעך האָט זי מיטגענומען אין בעט.

אזוי איז שוין געווען יעדע נאַכט: ווי נאָר טאַטע־מאַמע זיינען איינגע־שלאָפן, האָט בריינעלע רואיק פון אַלץ גענאַשט. און יעדן מאָל פּלעגט זי זיך זאָגן: ניין, מער נעם איך ניט. ס׳דאַרף דאָך קלעקן פאַר די געסט, וואָס קומען צו זיי פון ישראל.

*

זי האָט גענאַשט און געציילט די טעג. זי פּלעגט אַלץ פרעגן דער מאַמען וויפל ס׳איז נאָך פאַרבליבן ביז די געסט וועלן קומען.

— וואָס דאַרפסטו עס אזוי נייטיק וויסן? נאַשערקע קליינע?

— כ׳וויל וויסן, מאַמע, זאָג מיר: ווי לאַנג נאָך?

— נאָך אַ וואָך, אַ גאַנצע וואָך, זיבן טעג! — האָט די מאַמע איר דייטלעך געזאָגט.

— נאָך אַ וואָך, זיבן טעג, — האָט זי זיך געחזרט. — מער טאָר איך ניט נעמען. קיין זאַך ניט. ס'איז געוואָרן אַזוי ווייניק. ס'וועט ניט קלעקן פאַר זיי.

און דאָך האָט זי נאָך אַלץ גענומען.

און וויפל זי האָט זיך אַליין ניט געזידלט און געוואָלט זיך איינהאַלטן, האָט זי ניט געקאָנט. צוקערקעס איז שוין ווייניק געבליבן. ניסלעך — נאָך ווייניקער. די לעצטע אינגבערלעך און פלעצלעך זיינען געוועזן ארומגעביסן פון אַלע זייטן, ווי פון מייז. און אַז אין סלוי איז שוין געבליבן ניט מער ווי אויפן דעק אַ ביסל פון איינגעמאַכטס, האָט זי צו זיך געזאָגט: מער ניט, נאַשערקע קליינע.

אָבער איר הערצל האָט געצויגן: נאָך איין טראָפּן, איין קאַפּעלע! אַ טאָג שפּעטער, אַז זי האָט אויסגעלעקט דאָס לעצטע ביסל איינגעמאַכטס, האָט זי באַקוקט די אינגבערלעך און פלעצלעך און צו זיך געזאָגט: ס'איז ניט שיין צו געבן צום טיש אַזעלכע ארומגעביסענע פלעצלעך. פאַרשעמען די געסט! און זי האָט אַלץ אויפגעגעסן... זי האָט נאָר איבערגעלאָזן די זעקעלעך מיט די שאַכטלעך, און די מאַמע האָט זיך ניט געכאַפּט אַז זיי זיינען ליידיק.

*

אַז די געסט זיינען געקומען, און מ'האָט זיך אויסגעזעצט ארום טיש, האָט זיך ברײַנעלע באַהאַלטן אונטערן בעט. טאַטע־מאַמע זיינען געווען פאַרנומען מיט אויפנעמען די געסט און צוגרייטן אַלץ, זיינען זיי געווען צופרידן וואָס ברײַנעלע איז זיי ניט אין וועג און פאַרמוטשעט זיי ניט מיט אירע פראַגעס: ווער איז דער און ווער איז יענער?

איינער פון די געסט, אַ נאָנטער קרוב, האָט געפרעגט:

— וווּ איז עפּעס אייער ברײַנעלע היינט?

— אָ, זי איז אַוועק צו אַ חברטע. זי וועט באַלד קומען צולויפן, — האָט די מאַמע געענטפערט און גענומען די ליידיקע טעצלעך צום אַלמער, זיי אָנצופילן מיט גוטע זאַכן, ווייל זי האָט עס ניט געהאַט באַוויזן צו טאָן פריער.

זי נעמט אַראָפּ דעם דעקל פון סלוי — אינעווייניק איז פּוסט. און — ניט קיין אינגבערלעך, ניט מאַנדלען, ניט פלעצלעך און ניט צוקערקעס, נאָר אַ ביסל ניסלעך זיינען פאַרבליבן.

דאָס האַרץ איז איר פאַרגאַנגען פון פאַרדרוס. — איך וועל איר ניט שווייגן, די נאַשערקע קליינע! האָט די מאַמע גערעדט צו זיך. די מאַמע האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, מער ווי פאַר די געסט. אָבער זי האָט זיך ניט געקענט העלפן און געבעטן ביי די געסט אַנטשולדיקונג:

— איר האָט פריער געפרעגט אויף ברײַנעלען, איך אָבער רוף איר נאַשער־

קע קליינע. און מיין קליינע נאַשערקע האָט אַלץ אויפגעגעסן. איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, אָבער אָט וועט מיין מאַן צוגיין אין קראָם און מ׳וועט אַלץ גוט מאַכן.

— איר דאַרפט איר ניט טרויען און אַלץ פאַרשליסן. איך טו אויך אזוי. — איז געקומען אַן עצה פון אַ פרוי.

אַלע האָבן געלאַכט. איצט האָט מען פאַרשטאַנען, פאַר וואָס ברײנעלע האָט זיך באַהאַלטן, ווען די געסט זיינען געקומען.

ווער איז מיין אמתע מאַמע?

1.

ווען ס׳איז פאָרגעקומען די אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, האָט זי פאַרלאָרן איר מאַן מיט איר טעכטערל, וואָס איז קוים אַ פּאָר יאָר אַלט געווען. זי אליין איז ארויס גאַנץ און אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק. אז דער אַמבולאַנס האָט איר געבראַכט אין שפּיטאָל, האָט דער דאָקטער פעסטגעשטעלט אַ שטאַרקע אויפטרייסלונג. אז זי האָט זיך געפילט בעסער, האָט מען איר אַלץ דערציילט. זי האָט געוויינט און געכליפּעט און געשריען אַ גאַנצע נאַכט. אז זי האָט זיך באַרואיקט אַ ביסל, איז זי געוואָרן מעלאַנכאָליש און ניט געוווסט אויף וואָס פאַרוואָס וועלט זי איז.

מ׳האָט איר געהאַלטן אַ לאַנגע צייט אין שפּיטאָל. ביז דער דאָקטער האָט איר געזאָגט, אז זי זאָל אַדאָפּטירן אַ קינד און זי וועט געזונט ווערן. ער האָט עס אויך געזאָגט אירע קרובים, און אַ פריינד האָט זיך איין טאָג דערוווסט, אז אין קינדערהיים איז דאָ אַ קינד צו אַדאָפּטירן. ער האָט שוין פריער גערעדט מיטן פאַרוואַלטער פון קינדערהיים און אים אַלץ גענוי דערציילט.

ווען ער האָט די פרוי געבראַכט צום קינדערהיים, האָט איר דער פאַרוואַלטער אריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, ווו פון איינעם פון די בעטעלעך האָבן געקוקט אויף איר אַ פּאָר בלויע אייגעלעך. עס האָט איר אַ צי געטאָן צום קינד, ווייל זיינע אייגעלעך האָבן איר דערמאָנט אָן איר קינד, וואָס איז אומגעקומען.

ווען זי איז צוגעקומען נענטער, האָט זיך איר געדוכט אז די אייגעלעך בעטן זיך: נעם מיר צו זיך. זי האָט איר גענומען אויפן אָרעם און דאָס מיידעלע האָט זיך צו איר צוגעטוליעט. זי איז געווען אין זעלבן עלטער, ווי איר אומגעקומענע טעכטערל.

דער פאַרוואַלטער איז צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— איר האָט גליק. ס׳קען זיין אז איר זייט די אמתע מאַמע פאַר איר. איר קענט איר מיטנעמען. אַלע פאָרמאַליטעטן וועלן מיר נאָך דעם דערליידיקן. זאָל זיין מיט מזל.

— אַ דאַנק, מיין הער. כ׳פיל אז ס׳וועט זיין מזלדיק. אָבער מיטן דאַנק

אליין וויל איך ניט אָפּקומען. כ׳בין אַ גאַנץ פאַרמעגלעכע פרוי און וועל דער קינדערהיים געבן אַ שיינע געלט־מתנה.

דאָס קינד האָט די פרוי געבראַכט צוריק צום לעבן. איר מעלאַנכאָליע איז אַוועק און זי האָט מער ניט געפילט איר עלנטקייט. זי האָט איר פאַרביטן איר אייגן קינד און ווי אַן אייגנס האָט זי עס ליב געהאַט. זי איז געווען מיט איר ניי טעכטערל פאַרנומען טאָג און נאַכט. זי האָט איר אויפגעפּאַסט און געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

ס׳מיידעלע האָט געהאַט אַ גוטע היים און אַ גוטע מאַמען. און ווען זי איז געקומען צום שולעלטער האָט זי איר געגעבן אַן אייגענעם צימער מיט שיינע מעבל, און אין שראַנק איז געווען אויסשטייער מיט מאָדערנע קליידער און גוטע זאַכן.

די פרוי האָט איר טעכטערל געגעבן אין די בעסטע שולן. איר געהאָלפן לערנען, און טאָמער איז זי געוואָרן ניט געזונט, פלעגט די מאַמע גלייך ארויס־רופן דעם דאָקטער און פלעגט ארומגיין אַ פאַראומערטע ביז זי איז ווידער גע־ווען מונטער און פריש. און יעדע, נאַכט פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט זי איר אריינטראָגן אַ גלאָז הייסע מילך מיט שאָקאָלאַד, גוט איר איינדעקן, שטאַרק ארומנעמען, געבן אַ קוש און ווינטשן אַ גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות.

צו יעדן יום־טוב און געבורטסטאָג פלעגט איר די מאַמע קויפן די שענסטע און טייערסטע מתנות. קיין קינד האָט זיך גאָר ניט געקענט ווינטשן אַ בעסערע מאַמען. זי האָט געהאַט פון אַלדאָס גוטס אין דער וועלט. אָבער איין טאָג האָט עס אַלץ געפּלאַצט אזוי ווי אַ זייפנבלאָז.

*

יענעם טאָג איז זי געקומען פון שול פריער ווי אַלע מאָל, ווייל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער און דער לערער האָט זיי אָפּגעלאָזן. זי איז געווען מיד, האָט זי זיך אוועקגעלייגט אויפן בעט אָפּרוען און איינגעדרעמלט. די טיר פון צימער איז געשטאַנען אָפן, ווי אַלע מאָל ווען זי איז ניט אהיים. הינטער דער טיר איז געשטאַנען די בעט.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען זי האָט געהערט ווי איר מאַמע שליסט אויף די טיר. זי איז געקומען מיט נאָך עמעצן און צו יענעם גערעדט. די טאָכטער איז געוואָרן נייגעריק:

— איך פריי זיך דיר צו טרעפן נאָך אזוי פיל יאָרן. אַזאַ גליקלעכער צו־פאַל. מיין גאַנצע יוגנט קומט מיר צוריק. מיר האָבן זיך דאָך אויפגעהאָדעוועט צוזאַמען, — האָט די מאַמע באַגייסטערט גערעדט צום פרעמדן מענטשן. — און

דו ווייסט דאָך דעם אומגליק וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט. כ׳בין געווען זייער קראַנק, נאָר איצט איז מיין לעבן רואיק. איך האָב אַ גרויסע סאַטיספּאַקציע פאַר אַלץ וואָס איז פון מיר אַוועקגענומען געוואָרן.

די טאָכטער איז געוואָרן געשפּאַנט. זי האָט פון דער מאַמען קיין מאָל ניט געהערט וועגן אַן אומגליק, און וואָס איז די סאַטיספּאַקציע. זי האָט איינגע־האַלטן דעם אָטעם.

— אויב דו ווילסט עס מיר דערציילן און דו פילסט אז דיר וועט עס ניט שאַטן, וואָלט איך עס זייער געוואָלט וויסן. מיר זיינען דאָך געווען ווי לייבלעכע שוועסטער.

— כ׳וועל עס טאָן פאַר דיר, און אויך פאַר זיך — אַמאָל זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. איך וועל עס אָבער מוזן מאַכן גיך, ווייל מיין טאָכטער דאַרף באַלד קומען פון שול און זי טאָר דאָס ניט וויסן.

די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, אריינגעקוקט אין טאָכטערס צימער, אָבער צוליב דער טיר וואָס האָט פאַרשטעלט די בעט, האָט זי איר ניט געזען. די טאָכטער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געוואַרט. איצט האָט זי געהערט די געשיכטע פון איר קומען אין דעם הויז און אז די מאַמע איז ניט איר אמתע מאַמע.

אין דער טאָכטער האָט עס אויפגעקאָכט. זי האָט זיך איינגעהאַלטן ניט אַראָפּצושפּרינגען פון בעט און איר צערייסן, די פאַלשע מאַמען. פאַר וואָס האָט זי איר גאָר ניט דערציילט ביז איצט? פאַר וואָס טראָגט זי עס ארום ווי אַ סוד? פאַר וואָס האָט זי גערעדט וועגן דעם אזוי הויך און פריי צו איר אַמאָ־ליקע חברטע? זי האָט דערפילט ווי טרערן שטיקן איר, און א מינוט שפּעטער איז דער קישן אונטער איר נאָס געווען פון וויינען.

גראָדע איז אָנגעקומען די דינסט און איר מאַמע האָט זיך געזעגנט מיט דער חברטע און זיי האָבן אָפּגעמאַכט זיך ווידער צו טרעפן. די טאָכטער האָט זיך קוים דערוואַרט זי זאָל ארויסגיין. און ווי נאָר יענע האָט פאַרמאַכט די טיר, איז זי ארויסגעלאָפן פון צימער:

— איך ווייס שוין: איך בין ניט דיין קינד. מיין מאַמע לעבט.

די מאַמע איז בלאַס געוואָרן און זיך אַראָפּגעלאָזן. זי האָט געחלשט. די דינסט האָט איר געמינטערט, נאָר דער טאָכטער האָט עס ניט געאַרט. זאָל זי ליידן, ווי זי ליידט.

ווען די מאַמע איז געקומען צו זיך, האָט זי מיט אַ שוואַך קול געזאָגט:

— כ׳וועל דיר אַלץ דערקלערן, וועסטו זען אז איך בין גערעכט און טו ריכטיק.

— ניין, ביסט אַ ליגנערקע, אַ פאַלשע מאַמע, איך וויל ניט הערן מער. לאָז מיר גיין.

— ווו ווערסטו גיין? כ׳ווייס אז דו ווערסט חרטה האָבן.

— איך וויל גיין צו מיין אמתער מאַמען. גיב מיר איר אַדרעס. און אויב דו ווערסט מיר ניט געבן, וועל איך סיי ווי אויסגעפינען. — האָט די טאָכטער געפייערט.

די מאַמע האָט מיט מאַטערניש ארויסגעבראַכט די ווערטער. טרערן האָבן געראָנען איבער אירע באַקן:

— קינד, פאַרשטיי וואָס דו טוסט. צעברעך ניט מיין האַרץ... נאָך אַ מאָל...

— מיך אַרט ניט, קענסט ליידן. איך גיי טאַקע די מינוט געפינען מיין מאַמען. כ׳וויל ניט האָבן אַ פרעמדע מאַמען.

— שריי ניט, קינד. דיין גיין וועט זיין אַ פעלער, דער גרעסטער פעלער. האָסטו מיר ניט ליב?

— ניין, כ׳וויל ליבן נאָר מיין אמתע מאַמען, ניט קיין פרעמדע, ניט קיין פאַלשע! — האָט די טאָכטער געשריען צו דער מאַמען און הנאה געהאַט, וואָס זי דרייט זיך אין ווייטיק.

— בין איך ניט גוט געווען צו דיר?

— אַן אמתע מאַמע איז בעסער.

— ווערסט זיך אַנטוישן. אַ מאָל איז פונקט פאַרקערט ווי דו מיינסט.

— ניין, ווילסט מיך אָפּנאַרן, ווי דו האָסט געטאָן די גאַנצע צייט. איך וועל גיין אויפזוכן מיין אמתע מאַמען.

— גיי ניט זוכן דיין מאַמען! — האָט זי שאַרף און מיט וואָרענונג געזאָגט.

— קען זיין זי האָט שוין חתונה געהאַט און ניט דערציילט דעם מאַן אז זי האָט געהאַט אַ קינד, און דאָס וועט צעשטערן איר לעבן. און אפשר לעבט זי גאָר ניט.

— מיין מאַמע לעבט און כ׳וועל איר אויפזוכן.

— צעברעך ניט מיין לעבן און דיין לעבן. — האָט איר די מאַמע ארומגענומען די פיס.

ס׳האָט איר ניט גערירט דער מאַמעס טרערן, ניט איר בעטן זיך. זי האָט אַ ריס געטאָן די פיס פון דער מאַמעס הענט און אריין צו זיך אין צימער. דאָרט האָט זי ארויסגענומען איר ביסל טאַשנגעלט, וואָס זי פלעגט האַלטן פאַר נאַשערייען, פאַר זיך און די חברטעס, און פון דעם פלעגט זי אויך אָנקלייבן פאַר אַ מתנה פאַר דער מאַמען צו איר געבורטסטאָג. זי האָט מער גאָר ניט גענומען. זי האָט צוגעוואָרפן דער מאַמען, מיט אַ שטאָך:

— איצט גיי איך און וויל דיר מער ניט זען.

— וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן מיט דיר, מיין קינד, — האָט די מאַמע מאָדנע רואיק געזאָגט, — זאָלסטו וויסן זיין אז איך בין דיין מאַמע, און דו מיין קינד, און דאָ איז דיין היים. און ווי נאָר דו וועסט קומען צוריק, וועל איך דיר נאָך מער ליב האָבן.

— איך וועל קיין מאָל מער ניט קומען צוריק, — האָט זי אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און ארויס. זי האָט נאָך באַמערקט, ווי די מאַמע האָט געפּרוווט אַ לויף טאָן צו דער טיר און האָט געהאַלטן ביים פאַלן. די דינסט האָט איר אונטערגעכאַפּט.

.2

די טאַכטער איז אַוועק גלייך צום קינדערהיים, בעטן דעם אַדרעס פון איר אמתער מאַמען. זיי האָבן געהאַט אַ פאַראָרדענונג, אז אַ קינד קומט בעטן דעם אַדרעס פון אַ מאַמען, מוז מען עס אים געבן. אָבער זיי האָבן איר געראַטן ניט צו גיין. מ׳האָט איר געזאָגט, אז איר וועט פאַרדריסן וואָס זי גייט, פונקט ווי איר מאַמע האָט איר געזאָגט.

— דו האָסט אַ גוטע היים, שוין אַ צו גוטע, פאָלג אונדז און גיי ניט.

זי האָט ניט געפאָלגט. אפשר האָבן זיי זיך צוגעפּערעדט, האָט זי גע־טראַכט. זי האָט גענומען אַ טאַקסי. זיי זיינען זייער ווייט געפאָרן, אויסערן שטאָט. דער שאָפער האָט פּלוצלינג אָפּגעשטעלט די טאַקסי און איר געפרעגט וויפל געלט זי האָט. ער האָט שוין אויף זיין ציילער אַ גרויסע סומע. די סומע איז געווען כמעט גאָר דאָס געלט, וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך.

זי איז אַראָפּ, אָבער זי האָט נאָך געהאַט אַ ווייטע שטיק וועג צו גיין צופוס. זי איז ניט געווען איינגעוווינט אזוי פיל צו גיין און זי האָט זיך קוים געשלעפּט. עס האָט איר אָבער ניט פאַרדראָסן.

די זון האָט זיך ארונטערגעלאָזן צום האָריזאָנט און אָנגעהויבן פאַרשווינדן. ס׳איז געוואָרן קיל. דער הימל איז אַלץ מער טונקעלער געוואָרן.

ווען זי איז צוגעגאַנגען צום פּלאַץ, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט אויפן אַד־רעס, איז שוין געווען אָוונט. דער קוואַרטאַל איז געווען דער ווייטסטער פון שטאָט און דער אָרעמסטער. ס׳איז איר איצט קאַלט געוואָרן. אָבער קיין זאַך האָט איר ניט געאַרט, אַבי זי וועט זען איר אמתע מאַמען.

דער אַדרעס האָט געשטימט. זי האָט אָנגעהויבן קלעטערן אויף צעבראָ־כענע, צעדרייטע טרעפּ. די וועגט זיינען געווען שמוציק און אָפּגעקראָכן. אַ האַלב־פינצטער לעמפּל האָט, פון אויבן, קוים געגעבן ליכט.

זי איז קוים דערקראָכן צום פינפטן שטאָק, ווו זי האָט געפונען דעם אָפּגע־

ריבענעם נומער פון דער וווינונג. קיין גלעקל ביי דער טיר איז ניט געווען. דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט שטאַרקער, ווי זי האָט געקלאַפּט אין טיר. זי האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון זיך שלעפּן אויף די טרעפּ.

ס'האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז די טיר האָט זיך געעפנט.

— וועמען זוכסטו? — האָט זי געהערט אַ הייזעריקע און האַרטע שטימע.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַ פרוי, מיט אַן אַנגעשמירטן פּנים, מיט פאַרבפּלעקן, און אַ סיגאַרעט אין מויל. זי איז צעטומלט געוואָרן און געמיינט, אַז דער אַדרעס איז פאַלש. די פרוי מיטן הייכן פריזור פון געלע האָר, האָט פּלוצלינג געזאָגט:

— איך ווייס וועמען דו זוכסט...

— איך זוך מיין מאַמען, — האָט זי זיך געאײַלט צו ענטפערן, — מיין אמתע מאַמען.

— איך בין דיין מאַמע, — האָט די מאָדנע פרוי געזאָגט.

— אזוי?.. — האָט דאָס מיידל זיך געוווּנדערט און דערפילט ווי די פּיס ווערן איר שוואַך און אין די אויגן שווינדלט איר.

— און ווו האָסטו גענומען דעם אַדרעס? — האָט די פרוי געפרעגט, פאַר־ציִענדיק דעם רויך פון סיגאַרעט, — האָסט אויסגעפונען, האַ?.. — האָט זי קוים אַ שמייכל געטאָן.

איר האָט אָפּגענומען דאָס לשון און זי האָט ניט געקענט ענטפערן.

— נאָך וואָס ביסטו דאָ געקומען? איך האָב ניט קיין פּלאַץ פאַר דיר! — האָט די מאַמע מיט אַ פרעמד־קאַלטער שטימע געזאָגט.

— אָבער... — האָט דאָס מיידל קוים ארויסגעבראַכט דאָס וואָרט און זיך פאַרהאַקט.

— אָן אָבער! — האָט די פרוי פאַרקוועטשט אַן אויג, צוליבן רויך פון סיגאַרעט. זי האָט אויסגעזונען שרעקלעך אָפּשטויסנדיק. — נו, קום שוין אריין. זיץ. פאַר וואָס האָסטו פאַרלאָזן דיין רייכע היים מיט דיין גוטער מאַמען? האָט זי דיר מער ניט ליב?

— איך האָב געמיינט... — האָט זי ווידער אָנגעהויבן און גלייך אָפּגעהאַקט.

— אויב דו האָסט געמיינט האָסטו אַ טעות געהאַט...

זי האָט זיך דערמאָנט אָן יענער מאַמעס רייד. זי האָט געמאַכט אַ טעות. זי האָט געקוקט אויף דער פרוי און מיט ציטערניש געטראַכט: ס'איז ניט איר מאַמע. זי האָט מיט אַ פּאָר שעה צוריק נאָך געטראַכט, אַז איר אמתע מאַמע וועט זיך ארומכאַפּן מיט איר, זי קושן און זיך פרייען וואָס זי איז געקומען. אַנשטאָט דעם האָט זי קאַלט געפרעגט:

— וואָלסטו איצט געקענט געפינען דעם וועג צוריק? דאַרפסט גיין אַהיים.

דאָס מיידל האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט ארויסצופּלאַצן מיט אַ געוויין. די פרוי האָט ארויפגעשטעלט אויפן נאַקעטן טיש אַ ליימענע שיסל מיט פאַר־קילטן געקעכטס:

— נאַ, עס, ביסט דאָך הונגעריק. בעסערס האָב איך ניט.

זי איז טאַקע געווען הונגעריק, אָבער צום עסן האָט זי זיך ניט צוגערירט. די פרוי האָט איר אַ צווייטן מאָל ניט געבעטן. זי האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ קאַנאַפּע ביי דער וואַנט און געזאָגט:

— דאָ וועסטו שלאָפן, אויב דו ווילסט ניט ביי נאַכט גיין צוריק. אָט איז אַ קישעלע. קיין ליילעך האָב איך ניט. — און אָן אַ גוטע נאַכט איז זי ארויס פון צימער.

פון אַנדער צימער איז צו דעם מיידלס אויערן דערגאַנגען אַ געלעכטער פון מענער און דאָס קלינגען פון גלעזלעך. מ׳האָט געשריען און הייזעריק געזונגען.

*

זי האָט זיך ניט אויסגעטאָן און געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען די פרעמדע קאַלטע פרוי, וואָס איז איר אמתע מאַמע. און ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט זי זיך ארויסגעשאַרט שטילערהייט. זי האָט פאַרמאַכט די טיר און אָנגעהויבן לויפן פון די טרעפּ, ווי עמעצער וואָלט איר יאָגן. זי האָט קוים געהאַט אויף אַ בילעט מיט דער באַן, וואָס די אַרבעטער פאָרן אין דער פרי צו דער אַרבעט. איצט האָט זי געוווסט וואָס מיינט אַן אמתע מאַמע און אַ ליבע היים.

זי האָט זיך געשעמט ארויפצוגיין. מיט ציטעריקע קני איז זי געשטאַנען הינטער דער טיר. אָבער די מאַמע האָט שוין געהאַט דערפילט און איר אויפ־געעפנט. זי האָט זיך אין אירע אָרעמס געוואָרפן און געוויינט, געקושט זי און געבעטן אַנטשולדיקן פאַר די אומזיסטע ווייטאָקן, וואָס זי האָט איר פאַרשאַפט. די מאַמע האָט איר גאָר ניט געפרעגט, נאָר געווען גליקלעך זי צו האָבן צוריק. זי האָט איר געדריקט צו איר האַרצן:

— מיין טייער ליב קינד!

— מיין טייערע, ליבע, איבערגעגעבענע מאַמעלע. ניטאָ אזא ווי דו אויף דער וועלט.

איצטער האָט זי געוווסט, אז אַ מאַמע איז ניט די וואָס האָט געבאָרן דאָס קינד, נאָר די וואָס האָדעוועט אים, גיט אים אַ היים און מאַכט אים גליקלעך.

מיינע פריינד

— האַלאָ, האַלאָ! לאַנג אייך ניט געזען. ווו זייט איר פאַרפאַלן געווען?

— מיר זיינען ניט געווען פאַרפאַלן, אָבער ס'האָט געדויערט ביז מ'האָט זיך צוגעקליבן גיין.

— אָבער איר האָט אפילו ניט געלאָזט וויסן פון זיך. און כ'האַלט אייך פאַר מיינע בעסטע פריינד.

— יע, געוויס זיינען מיר אייערע פריינד, טייערע דבורהלע, און ווי נאָך!

— טאָ פאַר וואָס האָט איר זיך ניט געוויזן? פריינד דאַרפן קומען.

— נו, איר ווייסט דאָך, געווען פאַרנומען. שוין צו פיל פאַרנומען.

— און אז מ'איז פאַרנומען דאַרף מען פאַרגעסן וועגן משפחה? געהערט אַ ביסל.

— דער אמת איז אז מ'פאַרגעסט אַ מאָל. ס'טרעפט אז מ'פאַרגעסט אפילו וועגן זיך אליין.

— אַ ביסל געדענקען איז שטענדיק גוט. און וואָס אזוינס האָט פאַסירט?

— אָ, אַ גאַנצע געשיכטע. ס'איז צו פיל צו דערציילן. ס'טרעפט פשוט איין מאָל אין לעבן.

— אזוי גאָר. גוט צי שלעכט?

— פאַר וואָס חלילה שלעכט, דבורהלע? איר זייט דאָך עפּעס אַ קלוגע פרוי.

— און אז איך בין קלוג, קען איך ניט אַ מאָל פרעגן אַ נאַרישע פראַגע?

— ניט איר. אפשר קען עס פאַסירן מיט אייער שוועסטער.

— אָ ניין, מיין שוועסטער איז שוין גאָר ניט קיין נאַר. און פאַרגעסט ניט, אז זי איז אַ געלערנטע און אינטעליגענטע מיידל. און דערצו איז זי נאָך שטיל און באַשיידן.

— אָט טאַקע דערפאַר מיינען מיר, אז זי איז אַ נאַר...

— אַ שיינער נאַר, האַ? הלוואי האָב איך נאָך אַ טוץ אַזעלכע נאַרישע שוועסטער ווי בעטי איז.

— נו, טאַקע פאַר וואָס ניט? און מיט וואָס איז זי דאָס אזוי קלוג?

— שוין צוליב דעם אליין, וואָס מיין שוועסטער האָט ניט געוואָלט אייער ברודער.

— און אַט דערפֿאַר טאַקע זײַנען מיר געוועזן פֿאַרדרייט. און אונדז דוכט, אַז איר האָט עס אָנגעמאַכט די גאַנצע פֿאַרדרייעניש.

— איך פֿאַרשטיי ניט, פֿאַר וואָס עפּעס איך און וואָס האָט עס אַלץ צו טאָן מיט אונדזער פֿריינדשאַפֿט?

— און ווי האָט עס נאָך צו טאָן! נאָר איר מאַכט זיך עפּעס ניט וויסנדיק.

— כ'ווייס ניט פֿאַר וואָס האָט עס צו טאָן דווקא מיט מיר? זוכט זיך אויף אַנדערע.

— מיט אַנדערע האָט עס ניט צו טאָן, נאָר גראָדע מיט אײַך.

— מיט מיר?

— מיט אײַך, יע!

— טאָ זאָגט מיר טאַקע, אדרבא, וועגן וואָס גייט עס?

— וואָס עפּעס מאַכט איר זיך ניט וויסנדיק? צי ווייסט איר ניט, אַז אונדזער סאָלי איז פֿאַרליבט אין אײַער שוועסטער, בעטין?

— איז וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?

— ס'האָט שוין איינמאָל צו טאָן! ווײַל מיר פֿאַרשטייען איצט, אַז איר, דבורהלע, האָט עס צוגעהאָלפֿן עס זאָל ווערן אויס שידוך.

— וואָס פֿאַלט אײַך אײַן? אויב איר קענט זײַן מײַנע פֿריינד, קענט איר אויך זײַן מײַנע מחותנים.

— אוודאי קענען מיר, מיר ווייסן עס.

— איז אויב איר ווייסט, טאָ וואָס רעדט איר אַזוי וועגן מיר?

— ווײַל קיין פֿרעמדער האָט עס ניט געקענט טאָן.

— אָבער איך הער עס צום ערשטן מאָל. בעטי האָט מיר קיין מאָל ניט געזאָגט, אַז אײַער סאָלי קומט צו איר, ווײַל איר ארויסנעמען ערגעץ.

— ווי קומט עס אַז איר האָט עס אַליין ניט באַמערקט? אַז איר ווייסט ניט דערפֿון?

— אוודאי ווייס איך ניט. גאָר ניט! און איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַר וואָס מ'האָט אײַך ניט געזען ביי אונדז אַזוי לאַנג.

— אבי איר פֿאַרשטייט. ווייסט איר גאָרניט אַז סאָלי איז קראַנק?

— ווײ איז מיר! וואָס איז אים?

— דערשרעקט זיך ניט. ער איז קראַנק אויף ליבע — צוליב זײַן הייסער ליבע פֿאַר בעטין. און איצט זעט מען טאַקע, אַז בעטי איז די נאַר.

— פֿאַר וואָס איז זי די נאַר?

— ווײַל סאָלי איז אײַנגעאָרדנט. מיט געשעפֿטן. ער איז פֿאַרמעגלעך און איר וועט ניט פֿעלן קיין פֿויגלמילך אפֿילו.

— טאָ וואָס קען איך טאָן, אַז איר האַרץ ציט ניט צו אײַער ברודער.

— פֿונוואַנעט ווייסט איר עס אַזוי גוט, אַז זי וויל אים ניט?

— איר קענט דאָך אײַער אייגענעם ברודער, ווייסט איר עס מסתמא אַליין.

— נישקשה, זי וועט זיך צוגעוווינען. צו אַלץ געוווינט מען זיך צו.

— וואָס הייסט זיך צוגעוווינען? מ׳דאַרף דאָך לעבן צוזאַמען.

— לעבט מען. אַמאָל האָבן אויך יידן חתונה געהאַט און מ׳האָט געלעבט. מ׳האָט זיך צוגעוווינט.

— וואָס מיינט איר אַמאָל? עס איז ניט מער אַמאָליקע צייטן!

— אוודאי האָבן זיך די צייטן געביטן, אָבער מענטשן בייטן זיך ניט אַזוי גיך. און וואָס זיינען עס שלעכט געווען די אַמאָליקע צייטן?

— אָט וועל איך אייך גלייך זאָגן פֿאַרוואָס. ווייל אַמאָליקע צייטן האָט מען גענומען צוויי פֿרעמדע קינדער און זיי חתונה געמאַכט, דאָס האָבן אַלץ אָפּגע־מאַכט די עלטערן פֿון די קינדער צווישן זיך. און די קינדער האָבן אפילו ניט געוווּסט וואָס מ׳דאַרף טאָן, כדי צו ברענגען אַ נייעם דור אויף דער וועלט.

— אָבער וואָס רעדט איר, דבורהלע? דער משל פּאַסט זיך גאָר ניט פֿאַר בעטין מיט סאַלין. זיי לעבן אין אַ מאָדערנער צייט און זיינען הייניטיקע מענטשן.

— טאָ וואָס זאָל איך טאָן, אַז איר האַרץ ציט ניט צו אים.

— ווי קענט איר עס זאָגן? מיר ווייסן אַז סאַלי האָט איר האָלט. און זי אים — אויך.

— זאָרגט זיך ניט, ער וועט אַ צווייטע געפֿינען.

— וואָס רעדט איר, דבורהלע, ער וויל קיין אַנדערע ניט אָנקוקן.

— ער מעג עס טאָן. און דאָס וועט ניט קאַליע מאַכן אונדזער פֿריינדשאַפֿט — איר וועט נאָך אַלץ זיין מיינע פֿריינד.

— איז אויב איר רעדט טאַקע וועגן פֿריינדשאַפֿט, וואָלט געווען גוט אַז איר זאָלט עפּעס טאָן וועגן דעם.

— וואָס ווילט איר זאָל איך טאָן? כ׳זאָל בעטין אַ נייע נשמה אַריינזעצן? אָדער אפֿשר גאָר אַ נײַ האַרץ איר אַריינשטעלן? דאָס איז ניט מיין אַרבעט — בלויז פּראָפֿעסאָר באַרנאַרד קען עס טאָן.

— וואָס רעדט איר, דבורהלע? מיר בעטן אייך ניט בייטן ניט איר נשמה און ניט איר האַרץ. מער ניט, איר פֿאַרשטייט, מאַכט קיין שאָדן ניט. אַנשטאָט איר אָפּריידן, רעדט איר צו.

— וואָס, איך זאָל איר גאָר צוריידן חתונה צו האָבן מיט סאַלין? כ׳וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת: ווען איך בין אין בעטיס יאָרן, וואָלט איך אייער ברודער אפילו אָנקוקן ניט געוואָלט.

— פֿאַר וואָס עפּעס? וואָס איז מיט דיר אַזוי דער יחוס?

— כ'וועל אייך זאָגן פֿאַר וואָס — ווייל ער איז פֿאַר מיר צו שטיל, און פֿאַר בעטין — אוודאי.

— וואָס? צו שטיל איז אַ חסרון? און דערפֿאַר פּאַסט איר ניט זיך אומ־צוקוקן אויף אים?

— יע. און דערפֿאַר וויל איך אייך אויך מער ניט זען.

— שאַ, מיר זיינען נאָר געקומען ריידן מיט דיר.

— טאָ קומט ניט מער, כ'בעט אייך.

— וואָסי, דו ווילסט אונדז מער ניט זען?

— ניין, כ'נייטיק זיך ניט אין אַזוינע פריינד ווי איר.

— וואָס האָבן מיר דיר שלעכטס געטאָן? מ'טאָר גאָר מיט דיר אַ וואָרט ניט ריידן?

— ניין. און טראָגט זיך. שטייט דאָ ניט מער, ווי צעשראָקענע האָזן.

*

— האַלאָ, האַלאָ! וואָס, שוין ווידער?

— וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט, דבורהלע?

— אָ, דו גאָר, בעטי! אבי כ'האָב געמיינט ווידער זיי.

— ווער איז די זיי, דבורהלע?

— דאָ זיינען אָקערשט געווען אַלטער און שרה — סאָליס ברודער מיט זיין פרוי — און כ'בין גאָט צו דאַנקען, קוים פּטור געוואָרן פון זיי.

— פֿאַר וואָס עפּעס פּטור געוואָרן?

— ווייל זיי זיינען דאָ ניט לאַנג געווען.

— וואָס האָבן זיי געוואָלט?

— זיי האָבן געוואָלט ניט אַנדערש, אַז דו, בעטינקע, זאָלסט חתונה האָבן מיט סאָלין.

— איז וואָס האָסטו זיי געזאָגט?

— כ'האָב זיי געזאָגט, אַז מיין שוועסטער וויל ניט זיין ברודער און איר שוואָגער.

—ביסטו מסתמא ברוגז געוואָרן מיט זיי.

— יע, בעטי. צוליב דיר האָב איך עס געטאָן. וואָס זאָגסטו אויף זייער חוצפּה, האַ?

— פֿאַר וואָס עפּעס צוליב מיר, דבורהלע?

— ווייל זיי האָבן געוואָלט ניט אַנדערש, אַז איך זאָל דיר צוריידן חתונה

צו האָבן מיט דעם סאַלין — זיין ברודער. האָב איך זיי געזאָגט, אז ער געפעלט דיר ניט.

— און ווער האָט עס דיר געזאָגט, אז ער געפעלט מיר ניט?

— איך שטעל זיך פאָר — אז ער געפעלט מיר ניט, געפעלט ער מסתמא אויך דיר ניט.

— אַן איינפאַל פון אַ מענטשן! מיר קלייבן זיך דאָך חתונה האָבן אין גיכן. שוין אָפּגערעדט.

— אוי, ווי איז מיר! אַן אומגליק! וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן?

— פאַר וואָס? האָסט זיך מיט זיי צעקריגט?

— נאָך מער ווי צעקריגט. כ׳האָב זיי געהייסן זיך אָפּטראָגן. פשוט — ארויסגעוואָרפן.

— צוליב וואָס האָסטו עס געטאָן, איידער דו האָסט געפרעגט ביי מיר?

— כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת: אין הארצן האָב איך געבענקט נאָך זיי — פאַרט מיינע פריינד. נאָר ס׳האָט מיך פאַרדראָסן פאַר וואָס זיי זיינען אזוי לאַנג ניט געקומען. אָבער ווען זיי האָבן מיר דערקלערט נאָך וואָס זיי זיינען געקומען, האָב איך מיטאַמאָל ארויסגעפּלאַצט.

— אויב דו האָסט טענות פאַר וואָס זיי זיינען ניט געקומען די גאַנצע צייט, טאָ וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?

— ווייל זיי האָבן מיר געזאָגט נאָך וואָס זיי קומען — און דאָס האָט שוין יאָ געהאַט צו טאָן מיט דיר. און איך האָב דיר געוואָלט פאַרטיידיקן. זיך מיר געדוכט...

— אַ שיינע פאַרטיידיקונג האָסטו געפונען — ארויסטרייבן דיינע פריינד!

— ביסט גערעכט, בעטי, כ׳וועל זיך איצט שעמען פאַר זיי די אויגן צו ווייזן.

— כ׳האָב זיי געזאָגט, אז כ׳וואָלט אויך סאַלין ניט געוואָלט, ווען כ׳דאַרף חתונה האָבן.

— אָבער פאַר וואָס, דבורהלע? סאַלי איז אַ טייערער מענטש. אָט, ווען דו קענסט איצט זען אין טעלעפאָן מיין בריליאַנטענעם פאַרלאָבונג־רינג, וואָלסטו גאָר אַנדערש גערעדט.

— אוי, ווי איז מיר! איך האָב דאָ אַנגעמאַכט דעם ריכטיקן פּלאָנטער.

— און זייער אַ מיאוסן! און ס׳וועט זיין שווערלעך אויסצופּלאָנטערן. נאָר פאַרלאָז זיך אויף מיר — און דערפאַר טאַקע טעלעפאָניר איך דיר איצט. פון דיר זיינען זיי גלייך געקומען צולויפן אַהער, צו מיר. כ׳האָב גלייך אַלץ פאַר־

שטאַנען און אַלץ פאַרגלעט. און היינט אָונט קומען מיר אַלע פיר — מיין טייערער חתן, זיין ברודער אַלטער מיט שרהן און איך — צו דיר צו גאַסט.

— דאָס איז מיר שווער צו גלויבן. נאָך דעם ווי איך האָב זיי געהייסן אָפּטראָגן זיך, ווען זיי קומען צו מיר?

— ביסט גערעכט. נאָר איך האָב די גאַנצע זאַך איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ — אזוי אז זיי זיינען גאָר איצט צופרידן צו קומען צו דיר.

— ווי אזוי, בעטינקע?

— ווייל ס׳איז ארויסגעקומען, אז זיי גאָר האָבן דיר ארייגעבראַכט אין אַזאַ ביטערער שטימונג און דערפאַר זיינען זיי די שולדיקע, ווילן זיי קומען זיך אַנטשולדיקן פאַר דיר.

— אוי, וואָס פאַר אַ גוטע שוועסטער איך האָב. אָט שטעל איך זיך שוין אַלץ מאַכן און באַקן, אז איך זאָל אייך קענען אויפנעמען מיט כיבוד.

— אָ, גאָר פאַרגעסן: טו עס ניט! זיי האָבן געבעטן אז דו זאָלסט קיין זאַך ניט צוגרייטן. זיי ווילן אַלץ אריבערברענגען מיט זיך. האָסט פאַרשטאַנען?

— זיי זאָלן נאָר ניט פאַרגעסן.

— איך פאַרזיכער דיר. און אוודאי וועט עס שוין זיין אַן אויפנאַם־אָונט פאַר אונדז ביידן.

— וויל איך דיר איצטער בעטן אַנטשולדיקונג פאַר די צרות וואָס כ׳האָב אָנגעמאַכט, בעטינקע. און פאַראייגס וויל איך דיר זאָגן אַ מזל־טוב, אַ האַרציקן מזל־טוב דיר מיט סאַלין.

— אַ דאַנק, מיין טייערע שוועסטער דבורהלע. און זאָרג זיך ניט, ס׳וועט אַלץ רעכט ווערן.

— איך פריי זיך, וואָס דו האָסט מיר געהאָלפן ניט פאַרלירן מיינע אַלטע פריינד.

— און איצט זיינען זיי אויך דיינע נייע מחותנים — און ס׳מעג דיר אָנשטיין דער יחוס. און דו וועסט זיין איבערראַשט ווי זיי ווען דיר ארויפפאַלן קושן און נאָך בעטן ביי דיר אַנטשולדיקונג.

*

אין אָונט, ווען זיי זיינען אַלע געקומען צו מיר, ביז איך געווען אי צעטומלט און אי צופרידן. און ווען כ׳האָב זיי אָנגעקוקט, האָט מיר געפלאַמט דאָס פנים פאַר שאַנדע. עס איז אָבער ארויסגעקומען גוט, ווי זיי האָבן געוואָלט, און כ׳האָב דורך דעם צוריקגעפונען מיינע אַלטע פריינד. און אָנגעבראַכט האָבן זיי פון אַלדאָס גוטס אין דער וועלט. מ׳האָט געקענט מיינען, אז

דער חתן איז גאָר מיין ברודער, און די כלה זייער שוועסטער, לויט ווי עס פּירט זיך אין אַזעלכע זאַכן, איז עס געווען פּונקט פאַרקערט.

דעם ערשטן לחיים האָט מען געטרונקען פאַר חתן־כלה, אָבער גלייך נאָך דעם האָט מען אויסגעטרונקען פאַר מיין געזונט און מיר צוגעווונטשן אַלערליי ברכות. און אין עטלעכע מינוט בין איך שוין געווען צוריק אריינגעצויגן אין זייער קרייז, ווי כ׳וואָלט אריין אין אַ ניי לעבן. מיינע אַמאָליקע בעסטע פריינד זיינען געווען ארום מיר און כ׳בין ווידער גליקלעך געווען. און פון יענעם טאָג פלעגן זיי כסדר קומען צו מיר און מיין הויז איז אַלע מאָל געווען פול מיט משפחה און פריינד.

און כ׳האָב קיין מאָל ניט פאַרגעסן יענעם גליקלעכן טאָג, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָרן פון שלעכטס גוט. און אין מיין האַרצן האָב איך שטענדיק געטראָגן אַ דאַנק פאַר זיי דערפאַר. און דעמאָלט ערשט האָב איך געזען, ווי ריכטיק ס׳איז דער זאָג: שפּיי ניט אין דעם ברונעם פון וועלכן וועסט אליין אַ מאָל דאַרפן טרינקען.

דער אומגליקספּאַל

.1

דער אומגליקספּאַל מיטן אויטאָבוס, מיט שולקינדער, האָט פּאַסירט אין אָוונט, אָבער קיינער האָט ניט געוווּסט ווי און ווו און ווען. דעריבער האָבן זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט די פאַרשיידנסטע קלאַנגען, וואָס יעדער האָט איבער־דערציילט אַ ביסל אַנדערש און ס׳איז שווער געווען צו וויסן די אמתע פאַקטן. איין זאַך איז קלאָר געווען: ס׳איז געווען אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע, ווייל דורך די גאַסן האָבן געיאָגט מיט סירענע־אַלאַרם, וואָס האָט פאַרגרילצט די אויערן, די אַמבולאַנסן פון רויטן קרייץ איינער נאָך דעם אַנדערן.

אויף מאָרגן איז שוין געווען אין אַלע צייטונגען אַ פולער באַריכט מיטן בילד פון אויטאָבוס, וואָס זיין פאָדערשטער טייל איז געווען אין גאַנצן צע־קלאַפּט און שטיקלעך אייזן און שרויפן פון מאָטאָר האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער גאַס. דער באַריכט־שרייבער האָט מיט אַלע איינצלהייטן דערציילט די געשיכטע: אַ קלאַס דערוואַקסענע קינדער מיט זייערע לערערס האָבן זיך אומ־געקערט פון אַ שול־עקסקורסיע און ביים אריינפאָרן אין שטאָט האָבן זיי זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ 10 טאָניקן לאַסטוואָגן פול מיט זעק צעמענט. פון אונ־טער דעם איבערגעקערטן אויטאָבוס האָבן פייערלעשער געמוזט באַפרייען די פאַרוווּנדעטע. ס׳זיינען געווען דריי טויטע. די לייכט־פאַרוווּנדעטע האָבן פאַר־בייפאָרנדיקע פּריוואַטע אויטאָס גלייך אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, נאָר די מיט צע־בראָכענע גלידער און אָן באַוווּסטזיין האָט מען געמוזט וואַרטן אויף אַמבולאַנסן, און ביז דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן זיי אונטערזוכט און געגעבן איינשפּריצונגען. פּאָליציי זאָגט אַז דער שאָפער פון לאַסטוואָגן איז געווען שיכור. מאָרגן וועט ער קומען צום געריכט.

אויף אַן אַנדער אָרט אין צייטונג איז געווען אַ בילד פון שאָפער פון שול־אויטאָבוס: אַ שוואַרצער מיטליאָריקער פּעטער מאַן מיט טריבע אויגן און ווייס־מילכיקע ציינער. מ׳האָט אים באַשריבן מיט אַלע פּיטשעווקעס. ער האָט שוין געאַרבעט אין שול גאַנצע 20 יאָר און געקענט כמעט אַלע קינדער פון זייערע ערשטע שוליאָרן. ער האָט די קינדער זייער ליב געהאַט און ווען ער

וואָלט ניט דערהרגעט געוואָרן, וואָלט ער דעם אומגליקפאַל שווער איבער־געטראָגן. די קינדער פלעגן אים ברענגען מתנות און זיך טיילן מיט אים מיט זייער שפייז. ער פלעגט זאָגן, אז אַלע קינדער פון שול זיינען זיינע קינדער... עס זיינען אפילו געווען געבראַכט מיינונגען פון לעבנגעבליבענע קינדער וועגן אים.

אויף אַן אַנדער זייט איז געווען געבראַכט אַ באַשרייבונג פון די צוויי קינ־דער, וואָס זיינען אויף אַן אָרט געהרגעט געוואָרן, און אַ מין קורצע ביאָגראַ־פיע פון לערער וואָס איז אומגעקומען, מיט זייערע דריי בילדער. די גאַנצע צייטונג איז געווען פול מיט דעם אומגליקפאַל און אַלע אַנדערע נייעס איז געווען פאַררוקט אין אַ זייט.

אָבער איבער אַלע נייעס האָט זיך אויף דער ערשטער זייט פון צייטונג ארויסגעהויבן אַ גרויסער זעקס־שפּאַלטיקער איבערשריפט מיט ספּעציעל־פעטע אותיות: דאָס איינציקע קינד פון מיליאָנער כאַצקעלסאָן, בעלינקא, שווער פאַרווונדעט. דער באַריכט איז געווען אויסגערעכנט אויף סענסאַציע און רעק־לאַמע, אי אויפצוּוועקן דעם אינטערעס פון די לייענער און אי צו ווייזן אז די צייטונג איז גוט אינפאָרמירט, איבערהויפּט ביים אריינפלעכטן אַ פּאָר איני־טימע מאָמענטן פון לעבן פון די כאַצקעלסאָנס און באַזאַלצן עס מיט אַ פּאָר טראָפּן רכילות. אונטערן בילד פון זייער מיידעלע איז געווען באַשריבן ווי געראָטן זי איז אין אַלץ: טאַנצן, זינגען, מוזיק און לערנען, און צוליב עפּעס האָט דער באַריכטער ניט געזשאַלעוועט קיין לויבווערטער פאַר איר.

פון די כאַצקעלסאָנס איז געווען באַשריבן וועגן די צרות פון ניט האָבן קיין קינדער, אז מ׳איז אויסגעפאָרן צו אַלע באַרימטע דאָקטוירים און פּראָפע־סאָרן אין דער וועלט און ס׳האָט שוין באַלד געהאַלטן ביי אַ גט. מ׳האָט אפילו אָנגעוווּנקען ווער ס׳איז שולדיק אין ניט האָבן קינדער. אז דער מיליאָנער איז אויסגעגאַנגען פון ווייטיק צו האָבן אַ יורש — און ערשט נאָך פופצן יאָר איז געקומען בעלינקאַ. לויט דעם חשבון פון קאָרעספּאָנדענט האָט זיי דאָס קינד אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן, וואָס וואָלט גענוג געווען אויסצוהאָדעווען אין ווילטאָג אַ גאַנצן טוץ קינדער.

בעלינקאַן האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל אָן באַוווּסטזיין, מיט וווּנדן אויף די הענט און אויף די פיס. אָבער מער פון אַלץ איז איר פּנים געווען צע־קלאַפּט און געשוואָלן, אז מ׳האָט אפילו די אויגן ניט ארויסגעזען. די דאָקטוי־רים האָבן געזאָגט, אז די געפאַר איז נאָך ניט אַריבער, אָבער דערהויפּט האָבן זיי זיך געזאָרגט וועגן אירע אויגן. עס קען פּאַסירן, אז נאָך דעם ווי זי וועט זיך דורכראַנגלען מיטן לעבן זאָל זי בלייבן בלינד.

חוץ טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן פון איר בעט ניט אָפּגעטראָטן, האָבן דאָק־טוירים און ספּעציאַליסטן געהאַלטן אין איין קומען אין איר שפּיטאָל־צימער. מ׳האָט זיך באַראָטן און געזוכט מיטלען. די עלטערן זיינען אויפגעגעסן געוואָרן פון צער. זיי וואָלטן זייערע מיליאָנען אוועקגעגעבן, נאָר מ׳זאָל בעלינקאָן ראַ־טעווען. זיי האָבן געקוקט די דאָקטוירים אין מויל און געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט, אויף אַן אָנזאָג, אז זי ווערט געזונט. זיי וואָלטן זייער געזונט אָפּגעגעבן פאַר איר, אַ שטיק פון זייער לעבן.

די צייטונג האָט עטלעכע שעה שפּעטער ארויסגעגעבן אַ נייע אויפלאַגע. ביי די פאַרקויף־שטעלעס זיינען געשטאַנען לאַנגע רייען און מ׳האָט אין מינוטן אויסגעכאַפּט גאַנצע בערג צייטונגען, און גלייך אויף אַן אָרט געלייענט די טרויעריקע צוגאָב־נייעס.

א סך מענטשן האָבן ליב צו לייענען די דאָזיקע נייעס וועגן אומגליקפאַלן, וועגן פייער און מאָרד. איבערהויפּט אַז עס פּאַסירט פּלוצלינג און אומגאַטיר־לעך און דערביי זיינען נאָך פאַראַן שאַרף־עמאָציאָנעלע מאָמענטן, וועגן קינדער און יונגע מענטשן. עס רירט דאָס האַרץ. און אפשר איז דערביי דאָ אַן אַנדער אמת: דאָס געפיל אז אליין איז מען זיכער, געזונט, און די שרעק און די ווייטיקן זיינען יענעמס, וועמען דער שלימזל האָט אין אַן אומגליקלעכער מינוט גע־כאַפּט. אזוי זיינען מענטשן אומעטום.

האָט טאַקע די פּאַסירונג פאַרכאַפּט די שטאָט. אין אַלע הייזער איז מען געזעסן און באַהאַנדלט די טעמע, ארויסגעקוועטשט גאָר די ביטערקייט פון די שורות פון צייטונג. זיך דערוווּסט איינער פון אַנדערן מער איינצלהייטן. ביי־געריקע האָבן כסדר טעלעפאָנירט אין די רעדאַקציעס און באַקאַנטע — איינער צום אַנדערן.

ניט ווייניק מענטשן האָבן געקענט די פאַראומגליקטע משפּחות, אָבער אי־בערהויפּט האָט מען אַ סך גערעדט און זיך נאָכגעפרעגט וועגן די קליינע טאָכ־טער פון די כאַצקעלסאָנס. גאָר פיל האָבן געקענט דעם מאַן איידער ער האָט נאָך חתונה געהאַט. ווען ער איז געווען אַן אָרעם און נעבעכדיק ייִנגל, וואָס מיידלעך פּעלגן זיך אויף אים ניט אומקוקן. ער פּלעגט זיי ווען „ארויסנעמען״ מיט די לעצטע פּאָר אָרעמע גראָשנס, האָט מען געפּונען אַ תירוץ זיך ארויסצו־דרייען פון זיין געזעלשאַפט. אָבער ווי נאָר ער איז רייך געוואָרן, האָבן די אַלע וואָס האָבן אים פריער פאַרבראַקירט, אים אָנגעהויבן לעקן און שמעקן, נאָכלויפן נאָך אים. דעמאָלט האָט ער זיי שוין ניט געוואָלט קענען, ניט געקוקט אין זייער זייט.

אזוי איז אויך געווען מיט די אַלע וואָס האָבן אים ניט געוואָלט געבן אויף

באַרג אַ ביסן ברויט אפילו. זיי האָבן נאָך דעם געזוכט זיין נאָענטקייט, זיין שותפות, אז ער זאָל מיט זיי אריין אין האַנדל, אין אַ שמועס. און ער האָט זיי אַלעמען אָפּגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע — ניט געוואָלט וויסן פון זיי.

איצט האָבן די אַלע ניט־פאַרגינערס הנאה געהאַט, וואָס אזא אומגליק האָט אים פּאַסירט. ס׳איז געווען אַ מין נקמה פאַר דעם וואָס ער האָט זיך אָפּגערוקט פון זיי, פאַר זיין הצלחה, וואָס ער איז געשטיגן מיט צען שטאַפּלען העכער. מ׳האָט איצט צופרידענע געבענטשט אין זיינע צרות און דערוואַרט אז עפּעס זאָל מיטן קינד פּאַסירן.

דער מיליאָנער כאַצקעלסאָן האָט געוווסט די שלעכטס וואָס מענטשן האָבן אים געטאָן, ווען ער האָט געזוכט זייערע טובות, אָבער ער האָט זיך אפילו ניט געכאַפּט אז די זעלבע מענטשן פאַרגינען אים ניט נאָר דערפאַר וואָס ער איז פונקט ווי זיי געווען אָרעם, און געוואָרן מיט אַ מאָל דערפאָלגרייך. אויב זיי קענען ניט מאַכן ער זאָל פאַרלירן זיינע מיליאָנען, ווילן זיי כאָטש ער זאָל פאַר־לירן זיין קינד...

.2

אָבער עס זיינען אויך געווען גוטע פריינד, וואָס האָבן מיטגעליטן און ארומגעגאַנגען פאַרפינצטערט פון דעם אומגליק ביי די כאַצקעלסאָנס. איינע אזא איז געווען טאַמאַרא. זי האָט אים ניט פאַרגעסן און ניט מקנא געווען, כאָטש אזוי פיל יאָרן זיינען שוין פאַרלאָפן.

ער איז נאָך געווען אַן אָרעמער קאַוואַליער, ווען זיי האָבן זיך באַקענט. זי געדענקט גוט ווי ער האָט אָנגעהויבן קויפן „שערס״, ביליקע און ווייניק. ווי ער האָט מאַניפּולירט אויף דער בערזע, פאַרזיכטיק ספּעקולירט, אויסגערעכנט יעדע פּעני וואָס מ׳קען פאַרדינען אָדער פאַרלירן. מיט אַ מאָל האָבן זיינע „שערס״ אָנגעהויבן שטייגן — העכער, העכער, אזש דער קאָפּ האָט געשווינדלט. ער האָט אָנגעהויבן קויפן הייזער און לאַנד. צו ערשט אין קליינע חלקים, און שפּעטער אין גרויסע שטחים, גאַנצע פאַרעמס — און פּלוצעם איז געוואָרן אַ יקרות אויף יעדן שפּאַן ערד. די שטאָט האָט זיך געשפּרייט און מ׳האָט אָנגעצ־הויבן צאָלן אומדערהערטע פּרייזן. אַ שטיקל באָדן איז געוואָרן מיט גאָלד צו־גלייך. אין די בענק איז זיין חשבון געוואַקסן אין טויזנטער, הונדערטער טויזנער, מיליאָנען. פאַר טאַמאַראַס אויגן איז ער געוואָרן אַ מיליאָנער.

ער האָט מער קיינעם ניט געוואָלט קענען פון די נעכטיקע באַקאַנטע. איין אָמביציע איז ביי אים געווען: וואָס מערער געלט! ווערן וואָס רייכער! זאָלן

זיי אַלע זען און פּלאַצן פון קינאה. און אזוי איז עס טאַקע געווען. און די אַלע וואָס האָבן אים געקענט און פון וועמען ער איז אַוועק, האָבן איצט געמאָסטן די גרויס פון זיין אומגליק, ווי ווייט וועט עס גרייכן, פּונקט ווי זיי האָבן מיט יאָרן צוריק געמאָסטן די גרויס פון זיין רייכטום און פאַרריסן די קעפּ צו דער הייך פון זיינע הימלקראַצערס...

מיט זיין שטייגן ארויף האָט טאַמאַראַ געפילט ווי ער ווערט קאַלט צו איר. ס'האָט אים געצויגן צו געלט. און אויף אַ רייכע פּאַרטיע פון ביזנעסלייט האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ שיינע און זייער אַ רייכע מיידל, וואָס איז איצטער זיין פרוי.

בעלינקאַ, וואָס איז געקומען אזוי פיל יאָרן נאָך זייער חתונה, איז געווען זייער גרויס גליק. ביי יעדער געבורטסטאָג פאַרבעט מען טאַמאַראַן מיט איר מאַן צו זייער רייך הויז. טאַמאַראַס מאַן האָט אַ פאַבריק פון שפּילצייג. זיי האָבן דריי שיינע זין און אַ טאָכטער און לעבן רייך. זי האָט פון דאָס טייערסטע און בעסטע און זי ווייס, אז דער מאַן וואָלט דאָס טעלערל פון הימל פאַר איר אראָפּגענומען. איז זי אליין צופרידן און זי האָט קיין מאָל די כאַצקעלסאָנס ניט געוווּנטשן קיין שלעכטס. און איצט איז זי אין גאַנצן צערודערט פון אומגליק ביי די כאַצקעלסאָנס. זי טוט אין האַרצן תפילה אַז בעלינקאַ זאָל געזונט ווערן, און קלינגט יעדן טאָג אין שפּיטאָל זיך דערוויסן וואָס זי מאַכט.

— העלאָ, העלאָ! האָט טאַמאַראַ ווידער אויף מאָרגן טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל. — שוועסטער! איר זייט דאָס, שוועסטער? וואָס? איר דערקענט שוין מיין שטימע? יאָ, אוודאי וויל איך הערן ווי איר גייט. איר קענט עס ניט ענדערן, שוועסטער, נאָר כ'וויל אַלץ הערן.

די שוועסטער האָט געפילט, אז די פרוי איז פאַראינטערעסירט מיטן גאַנצן האַרצן אין דעם קינד און וויל עס זאָל געזונט ווערן. אָבער זי האָט צום באַדויערן איר ניט געהאַט צו זאָגן עפּעס וועגן בעסערונג, נאָר געטרייסט זי אז מ'דאַרף האָפן. ס'קען פלוצלינג קומען אַן איבערגאַנג צום בעסערן, אזוי זאָגן די דאָקטוירים. אויב זי זאָל אָבער לעבן בלייבן מיט צעדרייטע הענט און פיס און נאָך בלינד דערצו, וועט עס זיין אַ טראַגעדיע פאַר איר און די עלטערן. אויף אַ פראַגע פון טאַמאַראַן איז געקומען דער ענטפער:

— די מוטער האַלט אין איין חלשן. מ'האָט איר געמוזט צולאָזן אַ קוק טאָן וואָס די דאָקטוירים טוען, און פון דעם מאָמענט איז זי אליין קראַנק געוואָרן. אַ ביטערער רחמנות.

— שוועסטער, אויב איר וועט האָבן גוטע נייעס טעלעפאָנירט מיר גלייך. איר האָט דאָך מיין טעלעפאָן. כ'וועל עס אייך תמיד געדענקען.

טאַמאַראַ האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און געבליבן זיצן אַ טרויעריקע און צעבראָכענע. זי האָט דערפילט טרערן אין די אויגן און געטראַכט, אז די עלטערן מסתמא וויינען טאָג און נאַכט.

פופצן יאָר איז שוין ניט קיין קינד, און ביז זי איז געקומען האָט אויך געדויערט פופצן יאָר. איז שוין דרייסיק יאָר ווי זיי האָבן חתונה געהאַט. דרייסיק יאָר! האָט טאַמאַראַ כמעט אויסגעשריען, ווי זי וואָלט זיך אליין געוואונדערט ווי די צייט לויפט. אירע קינדער זיינען דאָך שוין אויך איבער 20. אַט גרייט מען זיך צו דער חתונה פון זייער עלטסטער טאָכטער. זיינען מיר דאָך עלטער געוואָרן. אזוי פיל יאָרן אַוועק. און די כאַצקעלסאָנס זיינען שוין אויך אַלט.

ווען זי האָט זיי צום לעצטן מאָל געזען אויף בעלינקאָס געבורטסטאָג האָבן זיי אויסגעזען יונג און מונטער. דאָס קען אַ מאָל זייערע יאָרן פאַרקירצן, אויב עס זאָל ניט קומען קיין ענדערונג אין בעלינקאָס געזונט־צושטאַנד. און זייערע שונאים וואַרטן אויף אַ נקמה, כאָטש דאָס קינד האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. און ער אליין, כאַצקעלסאָן, האָט דאָך אין דער אמתן אויך ניט בייז געטאָן קיינעם. ער האָט נאָר געטאָן דאָס, וואָס מ׳האָט אים געטאָן — ניט געטאָן קיין טובות די וואָס האָבן אים ניט געוואָלט קענען אין די אָרעמע יאָרן. איז דערפאַר קומט אים אַזאַ שטראָף? אָט בין איך גליקלעך — האָט זי געטראַכט וועגן זיך — כאָטש ער האָט מיך אויף געלאָזט אויף גאָטס באַראָט און אַוועק זוכן אַ רייכערע. אָבער יעדער האָט זיין מזל! אוי, גאָט, האָב רחמנות אויף בעלינקאָן! האָט זי געבעטן.

.3

טאַמאַראַ גייט ארום מיט אַ פאַרדרוס אין האַרצן. זי ווייס נאָך אַ סיבה פאַר וואָס זי איז אזוי שטאַרק באַנומען מיטן גורל פון בעלינקאָן: איר זון, וואָס וועט באַלד ווערן זיבעצן איז ניט אין גאַנצן גלייכגילטיק צו איר. זי פילט אז ער גייט אויך ארום אַ פאַראומערטער און האַלט אין איין קוקן אין די צייטונגען. ער האָט איר שוין אפילו געפרעגט, וואָס האָט זי געהערט פון שפּיטאָל און ווי איז די מיינונג פון דאָקטוירים. זי האָט אים געזאָגט דעם אמת, אז בעלינקאָ איז זייער קראַנק און מ׳דאַרף פאַר איר תפילה טאָן.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט איר זון גענומען בעלינקאָן דעם ערשטן מאָל אויף אַ טאַנצבאַל. ער האָט איר געזאָלט ברענגען אַהיים ניט שפּעטער ווי צוועלף. דאָס איז שוין געווען מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון די כאַצקעלסאָנס. כאָטש זיי האָבן עס ניט געוואָלט, נאָר די טאָכ־

טער האָט קוים עס אויסגעווײנט. זײ װײסן אַז איר זון איז פֿאַראַנטוואָרטלעך און שטאַרק פּינקטלעך. נאָר עפּעס האָט פּאַסירט און דער שאָפֿער איז ניט געקומען צו דער צײַט. און דאָ איז שוין פֿינף נאָך צוועלף. פֿאַרשטײט זיך אַז זי אַלײן, טאַמאַראַ, איז שוין אויך געוואָרן אומרואיק. נאָר איר מאַן האָט שטאַרקע נערוון, האָט ער זי געטרײסט, אַז דער זון איז מסתמא געבליבן פּאַר אַ װײלע בײַ די כאַצקעלסאָנס. און דאָ איז שוין אַריבער פּופֿצן מינוט, שוין באַלד צוואַנציק מינוט נאָך צוועלף. און מיט אַ מאָל האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפֿאָן, האָט עס איר אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן און זי איז װי אַ װילדע צוגעלאָפֿן צום אַפּאַראַט.

— זײַנען אפֿשר די קינדער אַ מאָל בײַ אײַך, טאַמאַראַ. מיר װײסן ניט װאָס איבערצוטראַכטן, װאָס עס האָט פּאַסירט? — האָט פֿרוי כאַצקעלסאָן מיט קוים־באַהערשטע נערוון געפֿרעגט.

— נײן, די קינדער װעלן מסתמא גלײַך קומען צו אײַך. אויך מיר זײַנען אומרואיק. — האָט טאַמאַראַ געענטפֿערט אײַנגעהאַלטן. מ׳דאַרף ניט איבערטראַכטן, באַרישקײטן.

— און מיר פֿאַלט דאָס האַרץ אײן יעדע מינוט. װײסט דאָך...

טאַמאַראַ געדענקט נאָך יענעם מאָדנעם קלאַנג, װאָס עס האָט געהאַט דער „װײסט דאָך" פֿון פֿרוי כאַצקעלסאָן. אין די צװײ װערטער איז געלעגן די גאַנצע היסטאָריע פֿון זײער בעלינקאָן. דאָס האָט געזאָלט מײנען: װער נאָך װי איר װײסט װי מיר האָבן זי דערוואַרט ביז זי איז אונדז געשענקט געוואָרן. און איצט דאַרפֿן מיר זי היטן, היטן װי דאָס אויג אין קאָפּ.

אָבער ניט נאָר טאַמאַראַ האָט עס געוווּסט, נאָר די גאַנצע שטאָט, דאָס לאַנד, אַלע האָבן געוווּסט מיט װאָס פֿאַראַ ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט און פֿאַרזיכטיקייט בעלינקאַ װערט דערצויגן און אויפֿגעהיט. אין אַלע זשורנאַלן זײַנען שוין געווען אירע בילדער, און באַשרײַבונגען װעגן די כאַצקעלסאָנס.

בעלינקאָס לאַגע האָט זיך געוואַקלט צווישן לעבן און טויט, צווישן בלינד בלײַבן און זען. און בעת די באַריכטן װעגן צושטאַנד פֿון די אַנדערע פּאַרוווּנדעטע זײַנען קירצער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג, זײַנען די באַריכטן פֿון בעלינקאָס געזונט־צושטאַנד אַלץ לענגער געוואָרן, מיט מײנונגען פֿון ספּעציאַליסטן, װאָס האָבן איר באַהאַנדלט.

די כאַצקעלסאָנס האָבן אין די צײַטונגען ניט אַרײַנגעקוקט און די באַריכטן האָבן זיך ניט אָפּגעהאַלטן פֿון שילדערן װי פֿרוי כאַצקעלסאָן איז צוזאַמענגעבראָכן און דער זשורנאַליסט האָט אַפֿילו געפּרוּווט טרעפֿן זײערע שטימונגען. אַ צװײטער האָט אַפֿילו צוזאַמענגעקליבן קאָמישע אַנעקדאָטן װעגן אומגעלומ־

פּערטע אָפּעראַציעס, וואָס גרויסע דאָקטוירים האָבן אין פאַרשיידענע לענדער געמאַכט און עס ווי ניט איז פאַרבונדן מיט די כאַצקעלסאָנס. אזוי האָט ער דער־ציילט אַ גאַנצע געשיכטע, ווי מ׳האָט אונטער אַ שלאָף־געטראַנק ארונטערגעזעגט ביי אַ פרוי אַ געזונטן פוס אַנשטאָט אַ קראַנקן. און דעמאָלט איז געקומען אַ צווייטע ווערסיע, אז ארונטערגעשניטן האָט מען גאָר אַ הילצערנעם פוס. און אַ צווייטע מעשה פון אַ פרוי, וואָס איז געקומען אויסגעפינען אין שפּיטאָל וועגן איר שוואַנגערשאַפט, אין וועלכן מאָנאַט זי איז, האָט איר דער דאָקטער אַנגענו־מען פאַר אַ צווייטער פרוי, ווען מ׳האָט געדאַרפט מאַכן אַן אַבאָרט — און אַנשטאָט איר אונטערזוכן האָט ער גלייך אויסגעפירט די אָפּעראַציע.

די דאָזיקע געשיכטעס זיינען געווען ניט אין גוטן געשמאַק פון די מער אינטעליגענטע לייענער און פיל בריוו מיט פּראָטעסטן זיינען אַנגעקומען אין רעדאַקציע. אויך טאַמאַראַ האָט געשריבן אַ בריוו מיט פאַרוווּרפן צום רעדאַק־טאָר פאַר דערלאָזן צו שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן פון איינעם פון די פּראָמי־נענטסטע בירגער פון דער שטאָט. זי האָט געזאָגט, אז אַן ערנסטע פּרעסע טאָר ניט אויסנוצן די נידעריקע און פּרימיטיווע געפילן פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס מאַכן פאַרזעגלעכע חשבונות פון אַ מענטשנס אומבאַשרייבלעכער טראַגעדיע. אירע רייד האָבן שטאַרק געווירקט און פיל טעלעפאָן־אָפּרופן זיינען דעם זעלבן טאָג אַנגעקומען אין רעדאַקציע, אויף מאָרגן האָט דער רעדאַקטאָר זיך אַנט־שולדיקט, אונטערשטרייכנדיק אז יעדער זשורנאַליסט קען פריי שרייבן און ס׳וואָלט ניט געווען אין דעמאָקראַטישן גייסט זיי צו צענזורירן.

.4

אויף מאָכן די גרעסטע אויגן־אָפּעראַציע אין דעם לאַנד האָט כאַצקעלסאָן ארויסגערופן אַ גרויסן פּראָפעסאָר מיט אַ וועלטנאָמען. אזא ידיעה איז געקומען אין צייטונג אַ געוויסן טאָג. בעלינקאָ האָט אַנגעהויבן כאַוויזן סימנים פון קו־מען צו זיך און די האָפענונג אויף געזונט ווערן איז געוואַקסן. טאַמאַראַ האָט זיך געפרייט מיט די נייעס און אויסגעשפּרייט די צייטונג, אז דער זון זאָל עס גלייך באַמערקן.

פון דעם טאָג האָבן זיך די פּאַסירונגען גיך אַנטוויקלט. איצט האָט טאַמאַראַ געמוזט טעלעפאָנירן אָפטער אין שפּיטאָל. אויך די כאַצקעלסאָנס זיינען גע־וואָרן דערמונטערט און צוריק געפונען זייער גלויבן אין בעלינקאָס געזונט ווערן. זיי האָבן שוין זיך געטראָפן מיט גוטע פריינד און פאַמיליע, צווישן זיי

איז אויך געווען טאַמאַראַ מיט איר מאַן. אַ צווייטן מאָל איז אויך מיטגעקומען דער זון. ער האָט מיטגעבראַכט אַ בוקעט פון ראָזעס און געבעטן עס אוועקשטעלן אין איר צימער.

דער פּראָפעסאָר פון אויסלאַנד איז געקומען. ער האָט בעלינקאַן אונטערזוכט און ער האָט די עלטערן געגעבן גרויסע האָפענונגען אויף אַ פּאָזיטיוון אויסגאַנג. ער האָט אָבער אַ טאָג נאָך איר אָפּעראַציע געדאַרפט אָפּפירן נאָך אַ יינגל פון דעם זעלבן אומגליקפאַל.

איבערהויפּט האָט מען די פאַרוואונדעטע קינדער און לערער באַהאַנדלט מיט די בעסטע מיטלען און קיין מעדיקאַמענטן זיינען ניט געווען צו טייער פאַר זיי. מ׳האָט באַשטעלט די נייסטע מעדיצין פון אויסלאַנד און עס געבראַכט מיט אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן. דער פּראָפעסאָר האָט אויך ארויסגעפּאָדערט נאָך אַ באַקאַנטן אויגן כירורג, ווי אַ קאָנסולטאַנט און אַסיסטענט. צום סוף איז די אָפּעראַציע געמאַכט געוואָרן. דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט, אַז ס׳איז געלונגען און מ׳דאַרף נאָר וואַרטן צוויי וואָכן ביז די ענדגילטיקע רעזולטאַטן וועלן זיך ווייזן.

*

בעלינקאַ האָט אָנגעהויבן זיך דערהאָלן. פון טאָג צו טאָג האָט זיך איר געזונט געבעסערט. די פּלוצלינגדיקע ענדערונג וואָס דאָקטוירים האָבן פאָרויסגעזאָגט, איז טאַקע געקומען. אַז מ׳האָט צוויי וואָכן שפּעטער אראָפּגענומען די באַנדאַזשן פון אירע אויגן, האָט זי צו ערשט געזען ליכט און שאָטן. אָבער מיט יעדן טאָג האָט זי אָנגעהויבן זען אַלץ בעסער, און אַלעמען דערקענט.

דעמאָלט האָבן דאָקטוירים דערלויבט צו קומען פריינד אויף קורצע באַזוכן. טאַמאַראַ און דער זון זיינען געווען פון די ערשטע באַזוכערס. זיי האָבןביידע איר געקושט. טאַמאַראַ האָט באַמערקט טרערן אין בעלינקאַס אויגן.

— וויין ניט, קינד, — האָט טאַמאַראַ צאַרט געזאָגט. און זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זון. אויך אין זיינע אויגן זיינען געווען טרערן. טרערן פון פרייד...

— בעלינקאַ איז געזונט! בלויז די דריי ווערטער האָט כאַצקעלסאָן געזאָגט פאַר דער פרעסע דריי חדשים שפּעטער.

אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך דערוווסט, אַז כאַצקעלסאָן האָט באַצאָלט פאַר היילן אַלע פאַרוואונדעטע קינדער און זייערע שפּיטאָל־הוצאות. חוץ דעם האָט ער צוגעזאָגט צו שטיצן די קינדער וואָס זיינען געבליבן אינוואַלידן. און דאָס האָט זיינע שונאים נאָך מער פאַרדראָסן.

דער פֿאַרשטערטער שבת

.1

— נו, ריוועלע, גיכער! ווו זײַנען די שוועבעלעך? כ׳דאַרף בענטשן ליכט.

— כ׳האָב אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, לעבן די לײַכטער, מאַמע.

— אַזוי איז גוט, מײַן קינד. האָסטו שוין אַלץ צוגעגרייט ווי כ׳האָב דיר געהייסן?

— יע, מאַמע. כ׳וואַרט נאָר זאָלסט מיר זאָגן, ווי כ׳דאַרף עס טאָן.

— איין מינוט, ריוועלע, איך וועל נאָר ליכט בענטשן... איצט לייג אַוועק די צוויי חלות און פֿאַרדעק מיטן אויסגענייטן טישטעכל. די קאַראַפֿינקע ווײַן מיטן זילבערנעם בעכער שטעל אַוועק אַנטקעגן די חלות, פֿאַר קידוש. און אין מיטן טיש, לעבן די לײַכטער, שטעל אויס די אַלע פֿלעשלעך און גלעזלעך, וואָס מיר נוצן אויף שבת.

— אַזוי איז גוט, מאַמע?

— וואַרט אַ מינוט. האָסט דאָך פֿאַרגעסן די כריין. ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע עסט ניט קיין פֿיש אָן כריין.

— מאַמע, ביז דער טאַטע וועט קומען פֿון שול וועט אַלץ זײַן פֿאַרטיק.

— ווי איז מיר, די ליכט שטייען דאָך קרום. זעסט, זיי טריפֿן.

— איך האָב זיי אַוועקגעשטעלט גלײַך ,מאַמע. אפֿשר האָסטו זיי אַ שטופּ געטאָן.

— ניין, איך האָב זיי ניט גערירט. אָט וועל איך זיי אויסגלײַכן. זעסט, אַזוי דאַרף עס זײַן. און מ׳טאָר ניט טשעפּען די שבת־ליכט, איבערהויפּט ברענענדיקע.

— גוט, איך וועל זיי ניט אָנרירן, מאַמע.

— אָבער איך האָב זיי איצטער אויסגעגלײַכט. מוז איך נאָך אַ מאָל אויף זיי בענטשן. — אַ גוט שבת, מײַן קינד.

— אַ גוט שבת, מאַמע. איך פֿריי זיך אַז דו לערנסט מיר דאָס אַלץ.

— ביסט דאָך שוין אַ גרויסע מויד פֿון צען יאָר, דאַרפֿסטו עס קענען.

— און דער טאַטע וועט זיך אויך פֿרייען, אַז ער וועט זען אַז איך האָב דאָס געמאַכט.

— אודאי וועט ער זיך פרייען. און איצט, מיין קינד, וואַש זיך האַסטיק ארום און פאַרקאַם די האָר. און וועסט אָנטאָן דאָס ווייסע קליידעלע. באַלד וועט שוין דער טאַטע קומען פון דאַוונען. שמיר זיך נאָר ניט איין. איך וועל זיך דערווייל אויך איבערטאָן.

אז ריוועלע איז אַ ווײַלע שפּעטער געשטאַנען אַ שײַנענדיקע קעגן דער מאַמען, האָט די מאַמע אַנגעקוואָלן פון איר:

— אין אַ ווייס קליידעלע זעסטו אויס שיין, ווי אַ מלאכל. זאָלסט נאָר גע־זונט זיין!

— דו אויך, מאַמע, זעסט אויס שיין. דער ווייסער שאַל פּאַסט דיר זייער...

— אַ דאַנק, מיין קינד, איצטער ווייס איך וואָס מיר קליידט.

ריוועלע האָט ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. זי האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן. זי האָט געוווסט, אז אין דער צייט קומט דער טאַטע. די לעצטע פאַרשפּעטיקטע יידן זיינען געגאַנגען פון שול און עפּעס מאָדנע ארייַנגעקוקט צו ריוועלען אין פענצטער. זי איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, זיך צוגעטוליעט און געפרעגט:

— ווען וועט דער טאַטע קומען, שוין שפּעט. מ׳איז שוין געקומען פון שול...

— ער וועט גלייך קומען, ריוועלע. ס׳טרעפט אז מען פאַררעדט זיך נאָכן דאַוונען.

— מאַמע, מיין חברטע פריידעלע וועט באַלד קומען צו מיר. האָסט דאָך מיר דערלויבט...

— יע, יע, כ׳האָב דיר דערלויבט... — האָט די מאַמע נערוועז איבערגעחזרט אירע ווערטער. — דו הערסט גאָר ניט אז מ׳קלאַפּט אין טיר. גיי זע ווער דאָרטן איז, כ׳וועל נאָר אַ ביסל צוקאַמען מיינע צעפּודלטע האָר.

זי האָט געקוקט אין שפּיגל און הנאה געהאַט פון איר יונגקייט. ביי דער טיר האָט אַ מאַן גערעדט צו ריוועלען און זי האָט געטראַכט, מסתמא פרעגט ער זיך נאָך אויף אַ שכן, האָט ניט געטראָפן דעם ריכטיקן אַדרעס. נאָר אז זי האָט געהערט ווי ריוועלע פּלאַצט ארויס אין אַ געוויין און הייבט אָן שרייען: מיין טאַטע, מיין טאַטע! איז זי מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צוגעלאָפן צו דער אָפענער טיר, אין וועלכער ס׳איז געשטאַנען אַ פּאָליציסט.

זי האָט העפלעך אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט:

— צו אונדז? ווייזט נאָר דעם אַדרעס, — און זי האָט גענומען פון זיין האַנט דאָס פּאַפּירל, וואָס ער האָט געהאַלטן. — יע, ריכטיק, דאָס איז מיין מאַן. וואָס האָט פּאַסירט?

— ער איז געפאַלן אין אייער שול, גלייך נאָך דער תפילה. מ'האָט מיר ארויסגערופן און איך האָב פאַרשריבן זיין נאָמען. די יידן האָבן מיר געזאָגט.

— וואָס הייסט געפאַלן? — האָט די פרוי ניט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל איר זאָגן. — אָט לויף איך צו אַ דאָקטער! גלייך, די מינוט! — האָט זי צורעכט־געמאַכט די שאַל.

— שוין שפעט, מאַדאַם, — האָט ער שטיל געזאָגט. — ער איז געפאַלן טויט. באַלד וועט קומען דער אויטאָ פון דער גיכער הילף אים צונעמען, כדי די יידן זאָלן קענען מאָרגן רואיק דאַווענען.

דער פאָליציאַנט האָט עס אָפּגעזאָגט, ווי אַ ראַפּאָרט פאַר זיינעם אַן עלטסטן, סאַלוטירט און אַוועק מיט פאַמעלעכע טריט. זי איז געבליבן שטיין צעטומלט און נאָך אַלץ ניט קלאָר באַנומען די גאַנצע זאַך, נאָר ווען ריוועלע האָט גע־נומען יאָמערן:

— אוי, דער טאַטע וועט שוין מער ניט קומען... ער וועט מער ניט קומען!

ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אז דער פאָליציסט האָט גערעדט וועגן איר מאַן און זי האָט אָנגעהויבן מיטיאָמערן מיט איר קינד:

— ווי איז צו מיין לעבן, מיין מאַן!.. מיין טייערער מאַן... וויין ניט, ריוועלע, מיין קינד!.. עס קען ניט זיין! ער לעבט, דער טאַטע... ער וועט באַלד קומען פון שול.

— ניין, מאַמע, האָסט דאָך געהערט ווי דער פאָליציסט האָט געזאָגט: ער איז טויט. דער טאַטע איז טויט, מאַמעלע! דער טאַטע איז טויט! — האָט זי זיך אָנגעהאַלטן אָן דער מאַמען און ביטער געוויינט.

די מאַמע האָט איר געגלעט אויפן קעפּל און מיטגעוויינט:

— פינצטער איז געוואָרן מיין וועלט אין איין מינוט... — האָט זי געקלאָגט. — חושך איז געוואָרן די ליכטיקע ציכטיקע הויז... ווו איז גערעכטיקייט, גאָט?.. אַזאַ יונגן מענטשן האָסטו אַוועקגעריסן פון זיין ליבע היים, פון זיין גוטע פרוי און טייער קינד.

זיי זיינען געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר, פאַרמאַטערטע פון וויינען און טענהן. עס האָט זיך געדוכט אז אייביק וועלן זיי שוין דאָ בלייבן שטיין.

.2

נאָך אַן אייליקן אָפּעסן די שבתדיקע מאכלים, האָבן די שכנים זיך אָנגע־הויבן דערנענטערן מיט שטילע טריט און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ צו דער אָפענער טיר, ווו עס זיינען געשטאַנען די צוויי שאָטנס — פון דער מאַמען מיט

דער טאַכטער. ריוועלע האָט זיך געקלאַמערט אָן דער מאַמען און ביידע האָבן שטיל געכליפּעט.

די ערשטע שכנטע האָט זיך שטיל צוגעשאַרט צו די צוויי, פאַרזיכטיק ארויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויף דער פרויס פּלייצע, וואָס איז געווען ווי אַראָפּגענידערט פון דער טרויעריקער ידיעה. זי האָט איר גערופן ביים ערשטן נאָמען און גערעדט ליבלעך:

— חוה־לעבן, באַרואיקט אייך. צוליב אייער ריוועלען מוזט איר עס טאָן.

— אוי־ווײ איז מיר, — האָט זי שוין ניט געהאַט קיין כוח צו וויינען. — כ'וועל עס ניט אַריבערטראָגן. אַזאַ אומגליק אין מיטן ליכטיקן שבת, אַזאַ פינצטערניש!..

— קומט, איר קענט דאָ ניט אָפּשטיין אין דער אָפענער טיר אַ גאַנצן שבת. זעצט זיך אויף אַ שטול. רוט זיך אָפּ... — זי האָט מיט אַ מאַמיש האַנט איר געפירט אינעווייניק, אין צימער. אַלץ איז געשטאַנען אויפן טיש ניט גערירט. די ליכט האָבן פייערלעך געברענט.

זי האָט זיך געלאָזט פירן אָן איר אייגענעם ווילן. ריוועלע האָט זיך מיט־געשלעפּט. — איר זייט עס, לאה, טייערע. וואָס זאָגט איר אויף מיין אומגליק? אונדזער ברויטגעבער. אַזאַ גוטער געווען. שטענדיק מיט אַ שמייכל און מיט אַ גוט וואָרט.

— איר טאָרט דעם לעבן זיך ניט אויפעסן, צוליב אייער קינד, צוליב ריווע־לען, — האָט לאה אריינגערעדט אין דער געבראָכענער פרוי. — איר וועט איצט מוזן זיין אַ מאַמע און אַ טאַטע. מוזט איר זיין שטאַרק, חוה. קיינער קען ניט צוריקגעבן אַ ניי לעבן. און מען מוז זיך שטאַרקן. אָן אַ מאַן איז שווער, אָבער אָן אַ טאַטן איז אויך שווער. טוט זיך אָן אַ כוח, צוליב ריוועלען.

— שווער, שווער. ס'איז מיר שווער, לאה! זייער שווער! — האָט זי פּלוצ־לינג אָנגעהויבן מאַכן קולות, ווי זי וואָלט ערשט פאַרשטאַנען איר לאַגע. — איך וויל ניט לעבן! מענטשן, איך וויל ניט!.. איך האָב אים פאַרלאָרן אויף אייביק...

— און זי איז געבליבן ליגן אויפן שטול מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט, בלאַס און אָן אַ סימן לעבן.

— וואַסער, וואַסער! — האָט לאה גערעדט צו די ארומשטייענדיקע. און זי האָט חוהן אָנגעהויבן רייבן די באַקן, וווּ ס'איז קיין טראָפּן בלוט ניט געווען.

— מאַמע, מאַמעלע! עפן דיינע אויגן! לאָז מיר ניט אליין! — האָט ריוועלע געגלעט דער מאַמעס הענט. — דו מוזט זיין מיט מיר, מאַמע... — האָט זי געטענהט ווי אַ גרויסע. — אַניט נעם מיר מיט צום טאַטן. מאַמע, מאַמעלע!.. בלייב מיט מיר!

— אַט איז וואַלעריאַן־טראָפּנס! שוין אָנגעטריפט אויף די צוקער. גיט איר, לאה, — האָט אַ פרוי אונטערגעטראָגן אויף אַ טעצעלע צוויי שטיקלעך צוקער.

— גיט איר בעסער אַ שמעק טאָן פון דעם ספּיריט, — האָט אַ מאַן געשטופּט לאהן אַ קליין פלעשעלע. — דאָס קען אַ טויטן אויפוועקן. זי וועט גלייך עפענען די אויגן.

און אזוי איז טאַקע געווען. ווי נאָר לאה האָט חוהן אונטערגעטראָגן דאָס פלעשעלע אונטער דער נאָז, האָט זי געעפנט די אויגן און זיך ארומגעקוקט.

— זעט נאָר ווי די ריוועלע האַלט ארומגענומען די מאַמען און קוקט איר אין די אויגן. — האָט אַ פרוי געזאָגט. — זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע, אָבער פאַרשטייט דעם אומגליק.

— קינדער פילן עס נאָך שטאַרקער, — האָט אַ צווייטע פרוי געזאָגט. — אָבער מ׳דאַרף זיי לאָזן זיך אָפּרוען. זעט, זעט נאָר! אַט קושט זי די מאַמען אין די אויגן. אזא קינד!

— איר האָט דאָך געזען ווי זי האָט געחלשט. אזוי שוואַך געוואָרן, אז כ׳האָב געמיינט אז מ׳וועט דאַרפן רופן אַ דאָקטער, — האָט אַ דריטע פרוי שטיל געזאָגט. — ס׳וועט איר נאָך קלעקן געננוג זונטיק צו דער לוויה. אזא אומגליק, ביים אָנהייב שבת!..

— זי איז אזא שיינע פרוי, און אַ גוטע מאַמע. אזא וויסטער עלנט. זעט דעם טיש...

— און ער איז געווען אַ פיינער איידעלער מענטש. אַ גאָלד. און ער איז נאָך געווען אזוי יונג. מ׳זאָגט, צוויי־דריי און דרייסיק יאָר אין גאַנצן. ערשט אָנגעהויבן לעבן...

— עמעצער וועט דאָ דאַרפן בלייבן נעכטיקן מיט זיי.

— מסתמא וועט לאה בלייבן, זיי זיינען גרויסע פריינד.

— לאה, — האָט איר אַ פרוי אָפּגערופן אָן אַ זייט, — כ׳ווין דאָ, איבער דער וואַנט. טאָמער דאַרפט איר עפּעס אין מיטן דער נאַכט, קענט איר אָנקלאַפּן אין וואַנט. ריוועלע ווייס שוין ווי מען מאַכט עס... און דו, ריוועלע, גיב אכטונג אויף דער מאַמען.

— אַ דאַנק פאַר אייער פריינדשאַפט אריינצוקומען היינט. ס׳איז אַ גרויסע מצווה, — האָט לאה ארויסבאַגלייט די לעצטע ווייבער. — ס׳איז שוין זייער שפּעט און זיי האָבן נאָך קיין טראָפּן וואַסער אין מויל ניט געהאַט.

— שוין נאָך אַלעמען סיי ווי. ער שלאָפט שוין אין זיין איביקער רו, —

האָט אַ פרוי געזאָגט מיט אַן אומעטיק קול. — און היינט איז שבת, טאָר מען ניט טרויערן.

לאה האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און פאַרמאַכט די טיר פון אינעווייניק. חוה האָט שטיל געוויינט.

ריוועלע האָט געוואָלט איר מאַמען באַרואיקן און געזאָגט:

— הער אויף, מאַמע, גענוג! דער טאַטע וועט שוין סיי ווי קיין מאָל צו אונדז ניט קומען... פון שול... — זי האָט ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די מאַמע האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעכליפּעט. זי האָט די מאַמען געגלעט און זיך געבעטן: — גענוג!

שבת אין דער פרי האָט לאה צוגעטראָגן חוהן און ריוועלען צוויי גלעזער טיי מיט דינע מוציאס חלה מיט פּוטער, און אַן עפּל פאַר יעדערע פון זיי.

חוה האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. אירע אויגן זיינען געווען רויט פון אַ גאַנצע נאַכט וויינען, און די באַקן איינגעפאַלן און בלאַס.

לאה האָט זיך געבעטן:

— טוט עס פאַר מיר, חוה. נעמט עפּעס אין מויל, כאַטש אַ זופּ טיי. איר האָט דאָך אַ ביסן ניט געהאַט פון פרייטיק ביי נאַכט.

— איך בין זאַט, לאה טייערע, צו זאַט... זאָל ריוועלע עפּעס עסן.

— איך וועל עסן, אז דו, מאַמעלע, וועסט עסן.

— אָבער ס׳קריכט מיר ניט אין מויל, מיין קינד. נאָר דו מוזסט עסן, מוזסט!

— אויב דו וועסט טרינקען די טיי, וועל איך טרינקען און אויך עסן. דעם עפּל אויך.

— דאָס איז גוט, מיין קינד, כ׳וועל טרינקען. פאַר דיר, ריוועלע.

— און זאָג מיר צו, אז דו וועסט מער ניט וויינען. מער ניט!

— גוט, מיין קינד, מער ניט. איצט עס און זאָל דיר זיין צו געזונט.

— און דו טרינק, מאַמעלע, און זאָל דיר אויך זיין צו געזונט.

און ווען ביידע האָבן אָנגעהויבן טרינקען די טיי, איז לאה געשטאַנען פון וויטן און זי האָט געוויינט. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, אז זיי זאָלן אירע טרערן ניט זען. לאה האָט פאַר די אויגן איצט געזען חוהס מאַן: הויך, געזונט, שיין און אָנגעגאָסן מיט יונגשאַפט. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע מאָדנע געדאַנקען, גלייך שבת באַגינען. ווי האָט יענע פרוי געזאָגט: שבת טאָר מען ניט טרויערן. גאָט גיט לעבן און נעמט צו וואָס אים קומט.

.3

פון יענעם טאָג פון איר אומגליק זיינען אַוועק דריי חדשים. איצט דערמאָנט זיך חוה ווי פול די הויז איז געווען יענעם פרייטיק צונאַכט און שבת נאָכן דאַוונען. איצט עפנט קיינער די טיר ניט, אַחוץ איין לאה.

זי איז איר געגאַנגען אַנטקעגן:

— וואָס וואָלט איך געטאָן אָן אייך, לאה? אָט זייט איר שוין היינט צום צווייטן מאָל.

— כ׳ווייס: ס׳איז ניט גוט אז מ׳בלייבט אליין אין שטוב אַ גאַנצן פאַר מיטאָג. קום איך אַ ביסל אריין, זאָלן זיין צוויי. און אז ריוועלע קומט פון שול, זייט איר דאָך ווידער זאַלבעצווייט. כאָטש זי איז נאָך אַ קינד, איז פאָרט דאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן. אַניט טראַכט מען צו פיל און ס׳ווערט טרויעריק.

— לאה, איר זאָגט אויך ווי אַלע, אז ריוועלע איז נאָך אַ קינד, אָבער זי איז קלוג און פאַרשטענדיק און פילט דעם אומגליק ניט ווייניקער פון מיר. נאָר איר, מיט אייער אריינקומען אזוי אָפט, ראַטעוועט מיך פשוט. און מיט ריוועלען רייד איך כמעט ניט וועגן טאַטן. זאָל זי זיך וואָס ווייניקער קלעמען.

— גאָט גיט און גאָט נעמט, — זאָגט לאה און דערמאָנט זיך ווי זי האָט עס געטראַכט יענעם שבת אין דער פרי. — ווער ווייס גאָטס וועגן? — זאָגט זי פרום.

— אָבער ער האָט אים צוגענומען צו פרי, — זאָגט חוה מיט אַ פאַרשטיקט קול פון טרערן.

— נו, גענוג, חוה. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת: איך האָב שוין לאַנג גע־וואָלט ריידן מיט אייך, אז איר מוזט זיך נעמען אין די הענט. מענטשן האָבן ליב צו קומען ווו ס׳איז פריילעך, אַמווייניקסטן, ניט ווו ס׳איז אומעטיק, און איר הייבט גלייך אָן צו וויינען, באַרואיקן זיי אייך, גייען אוועק און קומען מער ניט. און אַנדערע מיינען עס גוט: זיי טראַכטן אז זיי מאַכן אייך טרויעריק מיט זייער קומען. ניט אזוי?

— אמת, לאה, און ס׳איז גוט אז איר האָט עס מיר געזאָגט. כ׳וועל זיך באַמיען אייך פאָלגן... און אָט איז שוין ריוועלע פון שול. ביסט מסתמא נאָס געוואָרן היינט פרי.

— יע, מאַמע. ס׳איז געווען אַ נאַסער רעגן, ווי מיין לערער זאָגט. אין אזא טאָג פלעגט מיר דער טאַטע צופירן מיטן אויטאָ, — דערמאָנט זי זיך דעם טאַטן.

— און ווי איז היינט געווען אין שול? — איילט זיך די מאַמע צו פרעגן.

— אָ, ווי אַלע מאָל. ניטאָ קיין נייעס.

— און איצט ווערסטו עלטער, ריוועלע, און גרויסע קינדער גייען אליין אין שול און האָבן ניט מורא פאַר רעגן. אַ מענטש איז ניט פון צוקער — ער צע־גייט ניט.

דאָס זאָגט די לערערקע אויך, — איז ריוועלע צופרידן, וואָס די מאַמע האָט צוגעטראָפן.

דערווייל שאַרט זיך לאה ארויס, אז מ׳זאָל ניט באַמערקן. זאָלן זיי זיך אונ־טערהאַלטן.

אויף מאָרגן איז ריוועלע געקומען פון שול מיט אַ שימחה:

ווייסט, מאַמע, מיין חברטע פרידעלעס מאַמע האָט אונדז ביידן פאַרבעטן צו קומען צו זיי שבת אָוונט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? האָסט דאָך ניט גערעדט מיט איר מאַמען.

— זי האָט געבעטן פרידעלען, אז זי זאָל מיר דאָס זאָגן, און איך זאָל דיר איבערגעבן.

— גוט, מיין קינד, וועסטו גיין. איך וועל דיר צופירן און קומען אָפּנעמען.

— גיין, מאַמע, אָן דיר גיי איך ניט. דו מוזסט גיין.

— גלייב מיר, ריוועלע, כ׳קען דערווייל ניט גיין.

— אָט איז טאַנטע לאה, — האָט ריוועלע זיך דערפרייט, זעענדיק אריינ־גיין לאהן, — לאָמיר איר פרעגן און ווי זי וועט זאָגן אזוי וועט זיין. איר פאָלגסטו דאָך, מאַמע.

— כ׳האָב נאָר אריינגעקוקט זען וואָס איר ביידע מאַכט, — האָט לאה גע־שמייכלט.

— אָבער איר מוזט הערן, טאַנטע לאה, ס׳וועט דויערן נאָר אַ מינוט.

— נו, גוט, מאַך עס גיך. איך אייל זיך.

ריוועלע האָט אַלץ דערציילט. לאה האָט גיך ארויסגעטראָגן דעם אורטייל:

— ריוועלע איז גערעכט. אוודאי מוזט איר גיין, חוה. טאַקע צוליב ריוועלען.

ריוועלע האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער מאַמען, איר אַ קוש געטאָן, און נאָך דעם אַ קוש געטאָן לאהן.

— אַ דאַנק, טאַנטע לאה. אַ דאַנק, מאַמע. מאָרגן אין דער פרי וועל איך זאָגן פרידעלען אז מיר קומען, און דו וועסט אָנטעלעפאָנירן פרידעלעס מאַמען, — האָט ריוועלע געגעבן אירע פאַראָרדענונגען.

— גוט, איך וועל טעלעפאָנירן אז מיר קומען, — האָט זיך חוה אונטער־געגעבן.

— און איך מוז ווייטער לויפן, — האָט לאה געזאָגט און שנעל פאַרשווונדן.

— און איצט קום עסן, קינד, — האָט חוה ליבלעך געזאָגט.

— דאָס איז גוט, מאַמע. כ׳האָב ליב אז דו זיצט לעבן מיר און מיר עסן צוזאַמען.

חוה האָט געטראָגן די ווונד אין האַרצן, אָבער זי האָט זיך איצט געהיט ניט אַרויסצווייזן עס פאַר ריוועלען און אויך ניט פאַר פרעמדע מענטשן. זי האָט געליטן אין זיך אָבער ניט דערמאָנט איר ווייטיק. גאַנצע נעכט פלעגט זי ליגן און וויינען, אָבער אין פרימאָרגן פלעגט זיך אַראָפּווישן אַלע שפּורן פון אירע ליידן און אפילו אַ שמייכל טאָן, כדי ניט אָפּצועסן ריוועלען דאָס האַרץ. אז ריוועלע זאָל ניט הערן, פלעגט זי פון צייט צו צייט שטילערהייט אַ זיפץ טאָן, עס זאָל איר ווערן לייכטער. טאָג און נאַכט האָט זי געטראַכט פון איר פאַר־שטאָרבענעם מאַן, און אזוי ווי טראַכטן איז ניט טרערן, האָט עס קיינער ניט באַמערקט.

איצט, ביים עסן, איז זי געזעסן מיט אַ פאַרזונקענעם קאָפּ אין טעלער און געטראַכט וועגן איר מאַן. זי האָט געטראַכט מיט דער שפּראַך, ווי פרומע ווייַ־בער ריידן. מיין בערל, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט טאַקע ריוועלען האָלט געהאַט ווי זיין לעבן. זי איז געווען זיין ליבלינג. אז ס׳פלעגט נאָר אַ שפּריץ טאָן אין דרויסן, איז ער שוין געפאָרן מיטן אויטאָ איר פירן ווו זי האָט נאָר געוואָלט. ווי ער פלעגט זיך עס פרייען מיט איר, ווי נאָר ער פלעגט איר דערזען. זאָל ער זיך דאָרט מיען פאַר זיין איינציק קינד. און איצט איז זי דאָס איינציקע וואָס איך פאַרמאָג. און זי איז טאַקע אַ טייער און ליב קינד, זאָל זי נאָר געזונט זיין. און זי איז קלוג ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. זי זאָגט פּונקט ווי לאה, אז מ׳טאָר ניט אנדערע מענטשן דערציילן די אייגענע צרות און זיי מאַכן אומעטיק.

— מאַמע, וויינסט שוין ווידער? האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט וועסט מער ניט וויינען.

איצט האָט חוה דערפילט אז די באַקן זיינען איר נאַס און טרערן רינען אין טעלער.

— ביסט גערעכט, מיין קינד, איך וועל מער ניט וויינען, האָט זי געזאָגט פאַרשולדיקט.

*

שבת פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אָנגעטאָן שענער, אָבער זיך ניט אויסגעפּוצט. מיטגענומען אַ שאַכטל שאָקאָלאַד און אַוועק צו ריוועלעס חברטעס הויז.

ווען זיי האָבן אָנגעקלונגען אין טירגלעקל, האָט פרידלעס מאַמע זיי גע־עפנט די טיר און זיך דערפרייט מיט זייער קומען. זי האָט באַדאַנקט פאַר די

שאָקאָלאַד און געזאָגט, אַז זיי דאַרפֿן זיך ניט שטערן און זיך פֿילן ווי ביי זיך אין דער היים.

ס׳איז נאָך געווען פֿרי. פֿרידעלע און ריוועלע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט זייערע ביכער און שפּילן און גערעדט שטיל, כדי ניט צו שטערן די מאַמעס. פֿרידעלע האָט אויך קיין טאַטן ניט געהאַט, אוןביידע פֿרויען האָבן געהאַט פֿון וואָס צו ריידן און זיך אַראָפּריידן פֿון האַרצן.

שפּעט אין אָוונט, ווען חוה האָט זיך געזעגנט מיט פֿרידעלעס מאַמען און איר באַדאַנקט פֿאַר דער אויפֿנאַמע, האָט זי איר און פֿרידעלען איינגעלאַדן צו קומען דעם צווייטן שבת אָוונט צו זיי.

— מיר וועלן זיכער קומען! — איז פֿרידעלעס מאַמע געווען צופֿרידן פֿון דער איינלאַדונג.

און פֿון יענעם טאָג זיינען די מאַמעס מיט זייערע קינדער געוואָרן גרויסע פֿריינד, און טאַנטע לאה פֿלעגט קומען באַזוכן ביידע פֿאַמיליעס.

מיין נייער פריינד

.1

דודס עלטערן האָבן געהאַט אַ קראָם פון אַלץ וואָס אַ מויל קעןריידן. זיין טאַטע פלעגט עס רופן אַ כל־בו קראָם, ווייל אַלץ האָט מען דאָ געקענט קריגן: קליידער, שיך און לייוונט, עסנוואַרג, גרינסן און בשמים, ביכער און העפטן און די פאַרשיידנסטע זאַכן וואָס מענטשן דאַרפן. אָבער די צרה איז געווען, וואָס די גאַנצע גרויסע גאַס איז פול געווען מיט אַזעלכע קראָמען, אַזוי ווי אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און יעדערער האָט געוואָלט לייזן.

דאָס שטעטל איז געווען אַ קליינס און מ׳האָט געדאַרפט האָבן מזל צו גוטע קונדן, האָט מען יעדערן געדאַרפט צופרידנשטעלן מיט וואָס נאָר ס׳לאָזט זיך. די עלטערן פון דודן האָבן געאַרבעט שווער, ווייל מ׳האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען צו האַלטן אַן אָנגעשטעלטן.

דוד פלעגט קומען נאָך דער שול העלפן אין געשעפט. ער פלעגט פאַנאַנדערטראָגן פאַר די קונדן זייערע פעקלעך. כאָטש די עלטערן זיינען ניט געווען צופרידן, ווייל דער זון איז געווען אַן איינציק קינד, דאָך האָבן זיי זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון זיין הילף.

דוד איז שוין געווען פופצן יאָר אַלט און ער האָט גוט פאַרשטאַנען די לאַגע. פאַר די סחורות האָט מען געדאַרפט צאָלן און די פאַרדינסטן זיינען געווען קליינע, ווייל די קאָנקורענץ איז גרויס געווען. אָבער אַז מ׳פלעגט דודן וועלן געבן קליינגעלט פאַר צוטראָגן אַ פעקל, פלעגט ער זיך אָנטזאָגן. ער איז געווען צופרידן אַז די קונדן גיבן צו לייזן, דאַרף ער טאָן די אַרבעט. אַז מ׳פלעגט שטאַרק צושטיין, פלעגט ער מיט אַ דאַנק עס נעמען און דאָס געלט פון גאַנצן טאָג אָפּגעבן דעם פאָטער. דער פאָטער האָט צוערשט ניט געוואָלט נעמען, אָבער דוד האָט זיך איינגעעקשנט, פלעגט ער עס נעמען ביי אים און אוועקלייגן אויף אַ באַזונדערן חשבון. דודס גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען, אַז ער האָט געהאַט פעקלעך פאַר קונדן. טעג אָן פעקלעך זיינען געווען אומעטיק.

איין טאָג איז אַ פאַרפאַלק, וואָס זיינען געווען ניי אין שטעטל און טאַקע געוווינט אויף דער זעלבער גרויסער גאַס, אריין אין געשעפט און איינגעקויפט

אַ סך סחורה. עס זיינען געווען עטלעכע היפּשע פּעקלעך און זיי האָבן געפרעגט, צי עמעץ וועט זיי די פּעקלעך צוברענגען. דער פּאָטער האָט געענטפערט, אַז זיין זון וועט עס טאָן. זיי האָבן גענומען די נייטיקסטע פאַר פּעקלעך און געזאָגט, אַז אויב ס'וועט דעם יינגל פאַלן שווער וועלן זיי צוקומען נאָך אַ מאָל. דער פּאָטער האָט געזאָגט, אַז זיין זון טוט עס גערן און וועט אַלץ אריבערברענגען.

דוד איז גראָדע געקומען פון שול, ווען די קונדן האָבן געהאַלטן ביים ארויסגיין פון געשעפט, האָט ער גענומען אין יעדע העגט די פּעקלעך און אַלע צוזאַמען זיינען ארויס. די איבעריקע פּעקלעך האָט ער נאָך דעם געדאַרפט צוברענגען.

ווען זיי זיינען אריין אין גרויסן גאָרטן, איז פון דעם הויז, וואָס איז געשטאַנען ווייט פאַררוקט אין הינטערגרונט, ארויסגעלאָפן אַ יינגל אין דודס עלטער. דאָס איז געווען זייער זון. ער האָט צוגענומען ביי די עלטערן די פּעקלעך, און דוד איז אים נאָכגעגאַנגען אין הויז אריין. דאָס הויז, ווו דוד איז אריין מיט די פּעקלעך, האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַלאַץ. דער זאַל, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט געהאַט א רויטן טעפּעך מיט אַ געפלעכט פון בלומען אויף אים, געשניצטע ליכטיקע מעבל און אַ שוואַרצער שפּיגלדיקער קלאַוויר. די פלושענע ראָזע פאָרטערן זיינען שווער געהאנגען איבער די פענצטער, און אויף די ווענט — געמאָלטע אוילבילדער. דוד האָט געוווסט אַז אזעלכע בילדער זיינען ווערט טויזנטער. אַ גרויסער שפּיגל האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט און אונטער אים איז געשטאַנען אַ טישל מיט אַ ווייס אויסגענייט טישטעכל און אַ קרישטאָלענע וואַזע. אין דער וואַזע איז געווען אַ בוקעט בלומען, וואָס האָט געהאַט אַלע פאַרבן פון דער וועלט.

דוד איז אזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן שטיין מיט די פּעקלעך אין יעדע העגט, ווי ער וואָלט ניט געוווסט ווו ער געפינט זיך.

— לייג אַראָפּ די פּעקלעך, דאָ, אין ווינקל, — האָט אים דער יינגל אויפגעוועקט פון חלום.

דוד האָט געפאָלגט און געזאָגט:

— איצט וועל איך גיין ברענגען די איבעריקע פּעקלעך.

— איך וועל דיר העלפן, — האָט דער יינגל געזאָגט. — וואַרט אַ מינוט, כ'וועל נאָר פרעגן מיין מאַמען. — אַ ווײַלע שפּעטער איז ער געקומען צולויפן:

— קום!

אויפן וועג, גייענדיק מיט דודן, האָט ער אים געזאָגט אַז זיין נאָמען איז מייקל און אַז ער איז פופצן יאָר אַלט.

— מיר זײַנען די זעלבע יאָרן, — האָט דוד געזאָגט. — און מײַן נאָמען איז דוד.

מײקל האָט אָנגעהויבן אַלץ אויסדערצײלן: אַז זײ זײַנען דאָ ניט לאַנג צוריק געקומען און ער האָט קײנע פרײַנד ניט. ער שפּילט זיך נאָר מיט זײַן שוועסטער, וואָס איז אַ יאָר ייִנגער פון אים.

— קענסט קומען צו אונדז זיך שפּילן. מיר וועלן זיך שפּילן זאַלבעדריט, — האָט ער געזאָגט. — מיר האָבן אַ סך שײנע שפּילן. וועסט קומען, דוד? — האָט ער געפרעגט.

— איך קען ניט, מײקל, — האָט דוד אים אויך גערופן בײַם נאָמען. — דעם ערשטן האַלבן טאָג גײ איך אין שול, און ווי נאָר איך מאַך די לעקציעס, דאַרף איך גײן העלפן די עלטערן אין געשעפט. איך טראָג פונאַנדער די פּעקלעך צו די קונדן. איך העלף אויך אויסראַמען און אויסלײגן סחורה. מײַן טאַטע און מאַמע באַווײַזן ניט אַלץ צו טאָן.

— איז פאַר וואָס דאַרפסטו העלפן? זײ קענען דאָך נעמען אַ שיקײנגל.

— די פאַרדינסטן זײַנען ניט קײן גרויסע און מ׳קען ניט מאַכן צו פיל הוצאות, — האָט דוד געענטפערט ווי אַ דערפאַרענער אין דער זאַך.

— אויב אַזוי, — האָט מײקל געזאָגט, — וויל איך אויך קומען העלפן אין אײַער געשעפט. רײד וועגן דעם מיט דײַנע עלטערן, דוד.

— איר זײַט רײַך, — האָט דוד געזאָגט, — און רײַכע קינדער טוען ניט אַזעלכע אַרבעט.

— נאַרישקײטן! — האָט מײקל געזאָגט. — מיך געפעלט עס און כ׳וויל דיר העלפן.

— דײַנע עלטערן וועלן ניט וועלן לײדן. ס׳איז אַ משוגעת! — האָט דוד געזאָגט.

זײ זײַנען געבליבן שטײן אין אַרײַנגאַנג צו דער קראָם.

דוד האָט פאַרגעשטעלט מײקלען פאַר זײַנע עלטערן, ווי דער פון פון דעם פאַרפאַלק וואָס האָבן געמאַכט דעם גרויסן אײַנקויף.

— ער איז מיטגעקומען מיר העלפן אוועקטראָגן צו זײ די איבעריקע פּעקלעך.

— זײער שײן פון דיר, מײקל! — האָט דודס פאָטער געזאָגט. — ס׳קומט דיר אַ דאַנק.

— כ׳וויל אײַך פרעגן: צי קען דוד בלײַבן פאַר אַ קורצע צײַט בײַ אונדז. איך האָב נאָך דאָ קײנע חברים ניט, וועלן מיר שפּילן צוזאַמען. ער וועט זײַן מײַן ערשטער חבר.

— מיט פאַרגעניגן, אויב דוד וויל נאָר.

— ער וויל, ער וויל! — האָט זיך מייקל צוגעאײַלט צו ענטפערן. און זיי זײַנען בײדע געגאַנגען צוריק, באַלאָדן מיט די פּעקלעך.

.2

מייקל און דוד האָבן זיך אַזוי פאַררעדט און פאַרשפּילט, אַז זיי האָבן ניט באַמערקט ווי די צײַט איז אַוועק. דוד האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און געזען אַז ס'איז שוין שפּעט.

— איך מוז גיין, מײַנע עלטערן וועלן זײַן אומרואיק.

ווען ער איז אַרײַן צו מייקלס מאַמע איר זאָגן אַ גוטן טאָג, האָט זי אים פאַרהאַלטן:

— וועסט בלײַבן מיט אונדז עסן אָונטברויט, דוד. דער טיש איז שוין געדעקט.

— אַ דאַנק, אָבער כ'האָב מײַנע עלטערן גאָר ניט געזאָגט. כ'טאָר עס ניט טאָן.

— ביסט גערעכט, מײַן קינד. אַ צווייטן מאָל. און דאָ האָסטו קליינגעלט פאַר העלפן אַריבערטראָגן די פּעקלעך.

— ניין! — האָט ער פּראָטעסטירט. — כ'וויל קיין געלט ניט. מיר זײַנען חברים.

— אַזוי! האָט מייקלס מאַמע געזאָגט. — זאָל זײַן ניט קיין געלט, חברשאַפט איז טאַקע בילכער. אָבער וואַרט דאָ איין רגעלע, כ'קום גלײַך. — און זי איז אַרויס אין אַ צווייטן צימער.

אַ ווײַלע שפּעטער איז זי צוריקגעקומען מיט אַ פּעקל אין האַנט און געזאָגט:

— דאָס איז אַ מתּנה פאַר דײַן מוטער, דוד. און קום עפּטער צו מייקלען.

— אַ דאַנק. כ'וועל קומען אַז איך וועל האָבן צײַט. אַ גוטע נאַכט.

ווי נאָר דוד איז אַרויס אין דרויסן, האָט ער גלײַך אַוועקגעיאָגט צום געשעפט, אָבער ער האָט געפונען די טירן פאַרהאַקט אויפן שלאָס. נאָך שנעלער איז ער געלאָפן אַהיים, אָבער אויך די שטוב איז געווען צוגעשלאָסן און פינצטער. האָט ער פאַרשטאַנען אַז די עלטערן זוכן אים אַרום. קיין מאָל האָט נאָך ניט פּאַסירט אַז ער זאָל קומען שפּעט.

פון ווײַטן האָט ער זיי באַמערקט אָנקומען. ווי זיי האָבן אים דערזען האָבן זייערע געזיכטער אויפגעשטראַלט. אויף זײַן צונג איז שוין געלעגן אַ פאַרטי־

קער ענטפער, טאָמער פרעגן זײ אים עפּעס. זײ האָבן אים נאָר געפרעגט װי ער האָט זיך פאַרבראַכט, איז אים גרינגער געװאָרן פון דעם.

ער האָט קײן מאָל ניט געװאָלט מ׳זאָל אים זוכן און היטן װי אַ קלײן קינד. אים האָט אויך פאַרדראָסן פאַר װאָס ער איז אַן אײנציקער קינד, אָן אַ ברודער צי אַ שװעסטער. ער פלעגט מקנא זײן די קינדער, װאָס האָבן אַ גרויסע פאַמי־ליע און אין זײערע הײמען טומלט זיך אַלע מאָל. אָבער ער האָט קײן מאָל ניט מקנא געװען רײכקײט. ניט אַלע קענען זײן רײַך. אָבער ער פלעגט אַנטציקט װערן פון דער שײנקײט אין רײַכע הײזער און זײער זױבערקײט, כאָטש בײ זײ איז אויך געװען רײן און ס׳האָט קײנעם גאָר ניט געפעלט. און איצט, װען זײן מוטער האָט געעפנט די טיר, איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן דער זאַל פון זײן חברס הויז.

װען דודס מוטער האָט געדעקט דעם טיש און אַלע האָבן זיך געזעצט עסן, האָט דוד דערצײלט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם װעגן מײקלס שטוב. ער האָט אַלץ אויסגעמאָלן און זײן פאָטער און מוטער זײנען אַנטציקט געװען מיט זײנע שילדערונגען.

— און דאָ האָסטו אַ מתנה, מאַמע. מײקלס מוטער האָט עס געשיקט פאַר דיר.

— אַ דאַנק, מײן קינד. נאָר דו האָסט עס ניט געדאַרפט נעמען. פאַר װאָס קומט מיר אַ מתנה פון מײקלס מוטער? זײ זײנען טאַקע האַרציקע מענטשן און דינגען זיך ניט, אָבער אַ מתנה?

— זי האָט מיר אפילו געװאָלט באַצאָלן פאַרן ברענגען די פּעקלעך, אָבער כ׳האָב ניט גענומען. דאַן האָט זי מיר געבראַכט דאָס פּעקל, האָט שױן מיר ניט געפּאַסט עס צו אָנטזאָגן.

דוד האָט נאָך דערצײלט װאָס זײ האָבן גערעדט און װי זײ האָבן געשפּילט, און אַז פאַרן אַװעקגײן האָט אים מײקלס מוטער געבעטן קומען װידער.

— איך האָב צוגעזאָגט צו קומען װען כ׳װעל האָבן צײט.

— גוט האָסטו געטאָן, מײן קינד. — האָט די מוטער געזאָגט. — האָט דען מײקל קײן חברים ניט?

— זײ זײנען ניט לאַנג געקומען אַהער און ער קען נאָך קײנעם ניט.

— גײט ער נאָך ניט אין אַ שול? — האָט די מוטער װידער געפרעגט.

— נײן, דערװײל נאָך ניט, אָבער מיר װעלן זײן בײדע אין אײן קלאַס.

— דאָס איז גוט, דודל. און האָט ער קײנעם ניט אַהײם מיט װעמען צו שפּילן?

— ער האָט אַ ייִנגערע שוועסטער, מיט אַ יאָר ייִנגער. ווען איך בין דאָרט געווען, אי זי געווען אַוועק צו אַ חברטע.

נאָך דעם אָוונטברויט האָט די מאַמע געעפֿנט די מתנה. דוד און דער פֿאָטער זייַנען געשטאַנען נייַגעריק און געוואַרט. אַלע דריי זייַנען געבליבן איבערראַשט פֿון דער שיינער, ווייסער, זיידענער שאַל, וואָס די מאַמע האָט ארויסגענומען פֿון קעסטל.

— דאָס איז אַן עכטע שאַל, — האָט די מוטער געזאָגט. — מיט אַזאַ שאַל גייט מען יום־טוב אין שול, אָדער צו אַ חתונה. זי האָט אָנגעטאָן די שאַל און געקוקט אויפֿן מאַן.

— עס קליידט דיר אויסגעצייכנט! — האָבן זון און טאַטע מיט אַ מאָל אויסגערופֿן.

— ווי קען איך אָננעמען אַזאַ טייַערע מתנה? זיי זייַנען דאָך כמעט פֿרעמדע צו אונדז.

— מ׳דאַרף אין קראָם עפּעס זען וואָס זיי צו שיקן. — האָט דער מאַן געזאָגט.

— ס׳איז ניט שיין צו שיקן אַ מתנה פֿאַר אַ מתנה. איך וועל זיי בעסער אָפּשיקן אַ גרויסע שאַכטל מיט שאָקאָלאַד דורך דודן.

— ווען איך וועל מאַכן די לעקציעס און פֿאַנאַנדערטראָגן די פּעקלעך מאָרגן, וועל איך גיין צו מייקלען און אָוועקטראָגן וואָס דו וועסט מיר געבן, מאַמע. — האָט זיך דוד גלייַך אָנגעבאָטן אויסצופֿירן דעם גאַנג.

— זיי זייַנען אויסערגעוויינלעכע מענטשן. — האָט די פֿרוי אַראָפּגענומען די שאַל פֿון קאָפּ און מיט זאָרג זי צוריק אייַנגעפּאַקט. — און מיר האָבן נאָך קיין מאָל אַזעלכע גוטע קונדן ניט געהאַט. זיי מוזן זייַן זייער רייַך.

— זיי ווילן זייַן פֿרייַנד מיט אונדז, — האָט דער מאַן געזאָגט. — מ׳דאַרף זיי אפֿשר שיקן מער ווי נאָר שאָקאָלאַד. זיי מוזן האָבן שאָקאָלאַד גענוג.

— מייקלס מוטער האָט געזאָגט, אַז זיי ווילן אַלע מאָל זייַן אונדזערע קונדן. זיי געפֿעלט ווי מ׳האָט זיי באַדינט און ראַיעל באַהאַנדלט, — האָט דוד געזאָגט.

— און ווי איז זייער פֿאַמיליע־נאָמען? — האָט דער פֿאָטער מיט אַ מאָל געפֿרעגט. — עס וואָלט געווען גוט אָנשרייַבן און מיטשיקן אַ ווינטשקאַרטל.

— אפֿשר האָסטו דעם נאָמען אין קראָם, ווען דו האָסט אויסגעמאַכט דעם חשבון, — האָט די פֿרוי געפֿרעגט. — מ׳דאַרף וויסן אַ מענטשנס נאָמען.

— איך האָב עס ניט, ווייַל זיי האָבן באַצאָלט מיט געלט און כ׳האָב קיין נאָמען ניט אויפֿגעשריבן. מ׳קען דאָך ניט סתם בעטן בייַ מענטשן אַ נאָמען.

.3

דוד האָט שלעכט געשלאָפן. ס׳האָבן זיך אים געחלומט פאַרשיידענע זאַכן. ער און זיין חבר מייקל האָבן געטראָגן אַ סך פּעקלעך. מייקלס שוועסטער האָט אים אריינגעלאָזט אין פּנים, נאָר ער האָט ניט געזען ווי זי זעט אויס. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט עטלעכע מאָל און זיך קוים דערוואַרט די נאַכט זאָל אריבערגיין.

אויך די שול און מאַכן די לעקציעס נאָך דעם, האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. ער האָט שוין געוואָלט אז די מאַמע זאָל אים געבן די מתנה פאַר מייקלס מוטער און ער זאָל קענען גיין אַהין.

דוד האָט געוווסט, אז היינט וועט ער טרעפן מייקלס שוועסטער, און צוליב עפּעס האָט אים דאָס האַרץ שטאַרקער געקלאַפּט. נעכטן האָט ער זיך דאָרט געפילט גוט. און ס׳האָט ווידער געצויגן אַהין.

ענדלעך האָט אים די מאַמע דערלאַנגט די מתנה. דער טאַטע האָט אריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט אַ שיינע קאַרטעלע, וואָס ער האָט אויסגעצאַצקעט מיט זיין געקינצלטע האַנטשריפט, נאָר אזוי ווי ער האָט זייער פאַמיליע־נאָמען ניט געוווסט האָט ער געשריבן: צו אונדזערע נייע פריינד!

אז דוד האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר, האָט אים אַ דינסט מיט אַ ווייס שירצל געעפנט, פאַרבעטן אין זאַל און געהייסן וואַרטן ביז מייקל וועט קומען. דוד איז געבליבן אליין און ניט געוווסט וואָס ער זאָל דאָ איצטער טאָן. ווו איז מייקל? האָט ער געטראַכט. נעכטן איז אַלץ געווען אזוי פּשוט, און היינט — אַ גאַנצע צערעמאָניע. אָבער ער האָט זיך נאָך ניט באַוויזן ארומצוקוקן, איז אריין אַ שיין מיידל און זיך אַליין פאָרגעשטעלט:

— איך בין מייקלס שוועסטער, מיין נאָמען איז רייזל.

— זייער אָנגענעם, פריילין רייזל! — האָט ער איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט און זיך אַ ביסל פאַרבויגן, ווי ס׳טוען קאַוואַליערן נאָך אַ טאַנץ.

— מייקל האָט מיר שוין דערציילט וועגן אייך, כ׳ווייס אפילו אייער נאָמען.

— זאָג מיר דו, ביטע! — איז אים איינגעפאַלן צו ווערן מיט איר חבריש.

— אוודאי דו, ווי דען? איך בין איינגעוווינט צוריידן צו אַלעמען מיטן נאָרישן איר. זייט איר... אַנטשולדיק, ביסטו אונדזער נייער חבר דוד. מיין מוטער און פאָטער זיינען אויך צופרידן. מ׳האָט נעכטן צו דינער גערעדט וועגן אייך... וועגן דיר.

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און וויטער גערעדט:

— אָ, יע. פאַרגעסן דיר צו זאָגן: מייקל וועט באַלד קומען. ער איז

אַוועק זיך רעגיסטרירן צום נייעם שוליאַר. מיר וועלן אָנהויבן לערנען פון נייעם שוליאָר.

די דינסט האָט אריינגעטראָגן אַ טאַץ מיט טיי און קוכן. זי האָט עס אוועק־געשטעלט אויף אַ טישל און ארויס. רייזל האָט גענומען די טייקאַן אין האַנט:

— ווי טרינקסטו, שוואַך אָדער שטאַרק? — האָט זי געפרעגט.

— מיר איז אַלצאיינס, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער טיי.

זיי האָבן געטרונקען, זיצנדיק איינער קעגן אַנדערן, און דוד האָט אין איין מינוט זי באַטראַכט. זי האָט ניט געקוקט אויף אים, נאָר אין אירע בלויע אויגן האָט געפינקלט אַ זיס שמייכעלע, וואָס האָט אים צוגעצויגן. אירע בלאָנדע האָר האָבן פאַרדעקט איר נאַקן און אַראָפּגעהאַנגען אויפן רוקן. ער האָט זיך דער־מאָנט ווי ס׳האַרץ האָט אים געקלאַפּט איידער נאָך ער האָט זי געזען. איצט האָט ער זיך באַמיט צו זיין רואיק. ביידע האָבן געשוויגן.

רייזל האָט געקוקט אויף דעם פעקל, וואָס דוד האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש, און איז געווען ארומגעבונדן מיט אַ שיינעם שלייף. ער האָט זיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם, און ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט עפּעס צו זאָגן:

— אָ, יע. די מתנה האָט מיין מוטער געשיקט פאַר דיין מוטער, פאַר אייך, פון אונדז... פאַר אייער פריינדשאַפט... — האָט דוד ניט געפונען די ריכטיקע ווערטער.

— אַ, אַ שיינעם דאַנק! — האָט זי העפלעך געזאָגט. כ׳וועל עס דער־ליידיקן באַלד.

אַ ווײַלע שפּעטער איז אריינגעקומען די דינסט צונעמען דעם טאַץ און רייזל האָט איר דערלאַנגט דעם פעקל און געבעטן עס איבערגעבן דער מאַמען:

— דאָס איז אַ מתנה פון דודס עלטערן פאַר מאַמאַ. איז עס ניט אויסער־געוויינלעך?

— אוודאי איז עס שיין! — האָט די דינסט באַשטעטיקט רייזלס ווערטער און ארויס.

זיי זיינען געזעסן און געמיטלעך גערעדט. רייזל האָט געהאַט צו פרעגן אַ סך פראַגעס וועגן דער נייער שטאָט און די נייע מענטשן. דוד האָט מיט אינטערעס אַלץ דערציילט און דערקלערט. ער האָט אויך געוואָלט פרעגן וועגן זיי. פון וואַנען זיי קומען און וואָס אירע עלטערן טוען? איבערהויפּט האָט ער געוואָלט וויסן זייער פאַמיליע־נאָמען, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן. רייזל האָט געטאָן אַ קוק אויפן זייגער:

— ער זאַמט זיך לאַנג. דיר מאַכט מסתמא לאַנגווייליק מיין ריידן.

— נײַן, נײַן, רײזל. מיר איז זײער אינטערעסאַנט דער שמועס. — האָט דוד געזאָגט.

— אַנטשולדיק אַ װײַלע. — האָט זי געזאָגט. — כ׳װעל עפּעס ברענגען.

— און זי איז אַרױס. עטלעכע מינוט שפּעטער איז זי געקומען מיט אַ קעסטעלע און אַ פּאַק ביכער.

— כ׳װײס אַז דאָס װעט דיר ניט אינטערעסירן, — האָט זי אַרױסגענומען פֿון קעסטעלע אַלערלײ אױסגעהאַפּטענע און אױסגעשטריקטע האַנטאַרבעט. — דאָס איז מער פֿאַר פֿרױען. אָבער דאָס זײַנען די ביכער װאָס איך לײען. קוק זײ דורך. אױב דו װילסט מיטנעמען אײנעם צו לײענען, אָדער צװײ, איז מיט פֿאַרגעניגן.

װען דוד האָט געהאַלטן אין קוקן אין די ביכער, איז אָנגעקומען מײקל. זײ האָבן זיך בײדע אַרומגעכאַפּט, זיך געפֿרײט.

מײקל האָט אױך געהאַט װאָס צו װײַזן. ער האָט געבראַכט זײַנע אױטאָ־מאָביל־מאָדעלן. ער האָט געהאַט אַ פֿולע קאָלעקציע פֿון אַלערלײ מאַרקעס און יאָרן. אַלע זײַנען געװען פֿאַרנומען בײַם אױסמאָרטירן זײ און דוד האָט באַ־װוּנדערט זײער אָריגינעלקײט.

שפּעטער איז אַרײַן מײקלס מוטער און געבעטן איבערגעבן איר דאַנק צו דודס מוטער, פֿאַר דער שײנער מתּנה װאָס זי האָט געשיקט.

— און דו, דוד, װעסט בלײַבן הײַנט בײַ אונדז. װעסט עסן מיט אונדז אָונטבּרױט.

בײַם טיש האָט מען דודן געזעצט לעבן מײקלען, פּונקט אַנטקעגן רײזלען. ער האָט באַמערקט, אַז מײקלס מאַמע זעט אים ספּעציעל צו און סערװירט אים גלײַך נאָך איר מאַן:

— פֿיל זיך װי בײַ זיך אין דער הײם, דוד. שעם זיך ניט. אַלץ שטײט אױפֿן טיש.

דוד האָט זיך באַדאַנקט, אָבער ער איז געװען אַ ביסל צעטומלט, װײַל רײזל האָט פֿון צײַט צו צײַט אױף אים געקוקט. איר מוטער האָט אים גרינגער געמאַכט מיטן אונטעררוקן אים צו דער האַנט װאָס ער האָט געדאַרפֿט. ביסלעכװײַז האָט ער זיך דערפֿילט פֿרײַער און האָט אַפֿילו אַ שמײכל געטאָן צו רײזלען.

נאָכן עסן איז מען אַריבער אין זאַל, װוּ די דינסט האָט סערװירט קאַװע מיט טאָרט. די שאָקאָלאַד־שאַכטל איז געשטאַנען אָפֿן אין מיטן טיש, װי זײַן מו־טערס מתּנה װאָלט געדאַרפֿט באַשײנען דעם אָװנט.

װי נאָר מ׳האָט פֿאַרענדיקט טרינקען, האָט רײזל זיך געזעצט בײַם קלאַװיר, מײקל האָט גענומען אַ פֿידל פֿון אַ פֿוטליאַר און זײ האָבן געשפּילט. זײ האָבן

געשפּילט פֿאַרשיידענע זאַכן פֿון קלאַסישן רעפּערטואַר. די עלטערן זיינען געזעסן אויף דער זאָפֿע און הנאה געהאַט. זיי האָבן יעדער מאָל געפֿרעגט וואָס זיי זאָלן שפּילן. די מוטער האָט זיי געזאָגט וואָס. דוד האָט געהערט די נעמען פֿון באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן. דאָס שפּילן פֿון רייזלען און מייקלס באַגלייטונג, האָט דודן אריינגעבראַכט אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. ס׳איז אים געווען אָנגענעם צו זיצן און הערן. ער האָט אפילו ניט באַמערקט, אז ס׳איז געוואָרן זייער שפּעט.

— ס׳איז שוין שפּעט, קינדער, — האָט מייקלס פֿאָטער זיך אויפגעהויבן פֿון דער זאָפֿע.

איצט האָט דוד אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און זיך דערשראָקן:

— אוי, ווי שפּעט ס׳איז שוין. אַ דאַנק אייך פֿאַר אַלץ. כ׳מוז זיך איילן.

— לאַנגזאַם, יונגער־מאַן, — האָט מייקלס פֿאָטער זיך געוויצלט. — איר האָט זיך ניט וואָס צו איילן. איר ווילט אוודאי גיין אהיים, ניט אזוי?

— יאָ, שוין זייער שפּעט! — האָט ער געזאָגט כמעט פֿאַרצווייפֿלט.

— באַרואיקט זיך! איך וועל אייך נעמען אהיים מיטן אויטאָ. און אייערע חברים וועלן אייך באַגלייטן. ווען מיר האָבן איינגעקויפֿט און איר האָט געדאַרפֿט טראָגן די פּעקלעך, איז דער אויטאָ גראָדע געווען אויף רעפּאַראַטור, — האָט זיך דער פֿאָטער פֿאַרענטפֿערט.

דוד איז געווען גליקלעך צו הערן, אז זייער פֿאָטער אליין באַשטעטיקט זייער חברשאַפֿט. דער פֿאָטער איז אוועק ארויסנעמען דעם אויטאָמאָביל אין גאַס.

— מיר זיינען צופֿרידן צו זיין דודס חברים! — האָט רייזל געזאָגט. — ניט אמת?

— אוודאי זיינען מיר צופֿרידן! — האָט מייקל באַשטעטיקט.

— קום! — האָבן ביידע כמעט אין איין קול געזאָגט. — דער פֿאָטער וואַרט שוין.

מייקל האָט זיך געזעצט לעבן פֿאָטער. רייזל און דוד אויפֿן הינטערשטן געזעס.

אין אַ פּאָר מינוט זיינען זיי שוין געווען לעבן דודס הויז.

דוד האָט ווידער באַדאַנקט און דער פֿאָטער האָט אים דערלאַנגט אַ האַנט, ווי אַ גרויסן.

— אונדזערע גרוסן פֿאַר דיינע עלטערן! — האָט ער אים געזאָגט היימיש.

— זאָג צו, דוד, אז דו וועסט צו אונדז קומען ווידער! — האָט רייזל געבעטן.

— אוודאי וועל איך קומען. איך זאָג צו. — האָט דוד געזאָגט אַ צופרידענער.

זי האָט אויסגעשטרעקט אַ דין מיידלש הענטל. — אויפֿווידערזען, דוד.

— דוד וועט זיינע חברים ניט פאַרראַטן... — האָט מייקל געלאַכט. — אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט דער פאָטער געזאָגט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט דוד צוגעשריען צו זיי, ווען דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן רוישן.

און ביי נאַכט האָט זיך אים געחלומט רייזל.

יענע פריינט

.1

די מעשה האָט מיר דערציילט אַ מיטליעריקע פרוי, וואָס איז געוואָרן אַ באַבע אויף אַ מאָדנעם אופן. אוודאי וואָלט זי עס קיין אַנדערן ניט דערציילט, נאָר מיר זייַנען אַלטע גוטע פרייַנד, און זי האָט מסתמא געוואָלט אַז אויך נאָך עמעצער זאָל עס וויסן, און כ׳וועל עס טאַקע פרוּוון איבערגעבן, ווי ווייט מעג־לעך, אין אירע ווערטער. און אַזוי האָט זי דערציילט:

איר ווייסט דאָך, אַז זינט מייַן מאַן איז געשטאָרבן האָב איך שטענדיק גע־אַרבעט. ער האָט מיר קיין פאַרמעגן ניט געלאָזן, און די איינציקע טאָכטער איז שוין געווען חתונה געהאַט, אָבער ווייט, אין אַן אַנדער שטאָט, און כ׳האָב איר זעלטן געזען. נאָר איין מאָל, אויף דער חתונה, האָב איך געזען איר מאַן: שיין און יונג און גוט געבויט, נאָר ער האָט געהאַט מאָדנע גרויסע אויגן. נאָך דער חתונה פלעג איך ווייניק הערן פון זיי און ניט געוווּסט צי זיי לעבן גוט צי שלעכט.

איין פאַר נאַכט, ווען איך בין געקומען אַ מידע פון דער אַרבעט, האָב איך דערזען לעבן מייַן טיר אַ גרויסן פירקאַנטיקן פאַרדעקטן קעסטל. מיר איז פאַר־געקומען אַז אין קעסטל באַוועגט זיך עפּעס און ס׳האָט מיר מאָדנע אַ ריס געטאָן בײַם האַרצן. עפּעס איז עס געווען פאַרדעכטיק. וואָלט עס געווען אַ ווערטפול פּעקל, וואָלט מען עס דאָך ניט געלאָזט בײַ דער טיר, און ס׳וואָלט געווען אַן אַדרעס פון וועמען און צו וועמען.

דערפאַר האָב איך ניט געוואָלט אָנרירן דאָס קעסטל. ס׳איז מיר איינגע־פאַלן: אפשר האָט ווער אונטערגעוואָרפן קעצעלעך אָדער הינטעלעך. פאַראַן מענטשן וואָס טוען עס, ווען זיי ווילן פּטור ווערן פון פריש־געבאָרענע באַשע־פענישן. אָבער אין דער זעלבער רגע האָב איך געטראַכט, אַז ס׳האָט דאָ גע־קענט פאַרקומען אַ טעות — אפשר איז דאָס פאַר דער שכנטע פון דערבייאיקן אַפּאַרטמענט.

איך בין געווען מיד פון אַ פולן טאָג אַרבעט און האָב געפילט, אַז כ׳דאַרף זיך כאַטש אָפּפרישן מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער, אָבער די נייַגעריקייט האָט מיר

געהאַלטן ווי צוגעשמידט צום אָרט. איך האָב געוווּסט, אַז מײַן שכנטע איז אַן אַלטע פֿרוי, וואָס זי איז אַ ביסל טויבלעך און שוואַך, און כ׳האָב קיין מאָל ניט געזען אַז מ׳זאָל איר פֿון ערגעץ אַרײַנשיקן פּעקלעך. אין קאָפּ זײַנען אַרומגע־שפּרונגען פֿראַגעס און איך בין אַ צעטומלטע געשטאַנען לעבן מײַן אייגענער טיר מיטן שליסל אין האַנט. צום סוף האָב איך זיך ניט געקענט באַהערשן, האָב אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל און ווי ס׳וואָלט געווען אַ גנבה האָב איך האַסטיק עס אַרײַנגעטראָגן צו זיך און פֿאַרהאַקט די טיר. כ׳בין נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין און זיך אײַנגעהערט צי מ׳יאָגט מיר ניט נאָך...

ס׳איז מיר באַפֿאַלן אַ געפֿיל פֿון מורא און דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, ווי כ׳וואָלט אָפּגעטאָן דעם גרעסטן פֿאַרברעכן. ווער ווייס וואָס אין אַזאַ קאַסטן קען זײַן באַהאַלטן? און טאָמער איז עס טאַקע פֿאַר עמעצן פֿון די שכנים. אויב כ׳וועל עפֿענען קען איך נאָך האָבן צרות, און איך בין אָפּגעהיט ניט צו רירן יענעמס. אויב אַזוי, דאַרף מען כאָטש פֿרעגן בײַ דער אַלטיטשקער פֿון דערבײַ. אפֿשר האָט זי באַמערקט ווער ס׳האָט עס געלאָזן.

האָב איך געלאָזן שטיין דאָס פּעקל בײַ דער טיר, אינעווייניק, האָב אויף גיך זיך געטאָן אַ וואַש און אַרויסגעגאַנגען צו מײַן שכנטע. אויף מײַן קלאַפּ אין איר טיר האָט די אַלטע ניט געענטפֿערט. אָבער די טיר איז געווען אויפֿגע־שלאָסן, בין איך אַרײַן. און ווי זי האָט מיר דערזען האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט און געזאָגט:

— אויף אײַך וואַרט איך טאַקע, דערפֿאַר האָב איך די טיר געלאָזן אָפֿן.

ס׳האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. ווער ווייס וואָס פֿאַר אַן ענין דאָס איז?

— יע, וועגן פּעקל אין קאָרידאָר. מסתּמא, ווילט איר וויסן?

— אָבער ס׳איז געוויס ניט פֿאַר מיר, קיינער דאַרף מיר גאָר ניט ברענגען, — האָב איך זיך געאײַלט צו ענטפֿערן

— מסתּמא איז עס יאָ פֿאַר אײַך! — האָט די אַלטע געזאָגט. כ׳קען אײַך נאָר דערציילן ווי אַזוי דאָס פּעקל קומט אַהער.

— אַ דאַנק, דערציילט. — האָב איך געפּרוווט מאַכן אַ פֿרײַנדלעכע מינע.

— הײַנט נאָך מיטאָג, — האָט זי אָנגעהויבן, — ווען כ׳בין געגאַנגען זיך צולייגן פֿאַר מײַן נאָכמיטאָג־שלאָף, האָט זיך מיר געדוכט אַז כ׳הער ווי מ׳קלאַפּט אין טיר. כ׳האָב געמיינט אַז ס׳איז אין מײַן טיר, ווײַל ווי געווײנלעך הער איך דאָך ניט אַז עמעץ קלאַפּט. כ׳טו אַן עפֿן די טיר און זע: אַ יונגע פֿרוי שטייט לעבן אײַער טיר און בײַ דער טיר שטייט אַ קעסטל. איך האָב באַמערקט, אַז זי

איז געווען צעטומלט און צעשראָקן און כ׳האָב געמיינט אז זי האָט פאַרבלאָנ־דזשעט אויף דעם ניט ריכטיקן אַדרעס. האָב איך איר געפרעגט וועמען זי זוכט, נאָר זי זאָגט מיר ניט אייער נאָמען. זי פרעגט נאָר ווען איר וועט זיין אהיים. זאָג איך איר, אז ס׳וועט נאָך דויערן אַ גוטע פּאָר שעה. זאָגט זי אז זי איילט זיך צו דער באַן און מוז גלייך אַוועק, נאָר זי וויל לאָזן פאַר אייך דעם פּעקל. ס׳איז זייער אַ וויכטיק פּעקל. אויב ס׳איז דאָ זיכער עס צו לאָזן. כ׳האָב איר געזאָגט, אז קיינער וועט דאָ ניט נעמען אַ פרעמד פּעקל, און חוץ דעם וועל איך יעדע ווײַלע ארויסקוקן. כ׳האָב געפילט אז זי וויל ניט לאָזן ביי מיר דעם פּעקל. זי האָט מיר פיין באַדאַנקט און איז אַוועק.

איך בין געבליבן זיצן ווי אַ צעמישטע פון דער מאָדנער געשיכטע. עפּעס אַ יונגע פרוי האָט אונטערגעוואָרפן אַ קאָסטן אונטער מיין טיר. כ׳האָב דער־פילט ווי ס׳ווערט מיר קאַלט און וואַרעם. מיין האַרץ האָט זיך צעפּויקט פון שרעק און מאָדנע פאַנטאַזיעס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מוח. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו דער אַלטער און געזאָגט:

— טייערינקע, כ׳האָב מורא אריינצוגיין צו מיר אליין. חוץ דעם האָט איר אַלץ געזען, ווי איר דערציילט. טאָ קומט מיט מיר. איר וועט מיך ממש ראַ־טעווען און פאַראיינס אויך זיין אַן עדות, ווייל איך האָב נאָך ניט אָנגערירט דאָס פּעקל.

די אַלטע האָט זיך געוואָלט ארויסדרייען:

— ווער ווייס וואָס ס׳קען דאָרט זיין, און וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?

— אָבער טוט מיר די טובה, קומט אריין. זאָל זיין פאַר אַ גלעזל טיי, — האָב איך זיך געבעטן.

זי האָט לסוף נאָכגעגעבן:

— יאָ, וואָס קען מיר שוין פּאַסירן...

כ׳האָב איצט באַמערקט אַ פונק פון נייגעריקייט אין אירע אויגן.

.2

זייער פּאָרזיכטיק האָבן מיר אַראָפּגענומען דאָס דעקל, אָפּגעדעקט דאָס שטיקל ווייסע לייוונט, און — אין דער זעלבער רגע האָבן זיך געעפנט אַ פּאָר גרויסע גרויע אויגן, וואָס האָבן אונדז אָנגעקוקט. מיר האָבן ביידע אַ שפּרונג געטאָן איבערגעשראָקענע. איך האָב אַ געשריי געטאָן און געפילט אַ שווינדל אין קאָפּ. די אַלטע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום קינד און ארויסגענומען דאָס

לײדיקע פלעשל פון זײן מויל. צום פלעשל איז געװען אָנגעבונדן אַ קאָנװערטל און אינעװײניק אַ בריװל צו מיר. ס׳האָט זיך אַזױ געלײענט:

ליבע מאַמע! איך װײס אַז דו אַרבעטסט ביז שפּעט און איך האָב געמוזט גלײך אָפּפאָרן צוריק, דעריבער האָב איך אָנגעגרײט אַ בריװל צו דיר. איך האָב ניט צו װעמען צו שרײבן חוץ דיר און װעמען אָנצובאָטן דאָס קינד אױפצופּאַסן, אָבער דו ביסט פּאַרט אַ מאַמע און װעסט געפינען אַ װעג װי צו העלפן דײן קינד. כ׳געדענק װי מיר אַלע האָבן זיך געפרײט אױף מײן חתונה מיט עטלעכע יאָר צוריק, אָבער נאָך דעם איז דער טאַטע געשטאָרבן און דו ביסט געבליבן אַזױ װײט פון מיר. כ׳װײס אַז צוליב דער שװערער אַרבעט האָסטו אפילו ניט געהאַט קײן כוח מיר צו שרײבן אָפּט אַ בריװל און דער קאָנטאַקט צװישן אונדז איז איבערגעריסן געװאָרן. װאָס איך בין דורכגעגאַנגען פאַר די לעצטע פּאָר יאָר, װאָלט איך דיר סײ װי ניט געקענט אױסשרײבן אין אַ בריװ. אָבער ניט קײן טראַגעדיע אין פאַמיליע־לעבן האָט מיר געצװונגען צו ברענגען מײן קינד צו דיר, װײל מײן מאַן איז צו מיר זײער גוט און האָט מיר נאָך אַלץ ליב װי געװען. נאָר אַנגעהױבן די טראַגעדיע האָט זיך װען כ׳האָב פאַרשװאַנגערט.

אין אָנהײב בין איך געװען גליקלעך, און מײן מאַן נאָך גליקלעכער פון מיר. ער האָט מיך באַשאָטן מיט מתנות פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. נאָך אַזױ פיל יאָרן האָט ער עס געזען װי די גרעסטע פּאַסירונג אין אונדזער לעבן. װי געװײנלעך איז ער געװען זײער פאַרנומען מיט זײנע געשעפטן, און װיכטי־קע ענינים האָבן אים אַרױסגעפירט פאַר לענגערע װאָכן, אַ מאָל חדשים פון דער הײם. אין אײנעם פון די טעג האָט מײן דאָקטער מיר אָנגעהױבן שטאַרקער באַהאַנדלען און מאַכן כסדר נײע אַנאַליזן. ער פלעגט מיר קוקן אין די אױגן מיט אַ טרױעריקן בליק און כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז עס איז עפּעס אַ סוד דערבײ. אָבער כ׳האָב געפילט װי מײן קינד צאַפּלט און דאָס האָט מיך באַרואיקט. אײן טאָג האָט מיר דער דאָקטער אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געזאָגט, אַז ער מוז מיר עפּעס דערצײלן, װאָס װעט מיך געװיס פאַרשאַפן צער, אָבער זײן חוב לאָזט אים מער ניט שװײגן. איך דאַרף װיסן, אַז די מעדיצינישע פּרװון װײזן אַז דאָס קינד װעט געבאָרן װערן מיט אַ שטאַרק פאַרקלענערטן מוח — דאָס מײנט, אַז זײן אינטעליגענץ װעט זײן שטאַרק נידעריק, נידעריקער װי די נאָרמע בײ נאָרמאַלע קינדער. עס קען אױך זײן אַז ער װעט זײן אַן אידיאָט... די דאָ־זיקע ידיעה האָט מיך אַזױ דערשלאָגן, אַז איך האָב געװאָלט זיך אומברענגען. און דאָ איז נאָך מײן מאַן געװען אָװעקגעפאָרן פאַר אַ לענגערער צײט און איך האָב אפילו ניט געהאַט פאַר װעמען אַ טרער אַרױסצולאָזן. טעג און נעכט האָב איך געװײנט אין קישן און בין אַרומגעגאַנגען װי אין אַ טשאַד. מײן דאָקטער

האָט עס באַמערקט און ער האָט מיך געטרייסט, אַז כ׳דאַרף זיך ניט זאָרגן און ניט טרויערן. עס טרעפן אַזעלכע זאַכן, נאָר איך וועל האָבן נאָך קינדער און אַלץ וועט אויסגעגלייכט ווערן. ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז כ׳זאָל פון קינד פּטור ווערן. כ׳האָב געפרעגט דעם דאָקטער און ער האָט געזאָגט, אַז מאַכן אַן אַבאָרט איז שוין צו שפּעט און ביז זיי וועלן קריגן אַ געריכטלעכע דערלויבעניש וועט דאָס קינד זיין געבאָרן. כ׳האָב באַשלאָסן צו זאָגן מיין מאַן, ווען ער וועט צוריק־קומען פון זיינע געשעפטן, אַז ס׳האָט פּאַסירט אַן אומגליק און איך האָב מפּיל געווען. אַיין זאַך וואָס דער דאָקטער האָט איינגעשטימט איז געווען, אַרויסרופן מיט קינסטלעכע מיטלען דאָס קינד מיט אַ וואָך אָדער צען טעג פאַר דער צייט, ווען מיין מאַן וועט נאָך זיין אין וועג, כדי מיין תּירוץ זאָל האָבן אַ האַפט, אָבער אין שפּיטאָל וועט דאָס קינד מוזן רעגיסטרירט ווערן, ווייל ער טאָר ניט גיין קעגן געזעץ. און אַזוי איז געווען. ווען מיין מאַן איז צוריקגעקומען האָב איך אים איבערראַשט מיט די טרויעריקע נייעס, און ער איז באַלד פון זינען אַראָפּ.

מיין מאַן פאַרדינט זייער פיל און קיין געלט ציילט ער מיר ניט צו. האָב איך צו ערשט דאָס קינד אוועקגעגעבן צו אַ פּריוואַטע קראַנקן־שוועסטער. מיין מאַן האָט מיר געגלייבט, נאָר ער איז מער ניט געווען דער זעלבער מענטש. ער איז אַרומגעגאַנגען טרויעריק און מעלאַנכאָליש און איז מער געווען מיט מיר ווי אין זיינע געשעפטן, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק וואָס אַזוינס האָט פּאַ־סירט. ווען דאָס קינד האָט געעפנט צום ערשטן מאָל די אויגן און אויף מיר אַ קוק געטאָן, האָב איך זיך דערשראָקן. זיי זיינען צוויי מאָל גרעסער געווען ווי ביי נאָרמאַלע קינדער און אַ מאָדנע פאַרנעפּלטקייט האָט פון זיי אַרויסגע־טונקלט. אַז כ׳האָב עס נאָך דעם דערציילט דעם דאָקטער, האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז אַ סימפּטאָם פון דער קראַנקייט. כ׳פלעג אָפט אים גיין באַזוכן, ביז איין מאָל האָב איך דערפילט דעם באַקאַנטן שווינדל און איבל פון אַ שוואַנגע־רער, און כ׳האָב פאַרקערעוועט מיין וועג צום דאָקטער. דער דאָקטער האָט פעסטגעשטעלט אַז כ׳האָב קיין טעות ניט געהאַט. ווי אַ משוגענע בין איך גע־לאָפן אַהיים. כ׳האָב טעלעפאָנירט מיין מאַן אַז כ׳האָב אים אַ וויכטיקע ידיעה איבערצוגעבן און ער איז גלייך געקומען. אַז כ׳האָב אים דערציילט וועגן מיין שוואַנגערשאַפט, איז ער ווילד געוואָרן פון גליק און פון דעמאָלט גייט ער אַרום ווי אַ ניי־געבאָרענער. ער טראָגט מיר אויף די הענט און היט אָפּ מיין יעדן טראָט, עס זאָל חלילה ניט פּאַסירן ווידער אַזאַ אומגליק... נאָר דאָ האָט פּאַ־סירט אַן אַנדער זאַך: ווען כ׳בין אַוועק צו מיין קראַנקן־שוועסטער, האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַז זי מוז אין דריי טעג אָפּפאָרן וועגן וויכטיקע פאַמיליע־ענינים און

איך מוז דאָס קינד באַזאָרגן ערגעץ אַנדערשוווּ. גראָדע איז מיין מאַן געווען אין שטוב און כ׳האָב ניט געקענט ארויסגיין זוכן אָדער טעלעפאָנירן. צו די פּאָר אַגענטורן ווו איך בין אריין, האָב איך געקראָגן אַן ענטפער, אז פאַר די נאָענטסטע טעג האָבן זיי ניט קיין פרייען פּלאַץ. און דאָ האָט זיך די צייט געריקט. האָט זיך געמאַכט אז מיין מאַן איז איצט אַוועקגעפאָרן אויף אַ דרינגנ־דיקע ביזנעס, אויף אַ פּאָר טעג, האָב איך איינגעפּאַקט דאָס קינד און דיר אים געבראַכט. געלט אים אויסצוהאַלטן וועט ניט אויספעלן. דו דאַרפסט אפילו מער ניט אַרבעטן. אונטער זיין מאַטראַץ וועסטו געפינען די ערשטע סומע פאַר אַ חודש , און יעדן חודש, פּינקטלעך, וועסטו קריגן אַ טשעק. אויב דו ווילסט נאָך אַלץ אַרבעטן, טאָ נעם עמעצן אויפצופּאַסן דאָס קינד. זיין נאָמען איז דאָ־דיע. כ׳וועל אים קומען זען, ווי נאָר עס וועט זיך מאַכן אַ מעגלעכקייט. אין דיינע בריוו צו מיר טאָרסטו עס ניט דערמאָנען. זיי מיר מוחל, ווייל אַנדערש האָב איך ניט געקענט. אז דו וועסט איבערלייענען דעם בריוו, וועלן שוין די שורות זיין טרוקן פון מיינע טרערן. דיין טאָכטער ראָזאַליע.

איך האָב געלייענט דעם בריוו פאַר זיך, שטיל, ווי מ׳לייענט אַ תפילה אין אַן אַלטן סידור, און די גאַנצע צייט האָבן זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן. כ׳פלעג אַנדערע מאָל אַהויבן שלוכצן און כ׳האָב געפילט אז איך האַלט זיך איין ניט צו ספּאַזמירן. די אַלטע איז געזעסן אויף אַ שטול, געהאַלטן דעם קינדס הענטל אין איר דאַרער האַנט און מסתמא געטראַכט, פאַר וואָס איז ער אזוי שטיל און וויינט ניט ווי אַנדערע קינדער. ער האָט געקוקט מיט גרויסע און ווי מיט אַ הייטל פאַרצויגענע אויגן.

די באָבע... דיין אייניקל... האָט מיר געזשומט אין קאָפּ, ווי איך האָב פאַר־ענדיקט דעם בריוו. איך האָב זיך איינגעבויגן און אריינגעקוקט אין וויגל און אַ מאָדנער טרויער האָט מיך געגריזשעט אין האַרצן. צום סוף האָב איך זיך גע־שטאַרקט און געזאָגט:

— דאָס איז געווען מיין טאָכטער. דער בריוו איז פון איר. זי האָט גע־מוזט ערגעץ ווו אַוועקפאָרן און האָט מיר געבראַכט איר קינד פאַר אַ לענגערער צייט. איך בין די באָבע.

די אַלטע האָט געקוקט אויף מיר, ווי דאָ וואָלט עפּעס פּאַסירט וואָס זי פאַרשטייט ניט.

— מיין טאָכטער האָט גאָרניט פּאַסירט, זי איז מיט איר מאַן, זיי פאָרן ביי־דע אַוועק, — האָב איך צוגעגעבן, ווי כ׳וואָלט עס פאַרגעסן צו זאָגן.

— איז דאָס... קינד... פון איר מאַן? האָט די אַלטע פאַרדעכטיק געפרעגט.

— געוויס! — האָב איך פאַרזיכערט — פון איר מאַן. ס׳איז זייער קינד.

און איך — די באָבע. אָבער וואָס גיי איך טאָן? איך מוז דאָך גיין צו דער אַרבעט? — האָב איך גערעדט צו זיך.

— זאָרגט זיך ניט, — האָט די אַלטע געזאָגט אַ דערפרייטע, — איך וועל אים אויפפאַסן, געבן דאָס פלעשל. אָט גיי איך עס צוגרייטן און איר וועט זען אז כ׳האָב נאָך ניט פאַרגעסן. אָט, זעט! — און זי האָט גענומען דאָס פלעשל און געגאַנגען צום אייזשראַנק נעמען מילך. איך האָב דערוויַיל ארויסגענומען פון אונטערן מאַטראַצל דאָס געלט. זי האָט שוין געוואָרעמט די מילך אויפן פּליטע. זי האָט אריינגערעדט אין וויגעלע:

— נו, וועלן מיר׳זיך שפּילן אַ גאַנצן טאָג, האַ? ס׳וועט זיין פריילעכער אונטער די פיר ווענט. די באָבע וועט גיין אַרבעטן און מיר וועלן זיך אויס־שלאָפן, האַ? נאָר איין זאַך, — האָט זי זיך אומגעדרייט צו מיר, — באָדן וועט איר אים מוזן, ווייל מיר איז שווער זיך צו בייגן. עס ברעכן די אַלטע ביינער.

איך האָב איר געזאָגט, אז מיר וועלן זיך אויסרעכענען יעדן מאָנאַט אויף אַ פיינעם אופן און זי וועט ניט זיין באַעוולט. זי איז געווען צופרידן און געזאָגט, אז זי וועט אריין מאָרגן גלייך אין דער פרי, ווייל זי וועקט זיך אויף אין מיטן נאַכט און קען סיי ווי מער ניט שלאָפן.

דאָס קינד האָט געזויגן פון פלעשל, אָן קיין אויסדרוק אויף זיין מאָטן פּנים.

.3

ווי נאָר די אַלטע איז ארויס האָב איך ארויסגענומען דאָס קינד פון קעסטל. ער איז געווען פאַר זיין האַלב יאָר גאַנץ היפּש אויסגעוואַקסן, מיט גלייכע הענט־לעך און פיסלעך. אַ שמייכל האָט אַ שפּיל געטאָן אויף זיינע ליפּעלעך און איז גלייך פאַרשוווּנדן.

ס׳איז מיר געוואָרן אומעטיק פון זיין שטילקייט, אָבער כ׳האָב דערפילט צו אים אַ נאָענטקייט. מיין טאָכטערס קינד — און איך בין די באָבע. אין ווינקל פון קעסטל איז געווען אַ היפּש פּעקל מיט זאַכן, וועש, ווינדלעך. כ׳האָב גע־לאָזט לויפן וואַסער אין וואַנע. אָפּגעשטעלט די וואַרעמקייט און אים געבאָדן, איבערגעטאָן און געלייגט שלאָפן.

פון טאָג אַרבעט און די אַלע איבערלעבונגען בין איך געווען פאַרמאַטערט, נאָר כ׳האָב ניט געקענט איינשלאָפן. כ׳האָב כסדר געקוקט צום ווינקל, וווּ דאָס קינד ליגט אין זיין קעסטל, און זיך אַלץ ניט געגלייבט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. כ׳האָב איבערגעציילט דאָס געלט און באַרעכנט, אז ס׳איז גענוג אז מיט דער צייט זאָל איך אליין אויפהערן אַרבעטן און אכטונג געבן אויפן קינד. און די

אַלטע שכנטע וועל איך שיין באַצאָלן, ווייל אז זי וויל מיר, אין איר עלטער, ארויסהעלפן אין אַזאַ לאַגע, איז עס ניט אָפּצושאַצן.

ביים איינשלאָפן האָב איך געטראַכט וועגן זיינע גרויסע אויגן און אַ גאַנצע נאַכט בין איך שלעכט געשלאָפן. ווי נאָר איך פלעג איינדרעמלען, פלעג איך זען אַ קינד מיט גרויסע אויגן, וואָס האָבן מיר אומעטיק אָנגעקוקט. די אַלטע איז אריין און האָט זיך איינגעבויגן צום וויגל און געזאָגט: — האַ, קיין גרויסער חכם וועסטו ניט זיין...

דער חלום איז נאָך ניט פאַרשווונדן, ווי איך האָב געהערט אַ דין שעפּטשן און אַ קלאַפּ אין טיר. דאָס איז טאַקע געווען די אַלטע. איך האָב זיך האַסטיק אָנגעטאָן. און איידער כ׳בין ארויס צו דער אַרבעט האָב איך דאָדיען, צום ערשטן מאָל, אַ קוש געטאָן. דאָס האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן: מיין אייניקל! איך האָב געפרעגט מיין אַלטע שכנטע וואָס כ׳זאָל באַשטעלן פאַרן קינד, אונטן, אין קלייטל. כ׳וועל עס בעטן ארויפשיקן צו איר. זי האָט מיר געזאָגט וואָס זי דאַרף האָבן און איך בין אַוועק.

די ענדערונג אין מיין לעבן האָט מיך מאָדנע צערודערט. נעכטן נאָך געווען אַן עלנטע איינזאַמע פרוי, און היינט לאָז איך איבער אַן אייניקל אַהיים.

די צייט איז געלאָפן. די טאָכטער האָט געבאָרן אַ געזונט יינגל און נאָר איין מאָל איז זי געווען זען דאָדיען. זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט און געזאָגט, אז אויב זי וועט דאַרפן קומען נאָך אַ מאָל וועט זי עס ניט אויסהאַלטן. דערביי בער בין איך טאַקע צופרידן געווען וואָס זי קומט ניט, ווייל קיין געזונט וואָלט עס איר ניט פאַרשאַפט.

דער יינגל האָט געפּלאַפּלט ווערטער, אָבער ס׳איז געווען אָן אַ טאַלק. נאָר צוויי ווערטער האָט ער געזאָגט קלאָר: באָבע — צו דער אַלטער, און מאַמע — צו מיר.

די טאָכטער פלעגט פון צייט צו צייט אריינשרייבן אַ בריוול. דאָס ניי־געבאָרן קינד איז געווען אַ געראָטנס, גוט זיך אַנטוויקלט און דער מאַן און זי האָבן געהאַט נחת. זי פלעגט צום סוף צוגעבן אַ גרוס פאַר דאָדיען און דער אַלטער פרוי. רעגולער פלעגט זי אריינשיקן דאָס געלט אויסצוהאַלטן דאָדיען. איך האָב שוין מער ניט געאַרבעט און געווען באַשעפטיקט מיטן קינד. די אַלטע האָט געהאָלפן, ווייל מ׳פלעגט מוזן גוט אַכטונג געבן אויף אים. און אַט איז ער געוואָרן דריי יאָר.

ער איז גוט געגאַנגען, ניט שלעכט שוין גערעדט. מ׳פלעגט זיך קענען צונויפריידן מיט אים, און ער האָט כמעט אַלץ פאַרשטאַנען. איך האָב באַשלאָסן אים צו נעמען צו אַ דאָקטער און הערן אַ פאַכמענישע מיינונג.

כ׳האָב אים געגומען צו איינעם פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן. ער האָט אים אויסגעהערט און לאַנג זיך אונטערהאַלטן מיט אים. פיזיש, האָט ער געזאָגט, איז דאָדיע געזונט און אַנטוויקלט ווי אַלע קינדער. ס׳איז אָבער אויך פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיין אינטעליגענץ. צו דעם דאַרף מען זיך מיט אים אַ סך פאַרנעמען, ריידן צו אים, אים דערציילן קינדער־מעשיות, לערנען דעם אלף־בית אין בילדער, אים אפילו אריינגעבן אין אַ קינדער־גאָרטן. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע שפּילפלעצער פאַר דעפעקטיווע קינדער, ווו געשולטע לערערינס גיבן אויף זיי אַכטונג. ער וועט זיכער זיך בייטן מיט דער צייט, כאָטש צו פולע אינטעליגענץ קען עס ניט קומען. פון זיצן אויף איין אָרט ווערט ער אויך צו פעט, און דאָס טויג ניט. ער מוז זיך באַוועגן. ער מוז זיין צווישן קינדער, ניט תמיד זיין פאַרשפּאַרט אין צימער צווישן די צוויי פרויען, ווי גוט זיי זאָלן ניט זיין. דער דאָקטער האָט עס מיר געגעבן גוט צו דערקלערן און אפילו געגעבן אַן אַדרעס.

מ׳האָט דאָדיען אַנגענומען אין קינדער־גאָרטן. יעדן טאָג פלעג איך אים אַוועקפירן און צוריק ברענגען. די לערערינס זיינען געווען זייער סימפּאַטיש. זיי האָבן מיר געזאָגט, אז דאָדיע איז אַ ביסל צו שטיל און אַלע מאָל פון וויטן. וויל ניט שפּילן, ניט זינגען, ניט קוקן אויף די בילדער. זיי באַשעפטיקן זיך מיט אים ווי מיט א ספּעציעלן פאַל, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דאָקטער, און האָפן אז מיט דער צייט וועט ער זיך אַנטוויקלען, פאַרשטיין בעסער. עס מוז געדויערן. געדולד! געדולד! האָבן זיי מיר געמונטערט.

איין זאַך איז מיר קלאָר געווען, אז דאָדיע האָט געפילן פון ליבשאַפט. דאָס איז מיר געווען ווי אַ סימן, אז ער אורטיילט וועגן זאַכן און וועט טאַקע פראַגרעסירן. ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו מיר און דער אַלטער — זיין ניט אמתע באָבע און זיין ניט אמתע מאַמע.

.4

איין טאָג, ווען כ׳בין צוריקגעקומען פון באַגלייטן דאָדיען אין קינדער־גאָרטן, האָב איך געפונען מיין אַלטע שכנטע ליגן אין בעט. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף שוואַכקייט אין אַלע גלידער. דאָס איז געווען ניט איר נאַטור צו ליגן און קרעכצן, האָב איך זיך דערשראָקן און געוואָרן מאָדנע אומרואיק. כ׳האָב איר געגעבן מעדיצין, וואָס איך האָב געהאַט אין הויז, צו שטאַרקן, און נאָך מיטאָג, האָב איך געזאָגט, וועל איך רופן אַ דאָקטער. נאָר זי האָט געזאָגט, אז ס׳וועט אריבערגיין. זי וויל קיין דאָקטער ניט. ס׳איז נאָר אַ שוואַכניש,

און כ׳דאַרף זיך ניט זאָרגן. איצט האָב איך געפילט ווי ליב איך האָב די אַלטע פרוי, וואָס האָט אזוי איבערגעבן אַלע יאָרן מיר געהאָלפן.

צו דער צייט בין איך געגאַנגען אָפּנעמען דאַדיען, אָבער אויף צוריקוועגס בין איך שוין מיט אים געלאָפן. ס׳האַרץ האָט מיר פאַרויסגעזאָגט עפּעס שלעכטס. אַ פאַרסאָפּעטע בין איך אריינגעפאַלן צו דער אַלטיטשקער, האָב איר גערופן, אַ טרייסל געטאָן, אָבער שוין געווען נאָך אַלעמען. זי איז געלעגן מיט אַ געל־צע־קנייטשטן פּנים. טויט.

איך האָב זיך ביטער צעוויינט. מיט אַ מאָל האָב איך באַמערקט אז דאַדיע שטייט לעבן בעט און טרערן רינען אויף זיינע קינדערשע גלאַטע בעקעלעך. איך בין געוואָרן גערירט און אים ארומגעכאַפּט. ער האָט זיך געטוליעט צו מיר. אַ מינוט האָב איך פאַרגעסן וועגן דער אַלטער און אַ צופרידנקייט האָט מיר אַ ליכטיק געטאָן: אויב דאַדיע קען פילן און וויינען, וועט ער מיט דער צייט נאָרמאַל ווערן. וועט ער ניט זיין קיין פּראָפעסאָר, אָבער ער וועט געזונט ווערן. כ׳האָב אים שטאַרקער צו זיך געדריקט. מיט פאַרוויינטע פאַרשטעגדיקע אויגן האָט ער מיר אָנגעקוקט און געשוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ כליפּע געטאָן: — באָבע! באָבעלע!... און איז צוגעפאַלן איר קושן. מיך האָט עס אויפגעציטערט, כ׳בין ארויסגעלאָפן און אים מיטגעשלעפּט.

אַ לאַנגע צייט האָב איך פון מיין טאָכטער קיין בריוו ניט באַקומען. אויף מיינע אָנפראַגעס איז קיין ענטפער ניט געקומען און אויך ניט קיין געלט, ווי עס איז געקומען פּינקטלעך די אַלע יאָרן. דאָס האָט מיך זייער באַאומרואיקט, נאָר איך האָב געוווסט אז כ׳מוז שווייגן, ניט אויסגעבן דעם סוד פאַר איר מאַן. כאָטש מיט געלט האָב איך ניט געהאַט קיין שווערקייטן מער, ווייל פון געריכט איז איין טאָג געקומען אַ מעלדונג וועגן אַ היפּשער סומע, וואָס איז געבליבן אַ ירושה פון דער אַלטער שכנטע — זי האָט עס אָפּגעשריבן אויף דאַדיעס נאָמען. יעדן חודש האָב איך געמעגט נוצן אַ געוויסע סומע פון דעם געלט, אויף הוצאות פאַר אים. בין איך איצט געווען אין גאַנצן פאַרטאָן מיט מיין אייניקל און איך האָב גאָר ניט באַמערקט ווי די צייט לויפט.

5.

אזוי זיינען אַוועק דריי יאָר. דאַדיע האָט שוין מער פאַרשטאַנען, ער האָט מער גערעדט און מער געשפּילט זיך, געזוכט חברים און אפילו געהאָלפן מיר אַן פאַר־שיידענע אַרבעטן. ער איז געווען מיין איינציקע טרייסט אין מיין עלנטקייט און איך האָב אים שטאַרק ליב באַקומען. ער האָט מיר פאַרשטאַנען אויפן ווונק.

ווען ער האָט צו זעקס יאָר אָנגעהויבן גיין אין קלאַס, האָט ער שוין ניט שלעכט באַנומען דאָס לערנען. און דאָ, מסתמא, ווי דאָקטוירים האָבן פּאָרויס־געזאָגט, איז געקומען דער איבערבייט: איך אַליין האָב אים שוין באַלד ניט דערקענט — ער איז געוואָרן לעבעדיקער, פרייִלעכער און אפילו געלאַכט און, פאַרשטייט זיך, מיר איז צוגעקומען פון דעם פּודן געזונט. ער האָט אַ פּאָר מאָל אפילו געפרעגט ווו זיין טאַטע געפינט זיך. ס׳איז ניט געווען קיין בענקשאַפט, נאָר סתם אַן אינפאָרמאַציע פראַגע. כ׳האָב אים געזאָגט, אז זיין טאַטע איז אין אַ זייער ווייט לאַנד, פון ווו מ׳קומט זעלטן.

— איך וואָלט אים װעלן זען, — האָט ער געזאָגט גלייכגילטיק.

— מסתמא וועסטו אין גיכן אים זען... — האָב איך געזאָגט סתם אין דער וועלט אריין.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָב איך געקראָגן דעם ערשטן בריוו פאַר אַ סך יאָרן פון מיין טאָכטער. כ׳האָב זיך דערפרייט, נאָר איך האָב באַמערקט אז די האַנטשריפט איז אַ ביסל צעקרימט, און באַלד איז מיר קלאָר געוואָרן. זי האָט געשריבן:

ליבע מוטער! פיל שרייבן קען איך ניט. איך קום צו זיך פון אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געדויערט יאָרן דאָס אויסהיילן. מיין מאַן האָט פאַר מיר ס׳לעבן געלייגט. ער האָט זיך געפילט שולדיק, ווייל ער האָט געפירט דעם אויטאָ. איך האָב דיר די אַלע יאָרן ניט געשריבן און ניט געשיקט קיין געלט און איך פאַרשטיי ווי דו האָסט זיך געמאַטערט. אָבער איצט וועט צו אַלע צרות נעמען אַ סוף. איך האָב ענדלעך אַנטדעקט דעם סוד פון דאָדיען פאַר מיין מאַן. ער איז געווען גליקלעך דאָס צו הערן און ער וועט גלייך ארויספליען מיט אַן עראָפּלאַן אייך ביידן צו נעמען צו אונדז. און פאַר מיר איז געווען אַ גליק, ווייל ער האָט מיר עפּעס דערציילט, וואָס האָט פרייִלעך געמאַכט מיין האַרץ. איך האָף אז דאָדיע לערנט זיך גוט און איר זייט ביידע געזונט. איך דערוואַרט אייך מיט פרייד און אומגעדולד. דיין געטרייע טאָכטער און דאָדיעס מאַמע, ראָזאַליע.

ווי איך האָב איבערגעלייענט דעם בריוו, האָב איך זיך איינגעהאַלטן ניט צו שרייען פון גליק. איך האָב זיך באַהערשט און געזאָגט צו דאָדיען:

— זעסט, דאָדיע, כ׳האָב דיר מיט אַ צייט צוריק געזאָגט, אז דיין טאַטע וועט אין גיכן קומען. אָט איז אַ בריוו פון זיי — מאָרגן קומט ער צו אונדז.

דאָדיע איז מיר ארויסגעפאַלן קושן. איצט האָב איך דערפילט זיין וואַרעמ־קייט און טרערן האָבן אָנגעהויבן רינען פון מיינע אויגן.

— מאַמע, מאַמע, פאַר וואָס ווייַנסטו? דאַרפסט זיך דאָך פרייען. מיר וועלן זען דעם טאַטן. לאָמיר לייענען זיין בריוו, מאַמע.

איך האָב דערפילט ווי ס׳ווערט מיר ענג אין האַלדז. וואָס טוט מען? כ׳האָב ספּעציעל געזאָגט, אַז דער בריוו איז פון זיי — איצט דאַרף מען אויפקלערן ווער די זיי זיינען. כ׳האָב אָנגעהויבן זיך פּלאָנטערן אין די רייד.

איידער כ׳גיב אים דעם בריוו, מוז איך אים אַ וויכטיקע זאַך דערקלערן, האָב איך געזאָגט. און דאָס צו דערקלערן האָט געדויערט שעהען, מיט טרערן און קושעונישן און גלעטעונישן. כ׳קען עס ניט איבער־דערציילן אַלץ, אָבער צום סוף האָט ער פאַרשטאַנען דעם גאַנצן פּלאָנטער און ווי ער וואָלט שלום גע־מאַכט מיט דער נייער לאַגע האָט ער געזאָגט:

— נאָר דו וועסט נאָך אַלץ בלייבן מיין מאַמע — מאַמע נומער איינס! — נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער צוגעגעבן, — ווייל די באָבע איז דאָך גע־שטאָרבן...

— די באָבע נומער צוויי לעבט אָבער... — האָב איך געלאַכט.

6.

אויף מאָרגן, ווען דאַדיעס טאַטע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט דאַדיע געמאַכט זיינע שולאַרבעט. מיר האָבן געוווּסט ווער און ווען ער קומט און געווען גרייט.

אַ שיינער מאַן, פיין געבויט, מיט גרויסע גרויע אויגן איז אריין אין שטוב און גלייך זיך ארומגעכאַפּט מיטן זון, מיט מיר. די שימחה איז געווען גרויס.

— און דאָס זיינען קושן פון דער מאַמען! — האָט ער געזאָגט, באַדעקנ־דיק מיט קושן דאַדיעס בעקעלעך, וואָס האָבן געגליט פון אויפּרעגונג. — און דאָס איז פון דער טאָכטער פאַר דער מאַמען! — האָט ער מיר אָפּגעגעבן מיין חלק.

איצט האָב איך באַמערקט, אַז דער זון איז געראָטן אין טאַטן: פונקט די זעלבע גרויסע אויגן און מיט אַ גרויער מאַטקייט באַצויגן, פונקט ווי כ׳האָב זיי געזען יענעם טאָג, ווען איך האָב געעפנט דעם אונטערגעוואָרפענעם קעסטל מיטן זויגקינד.

— איר וועט איינפּאַקן דאָס נייטיקסטע וואָס איר ווילט מיטנעמען. מאָרגן וועלן מיר פאָרן אַלע צוזאַמען. מיר וועלן אַלץ דערווייל איבערלאָזן און נאָך דעם וועל איך דאָ קומען און ליקווידירן אַלע ענינים.

שפּעט ביינאַכט, ווען דאָדיע איז שוין ,אַ פאַרמאַטערטער פון אַלע איבער־לעבענישן, געשמאַק געשלאָפן, האָט מיין אײדעם מיר שטיל פאַרטרויט דעם סוד:

— איר זעט מיינע גרויסע אויגן? איך בין אויך געווען אזוי אין מיינע קינדער־יאָרן און ס׳איז געקומען דער אומבייט, ווי ביי דאָדיען. ווען ראָזאַליע וואָלט עס מיר גלייך דערציילט, וואָלט איר זיך פאַרשפּאָרט אזוי פיל יאָרן מאַטערניש.

— ניין, מיין טייער קינד אייזיק, — האָב איך מיין אײדעם צאַרט אָנגערופן ביים נאָמען, — פאַר מיר איז עס געווען די פרייד פון אַ גליקלעכער באָבע.

ר׳ נאָטע

.1

ר׳ נאָטע פלעגט זיין אַ היימזיצער, ער פלעגט אַ גאַנצן טאָג לערנען, און אפילו דאַוונען פלעגט ער אויך אין דער היים. זיין אַלטע, זיידענע, שוואַרצע קאַפּאָטע איז שוין לאַנג געווען אָפּגעטראָגן, נאָר ער האָט איר זעלטן אויסגעטאָן, ווייל דאָס איז געווען זיין איינציקער מלבוש וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אויפן סאַמע שפּיץ פון זיין גרויסן קאָפּ מיט די שיטערע האָר, איז געזעסן די פון דער צייט צעקנייטשטע יאַרמלקע, וואָס איז געווען ניט ווייס און ניט שוואַרץ. פאַרן לייגן זיך שלאָפן פלעגט ער זי אריבערציען טיפער, עס זאָל חלילה ניט ארונטערפאַלן פון קאָפּ. און ער פלעגט געהיט זיין אָנצוטאָפּן די יאַרמלקע פאַרן מאַכן אַ ברכה אָדער בענטשן נאָכן עסן. ער פלעגט עס אַלץ טאָן שטיל, אפילו ביי תורה לערנען פלעגט ער ניט אויפהייבן זיין קול. אָבער ווייניקער נאָך פלעגט ער ריידן צו די שטוביקע. ער פלעגט קוים ארויסלאָזן אַ וואָרט פון מויל. און אז עס פלעגט פּאַסירן אז ער האָט געזאָגט עטלעכע געציילטע ווערטער, האָט ער זיך געהיט און גערעדט געלאַסן, ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ זינד.

ר׳ נאָטע האָט געשטאַמט פון רבנישע משפּחות און דורות טייערע יידן. ער פלעגט זיי דערמאָנען מיט פרום־פאַרקוועטשטע אויגן און זיין געלע באָרד, דורכגעפלאָכטן מיט גרוי, פלעגט זיך נעמען מאָדנע שאָקלען, ווי זי וואָלט צו אים עפּעס געזאָגט אז קיינער זאָל ניט הערן. אין דער אמתן פלעגט עס ר׳ נאָטע מורמלען אַ תפילה פאַר די צדיקים, ליגן זאָלן זיי אין זייער רו און די ערד זאָל זיי גרינג זיין. נאָך דעם האָט ער פאַר זייער נשמה געלערנט און געזאָגט קאַפּיטלעך תהילים.

ער האָט זעלטן געטראָפן פרעמדע יידן, נאָר אז ער האָט שוין יאָ געטראָפן אזא איינעם, האָט ער ארויסגעוויזן צו אים גרויס דרך־ארץ. אויף די שטוביקע האָט ער כמעט ניט אויפגעהויבן די אויגן און זיי ניט אריינגעקוקט אין פּנים, ווי זיי וואָלטן אויך געווען פרעמדע. ער האָט זיך געהיט מיטן באַגיין אַן עבירה דורך באַליידיקן יענעם, און די אייגענע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט. מ׳האָט זיך געהיט ניט צו שטערן אים אין לערנען.

נאָר איין זאַך האָט ר׳ נאָטען ניט געאַרט: די פּרנסה! ס׳האָט איסגעזוען ווי ער וואָלט ניט געוווסט, אז אַ ווייב צי אַ קינד דאַרפן אַ שוך, אַ קלייד, און מ׳דאַרף האָבן אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל צוקער און זאַלץ. ער האָט אפילו ניט באַמערקט, אז די עלטסטע טאָכטער איז שוין גרויס און מ׳וועט באַלד דאַרפן טראַכטן וועגן אַ שידוך, און אז די יינגלעך וואַקסן אויך און מ׳וועט מוזן זיך ארומקוקן וועגן אַ תכלית. די אַלע וועלטלעכע זאַכן האָבן ר׳ נאָטען ניט גע־קימערט אויף אַ האָר, ווי ער אליין וואָלט דאָ געווען אַ פרעמדער. און פאַר וואָס האָט אים דאָס טאָקע געדאַרפט אַרן?

געדאַרפט אַרן האָט עס אים צוליב זיין ווייב און קינדער!

גנענדל איז געווען אַ אידל און שטיל און איר גאַנצע זאָרג איז געווען פאַר איר מאַן, ר׳ נאָטען, וואָס איז געווען איר שטאָלץ און זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן צדיק. ביי איר איז רעכט געווען אז ער רעדט מיט די מלאכים, און דעריבער רעדט ער אזוי ווייניק מיט מענטשן. אַ לעבן לאַנג פינצטערט שוין גנענדל אָפּ פאַר איר צדיק — פון סאַמע חתונה־טאָג אָן — אַניט ווי וואָלט מען אויפגעבראַכט אַכט קינדער צו גאָט און צו לייט. אירע טעג זיינען אוועק אין ניט דערעסן, די נעכט — אין ניט דערשלאָפן, און דאָס גאַנצע לעבן אין איין זאָרגן, ווי אזוי צונויפשלאָגן דאָס ביסל חיונה. האָט זי טאָקע געהאָרעוועט פון סאַמע פאַר טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט און מיט קיין אַרבעט האָט זי זיך ניט געשעמט: גרעט וואַשן, פּאַדלאָגעס שייערן, אויפראַמען.

מיטן נאָך אַנאַנדיקן פאַרשוואַנגערן און ליגן אין קימפּעטן, איז די האָרע־וואַניע איר געפאַלן שווער, אָבער זי האָט אפילו דעמאָלט זיך ניט געפוילט עפּעס צו טאָן. זי איז געווען אַ בריה אַ בראַנד און עס באַוויזן אי אין פרעמדע הייזער און אי אין איר אייגן הויז. איר הויז, מישטיינס געזאָגט, איז געווען איין גרויסער צימער פאַרשטעלט מיט פאַראוואַנקעס און צעטיילט אויף מערערע פירקאַנטיקע קעסטלעך, וואָס האָבן געזאָלט הייסן שלאָפצימערן: פאַר ר׳ נאָטען און איר, פאַר די יינגלעך, פאַר די מיידלעך, און אַ גרעסערער קאַסטן וואָס האָט געזאָלט זיין אַן עסצימער. דאָס איז געווען דער לעצטער צימער, ווו איר מאַן פלעגט איצטער לערנען. אין פריערדיקע יאָרן, ווען זי האָט געקינדלט, פלעגט מען פאַרוואַנדלען איין ווינקל פאַר דעם שלאָפפלאַץ פון נייעם נפש — דאָרט פלעגט שטיין זיין וויגעלע.

גנענדל האָט זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט אויף איר מזל. זי אליין קומט אויס מיט גאָר נישט און וווּנדערט זיך ניט איין מאָל פון וואַנעט נעמען זיך כוחות צו אַרבעטן. די אַכט מיילכעלעך פון די קינדער האָבן קיין מאָל ניט געקראָגן עסן צו זאַט, אָבער אויף אונטערהאַלטן די נשמה האָט מען אויך געמוזט

גענוג פּראַצעווען. דאָך פלעגט זי פון די לעצט־אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, וואָס זי האָט פאַרדינט, ברענגען פאַר ר׳ נאָטען אין זיין חדר אַ גוטן ביסן, ווייל ער איז נעבעך פאַרשמאַכט פון גאַנצע טעג לערנען.

די יאָרן האָבן אָפּגעווישט דעם גאַנצן אַמאָל אירן. זעלטן גיט אַ בליץ אין איר זכרון יאַנקעלע, ר׳ יצחקס מוזיניק, וואָס איז משוגע געוואָרן פאַר איר. גנענדל געדענקט אַז זי איז געווען אַ פאַרשוין, די שענסטע אין שטעטל, און אַלע בחורים האָבן זיך ארומגעדרייט ארום איר. אָבער דער טאַטע האָט געהייסן חתונה האָבן מיט ר׳ נאָטען — אַזאַ למדן! — האָט זי געפאָלגט. אין האַרצן ווייס זי אָבער אַז יאַנקעלען האָט זי האָלט געהאַט, און ר׳ נאָטען — — —

זי דערשרעקט זיך פאַרן געדאַנק צו פאַרגלייכן יאַנקעלען צו ר׳ נאָטען. דער טאַטע האָט געזאָגט אַז ס׳איז אַ גרויסער כבוד צו האָבן אַזאַ מאַן. גאָט האָט איר צוגעטיילט איר חלק און אַזוי מסתמא דאַרף עס זיין. זי איז ווערט געווען אַ מאַן אַ צדיק, אַ לערנער און ער איז איר באַשערטער. און זי דערמאָנט זיך ווי דער טאַטע האָט איר דערקלערט, אַז עס שאַט ניט אַז אַ מאַן איז עלטער מיט אַ צוועלף־דרייצן יאָר — וואָס עלטער פאַרשטייט ער מער.

אוודאי פאַרשטייט ר׳ נאָטע מער, אָבער פאַר וואָס פאַרשטייט ער ניט אַ מאָל אויפצוהייבן די אויגן און אַ קוק טאָן אויף איר, אויף די קינדער. די טענה קומט אויף ביי איר לעצטנס וואָס אָפטער, ווייל זי זעט אַז די צייטן האָבן זיך געביטן, אויך די קינדער האָבן זיך געביטן, געוואָרן קליגער, שעמען זיך ניט ווי אַ מאָל, אָבער איר מזל האָט זיך ניט געביטן. ווו א שימחהלע, אַ חתונה איז גנענדל דאָ. אָבער ניט זיך מיטצופרייען, נאָר צו העלפן און טאָן די אַרבעט. זי קען קאָכן און באַקן די בעסטע מאכלים און טייערסטע געבעקסן. דערפאַר ברענגט זי טאַקע אַ מאָל פון אַ חתונה אַ שטיקל אינדיק, אַ חלה, אַ פּאָר צוקערקעס. אָבער גנענדל פלעגט קיין מאָל ניט בעטן צי חלילה נעמען אליין, די באַלעבאָסטע פלעגט מוזן איבערגוואַלד איר ארייַנשטופּן. זי איז ניט געווען ווי די אָרעמע־לייט, וואָס כאַפּן פון די הענט און שלעפּן פון די טישן.

זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז די אַלע וואָס חנפענען איר און לויבן איר מאַן דעם למדן, באַריידן איר און לאַכן אָפּ פון איר אָרנטלעכקייט אונטער די אויגן. און אַז אַ מאָל פלעגט אַ ניט פאַרגינערקע איר אונטערהעצן, אַז דעם חתנס מאַמע צי די מחותנתטע פון דער כלהס צד זאָל האָבן געזאָגט, אַז זי, גנענדל, איז אַ שנאָרערקע און זי נאַשט פון די טעפּ, פלעגט זי זאָגן: זאָל מען ריידן, אַבי איך ווייס אַז זייערע האָב איך ניט פאַרנומען. גנענדל האָט זיך געהיט פאַר רכילות ווי פאַר פייער און זי האָט זיך ניט געוואָלט אויסטענהן מיט די שטעטלשע בייזע מיילער. זי האָט אפילו ניט פאַרזוכט פון די יויכן און פליישן,

וואָס זי פלעגט קאָכן אויף די שימחות. און זי פלעגט די באַלעבאָסטעס אָפּפטרן מיטן כלומרשטן תירוץ, אז זי האָט פאַר איר הויזגעזינט, ניט צו פאַרזינדיקן, געבּנוג, כאָטש זי האָט געדאַרפט אויפפאַסן און באַזאָרגן אזא הויז מיט אַ מאַן און אַכט קינדער, זאָלן געזונט זיין.

מיט אַ מאָל איז געקומען אַ דערלייכטערונג און גנענדל האָט געפונען אַ רגע צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. די עלטסטע טאָכטער, ביילינקע, קומענדיק פון דער שול, האָט אָנגעהויבן העלפן דער מאַמען אין הויז, אויסקאָכן, פאַר־ריכטן עפּעס. און גנענדל האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך צוגעקוקט צו דער געראָטענער טאָכטער.

די מעבל אין ר' נאָטעס הויז זיינען געווען פון עלטער־עלטער זיידעס און זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף הינערשע פיסלעך, אָבער זייער ריינקייט האָט פאַר־שיינט די אויגן. פון קינדוויז זיינען די ייִנגלעך מיט די מיידלעך געווען שטילע און מ'האָט ניט געהערט קיין הויך וואָרט. די מאַמע האָט איינגעפּירט אז מ'זאָל זיך שפּילן אָנשטענדיק, אָן געשריי און אָן ליאַרעם, ווייל דער טאַטע זיצט און לערנט תורה. מיט דעם דרך־ארץ זיינען די קינדער אויפגעוואַקסן. זיי האָבן געזען אז די מאַמע גייט אויף די שפּיץ פינגער, ניט צו שטערן דעם טאַטן, האָבן זיי אויך אזוי געטאָן.

.2

ר' נאָטע פילט די שטילקייט מיט וועלכער מ'רינגלט אים אַרום. ער ווייס אז אַלע טוען עס פאַר אים. לעצטנס פאַרטראַכט ער זיך וועגן זיינע גענג, וועגן גנענדלען און די קינדער. אָפט דערמאָנט ער זיך וועגן אַמאָליקע יאָרן, דער חדר וו ער האָט געלערנט, דער רבי מיט דער לאַנגער באָרד. ער דערפילט ווי איבערן רוקן גייט אים אריבער אַ קעלט און אויפן שטערן שלאָגן אים ארויס הייסע טראָפּנס שווייס.

ער דערמאָנט זיך ווי דער רבי פלעגט פּאַטשן און שלאָגן, פּשוט שינדן די הויט ביז בלוט. ער פלעגט רייסן פאַר די אויערן אָן רחמנות, און די ייִנגלעך האָבן מורא געהאַט צו דערציילן אין דער היים. ער דערמאָנט זיך ווי מ'פלעגט גיין ווינטער, שפּעט ביי נאַכט, מיט אַ לאַמטערן, צו באַלייכטן דעם אייזיק־גליטשיקן וועג. און אז אַ שניי פלעגט אָנשיטן, פלעגט מען מורא האָבן ניט צו פאַרבלאָנדזשען.

אז דער רבי פלעגט אין מיטן לערנען איינשלאָפן איז געווען אַ שימחה ביי די קינדער און מ'פלעגט שטילערהייט א שטיף טאָן. האָט אָבער די רביצין

באַמערקט אַז דער רבי שלאָפֿט, פֿלעגט זי אויסנוצן די געלעגנהייט און אָנהייבן זיך שאַפֿן מיט די קינדער: איר העלפֿן אין שטוב, שיקן אַ גאַנג אין קרעמל, און מ׳האָט איר געמוזט פֿאָלגן, אַניט פֿלעגט זי פֿאַרמסרן דעם רבין, דעמאָלט פֿלעגט דער רבי זיך אָפּרעכענען מיט יעדן איינעם און אומזיסט שלאָגן.

איין מאָל, דערמאָנט ער זיך, האָט די רביצין אים געשיקט קויפֿן קעראָסין. ווען דער רבי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער גלייך געפֿרעגט: ווו איז נאָטע? אַלע האָבן געשוויגן — קיינער האָט ניט געוואָלט זאָגן אַז די רביצין האָט אים געשיקט. דער רבי האָט ארויסגעקוקט דורכן פֿענצטערל, אָבער די רביצין איז שוין הינטן ארום געלאָפֿן און אוועקגענומען פֿון אים די פֿלאַש קעראָסין. און ווי נאָר ער איז אָנגעקומען ביי דער טיר, האָט אים דער רבי פֿאַר די אויערן אריינגעשלעפּט און ניט פֿרעגנדיק אפֿילו ווו ער איז געווען, האָט ער אָנגעהויבן אים שלאָגן ווי אַ רוצח. די קינדער האָבן נאָך דעם דערציילט, אַז די רביצין אליין איז געשטאַנען אַ פֿאַרציטערטע פֿון זיין בייזקייט.

אַז ער איז נאָך דעם געקומען אַהיים אַ צעשלאָגענער און אַ צעשראָקענער, האָט ער זיך פֿאַרשפּאַרט פֿאַר אַ גאַנצן מעת־לעת אין זיין אַלקערל און מיט קיי־נעם ניט גערעדט. איצט ווערט אים קלאָר, אַז פֿון דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן זיך אָפּזונדערן פֿון מענטשן און ווייניק ריידן. דאָס איז געקומען פֿון דער שרעק פֿאַרן רבין, טראַכט ער. דער טאַטע האָט זיך דערוווּסט וואָס דער רבי האָט אָפּגעטאָן, האָט ער אים איינגענומען מיט גוטע רייד און געזאָגט, אַז צו דעם רבין וועט ער מער ניט גיין.

—ביסט שוין גענוג גרויס, מיין זון, וועסטו פֿאָרן אין דער ישיבה, און אויב אפֿילו וועסט קיין רב ניט ווערן, וועסטו כאָטש קענען לערנען אַ בלאַט גמרא מיט אַ פּירוש.

און דעם טאַטנס ווערטער זיינען טאַקע מקוים געוואָרן: ער לערנט, ברוך השם, אַ גאַנצן טאָג און אַ האַלבע נאַכט, פֿאַר אַ ליכטל. און דאָ דערמאָנט ער זיך ווידער אָן גנענדלען, וואָס ווערט אויסגעריסן, אָן די קינדער, וואָס פֿילן ניט אַז ער איז אַ טאַטע ווי אַלע טאַטעס. דעם ערשטן מאָל פֿילן אָן די טראַכטעניש זיין האַרץ מיט זאָרגן. האָט עס טאַקע יענער רבי, מיט די קלעפּ, אריינגעיאָגט אין זיין האַרץ אזא שרעק, וואָס האָט אים שטום און ווייט געמאַכט אפֿילו פֿון די אייגענע און ער וויס נאָר לערנען, עסן, שלאָפֿן?

ער איז אויסגערוט, אָבער זיין גנענדל איז אַלע מאָל פֿאַרהאַוועט אויף חתונות און בריתן. ניט איין מאָל מערקט ער לעצטנס, ווי זי גייט ארויס אין אַ ווינטערדיקן פֿראָסטיקן פֿאַר טאָג צום מאַרק, מיט אַ פֿייערטאָפּ און צוויי קאָשי־קעס פֿאַרפֿראָרענע עפּעלעך. און ער זיצט אין דער וואַרעם, אויף אַלעם גרייטן.

און קומען קומט זי שפּעט אין דער נאַכט אַ קוים לעבעדיקע, נאָר כדי צו פאַר־דינען די אָרעמע גראָשנס פאַר אים און די קינדער.

וואָכן און חדשים האָבן אים די געדאַנקען ניט נאָכגעלאָזן. ער האָט ניט געוווּסט ווי זיך ארויסצופּלאָנטערן. און אָט איז שוין דער זומער געקומען. גבענדל שטייט אויף אַ שפּראָץ אויף טאָג און לויפט צום מאַרק מיט עטלעכע בינטלעך גרינס, כדי צו פאַרכאַפּן אַ בעסערן פּלאַץ. טאָמער פאַרשפּעטיקט זי אַ פּאָר מינוט, איז דער אָרט שוין פאַרנומען און זי מוז אַ גאַנצן טאָג זיך פּרעגלען אויף דער הייסער זון. אין גאַנצן איז עס אַ דעכל לעבן אַ מיסטקאַסטן, און קיין אָפּצאָל מאָנט מען דאָרט אויך ניט.

נאָך דעם לאַנגן טאָג פאַלט זי אריין אַ פאַרמאַטערטע אַהיים און קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן. דאַן ערשט מוז זי נאָך וויזן ביילינקעך וואָס צוצוגרייטן אויף מאָרגן און איר העלפן עס טאָן. זי זעט ווי ר׳ נאָטע שאָקלט זיך איבערן ספר, מיטן ליכטל, און דרעמלט. זי האָט נאָך אַלץ אָפּשיי פאַר אים און וויל אז די ייִנגלעך זאָלן זיין געלערנט ווי דער טאַטע. נאָר די קינדער, זעט אויס, גייען גאָר אויף אַנדערע וועגן. אַנדערע צייטן... טראַכט זי.

און די נייע צייטן האָבן טאַקע ניט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. ווי נאָר די עלטערע ייִנגלעך זיינען גרעסער געוואָרן, האָבן זיי גלייך געלאָזט הערן זייע־רע רייד. דאָס זיינען געווען רייד פון אומצופרידנקייט מיט דער אָרדענונג אין דער היים:

— מאַמע, — האָט דער עלטסטער געזאָגט, — האָסט גענוג געהאָרעוועט פאַר אונדז און פאַרן טאַטן. מ׳קען ניט לעבן נאָר פון כבוד און לערנען. יעדער איינער מוז...

— שששאַ!.. האָט די מאַמע זיך דערשראָקן פאַר דעם זונס ווערטער און אים איבערגעריסן אין דער מיט. זי איז בלאַס געוואָרן און מיט פאַרדרוס גע־טראַכט, אז ס׳איז גוט וואָס נאָטע האָט ניט געהערט דעם לשון. זי האָט זיי אַ ווונק געטאָן און מ׳איז ארויס אויפן גאַנעק. זי האָט געבעטן ריידן שטילערהייט.

די מאַמע איז היינט געקומען אַ ביסל פריער, אָבער די שוועסטער איז נאָך ניט געווען געקומען פון דער אַרבעט. דער עלטסטער זון האָט גערעדט און איר געמאָלן דאָס בילד פון זייער לעבן. די ייִנגערע צוויי ברידער האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, ווי צו באַשטעטיקן אז ער איז גערעכט. ס׳איז געווען קענטיק אז די ברידער האָבן שוין די זאַך איבערגערעדט פון פריער און זיינען געקומען צוגעגרייטע צו דעם שמועס:

— גענוג פאַר דיר צו האָרעווען! — האָט דער עלטסטער ווידער אָנגע־הויבן. — אַלע יאָרן ברענגסטו אריין די פרנסה אין הויז, דערצו נאָך ראַמען,

קאָכן, וואָשן וועש פאַר אַ גאַנצע הויזגעזינט און פאַר פרעמדע אויך. געֹנוּג פאַר דיר! זייער פיין אז דער טאַטע איז אַ לערנער און אַ למדן, אָבער אים אַרט גאָר ניט צו פאַרדינען אַ גראָשן. און זע ווי זיינע באַקן גלאַנצן, כאָטש ער איז אַ סך עלטער פאַר דיר, און דו ביסט אויסגעטריקנט ווי אַ סקעלעט, ניט דער־שלאָפן און ניט דערעסן, און הונגעריק...

די מאַמע קען שוין ניט אָפּהאַלטן דעם שטראָם רייד פון איר זון. זי ווייס אז ער רעדט דאָס ניט פון כעס אויפן טאַטן, נאָר דאָס זיינען רייד פון אַ נייער צייט...

— זע, — רעדט נאָך אַלץ דער זון, — מ׳טאָר זיין ווינקל אין עסצימער ניט פאַרבייגיין, טאָמער שטערט מען אים אין לערנען, און אים קימערט וועגן קיין זאַך ניט! — די לעצטע ווערטער שרייט דער זון אויס און די מאַמע בעט זיך ביי די קינדער:

— שטילער, מיין טייערער זון. מ׳טאָר ניט ריידן וועגן אַ טאַטן אזוי. ער איז... און זי האָט ניט געקענט פאַרענדיקן. טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון אירע אויגן און זי האָט געגלעט מיט אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט די קינדער ארום זיך.

אָבער זאַך האָבן זיי ניט באַמערקט, אז דער טאַטע — וואָס אים האָט שוין לאַנג געפייניקט דער געדאַנק וועגן דעם — איז געשטאַנען הינטערן טיר, אי־נעווייניק, און אַלץ געהערט.

3.

מיט אַ מאָל איז דער טאַטע געשטאַנען לעבן זיי. ער איז איצט געווען ניט ווייניקער בלאַסער ווי זיין ווייב, וואָס האָט אים אָנגעקוקט ווי שולדיק. ניט ווי זיין שטייגער האָט ער פלוצעם אָנגעהויבן ריידן, ווי מיט דעם וואָלט ער זיך געוואָלט באַפרייען פון די ווערטער וואָס האָבן געדריקט אין זיין האַרץ:

— גנענדל, די קינדער זיינען גערעכט! און כ׳האָב געוווּסט אז אזוי וועט זיין. אָבער מיך פאַרדריסט וואָס כ׳האָב עס אליין ניט געטאָן און שוין מיט יאָרן פריער. איצט וועל איך אָנהויבן אַרבעטן און פאַרדינען, און מ׳קען אויך דערביי לערנען. איך בין געווען בלינד, גנענדל, און פאַרטאָן נאָר אין זיך אליין. דו ביסט געווען אַ גוטע ווייב און אַ שטילע טויב און געלערנט די קינדער מיך צו האַלטן אין כבוד, איצט לערנען די קינדער אונדז. כ׳וויל זיך מודה זיין פאַר איך, — האָט ער גערעדט מיט ציטער אין קול, — אז די לעצטע חדשים האָב איך דערזען, ווי די מאַמע טראָגט דעם שווערן יאָך פון אונדזער הויזגעזינט

אויף אירע פּלייצעס, אָבער כ׳האָב ניט געוווסט ווי אָנצוהייבן אַ נייעם וועג — איצט האָט איר מיר געוויזן דעם וועג און כ׳וועל אָנהייבן עפּעס טאָן! — האָט ער געזאָגט פעסט. — גנענדל, די קינדער זיינען קלוג, ווייל זיי האָבן געלערנט פון דער צייט. ס׳איז אַ נייע צייט...

גנענדל מיט די קינדער זיינען געווען איבעררעאַשט פון אזוי פיל וואַרעמע ווערטער, וואָס זיינען ארויס פון דעם טאַטנס מויל, ווי ס׳וואָלט זיך מיט אַ מאָל געעפנט אַ שלאָס. ס׳האָט איר אַ צופּ געטאָן ביים האַרץ און די טרערן זיינען ווידער געפלאָסן. זי איז ניט געווען געוווינט צו אזא ליבשאַפט, מיט וועלכער מ׳האָט זי איצט ארומגערינגלט. וואָלט זי זיך ניט געשעמט, וואָלט זי יעדן פון זיי ארומגענומען און צעקושט. די קינדער האָבן עס אַלץ געפילט און זיך גע־טוליעט צו איר. און כאָטש זיי האָבן דעם טאַטן היינט ניט דערקענט, איז ער זיי געוואָרן מיט אַ מאָל נאָענט, אַ סך נענטער ווי ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין ווינקל און געלערנט.

ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט, ווי אַ שולדיקער, און דער עלטסטער זון האָט דערפילט אז ער געהערט אויך צו זיי. ער האָט אים צוגעצויגן צו דער מאַמען און זיי זיינען געשטאַנען ווי אַ בינטל, וואָס געהערן איינער צום אַנדערן. איצט האָט מער קיינער ניט געדאַרפט ריידן, ווייל די הערצער האָבן וואַרעם געשלאָגן און יעדער איינער האָט געפילט אז אַ גרויסער אומבייט איז אין זייער לעבן געקומען, אז ס׳איז גוט וואָס אזוי האָט עס פּאַסירט. די שוואַרצע אַלטע קאַפּאָטע פון ר׳ נאָטען האָט געגלאַנצט פון אַ סך יאָרן עס טראָגן. די אַלטע יאַרמלקע איז געזעסן אויפן שפּיץ פון זיין גרויסן קאָפּ, נאָר זיין פּנים האָט געשיינט מיט אַ ניי לעבן.

בלויז די באָרד האָט דערציילט, אז די יאָרן זיינען אַוועק און מ׳האָט זיך געעלטערט — איצט איז זי געווען מער ווייס ווי געל און זיך שטאַרק געשאָקלט, ווי אָט באַלד וועט זי זיך צעשיטן איבערן גאַנצן גאַנעק. די זון האָט זיך גע־זעצט און געגאָלדיקט איבער זייערע קעפּ. ביילינקע איז אָנגעקומען פון דער אַרבעט און צוגעשטאַנען צום משפחה־קרייז, ווי זי וואָלט שוין אַלץ געוווסט — ווייל זי איז דאָך געווען די עלטסטע.

גנענדל איז צום ערשטן מאָל געזעסן אויף אַ בענקל אַנטקעגן ר׳ נאָטען און מ׳האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן. ס׳איז שוין געווען לאַנג נאָך וועטשערע. דאָס ליכט האָט געברענט אויפן טיש, נאָר ר׳ נאָטע האָט היינט מער ניט גע־לערנט. ער האָט געפילט אז ער דאַרף ריידן און ניט געקענט אָנהייבן, האָט גנענדל אָנגעהויבן. איר קול האָט געציטערט:

— זיי מיר מוחל, מיין מאַן, אויב מיר האָבן געזינדיקט קעגן דיר...

— זיי מיר דו מוחל, גנענדל, ווייל איך האָב אַ גאַנצן לעבן געזינדיקט קעגן דיר, קעגן אייך... די קינדער זאָגן דעם אמת, ס׳איז דער ריינער אמת! — האָט ער גערעדט מיט ווייכקייט, — זיי זיינען יונג, אָבער זיי פאַרשטייען מער ווי איך, און דער אייבערשטער האָט זיי ארייַנגעגעבן דעם שכל ווי מיר צו עפענען די אויגן. דאָס האָב איך געדאַרפט פאַרשטיין גלייך נאָך אונדזער חתונה, בין איך אָבער געווען בלינד...

— אָבער די קינדער האָבן דיר ניט געמיינט צו באַליידיקן. זיי גייען אין יידישע ווענן — דאַוונען, מאַכן אַ ברכה. ניט אַלע קינדער טוען עס היינטיקע צייטן.

— ס׳איז אויך מיין שולד, וואָס כ׳האָב זיך ניט פאַרנומען מיט די קינדער. דאָס דאַרף טאָן אַ טאַטע און ניט אַ מאַמע. זיי זיינען קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן, אַרבעטן, דאַרפן האָבן אַ נייעם בגד. איך בין אַ שולדיקער קעגן אייך, גנענדל.

— ווייסט, — האָט גנענדל אים געוואָלט צוטראָגן די גוטע נייעס, — אונדזער ביילינקע גייט ארום מיט אַ גוטן און פרומען בחורל, מאירקע יאַנקלס. איז וועט זי מסתמא באַלד אַ כלה ווערן, דאַרפן ארויסגיין פאַר זיך.

— מיט דעם פיל איך נאָך שטאַרקער מיין זינד, גנענדל. אַ ביסעלע נדן. און מ׳דאַרף נאָך די דריי קלענסטע אויך פאַרזאָרגן. און דו, גנענדל, ביסט אַן אויסגעמוטשעטע, פאַלסט פון די פיס. מער טאָרסטו אזוי ניט האָרעווען! כ׳האָב פאַרשפּעטיקט מיט דעם, אָבער איך וועל זיך באַמיען צו דעריאָגן וואָס כ׳האָב פאַרשפּעטיקט.

גנענדל האָט געוווּסט אז זי האָט נאָטען קיין מאָל ניט האָלט געהאַט, ווען ניט איר טאַטע וואָלט זי אוודאי ניט געווען זיין ווייב. נאָר איצט האָט זי דערפילט אזא וואַרעמקייט אין זיינע רייד און אזא נאָענטקייט צו אים ווי נאָך קיין מאָל ניט.

אויף מאָרגן איז ר׳ נאָטע פאַרשוווּנדן פון דער היים אויף אַ גאַנצן טאָג. גנענדל איז אַוועק אַרבעטן אין אַ הויז, וווּ מ׳האָט איר שוין געהאַט באַשטעלט פון פריער. ס׳איז אַ שווערער טאָג: וואַשן וועש, פּאָדלאָגעס, שייערן טעפּ. זי איז נאָך געווען אונטערן רושם פון נעכטן אָוונט, ווען אַלץ האָט זיך געענדערט און אויסגעזען אזוי שיין. די אַרבעט איז געגאַנגען היינט לייכטער, אפילו די קופּערנע טעפּ און די מעדניצע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געפּרעגלט און צוגעברענט, איז איר ניט געפאַלן שווער. און כאָטש ס׳איז געגאַנגען גרינגער ווי אַלע מאָל, האָט זיך עס פאַרצויגן ביז ווייט אין אָוונט. איך קען נאָך גאַנץ גוט אַרבעטן, האָט זי געטראַכט, און נאָטע קען זיצן און לערנען. נאָר זי האָט געוווּסט אז די קינדער וועלן עס מער ניט דערלאָזן.

די דריי קלענערע קינדער זיינען געקומען נאָך מיטאָג פון חדר און זיך ערגעץ ווו געשפּילט. ביילינקע איז געקומען פריער ווי אַלע מאָל, ווייל זי האָט געהאַט אַ קאָפּ־ווייטיק, אָבער זי האָט נאָך באַוויזן צו טאָן אַ ביסל אַרבעט אין שטוב. דער טאָג איז גיך פאַרביי. ווען ס׳האָט זיך געשטעלט דער פאַר נאַכט, האָט זיך ביילינקע געאײַלט צו מאַכן אַ גלאָז טיי פאַרן טאַטן און אים זאָגן דעם גוטן אָוונט, ווי זי איז איינגעוווינט געווען פון אַלע יאָרן.

פון קינדווייז אָן האָט די מאַמע דערצויגן אַלע קינדער אריינצוגיין צום טאַטן און שטיל און אײדל אים זאָגן גוט מאָרגן, אָדער אַ גוטן טאָג. אין דער וואָכן איז ר׳ נאָטע קיין מאָל ניט געזעסן מיט ווייב און קינדער ביים טיש, אָבער שבת און יום־טוב פלעגן זיך די קינדער פילן גליקלעך, וואָס דער טאַטע זיצט מיט אַלעמען ביים טיש און זיי פלעגן אים צוטראָגן דעם ברייטן גוט־שבת צי גוט־יום־טוב.

ביילינקע האָט גענומען די גלאָז טיי צום טאַטן, און מאָדנע צעטומלט גע־וואָרן אז זי האָט געפונען דעם צימער ליידיק. זי האָט זיך דערמאָנט, אז נעכטן נאָך האָט איר דער עלטסטער ברודער דערציילט וועגן געשפּרעך מיטן טאַטן און איר האָט הנאה געטאָן וואָס אַלץ האָט זיך געענדערט, ווייל ניט איין מאָל האָבן אירע חברטעס איר געשטאָכן מיט דעם, וואָס איר מאַמע אַרבעט אזוי שווער, און ביילינקען פלעגט עס פאַרדריסן. און ניט נאָר די חברטעס, נאָר אַלע שכנים און ס׳גאַנצע שטעטל האָט זיי צוליב דעם געהאַט אין מויל. אפילו יאַנקעלע, איר פרומער בחור, האָט זיך געוווּנדערט ווי אזוי אַרט עס איר טאַטן ניט און ער טוט אַ פינגער אין קאַלט וואַסער ניט אריין. האָט ביילינקע גלייך פאַרשטאַנען, אז דער טאַטע איז מסתמא אַוועק זוכן אַרבעט, אָדער אפשר אַרבעט ער שוין ערגעץ. און אז זי האָט געזען אז ס׳ווערט שפּעט און די מאַמע איז נאָך אַלץ ניטאָ, האָט זי זיך געשטעלט האַסטיק קאָכן וועטשערע.

.4

די ברידער זיינען געקומען די ערשטע, פריער די ייִנגערע און צו לעצט דער עלטסטער. ביילינקע איז נאָך געווען פאַרנומען אין קיך. ווי דער שטיי־גער, זיינען זיי ערשט אריין צום טאַטן אים אָפּגעבן זיין גוטן אָוונט. ווען די קלע־נערע זיינען פון צימער ארויסגעלאָפן, באמת צעשראָקענע, און געטראָפן אָנ־קומען דעם עלטסטן ברודער, האָבן זיי אים געזאָגט אז דער טאַטע איז ניטאָ. ער האָט זיי אָנגעקוקט אַ טויט־בלאַסער און אין דער ערשטער רגע איז אים דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: טאָמער האָט ער זיך וואָס געטאָן? ווער ווייס וואָס

איך האָב מיט מיין לאַנגער צונג דאָ אָפּגעטאָן? דער טאַטע איז אַהיים ניטאָ! האָט עס אין אים געליאַרעמט. דעם ערשטן מאָל טרעפט עס. די מאַמע וועט עס חלילה ניט אַריבערטראָגן... מ׳דאַרף אים גיין זוכן...

ביילינקע, דערהערנדיק דעם טומל, איז אַרויס פון קיך און דערזען דעם ברודערס צעשראָקענע אויגן. ער האָט איר אין איין אָטעם געזאָגט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט און זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ער איז געוואָרן אין גאַנצן אַ צע־מישטער:

— נאַר, דו אַליין האָסט דאָך מיר נעכטן דערציילט, אַז דער טאַטע איז אויס שוויגער, ער האָט באַקומען לשון, נו, איז ער זיך אַוועק דורכריידן מסתמא וועגן אַ שטעלע.

— ביסט אַ חכמה, ביילינקע! — האָט דער ברודער אויסגערופן אַ פריי־לעכער.

דער טאַטע איז געקומען פריער פון דער מאַמען. און ווי ער האָט געעפנט די טיר האָט ער זיך צוגעאיילט צו זאָגן הייך:

— אַ גוטן אָוונט, קינדער! די מאַמע איז נאָך ניטאָ?

די קינדער האָבן אין איין קול געענטפערט:

— גוט־יאָר, טאַטע! די מאַמע וועט באַלד קומען! — און זיי האָבן אים געקוקט אין די אויגן, ווי דאַרט וואָלטן זיי וועלן געפינען וואָס האָט פּאַסירט.

די קינדער זיינען געווען צופרידן, וואָס ער איז געקומען פון גאַס, ווי יעדער טאַטע און וואָס ער איז באַריידעוודיק. ער פרעגט פראַגעס און אינ־טערעסירט זיך מיט יעדן פון זיי.

די דריי קלענערע קינדער זיינען אַלע מאָל געווען ווי צעשראָקענע האָזן און מורא געהאַט פאַר זייער טאַטן, וואָס קוקט זיי אפילו ניט אָן, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע, אָבער איצטער האָבן זיי דערזען אַן אַנדער טאַטן, ווי מ׳וואָלט אים אומגעביטן. ווי זיי האָבן געהערט אַז ער רעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און קוקט אויף זיי מיט ליבע אויגן, איז דער יינגסטער צוגעלאָפן צום טאַטן, זיך אַריינגעדריקט צווישן זיינע קני און זיך געטוליעט צו אים. ר׳ נאַטע האָט אים געגלעט אויפן קעפּל און געשעפּטשעט אַ ברכה.

— טאַטע, איך בין דיינער, האַ? און מיר אַלע זיינען דיינע?

ביי ר׳ נאַטען זיינען אַנגעלאָפן טרערן פון פרייד אין די אויגן.

ביילינקע האָט דערוויל געדעקט דעם טיש און צוגענומען די דריי קלע־נערע קינדער. זי האָט זיי געפירט אַרומוואַשן, און געבן עסן, אין אַ ווינקל אין קיך, וויל ביים טיש האָט קוים געקלעקט אָרט פאַר די גרויסע, דאָן פלעגט זי

זיי לייגן שלאָפֿן. דאָס איז געווען איר טעגלעכע אַרבעט, זינט זיי גייען אין חדר, ווייל די מאַמע פּלעגט תּמיד פֿאַרשפּעטיקן אָדער זיין צו מיד.

ביילינקען האָבן די קלענערע געפּאָלגט וואָס זי האָט געהייסן. היינט האָט זי זיי געהייסן אריינגיין זאָגן: אַ גוטע נאַכט, טאַטע! און אים אַ קוש טאָן. יעדער באַזונדער איז אריין און עס געטאָן. ר׳ נאַטע האָט יעדערן ארומגענומען, געקושט אויפֿן קעפּל און געטראַכט, אַז גאָט האָט אים געשאָנקען אַ טייערע מתּנה, די קינדער, און מסתּמא וועט ער אים אויך מוחל זיין די זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן אַזעלכע טייערע קינדער און אַזאַ גוטער ווייב.

ווען גנענדל איז ווי שטענדיק אריינגעפֿאַלן אין שטיבל אַן אויסגעמאַטערטע, האָט זי קיינעם ניט געטראָפֿן אין פֿאָדער־צימער. זי איז אריין אין קיך אָפּוואַשן די הענט און געזען, אַז דער טאָפּ געקעכטס איז שוין פֿאַרטיק צו דערלאַנגען צום טיש. זי האָט אַ קוק געטאָן דורכן שפּאַלט אין קעמערל און געזען אַז די דריי קליינע שלאָפֿן שוין און געבענטשט ביילינקען פֿאַר איר גוטסקייט. זי האָט זיך אַפילו ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז ר׳ נאַטע מיט די קינדער זיצן ביים טיש אין עסצימער און שמועסן געמיטלעך.

זי האָט זיך גענומען אויף דער גיך אויפֿקאָכן וואַסער פֿאַר אַ גלאָז טיי פֿאַר איר מאַן. זי האָט זיך היינט געפֿילט ניט אַזוי פֿאַרמאַטערט ווי אַלע מאָל, כאָטש דער טאָג איז אַזוי לאַנג און די אַרבעט איז אַזוי פֿיל געווען. זי האָט גע־טראַכט, אַז די עלטערע ייִנגלעך זיינען נאָך מסתּמא ניט געקומען. היינטיקע צייטן וויל מען נאָך דער אַרבעט זיך אַ ביסל פֿאַרברענגען, מ׳שפּאַצירט, אַפילו מיט מיידלעך, פֿראַנק און פֿריי, אָן שאַנדע. זי איז צופֿרידן, וואָס אירע קינדער שעמען זיך נאָך צו גיין איבער די גאַסן מיט מיידלעך, און זיי פֿאָלגן איר, רעס־פּעקטירן דעם טאַטן און האָבן זיך ליב איינע די אַנדערע.

זי האָט זיך שנעל אַ שפּיגל געטאָן אין דער גלאָז טיי. אַ קאָליר ווי ווייַן, האָט זי געטראַכט, זאָל אים זיין צו געזונט! און איז אריינגעגאַנגען אין עס־צימער. זי איז שטיין געבליבן מיט דער גלאָז אין האַנט, זעענדיק ווי דער טאַטע מיט די קינדער זיצן אַרום טיש און מ׳רעדט אַזוי שטיל. ס׳האָט איר פֿאַרדריקט ביים האַרצן פֿון פֿרייד.

— מאַמע, מיר האָבן אויף דיר געוואַרט מיט דער וועטשערע. זעץ זיך צום טיש און איך וועל אַלץ דערלאַנגען. דער טאַטע וועט אויך עסן מיט אונדז. — און ביילינקע נעמט צו פֿון איר האַנט די גלאָז טיי.

גנענדל בלייבט שטיין אַ צעטומלטע. צי איז עס אַ מאָל ניט קיין חלום? ר׳ נאַטע זיצט מיט די עלטערע פֿינף קינדער און מ׳שמועסט אַזוי געמיטלעך? נעכטן ערשט איז דאָך געווען אַנדערש, איר מאַן האָט די קינדער ניט אָנגע־

קוקט. ווי ס׳וואָלט אים ווער אַ כישוף אָפּגעטאָן. און זי וויל זיך אויסרייבן די אויגן: אפשר איז עס פּאַרט אַ חלום?

— וואָס שטייסטו אַזוי פאַרקלערט, מאַמע? עס זעט דיר אויס ווי אַ חלום, האַ?

— יע, מיין זון, ווי אַ שיינער חלום! — זאָגט זי רואיק.

— טאָ זעץ זיך לעבן טאַטן, מאַמע. רו זיך אָפּ. ס׳איז אונדזער אַלעמענס חלום!

די ווערטער קלינגען איר אַזוי שיין. זי זעצט זיך לעבן ר׳ נאָטען און ער האַלט אָפּן דאָס מויל און קען פון איבערראַשונג קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען.

ביילינקע שטעלט אַוועק די גלאָז טיי לעבן טאַטן און גייט אַריינברענגען דאָס עסן.

גנענדל רוקט אים נעענטער אונטער די גלאָז טיי און זאָגט שטיל:

— טרינק, נאָטע, ס׳וועט קאַלט ווערן.

— מיר וועלן פריער אָפּעסן און טיי וועלן מיר אַלע טרינקען צוזאַמען, — זאָגט ר׳ נאָטע מיט אויפגעקומענער דרייסטקייט.

— בראַוואָ, טאַטע! — לויבט דער זון דעם טאַטן פאַר זיין המצאה.

נאָכן עסן האָבן די קינדער איינציקווייז זיך אַרויסגעשאַרט, זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט.

גנענדל און ר׳ נאָטע זיינען געבליבן זיצן אַליין, ווי נעכטן אָוונט.

— ווי פילסטו זיך היינט, גנענדל? אַ שווערער טאָג געווען, האַ?

— היינט פיל איך זיך גוט, נאָטע, — האָט זי צאַרט געזאָגט, — און פאַר דיר צו אַרבעטן איז מיר ניט שווער! פאַר דיר און פאַר די קינדער, ווי אַלע מאָל!

— ניין, ניין! רייד ניט מער, גנענדל קרוין! מער וועסטו ניט אַרבעטן פאַר אונדז! פריער האָסטו געזאָגט, אַז ס׳איז אַ גוטער חלום, אָבער דער חלום איז אויף אַן אמת, ווייל אונדזערע טייערע קינדער האָבן מיך אויפגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף. ווען ניט זיי וואָלט איך פאַרלאָרן געוואָרן אויף אייביק. אפשר שיקט מען פאַר אַזעלכע זינד...

— הער אויף אַזוי צו ריידן, נאָטע! — האָט אים גנענדל איבערגעריסן. — דו ביסט סיי ווי סיי אַ צדיק, מיין צדיק! דו האָסט ניט געזינדיקט. האָסט פאַר אונדז געלערנט.

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, גנענדל, אַז איך בין געווען בלינד און איך האָב אייך ניט געזען, ניט דיר, ניט די קינדער, דאָס איז אַ גרעסערע זינד ווי ניט זען די אותיות פון די הייליקע ספרים. איצט האָב איך אַ הויז, ווייל אַ הויז מיינט אַ משפחה, און אַז ס׳איז דאָ אַ הויז און אַ משפחה איז אויך דאָ תורה.

און ר' נאָטע האָט דערציילט זיין ווייב וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין דעם טאָג, פון זינט ער איז ארויס, גלייך נאָכן דאַוונען, ביז ער איז צוריקגעקומען:

— כ'בין אַוועק צום היגן רב און גראָדע דאָרט געטראָפן מיין רבין פון דער ישיבה. מ'האָט זיך מיט מיר דערפרייט און מ'האָט געוואָלט אָנהויבן שמועסן אין תורה, אָבער איך האָב געזאָגט אז כ'קום וועגן א וויכטיקן ענין און כ'וועל זיי זייער דאַנקבאַר זיין אויב ביידע וועלן מיר אויסהערן און געבן אַן עצה. כ'האָב זיי אַלץ אָפן אויסדערציילט, ווי איינער איז זיך מתוודה, און זיי געזאָגט אז די איינציקע זאַך וואָס כ'וויל איצט טאָן איז — לערנען מיט יידישע קינדער. ווייל תורה לערנען, כאָטש כ'וועל עס מוזן טאָן פאַר געצאָלט, איז די גרעסטע מצווה וואָס קען פאַרגעבן מיינע זינד קעגן מיין משפחה. כ'האָב זיי אויך דערציילט ווי מיין רבי אין חדר האָט מיר אַ מאָל געשלאָגן מכות־רצח, און צוליב דעם אפשר בין איך געוואָרן ווי איך בין. אפשר איז עס געווען אַ שטראָף פאַר מיר — ביז איך האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין מיין וועג.

גנענדל איז געזעסן און געקוקט אויף אים און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט טרערן. איצטער האָט זי געזען אז ער איז דער אמתער צדיק און זי האָט קיין מאָל קיין טעות ניט געמאַכט. זי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות עס אים ניט צו זאָגן.

— נאָך דעם, — האָט ער ווייטער דערציילט, — זיינען מיר געזעסן אַ גאַנצן נאָך מיטאָג און געמאַכט פּלענער, צוזאַמענגעשטעלט אַ קול קורא צו די עלטערן פון קינדער, וואָס מ'וועט אויפהענגען אין אַלע בתי־מדרשים און קלויזן. מיט די קינדער וועל איך לערנען אין תלמוד־תורה. ייִנגלעך באַזונדער, און מיידלעך באַזונדער. רייכע וועלן צאָלן מער, אָרעמע — ווייניקער, און ס'וועלן זיין אַזעלכע וואָס וועלן גאָר ניט צאָלן.

גנענדל האָט אים געקוקט אין מויל און געשלונגען די ווערטער. זי האָט ניט געוואָלט אריינריידן אין מיטן, נאָר ווען ער האָט געמאַכט אַן הפסקה האָט זי געזאָגט:

— נאָטע, דער אייבערשטער וועט העלפן. ער וועט אונדז ניט פאַרלאָזן.

— און מ'וועט פונאַנדערשיקן בריוו צו אַלע בעלי־בתים. קיין עין־הרע, עס זיינען נאָך דאָ יידישע קינדער וואָס דאַרפן לערנען און ווילן לערנען.

איצט האָט זי פּלוצלינג באַמערקט זיין אַלטע קאַפּאָטע מיט דער צע־קנייטשטער יאַרמלקע און געטראַכט, אז צווישן קינדער מוז מען גיין אָנגעטאָן אין גוטע זאַכן. מ'וועט דאַרפן אָפּשפּאָרן און אים דערווייל קויפן אַ בגד. און זי האָט זיך דערמאָנט אז די קינדער גייען ארום נאַקעט און באָרוועס — דאַרפן האָבן קליידלעך, הייזלעך, שיך.

— אַלץ וועט זיין, אַלץ! — האָט נאַטע אָפּגעקרעכצט, ווי ער וואָלט גע־לייענט אירע געדאַנקען.

5.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן ביי ר׳ נאַטען אין הויז. וואָס אַ טאָג איז געוואָרן בעסער. מ׳האָט זיך שוין ניט געזשאַלעוועט אַ ביסן. די קינדער האָבן זיך שוין מער ניט באַהאַלטן פאַר מורא און פאַר חרפה, ווייל זיי גייען באַרוועס. עס איז געווען אַ שוך און אַ קלייד.

אָבער די גרעסטע שימחה ביי ר׳ נאַטען איז געווען, אז גנענדל האָט אויפ־געהערט אַרבעטן אין פרעמדע הייזער. ער וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער געטאַנצט אין די גאַסן. ער האָט געפילט אז ער האָט זיך באַפרייט פון אַ גרויסע זינד, וואָס האָט געדריקט אויף זיין נשמה. זי האָט געאַרבעט נאָר אין שטוב און אלץ האָט געגלימערט. זי האָט געוווסט אז זי דאַרף עס טאָן פאַר נאַטען, ווייל עס איז זיין ווונטש. און ער האָט איר אפילו איין טאָג אַ זאָג געטאָן:

— וואַרט נאָר צו אַ ביסל, מיר וועלן באַלד נעמען אַ געהילף פאַר דיר אין הויז.

דער טאַטע איז נאָך אַלץ געווען דער שיינדל פון הויז און מ׳האָט זיך צו אים באַצויגן מיט כבוד, אָבער אָן צערעמאָניעס און גיין אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ מאָל. מען האָט איצט געזאָגט דעם הייכן גוט־מאָרגן און דעם ברייטן פריילעכן גוט־שבת און גוט־יום־טוב, פריי וועגן אַלץ גערעדט און געלאַכט הייך אויפן קול. און דער טאַטע פלעגט אויך אריינוואַרפן אַ וואָרט אין זייערע שמועסן און דיסקוסיעס.

ער פלעגט מער ניט דאַוונען אין שטוב, נאָר גיין צום ערשטן מנין אין בית־מדרש, מיטן רב צוגלייך. און אין שטאָט האָט מען גערעדט וועגן ר׳ נאַטען ווי וועגן א ניי־געוואָרענעם צדיק און אים געטראָגן דעם גוט־מאָרגן אַנטקעגן. און באַקאַנטע האָבן פריינדלעך באַגריסט גנענדלען, ווי זי וואָלט געווען א חשובע באַלעבאָסטע, און טאַטע־מאַמע האָבן געשעפּט הויפנס נחת פון זייערע קלוגע געראָטענע קינדער.

און ר׳ נאַטע האָט פאַרצייכנט אין לוח דעם טאָג, ווען זיין בכור האָט אים אויפן גאַנעק געזאָגט דעם אמת אין די אויגן. און יעדן יאָר, אין יענעם טאָג, פלעגט ער געבן צדקה, לערנען תורה און דאַנקען דעם אייבערשטן פאַר דעם נס, וואָס ער האָט אים די אויגן געעפנט און אים געוויזן דעם ריכטיקן וועג.

אַ מאַמעס פאַרלאַנג

.1

ציפּע איז שוין לאַנגע יאָרן געווען אַן אלמנה, מיט פיר גרויסע אויפגעוואַקסענע זין. איר מאַן איז געווען אַ בוי־אונטערנעמער, און ער האָט ביי זיין לעבן גוט פאַרדינט. אַלע פיר קינדער האָבן איבערגענומען דעם פאַך פון טאַטן. ווי אַ ירושה איז געבליבן נאָכן טאַטן אַ שיינע גרויסע הויז מיט גאָר אַ סך צימערן, אַזוי אַז יעדער איינער האָט געהאַט אַ צימער פאַר זיך, און עס זיינען נאָך געבליבן איבער גענוג ליידיקע צימערן. דערצו איז נאָך געווען ארום הויז אַ גרויסער גאָרטן מיטביימער און בלומען, און אַלץ גוט אויפגעפּאַסט.

ניט איין מאָל טראַכט די מאַמע, אַז ס׳איז שוין צייט אַז אין שטוב זאָלן זיך ארומדרייען נאָך פיר יונגע פרויען. דאָס מיינט זי, ווייבער פאַר אירע קינדער, ווייל אין אַזאַ גרויסן הויז קענען לעבן אַ סך פאַמיליעס צוזאַמען. חוץ וואָס איר וואָלט אַ ביסל גרינגער און פריילעכער ווערן, ווייל זי אַרבעט אַ גאַנצן טאָג איינער אליין, איז זי אָבער מער באַזאָרגט וועגן די קינדער. זי ציילט זייערע יאָרן און ס׳דוכט זיך איר, אַז ס׳איז שוין לאַנג צייט געווען עס זאָלן ארומלויפן אייניקלעך אין שטוב.

אין איר ייִנגסטנס זון יאָרן איז זי שוין געווען אַ מאַמע פון זיי אַלעמען — פיר. אַט ווערט שוין טביה, דער עלטסטער, באַלד דריי און דרייסיק יאָר אַלט. חיים איז שוין אויך אריבער די דרייסיק, און די אַנדערע צוויי זיינען שוין אויך נענטער צו דרייסיק ווי צו צוואַנציק, און אַלע פיר האַלטן אין איין זאָגן, אַז ס׳איז זיך ניטאָ וואָס צו איילן.

טביה, חיים, ישראל און איר מיזיניקל שמערל זיינען פונקט ווי דער טאַטע זייערער, אפרים: גוט געבויט, געזונט, הויך און שיין. און ווי דער טאַטע זיינען זיי אויך איבערגעגעבן פאַר דער שטוב און טראָגן אריין דער מאַמען גענוג געלט, אַז זי זאָל קענען פירן די באַלעבאַטישקייט מיט אַ ברייטער האַנט. אַ מאָל גיבן זיי איר אין האַנט אריין ביז דעם לעצטן גראָשן. מאַמעלע, זאָגן זיי, ניץ געזונטערהייט! אַז דער טאַטע וואָלט עס דערלעבט, וואָלט ער געקליבן נחת

פון די קינדער און געהאַט הנאה וואָס זיי האָבן זיך אין אַלצדינג איינגעגעבן אין אים. נאָר איר פּאַרדריסט, וואָס ניט איינער פון זיי טראַכט דערוויל וועגן חתונה האָבן.

נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט פאַרברענגען זיי די אָוונטן דאָס רוב צוזאַמען, אין שטוב. צווישן זיך לאַכט מען און מען שפּילט, אָבער אַז מ׳קומט אין גע־זעלשאַפט רוקט מען זיך פאַנאַנדער אין די ווינקלען, באַשיידן און שטיל. נאָך אַזוי פיל יאָרן אַפילו דערמאָנען די קינדער פון צייט צו צייט דעם טאַטן. זיי זעען ווי די מאַמע איז עלנט און אומעטיק, וואָלטן זיי גאָר געוואָלט אַז די מאַמע זאָל חתונה האָבן. דער עלטסטער האָט איר אַ מאָל שוין געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם: אָט, דער העברעאישער לערער פון דער געגנט...

— אָ, דעם מלמד! אים וועל איך קיין מאָל ניט פאַרזאַמען. איך האָב צייט... — האָט זי געזאָגט און טרויעריק געוואָרן. — פריער דאַרפט איר אַלע חתונה האָבן, מיינע זין.

דעם זון האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אָנגערירט איר ווייטיק און מער האָט ער שוין פון דעם ניט גערעדט. ציפּע האָט געזען אַז מיט אירע קינדער איז שווער עפּעס צו טאָן, זיי זאָלן איר פאָלגן.

אָפּט האָט זי געטראַכט, אַז דעם מאַן איז אפשר בעסער ווי איר, ער האָט זיך פאַרשפּאָרט די גאַנצע פאַרדרוס. אָבער אַז ס׳איז ניט ווי מען וויל, מוז מען טאָן ווי עס לאָזט זיך, פּרוווט זי מיט דעם געדאַנק זיך אַ ביסל לייכטער מאַכן. ניט איין מאָל וויינט זי אין די נעכט, מוז זי זיך אָבער היטן אַז די קינדער זאָלן איר אין דער פרי ניט זען מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן, ווייל זי פילט אַז זיי קאָסט עס ניט ווייניק געזונט. זיי האַלטן זיך אָבער איין און שווייגן, טאָמער וועלן זיי נאָך ערגער מאַכן.

איין מאָל האָט זי זיך באַטראַכט, אַז זי וועט גאָר פאַרדינגען אַ צימער, פאַר אַ פרוי, זי זאָל האָבן דורכן טאָג מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. פאַראַן אַ סך אַזעלכע פרויען, וואָס זוכן אַ צימער אין אַ שטילן פּלאַץ, איבערהויפּט אַז ס׳איז דאָ אַזאַ פרעכטיקער גאָרטן מיטביימער, כמעט אַ זומער־וווינונג און מ׳קען זיך דאָ אָפּרוען. זי האָט אַריינגעשטעלט אַן אַנאָנס אין דער יידישער צייטונג, אַז אַ יידישע פרוי, וואָס אַרבעט ניט אין די טעג און זוכט אַ פּלאַץ זיך אָפּצו־רוען, קען קריגן אַ ביליקן צימער. גלייך אויף מאָרגן האָט טעלעפאָנירט אַ פרוי, וואָס איז שטאַרק פאַראינטערעסירט געוועזן און געבעטן דעם אַדרעס. זי האָט צוגעזאָגט צו קומען ווי נאָר עס וועט איר מעגלעך זיין. די פרוי האָט געהאַט אַן אָנגענעמע שטים און איר ריידן איז ציפּען געפעלן. זי האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מער קיינעם ניט געבן דעם אַדרעס ביז זי וועט קומען.

זי האָט איר געזאָגט, אַז ס׳איז אַ גרויסע שטוב און זי וועט זיך פרייען צו האָבן נאָך אַ מענטשן לעבן זיך. איר גייט ניט אַזוי אין די דירה־געלט.

אין אָוונט האָט ציפּע די נייעס דערציילט די קינדער. טביה האָט גע־פרעגט, צי דאָס איז אַן עלטערע פרוי, און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי האָט איר די יאָרן ניט געפרעגט.

— איך מיין, מאַמע, אַז דיר וועט זיין שווער אויפצופּאַסן אַן עלטערן מענטשן. און אין די נעכט וועט זי זיך ארומשליורען מיט אירע גרויסע פּאַנ־טאָפל און ניט לאָזן שלאָפן.

— און אַ מאָל איז זי ניט ריין, וועט אַנוואַרפן מיסט... — האָט געזאָגט ישראל.

— שרעקט זיך ניט, קינדער, פון שטיק שניידן מיר איר ניט אָפּ, וועט אונדז ניט פּאַסן, וועט מען איר הייסן גיין געזונטערהייט. אָבער איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד.

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן. אַזוי איז אַריבער אַ גאַנצע וואָך.

די קינדער פלעגן זיך אַלץ נאָכפרעגן, ווו די אַלטע איז פאַרפאַלן געוואָרן.

— זאָרגט זיך ניט, זי וועט קומען. — האָט די מאַמע זיי געענטפערט און ס׳האָט איר אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס זי האָט איר צוגעזאָגט צו וואַרטן. איין מאָל האָט ציפּע דורך דער אָפענער טיר געהערט, ווי די קינדער לאַכן אָפּ פון דער געשיכטע מיט דער אַלטער פרוי און זיי מאַלן איר אויס, ווי זי גייט איינ־געבויגן, מיט די גרויע האָר, הוסט און קרעכצט. פון ערגערניש האָט זי זיך ספּעציעל געוויזן אין טיר, כדי זיי זאָלן אַנטשוויגן ווערן. פאַר דער מאַמען האָבן זיי זיך נאָך געשעמט.

.2

ס׳איז געווען אַ קאַלטער רעגנדיקער טאָג. דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט טונקל־גרויע וואָלקנס און אין שטוב איז געווען פינצטערלעך, ווי אין פאַר נאַכט. די שעה איז שוין געווען אַ שפּעט נאָכמיטאָגדיקע און ציפּע האָט זיך געקליבן צוגרייטן אָוונטברויט, ערשט זי הערט אַ קלאַפּ אין טיר.

אַז זי האָט געעפנט די טיר איז אויף דער שוועל געשטאַנען אַ פרוי, פאַר־וויקלט ביז די אויגן אין אַ וואָלענע שאַל, אַזוי אַז מ׳האָט איר פּנים ניט ארויס־געזען, נאָר די ליכטיק־בלויע אויגן אירע האָבן פריינדלעך געשמייכלט.

— איר זעט, אָט בין איך. ניט געקענט גלייך קומען. כ׳האָב שוין אפילו מיטגעבראַכט מיין טשעמאָדאַן מיט די זאַכן. קענט איר מיר ווייזן דעם צימער?

— אוודאי. קומט אריין. — האָט זיך ציפּע אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שלאָף.

— אנטשולדיקט, אַ מאָדנער טאָג היינט, כ׳בין שלעפעריק. — זי האָט איר געעפנט די טיר פון אַ שיינעם צימער מיט אַ ציכטיק־פאַרבעטע בעט. — איר ווילט שוין דאָ בלייבן?

— יע, כ׳בין שוין געקומען צו בלייבן. איך וויל זיך אויספּאַקן.

—ווילט איר אפשר פריער אַ גלאָז טיי? ס׳איז היינט קאָלט.

— ניין, אַ דאַנק, אפשר שפּעטער. — איז געקומען אַ שטילער ענטפער.

ציפּע איז אַוועק מאַכן וועטשערע, אָבער די נייגעריקייט האָט איר ניט געלאָזט רואיק אַרבעטן. זי האָט געוואָלט וויסן ווי יענע זעט אויס, ווי אַלט זי איז. זי איז געווען אזוי פאַרדעקט מיט דער שאַל, אז מער ווי די אויגן האָט זי ניט געזען. לויט די אויגן באַדאַרף זי זיין יונג.

מיט אַ מאָל האָט זי געהערט ווי דער זייגער שלאָגט פיר. זי האָט אויף גיך געמאַכט טיי, אָפּגעשניטן אַ שטיקל טאָרט און אָנגעקלאַפּט אין טיר פון דער נייער לאָקאַטאָרין. און ווען זי איז אריין, איז זי געבליבן שטיין אַ צעטומלטע:

— איך בין ווירקלעך איבערראַשט און צופרידן, צו האָבן אין מיין הויז אזא יונגע און שיינע פריילין. איר האָט דאָך מיר געזאָגט אויפן טעלעפאָן, אז איר ווילט זיך אַ ביסל פאַרריכטן דאָס געזונט — איז ביי אונדז, האָף איך, וועט איר עס קענען דערגרייכן.

— אַ דאַנק פאַר די קאָמפּלימענטן, ליבע באַלעבאָסטע, און אַ דאַנק פאַר די טיי. איצט איז עס ווי געוווּנטשן. איר האָט געטראָפן די צייט.

— ווי זאָל איך אייך רופן, פריילין? — האָט ציפּע געפרעגט.

— רופט מיר ניט פריילין, רופט מיר פשוט בלומע, אזוי איז מיין נאָמען.

— דער נאָמען פּאַסט זיך פאַר אייך, איר זייט טאַקע ווי אַ בלום. נו, טרינקט די טיי.

ציפּע האָט זיך קוים דערוואַרט די קינדער זאָלן קומען. זי האָט זיי גלייך דערציילט אז די פרוי איז שוין געקומען און זי איז ביי זיך אין צימער.

ניט פרעגנדיק ווער די פרוי איז, האָט טביה געזאָגט דער מאַמען, אז זי האָט איר אפשר געדאַרפט אָפּזאָגן, ווייל ס׳וועט איר פאַלן שווער אכטונג צו געבן אויף אַן עלטערע פרוי. ציפּע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט צום מיזינעק:

— גיי, קלאַפּ אָן אין איר טיר און רוף בלומען צו אַונטערוויט.

— וואָס עפּעס מיטן ערשטן נאָמען? — האָט טביה געפרעגט. — איר זייט שוין חברטעס?

— זי האָט געבעטן מ׳זאָל איר אַזוי רופן. איז אפשר װעסטו גײן איר רופן, טביה?

— ניין, מאַמע, גיי בעסער דו. מיר קענען איר דאָך ניט אפילו. — האָט טביה געזאָגט.

װען ציפּע איז אַרײַן צו איר אין איז זי געזעסן ביים שפּיגל און געקאַמט אירע האָר.

— איצט זייט איר מיין גאַסט, באַלעבאָסטע, — האָט זי זיך אויפגעשטעלט פאַר ציפּען און געפרעגט: — װאָס קען איך טאָן פאַר אייך? — איר שטים האָט אָנגענעם געקלונגען.

— פאַר מיר דאַרפט איר גאָר ניט טאָן. כ׳בין געקומען אייך פאַרבעטן צו אונטערבײַט. מיר װאַרטן אויף אייך זאַלבעפינפט.

— זאַלבעפינפט? — האָט בלומע איבערראַשט איבערגעחזרט. — איר — און װער די אַנדערע?

— יע, אויפן טעלעפאָן איז מיר ניט אויסגעקומען אייך צו זאָגן: כ׳האָב פיר זין.

בלומע איז בלאַס געװאָרן, װי זי װאָלט זיך דערפילט ניט גוט. ציפּע איז צו איר צוגעגאַנגען און איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט:

— װאָס איז אייך, בלומע?

— אָ, גאָר ניט! — איז זי געקומען צו זיך. — נאָר כ׳האָב זיך אויפגעהאָדעװעט אין אַ הויז װו מ׳זעט זעלטן אַ מאַן. כ׳װייס אפילו ניט װי מיט זיי צו ריידן...

— דאָס זאָל זיין אייער לעצטע שרעק, בלומע! — האָט ציפּע אַ באַרואיקטע געזאָגט. — מיינע קינדער זיינען זייער צוריקגעהאַלטענע און שטילע. זיי אליין שעמען זיך אויך צו ריידן צו אַ פרוי. זיי זיינען גוטע קינדער, לויפן ניט אַרום.

— אַזאַ גרוס פרייט מיך. װעל איך זיך איבערטאָן און באַלד אַראָפּגיין. אַ דאַנק.

— װעלן מיר אַ װײַלע צװואַרטן, — האָט ציפּע געזאָגט און אַרויסגעגאַנגען.

אַלע פיר האָבן שוין געװאַרט אויף דער מאַמען. זיי האָבן גערעדט, זיך געחכמעט און נאָכגעפרעגט אויף דער אַלטיטשקער, און װי לאַנג מ׳װעט דאַרפן װאַרטן ביז זי װעט זיך אויסשלאָפן. װען זיי האָבן זיך געװיצלט אויפן חשבון פון דער באָבעשי, האָט ציפּע געשמייכלט און זיך איינגעהאַלטן גאָר ניט צו זאָגן. זי האָט געװאָלט זיי זאָלן האָבן אַ סורפּריז. איר האַרץ האָט איר געזאָגט,

אז איינער פון די זין קען זיך גאָר פאַרליבן אין אזא מיידל. דעמלט וואָלט זי אוודאי גליקלעך געווען.

אז זיי האָבן געהערט, ווי זי גייט ארונטער די טרעפּ מיט שטילע טריט, האָט חיים זיך געוווּנדערט פאַר וואָס זי קלאַפּט ניט מיט די אַלטע שקראַבעס.

— דאָס איז נאָר דעם ערשטן מאָל, — האָט שמערל געזאָגט. — וואַרט צו אַ פּאָר טעג...

— וועט זי קומען מיט אַ טומל און פּרעטענזיעס... — האָט טביה צוגעגעבן.

מער האָט מען ניט גערעדט, ווייל בלומע איז אריין מיט אַ קלינגענדיקן גוטנאָוונט און אַלע פיר זיינען געבליבן זיצן מיט אָפענע מיילער, ווי פאַר אַ ווונדער.

.3

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלויע קלייד און די גאָלדענע האָר פונאַנדער־געלאָזן איבער אירע אַקסלען. ציפּע איז איר אַנטקעגן געגאַנגען:

— קומט אריין, בלומע. דאָס זיינען מיינע פיר זין: טביה, חיים, ישראל און שמערל.

זיי האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל אויפגעהויבן פון די ערטער, זיך פאַררויטלט און ווי אין אַ כאָר ארויסגעזונגען: — זייער אָנגענעם אייך צו קענען, פריילין.

— און אַלע האָבן זיך העפלעך פאַרבייגן.

— רופט מיר, ביטע, מיטן נאָמען: בלומע. און ניט פריילין. — האָט זי שטיל געזאָגט.

ציפּע האָט בלומען אַוועקגעזעצט צווישן איר און דעם עלטסטן זון, טביהן.

וועגן מאַכן חוזק איז שוין געווען אָפּגערעדט, מ'האָט איצטער געשוויגן און אַלע רגע זיינען געפאַלן אויף בלומען בליקן פון באוווּנדערונג. ציפּע האָט עס באַמערקט, אָבער זיך ניט וויסנדיק געמאַכט.

דאָס געפיל פון פאַרלעגנהייט איז אָבער וואָס אַ מינוט שטאַרקער געוואָרן, האָט די מאַמע אויף אַ דיסקרעטן אופן אָנגעהויבן פרעגן בלומען פאַרשיידענע פראַגעס, אויף וועלכע זי האָט איידל און שטיל געענטפערט.

מ'האָט געענדיקט עסן. דורכן פענצטער האָט אריינגעקוקט אַ טונקל בלויער הימל. דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט און די לופט איז געווען פריש. לעצטע פייגעלעך זיינען פישטשענדיק געפלויגן צו זייערע נעסטן אין דיביימער פון גאָרטן. עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער פינקלדיקער שטערן.

— קינדער, גייט און ווייזט בלומען דעם גאָרטן, און פאַר איינס וועט איר מאַכן אַ שפּאַציר.

—אַ שיינעם דאַנק, פרוי גאָלדבערג, — האָט בלומע ציפּען אָנגערופן מיטן פאַמיליע־נאָמען, ווי ס'איז געווען אָנגעגעבן אין צייטונג. — כ'וועל אייך פריער העלפן פון טיש ארונטערנעמען די געשיר און אויסוואַשן.

— אַ צווייטן מאָל וועט איר מיר העלפן, בלומע. היינט איז דער ערשטער טאָג, טאָ גייט בעסער מיט די קינדער שפּאַצירן, איר וועט זען די געגנט, אַניט וועט ווערן שפּעט.

— ס'מאַכט ניט אויס אַ ביסל שפּעטער, און איר וועט אויך גיין מיט אונדז, — האָט בלומע געזאָגט. — מיינע געשעפטן וועל איך ניט פאַרזאַמען. — און זי האָט אויף גיך אָנגעהויבן ארונטערנעמען פון טיש.

מ'האָט זיך ניט ארומגעקוקט, ווי דער טיש איז ריין געוואָרן און זי האָט זיך געוואָלט שטעלן וואַשן. ציפּע האָט איר איידל געזאָגט:

— דאָס איז מיין אַרבעט צו וואַשן, איר וועט נאָר ווישן, און די בחורים וועלן אַלץ צעשטעלן אויף די ערטער. איך בין נאָך דערוויל די באַלעבאָסטע... האָט זי געלאַכט.

— אז איר רעדט אזוי ווי אַ באַלעבאָסטע, וועל איך היינט פאָלגן, אָבער כ'וויל אז איר זאָלט וויסן אז איך בין צוגעוווינט צו אַלע אַרבעטן.

— איר זעט אויס אזוי צאַרט, בלומע, אז כ'וואָלט קיין מאָל ניט געגלייבט אז איר האָט ווען געאַרבעט שווערע שטובאַרבעט, — האָט ציפּע געזאָגט.

קענטיק אז די דאָזיקע באַמערקונג האָט אָנגערירט בלומעס אַמביציע און זי האָט אין איין אָטעם אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיך:

— איר מיינט אוודאי אז כ'בין אַ גראַפינע, וועל איך אייך דערציילן דעם אמת. מיטן אמת איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען. ביז איצט האָב איך געלעבט אין אַ יתומים־הויז און דאָרטן האָט מען אונדז אַלץ געלערנט. איך קען אפילו נייען אויף אַ ניימאַשין, פאַרריכטן זאַכן, שטריקן, קאָכן, באַקן. איך האָב גע־ענדיקט די שול מיט אַן אויסצייכענונג, נאָר אין מיטן דערינען בין איך קראַנק געוואָרן און דער דאָקטער האָט מיר געהייסן אַוועקגיין אין אַ רואיקערן פּלאַץ און האָבן אַ לענגערן אָפּרו. דערפאַר בין איך דאָ היינט ביי אייך. און דאָ איז אזוי רואיק און פיין. כ'האָב אזוי שטאַרק געוואָלט אַנטלויפן פון די גרויע מויערן מיט די הייכע ווענט און די פאַרשלאָסענע טירן און די שטרענגע דיסציפּלין אין אונדזער שול. ביי אייך איז אזוי פריי...

די זין זיינען געשטאַנען ארום, מיט די בליקן אָנגעשטעלט אויף בלומען, און זיך צוגעהערט צו איר געשיכטע. אירע רייד האָט אַלעמען גערירט. ציפּע האָט אפילו געפילט ווי אירע אויגן ווערן נאַס און האָט זיך אָפּגעקערט. נאָך אַ ווילע האָט זי געפרעגט:

— און איר האָט דאָ קיינעם ניט? משפּחה אָדער באַקאַנטע? כ׳מיין אייגענע.

— ניין, דערווייל האָב איך קיינעם ניט. אפשר לעבן נאָך מיינע עלטערן, אָבער איך קען דאָס ניט וויסן. ווייל כ׳געדענק גאָר ניט, קיינעם ניט און ניט פון ווו איך קום. איר ווייסט דאָך אליין וויפל טויזנטער משפּחות די מלחמה האָט צעבראָכן.

— זייט איר גאָר פון די געראַטעוועטע נאָך דער מלחמה, בלומע! — האָט ציפּע אויסגערופן.

— יע, פרוי גאָלדבערג, מ׳האָט מיר געפונען הינטער אַ וואָגן היי. ווי ס׳וויזט אויס האָט מיר דאָרטן מיין מוטער אָדער מיין פאָטער איבערגעלאָזט, ווען מ׳האָט זיי געטריבן צום טויט. נאָך אַ גליק, וואָס דער פויער, וועלכער האָט מיר געפונען איז געווען אַן אָרנטלעכער און האָט מיר אריינגעגעבן אין יידישע הענט. גלייך נאָך דער מלחמה האָט מען אונדז געבראַכט, אַ גאַנצע גרופּע יידישע קינדער, אין דעם לאַנד, אין יתומים־הויז. דער פויער האָט אפילו מיין נאָמען ניט געוווסט, האָט מען מיר דאָ אַ נאָמען געגעבן בלומע. נאָר מיר האָט די גאַנצע צייט זיך געוואָלט ארויסגיין פון יתומים־הויז, צי גאָר אַנט־לויפן, פריי איך זיך וואָס כ׳בין קראַנק געוואָרן. צוריק וועל איך שוין ניט גיין אהין, — אזוי האָט בלומע דערציילט איר געשיכטע און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

זי האָט אפילו ניט באַמערקט מיט וואָס פאַר אַ שפּאַנונג אַלע ארום הערן זיך צו. זי האָט ווייטער גערעדט:

— מיר ווילט זיך אזוי שטאַרק זיין לעבן אייגענע, נאָנטע. פילן וואָס אַ פאַמיליע איז. ניט זיין אין גאַנצן עלנט. זיין עמעצנס אַ קינד... — בלומע האָט גערעדט און געווישט די געשיר. זי האָט ניט געזען ווי ציפּע איז גערירט און די טרערן, וואָס קאַפּען פון אירע אויגן.

— אָבער איר האָט דאָך געהאַט באַקאַנטע, אין יתומים־הויז, פון אייער עלטער, ניט אזוי?

— דאָס איז ריכטיק, פרוי גאָלדבערג. איך האָב צוויי נאָנטע חברטעס, וואָס האָבן געלעבט מיט מיר אין יתומים־הויז. האָבן זיי זיך דערוווסט, אז זייערע עלטערן לעבן און מ׳האָט זיך צוזאַמענגעזוכט. די עלטערן זיינען גע־קומען און שוין דאָ פאַרבליבן. זיי זיינען צוזאַמען אין אַ קליין דירהלע. אין מיין פרייע צייט קום איך צו זיי. זיי זיינען זייער גוטע מענטשן, האָבן מיר אפילו געבעטן איך זאָל זיין ביי זיי, נאָר איך האָב געפילט אז כ׳וועל זיי מאַכן ענג.

פלעג איך קומען נאָר פון מאָל צו מאָל, אויף אַ טאָג, און פּאָר נאַכט — ווידער אין יתומים־הויז.

בלומע האָט אַלץ אויסדערציילט און געפּילט, אז ס׳ווערט איר גרינגער, אז מ׳הערט זיך צו צו אירע רייד. זי איז געשטאַנען מיטן האַנטעך אין האַנט און גערעדט, ווייל אַלץ איז שוין געוועזן אויסגעווישט און אוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט.

— אָבער איצט וועט שוין אַלץ אַנדערש זיין: מיר וועלן זיין אייער פאַ־מיליע, און דאָ וועט זיין אייער היים, איר הערט בלומע, — האָט ציפּע וואַרעם גערעדט.

— כ׳פיל זיך גליקלעך פון אייער אָנבאָט, — האָט בלומע געזאָגט, — אַ דאַנק.

אז זיי זיינען ארויס אויף אַ שפּאַציר, האָט קיינער ניט גערעדט. אַלע האָבן איבערגעטראַכט וואָס בלומע האָט דערציילט. ס׳איז געווען גוט ארומצוגיין אין גאָרטן. די לופט איז געווען קיל און פריש. אַ גרויסע לבנה האָט געשיינט און באַזילבערט די ביימער. שטערן האָבן געפינקלט אין טונקל־בלויען הימל. זיי זיינען געגאַנגען הין און צוריק און יעדער איז געווען פאַרקלערט אין זיך אליין.

ווען מ׳איז צוריק אריין אין שטוב, האָט ציפּע געזען אז בלומעס באַקן האָבן געקראָגן אַ ראָזן, געזונטן קאָליר און זי האָט אויסגעזען פריש. פון דעם איז ציפּע געווען דערמונטערט און זי האָט זיך גענומען צוגרייטן טיי מיט זיסיקייטן. איצט האָט מען שוין פרייער גערעדט, אויך ציפּעס זיך. ווען מ׳איז געגאַנגען שלאָפן איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט.

4.

אויף מאָרגן האָט זיך ציפּע אויפגעוועקט, ווי איר געוווינהייט, ווי נאָר די זון איז ארויס אויפן הימל. דער ערשטער געדאַנק איז געווען וועגן בלומען. ווען זי איז נעכטן אין רעגן געקומען, האָט זי אויסגעזען בלאַס, און שוין אין אָוונט האָט זי געהאַט אַ נאָרמאַל־געזונטע פאַרב אין די באַקן. זי וועט גיך דאָ געזונט ווערן, האָט ציפּע צופרידן געטראַכט, ווען זי איז אויף די שפּיץ פינגער פאַרבייגעגאַנגען בלומעס צימער, כדי איר ניט אויפצוּוועקן.

אין שטוב איז געווען שטיל. ס׳איז געווען אַ חגא און די קינדער זיינען נאָך געשלאָפן. מ׳האָט ניט געדאַרפט זיך איילן צו דער אַרבעט. זי האָט געעפנט אַ פענצטער און פון גאָרטן האָט דער אַראָמאַט פון די שמעקעדיקע בלומען

אריינגעוויט. פייגעלעך זיינען שוין ארומגעשפרונגען און געזוכט וואָס אַ פּיק צו טאָן. זיי האָבן געפּישטשעט אין זייער שפּראַך איינער צום אַנדערן.

ווען ציפּע איז ארויס פון באַדצימער נאָכן ארומוואַשן זיך און פאַרבייגע־גאַנגען די טיר פון קאָרידאָר, האָט זי געהערט אַ לייכטע באַוועגונג. אפשר דער הונט, האָט זי געטראַכט און ארויסגעקוקט אין דרויסן, ערשט ס׳איז גאָר בלומע. זי איז געזעסן אויף דעם הילצערנעם באַנק, ביי דער וואַנט, און געלייענט אַ בוך. זי איז געווען אזוי אריינגעטיפט, אז זי האָט איר גאָר ניט באַמערקט, האָט איר ציפּע צו רו געלאָזן און אריין אין קיך מאַכן פרישטיק. נאָר דער פרישטיק איז שוין געשטאַנען אויפן טיש און די קיך איז געווען ריין. די טאַסן זיינען גע־שטאַנען פאַרדעקט מיט ווייסע סערוועטקעס און דאָס וואַסער האָט זיך געקאָכט אויף אַ קליין פייערל, עס זאָל זיין הייס.

ציפּע האָט זיך דערמאָנט, אז בלומע האָט איר נעכטן אָוונט געפרעגט וואָס זיי עסן אין דער פרי. און זי האָט אַלץ געפונען, ווו עס שטייט און אַלץ איז צוגעגרייט, אז ציפּע אליין וואָלט עס בעסער ניט געמאַכט. און ציפּעס האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן, וואָס אזא טייערע מיידל האָט זיך צו זיי אריינגעצויגן.

ציפּע האָט געשפּיגלט איר בליק אין דעם טיש. אַלץ ארום האָט געבליש־טשעט. איר מאַמישע האַרץ האָט איצט געהאַט איין פאַרלאַנג: בלומע זאָל אויף אַן אמת געהערן צו דער משפחה...

זי האָט זיך שטיל ארויסגעשאַרט אין דרויסן, פון הינטן ארומגענומען בלומען און זי אַ קוש געטאָן. בלומע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן, אָבער זי האָט גלייך געוווסט ווער דאָס איז, האָט זי ציפּען שטאַרק ארומגענומען און אויך אַ קוש געטאָן.ביידע האָבן זיך צופרידענע אָנגעקוקט, ווי יעדע איינע וואָלט געוואָלט זען ווי מ׳זעט אויס אין פרימאָרגן.

ציפּע איז געווען אָנגעטאָן פשוט און ריין, ווי אַן עלטערע פרוי, אָבער בלומע איז געווען עלעגאַנט און ספּאָרטמעסיק אָנגעטאָן: בלויע הויזן מיט אַ ווייסן סוועטער, און אַ בלויער באַנד איבערגעבונדן איבער די גילדענע לאָקן, זיי זאָלן איר ניט פאַלן אין די אויגן. זי האָט אָפּגעאָטעמט און געזאָגט:

— איך האָב געשלאָפן זייער גוט, און אין דער פרי האָב איך געטראַכט וועגן אייך. כ׳האָב אייך געוואָלט פרעגן, צי איך מעג אייך רופן מיטן נאָמען מאַמע?

ציפּע האָט זי ארומגעכאַפּט און געדריקט אין די אָרעמס: — אוודאי, בלי־מעלע, כ׳בין אזוי שטאַרק צופרידן אז דו ביסט געקומען אויף דעם געדאַנק. ווי דען אַנדערש?

— און אויב איך רוף אייך מאַמע, דאַרפט איר מיר זאָגן דו.

— גוט, בלימעלע, כ׳וועל דיר זאָגן דו. ס׳איז נאַטירלעכער אז אַ מאַמע זאָגט דו.

אַ דאַנק. כ׳בין אזוי גליקלעך! און ווי איר רופט מיר בלימעלע, וועל איך אייך רופן מאַמעלע. חוץ דעם האָב איך מיט איין מאָל געוואונען פיר ברידער. כ׳בין תמיד מקנא געווען מיינע צוויי חברטעס דבורהלען און רייזעלען. זיי זיינען צוזאַמען.

— איצט וועלן מיר אויך זיין צוזאַמען, בלימעלע, ווי איין משפחה.

ווען די זין זיינען אַרונטערגעקומען צו פרישטיק, האָבן זיי באַגריסט דער מאַמען און בלומען מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן. היינט זיינען זיי געווען גוט אויפ־געלייגט. מיט אַ מאָל האָבן זיי געהערט ווי בלומע רופט זייער מאַמען אזוי ווי זיי: מאַמע.

— איר ווילט האָבן אַ חלק אין אונדזער מאַמען און איר האָט אונדז אפילו ניט געפרעגט. אָבער מיר וועלן אייך אָפּלאָזן אַ פינפטל חלק. יעדער אַ גלייכן חלק! — האָט טביה געזאָגט.

— כ׳וויל דיר זאָגן, טביה, אז בלומע האָט יע געפרעגט. און איך אליין האָב גערן צוגעשטימט צו דעם. כ׳בין צופרידן צו האָבן ווי אַ צוגאָב צו אייך אַ טאָכטער אויך...

— זיינען מיר דורך נאַכט געוואָרן ברידער און שוועסטער. ס׳איז פונקט ווי אַ נס.

— און ווי אַ שוועסטער וויל איך אז איר זאָלט מיר אַלע זאָגן דו! — האָט בלומע געזאָגט פריילעך.

— איך וועל דיר דער ערשטער זאָגן דו! — האָט זיך טביה אויפגעהויבן און מעשה קאַוואַליר זיך פאַרבויגן פאַר בלומען. — געפעל איך דיר ווי אַ ברודער?

— און נאָך ווי דו געפעלסט מיר! — האָט בלומע אויסגערופן. — און איך דיר?

— דו געפעלסט מיר ביז גאָר. ס׳איז גוט צו האָבן אַזאַ שוועסטער ווי דו!

— ס׳איז גוט צו האָבן אזא שוועסטער ווי דו! — האָבן אַלע ברידער נאָכ־געזאָגט אויף אַ קול און ס׳איז געוואָרן פריילעך גלייך אויפן פרימאָרגן. מ׳האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געוויצלט, ביז מ׳איז אַרויפגעקומען אויף דעם געדאַנק צו מאַכן אַ גרויסן באַל און פאַרבעטן אַלע באַקאַנטע און פריינד.

שמערל האָט גלייך געבראַכט אַ בלייפעדער מיט אַ פּאַפּיר און מ׳האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ ליסטע. צווישן די געסט זיינען אויך פאַרצייכנט געוואָרן דבורהלע מיט רייזעלען און זייערע עלטערן, אויך אַ פאַמיליע, וואָס

וווינט דאָ אין שכנות און זייערע קינדער: מאָטל און מאַטלע. און מ׳האָט באַשלאָסן, אז ווער ס׳האָט צו גיין ווייט אַהיים, וועט בלייבן נעכטיקן. צימערן זיינען דאָ גענוג, וועט מען הוליענען אַ גאַנצע נאַכט.

— דאָס וועט זיין אַ קבלת־פּנים פאַר אונדזער ניי־געפונענע טאָכטער.

— און פאַר אונדזער שוועסטער! — האָבן אַלע פיר זין מיטגעהאָלפן דער מאַמען.

— אַ דאַנק! אַ דאַנק אייך, ליבע מאַמעלע און טייערע ברידער! — האָט בלומע אויסגערופן באַגייסטערט, — איצט פיל איך זיך שוין ניט מער עלנט. דאָס איז אַ נס פון הימל!

די מאַמע איז צוגעגאַנגען, ארומגענומען בלומען און געזאָגט:

— וועסט מער ניט זיין עלנט, בלימעלע! וועסט בלייבן מיט אונדז.

פון בלימעלעס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. מיט אַ ציטעריק קול האָט זי געזאָגט:

— גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט איין האַנט, ווען ער האָט צוגענומען מיינע טייערסטע, אָבער מיט דער אַנדער האַנט האָט ער מיר צוריקגעגעבן אייך. דאָס איז זיין ברכה!

.5

צום שבת צו נאַכט, ווען ס׳האָט געדאַרפט פאַרקומען דער באַל, האָבן זיך אַלע געגרייט מיט אַ פאַר וואָכן פריער. בלומע און ציפּע זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען: געבאַקן און געקאָכט און צוגעגרייט פון אַלדאָס גוטס.

די מאַמע האָט דערמאָנט אירע זין, אז ווען זיי זיינען נאָך געווען יונגע קינדער און דער טאַטע האָט געלעבט, האָבן זיי זיך אליין אַ נאָמען געגעבן די פריילעכע קאָמפּאַניע, און זיי פלעגן יעדע פאַר וואָכן פראַווען אַ שפּיל־ און זינגקאָנצערט, און אַלע פלעגן הנאה האָבן.

האָט טביה זיך דערמאָנט און ארויסגענומען די גיטאַרע, ישראל און שמערל האָבן זיך דערמאָנט די אַלטע זינג־נומערן, און די מאַמע האָט זיך געזעצט צום קלאַוויר, און מ׳האָט זיך רעפּעטירט ווי אַ מאָל.

שבת פאַר נאַכט האָט בלומע אויסגעשטעלט אויפן טיש אַלע עסנוואַרגן און גוטע זאַכן, וואָס זיינען שוין געווען צוגעגרייט פון פריער. די פיר יונגע מענער האָבן געהאָלפן. באַצייטנס זיינען אויך אָנגעקומען דבורהלע מיט רייזעלען און זיי האָבן אויך צוגעלייגט אַ האַנט. ציפּען האָט בלומע געזאָגט, אז זי זאָל זיך בלויז צוקוקן און זי וועט זען, אז אַלץ וועט זיין אָפּגעטאָן ווי אויפן שענסטן באַל.

— מיר פלעגן אַזעלכע פאַרטיעס מאַכן פאַר די, וואָס פלעגן געבן גרויסע

סומעס פאַרן יתומים־הויז. אַלע עלטערע קינדער איבער אַכצן יאָר פלעגן זיין פאַרנומען ביי דעם. ווען דבורהלע און רייזעלע האָבן געפונען זייערע עלטערן און אוועק פון אונדז, פלעג איך מער ניט אריינגיין אין זאַל ווו דער באַל פלעגט פאָרקומען, ווייל איך האָב זיך געפילט עלנט און שלעכט געשטימט. כ׳האָב געוואָלט האָבן אַ היים. איצט, ווייסט איר שוין, מאַמע, פאַר וואָס איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

— איך ווייס דאָס, בלימעלע מיינע, און כ׳וועל טאָן ווי דו ווילסט: זיך צוקוקן.

און בלומע האָט אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען:

— דו, רייזעלע און מאָטל, רוקט צו דעם טיש צו דער וואַנט. ס׳איז ניט שווער. און נאָכהער שטעלט אַוועק אַלע שטולן ביי דער וואַנט, וועט זיין מער פלאַץ. — און דו דבורהלע, שטעל אריין די בלומען אין יענער גרינער וואַזע און שטעל זי אַוועק אין מיטן טיש. — און טביה מיט חיימען, רוקט אָפּ דעם קלענערן טישל צום ווינקל און שטעלט ארויף אַלע פלעשער און גלעזער אויפן טישל.

— און איך? וואָס זאָל איך טאָן? — האָט שמערל אַ באַליידיקטער געפרעגט.

— ס׳וועט זיין גענוג ארבעט אויך פאַר דיר. דערווייל קום אהער און העלף מיר.

אַלע האָבן אויסגעפאָלגט בלומעס באַפעלן און אין אַ שעה צייט איז אַלץ געווען פאַרטיק.

— איצט דאַרף מען דערוואַרטן די געסט, און בעסער וואָלט קיינער ניט געקאָנט מאַכן. און דו, בלימעלע, קענסט איצט זיך גיין איבערטאָן. — האָט ציפּע געזאָגט.

בלומע איז אַוועק צו זיך אין צימער. דבורהלע און רייזעלע זיינען מיט־געגאַנגען. זיי האָבן איר געהאָלפן זיך איבערטאָן און אויספוצן. ווען זיי זיינען אַראָפּ אַ ווילע ארום פון די טרעפּ, האָט זיך געדוכט ווי בלומע וואָלט געשוועבט ווי אַ גרויסער ווייסער פויגל. איר אָנגעצויגענע ווייסע קלייד האָט איר שלאַנק געמאַכט און אונטערגעשטראָכן איר יעדן גליד. די גראַציע פון אירע גלידער האָט מיט חן און פשוטקייט געשפּילט.

די ערשטע געסט זיינען שוין געווען געקומען. צווישן זיי אויך מאָטל און מאָטלע מיט אירע עלטערן. די ברידער מיט דער מאַמען האָבן באַגעגנט די געסט. מען האָט זיך געקושט. די פרויען האָבן אונטערגעשטעלט די באַקן, די מענער זאָלן זיי אַ קוש טאָן.

.6

אַלע זיינען אריין אין גאַסטצימער. ציפּע האָט פאַרגעשטעלט איר ניי־געפונענע טאָכטער, און געזאָגט, אז לכבוד איר מאַכן זיי היינט דעם באַל. די בליקן פון אַלעמען זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף איר. מ׳האָט באוואונדערט איר חן און איר געגעבן קאָמפּלימענטן. די מאַמע האָט שוין באַמערקט, אז טביה איז ניט גלייכגילטיק צו בלומען. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדערן ווינקל און געשמועסט. אין הארצן האָט עס איר געפרייט, ווייל זי האָט געזען אז אויך בלומען ציט צו טביהן.

די געסט האָבן זיך געזעצט ביים גרויסן טיש, ביי דער וואַנט, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט אַלע גוטיקייטן. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט שטילע מעלאָדיעס. דער אָוונט איז צוגעפאַלן, און דער גאַסטצימער איז געווען העל באַלויכטן. ס׳איז געווען אָנגענעם־געמיטלעך און מ׳האָט געפילט די גוטע שטימונג.

די יינגערע האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ באַזונדערן עק טיש און געשמועסט, געוויצלט זיך און הארציק געלאַכט. ישראל איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און געפרעגט וואָס מ׳וויל טרינקען. ער האָט גלייך יעדערן געבראַכט זיין באַשטעלונג.

ציפּע און די קינדער האָבן געגעבן אַ פּאָר שפּיל־ און זינג־נומערן. נאָך דעם האָט מען אָנגעשטעלט טאַנצפּלאַטן און פאַרלעך האָבן זיך אוועקגעלאָזט טאַנצן. די עלטערע זיינען געזעסן און זיך צוגעקוקט ווי די קינדער פאַרברענגען זיך און הנאה געהאַט. מ׳האָט זיך פאַררעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן און אפילו ניט באַמערקט ווי ס׳איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט.

בלומע און טביה האָבן נאָך געטאַנצט, נאָר די עלטערע זיינען שוין געווען מיד. מ׳האָט געוואָלט נעמען די קינדער און גיין אַהיים, נאָר ציפּע האָט געזאָגט, אז פאַר יעדערן איז אָנגעגרייט זיין צימער. די טאַטעס און מאַמעס קענען גיין שלאָפן און זאָלן די קינדער נאָך טאַנצן. מאָרגן איז אַ חגא און יעדער קען שלאָפן ווי לאַנג ער וויל.

— אָבער פרוי גאָלדבערג, מיר קענען דאָך אַלע ניט בלייבן, וווּ וועט איר אונדז לייגן ?

— זאָרגט זיך ניט ! אונדזער הויז איז אַ מאָל געווען אַן אריינפאָרהויז, אַן אכסניה, און ס׳וועט זיין אונדזער פאַרגעניגן אייך אַלעמען צו האָבן פאַר געסט, — האָט ציפּע געזאָגט.

די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן געזאָגט, אז זיי וועלן אויפהערן טאַנצן

און אַלץ אויפֿראַמען און ריין מאַכן, נאָר ציפּע איז באַשטאַנען אויף דעם אַז מ׳זאָל עס לאָזן אויף מאָרגן. זי האָט די עלטערע פּאָרלעך אַוועקגעפֿירט אין זייערע צימערן.

עפּעס ווי פֿון זיך האָבן זיך די קינדער צוגעקליבן זייערע טאַנצפּאָרלעך: טביה האָט געטאַנצט מיט בלומען, חיים מיט רייזעלען, ישראל מיט דבורהלען און שמערל מיט מאַטלען.

ציפּע האָט זיך צוגעקוקט און איר האַרץ האָט געצאַפּלט פֿון נחת. זי האָט זיך צום סוף ניט געקענט איינהאַלטן און אַרויס אין קאָרידאָר זיך דורכוויינען. טרערן פֿון פֿרייד האָבן זיך געגאָסן פֿון אירע אויגן. זי האָט געהערט ווי די מוזיק שפּילט שטיל, עס זאָל ניט שטערן די שלאָפֿנדיקע.

ס׳איז שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט, ווען זי האָט זיך דערפֿילט מיד און אַוועק צו זיך אין צימער. אָבער אַז זי האָט זיך געלייגט אין בעט, האָט זי ניט געקענט איינשלאָפֿן. פֿאַר די אויגן האָבן זיך איר געדרייט בלומע און טביה מיט אַלע אַנדערע קינדער. זי האָט געפֿילט אַז איר מאַמישער פֿאַרלאַנג ווערט מקוים. גאָט אַליין האָט איר צוגעשיקט בלומען, ווי זיין מלאך פֿון הימל.

ווען זי האָט געוואָלט אויסלעשן דאָס ליכט, האָט זי דערהערט אַ שטילן קלאַפּ אין טיר. זי האָט געזאָגט אַריין — און בלומע איז אַריין אַ צעשטראַלטע און צוגעפֿאַלן צו ציפּען מיט קושן און האַלדזן.

— אַ דאַנק, טייערע מאַמעלע, אַ דאַנק! קיינער האָט נאָך פֿאַר מיר אַזאַ גרויסאַרטיקן באַל ניט געמאַכט. נאָר דו, מאַמעלע! און איך בין אַזוי גליקלעך.

— איך זאָל האָבן נחת פֿון דיר, מיין בלומעלע! — האָט ציפּע איר גע־דריקט צום האַרצן און בעת־מעשה געטראַכט: איך זאָל האָבן נחת פֿון אייךביידן — פֿון טביהן און דיר!

— זיינען שוין אַלע אַוועק שלאָפֿן? — האָט זי געפֿרעגט.

— יע, מאַמע, כ׳האָב יעדערן געוויזן זיין צימער.

— טאָ גיי שלאָפֿן, בלימעלע, און רו זיך גוט אויס. האָסט זיך גוט אָנגע־האָרעוועט די וואָך. און אַ גאַנצע נאַכט נאָך געטאַנצט. ביסט פֿאַרמאַטערט, האַ?

— ניין, ניט פֿאַרמאַטערט. נאָר סיי ווי איז שוין צייט צו גיין שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, מיין קינד. און שטיי ניט אויף פֿרי. ס׳איז גענוג צייט פֿאַר אַלץ.

ווי בלומע איז אַרויס האָט ציפּע אויסגעלאָשן דאָס ליכט און איז אַנטדרימלט געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט זי דערהערט מוזיק שפּילט. די קלעזמער האָבן גע־שפּילט אַ חתונה־מאַרש, מ׳האָט געפֿירט צו דער חופּה יונגע פּאָרלעך. און

פלוצלינג האָט אַ ליכטיקייט אויפגעשטראַלט און זי האָט דערזען אירע פיר זין — יעדער אונטער אַ חופּה, מיט די זעלבע מיידלעך מיט וועלכע זיי האָבן געטאַנצט. — ווי אַזוי קומט עס אַז זיי האָבן זיך אַזוי גיך פאַרשדכנט? האָט זי געטראַכט, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף.

זי האָט אויסגעריבן די אויגן און געזען, אַז אין דרויסן גרויט שוין. אין צימער איז נאָך געווען טונקל. זי איז געווען גליקלעך פון חלום און אים אָנגענומען ווי אַ צייכן אַז איר ווונטש ווערט מקוים. ס׳איז נאָך געווען פרי, אָבער זי האָט שוין מער ניט געקענט שלאָפן. זי איז געלעגן וואַך און געמאַכט פּלענער פון חתונות ביי די קינדער.

7.

ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פרי, ווען ציפּע האָט זיך געאיילט אויפצושטיין. זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט געסט און מ׳דאַרף צוגרייטן פרישטיק. אָבער פריער דאַרף זי נאָך אויפראַמען אַלץ פון נעכטן און דאָס וועט געוויס צייט דויערן.

ווען זי האָט אָנגעהויבן זיך אָנטאָן, האָט זי דערפילט אַז די מידקייט ליגט איר נאָך אין די ביינער און ס׳האָט איר ווידער געצויגן צום געלעגער. אָבער זי האָט זיך ניט נאָכגעגעבן, ווי זי וואָלט די זאָרג געטראָגן ווי אַ יאָך אויפן קאַרק.

זי איז געגאַנגען שטיל, אַז זי זאָל קיינעם ניט אויפוועקן. אויף אירע ליפּן איז געווען די תפילה, אַז דער חלום זאָל מקוים ווערן. די טירן פון די צימערן זיינען געווען פאַרמאַכט און אינעווייניק איז געווען שטיל, אַ סימן אַז אַלע שלאָפן נאָך.

שטיל איז ציפּע די טרעפּ אַרונטערגעגאַנגען און אַריין אין שטוב. דער זאַל, די קיך, דער קאָרידאָר — אומעטום איז געווען ריין און ציכטיק. אויף דער פּליטע איז געשטאַנען אַ טעפּל אויפגעקאָכטע מילך, הייס וואַסער, אַ טשייניק פאַר טיי און קאַווע. נאָר די גרעסטע איבעראַשונג האָט ציפּען דערוואַרט ווען זי איז אַריין אין עסצימער:ביים טיש זיינען געזעסן אַלע מיידלעך און בחורים פון נעכטיקן באַל צוזאַמען מיט אירע קינדער:

— מאַמע, מיר וואַרטן אויף דיר מיטן פרישטיק. מיר האָבן אַלע אַרבעט שוין אָפּגעטאָן.

— איז ווי שפּעט איז? — האָט ציפּע געפרעגט פאַרוואונדערט.

— ס׳איז שוין נאָך צען, נאָר מיר לאָזן אַלע אַלטע מענטשן שלאָפן ווי לאַנג זיי ווילן, און ווי לאַנג זיי וועלן קענען... — האָט טביה געזאָגט צו דער מאַמען.

— אוי ווי איז מיר, שוין נאָך צען. אָט וואָס אַ פוילערקע כ׳בין...

— ניטאָ מיט וואָס זיך צו שעמען, מאַמע! — האָט בלומע זיך אָפּגערופן.

— ס׳איז גוט צו האָבן אַ מאַמען, וואָס שלאָפט זיך אויס. זאָג נאָר צי אַלץ איז אין אָרדענונג?

— קיין בעסערע אָרדענונג דאַרף מען גאָר ניט! — האָט ציפּע געזאָגט.

— און ווען האָט איר עס אַלץ באַוויזן? איצט דאַרפט איר מיר שוין גאָר ניט האָבן.

— רייד ניט אַזוי, מאַמע! — האָט טביה אַ קוש געטאָן זיין מוטער. — מיר זיינען איצט פיר ברידער מיט אַ שוועסטער — איז דאַרפן מיר דיר האָבן זייער, זייער שטאַרק!

אַלע האָבן באַשטעטיקט מיט אַפּלאָדיסמענטן טביהס ווערטער.

— און איך דאַרף אַ מאַמען מער ווי אַלע — איך בין דאָך ביז איצט אַזוי עלנט געווען. און כ׳דאַרף אויך מיינע ברידער. איך בין גליקלעך צו האָבן אַזאַ טייערע היים!

ציפּע איז צוגעקומען צו בלומען און מיט טרערן אין די אויגן איר ארומ־גענומען:

— יע, כ׳בין גליקלעך צו וויסן, אַז דו ביסט מיין אמתע טאָכטער, ווי מיין זון איז מיין זון.

— איך וואָלט וועלן זיין די אמתע טאָכטער! — האָט בלומע אויסגערופן.

— ווי קען איך עס טאָן? זאָג, מאַמע.

— איך וועל דיר זאָגן, בלומע. כ׳וועל אייך אַלעמען זאָגן, קינדער. אָבער כ׳וועל אייך מוזן דערציילן מיין חלום היינטיקע נאַכט, כדי איר זאָלט מיר בעסער פאַרשטיין. און ציפּע האָט די קינדער דערציילט, ווי זיי זיינען אַלע געשטאַנען אונטער דער חופּה און די קלעזמער האָבן געשפּילט. און ווי שטאַרק גליקלעך זי איז געווען.

מ׳האָט שוין מער ניט געדאַרפט דערקלערן די קינדער, וואָס דער מאַמעס פאַרלאַנג איז. איצט איז אין זייערע הענט געלעגן איר גליק. זיי האָבן זיך נאָר געדאַרפט באַשליסן צו ריידן איינער מיטן אַנדערן.

פאַר מיטאָג, ווען די אַלטע טאַטעס און מאַמעס זיינען שוין געווען אויפ־געשטאַנען, האָבן די קינדער געבעטן אַלעמען קומען אין גרויסן זאַל. מ׳האָט אוועקגעזעצט די מאַמען אין דער מיט און טביה איז צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט:

— מאַמע, דיין חלום הייבט אָן מקוים ווערן: בלומע און איך ווילן זאָלסט אונדז פירן צו דער חופּה. קום אַהער, בלומע.

— מזל־טוב! — האָבן אַלע אויסגעשריען. די מאַמע האָט זיי ארומגענומען און טרערן האָבן געגלאַנצט אין אירע אויגן. — מזל־טוב, קינדער! — האָט זי געזאָגט.

— און מיר אויך! — זיינען צוגעקומען חיים מיט רייזעלען.

— און מיר אויך! — זיינען צוגעקומען ישראל מיט דבורהלען.

— מזל־טוב!

— און מיר אויך! — זיינען צוגעקומען שמערל מיט מאַטלען.

— מזל־טוב! — האָט אויסגעבראָכן אַ ליאַרם.

*

פון יענעם טאָג זיינען אַלע פיר משפחות געוואָרן איין משפחה. און אַלע לעבן צוזאַמען אין גרויסן הויז, מיט שיינע היימען, מיט רייכקייט און אַ פיינעם פיר.

אומגליק און גורל

וואָס באַשערט

.1

ביילע פלעגט אריינריידן אין פייוולען איר ביטער האַרץ מיט אָן אַ שיעור רייד, ווי נאָר זי האָט אים דערזען אַ שיכורן אָדער אַ האַלב־שיכורן. ער פלעגט איר אַלץ זאָגן, אז ביי בויאַרבעט מוז מען טרינקען, אַניט קען מען משוגע ווערן. אָבער ערגער איז געווען, וואָס צוזאַמען מיט די קינדער איז אויך געוואַקסן דער דלות אין הויז.

פייוול האָט זייער גוט פאַרדינט, אָבער ביילען פלעגט ער צוואָרפן בלויז גראָשנס. ער פלעגט פאַרפאַלן ווערן אין שענק אויף גאַנצע נעכט, און דאָרט פאַרברענגען מיט אַלערליי פאַרדעכטיקע פרויען. ביילע פלעגט זיך דאַרפן פאַרנעמען מיטן האַלבן טוץ קינדער און זיי פאַרזאָרגן. אָבער פון די אָרעמע פאָר גילדן האָט קוים געקלעקט אויסצוקאָכן אַ ביסל מאַגערע זופּ מיט אַ שטיקל ברויט, און דאָס אויך קוים צו זאַט.

אז זי האָט געזען, אז פייוול לאָזט זיך ווידער צו דער טיר, איז זי ווידער ארויס מיט כעס און מיט טרערן:

— אוי ווי איז מיר, ווידער שוין! ניט באַוויזן אָנצוואָרעמען די פיס און לאָזט מיר שוין אויף אַ גאַנצע נאַכט אליין, האַ, גזלן, רוצח!

ווען זי פלעגט אים אריינשרייען אין פנים אירע רייד, פלעגט זיך פייוול דערפילן ניט זיכער און בלייבן שטיין אַ שטומער. פלעגט ביילע וויטער ריידן, נאָר כדי אים לענגער אָפּהאַלטן פון גיין, אפשר וועט ער חרטה האָבן, נאָר דאָס האָט זעלטן פאַסירט.

— מיך האָסטו געמאַכט פאַר אַ וויסטע דינסט און דו שאַלייעסט זיך אַרום אין די שענקען, אוצר מיינער... וויפל איז דער שיעור צו זיין פאַרשקלאַפּט ביי אזא מאַנדעליע? פאַר דער חתונה האָסטו מיר צוגעזאָגט, אז ס׳וועט מיר ניט פעלן קיין פויגלמילך, ביסטו טאַקע גערעכט געווען: צרות און הונגער פעלט מיר ניט, נאָר די פויגלמילך איז אויסגערונען. אָרעמקייט און דלות איז אין אונדזער הויז, איז עס אפשר אַ שטראָף פאַר מיר, אָבער די קינדער וואָס זיינען שולדיק? ווייל דיין קאָפּ איז נאָר אין ביטערן טראָפּן און די שמוציקע וויבער

— זיי זיינען בילכער. האַ? וואָס שווייגסטו? וואָס קוקסטו מיר אָן ווי דו וואָלסט מיר זען צום ערשטן מאָל? צען יאָר, צען ביטערע יאָרן איז שוין נאָך אונדזער חתונה און די זעלבע קלייד מיטן זעלבן שלומפּער מיט די צעפּודלטע האָר, האַ? זע וואָס דו האָסט פון מיר געמאַכט? אָבער די עופּעלעך וואָס זיי־נען געבעך שולדיק, האַ? מיין האַרץ פּלאַצט מיר. זאָג, רייד אַ וואָרט!..

— וואָס זאָל איך ריידן, אז דו רעדסט פאַר פייער און פאַר וואַסער און אַלע מאָל מיט די זעלבע טענות. געגנוג שוין מיט דעם. כ׳קען ניט הערן אזוי פיל רייד!

— איך רייד? די צרות ריידן אין מיר. און דו, שטומער גזלן, האָסט גאָר קיין רחמנות ניט, אויב ניט אויף מיר איז אויף דיין אייגן בלוט און פלייש, די קינדערלעך.

— וואָס? דיין טאַטע־מאַמע האָבן דאָך מיר ניט געוואָלט פאַר אַן איידעם, געדענקסט? — שפּרינגט מיט אַ מאָל פּייוול ארויס מיט אַן אַלטע טענה, ווי ער וואָלט וועלן פאַרקערעווען אירע רייד אויף עפּעס אַנדערש. — ס׳האָט זיי ניט געפּאַסט דער שידוך, האַ?

— איצט זע איך אז זיי זיינען געווען קליגער פאַר מיר, איך מיט מיינע אַכצן יאָר האָב עס ניט פאַרשטאַנען. כ׳האָב באמת געמיינט, אז דו וועסט מיר גליקלעך מאַכן.

— און וואָס האָסטו געהאַט ביי דיין טאַטן? ער איז דאָך ניט געווען ראָטשילד!

— כ׳דאַרף ניט קיין ראָטשילד, כ׳דאַרף אַ מאַן וואָס זאָל געדענקען אז ער האָט אַ ווייב מיט זעקס קינדערלעך. ווען דו פאַרטרינקסט ניט דיינע פאַרדינסטן און גיסט עס מיר אַוועק, וואָלטן מיר געהאַט אַ גליקלעך און לייטיש היים, די קינדער וואָלטן געהאַט עסן צו זאַט און אַ בגד אָנצוטאָן, אז כ׳זאָל זיך ניט דאַרפן שעמען אין גאַס זיי ארויסצולאָזן. און אָט רוקט זיך אָן דער ווינטער און עס שרעקט מיך מיין האַרץ: פאַרפראָרענע קינדער, הוסטעניש און פאַר־קילעניש.. נייך, כ׳קען עס מער ניט אויסהאַלטן!

פּייוול האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון אָרט, כאָטש אירע רייד האָבן אים געברענט. ער האָט געפילט ווי שטאַרק געדעכט זי איז, אָבער ער האָט ניט געקענט נאָכגעבן זיין גלוסטעניש, וואָס האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט צום שענק, צום פלעשל ספּירט.

— וויסטו וואָס גאָר? — האָט זי מיט אַ מאָל געזאָגט, — לאָמיר זיך ביטן: איך וועל גיין אַרבעטן און דו וועסט שטיין מיט די קינדער. לאָמיר עס איין מאָל פּרובירן.

— וואָס דיר קען איינפאַלן, ביילע. דו ווערסט גיין אַרבעטן — ניטאָ וועד עס זאָל לאַכן.

— ניט לאַכן דאַרף מען, פייוול, נאָר וויינען דאַרף מען. וויינען אויף אונדזער לעבן.

— און וואָס וועלן מענטשן זאָגן, אַז כ׳וועל פאַרנעמען דיין אָרט אין הויז? מ׳וועט דאָך לאַכן אין די הויפּנס פון מיר: קיין בעסערע אַרבעט ניט געפונען, האָ, ביילע?

פייוול האָט די אַלע שמועסן מיט ביילען געפירט אין גוטן מוט. ער האָט געהאַט אַן אייזערנע געדולד דאָס אַלץ אויסצוהערן, אָבער ער האָט געוווּסט אַז דאָס אַלץ וואָס ביילע זאָגט איז דער ריינער אמת, און ער האָט עס גענומען אויף זיך ווי אַ שטראָף. ער האָט אויך געוווּסט אַז סוף־סוף וועט זיך עס מוזן ענדיקן. ביילע וועט מיד ווערן, אָדער אַרויספּלאַצן אין אַ היסטעריקע, און ער וועט זיך אָפּטראָגן צו זיינע שענק־חברים וואָס וואַרטן שוין אויף אים.

דעם אָוונט האָט דער געשפּרעך געדויערט לענגער ווי אַלע מאָל און ער האָט געקוקט אויפן כריפּענדיקן זייגער אויף דער שמוציקער וואַנט. ביילע האָט באַמערקט זיין אומגעדולדיקן בליק און אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ווילדער קוויטשעריי:

— גיי, גיי שוין! אַרויס פון דאַנען! גיכער, אין שענק! כ׳וויל דיין פּנים ניט זען!..

.2

פייוול איז שוין געווען געוווינט צו די היסטעריקעס. זיי פלעגן אים ניט באַליידיקן, אָבער ביילע האָט געוווּסט אַז דאָס טוט אים ווי און ס׳מאַכט אים בעסער. ווי נאָר זי האָט עס אויפגעפונען, האָט זי אָנגעהויבן אָפּטער אים צו טרייבן פון שטוב מיט אירע גוואַלדן, און ער האָט געזוכט ווי זיך אויסצוקויפן מיט אַ גוט וואָרט צי געלט.

— וויסטו וואָס, ביילע, — האָט ער פּלוצלינג שטיל געזאָגט, — איך האָב ביי זיך אַ פינף־און־צוואַנציקער, וועל איך נעמען פון דעם צען און דיר געבן פופצן, גוט?

ביילע איז מיט אַ מאָל רואיק געבליבן. דאָס איז איר געווען דער בעסטער סימן, אַז ער וויל זיך איבערבעטן און די הויפּטזאַך — אַז ער בעסערט זיך. דאָ ניט לאַנג פלעגט ער נאָך נעמען פאַר זיך די גרעסטע העלפט, און איצט גיט ער אַוועק מער ווי אַ העלפט איר. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש די צווי צע־נערס מיטן פינפער און געזאָגט:

— גלייב מיר,ביילע, מער האָב איך ניט. — ער האָט געקוקט אויף איר מיט געבעט.

זי האָט צוגענומען די פופצן דאָלער און פאַרשטייענדיק וואָס ער מיינט, האָט זי געזאָגט:

— גיי, פּיוול, אָבער קום ניט שפּעט. — איצט זיינען די ווערטער געווען מילד.

פון אָנהאַרעווען זיך איז ביילע שפּעט אין דער נאַכט אַוועקגעפאַלן שלאָפן. פּיוול איז נאָך ניט געווען צוריק. אַ פּאָר מינוט האָט זי נאָך געקוקט דורך דער פאַרכמורעטער שויב און געזען: דער הימל איז שוואַרץ פון שווערע כמאַרעס. אַ שטורעם קומט אָן, האָט זי געטראַכט, און פאַרזונקען אין שלאָף, ווי אַ שטיין.

ארום מיטן נאַכט האָט זי זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט. ווי לאַנג זי איז גע־שלאָפן האָט זי ניט געוווּסט. אין דרויסן האָט דער רעגן געגאָסן עמערווייז. דורך די שפּאַלטן פון טיר־און־פענצטער האָט אַ קאַלטער ווינט אריינגעוואָיעט. און פון הינטער דער טיר האָט די קאַץ געמיאַוקעט. אַ רחמנות אויף דער חיה, האָט זי געטראַכט, אפילו אַ הונט טרייבט מען ניט ארויס אין אַזאַ וועטער.

ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין אריינלאָזן די קאַץ, האָט זי געזען אַז פּיוול איז נאָך ניטאָ. און עפּעס איז איר מיט אַ מאָל באַפאַלן אַ רחמנות אויך אויף פּיוולען: וואָס איז ער ערגער פון אַ קאַץ?

ווי זי האָט געעפנט די טיר, האָט זי באַמערקט אַז די קאַץ שטייט טאַקע לעבן פּיוולען, וואָס ליגט אויסגעצויגן ביי דער נאַסער שוועל און איז אין גאַנצן דורכגעווייקט ווי אַ זאַק. די קאַץ איז גיך אריינגעשפּרונגען אין שטוב, נאָר פּיוול איז געלעגן און געקרעכצט.

זי האָט אויף גיך אָנגעצונדן אַ לעמפּל און אים אריינגעפירט ווי אַ קראַנקן אין שטוב. ער האָט זיך געוואַקלט, אָבער ניט פון שיכרות. דער רעגן האָט אים שוין געהאַט אין גאַנצן אויסגעניכטערט. איצט האָט ער דערפילט אַ קעלט אין די ביינער. ביילע האָט אויפגעקאָכט וואַסער און אים צוגעטראָגן אַ הייסע גלאָז טיי.

— אַ דאַנק, ביילע! — האָט פּיוול געזאָגט.

ביילע האָט געפילט ווי זיין קול ציטערט. איבער איר לייב איז דורכגעלאָפן אַ וואַרעמע כוואַליע און זי האָט געזאָגט:

— טו אויס די נאַסע קליידער און וואַרף אַוועק אין ווינקל, און טו אָן וואַרעמע וועש. — דאָ האָסטו אַ פּאָר! אַניט וועסטו חלילה קראַנק ווערן...

ער האָט איר אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע טרויעריקע אויגן. און מיט אַ מאָל האָט פּאַסירט אַ זאַך, וואָס האָט זי אין גאַנצן צעטרייסלט. פּיוולס אויגן

זייגען געוואָרן גלאַנציק און פול און אויף זיינע באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן טרערן, גרויסע, קיילעכדיקע, ליכטיקע טראָפּנס.

צום ערשטן מאָל זינט זייער חתונה זעט זי אים וויינען, דעם שטאַרקן מע־נערישן פּיוולען, וואָס קען אויסטרינקען אַ האַלבע פלאַש שנאַפּס מיט איין זופּ, ווי מ׳טרינקט וואַסער. און ס׳האָט ביילען פאַרקלעמט דאָס האַרץ. זי איז צו־געגאַנגען אַ טריט נענטער צו אים, געוואָלט אים אַ גלעט טאָן און טרייסטן, נאָר מיט די לעצטע כוחות זיך איינגעהאַלטן. ס׳האָט געדויערט אַ רעכטע ווילע ביז פּיוול האָט זיך באַהערשט. דאַן האָט ער געזאָגט:

— ביילינקע, דו ביסט געווען גערעכט, און היינטיקע נאַכט בין איך גע־קומען צום פאַרשטאַנד. כ׳וואונדער זיך נאָר אז דו האָסט אזוי לאַנג פון מיר אויסגעהאַלטן. ביסט אַ גוטע מאַמע און אַ גוטע ווייב. און פון היינט אָן וועל איך אָנהייבן אַ ניי לעבן.

— איך וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד, — האָט ביילע שטיל גערעדט, — גאָט אליין האָט אין דער ריכטיקער מינוט אריינגעגעבן אַ גוטן געדאַנק אין דיין קאָפּ. כ׳האָב שוין געהאַט באַשלאָסן מאָרגן אַוועקצוגיין צו מיין מאַמען, לאָזן ביי איר די קינדער און אליין גיין אַרבעטן. כ׳האָב שוין מער ניט געקענט לעבן דעם היינטישן לעבן...

— און ווו וואָלסטו מיר געלאָזן? — האָט ער געפרעגט און זי אַ גלעט געטאָן.

— איך וואָלט דיר געגעבן אַ גט... — האָט זי שאַרף געענטפערט.

די ניט אויסגעטריקנטע אויגן זיינען ווידער נאַש געוואָרן. ס׳האָט ווידער געדויערט אַ ווילע ביז ער האָט באַהערשט זיינע געפילן. ער האָט זי ארומ־גענומען און געזאָגט:

— ביילינקע, כ׳וואָלט עס ווערט געווען, ווייל כ׳האָב געפירט אַ זינדיק לעבן. אָבער כ׳האָב זיך געגעבן אַ נדר: מער גיי איך דאָרט ניט און כ׳טרעף זיך מער ניט מיט די שלעכטע פריינד. מיר וועלן קויפן אַ שטוב — אַ ליכטיקע און אַ וואַרעמע, ווו קיין רעגן וועט ניט אריינגיין. כ׳וועל דיר אוועקגעבן גאָר מיינע פאַרדינסטן און דו וועסט זאָרגן פאַר אונדז — פאַר די קינדער און מיר. יע, ביילינקע. און קיין גט וועסטו מיר ניט געבן, האַ? ניין... ניין... — האָט ער געכליפּעט אויף איר ברוסט.

זי האָט אים געגלעט זיין קאָפּ און געמורמלט דעם איין וואָרט:

— פּיוול... פּיוול...

אַ ווילע שפּעטער האָט ער געזאָגט:

— אזוי איז מסתמא געווען באַשערט, ביילע.

עס וועט זיין גוט

— איר האָט געהערט די נייעס, כאַסע?

— זאָל חלילה ניט זיין קיין שלעכטע נייעס, וואָלט איך עס וועלן הערן.

— נייך, כאַסע, ניט קיין שלעכטע, נאָר גוטע נייעס, גוטע.

— אַבי גוטע נייעס, וויכנע. נו, וואָלט איך עס שוין וועלן הערן.

— איז אָט האָט איר עס: זלאַטקע דעם וואַסערטרעגערס איניקל איז געוואָרן אַ כלה.

— אוי, וויכנע, איר צערייצט מיין אַפּעטיט. כ׳וויל אַלץ וויסן. נו, דערציילט.

— וואָס איז דאָ נאָך צו דערציילן? זי וועט באַלד גיין חתונה האָבן.

— זייט איר זיכער אַז די נייעס איז ריכטיקע, וויכנע?

— וואָס מיינט איר זיכער, כאַסע? אזעלכע זאַכן טראַכט מען ניט אויס.

— איז ווער האָט עס געזאָגט, וויכנע?

— אַנו, טרעפט טאַקע ווער האָט עס מיר געקענט דערציילן

— איר ווייסט דאָך דעם אמת, וויכנע, אַז כ׳בין ניט קיין טרעפערקע, נאָר כ׳וואָלט וועלן וויסן.

— האָט עס מיר טאַקע דערציילט דער זיידע אַליין, דער וואַסער־טרעגער.

— איז אויב אזוי, איז עס ריכטיק. נו, ער מוז זיין זייער גליקלעך.

— וואָס רעדט איר גליקלעך? ווען מ׳רעדט מיט אים, פילט מען זיין גרויסע פרייד.

— און וועגן דער באָבען איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, אַ קליייניקייט חתונה מאַכן אַן אייניקל!

— און פאַרגעסט ניט, כאַסע, אַז זיי האָבן ניט קיין נדן און ניט קיין אויסשטייער.

— איז עס טאַקע דער אמתער גליק. און זלאַטקע איז ביי זיי מער ווי אַן אייניקל.

— איר דאַרפט מיר ניט דערציילן. זי איז ווי אַן אייגן קינד. זי רופט זיי טאַטע־מאַמע.

— איר געדענקט דאָך װאָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, װען איר מאַמע איז געשטאָרבן אין קימפּעט.

— נו, ס׳איז דאָך געװען זײַער אײנציקע טאָכטער, איז קײן װוּנדער ניט, אז דער װאַסער־טרעגער מיט זײַן װײַב האָבן אײַנגעלײגט װעלטן.

— און נאָך דעם דער אומגליק, איר געדענקט, װי דער מאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

— ער האָט איר אזױ ליב געהאַט, װיכנע, אז ער האָט ניט געקענט לעבן אָן איר.

— איז זלאַטקע טאַקע פאַרבליבן זײַער אײנציקע טרײסט.

— זי האָט אפילו קײן מאָל ניט געפילט, אז זי איז אַ קײלעכדיקע יתומהלע.

— זי װײסט אז זײ זײַנען זײדע און באָבע, אָבער זי האָט זײ האַלט װי טאַטע־מאַמע.

— ס׳איז איר דאָך גוט װי די װעלט, זלאַטקען.

— זײ װעלן בעסער אלײן הונגערן, נאָר איר זאָל ניט פעלן.

— װאָס רעדט איר, ס׳פעלט איר דאָך ניט פון פױגלמילך.

— איצט זע איך אז איר װײסט דעם אמת, כאַסע, כאָטש אַנדערע טראַכטן אז ס׳איז ניט אזױ.

— איר װײסט דאָך אָבער בעסער פון אַלעמען, װיכנע.

— צי איך װײס ? זײַערע פענצטער קומען ארױס פּונקט אַנטקעגן אונדזער הײזקע.

— זײַט איר דאָך עפּעס נאָנטע שכנים און איר הערט אַלע נײַעס.

— װאָס מײנט איר נאָנטע שכנים, כאַסע ? ס׳איז בלױז אַ שפּאַן און מען איז כסדר אײנע בײַ די אַנדערע. זע איך אַלץ און זײ דערצײלן מיר אַלץ.

— איך האָב געהערט אז זלאַטקע איז זײַער גוט צו זײ, זי פאַרלױפט זײ דעם װעג.

— און זינט זי פאַרדינט, גיט זי זײ אַװעק יעדן גראָשן, זײ זאָלן גרינגער לעבן.

— איז גוט צו הערן אזעלכע נײַעס. אַלע װײסן אז זי איז אַ טײַערע מײדל.

— זי איז אַ געראָטענע, זלאַטקע. און אַ פאַרשױן אױך דערצו. זי איז װערט אַ גוטן חתן.

— איז װער איז ער טאַקע איר חתן ?

— פרעגט ניט, כאַסע, שױן אײנמאָל אַ בחורל ! ראָטשילדס אַן אײניקל — שײן און רײַך און מיט אַלע זיבן גליקן...

— כ׳װעל אײַך זאָגן דעם אמת, װיכנע, אז איך קוק זלאַטקען אין פּנים,

טראַכט איך, אַז פרינץ טשאַרלס וואָלט זיך אויך פאַרליבט אין איר, ווען ער זעט איר.

— איז נאָך איין נס וואָס ער זעט איר ניט און זיי קענען זיך ניט.

— הערט זיך אויף חכמהנען, וויכנע. ניט ראָטשילדן און ניט פרינץ טשאַרלס וועט אָנשטיין דער ייחוס פון דעם וואַסער־טרעגער.

— איך חכמע זיך ניט, כאַסע. איך בייט ניט אויס דעם וואַסער־טרעגערס אייניקל אויף זיי מיט זייערע אַלע פּאַלאַצן.

— נו, אַבי עס זאָל איר גוט זיין, זי איז עס ווערט.

— און דער נחת פון זיידע־באָבע! איר קענט זיך עס פאָרשטעלן? זיי זיינען עס אויך ווערט.

— אוודאי זיינען זיי עס ווערט. וועגן אַלטן גייען דאָך אַרום לעגענדעס.

— איר מיינט וואָס ער איז אוועקגעפאָרן אַלס יונגער ייִנגל קיין אַמעריקע.

— מ'דערציילט אפילו אַז ער האָט דאָרטן שטודירט אויף דאָקטער.

— ער האָט מיר אַליין אַלץ דערציילט. ווי רייך זיינע עלטערן זיינען דאָרט געווען. זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע פאַבריק, און איין נאַכט איז געקומען אַ פייער און אַלץ פאַרברענט, ביז צום גרונט. און זיי זיינען ניט געווען פאַר־סטראַכירט. די מאַמע איז שוין געווען טויט, און דער טאַטע האָט געקראָגן פון פאַרדרוס אַ האַרצשלאַק און געשטאָרבן.

— נו, און וואָס האָט דאַן פאַסירט, וויכנע? ווי קומט דער וואַסער־טרע־גער אַהער?

— איז הער וואָס עס האָט פאַסירט. ער איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, שטודירט אין אוניוועַרסיטעט. נאָר איר ווייסט דאָך יענע יאָרן, און מיט אַ מאָל געבליבן עלנט און אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, האָבן זיך אונטערגעמאַכט מענטשן וואָס זיינען צוריק געפאָרן קיין פוילן און האָבן אים מיטגענומען. ער איז געווען הונגעריק און קיין אַרבעט האָט ער ניט געקראָגן, האָט ער גענומען טראָגן וואַסער אין די הייזער, העלפן די באַלעבאָסטעס, און פון דעמאָלט איז ער פאַרבליבן אַ וואַסער־טרעגער.

— אַ מאָדנע מעשה, לאָזט זיך כמעט ניט גלויבן, וויכנע.

— זיפצט ניט, כאַסע, אין לעבן פאַסירן נאָך ערגערע זאַכן, מ'זאָל דערפון ניט וויסן.

— איז ער טאַקע אַ קנאַפּער גביר, דער וואַסער־טרעגער. ס'איז אַ שווערע פרנסה.

— און ער טוט עס אַלץ פאַר זלאָטקען, כאַסע. זיידע־באָבע לייגן פאַר איר דעם לעבן.

—און מ׳זאָגט, װיכנע, אז זלאַטקע לייענט אַ סך ביכער, גרויסע ביכער, אזעלכע ראָמאַנען. װער האָט עס איר אַלץ אויסגעלערנט.

— ער טאַקע, דער זיידע. קיין זאַך איז אים ניט צו שווער פאַר איר. ער האָט דאָך אַ מאָל שטודירט, קען ער אַלץ. וואָלט ער געלערנט, וואָלט ער גע־וואָרן אַ דאָקטער, האָט ער זיך גענומען צום טראָגן וואַסער, איז ער געבליבן אַ וואַסער־טרעגער.

— און זיין ווייב וואָלט געפאַסט צו זיין אַ דאָקטאָרשע. זי איז אזא שיינע, נאָך איצט.

דער אַלטער דערציילט, אז ער האָט איר געטראָפן אין אַ גרעסערער שטאָט און האָט זיך גלייך אין איר פאַרליבט. נאָך דעם פלעגט ער זי נעמען אפילו אין קינאָ, אין טעאַטער און אַלע פלעגן באַוווּנדערן איר שיינקייט. נאָר שיינעלע, זייער טאָכטער, זאָגט ער, איז געווען נאָך שענער פון דער מאַמען. אַ סימן האָט איר, זאָגט ער, אז איר מאַן, זלאַטקעס טאַטע, האָט זיך אומגעבראַכט צוליב איר. און מיר דאַכט, אז זלאַטקע איז שענער פון זייביידן.

— אָבער, וויכנע, איר פאַררעדט מיר די רייד, איך האָב אייך דאָך געפרעגט ווער איז דער חתן?

— אָ, יע, גאָר פאַרגעסן. דער חתן איז אַן אויסנאָם — זעליק דעם זייגער־מאַכערס זון.

— דאָס איז דאָך אַ גליק־זאַך! זיי זיינען פאַרמעגלעכע מענטשן, וויכנע.

— און זלאַטקע וועט האָבן אַ שיינע היים. זיי נעמען זיי אריין אויף פינף יאָר קעסט.

— אזוי גאָר! אויב אזוי וועט איר גאָרניט פעלן, זלאַטקען. זי האָט אַ גוטן מזל.

— וואָס רעדט איר, זעליקס ווייב, ברײַנע, האָט אַ האָרץ פון גאָלד. ווען מיר ביידע פאַרמאָגן דאָס וויפל צדקה זי צעטיילט אַ יאָר.

— טאָ זאָל זיי טאַקע גאָט העלפן דערפאַר.

— איז אויב זי איז אזוי גוט צו פרעמדע, וועט זי דאָך פאַר די אייגענע קינדער אַלץ אוועקגעבן.

— נו, אַבי איר האָט מיר אָנגעזאָגט די גוטע נייעס, וויכנע.

— וועלן מיר האָבן אַ פריילעכע חתונה, כאַסע, און מ׳וועט הוליען. זיי זיינען אַ צוגעפּאַסטע פאָר אויף לאַנגע יאָר.

— איר מיינט אז מיר וועט מען אויך בעטן, וויכנע?

— וואָס זייט איר ערגער פון אַנדערע? מ׳וועט אונדז אַלעמען בעטן.

— מיינט איר, וויכנע, אז זיי וועלן מאַכן אַ חתונה מיט אַלע פּיטשעווקעס?

— זייט ניט קיין נאַר, כאַסע, גבירים מאַכן ניט קיין גרויסע חתונות.

— טאָ זאָל זיין אַ קליינע חתונה, אַבי עס זאָל זיין פריילעך.

— זיכער וועט זיין פריילעך! און דער וואַסער־טרעגער מיט זיין ווייב האָבן עס זיך פאַרדינט.

— אז אַן אָרעמע מיידל האָט חתונה פאַר אַ רייכן בחורל, וועט זיי זיין גוט.

— אוודאי וועט זיי זיין גוט, כאַסע. אונדז אלעמען וועט זיין גוט.

— ס'איז געווען גוט צו הערן גוטע נייעס, וויכנע. און עס וועט זיין גוט. אַ גוטן.

— עס וועט זיין גוט, כאַסע. אַ גוטן טאָג.

די אָרעמע פרוי און איר קינד

אין אָרלאַנדאָ לאָקיישן האָט געלעבט זייער אַן אָרעמע שוואַרצע פרוי מיט איר קליין קינד — אַ מיידעלע פון אַנדערטהאַלבן יאָר אַלט. די קיילעכיקע ליים־צונויפגעקלעפּטע הייזקע, אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן, האָט זי געקראָגן צו דינגען און יעדן חודש פלעגט קומען דער באַלעבאָס איינקאַסירן דירה־געלט. זי האָט קיינעם ניט געקענט און ניט געהאַט קרובים אָדער פריינד.

ניט ווייט איז געשטאַנען אַ בלעכענע הייזקע פון צוויי צימערלעך, אָבער זי האָט אפילו דעם שכן ניט געקענט, ווייל זי פלעגט יעדן טאָג זייער פרי ארויס־פאָרן מיט דער באַן צו דער אַרבעט. זי האָט געאַרבעט אין שטאָט ביים וואַשן וועש, צו פאַרדינען פאַר זיך און אויסצוהאַלטן דאָס קינד.

ווינטער פלעגט זי ארויספאָרן, ווען ס׳איז נאָך געווען שטאַרק פינצטער און קאַלט. צוריק פלעגט זי קומען אַ שטיק אין דער נאַכט, ווייל די טעג זיינען גע־ווען קורץ. זומער, צוליב די לענגערע טעג, איז עס געווען בעסער. די וואַרעמע לופט האָט ארייגעשטראָמט דורכן קליינעם פענצטערל, אין דער הייך, איז עס געווען גוט. אָבער סיי ווינטער און סיי זומער איז זי געווען צופרידן, וואָס זי מיטן קינד האָבן כאָטש אַ דאַך איבערן קאָפּ.

אין דער הייזקע איז געשטאַנען אַ פאַרראָסט אייזן־בעטל, איבערגעצויגן מיט אַ פּאָר לעכערדיקע טונקעלע טיכער, וואָס מיט זיי פלעגט זי זיך פאַרדעקן בעתן שלאָף. דערביי איז געווען אַ קליין טישל, אויפגעקלאַפּט פון רויע ברעטלעך, און צוויי הילצערנע פּרוכטקעסטלעך אַנשטאָט בענקלעך. הינטערן בעטל איז גע־שטאַנען אַ פּרימוס־מאַשינקע מיט אַ פאַררויכערט נאַפּטלעמפּל. דאָס איז געווען די גאַנצע ווירטשאַפט.

גאָר באַגינען, פאַרן ארויסגיין צו דער אַרבעט, פלעגט זי די טיכער פון איר בעטל אַוועקלייגן אויף דער קאַלטער און פייכטער ערדענער פאַדלאָגע. אויף דעם פלעגט זי אַוועקשטעלן אַ פלעשל פאַרזיסט וואַסער און אַ טעפל מיט מאַ־גערע מילימעל־קאַשע. אויך אַ שטיקל טרוקן ברויט פלעגט זי צולייגן, אַז דאָס קינד זאָל האָבן וואָס צו גריזשען. זי פלעגט דאָס קינד אַוועקלייגן אַ שלאָפנדיק אויף דער ערד און אים איבערלאָזן דעם גאַנצן טאָג אליין.

דאָס קינד פלעגט ליגן און זיך שפּייזן, ווי אַ חיהלע אין אַ נאָרע. ער האָט מורא געהאַט זיך אוועקצושאַרן אַ טריט ווייטער ווי די שמאַטע אויף וועלכער ער איז געלעגן. זומער איז עס נאָך געווען צו דערליידן, ווייל די וואַרעמקייט האָט אים אַ ביסל אויפגעהאַלטן ביי די כוחות, פלעגט ער איינדרימלען, שלאָפן אַ פּאָר שעה און פלעגט אפילו אַלץ אויפעסן. אָבער ווינטער, ווען די מאַמע פלעגט קומען איז שוין געווען גוט פינצטער, און דאָס קינד פלעגט זיין נאַס, פאַרפראָרן און מיט זיינע געשרייען פלעגט ער איינרייסן וועלטן, און א הוסט האָט אים שטענדיק געשטיקט — סיי זומער, און נאָך מער ווינטער.

דאָס קינד איז געבאָרן געוואָרן נאָרמאַל, נאָר פון ניט ריכטיקן עסן, פון וויניק לופט, פון שמוץ און קעלט, האָט עס געקראָגן דעם אויסזען פון אַ פּאָר־זעניש. ס'האָט געהאַט א גרויסן קאָפּ, אויסגעסטאַרטשעטע אויגן און לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע אויערן, ווי אַ פּאָר פוסטע זעקלעך. די הענטלעך זיינען גע־ווען דין און קורץ און קליין, און די פיס געשוואָלן און גרויס, ווי קלעצלעך, און דער בויך אויפגעבלאָזן, ווי אַ באַלאָן. גיין האָט זי ניט געקענט, נאָר איז גע־קראָכן אויף אַלע פיר, ווי אַ קראַנק קעצעלע. און אז זי האָט געוויינט האָט זיך באַקומען אַ מאָדנער קלאַנג, ניט ווי ביי אַ מענטשלעך קינד.

איר מאַמע האָט זי אָבער זייער ליב געהאַט. זי פלעגט קוקן אויף איר און ניט אויפהערן וויינען און בעטן גאָט, אז ער זאָל זיך דערבאַרעמען און העלפן איר קינד. זעלטן ווען האָט זיך די מאַמע געקענט פאַרגינען אָפּשפּאָרן אויף אַ טראָפּן מילך, אויף אַ קליין טאָמאַטעלע, אָבער קויפן פּוטער און פרוכט האָט זי אין גאַנצן ניט געהאַט ווי. דאָס גאַנצע געלט וואָס זי האָט פאַרדינט, איז איר אַוועק אויף פאַרענישן מיט דער באַן, אויף נאַפּט פאַרן לעמפּל און אַ טאַרבע מילימעל. די לעצטע פּעניס פלעגט זי אוועקגעבן דעם שוואַרצן מאַן, וואָס האָט איר פאַרדונגען דאָס הייזקע. פון אזא עסן איז דאָס קינד געוואָרן הויט און ביי־נער. דאָס הויט פלעגט זיך דורכזען געל און העסלעך.

איין פרימאָרגן, ווען די פרוי האָט איבערגעלאָזן איר קינד אזוי ווי אַלע טאָג, איז איר האַרץ געווען זייער אומרואיק. דער גרויסער ווינט, וואָס האָט גע־קלאַפּט און געריסן די בלעכענע דעכער אַ גאַנצע נאַכט, האָט פאַרויסגעזאָגט אַ גוואַלדיקן שטורעם. דער הימל איז געווען צוגעדעקט מיט שוואַרצע כמאַרעס און געהאָנגען אַ פינצטערער, נאָענט צו דער ערד.

ווען די פרוי איז געקומען צו דער אַרבעט, האָט דער שטורעם זיך צעיושעט און אַ שלאַקסרעגן האָט אָנגעהויבן גיסן, ווי פון עמערס. האָט זי געבעטן גאָט, אז עס זאָל נאָר ניט ברענגען שלעכטס איר קינד. זי האָט זיך ניט געקענט דער־וואַרטן דער טאָג זאָל אריבער. אָבער וואָס נענטער ס'איז געקומען צום אָונט,

איז דער שטורעם אַלץ גרעסער געוואָרן און ס׳האָט זיך געדוכט אז ער וועט צעטראָגן די גאַנצע שטאָט.

די דונערן און בליצן האָבן געטרייסלט די הייזקע, ווו דאָס קינד איז גע־לעגן. פאַר שרעק האָט ער זיך אויסגעשריען און אויסגעהוסט די לונגען. פלוצ־לינג האָט אַ דונער אריינגעשלאָגן דורכן אייבערשטן פענצטערל און אומגעקערט דאָס לעמפל און דער בליץ האָט גלייך אָנגעצונדן די אויסגעגאָסענע נאַפט. צו־ליבן גרויסן רעגן האָבן זיך ניט געהערט די געשרייען פון מיידעלע. דאָס פייער האָט שוין אָנגעהויבן דערקריכן צו די שמאַטעס אויף וועלכע דאָס קינד איז געלעגן. זי האָט אָנגעהויבן אַוועקקריכן צו דער טיר.

אָבער אין דער רגע האָט פּאַסירט אַ נס: דער שכן, וואָס אַרבעט ווי אַ נאַכטוועכטער אין אַ פאַבריק, איז ארויסגעקראָכן פון זיין שטיבל, און דערזען ווי אַ פייער שלאָגט ארויס דורכן אייבערשטן פענצטערל, איז ער צוגעלאָפן צו דער טיר און געהערט ווי אַ קינד שרייט. מיט איין קלאַפּ מיט דער פּלייצע איז ער שוין געווען אין דער דורכגעבראָכענער טיר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד און געזען ווי די פלאַמען רייסן זיך און קלעטערן אויף די ווענט. נאָך אַ מינוט וואָלט עס ארומגעכאַפּט דעם קינד. צו לעשן איז געווען צו שפּעט.

ער איז מיטן קינד אריינגעלאָפן צו זיך און ס׳האָט אַ ביסל געדויערט ביז ער האָט עס באַרואיקט. אז ער איז צוריק ארויס זיינען די ליימיקע ווענטלעך געווען איינגעפאַלן און אַלץ פאַרברענט. דער שטורעם האָט נאָך געבושעוועט, נאָר די פינצטערניש האָט שוין אַלץ צוגעדעקט, ווי ס׳וואָלט גאָר ניט געשען.

ער איז צוריק אריין אין זיין בלעכן הייזל און געמאַכט אַ ביסל וואַרעמע זיסע מילך פאַרן קינד. זי האָט עס אויסגעזופּט מיט איין אָטעם. איצט האָט ער באַשלאָסן, אז צוליבן קינד וועט ער שוין צו דער אַרבעט ניט גיין. אין פאַבריק זיינען דאָ צוויי וועכטער, ווייל עס פּאַסירט אַ מאָל אז איינער קען ניט קומען. וועט ער היינט זיין דער איינער. ער האָט זי גוט איינגעדעקט, אין זיין אייגע־נער בעט, און דאָס קינד האָט מאָדנע דאַנקבאַר געקוקט אויף אים מיט גרויסע גלאָזיקע אויגן. ער האָט צוגעברומט אַ לידל און זי איז איינגעשלאָפן.

אָן אַן אָטעם איז די פרוי געקומען צולויפן פון דער באַן. זי האָט געטאַפּט אין דער פינצטער און געשפּרייזט אין דער טיפער בלאָטע פון לאָקיישן. זי האָט נאָך געפילט אין אירע אָרעמס און אויף די פּלייצעס דעם שווערן טאָג אַרבעט. אָבער די שרעק איז געווען גרעסער ווי איר מידקייט. אָבער נאָך גרעסער איז אויסגעוואַקסן די שרעק, ווען זי האָט ניט געקענט געפינען איר הייזקע מיטן קינד. זי האָט געוואָסט דעם פּלאַץ און געטאַפּט מיט די הענט אין

דער נאַסקייט. זי האָט דערפילט דעם הייסן אַש פון די פאַרברענטע שמאַטעס און אָנגעהויבן שרייען מיט משוגענע קולות:

—גוואַלד! גוואַלד, מענטשן מיין קינד איז פאַרברענט געוואָרן! — זי האָט געוויינט און געיאָמערט. דער שטורעם, וואָס האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט אוועקגעטראָגן אירע געשרייען. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, אין דער נעץ, און געקלאָגט:

— דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב פאַרמאָגט, אַלץ! אַלץ! איצט האָב איך שוין גאָר ניט!

איר האָט איצט ניט געאַרט ניט די פאַרמאַטערטקייט, ניט די קעלט און ניט דער הונגער. זי האָט קיין זאַך ניט געוואָלט און קיינעם מער ניט געזוכט. זי האָט נאָר ביטער געשלוכצט און געהאַט טענות צו גאָט, וואָס האָט צוגענומען פון איר אַלץ.

דער שכן האָט פאַרשטאַנען, אז די פרוי פון קינד דאַרף יעדן מאָמענט קורמען. ער איז ארויס אַ קוק טאָן און דערהערט אירע געוויינען. ער האָט שוין ניט געדאַרפט פרעגן וואָס האָט איר געטראָפן. אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר איז אים געווען קלאָר. ער האָט זיך צוגעבויגן און איר געהאָלפן זיך אויפהייבן, און האָט איר אַלץ דערקלערט:

— באַרואיקט זיך. דאָס קינד איז געראַטעוועט, כ׳האָב עס אריינגענומען צו מיר אין הויז. איך פאַרשטיי אז דאָס איז אייער מיידעלע?

— יע, דאָס איז מיין קינד! — האָט די מאַמע אויסגעשריען אַ דערפרייטע.

— איז קומט צו מיר, וועט איר זי זען. און ס׳איז בעסער אז אזוי האָט פאַסירט. אַ הויז קען מען אָפּבויען, אָבער אַ קינד לעבעדיק מאַכן קען מען ניט.

— ס׳איז ניט געווען מיין הויז, כ׳האָב עס געדונגען. — האָט זי געזאָגט אריינגייענדיק צו אים. זי האָט דערזען ווי איר קינד שלאָפט, איינגעטוליעט אין די וואַרעמע קאָלדרעס, און פון גרויס גליק האָבן אָנגעהויבן רינען טרערן פון אירע אויגן. מיט אַלע כוחות האָט זי זיך איינגעהאַלטן ניט צוצופאַלן צום קינד און אים צעקושן.

— איך ווייס ניט מיט וואָס כ׳קען אייך פאַר דעם באַדאַנקען? — האָט זי געזאָגט. — אָבער איך קען אייך דאָך ניט אָנוואַרפן מיין קינד, און אליין האָב איך אויך ניט ווו צו זיין, ווייל חוץ מיין קינד האָב איך קיינעם ניט. די פרוי האָט זיך אַראָפּגעריסן פון האַרצן און געקלאָגט: — וואָס וועל איך איצט טאָן? ווו וועל איך איבערלאָזן מיין קינד? איך מוז גיין צו דער אַרבעט, און איך פאַרדין ווייניק, אז כ׳זאָל קענען צאָלן טייערע דירה־געלט.

דער מאַן איז געשטאַנען און זי באַטראַכט און געזען, אז זי איז נאָך גאַנץ

יונג און שיין. ער האָט איר אָבער קיין זאַך ניט געפרעגט, ניט פון וועמען דאָס קינד איז און ניט פון וואַנען זי קומט. אז זי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער שטיל געזאָגט:

— זאָרג זיך ניט. דו קענסט זיין ביי מיר. איך האָב צוויי צימערלעך און דורך די נעכט איז דאָ במילא קיינער ניטאָ. איך בין אַ נאַכטוועכטער אין אַ פאַבריק און שלאָף ביי טאָג, וועל איך שוין פאַר איינס אכטונג געבן אויפן קינד.

— זי איז געוווינט צו זיין אליין און מ׳דאַרף אויף איר ניט אכטונג געבן. אָבער איך וויל ניט אומזיסט, איך וועל צאָלן וויפל איך קען. דו האָסט שוין פאַר מיר סיי ווי צו פיל געטאָן, — איז זי אריבערגעגאַנגען אויף דו, ווייל ער האָט איר אויך געזאָגט דו, און זי האָט עס געפילט ווי פריינדשאַפט און דאַנק צו אים.

— ניין, וועסט מיר ניט דאַרפן צאָלן, — האָט דער מאַן געזאָגט, — איך בין ניט פאַרהייראַט און האָב קיינעם ניט, ווי דו. כ׳פאַרדין גענוג און שפּאָר נאָך אפילו אָפּ אַ פּאָר פונט.

— וועל איך טאָן פאַר דיר די שטוביקע אַרבעט: קאָכן, וואַשן און וואָס דו ווילסט!

— און מיר וועלן אַלע דריי זיין צופרידן. — האָט ער פאַרענדיקט אירע רייד.

*

זי איז ביי אים געבליבן. טעג זיינען געגאַנגען און וואָכן. זי האָט באַמערקט אז מיט יעדער וואָך בעסערט זיך דאָס געזונט פון קינד. פון דער וואָרעמקייט און דאָס בעסערע עסן הוסט זי וויניקער. ס׳גייען אָפּ די געשוואָלענע פיסלעך. די אייגעלעך קריגן אַ מענטשלעכן גלאַנץ. און איין טאָג האָט זי זיך אליין אויפגעשטעלט, זיך אָנגעהאַלטן אָן בעט, בענקלעך און אָן די ווענט און גע־פּרווּוט שטעלן אַ טריט. ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן ארומגיין. דער מאַן האָט זי ליב געהאַט, זיך מיט איר געשפּילט און איר געקויפט צאַצקעס. פלעגט ביי טאָג איר ארויסנעמען פון דער ענגשאַפט אין דער לופט. ער האָט איר אפילו געבראַכט אַ קליידעלע מיט אונטערוועש.

איין טאָג, ווען די מאַמע איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי אים גע־פונען, אז ער וואַרט שוין אויף איר. ער האָט שוין געהאַט געמאַכט אַלע שטו־ביקע אַרבעט און אפילו געלייגט דאָס קינד שלאָפן. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע פלאַש ביר און צוויי גלעזער. זי האָט זיך ארומגעקוקט, פאַרשטאַנען זיין מיין און אַ שמייכל געטאָן.

— האָסט געטאָן מיינע אַרבעט היינט, אָבער לעצטנס רו איך זיך אָפּ. ס׳איז וואַרעם און איך בין ניט פאַרמאַטערט, ווי איך פלעג זיין פריער.

— אַלץ איינס איז שווער אי צו אַרבעטן פאַר יענעם און אי אויפצופּאַסן די אייגענע הויז. און דו געפעלסט מיר זייער שטאַרק, און צום קינד האָב איך זיך אויך צוגעוווינט, ווי עס וואָלט געווען מיין אייגן קינד, וויל איך מיט דיר חתונה האָבן און דו וועסט מער ניט דאַרפן גיין אַרבעטן. כ׳האָב גענוג געלט אויס־צוהאַלטן אַ ווייב מיט אַ קינד.

די אָרעמע מאַמע האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן פון גליק. געדאַנקט אים, ווייל ער וויל זיין אַ גוטער מאַן פאר איר און אַ טאַטע פאַרן קינד.

— פאַרגעס אַלע שלעכטע צייטן. פון הונגער און קעלט וועסטו מיטן קינד ביי מיר ניט ליידן.

און זיי האָבן אָפּגעגעסן צו זאַט און פאַרטרונקען מיט ביר. און זי האָט גע־דאַנקט גאָט וואָס האָט איר אויסגעלייזט פון די ליידן פון אָרעמקייט.

דער אומבאַקאַנטער

.1

שוין צוויי יאָר לערן איך אין אַ לערער־סעמינאַר און פֿאַר די גאַנצע צוויי יאָר בין איך אין אַן אַפּאַרטמענט פֿאַר זיך. איך קום פֿון אַן אַנדער שטאָט און וויל זיך ניט מישן מיט די היגע סטודענטן. אַליין איז מיר רויִק דער קאָפּ און כ׳דאַרף ניט נאָכקומען יענעמס קאַפּריזן: ווען איך וויל שלאָפֿן וויל יענער גאָר לייענען, צי ער האָט גאָר פֿאַרגעסן דעם שליסל און וועקט מיר אין מיטן שלאָף אים צו עפֿענען. די שכנים זײַנען שטילע, מ׳זעט זיי כּמעט ניט, און דער אויטאָבוס גייט רעגולער.

דעם אַפּאַרטמענט האָט מיר איבערגעגעבן אַ רײַכער סטודענט, וואָס איז געפֿאָרן אין אויסלאַנד שטודירן. האָט דער אַפּאַרטמענט אַ טעלעפֿאָן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און אַפֿילו צוויי אַרײַנגענג — אַ פֿאָדערשטן און אַ הינטערשטן.

די אַלע פּרטים דערצייל איך צוליב עפּעס אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר דאָ ניט לאַנג, און כ׳דאַרף דאַנקען גאָט וואָס איך בין אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק.

וואַרטנדיק אויפֿן אויטאָבוס צו פֿאָרן צו זיך אַהיים, האָט מיך אַ שטיל קול פּלוצלינג אַרויסגעריסן פֿון מײַן פֿאַרטראַכטקייט. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ הייכער מאַן, וואָס האָט העפֿלעך מיר געבעטן אַז כ׳זאָל אים מיט עפּעס אַרויסהעלפֿן, ווײַל ער האָט ניט ווי צו פֿאָרן אַהיים.

פֿאַר וואָס דער מאַן איז דווקא צוגעגאַנגען צו מיר, ווען אַרום זײַנען געשטאַנען נאָך מענטשן, האָב איך ניט געקענט באַגרײַפֿן. ס׳איז מסתּמא נאָר אַ צופֿאַל, האָב איך געטראַכט. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ שטילער איידלקייט, וואָס האָט ניט אָנגעדייט אַז ער גייט אַרום בעטן נדבֿות, נאָר אין זײַנע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ מאָדנע פֿײַערל וואָס האָט מיך צעטומלט. כ׳האָב בײַ זיך קיין קליינגעלט ניט געהאַט, האָב איך אַרויסגענומען די קלענסטע סומע אין פּאַפּירגעלט און אים געגעבן. ער האָט מיר שיין באַדאַנקט און גלײַך נעלם געוואָרן.

אין אויטאָבוס בין איך געוועזן פֿון די ערשטע און פֿאַרנומען אַ פּלאַץ בײַם

פענצטער. אין דרויסן האָט שוין געטונקלט און די ליכטער אין שטאָט האָבן זיך העל צעצונדן.

אָבער ארונטערגייענדיק פון אויטאָבוס, האָב איך באַמערקט דעם זעלבן מאַן, אַ ביסל אָפּגערוקט פון אויטאָבוס. ס׳האָט מיך אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ: פאַר וואָס פאַרפאָלגט ער מיך? און אפשר דוכט זיך מיר? אָבער כ׳האָב זיכער געפילט זיין בליק אויף מיר.

כ׳בין שנעל געגאַנגען און זיך ניט אומגעקוקט. פאַר וואָס האָב איך אים ניט געזען ארויפגיין אָדער אַראָפּגיין פון אויטאָבוס? און אפשר איז ער אַ גנב און פּאַרט נאָך די וואָס ער וואַרפט אַן אויג אויף זיי, מיט אַן אויטאָ? נאַרישקייטן, דיין פאַנטאַזיע האָט זיך עס צעשפּילט! האָב איך גערעדט צו זיך אַליין. און אָט בין איך שוין אַהיים.

איך האָב געהאַט אַ סך אַרבעט צו טאָן, ווייל ס׳איז געווען פאַר עקזאַמענס, בין איך געוואָרן פאַרנומען און כ׳האָב אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן דער געשיכטע. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שאָרך ביי דער פאָדערשטער טיר און ווי עמע־צער וואָלט פּרוּוון עפענען.

איצט האָב איך זיך אויף אַן אמת דערשראָקן. כ׳בין האַסטיק אריין אין באָד־צימער און געזען דורך דעם פאַרטונקלטן פענצטער דעם שאָטן פון אַ מאַן ביי דער טיר. צוליב דער מילך־פאַרצויגענער גלאָז, האָב איך ניט געקענט זען קלאָר די געשטאַלט פון מאַן.

איך האָב געהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר און ס׳האָט מיר אָפּגענומען הענט און פיס. איך האָב מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען, דער מאַן. אָבער ער איז מיר דאָך אין גאַנצן פרעמד. כ׳האָב זיך געוואָלט דער־מאָנען זיין געזיכט און ניט געקענט, נאָר דער בליץ פון זיינע אויגן האָט מיר אַ שיין געטאָן. ער וועט מיר דערהרגענען און קיין לעבעדיקער נפש וועט ניט וויסן...

און ווידער אַ שטילער קלאַפּ אין טיר. כ׳ווייס ניט וואָס אַזוינס האָט מיך אַ שטויס געטאָן, נאָר מיט איין שפּרונג בין איך געווען ביי דער טיר און ארויס־געשריען: — ווער קלאַפּט דאָרט און וואָס ווילט איר?!

מיין געשריי האָט אים קענטיק דערשראָקן, ווייל ס׳איז שטיל געוואָרן און מיר האָט זיך געדוכט אז מ׳שאַרט זיך אַוועק. איך האָב זיך דערמאָנט פאַרשיי־דענע געשיכטעס פון איבערפאַלן און איינברוכן, ווו מ׳האָט דערמאָרדעט די איינוווינער פון דירות, וואָס איך האָב לעצטנס געלייענט אין ציטונג. אָבער דער מאַן איז מיר פרעמד! האָב איך זיך געפּרוּווט אַליין באַרואיקן. ער וועט דאָך מיר ניט סתם איבערפאַלן...

איך האָב באַשלאָסן צו טעלעפאָנירן מיין חבר, וואָס האָט געלעבט אין הויז פון זיינע עלטערן, עטלעכע מינוט גאַנג פון מיר. טאָמער פּאַסירט עפּעס זאָל כאָטש עמעצער וויסן.

— סאָלי, — האָב איך שטיל אריינגערעדט אין טרייבל. — דאָ איז עפּעס ניט אין אָרדענונג ביי מיר און כ׳וויל עס דיר דערציילן...

— כ׳קום גלייך אריבער! — האָט ער געזאָגט און געוואָלט אָוועקלייגן דאָס טרייבל.

— וואַרט נאָר אַ רגע, סאָלי, ס׳איז זייער וויכטיק: קום דורכן הינטערשטן אריינגאַנג, דו הערסט, דורך דער קיך. כ׳וועל ארויסקוקן דורכן קיכפענצטער. זיי פאָרזיכטיק!..

איין עטלעכע מינוט אַרום איז סאָלי אריינגעפאַלן צו מיר אין קיך.

— וואָס האָט פּאַסירט, מייקל, גייסטער?.. האָט ער זיך געוויצלט.

— נאָך ערגער, סאָלי, אַ לעבעדיקער גייסט... — און כ׳האָב אים דערציילט די גאַנצע געשעעניש מיט אַלע איינצלהייטן.

— ער האָט אוודאי געמיינט אז דו ביסט אַ מיליאָנער, אז דו וואַרפסט זיך מיט פּאַפּיר־געלט, איז ער געקומען איינקאַסירן זיין חלק... — האָט סאָלי זיך געחכמעט.

— סאָלי, ס׳איז מיר ניט צום האַרצן די חכמות, ווען כ׳דערמאָן זיך אז כ׳וועל באַלד ווידער בלייבן אליין. איז וואָס טוט מען? — האָב איך געפרעגט כמעט פאַרצווייפלט.

— די ערשטע זאַך, לאָמיר ריידן הויך, אז ער זאָל זען אז דו ביסט ניט אליין. און צווייטנס, דריי אָן די ראַדיאָ אויף די העכסטע טענער, גנבים האָבן מורא פאַר געשרייען.

סאָלי האָט אָנגעדרייט די ראַדיאָ גראָדע ווען מ׳האָט אין די נייעס איבער־געגעבן אַ מעלדונג פון פּאָליציי, אז אַ געפערלעכער פאַרברעכער איז אַנטלאָפן פון טורמע. איז אַ הייכער און דאַר. מ׳האָט נאָך אָנגעגעבן אַנדערע סימנים און געבעטן, ווער עס וועט באַמערקן אזא פאַרדעכטיקע פערזאָן זאָל גלייך מעלדן פּאָליציי.

ביידע חברים זיינען געבליבן זיצן שטיל און געקוקט איינער אויפן אַנדערן.

— איז ער דער זעלבער, ווי מ׳האָט אים איצט אָפּגעמאָלט אין ראַדיאָ? מייקל, האַ?

— כ׳ווייס ניט. כ׳קען ניט זאָגן אויף זיכער, נאָר מיר דאַכט אז ס׳איז ער... די ראַדיאָ האָט געליאַרעמט אויף די העכסטע קולות און ביידע חברים

האָבן געשריען איינער צום אַנדערן זייערע רייד. צו לעצט האָט מען איבער־געגעבן נאָך אַ מאָל די וואָרענונג פון דער פּאָליציי, און סאָלי האָט געזאָגט:

— אויב ער שטייט נאָך הינטערן טיר האָט ער עס זיכער געהערט און וועט אַנטלויפן.

— אפשר האָט ער ביי מיר געזוכט אַ באַהעלטעניש? נאָך דאָס פעלט מיר, אַ קרימינאַליסט!

— ווייסט וואָס, מייקל, איך וועל גאָר ארויסגיין דורך דער פּאָדערשטער טיר. אויב ער איז דאָ ערגעץ און וועט זען, אז ניט אַן איינציקער יונג בחורל ווינט דאָ, וועט ער זיך אָפּטראָגן. און שפּעטער וועל איך ווידער זיך אריינכאַפּן צו דיר, און אפשר אויך איבערנעכטיקן ביי דיר.

— מ׳וועט זען, אויב ער דרייט זיך דאָ אַרום, אָדער ער וועט שפּעטער קלאַפּן. — האָב איך געזאָגט. — אָבער כ׳וואָלט דיר ניט וועלן אָוועקרייסן פון שטוב, פון די עלטערן.

— זיי ניט קיין קינד, מייקל. כ׳בין ניט אזוא שרעקעדיקער. אָבער דו האָסט סיי ווי געדאַרפט אריינגעמען אַ חבר צו דיר אין וווינונג. ס׳איז פריילעכער, זעסט דאָך...

— אז דו ביסט ניט קיין שרעקעדיקער, געדענק איך גאַנץ גוט, פון יענעם פאַל אין קעמפּוס, ווען דו האָסט פאַרפאַרן אין מאָרדע מיט דיין קולאַק דעם בחור וואָס האָט דיר באַליידיקט מיט אַ זידלוואָרט. ער האָט דאָך געקליבן די ציינער און זיך איבערגעבעטן. — האָב איך אים דערמאָנט די געשיכטע, מיט וועלכע דער קעמפּוס האָט געקלונגען.

— וועל איך זיך מיט דעם דאָ מסתמא אויך ספּראַווען, — האָט סאָלי געזאָגט. — ווען איך וועל צוריקקומען, זאָלסטו עפענען נאָר אויף מיין פּאַראָל — כ׳וועל זאָגן חבר.

2.

ווי נאָר ער איז ארויס איז מיר באַפאַלן אַן אומעט און אַ שרעק. איך האָב אויסגעדרייט די ראַדיאָ און זיך איינגעהערט צו דער שטילקייט אין דרויסן. כ׳בין געווען אזוי נערוועז, אז צו מיינע שטודיר־אַרבעטן האָב איך זיך שוין ניט געקענט נעמען. די צייט האָט זיך כמעט ניט גערירט. כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, אז ערגעץ דאָ, אין דער נאָענט, געפינט ער זיך און קען איינברעכן יעדע מינוט. איצט בין איך שוין זיכער געווען, אז ער איז דאָס דער אַנטלאָפענער קרימינאַליסט וועמען די פּאָליציי זוכט.

אויף די שפּיץ פינגער בין איך אריין אין באָדצימער און ארויסגעקוקט דורכן ניט קלאָרן פענצטער און באַמערקט זיין שאָטן אויף מיין טיר. מיין האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. וואָלט איך געהאַט סאַליס פויסטן און זיין נאַטור, וואָלט איך זיכער ארויסגעשפרונגען צו אים און אים אַוועקגעלייגט אויף אַן אָרט. איצט האָב איך נאָר געבעטן, אז סאַלי זאָל וואָס גיכער קומען ווי ער האָט צוגעזאָגט. נאָר די וויזערס, האָט זיך מיר געדוכט, שטייען אויף אַן אָרט. איך האָב געטראַכט צו גיין ווידער אים טעלעפאָנירן, נאָר ווי איך האָב געוואָלט אוועקגיין פון פענצ־טער, האָב איך באַמערקט ווי דער לאַנגער שאָטן, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער טיר פון דער טונקעלער ליכט אין קאָרידאָר, האָט זיך אַ באַוועג געטאָן און כ׳האָב געהערט דעם שוין באַקאַנטן שטילן קלאַפּ אין טיר. כ׳האָב זיך שנעל פאַרשלאָסן אין באָדצימער און געפּילט אויף דערוויל זיכערער.

מיינע נערוון זיינען געווען אָנגעצויגן ווי ספּרונזשינעס. וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר? האָב איך געטראַכט. פון צייט צו צייט האָט ער גע־פּרוווט שטיל אַ קלאַפּ טאָן און איך האָב זיך שוין מער ניט געשראָקן. פון זיין שטיל פאַרזיכטיק קלעפּלען האָב איך פאַרשטאַנען, אז ער אליין האָט מורא. איצטער איז ביי מיר קיין צווייפל ניט געווען ווער ער איז.

איך האָב באַשלאָסן אָפּצוציילן צען מאָל פון זיין קלאַפּן, וואָס איז געקומען כמעט אין רעגולערע איבעררייסן, און אויב נאָכן צענטן מאָל גייט ער ניט אַוועק, וועל איך טעלעפאָנירן צו דער פּאָליציי. איך האָב אָנגעהויבן ציילן און גלייך פאַרלאָרן דעם חשבון.

איך האָב געהערט ווי ער מורמלט עפּעס, אָבער די ווערטער זיינען צו מיר ניט דערגאַנגען. מסתמא האָט ער געבעטן איך זאָל אים אריינלאָזן, אים העלפן, אז ער איז אומשולדיק און מען יאָגט אים...

איצט האָב איך שוין רחמנות געהאַט אויף אים און זיך מער ניט געשראָקן. כ׳האָב אויפגעשלאָסן די באָדצימער־טיר. מיט אַ מאָל האָב איך געהערט טריט, אַ געדרודער און ווי דער שאָטן גיט אַ שפּרונג־אָפּ פון דער טיר. צווישן די שטי־מען האָב איך דערקענט סאַליס קול. ער האָט געדופן זייער הויך: — מייקל, חבר! מייקל, עפן! חבר!

3.

אַ דערפרייטער האָב איך געעפנט די טיר. פאַר מיר איז געשטאַנען מייקל, צוויי פּאָליציסטן און דער מאַן צווישן זיי, מיט קייטלעך אויף די הענט.

— איר האָט עס געטאָן אויף אַ קלוגן און אַ דרייסטן אופן, וואָס איר האָט אים געהאַלטן הינטער דער טיר ביז מיר זיינען געקומען, — האָט דער עלטערער

פּאָליציי־באַאַמטער צו מיר געזאָגט. — דעם מאַן זוכן מיר. די פּאָליציי וועט אייך באַשענקען מיט אַן אויסצייכענונג.

— אָבער איך האָב אים דאָ ניט געהאַלטן, ער איז אליין געקומען, — האָב איך זיך ווי פאַרענטפערט. — און מיר קומט דערפאַר גאָר ניט, כ׳בין ניט קיין העלד.

—אייער פריינד האָט אונדז שוין דערציילט די גאַנצע געשיכטע, נאָר מיר וועלן נאָך קומען צונויפשטעלן אַ גענויעם באַריכט, ווי איר וועט אונדז דער־ציילן. אַ גוטע נאַכט!

— קום! — האָט ער שטרענג אַ זאָג געטאָן צום הייכן מאַן און אים געלאָזט גיין פאָרויס. זיי זיינען געגאַנגען הינטער אים מיט אויסגעשטרעקטע רע־וואָלווערן.

ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, האָב איך באַמערקט אין זיינע אויגן דעם זעלבן בליציקן גלאַנץ, ווי ביים אויטאָבוס, נאָר איצט האָט עס געהאָט אין זיך דעם הילפלאָזן כעס פון אַ מענטשן וואָס איז אריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע. זיין בליק האָט געהאָט אזא קראַפט, אז איך האָב געמוזט אַראָפּלאָזן די אויגן און זיך געפילט שולדיק.

— ווייסט, איך פיל זיך שולדיק קעגן דעם מאַן. ער האָט דאָך מיר גאָר ניט געטאָן. האָב איך געזאָגט צו סאָלין גלייך ווי מיר זיינען אריין צו מיר אין אַפּאַרטמענט.

— וואָס עפּעס דו? — האָט סאָלי געפרעגט. — אויב יע, האָב איך עס גע־טאָן. כ׳בין אַהער געגאַנגען און געזען ווי ער דרייט זיך הינטער דיין טיר, האָב איך גלייך באַשלאָסן צו מעלדן דער פּאָליציי. כ׳האָב געטראַכט אז דאָס איז די גלייכסטע זאַך — און איך האָב גוט געטאָן, ווייל דו קענסט קיין מאָל ניט וויסן מיט וואָס אזא „פריינדשאַפט" קען זיך ענדיקן. נאָר פאַר דער פּאָליציי האָב איך געזאָגט, אז דער כבוד קומט דיר.

סאָלי איז געבליבן ביי מיר ביז שפּעט. דערווייל זיינען אָנגעקומען פּרעסע־רעפּאָרטערן און פאָטאָגראַפן און מיר האָבן געמוזט דערציילן אַלץ מיט יעדן דעטאַל. אין דער מאָרגן־צייטונג איז געווען אַ פולער באַריכט מיט אונדזערע פאָטאָגראַפיעס, די פאָטאָגראַפיע פון פאַרברעכער און פון די פּאָליציסטן, וואָס האָבן אים אַרעסטירט. אין איין קעפּל איבער אונדזערע פאָטאָגראַפיעס איז גע־ווען די אויפשריפט: די צוויי ציווילע העלדן!

— אינטערעסאַנט! — האָב איך געזאָגט צו סאָלין, האַלטנדיק די צייטונג אין האַנט, — ווי איינער, אזא ווי איך, קען פּלוצלינג, דורך נאַכט ווערן אַ העלד — אַ העלד פון סאַמע גאָר ניט טאָן...

פאַרטראַכטערהייט

פרוי לאַפּידעס איז געגאַנגען אַהיים, צו זיך אין וווינונג. זי איז געגאַנגען פון דעם שווערסטן טאָג אַרבעט, אָבער דער בעסטער טאָג אין מאָנאַט. היינט האָט זי געקראָגן דאָס געהאַלט פאַרן חודש, וועט זי נאָר ארויפגיין צו זיך אין צימער, נעמען אַ טאַש און אַראָפּגיין אין קרעמל קויפן דאָס נייטיקסטע. זי איז געגאַנגען פאַרטראַכטערהייט, און וועגן וואָס צו טראַכטן האָט זי געהאַט גענוג — וועגן אירע צרות. ביי לייטן אז מ׳בלייבט אליין, אָן אַ מאַן, איז מען אין טרויער, אָבער זי איז גאָר צופרידן. ווי לאַנג ווי ער איז געשטאָרבן? ערשט זעקס חדשים. און די וואָך איז דורך דער גט. נאָכן טויט. און דאָס איז געווען אַ ליבע ביי אונדז. און ער איז געווען אזוי גוט און אַלץ האָט מיר אויסגעקוקט שיין. נאָר ער האָט געהאַט אַ שוואַכן כאַראַקטער, האָבן די שלעכטע חברים אים גלייך פון וועג אַראָפּגעפירט און ער איז געוואָרן ווי זיי: אַ גנב און אַ שיכור און אַ שלעפּער. ער פלעגט ברענגען אַלע גנבים און שיכורים אהיים און גאַנצע נעכט פלעגט מען שפּילן אין קאָרטן. פלעגט ער אַלץ פאַרשפּילן און פאַר־טרינקען, נאָך דעם פלעגט ער קומען צו מיר און בעטן געלט. און ווו האָב איך געקענט נעמען? האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן שווער, נאָר ניט זיין מיט אים צוזאַמען. מיט דריי יאָר צוריק האָב איך שוין אָנגעגעבן אין געריכט אויף אַ גט, און איצט, נאָך זיין טויט אים געקראָגן. נאָך גוט וואָס ער איז געזעסן אַ פּאָר יאָר אין טורמע, פאַר גנבענען, איז ער מיר ניט געווען אין וועג. אָבער דער זון האָט זיך געבעטן ביי מיר: מיט אַזאַ טאַטן זיין צוזאַמען אונטער איין דאַך איז אַ שאַנדע. איך וועל אנטלויפן קיין לאַנדאָן. און דו קום אויך מיט, מאַמע. כ׳וועל אַרבעטן און פאַרדינען און ס׳וועט דיר קיין זאַך ניט פעלן. נאָר מסתמא איז שוין מיין פינצטערער מזל אזא — אז דער מזל איז קעגן דיר קענסטו זיך ניט העלפן. נו, אַבי פּטור געוואָרן...

פרוי לאַפּידעס איז אזוי שטאַרק אין זיך פאַרטראַכט, אז זי פילט אפילו ניט ווי עמעצער גייט איר נאָך. יענער קריכט איר נאָך ווי אַ שווערער שאָטן, ער טוט אַ צי אויס אַ פלינקע האַנט און עפנט לייכט איר האַנטבייטל, וואָס הענגט אַראָפּ פון איר אָרעם. פלינק טוט ער אַ נעם עפּעס פון דאָרט און מיט גיכע

טריט דערווייטערט ער זיך. זי זעט קיינעם ניט, נאָר זי הערט ווי זיינע טריט דערווייטערן זיך. אין דער שטילקייט פון דער זייטיקער געסל הילכן זיי לאַנג אָפּ ביז זיי ווערן פאַרשוויגן. ערשט איצט כאַפּט זי זיך אויף פון איר פאַר־טראַכטקייט און קוקט זיך ארום, אָבער זי זעט קיינעם ניט. מאָדנע, טראַכט זי, איך האָב זיך אזוי פאַרקלערט וועגן מיינע צרות, אז איך האָב אפילו ניט געהערט וואָס עס טוט זיך ארום מיר. זי איילט זיך ווייטער. זי איז דערשראָקן.

זי לויפט ארויף אויף די טרעפּ, בלייבט שטיין ביי דער טיר, און וויל ארויס־נעמען דעם שליסל פון איר האַנטבייטל. ערשט איצט באַמערקט זי, אז איר האַנטבייטל איז אָפן. די ערשטע זאַך וואָס זי זעט איז, אַז איר טייסטערל מיטן חודש־לוין איז פאַרשוווּנדן. איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אז דאָס האָט געמוזט זיין דער שאָטן, וואָס זי האָט געפילט ארום זיך און די גיכע טריט וואָס זי האָט געהערט אין געסל.

זי האָט שנעל געעפנט די טיר און אריין אין צימער. דער פאַרדרוס האָט איר געפרעסן: פאַר אַ גאַנצן חודש געהאָלט איז נעלם געוואָרן. אין שטוב איז מער ווי ברויט מיט אַ ביסל צוקער ניטאָ. און זי האָט זיך אזוי געפרייט, אז באַלד וועט זי קענען אַראָפּגיין אין קרעמל עפּעס קויפן. און וווּ איז דער בריוו? האָט זי זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט. זי האָט דאָך מיט אַ פּאָר שעה צוריק באַ־קומען אַ בריוו פון איר זון, פון לאָנדאָן, און אים נאָך אפילו ניט באַוויזן איבער־צולייענען. צו וואָס האָט דער גנב גענומען דעם בריוו אויך? וואָס הייבט זי איצטער אָן צו טאָן? זי האָט קיין גראָשן ניט ביי דער נשמה. און זי וועט דאַרפן צאָלן דירה־געלט. און ווי האַלט מען עס אויס אַ גאַנצן מאָנאַט, ביז זי וועט ווידער קריגן איר חודש־לוין. זי טראַכט: אפשר גיין מעלדן פּאָליציי? אין איר האַרץ וואַקסט אויס די שרעק: ווער האָט עס געקענט זיין? זיך פאַר־טראַכט וועגן דעם מאַן, דעם שיכור, און אין גאַנצן פאַרגעסן ווו זי איז אויף דער וועלט. אָבער ס׳פאַרדריסט איר אויך דער בריוו. זי דערמאָנט זיך, אז זי האָט אין לעצטן בריוו צום זון געשריבן וועגן גט וואָס זי האָט געקראָגן נאָכן טויט פון מאַן. מסתמא איז זיין בריוו געווען אַן ענטפער אויף איר בריוו.

מיט אַ מאָל דערהערט זי ווי איר קעצעלע דראַפּעט זיך ביי דער טיר. זי לאָזט איר אריין און דערמאָנט זיך, אז זי האָט קיין מילך ניט. דאָס קעצעלע גייט איר נאָך און רייבט זיך ביי אירע פיס, מיאוקעט און בעט זיך ביי איר עפּעס. זי נעמט דעם טעצל און גיט איר אַ ביסל וואַסער. דאָס קעצעלע טוט אַ שמעק און קענטיק אז ס׳געפעלט איר ניט די אָפּנאַרעריי. מיט אירע קעציש־פאַרזשמור־רעטע אייגעלעך קוקט זי איר אָן, ווי זי וואָלט פרעגן: וואָס עפּעס וואַסער היינט? און ווו איז היינט דיין גלעט, וואָס דו גיסט מיר יעדן מאָל ווען דו קומסט

אַהיים. היינט גיי דערצייל אַ קאַץ, אַז עס איז מיר שווער אויפן האַרצן, טראַכט פרוי לאַפּידעס. זי בייגט זיך אַראָפּ און גלעט איר און רעדט צו איר מאָדנע רייד:

— קעצעלע, מ׳האָט אַרויסגעגנבעט מיין בייטעלע מיט מיינע האַרט־פאַרדינטע געלט, מיט מיין זונס בריוו, וועלכן כ׳האָב נאָך ניט געלייענט. דאָס קעצעלע וויל אָבער פון איר תירוץ ניט וויסן און בעט זיך עסן.

*

פרוי לאַפּידעס איז געבליבן זיצן פאַרצווייפלט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. דער טאָג האָט אָנגעהויבן טונקלען און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן שוואַכן. זי האָט אָנגעצונדן איר לעמפּל און געטראַכט וועגן עפּעס צובייסן, אָבער זי האָט אין שטוב געהאַט נאָר טרוקן ברויט. איז איר אָונטברויט באַ־שטאַנען פון אַ שטיקל פאַרדאַרט ברויט מיט אַ ביסל זיסע טיי. אויך איר קע־צעלע האָט זי געגעבן פון דעם זעלבן, און ווי ס׳קעצעלע וואָלט פאַרשטאַנען די ביטערע לאַגע, האָט זי אויסגעלעקט דעם זיסן וואַסער און געקייט דאָס אויס־געווייקטע ברויט.

אַז זי האָט נאָכן עסן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, איז שוין אין דרויסן געווען גוט פינצטער. די לאַמטערנס האָבן שוואַך באַלויכטן די אָרעמע געסלעך אַרום. נאָר די שטערן האָבן אַראָפּגעפינקלט פון הימל פאַר אַלע מענטשן גלייך. געציילטע מענטשן פלעגן זיך פון צייט צו צייט באַווייזן און גלייך פאַרשווינדן אין אַ טויער צי אַ שטוב, אָדער זיך סתם אַרומגעדרייט אָן אַ ציל. פרוי לאַפּי־דעס האָט געפילט ווי איר האַרץ ווערט צעקלעמט פון פאַרדרוס. גיין איצט אין דער פּאָליציי האָט איר אויסגעוויזן צו שפּעט, כאָטש דער זייגער האָט ערשט געוויזן אַכט.

זי האָט באַשלאָסן זיך בעסער לייגן שלאָפן, אפשר וועט זי קענען פאַר־שלאָפן די צרות. נאָר צוגייענדיק צום בעט, האָט זי דערהערט אַ שטילן קלאַפּ אין טיר. איר האָט געוווּנדערט, וואָס זי האָט אפילו ניט געהערט עמעצן אַרויפ־גיין די טרעפּ. אפשר דוכט זיך עס איר אויס. נאָר צום צווייטן מאָל האָט זי שוין דייטלעך געהערט דעם קלאַפּ. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

מער ווי אַ שטיל געמורמל איז ניט צוריקגעקומען. אַזוי פלעגט אויך מורמלען איר שכנה, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אַריינגיין זיצן מיט איר אַ ביסל. וועט זי עפענען, האָט זי געטראַכט.

ווען זי האָט געעפנט די טיר, האָט זי פאַר שרעק אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און שנעל געוואָלט צוריק די טיר פאַרקלאַפּן. נאָר אויף דער שוועל איז שוין

געשטאַנען אַ ווילד־באַוואַקסענער מאַן און איר אָנגעקוקט. זי האָט זיך אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז זי האָט אַליין געהערט איצט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. זי האָט קוים געהאַט כּוח צו פרעגן:

—ווער זייט איר?

— דאָס איז ניט וויכטיק... — האָט דער מאַן איר מאָדנע אָנגעקוקט.

— איז וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

— פאַר מיר קענט איר גאָר ניט טאָן. — און ער האָט זיך ארומגעקוקט און געמאַכט אַ טריט אין שטוב אריין.

— וואָס האָט אייך געבראַכט אַזוי שפּעט אַהער? — האָט זי געפרעגט, זיך מאַכנדיק מוט.

— איר וועט גלייך עס וויסן. — האָט יענער געזאָגט, גייענדיק צום טיש.

פרוי לאַפּידעס האָט געזען, אַז זי האָט קיין אנדער ברירה ניט, האָט זי העפלעך געזאָגט:

— זיצט! אָבער איך האָב ליידער ניט מיט וואָס אייך מכבד צו זיין, ווייל ביי מיר האָט פּאַסירט אַן אומגליק... — זי האָט עס געזאָגט איידל, אָבער איר קול האָט געציטערט פאַר מורא. דער מאַן האָט געענטפערט:

— איך בין דאָ ניט געקומען זיצן. כ׳האָב אייך געבראַכט אַ פּעקעלע.

— פאַר מיר? — האָט פרוי לאַפּידעס אויסגערופן. — פון וועמען? כ׳האָב דאָ קיינעם ניט.

— איר וועט שוין זען! — האָט דער מאַן קורץ געזאָגט, אוועקגעלייגט דאָס קליין פּעקעלע אויפן טיש און שנעל ארויס, ניט זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט.

*

פרוי לאַפּידעס האָט געקוקט אויפן פּעקעלע און זיך מורא געהאַט צוצורירן צו אים. זי האָט שנעל פאַרשלאָסן די טיר און זיך גענומען צו עפענען עס. גלייך אויבן איז געלעגן איר זונס בריוו, וואָס איז געווען געעפנט, און נאָך אַ בריוול, אַן אַ קאָנווערט. אונטער דעם איז געווען נאָך אַ קליין פּעקעלע, וואָס זי האָט מיט נייגער געעפנט: אין אים איז געלעגן דאָס ביטעלע און קיין גראָשן האָט ניט געפעלט. זי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס איז דאָ געשען? און צי איז עס אַ מאָל קיין חלום ניט? פריער האָט עמעץ דאָס אַלץ געגנבעט און נאָכהער שיקט ער עס אָפּ. און אפשר איז דאָס דער גנב אַליין וואָס האָט געבראַכט דאָס פּעקעלע? אַבי כ׳האָב צוריק מיין שווער־פאַרהאָרעוועט געלט! האָט זיך פרוי לאַפּידעס געפרייט.

זי האָט גענומען דאָס בריוול, וואָס איז געווען אריינגעלייגט אין פּעקל, און אים באַקוקט. זי האָט פאַרשטאַנען אז די ווערטער וועלן קלאָר מאַכן פאַר וואָס מ׳האָט איר אומגעקערט דעם שאַדן און ווער דער מאַן איז.

ס׳איז געווען אַ לאַנגער בריוו און געשריבן מיט ניט קיין געניטער האַנט־שריפט און ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז פרוי לאַפּידעס האָט עס דורכגעלייענט. ס׳האָט זיך געלייענט: טייערע פרוי לאַפּידעס! אייער פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען מיין בעסטער פריינד. איך געדענק, אז מיר פלעגן זיצן, אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, ביי אייך אין הויז, טרינקען און שפּילן. מיר האָבן געוווּסט, אז אייך געפעלט עס ניט און איר ווילט ניט מיר זאָלן קומען אין אייער הויז. מיר האָבן אָבער ניט געהאַט ווו צו גיין. און אז איך בין געווען באַזוכן אייער מאַן קורץ פאַר זיין טויט, האָט ער מיר געזאָגט אז אים טוט וויי זיין האַרץ, וואָס ער האָט אייך פאַרשאַפט אזוי פיל פאַרדרוס; וואָס צוליב אים איז דער זון אַנטלאָפן פון דער היים, און וואָס ער האָט צעבראָכן אייער לעבן.

איך ווייס אז ער האָט אויף אַלץ חרטה געהאַט און געהאַלטן, אז זיין טויט איז די שטראָף פאַר דער זינד וואָס ער איז קעגן אייך באַגאַנגען. אָבער איך בין נאָך אַלץ געבליבן דער זעלבער גנב, ווייל איך קען שוין מיין לעבן ניט בייטן. און היינט בין איך באַגאַנגען אַ זינד קעגן אייך, און כ׳וועל זיך אליין ניט מוחל זיין אויב איך וועל עס ניט פאַרריכטן. און צוליב דעם טאַקע זיץ איך אַ גאַנצן אָוונט און שרייב צו אייך דעם בריוול, אז איר זאָלט עס לייענען און מיר מוחל זיין. היינט, ווען איר זייט געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָב איך אוודאי אייך ניט געקענט דערקענען פון הינטן, און כ׳האָב ארויסגעגנבעט אייער געלט און פאַר איינס האָט זיך מיטגעשלעפּט אַ בריוו. וואָס כ׳האָב שוין ניט געקענט צוריקגעבן. ארויסגנבענען איז גרינגער, ווי צוריק עס אריינלייגן אויף אַן אָרט. אז כ׳האָב נאָך דעם געזען אייער אַדרעס, האָב איך שוין געוווּסט פון וועמען כ׳האָב דאָס געלט געגנבעט און כ׳האָב באַשלאָסן צו עפענען דעם בריוו און זען ווער און וואָס מ׳שרייבט אייך. דער בריוו איז געווען פון אייער זון. און אז כ׳האָב געלייענט אז ער וויל אייך העלפן און קען ניט, ווייל שוין צוויי חדשים איז ער אָן אַרבעט, האָט עס מיך דערלאַנגט אַ נעם ביים האַרצן וואָס כ׳האָב צוגענומען אייער געלט. און אז כ׳האָב נאָך געלייענט, אז ביי אייך וויל ער ניט בעטן, ווייל איר אליין פאַרדינט קוים אויף חיונה, האָט עס מיך ווי געטאָן. און מער פאַר אַלץ האָט מיך גערירט, וואָס ער באַדויערט אז אייער לעבן איז צע־בראָכן געוואָרן, ווייל ער ווייס ווי ליב איר האָט געהאַט זיין פאָטער. און זיין פאָטער און אייער מאַן איז דאָך געווען מיין גרעסטער פריינד, האָב איך באַ־שלאָסן אומצוקערן אייך אייער געלט. אויב ניט — ווו וועט איר נעמען אויף צום

לעבן אַ גאַנצן מאָנאַט ? און טאָמער ווילט איר שיקן פון דעם אַ פּאָר גראָשן אייער זון ? איז אַנטשולדיקט וואָס כ׳האָב געעפנט דעם בריוו פון אייער זון, אָניט וואָלט איר דאָך סיי ווי ניט געקומען צו אייער היזק. איר ווייסט דאָך אוודאי אז אַ גנב גיט קיין מאָל ניט צוריק דאָס וואָס ער האָט פון יענעם גענומען. נאָר ווי קען איך נעמען דאָס געלט פון דער פרוי פון אַ פריינד, וואָס איז געווען אַ סך יאָרן מיין שותף. ער האָט נאָך אַ מאָל צום סוף געשריבן, אז ער פאַרשטייט אז פרוי לאַפּידעס וועט אים מוחל זיין.

פרוי לאַפּידעס איז געבליבן זיצן מיטן בריוו אין האַנט און זיך ניט גע־גלייבט אז ס׳איז אמת, אז אַזוי האַרציק קען שרייבן אַ גנב. אָבער דאָס טייס־טערל אויפן טיש און די האַנטשריפט פון בריוו האָבן עדות געזאָגט אז זי חלומט ניט. וואָלט זי געוווסט ווו דער מאַן לעבט, וואָלט זי גלייך אַוועקגעלאָפן צו אים און אים האַרציק באַדאַנקט.

ווען זי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו פון זון, האָט איר דאָס האַרץ פאַר־דריקט און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. זי האָט געטראַכט ווי ביטער איר קינד איז איצט און זי האָט באַשלאָסן, אז אַ טייל פון צוריקגעפונענעם געלט וועט זי אים שיקן און אים שרייבן ער זאָל צוריק קומען. מ׳וועט שוין ווי ניט איז קענען לעבן צוזאַמען. דאַן האָט זי איין מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו פון גנב און ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

אַ גנב קען אויך זיין געטריי אָרנטלעך צו האָבן אַ גוט האַרץ, האָט זי גע־טראַכט. ווען איך קען אים געפינען, וואָלט ער געווען מיין פריינד, פּונקט ווי ער איז געווען מיין מאַנס פריינד. אַ האַרץ פון אַ גנב איז אויך אַ מאָל שווער אָפּצושאַצן.

אין אזא ווינטער

.1

מענדעלע איז געווען אַ קליין יתומל אין אַ קליין שטעטל. קיינער האָט ניט געוווּסט פון וואַנען ער קומט, און ער אַליין האָט ניט געוווּסט צי ער האָט געהאַט אַ מאָל אַ טאַטן און אַ מאַמען, צי ניט. זינט ער געדענקט זיך האָט ער קיינעם ניט געהאַט, אַניט וואָלט ער דאָך געוווּסט ווו זיי זיינען אַהינגעקומען. ער געדענקט אויך ניט אַז ער האָט ווען געהאַט חברים, נאָענטע פריינד צי קרובים. אַלץ וואָס ער ווייס איז, אַז ער איז אַ יתום.

די יידן פאַרציען זיין נאָמען און רופן אים יתומל, אָבער וואָס העלפט עס ? סיי ווי גייט ער אַרום אַ גאַנצן ווינטער מיט פאַרפראָרענע פיסלעך און מיט אַ צעריסענעם דינעם מאַנטל, וואָס עמעצער האָט אים אוועקגעשענקט. זיינע אַלטע צעדרייטע שיך זיינען שטענדיק געווען גרעסער ווי זיין ריכטיקע מאָס און אָן שנירלעך, דעריבער פלעגן זיי האַלטן אין איין ארונטערפאַלן פון די פיס. און די טיכער, מיט וועלכע ער פלעגט זיי ארומוויקלען, אָנשטאָט זאָקן, פלעגן זיך פונאַנדערבינדן און אויפדעקן זיינע נאַקעטע פיסלעך פאַרפראָרן און רויט פון קעלט. אויך זיינע הענטלעך זיינען געווען אָנגעשוואָלן ווי פאַמפּושקעס, און די פינגער פאַרגליווערט. דאָס קעפּל איז געווען הוילנאַקעט. ווייל דער שמוציקער אָפּגעקראָכענער שאַליק איז געווען צו קורץ און קוים ארומגענומען דאָס העלדזל. אונטערן מאַנטל האָט ער געטראָגן אַ קאַמזעלקע אָן קנעפּ, און אונטער דעם — צעריסענע שמוציקע אונטערוועש. און אַזוי פלעגט מענדעלע ווי ניט איז דורכשטופּן די קעלטן.

ס'איז פונקט געווען אַ שרעקלעך קאַלטער ווינטער און מ'האָט ניט אָנגעזען אַ זונשטראַל פאַר לאַנגע וואָכן. דער שניידיקער ווינט האָט געדרייט דעם שניי און געפּאַטשט אָן רחמנות אין פּנים. מ'האָט זעלטן געזען אַ פאַרבייגייער אין גאַס. און די וואָס האָבן געמוזט ערגעץ צוגיין, זיינען געגאַנגען איינגעקאָרטשעט אין זיך, די קראַגנס איבער די אויערן, מיטן שאַליק דעם האַלדז ארומגעוויקלט, און זיך געוואַרעמט אין אייגענעם אָטעם.

אין אזא טאָג האָט מענדעלע געזוכט כאָטש אַ שטיקל טרוקן ברויט, אָפּצו־

כאַפּן זיין פאַרשמאַכט הערצעלע. די קעלט איז געווען ניט גוט, אָבער דער הונגער איז געווען נאָך שרעקלעכער. ער איז געווען אָן אַ היים. אָבער מיטן איבערשלאָפן פלעגט ער זיך שוין ווי ניט איז אַן עצה געבן: אַ מאָל פלעגט עס זיין אַ סקלאַד פון האָלץ און אַ מאָל אַ האַרטער באַנק ערגעץ אין אַ קאָרידאָר. אז ער פלעגט קענען פאַרכאַפּן אַן אָרט אין בית־מדרש אונטער די טרעפּ, איידער מ׳פאַרשליסט די טיר, האָט ער זיך געפילט גליקלעך, ווייל דאָרט איז געווען באַשיצט פון רעגן און שניי און ער פלעגט זיך אַ ביסל דערוואַרעמען.

זומער פלעגט ער אפילו איבערשלאָפן ערגעץ אויף אַ ביסל גראָז, אין אַ ווינקל, ווו קיין וואָגן אָדער אַ בהמה וועלן ניט צוקומען, אָבער אין ווינטער האָט דער אָרעמער מענדעלע געליטן.

ווינטער איז ער אויך געווען אין געפאַר. איבערהויפּט ווען ער פלעגט זיך אריינכאַפּן, אז קיינער האָט אים ניט געזען, אונטער די טרעפּ פון גבירס מויער און דאָרט זיך מאַכן אַ געלעגער. טאָמער פלעגט אים כאַפּן דער בייזער סטאָראָזש, פלעגט ער אין מיטן דער נאַכט אים ארויסוואַרפן אויף דער גאַס, אזוי ווי אַ הונט, און אים נאָכשרייען:

— טראָג זיך, שנאָרער, גיכער. כ׳וויל דיר דאָ מער ניט זען. אז כ׳וועל דיר נאָך אַ מאָל דאָ געפינען, וועל איך דיר צעברעכן די הענט מיט די פיס!

און אז דער סטאָראָזש האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, פלעגט מענדעלע ווידער אַ מאָל פּרובירן זיין מזל און ווייטער קומען. וואָס האָט ער געקענט פאַרלירן, נעבעך? שלאָפן אין גאַס וועט ער דאָך קיין מאָל ניט פאַרזאַמען.

אין דעם ווינטערדיקן פראָסטיקן טאָג האָט מענדעלע זיך ארומגעדרייט איבער די גאַסן און קיין אָרט זיך ניט געפונען. אין גאַס איז ער געווען איינער אליין. ער איז ארומגעלאָפן און ארומגעשפּרונגען, כדי זיך צו דערוואַרעמען, האָבן אים דערזען אַ פּאָר שקצים אויפן פעלד און אָנגעהויבן אָפּלאָכן פון קליינעם זשידעק, וואָס טאַנצט ווי אַ משוגענער. און אז ער איז צוגעקומען נענטער, האָבן זיי פון ערגעץ דערטאַפּט שטיינער און שטיקער אייז און אים נאָכגעוואָרפן. זיי האָבן אים נאָכגעיאָגט און ער איז קוים אַנטלאָפן.

וואָס האָט ער זיך געקענט העלפן? ווו ער האָט זיך נאָר געוואָלט באַהאַלטן, זיינען גלייך ארויסגעוואַקסן שלעכטע יינגלעך און זשלאָבעס וואָס האָבן אים אַ טויט געמאַכט. און קיינער פלעגט זיך קיין מאָל פאַר אים ניט אָננעמען. ווייל ס׳איז ניט געווען זיין נאַטור זיך צו גיין באַקלאָגן, אָדער זיך ארויסשטעלן ווי אַ יתומל. ער האָט ניט געוואָלט זיין אַ נעבעכל, וואָס די ווייבער האָבן רחמנות אויף אים.

ווי קליין ער איז געווען צו פאַרשטיין זיין לאַגע, האָט ער אָבער זיך אויסגעלערנט אז דריי זאַכן זיינען די וויכטיקסטע אין לעבן: זיין וואַרעם אָנגעטאָן,

זאַט אָפּגעגעסן און האָבן אַ אָרט וווּ צו שלאָפֿן. ער איז שוין געווען אַזוי איינ־געוווינט זיך אַליין צו באַזאָרגן, אַז ער האָט אפילו ניט געטראַכט אַז פֿאַר אַנדערע קינדער טוען עס טאַטע־מאַמע. אייגנטלעך האָט ער בכלל ניט געפֿילט קיין ליבשאַפֿט צו עמעצן און האָט זיך מיט קיינעם ניט אינטערעסירט.

זומער פֿלעגט אָבער מענדעלע אָפּלעבן. ער האָט טאַקע ניט געהאַט וואָס איבערצובייטן, נאָר אין די זעלבע זאַכן פֿלעגט אים שוין זיין וואַרעם, אַנדערע מאָל אפילו צו הייס — אָבער בעסער צו הייס ווי צו קאַלט. ס'פֿלעגן זיך דאַן באַווייזן מער מענטשן אין די גאַסן, און ער האָט זיך געפֿרייט וואָס ער קען גיין מיט אַלעמען גלייך. עס פֿלעגט אפילו טרעפֿן אַז עמעץ האָט אים צוגעוואָרפֿן אַ נדבה — אַ פּאָר גראָשן, — פֿלעגט ער פֿאַרשעמטערהייט עס צונעמען. ווייל דער הונגער פֿלעגט אים אין די הייסע טעג מאַטערן פּונקט אַזוי ווי אין די ווינטער טעג. זומער פֿלעגן אָבער די טירן פֿון די הייזער אַנדערע מאָל שטיין אָפֿן, פֿלעגט זיך אָפּט טרעפֿן אַז אַ באַלעבאָסטע האָט אונטערגעטראָגן מענדעלען אַ שיסעלע איי־בערגעבליבענע זופּ מיט אַ שטיקל ברויט. און כאָטש מענדעלע האָט עס פֿיינט געהאַט, פּונקט ווי נעמען נדבות, האָט עס אים דאָך געהאָלפֿן צו זיין זאַט.

און נאָך אַ זאַך איז געווען זומער בעסער: גיין אַרום די שולן אָדער חדרים. מענדעלע פֿלעגט אַריינגיין אין הויף און זיך איינהערן ווי די קינדער לערנען. פֿאַר די קינדער האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, נאָר ער פֿלעגט זיי מקנא זיין. ער האָט אויך געוואָלט קענען לייענען און שרייבן, אַזוי ווי זיי.

אין שול וועט מען אים ניט צונעמען, האָט ער געטראַכט, ווייל ער איז צו שמוציק און אָפּגעריסן, צוליב דעם אַליין האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט קיין טאַטע־מאַמע ניט. וואָלט ער יע געהאַט אַ טאַטן אָדער אַ מאַמען, וואָלט ער געגאַנגען אין חדר ווי אַלע קינדער.

אָבער ווי נאָר דאָס גלעקל פֿלעגט זיך צעקלינגען און די קינדער פֿלעגן אַרויסקומען אין הויף זיך שפּילן, פֿלעגט ער אַרומלויפֿן צוזאַמען מיט זיי. און ס'פֿלעגט שטענדיק טרעפֿן אַז דער אָדער יענער פֿלעגט אים אָוועקגעבן דאָס איבערגעבליבענע עסן: פֿרישן ברויט מיט פּוטער, אַן איינגעביסענעם עפּל צי אַ באַרנע, אָדער גאָר אַ צוקער־קיכעלע. און ס'פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז אַ קינד פֿלעגט אים שענקען אַ פּאָר צוקערקעס אָדער אַנדערע נאַשוואַרג. פֿלעגט ער עס מיט זאָרג פֿאַרבאַהאַלטן פֿאַר זיין קענדל וואַרעם וואַסער, וואָס ער טרינקט אַנשטאָט טיי. די קינדער און דאָס צוהערן זיך צו זייער געזאַנג בעתן לערנען, איז געווען דער גרעסטער פֿאַרגעניגן פֿון מענדעלען.

איין מאָל, אין אַ זומערדיקן פֿרימאָרגן, ווען מענדעלע איז געשטאַנען אין הויף פֿון דער תּלמוד־תּורה און זיך צוגעהערט ווי די קינדער דאַווענען, האָט ער

פּלוצלינג באַמערקט אַז אַ ביכל ליגט אוועקגעוואָרפן אין אַ ווינקל. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ביכל און זיך מיט אים דערפרייט, ווי ער וואָלט געפונען אַן אוצר. און כאָטש דאָס ביכל איז געווען אָן טאָוולען און אַ ביסל צעפליקט, האָט ער גלייך פאַרגעסן אָן הונגער וואָס האָט אים געגריזשעט, און ער האָט אָנגעהויבן מישן די בלעטלעך. ער האָט זיך גלייך דערמאָנט אַז ס'איז ניט זיין ביכל און ס'קען ווער דערזען און עס צונעמען, האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ זייטיק געסל, זיך אוועקגעזעצט הינטער אַ פאַרקאָן, און באַקוקט די פאַרשיידענע צייכענונגען פון חיות, מענטשן, שטיבער, מעבל און וואָס ניט. אַנדערע קאַר־טינקעס אין ביכל זיינען געווען אין רויט און בלוי און אונטער אַלע איז געווען אָנגעשריבן ווי די זאַך הייסט — אין יידיש און אין פויליש. ער האָט געוווּסט ווי מען רופט די זאַכן און אָנגעהויבן ארויסזוכן די אותיות, ווי זיי זיינען אויס־געשטעלט.

.2

מענדעלע האָט דאָס ביכל פאַרשטעקט אין זיינע צעריסענע הייזלעך, אַז מ'זאָל עס ניט באַמערקן, און לויט די צייכענונגען זיך גענומען אליין לערנען. דאָס ביכל איז געווען אַ לערנבוך פאַר אָנפאַנגער, אָבער אים האָט געדויערט שעהען און טעג ביז ער האָט אויסגעפונען די בוכשטאַבן פון איין וואָרט. דאַן אַ צווייטן, אַ דריטן.

אַז ער האָט שוין געקענט איבערלייענען אַ שורה, האָט ער זיך געקויפט פון זיינע אָרעמע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, אַ העפט מיט אַ בלייפעדער און איי־בערגעשריבן יעדן וואָרט, ווייל ער האָט געפונען די זעלבע ווערטער אין ביכל מיט געשריבענע אותיות. דאָס איז אים אָנגעקומען שווער, ווייל ער פלעגט עס דאַרפן טאָן באַהאַלטענערהייט, אויף דער ערד, ער האָט עס איבערגעשריבן אַ סך מאָל און מיט יעדן מאָל איז זיין חשק אַלץ מער געוואַקסן.

דורכן זומער האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן די ערשטע פופצן זייטלעך, האָט ער איבערגעציילט די זייטלעך און אויסגעפונען — זעכציק, האָט ער באַרעכנט אַז אין צוויי יאָר וועט ער קענען דאָס גאַנצע ביכל. אָבער דאָס איז אַ צו לאַנגע צייט, האָט ער געטראַכט, האָט ער אָנגעהויבן לערנען אַלץ מער און פלייסיקער.

ווען ער האָט געלערנט האָט אים ניט געאַרט צי ער איז הונגעריק, צי ער זיצט אין דער קעלט, אין נעץ, אָדער אין אַ היץ וואָס ברענט ווי פייער. איין זאַך האָט אים אינטערעסירט: ניט אויפהערן לערנען ביז ער וועט קענען דאָס גאַנצע ביכל אליין לייענען און שרייבן.

זיין סוד האָט ער קיינעם ניט דערציילט. ער פלעגט שוין אויך קומען זעל־טענער צו די קינדער אין שול, און ער פלעגט שוין ניט זוכן מער די שפּילע־רייען. איצט פלעגט ער זיך פאַרגנבבענען הינטער די פּלייצעס פון קינדער, וואָס האָבן געחזרט זייערע לעקציעס, פלעגט אריינקוקן אין די ביכער און זיך צוהערן. ער פלעגט כאַפּן ווערטער און גאַנצע זאַצן, ווי מ׳לייענט עס און וואָס דאָס מיינט.

צו ערשט זיינען די קינדער ניט צופרידן געווען וואָס ער שטייט זיי אויפן קאָפּ. נאָך דעם האָבן זיי באַמערקט ווי אויפמערקזאַם ער איז און מ׳האָט אים אפילו אָנגעהויבן ווייזן וואָס מען לערנט און ווי מען לערנט. דאָס האָט מענדע־לען אַ סך געהאָלפן. דעם צווייטן זומער האָט ער שוין געקענט לייענען און שרייבן אַלץ וואָס אין זיין ביכל אויף אויסווייניק.

ער האָט זיך געמאַכט האַרץ, איז צוגעקומען צו איינעם פון די עלטערע קינ־דער און פאַרשעמט געזאָגט, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און ער וויל אַז ער זאָל אים פאַרהערן. דעם יונגן לערער איז געפעלן געוואָרן אַזא עקזאַמען. זיי האָבן זיך געטראָפן אין ענגן געסל הינטערן שול און מענדעלע איז יענעם טאָג געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט ; ער האָט אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען!

דעם זעלבן זומער איז מענדעלע געוואָרן צען יאָר אַלט. איצט, אַז ער קען שוין אַ ביסל לייענען און שרייבן, האָט ער געטראַכט, איז גענוג זיך ארומצו־דרייען פּוסט און פּאַסט אין די גאַסן. ער דאַרף אָנהויבן זוכן אַרבעט. און קיין אַרבעט האָט מענדעלע ניט איבערגעקליבן. כאָטש ער איז נאָך כמעט אַ קינד געווען, האָט ער אָנגעהויבן האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער און צוטראָגן אַ פּעקל ווו מ׳דאַרף. די, וועמען מענדעלע פלעגט העלפן, פלעגן אים געבן וואָס אָפּצו־עסן און אויך עטלעכע גראָשן. פלעגט ער קלייבן דאָס קליינגעלט, וואָס ער פלעגט פאַרדינען, עס באַהאַלטן און שפּעטער אויסבייטן אויף גרעסערע מטבעות. און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ טאָג און ער האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, פלעגט ער בעסער ארומגיין אַ הונגעריקער, אָבער זיין קאַפּיטאַל האָט ער ניט אָנגערירט. ער האָט געהיט יעדן גראָשן ווי די אויגן אין קאָפּ.

.3

די יאָרן זיינען ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט. מענדעלע האָט זיך ארומגע־קוקט, אַז ער איז שוין אַ גאַנצער בחור : פופצן יאָר אַלט! האָט ער ערגעץ אויסגעזוכט פאַר זיין מאָס אונטערוועש, אַ פּאָר העמדער און אַ געטראָגענעם קאָסטיום און האָט עס ביליג איינגעהאַנדלט. זיך איבערגעטאָן אין די געקויפטע קליידער, האָט ער זיך אליין ניט דערקענט.

ס׳איז אים געוואָרן גוט אויפן האַרצן און ער איז אַוועק זוכן אַ שטעלע, און האָט אויף זיין מזל טאַקע גלייך געפונען עפּעס.

ס׳איז געווען אַ געשעפט פון גאַלאַנטעריי, ווו ער איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ שיקיינגל. ער פלעגט דאַרפן העלפן אויסלייגן די סחורה, וואָס ווערט אָנ־געוואָרפן דורכן טאָג, און פאַרן שליסן די טירן אויסקערן און אויפראַמען.

ער האָט זיך אָפּגעדונגען אַן אַלקערל ביי אַן אַלט פּאָרל און אין די אָוונטן פלעגט ער לויפן אין ביבליאָטעק בייטן ביכער אויף יידיש און פויליש. דאָס לייענען איז אים אין אָנהייב אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך און לאַנגזאַם. ער פלעגט ביז שפּעט אין אָוונט, פאַר אַ קליין לעמפּעלע, שלינגען די ביכלעך, און געפילט אז מיט יעדן טאָג ווערט זיין לערנען בעסער. אָט וועט ער שוין באַלד קענען גוט ביידע שפּראַכן.

ער האָט זיך גיך אויסגעלערנט וואָס עס טוט זיך אין געשעפט, און דער באַלעבאָס, וואָס איז געווען אַן אַלטער בחור, האָט מענדעלען ליב געקראָגן, ווי אַן אייגן קינד. ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאַרקויפער און באַמערקט ווי פעאיק ער איז.

ער האָט אין אַ קורצער צייט שוין געוווסט אַלע פרייזן און דער באַלעבאָס האָט באַמערקט אז ער פירט אַלץ מיט אַ חשבון. נאָר מער נאָך האָט ער באַ־מערקט, ווי אָרנטלעך און איבערגעגעבן ער איז צום געשעפט, האָט ער אים אין אַלץ געטרויט און אפילו געקומען פון צייט צו צייט זיך מיט אים באַראַטן וועגן פאַרשיידענע געשעפטלעכע ענינים.

אין אַ קורצער צייט האָט זיך געביטן מענדעלעס גאַנץ לעבן און פירונג. מיט מענטשן פלעגט ערריידן מיט איידלקייט און אַכטונג, און מ׳פלעגט זיך וועלן חברן מיט אים. זיין נאָמען איז געוואָרן באַקאַנט, און מ׳האָט אפילו פאַר־געסן ווער ער איז געווען און ווי ער האָט אויסגעזען ערשט ניט לאַנג צוריק. קונדן פלעגן וועלן אז ער זאָל זיי באַדינען, ווייל עס איז געווען די העכסטע מאָס פון ערלעכקייט אין זיין צוגאַנג.

איצט האָט ער שוין גוט פאַרדינט און געוווינט אין אַ שיין מעבלירטן צי־מער. ער האָט זיך געקויפט די שענסטע מאָדערנסטע קליידער און קיינעם וואָלט היינט ניט איינגעפאַלן, אז דאָס איז דער זעלבער מענדעלע דער יתום, וואָס האָט ניט געהאַט ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן און וואָס אָפּצועסן.

און טאַקע ווייל ער איז דאָס אַ מאָל געווען פלעגט ער איצט העלפן אָרעמע מענטשן מיט אַלץ — מיט אַ געלעגער און עסן, מיט קליידער און אפילו מיט געלט, אויב יענער האָט זיך גענייטיקט. ער איז געווען צופרידן וואָס ער פאַר־דינט גוט, און נאָך מער איז ער גליקלעך געווען זיך צו טיילן מיט אַ צווייטן.

מענדעלע איז געוואָרן דעם באַלעבאָס׳ רעכטע האַנט און ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם אויפזעער איבער אַלע פאַרקויפער, און אַ סך קונדן האָבן גאָר געמיינט אז מענדעלע איז דער באַלעבאָס פון דעם גרויסן גאַלאַנטעריי־געשעפט.

4.

אין פרימאָרגן, ווען מענדעלע איז פּינקטלעך, ווי זיין שטייגער, געקומען צו דער אַרבעט, האָט ער געפונען דאָס געשעפט פאַרשלאָסן. אין דער זעלבער צייט פלעגט ער און דער באַלעבאָס יעדן טאָג אָנקומען און ביידע פלעגן עפענען דאָס געשעפט. אַ מאָדנער ציטער האָט אַ שלאָג געטאָן אין מענדעלעס האַרץ: קיין מאָל פאַר די אַלע יאָרן האָט עס נאָך ניט געטראָפן. די אַנדערע פאַרקויפער זיינען דערווייל אויך געקומען, אַ פּאָר קונדן האָבן שוין געוואַרט, און ס׳איז געוואָרן רעכט שפּעט.

מענדעלע האָט ניט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן, און איז אַוועק צום באַ־לעבאָס. ער האָט אים געפונען אין בעט, אָפּגעשוואַכט און קרעכצנדיק. ער האָט אים אַ טאַפּ געטאָן און דערפילט אז אַ פייער שלאָגט פון אים. ער ווערט פאַרברענט, האָט מענדעלע געטראַכט, און איז גלייך געלאָפן רופן דעם דאָקטער. ביז דער דאָקטער איז געקומען איז שוין מענדעלע געווען צוריק און האָט אויפגעקאָכט טיי.

דער באַלעבאָס האָט גענומען אַ שלוק און איז צוריק געפאַלן אויפן קישן.

— איך וועל אייך מאַכן וואָס צום עסן, עפּעס וואַרעמס. איר מוזט זיך שטאַרקן! — האָט מענדעלע צו אים גערעדט, נאָר דער באַלעבאָס האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

מענדעלע האָט אים דערווייל צוגעלייגט צום קאָפּ אַ טיכל קאַלט וואַסער. דער באַלעבאָס האָט אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער איינגעדרעמלט.

מענדעלע איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים ביז דער דאָקטער איז געקומען. דער דאָקטער האָט אים אויסגעהאָרכט, געמאָסטן דעם פּולס, די פיבער, אים געגעבן אַן איינשפּריץ און געזאָגט:

— יונגער־מאַן, אייער באַלעבאָס איז ערנסט קראַנק. איר דאַרפט אים ניט געבן צום עסן, אָבער טרינקען מעגט איר אים געבן וויפל ער וויל. איך וועל דאָ פאַרשרייבן אַ רעצעפּט. גייט אין אַפּטייק און מאַכט אים. פּאַסט אויף אויף אים. ביז ער וועט בעסער ווערן איז גוט אז איר וועט זיין מיט אים. לאָזט אים ניט אליין.

מענדעלע האָט געבראַכט דעם רעצעפּט, אים געגעבן צו דער צייט די רפו־אות און אויפגעפּאַסט אויף אים, ווי דער דאָקטער האָט געהייסן. אויף מאָרגן, אז דער באַלעבאָס האָט זיך געפילט בעסער, האָט ער געזאָגט צו מענדעלען:

— איצט גיי אין געשעפט און גיב אַכטונג אויף אַלץ און אַלעמען, ווי פאַר זיך אליין. אָ ט זיינען די שליסלען — ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַק שליסלען.

— און אין אָוונט, נאָכן פאַרשליסן דאָס געשעפט, קום ווידער צו מיר. ס׳איז אומעטיק אַ גאַנצן טאָג אליין.

— אָבער, באַלעבאָס, איך קען ניט גיין אין געשעפט אליין, ס׳איז דאָך ניט מיין געשעפט.

— ווען איך הייס דיר, גיי. כ׳וועל זיך שוין אויפפּאַסן אליין. כ׳פיל זיך בעסער.

האָט מענדעלע געפאָלגט און איז אַוועק אין געשעפט, נאָר איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן.

ער האָט זיך קוים דערוואַרט צו פאַרשליסן די טירן און געלאָפן אין גרויס איילעניש צום באַלעבאָס. די רפואות, וואָס מענדעלע האָט אים אָנגעגרייט ביים בעט, האָט דער באַלעבאָס גענומען אליין, נאָר צו נעמען אַ הייסע גלאָז טיי האָט ער ניט געקענט אויפקאָכן וואַסער. מענדעלע האָט עס איצט געטאָן. ער איז געווען אזוי אָפּגעשוואַכט, אז ער האָט זיך ניט געקענט ארומוואַשן — און מענדעלע האָט דאָס אויך געטאָן. מענדעלע האָט געפילט אז ער איז אָן כוחות און האָט מורא געהאַט ער זאָל ניט אויסגיין אויף זיינע הענט. אזא גוטן פריינד ווי דעם באַלעבאָס האָט ער קיין מאָל אין זיין לעבן ניט געהאַט, האָט ער איצט געבעטן ביי גאָט אז ער זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן. דער באַלעבאָס האָט זיך אַ ווילע דערפילט דערפרישט און קעגן אלע טענות פון מענדעלען אים ווידער געהייסן מאָרגן גיין אין געשעפט. ער האָט מיט אַ גאָר שוואַך קול גע־שעפּטשעט און דערביי געקרעכצט:

— זאָרג זיך ניט וועגן מיר, דו מוזט גיין אין געשעפט. ס׳איז פונקט ווי דיינער.

— אָבער באַלעבאָס, איך גיב סיי ווי אַכטונג אויף אייער געשעפט, ווי ס׳וואָלט געווען מיין אייגנס. אָבער ס׳איז בעסער אז איך זאָל בלייבן מיט אייך. ס׳געשעפט וועט ניט אַנטלויפן.

— איך וועל אויך ניט אַנטלויפן... — האָט דער באַלעבאָס אַ שמייכל גע־טאָן. — און מאָרגן וועל איך שוין זיין בעסער.

נאָר אָנשטאָט בעסער איז דער באַלעבאָס אויף מאָרגן געווען ערגער. דער דאָקטער איז ווידער געקומען און געגעבן אים אַן איינשפּריץ און ווידער פאַר־

שריבן אַ רעצעפּט. אָבער דערפילן פלעגט ער זיך בעסער ווי נאָר מענדעלע פלעגט קומען און ווי אַ גוטע מאַמע אַכטונג געבן אויף אים.

מענדעלע פלעגט פאַרשרייבן יעדן געלייזטן גראָשן און ארויפטראָגן זיין באַלעבאָס דעם חשבון. דער באַלעבאָס פלעגט זיך אויף אַן אמת באַליידיקן און זאָגן, אז ער געטרויט אים מיטן גאַנצן האַרצן און ער זאָל פירן דאָס געשעפט ווי ער פאַרשטייט. אזוי איז געגאַנגען פאַר אַ סך וואָכן. ביז איין טאָג איז ער געקומען פון געשעפט און געפונען זיין באַלעבאָס טויט.

*

ער איז געבליבן זיצן ווי אַ געליימטער ביים בעט און געיאָמערט פאַר שעהען, ביז די שכנים האָבן דערהערט זיין וויינען און כליפּען און מ'איז זיך צוזאַמענגעלאָפן. זיי האָבן געזען אז מענדעלע גייט ממש אַראָפּ פון זינען, און איינער האָט געזאָגט:

— אזוי באַקלאָגט מען אפילו אַ טאַטן ניט...

אַ צווייטער האָט גלייך דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן, כדי די קבורה זאָל פאָרקומען צו דער צייט. און ווען די חברה־קדישא האָט צוגענומען דעם מת, האָבן זיי געפונען אַ בריוו, פון באַלעבאָס אונטערגעשריבן, אז ער לאָזט איבער זיין געשעפט מיט זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַר זיין געטרייען און אָרנטלעכן אָנגעשטעלטן פריינד מענדעלען, וואָס ער האָט אים ליב ווי אַן אייגן קינד.

מענדעלע האָט נאָך די אַלע יאָרן פון ליידן אין זיין קינדהייט, זיך איצט ניט אזוי געפרייט איבער דער גרויסער ירושה, ווי ער האָט געטרויערט איבער דעם גרויסן שאָדן פון פאַרלירן דעם איינציקן און בעסטן פריינד וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין לעבן.

אַ גאַנצן יאָר האָט ער פּינקטלעך אָפּגעהיט צו זאָגן קדיש נאָך זיין גוטן באַלעבאָס. און ער איז זיכער געווען אז גאָט האָט אים צוגענומען אין גן־עדן מיט אַלע צדיקים.

צ יי ט ל

.1

ציטל האָט געשטאַמט פון אַ גאַנץ פאַרמעגלעכע היים. איר פאָטער איז געווען אַן אינזשעניר און פאַרנומען אַ גאַנץ הייכן פּאָסטן. מ׳האָט אים אָפּגעגעבן כבוד און זיי האָבן זיך גערעכנט פאַר אַ חשובע משפּחה. איך בין נאָר געווען אַ שכנטע זייערע און כ׳האָב ציטלען געקענט אַ סך יאָרן, ווען זי איז שוין גע־ווען אַ דערוואַקסן מיידל.

זי איז געווען האַלב שטום און טויב. פאַר וואָס האַלב? ווייל זי פלעגט ארויסריידן האַלבע ווערטער און קוויטשיקע קלאַנגען, וועלכע קיין פרעמדער מענטש וואָלט ניט געקענט פאַרשטיין. איך ווייס ניט צי אפילו די אייגענע האָבן שטענדיק געוווסט וואָס זי מיינט. איר האָט עס געערגערט, ווייל זי האָט דאָך געוווסט וואָס זי מיינט.

ס׳האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן וואָס מ׳ווייזט ניט אַרויס קיין אינטערעס צו איר. פאַר כעס פלעגט זיך זיך צעפּאָכן מיט די הענט און אָנווייזן אויף זיך, ווי זי וואָלט געזאָגט: קוקט, צוליב דעם איז עס אַלץ...

און איר אויסזען האָט טאַקע אָנגעוואָרפן אַ שרעק: איינגעדרייט און קליין און מיט אַ גרויסן הויקער, אַ לאַנג פאַרוועלקט פּנים און אויסגעשטאַרטשעטע אויגן, ווי אַ פיש. און דערצו האָט זי געטראָגן די אַלטע טראַנטעוואַטע קליי־דער, וואָס די שטוביקע האָבן שוין מער ניט געברויכט. און טאַקע, צוליב וואָס האָט ציטל געדאַרפט גוטע קליידער, אַז אין ערגעץ איז זי ניט געגאַנגען, חברטעס האָט זי ניט געהאַט און צו משפּחה האָט מען איר ניט מיטגענומען.

אַ מאָל, אין אַ שבת, פלעגט קומען צו גאַסט אירע אַ ווייטע קוזינע, וואָס איז אויך ניט געווען גלייך מיט אַלע אברים. נאָר יענע פלעגט מען גראָדע גוט אויפּפּאַסן, און אַז זי האָט עפּעס געהאַט אַ גוטע זאַך פלעגט זי זיך טיילן מיט ציטלען. ציטל איז געווען אַ פאַרשטויסענע פון איר גאַנצער משפּחה, און אויסער זיך פאַרשאַפן מיט איר, האָט קיינער ניט געוואָלט וויסן פון איר און קיין איינער האָט אויף איר קיין רחמנות ניט געהאַט. און קיין נאָר איז זי ניט געווען, ציטל, זי האָט עס גוט פאַרשטאַנען.

צייטל איז ניט געבאָרן געוואָרן קיין בעל־מום. עלטערע מענטשן האָבן נאָך געדענקט ווי דאָס איז פאָרגעקומען: אַ ניאַנקע האָט איר, שפּילנדיק זיך מיט איר, אַראָפּגעוואָרפן פון פענצטער פון צווייטן גאָרן אויפן ברוק, ווען זי איז געווען אַ האַלב יאָר אַלט. און מ׳ווייס צו דערציילן, אַז זי איז געווען אַ גערעכטן און שיין קינד.

מ׳איז געלאָפן מיט איר אין גרויסע שטעט, צו באַרימטע דאָקטוירים. אין אַ צייט ארום האָט מען זי צוריקגעבראַכט, איינגעפּאַקט אין גיפּס־באַנדאַזשן, און קיינער פון די דאָקטוירים האָט ניט געקענט פאָרויסזאָגן צי זי וועט בלייבן געזונט. זיי האָבן נאָר געזאָגט, אַז ס׳איז פּשוט אַ נס אַז זי איז בכלל לעבן גע־בליבן. אזוי איז זי לאַנגע מאָנאַטן געלעגן פאַרשנורעוועט אין די גיפּס־פּלאַס־טערס און ס׳איז געווען אַ פּיין עס צוצוזען. אַז די דאָקטוירים האָבן איר אויסגע־פּאַקט פון די פּלאַסטערס, איז עס געווען הימל עפן זיך. אזעלכע קולות פון אַ קינד האָט מען נאָך אין שטעטל ניט געהערט. זי האָט מסתמא געהאַט אומ־באַשרייבלעכע יסורים. נאָך דעם האָט איר קערפּער גענומען ספּאַזמירן, זי האָט זיך געדרייט און געקאָרטשעט און אירע גלידער האָבן אָנגעהויבן ווייזן די ערש־טע ניט נאָרמאַלע סימנים.

מ׳איז ווידער געלאָפן צו דאָקטוירים, נאָר קיינער האָט זי ניט געקענט העלפן. איר הויקער האָט אָנגעהויבן אַלץ גרעסער ווערן, און זי אַלץ קלענער. דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן ארויסקוויטשען די ערשטע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און די שטוביקע האָבן אָנגעהויבן זיך דערוויטערן פון איר.

מ׳האָט זי אַ נאָמען געגעבן שטומע ליאַלע. אַז זי האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם מיין פון זידלוואָרט, האָט זי עס ניט פאַרטראָגן און פלעגט בייז ווערן. שפּעטער פלעגט זי ארויסשטעקן אַ לאַנגע צונג, הינטער יענעמס רוקן, און צו־ריק זידלען אויף איר לשון. אין די אויגן פלעגט זי מורא האָבן עס צו טאָן, ווייל זי האָט געוווסט אַז זי וועט קריגן קלעפּ.

פון נאַטור איז זי געווען אַ גוטהאַרציקע און גרייט צו העלפן יעדער איינעם און צו יעדער צייט, אויב מ׳האָט זיך נאָר מענטשלעך באַצויגן צו איר. און פונקט ווי זי האָט געדאַנקט אַז מ׳האָט זיך אָנגענומען פאַר איר, האָט זי אָבער קיין מאָל ניט פאַרגעסן אַז מ׳האָט איר געטאָן אַן עוולה.

שכל האָט זי געהאַט, ניט לויט איר אויסזען. מ׳האָט געקענט מיינען אַז זי פאַרשטייט גאָר ניט, אָבער זי האָט געקענט ריכטיק אָפּשאַצן זאַכן, און דער עיקר האָט זי געוווסט ווער עס איז איר אַ פריינד און ווער עס וויל איר אויסנוצן. און אויסנוצערס זיינען געווען אַ סך, טאַקע פון דער משפחה, וואָס האָט פאַר־מאָגט נאָך פינף שוועסטער און צוויי ברידער.

זיי האָבן געלערנט אָדער געאַרבעט אויף שטעלעס — און צייטל האָט גע־אַרבעט פאַר זיי. אין שטוב איז טאַקע געווען אַ דינסט, נאָר איין דינסט האָט ניט באַוויזן צו וואַשן, ראַמען און ארומזען ס׳גאַנצע הויז. און ניט די קינדער און אוודאי ניט די מאַמע, וואָס ווי אַן אינזשענירס פרוי האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסע מאַדאַם, האָבן ניט געוואָלט פאַרנעצן אַ פינגער אין קאַלט וואַסער, ווער רעדט שוין וועגן פאַרנעמען זיך מיט שמוציקע אַרבעט — איז די גאַנצע לאַסט געפאַלן אויף דער קרומער אָרעמער צייטל. ווייל ניט געקוקט אויף איר קרומקייט און הויקער, האָט צייטל פאַרמאָגט צוויי שטאַרקע הענט, וואָס האָבן געקענט אויסשייערן אַ צוגעברענטן קעסל און אויסרייבן אַ פּאָדלאָגע, אז מ׳זאָל זיך קענען שפּיגלען אין דעם. האָבן טאַקע מענטשן געזאָגט, אז דער רבונו־של־עולם האָט איר אָפּגעגעבן אין שכל און קראַפט, דאָס וואָס ער האָט צוגענומען פון איר אין גוף.

.2

איך בין געווען אַ שטוביקע. איך בין געווען אַ הענטשקע־מאַכערקע און פלעג נעמען אַרבעט אַהיים. פלעג איך טאַקע אָפּט ארויסקוקן דורכן פענצטער, און צייטל פלעגט אריינקוקן צו מיר. ס׳האָט געדויערט לאַנג ביז איך האָב גע־וואונען איר צוטרוי, ווייל זי האָט זיך געהאַט אָפּגעבריט מיט צו פיל מענטשן און איז ניט געווען צוגעלאָזן. כ׳פלעג צו איר אַ שמייכל טאָן, אָבער צו ערשט האָט עס איר געלאָזן קאַלט. זי האָט מיך געפּאַרשט.

מיט דער צייט האָט זי געזען, אז כ׳האָב ניט אין זינען קיין זייטיקע זאַכן, האָבן אירע בהמישע אויגן באַקומען אַ וואַרעמען גלאַנץ. שפּעטער איז געקומען אַ קרומער שמייכל, ווייל איר מויל איז געווען אויסגעקרימט, אָבער דער שמייכל איז געווען פון האַרצן. גלייך אויף מאָרגן האָט זי שוין געענטפערט מיט אַ קוויטש אויף מיין שאָקל מיטן קאָפּ, און איבערמאָרגן איז זי שוין געווען מיין גאַסט.

כ׳האָב איר געוויזן וואָס איך טו און דאָס האָט איר אינטערעסירט. זי האָט מיר נאָכגעקוקט און גאָר ניט גערעדט, אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן אריבער־קומען אָפטער, האָט זי אָנגעהויבן ריידן וועגן אַלץ, איבערהויפּט וואָס עס האָט איר געדריקט.

זי האָט געשריען מער ווי גערעדט, נאָר איך האָב זיך אויסגעלערנט אויפ־צוכאַפּן פון אירע האַלבע ווערטער און תנועות דעם מיין פון אירע רייד. זי האָט באַמערקט אז איך פאַרשטיי איר און דאָס האָט איר הנאה געטאָן. זי איז שוין

דעמאָלט געווען טיף אין די צוואַנציקער, די עלטסטע פון די קינדער ביי זיי.

איין מאָל האָט זי מיר דערציילט וואָס זי שטייט אויס פון אירע ברידער און שוועסטער, ווי זי ראַמט זיי אונטער, באָדט זיי און וואַשט זיי, און די גרויסע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פייכטקייט. זי האָט זיך איינגעהאַלטן ניט צו וויינען. איך האָב זי ארומגענומען, אַ גלעט געטאָן אויף דער קרומער פלייצע און גע־פילט ווי זי ציטערט. זי האָט מיר אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט.

ווען זי פלעגט אריינגיין צו מיר, פלעגט זי זיך היטן אַז די שטוביקע אירע זאָלן ניט באַמערקן. אפשר וועט ווער ניט וועלן ליידן איר באַזוך ביי מיר און כ׳וועל האָבן אומאַנגענעמלעכקייט, האָט זי עס געוואָלט פאַרמיידן. פלעגט זי קומען אין אַ צייט ווען זי האָט געענדיקט די אַרבעט, איבערהויפּט פאַר נאַכט.

דער באַלקאָן פון זייער צוויי גאָרנדיק הויז פלעגט אריינקוקן דירעקט צו מיין פענצטער און איר מוטער פלעגט ליב האָבן זיך צו ווייזן אויפן באַלקאָן, אַז אַלע זאָלן זי זען. צייטל פלעגט זיך דעמאָלט פאַררוקן אין ווינקל און שווייגן. פאַרשטייט זיך, אַז לאַנג האָט עס ניט געדויערט. ביי צייטלען אין שטוב האָט מען זיך דערוווסט ווו זי פאַרברענגט זיך... מיך האָט עס אוודאי ניט געאַרט און כ׳האָב ניט געהאַט וואָס זיך צו באַהאַלטן.

איין מאָל האָט זי באַמערקט ביי מיר אויפן טיש אַ העפט מיט אַ בלייפעדער, אויף אריינצושרייבן מיינע באַשטעלונגען וואָס איך נעם און וואָס כ׳גיב אָפּ. זי האָט זיך דערפרייט און מיר געוויזן אויף זיך און מיטן האַנט געמאַכט ווי מ׳שרייבט, דאָס הייסט, אַז זי וויל קענען שרייבן. כ׳האָב געמאַכט שטריכן און קייקעלעך אויף אַ בלעטל און איר געגעבן דעם בלייפעדער, זי זאָל עס נאָכמאַכן. כ׳בין געווען פאַרוווּנדערט ווי גוט זי האָט עס געמאַכט, כאָטש מיט אירע קרומע פינגער האָט זי זיך געדאַרפט גוט אָנשטרענגען.

כ׳האָב איר אויפגעשריבן איר נאָמען, איר געוויזן אַז דאָס איז זי — איר נאָמען — און זי האָט געמאַכט אַ צופרידענע מינע, אָבער דאָס איז שוין גע־גאַנגען אַ ביסל שווערלעך. איך האָב ניט געהאַט קיין געדולד און צייט פאַר ווערן איר לערער, אָבער כ׳האָב געזען אַז זי איז גאַנץ פייאיק. האָב איך איין מאָל אָפּגעוואָרט איר מאַמען:

— מאַדאַם, אַנטשולדיקט מיר, — האָב איך איר אומישנע אָנגערופן מיט אַ טיטל וואָס זאָל איר געפעלן, — איר ווייסט אַז אייער צייטל קומט אריין צו מיר.

— אוודאי ווייס איך. איז וואָס ווילט איר מיר זאָגן?

— כ׳האָב אויסגעפונען אַז צייטל וויל זיך לערנען שרייבן, וואָלט איר זיך געדאַרפט פאַראינטערעסירן מיט דעם.

— נאָך דאָס פעלט איר! — האָט זי אַרויסגעפּלאַצט. — פאַר איר איז בעסער צו אַרבעטן.

— אָבער מאַדאַם, אַזעלכע קורסן, ווייס איך, קומען פאַר אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט.

— כ׳האָב בילכערע זאַכן, און כ׳האָב קיין צייט ניט זיך צו פאַרנעמען מיט דעם.

— ווען איך עס טאָן! — האָב איך מיט כעס פאַרהאַקט מיין טיר און זי געלאָזט שטיין.

און כ׳האָב געהאַלטן וואָרט. כ׳בין אוועק און איר פאַרשריבן אויף די קורסן פאַר דערוואַקסענע טויבשטומע מיידלעך. צוויי מאָל אַ וואָך פלעג איך איר אוועקפירן אַהין און אָפּנעמען צוריק. זי איז געווען גליקלעך און האָט מיט ווילדע קוויטשערייען מיר געדאַנקט. כ׳האָב איר נאָך געמוזט צוהעלפן אין לייענען און שרייבן, און עפּעס וואָס האָט זי זיך דאָך אויסגעלערנט.

מיט אַ מאָל האָב איך געקראָגן אַ גרויסע באַשטעלונג און עס איז מיר אוממעגלעך געווען זיך צו פאַרנעמען מיט איר. כ׳האָב עס איר דערקלערט און זי האָט מיר געוויזן אַז זי וויל מיר העלפן. כ׳האָב איר געוויזן ניט צו פיל קאָמפּליצירטע אַרבעט, אין מיין פאַך, און אַ ביסל צייט שפּעטער איז זי געוואָרן אַ גוטער געהילף און כ׳האָב געקענט אויספאַרטיקן פיל מער אַרבעט. האָב איך איר אין פרייטיק דערלאַנגט אין אַ קאָנווערטל אַ ביסל געלט, פאַר דער וואָך. זי איז געוואָרן שטאַרק איבעראַשט, אָבער זי האָט ניט געוואָלט נעמען. כ׳האָב עס איר מיט גוואַלד אריינגעשטופּט.

זי האָט זיך מיט דער צייט גאַנץ גוט אויסגעטויגט און כ׳האָב געפילט אַז איך דאַרף איר מיט עפּעס דערפרייען. ס׳איז געווען פאַר פּסח, בין איך אוועק און איר געקויפט אַ מתּנה: אַ שיינע נייע קלייד. כ׳האָב איר דערלאַנגט דאָס פּעקל, אָבער זי האָט ניט געוווסט וואָס אַזוינס כ׳מיין מיט דעם. האָב איך אויסגעפּאַקט דאָס קלייד און געוויזן אַז ס׳איז פאַר איר.

כ׳וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן איר אויפרעגונג, איר פרייד, די געשרייען פון דאַנק און די טרערן, אָבער מער פון אַלץ, ווי זי האָט געוואָלט קושן מיינע פיס. האָב איך זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און לייכט אַ קוש געטאָן. דאָס איז מסתּמא געווען די ערשטע מתּנה אין איר לעבן און אוודאי איר גליקלעכסטער טאָג. און פון יענעם טאָג האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן מיט פלייס און אַ סך שעהען.

3.

איין טאָג עפנט זיך די טיר און ציײטלס מאַמע קומט אַרײַן. איין גליק וואָס ציײטל איז דעמאָלט גראָדע ניט געווען. אָן צו באַגריסן זיך איז זי גלײַך אַרויס מיט לשון:

— איך האָב שוין גענוג געשוויגן, אָבער ווייטער קען עס אַזוי ניט גיין! זאָגט מיר, מיט וואָס פֿאַראַ רעכט האָט איר עס אַוועקגערויבט מײַן ציײטלען?

— ערשטנס, האָב איך איר ניט אוועקגערויבט, זי איז אַליין צו מיר גע־קומען. און צווייטנס, באַצאָל איך איר אָנשטענדיק און קיינער קען מיר ניט באַשולדיקן.

— אָבער איך האָב קינדער. זיי קומען פֿאַרמאַטערט פֿון די שולן און שטעלעס, און איך אַליין קען ניט טאָן די שטוביקע אַרבעט. און איצט זאָגט די דינסט, אויב ציײטל וועט איר ניט העלפֿן, ווי פֿריער, וועט זי אוועקגיין. וואָס מיינט איר, ס'איז הפקר?

— מאַדאַם, — האָב איך געפּרוווט מיט גוטן, — איר האָט איר ניט גע־וואָלט לערנען, האָב איך עס געטאָן. און אָט האָב איך איר געלערנט מײַן פֿאַך און קיין רבי־געלט ביי אײַך ניט גענומען. און פֿאַר איר אַרבעט צאָל איך איר, טאָ וואָס קומט איר דאָ מיט טענות?

— כ'וויל איז זאָלט איר אַרויסיאָגן, דאָ איז ניט איר אָרט.

— איך יאָג פֿון מײַן שטוב קיינעם ניט אַרויס. מײַן טיר איז אָפֿן פֿאַר אַלעמען, אַפֿילו פֿאַר אײַער קראַנקער טאָכטער, ווייל אײַער ציײטל איז פֿיין און אײדל, כאָטש איר שאַצט עס ניט אָפּ. איר פֿאַרשטייט ניט אײַער קינד, איר האָט ניט קיין רחמנות.

— אַ נײַע פֿאַרשטײערקע אויף ציײטלען... אַ רחמנותניצע, האַ? הערט נאָר! — האָט זי זיך צעשריען מיט גוואַלדאַוונע קולות. — איר וועט מיר ניט געבן פֿריקאַזן!

אין מיר האָט געקאָכט אַ כעס און איך האָב זיך צעשריען נאָך העכער:

— וואָסי? איר האָט זי געמאַכט פֿאַר אַ דינסט פֿאַר זיך און אײַערע קינ־דער, אַז זי זאָל אײַך אונטערראַמען. איך ווייס אַלץ: די קינדער האָבן גרויסע מיילער קעגן אײַך, און איר אַלע האָט זיך אָנגעזעצט אויף ציײטלען און דער־גייט איר די יאָרן. גענוג!

— וואָס, איר וועט מיר זאָגן גענוג? מיר קאָרמענען דערוויל ציײטלען, ניט איר!

— איר קאָרמעט איר? ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן. אַלץ וואָס בלײַבט פֿון

אַלעמענס טעלער, גיט איר איר צום עסן, און איר גיט איר די אַלטע פּאַרפּוילטע קליידער, וואָס אַ שלעפּער וואָלט זיי ניט געטראָגן. — האָב איך צוריקגעשריען צו דער פרוי.

— איך בין די מאַמע און ס'איז ניט אייער עסק. כ'וועל איר ניט דערלויבן מער אריינצוקומען צו אייך, איר פאַרשטייט?

— און אויב איר זייט אַ מאַמע מעגט איר טאָן מיט צייטלען וואָס איר ווילט? איר מיינט אז איר מעגט פייניקן אַן אומגליקלעכע מיידל, אויב זי איז אפילו אייער טאָכטער?

— וואָס זאָגט איר אויף דער יושר־זוכערקע, האַ? איך שטעק זיך ניט אין אייער הענטשקע־מאַכעריי, און איר שטעקט זיך ניט אין מיינע געשעפטן, איר הערט?

— אויב איך וועל זיך ניט שטעקן, קען איך אָבער מאַכן אז אַנדערע זאָלן זיך שטעקן. מ'וועט אייך באַשטראָפן און איר וועט נאָך האָבן שאַנדע דערצו. מ'וועט שרייבן וועגן דעם אין די צייטונגען, איר הערט!

אויף דעם האָט זי זיך ניט געריכט. פאַר כעס איז זי בלאַס געוואָרן. וואָלט זי געהאַט גענוג כוחות, וואָלט זי מיר איצט באַפאַלן און צעריסן. זי האָט מיר אָנגעקוקט א צעטומלטע און מיט אַ מאָל ארויסגעפּלאַצט:

— פון אַ הענטשקע־מאַכערקע קען מען בעסערס ניט פאַרלאַנגען. אָבער מער זאָל צייטלס פוס ניט קומען אויף דיין שוועל, דו הערסט?

איר אריבערגיין אויף דו האָט מיר אזוי באַליידיקט, אז איך האָב אַ שפּרונג געטאָן צו איר און אָנגעוויזן אויף דער טיר: — ארויס! ארויס! איר הערט, גראַנד־דאַמעטשקע...

זי איז ניט געווען געווינט אז עמעצער זאָל איר זאָגן דעם אמת אין די אויגן, אָבער אויף אזא אָפּשניט, אז מ'זאָל איר ארויסטרייבן, אויף דעם האָט זי זיך ניט געריכט. זי האָט אַלץ געמיינט, אז איך קען קיין צווויי ניט ציילן, וויל איך פלעג איר זאָגן אַ שטילן „גוט מאָרגן, מאַדאַם", און זי פלעגט מיר טאָן אַ טובה און אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, און דאָ גאָר טרייב איך איר ארויס...

ווי זי האָט זיך ארויסגעשאַרט געדענק איך ניט, וויל כ'בין אליין געווען פאַרוווּנדערט פון מיין חוצפּה. נאָר ווי איך בין געבליבן אליין האָב איך זיך ביטער צעוויינט. ס'האָט מיך פאַרדראָסן די קריגעריי. נאָך אַלעמען איז דאָך צייטל פאָרט איר טאָכטער, טאָ נאָך וואָס דאַרף איך זיך מישן. מיין געוויסן האָט מיך ניט צורו געלאָזט: זיי האָבן דאָך איר אויפגעהאָדעוועט און געליטן פון איר, געוואָלט זי ראַטעווען און געפירט צו די גרעסטע דאָקטוירים. ביי מיר איז רעכט געווען צו לויפן זיך איבערבעטן.

כ׳בין געווען פאַרצווייפלט. שכנים דאַרפן לעבן גוט. און פאַר וואָס דאַרף איך עס גראָדע זיך איינרייסן פאַר צייטלען, אז אַ גאַנצע שטאָט, אַ גאַנצע גאַס, אַלע שכנים ארום שווייגן.

ווען צייטלס מאַמע איז געקומען, האָב איך זיך געאיילט מיטן ארויסענדיקן אַ פאַרטיע אַרבעט. די באַשטעלערס האָבן געוואַרט אויף דעם, געזאָלט שיקן אָפּנעמען, און דאָ בין איך געבליבן אָפּהענטיק און שוין גאָר ניט געקענט טאָן. די הענט האָבן ניט געהויבן. איך האָב פאַרדעקט די אויגן מיט די הענט און געזעסן אַ לאַנגע צייט אומבאַוועגלעך.

4.

פלוצלינג הער איך אַ שטיל גערויש, ווי עמעצער וואָלט באַזאַכט אויפגע־מאַכט די טיר, און אַ מאָדנער קלאַנג דערגייט צו מיין אויער. כ׳האָב גלייך דערקענט צייטלס געשריי. איך גיב אַ קוק, זי שטייט ביי דער טיר און שרייט צו מיר און מאַכט מאָדנע מיט די הענט.

כ׳האָב איר קיין מאָל ניט געזען אין אזא אויפגערעגטן צושטאַנד און בעת־מעשה האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס אַלץ באַדייט. נאָר ווי זי האָט אָנגעהויבן ארויסקוויטשען די אָפּגעהאַקטע קלאַנגען מאַ... מאַ... און אָנגעוויזן אויף מיר מיט קרומע שטעכעדיקע פינגער, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אז זי זאָגט עס מיר אז איך האָב באַליידיקט איר מאַמען און זי איז צוליב דעם אין כעס מיט מיר. כ׳האָב זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט צוגיין צו איר און זיך אַנטשולדיקן, נאָר זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און ארויסגעלאָפן, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, ווי אַ פּראָטעסט קעגן מיין האַנדלונג.

דאָס וואָס זי האָט זיך אָנגענומען פאַר איר מאַמען, האָט מיך נאָך מער דערדריקט. פאָרט אַ קינד! האָב איך געטראַכט, און איך בין אין גאַנצן אַ פרעמדע. כ׳האָב פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אז די מאַמע האָט איר געצוואונגען צו גיין צו מיר. די איינציקע מעגלעכקייט איז געווען, אז זי איז אָנגעקומען הינטער מיין טיר און זיך צוגעהערט צום סקאַנדאַל און ווי איך האָב איר מאַמען ארויסגעטריבן...

אָבער וואָכן שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, אז ניט ווילנדיק האָב איך פאַרדינט אַ מיצווה, וויל די גאַנצע באַציאונג צו צייטלען האָט זיך מיט אַ מאָל געענדערט. צו מיר אין הויז איז זי שוין מער ניט אריינגעקומען. זי פלעגט גיין ארום, פון דער ווייט, אָבער איך האָב זי די גאַנצע צייט אָבסערווירט. כ׳האָב באַמערקט אז זי טראָגט אַ ריין קליידל, אויף שבת — אפילו אַ ניי

אַנטועכץ. און מיין קלייד, די מתנה, וואָס זי פלעגט אָנטאָן אין די שבתים, טראָגט זי שוין מער ניט. כ׳האָב אויך באַמערקט, אַז אַ פּרוי קומט העלפן דער דינסט. אָבער מער פאַר אַלץ איז געווען די איבערראַשונג, וואָס פון צייט צו צייט פלעגט מען איר מיטנעמען, ווען די פאַמיליע פלעגט ערגעץ ארויסגיין. דאָס פלעגט מען אפשר טאָן, אַז איך זאָל איר ניט קענען ארייננאַרן צו מיר אין הויז...

איך בין געווען צופרידן פון מיין טיפסטן האַרצן פון דער דאַזיקער ענדערונג. עס איז אוודאי געווען אַ רעזולטאַט פון דער קריגעריי, און דעם אמת זאָגנדיק האָב איך געבענקט נאָך דער אָרנטלעכער באַשעפעניש, וואָס הייסט צייטל. נאָר מיין הנאה איז געווען צו קוקן פון אַ פענצטער־ווינקל, ווי אַלע קינדער גייען צוזאַמען מיט צייטלען, ווי זיי לאַכן, שטיפן, אָבער זידלען איר ניט מער „שטומע ליאַלע״. ס׳איז געווען קענטיק אַז די מאַמע איז געקומען צום פאַרשטאַנד, אַז איר טאָכטער, די קריפּל, איז פּונקט איר אייגן קינד, ווי אַלע אנדערע קינדער, און זי דאַרף איר באַהאַנדלען ווי אַ מענטש.

דאָס האָט מסתמא געווירקט אויך אויף אַלע אַנדערע קינדער. און די הויפּט־זאַך: מ׳האָט שוין פון צייטלען ניט געהערט אזוי פיל קוויטשערייען און געשרייען. זי פלעגט זיך אָנשטרענגען צו ריידן געלאַסן און ארויסברענגען מער פאַרשטענדנישפולע ווערטער. דאָס איז געווען ווי אַ רפואה פאַר מיר. זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ מענטש, ניט ווי אַ שקלאַף.

*

אַ יאָר שפּעטער, ווען איך האָב זיך געגרייט אָפּצופאָרן קיין אמעריקע, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז כ׳מוז זיך איבערבעטן מיט צייטלס מאַמען, וועמען כ׳האָב באַליידיקט, און זאָגן אַ זיי־געזונט צו צייטלען.

— מאַדאַם זאַלצמאַן, — האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי איר טיר און זי אָנגערופן ביים נאָמען, כדי צוצוגעבן אַ טאָן פון פריינדשאַפט מיינע רייד. — כ׳בעט אייך אַנטשולדיקן מיר, ווייל איך האָב אייך דעמאָלט באַליידיקט, און איך באַדויער עס זייער.

— אָ, עס טרעפט אַ קריגעריי ביי שכנים. לאָמיר ניט ריידן מער וועגן דעם. — איז זי געווען זייער אנטקעגנקומענדיק און העפלעך. — כ׳האָב געהערט איר פאָרט קיין אַמעריקע, טאָ פאָרט געזונטערהייט און איר זאָלט דאָרט געפינען אייער גליק.

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב איר אָנגעוווּנטשן צען מאָל אזוי פיל. נאָר די גרעסטע איבערראַשונג איז געווען, אַז זיי האָבן מיר אויף מאָרגן פאַרבעטן אויף אַ געזעגענונג צו זיי אין שטוב. איך בין געווען גערירט און דאַנקבאַר. און ביז היינט פיל איך נאָך דעם קוש פון צייטלען אויף מיינע ליפּן.

שמעון דער בעקער

.1

שמעון דער בעקער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט. ער האָט מער ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: ס׳האָט געוויזן נאָענט צו דריי. ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָט ער זיך געלייגט שלאָפן און פילט נאָך איצט די מידקייט אין די ביינער. אַ שווערע פּרנסה די בעקעריי. ער וואָלט נאָך איצט גערן געכאַפּט אַ ביסל שלאָף, אויסגערוט זיך נאָך אַ שעה, אָבער היינט מוז ער צוגרייטן די גרויסע באַשטעלונג פאַר דעם גבירס טאָכטער, וואָס גייט חתונה האָבן מיטן רבס זון. אַ קלייניקייט וואָס היינט וועט זיך אָפּטאָן.

ער איז געבליבן זיצן אויפן ברעג בעט. אין גאַס איז נאָך געווען שטאַרק פינצטער. אויפן הימל האָבן געבליאַסקעט אַ פּאָר שטערן. ווען ניט די טראַכטעניש, וואָלט ער איצט ווידער איינגעשלאָפן. זאָל איך דאָס פאַרדינען אין אַ יאָר, וואָס בײדע מחותנים וועט עס אָפּקאָסטן, האָט ער זיך געווונטשן.

ס׳איז אַ זעלטענע זאַך, אז אַ רבי זאָל זיין אזוי רייך, אָבער דאָס איז ווייל ער האָט געקראָגן אַ ירושה פון אַ שוועסטער אַן אַלמנה, וואָס איז געשטאָרבן ניט לאָזנדיק קיין קינדער. און דער רב האָט אין גאַנצן דעם איין זונדל, וועט זיי אוודאי ניט פעלן פון פויגלמילך. און אויף דער חתונה היינט וועלן פליען געבראָטענע טייבעלעך גלייך אין מויל אריין. אפילו אַלע אָרעמע־לייט האָט מען פאַרבעטן, מיט האַק און פּאַק...

שמעון האָט זיך אָנגעבויגן אונטערן בעט און ארויסגעצויגן די אין מעל און טייג פאַרשמירטע שטיוול, האָט זיי ארויפגעצויגן מיט אַ קרעכץ איבער די הויזן און אָנגעטאָן דעם קאַפּטאַן. איבער דעם האָט ער ארומגעוויקלט דעם ווייסן שירץ און עס גוט פאַרבונדן, עס זאָל זיך ניט נאָכשלעפּן און שטערן אין דער אַרבעט. ער האָט זיך שטיל פון בעט אַראָפּגעשאַרט, כדי ניט אויפצוועקן זיין ווייב, פריידעלען. זאָל זי נאָך שלאָפן אַ ביסל, זי האָרעוועט גענוג.

ער האָט האַסטיק אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, ארויפגעצויגן דאָס היטל און אָנגעהויבן מורמלען אַ ברכה. ער האָט זיך אין דער טונקל ארומגעקוקט און

געווען צופרידן וואָס פריידעלע האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט. באַלד וועלן אויפ־שטיין די קינדער. זי דאַרף זיי ארויסלאָזן צום לערנען. גאָט צו דאַנקען, זי איז אַן איבערגעגעבענע ווייב, זי העלפט אונטער מיטן פאַרדינען, האַלט די חשבונות, פאַרפאַקט פאַר די קונדן די פּעקלעך און זעקלעך און העלפט אויך מיטן אויס־וועלגערן די געבעקס. מ׳דאַרף דירה־געלט און געלט פאַר לערנען, אַ שוך און קלייד — און אז מ׳דאַרף עס אַלץ מוז מען אויפשטיין פרי. ווער ס׳איז ניט פויל, דער האָט אין מויל, דערמאָנט זיך שמעון אַ ווערטל. סחורה אין די קראָמען פעלט ניט אויס, אָבער מ׳דאַרף האָבן מיט וואָס צו קויפן. און יונגע קינדער ווילן אַלץ, זיין לייטיש אָנגעטאָן.

שמעון האָט נאָך געהאַט אַלץ צוגעגרייט פון נעכטן: דייזשעס, פּאַנען, פורעמס, הייוון און געווירצן. די מעל איז שוין געשטאַנען אויסגעזיפּט. ער האָט אריינגעשאָטן אין איין מולטער מעל און אויסגעקנעטן די חלה, אין אַ צווייטן מולטער האָט ער צוגעגרייט אַ טייג פאַר מילכיקס, אין קלענערע געשירן — ביסקוויטן, זיסע בולקעלעך און קיכלעך. און אז מ׳הייצט שוין יאָ דעם אויוון, האָט ער אין דער גרויסער דייזשע פאַרקנאָטן ברויט, וואָס וועט ביז ביי טאָג אויפגיין. איצט האָט ער אויפגעקלאַפּט די באַבקעס פון געלכלעך און האָניק.

ער האָט זיך געוווּנדערט ווי גיך ער האָט דאָס אַלץ געמאַכט. די האָלץ אין אויוון איז שוין אויך געווען אויסגעלייגט, מ׳האָט בלויז געדאַרפט צולייגן אַ שוועבעלע עס זאָל אָנהויבן פלאַמען. ווינטער, אז מ׳וויל אז דאָס געבעקס זאָל אויפגיין און געראָטן, מוז מען הייצן דעם אויוון אַ גאַנצע נאַכט, נאָר איצט, אין מיטן זומער, איז אַ מחיה.

שמעון קען נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין, ווי אזוי ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם פאַך, אז דער באַלעבאָס האָט אים צו קיין זאַך ניט צוגעלאָזן. ער איז גע־ווען אַ שיקייינגל: שלעפּן פּעק, דערלאַנגען צום האַנט, און נאָך דער ארבעט אויפראַמען, אויסקערן, און זיך יאָגן נאָך מייז, וואָס האָבן דאָרטן ניט געפעלט. אַלע ווײַלע פלעגט ער דאַרפן זוכן די קאַץ, וואָס פלעגט כסדר אַנטלויפן.

אָבער איין זאַך האָט ער געוווּסט, שמעון, אז די גאַנצע תורה פון בעקעריי ליגט ביים באַלעבאָס אין ביכעלע. דאָרטן פלעגט זיין פאַרשריבן יעדע קליי־ניקייט: וויפל מעל און הייוון, זאַלץ און צוקער, אייער און געווירץ. ער האָט געזען ווי דער באַלעבאָס היט זיך ניט צו מאַכן אַ טעות, עטוואָס מער אָדער ווייניקער און מ׳קען די טייג ארויסוואַרפן פאַר די הינט. דער באַלעבאָס פלעגט אַלץ פאַרשרייבן מיט אַ קלאָרער האַנטשריפט און ער פלעגט אָפט פאַרגעסן, וווּ ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס ביכעלע, פלעגט שמעון גיין כלומרשט די קאַץ זוכן און כאַפּן אַ קוק אין ביכעלע. ער פלעגט זיך איינחזרן וואָס דאָרט איז פאַר־

שריבן און נאָך דעם עס איבערשרייבן אין אַ העפט וואָס ער האָט געהאַלטן באַהאַלטן.

דער באַלעבאָס זיינער איז ניט געווען ניט צו ריין און ניט צו פּינקטלעך, פלעגט ער אין איילעניש פאַרגעסן אריינצושיטן זאַלץ צי צוקער, אָדער פלעגט אַ מאָל אריינקלאַפּן אַ פאַרשטונקענע איי און מוזן אַלץ ארויסוואַרפן. אָבער זיין פריידעלע זעט אַז אַלץ זאָל זיין ריין. יעדע חלה שיינט, אַז דער קייסער אליין מעג עס עסן. דערפאַר האָט טאַקע שמעון אַזאַ קונדשאַפט, און ניט נאָר יידן נאָר אפילו גויים קויפן ביי אים. מ׳ווייס אַז קיינעם נאַרט ער ניט אָפּ. אָט, די צווייטע בעקעריי, וואָס די יידן האָבן אַ נאָמען געגעבן איר באַלעבאָס דער טערק, פאַרקויפט נעכטיקע געבעקס פאַר פרישע און רעכנט דעם זעלבן פּרייז — ניט שמעון.

שמעון איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי די טייג אין אַלע כלים האָט אָנגעהויבן אויפגיין. אַז ער האָט דערזען ווי די טייגן הייבן זיך, איז ער שוין אַלע מינוט געלאָפן אַכטונג געבן, באַטראַכט ווי געראָטן עס איז ארויסגעקומען און געדאַנקט גאָט. דערווייל, ביז ס׳וועט אויפגיין ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, האָט ער אויסגעבאַקן די בלעכן ביסקוויט און די קיכלעך.

ער האָט צוגעשטעלט אין דער גרויסער נייער פאַן עטלעכע ליטער מילך, צו פאַרמישן אין טייג פון געבעקס. ער איז געלאָפן פון איין אָרט צום צווייטן און זיך פשוט ארויסגעיאָגט די נשמה, ווייל ער האָט געדענקט ווי ניט לאַנג צוריק איז אויסגעלאָפן די גאַנצע פאַן מילך און אַ לעצט ביסל האָט זיך צוגע־קלעפּט צום דעק, אַז מיט צוואַנגען האָט מען עס ניט געקענט אָפּרייסן. האָט ער טאַקע איצט געקויפט אַ נייע פאַן, ווייל אַזאַ חתונה מאַכט זיך ניט אַלע טאָג, אפילו ניט אַלע יאָר, און דער פאַרדינסט קלעקט פאַר אַלץ. ער האָט געפּרוווט אויסחשבונען וויפל ס׳וועט אים בלייבן, נאָר דער קאָפּ איז צו פיל פאַרנומען געווען מיט אַנדערע זאַכן און ער האָט עס ניט געקענט באַרעכענען.

— אַ גוט מאָרגן דיר, מיין בריה! — זאָגט פריידעלע צופרידן הינטער זיין פּלייצע.

שמעון טשוכעט זיך אויס פון זיינע געדאַנקען, וואָס פּלאָנטערן זיך אים אין מוח.

— אַ גוט מאָרגן, מיין וויבעלע! — דרייט זיך שמעון אויס צו איר. — וואָס האָסטו זיך געאיילט? האָסט נאָך געקענט שלאָפן, זיך אָפּרוען. האָסט זיך נעכטן געגנוג אָנגעהאָרעוועט. כ׳וואָלט זיך דאָ אליין ארומגעטאָן, נאַרעלע... — זאָגט ער מיט ליבשאַפט.

— כ׳זע אז דו האָסט זיך שוין גאַנץ פֿיין ארומגעטאָן. די קיכלעך זיינען שוין פּאַרטיק, און טאָקע שיין ארויס, און אַלע ביסקוויטן ליגן שוין אויף די בלעכן, גרייט אין אויוון אריינצושטעלן. און דו אליין האָסט נאָך גאָר ניט גע־האַט אין מויל. דאָרט, אויפֿן טיש, האָב איך צוגעגרייט עפּעס, נעם אַ קיכל און גיי כאַפּ איבער ס׳האַרץ.

שמעון האָט הנאה וואָס זיין פֿריידעלע לויבט אים און זאָרגט פֿאַר אים.

— טאָ וואָס האָסטו זיך געאיילט, נאַרישע יידענע? — קלינגט זיין שטים מיט גוטסקייט.

— איך בין שוין לאַנג געלעגן וואַך, כ׳האָב ניט געקענט מער שלאָפֿן. איך וועל אריינשטעלן די בלעכן. נו, גיי שוין. בייס עפּעס איבער. — בעט זי זיך ביי אים.

— די קינדער שלאָפֿן נאָך. — רעדט שמעון גייענדיק צום טיש. — זאָלן זיי שלאָפֿן, עס איז גענוג פֿרי פֿאַר זיי. נאָר ווי מיר פֿאַרענדיקן מיטן געבעקס, האָב איך אַ פּלאַן.

— וואָס איז דיין פּלאַן, שמעון? — פֿרעגט פֿריידעלע מיט נייגער.

— ווי נאָר די קראָמען עפֿענען זיך, וועלן מיר פֿאַרשליסן אונדזער בעקעריי אויף אַ האַלבע שעה און אַלע אוועקגיין און קויפֿן פֿאַר די קינדער — שיכלעך, און פֿאַר דיר — אַ קלייד. שוין צייט אז דו זאָלסט לאָזן הענגען דיין חתונה־קלייד אין שראַנק.

— אָבער שמעון, איך דאַרף קיין קלייד ניט. כ׳וועל אראָפּנעמען די שלעפּע און צוגייען עטלעכע קרעלן און ס׳וועט זיין גוט פֿאַר היינטיקער חתונה. כ׳קען נאָך וואַרטן.

— כ׳וויל ניט מער דו זאָלסט וואַרטן און אָפּלייגן פֿון יאָר צו יאָר! — זאָגט שמעון שטרענג. — דו אַרבעטסט אזוי פֿיל. און האָבנדיק אזאַ גוטע ווייב, וואָס אַרבעט מיט מיר האַנט ביי האַנט, וויל איך זאָלסט זיצן היינט מיט מיר אויס־געפּוצט אין אַ ניי קלייד.

— ווייס איך וואָס? — מאַכט פֿריידעלע אַוועק זיינע רייד. — אַלע ווייבער אַרבעטן.

— אָבער ניט אזוי פֿיל ווי דו, פֿריידעלע! כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט דיר נעמען אַ באַהעלפֿעריך, נאָר דו האָסט זיך איינגעשפּאַרט: ווילסט אַלץ טאָן אליין.

— אַבי איך טו זיך ארום אליין! — איז זי צופֿרידן וואָס דער מאַן רימט איר. — אָט האָב איך נעכטן אויסגעוואַשן אַ באַלייע גרעט, די פּאָדלאָגעס אויס־געשייערט און אויפֿגעראַמט יעדער ווינקעלע און ס׳איז מיר נאָך געבליבן גענוג צייט דיר צו העלפֿן.

— און דו האָסט דאָך נאָך אויסגעשייערט אַלע קופּער, אפילו די אַלטע מעדניצע פון דיין עלטער־באָבען, וואָס האָט שוין באַלד קיין דעק ניט, האָסטו געשייערט אפשר אַ שעה צייט. — דערמאָנט איר שמעון און זוכט פאַר איר אַ קאָמפּלימענט. — זי שיינט דאָך ווי אַ נייע.

— וואָס מיינסטו, די מעדניצע איז אַלט אפשר אַ פּאָר הונדערט יאָר, — גייט פריידעלע אריין אין התפּעלות. — אייביק קען זי זיך דאָך ניט האַלטן. ווייסטו וויפל הונדערט צי אפשר טויזנט מאָל מ׳האָט אין דער מעדניצע געפּרעגלט ברוסניצעס, טרישקאָוועס און קאַרשן. און איצט קומען נאָך ווייבער לייען ביי מיר די מעדניצע.

דער שמועס פירט זיך צווישן מאַן און ווייב בעת דער אַרבעט. שמעון האָט שוין לאַנג איבערגעביסן און פריידעלע האָט שוין די ביסקוויטן פאַרטיק.

— וועלן מיר דיר היינט קויפן אַ קלייד, אז אַלע ווייבער וועלן דיר מקנא זיין! — לאָזט שמעון ניט אָפּ און מיט דער הילצערנער לאָפּעטע ציט ער ארויס די חלה פון אויוון.

— און פאַר דיר, שמעון, וועל איך אויסקלייבן אַ נייעם שניפּס. צי אפשר גאָר אַ שוואַרצן שלייפל. אין דער מאָדע איז אפילו רויטע שלייפלעך אויך. — ווייזט זי איר קענטשאַפט. — זע נאָר ווי געראָטן די חלה איז! — שרייט זי מיט אַ מאָל אויס. — ווי די ליכטיקע זון. זי קוקט א צעשמייכלטע ווי שמעון ציט ארויס די גאָלד־געלע חלות.

אין אַ פּאָר שעה ארום איז אַלץ געווען פאַרטיק און אין שטוב האָט זיך געטראָגן דער גערוך פון פרישע געבעקס. פריידעלע און שמעון האָבן זיך גענומען פונאַנדערסאָרטירן די סחורה, זיי האָבן אוועקגעלייגט אין אַ זייט פאַר דער חתונה־באַשטעלונג, פאַר די שטענדיקע קונדן און דאָס איבעריקע צום פאַרקויפן. זיי זיינען געווען זיכער, אז ווי נאָר זיי עפענען די טירן וועט מען אַלץ צעכאַפּן. די זון איז אָקערשט געווען ארויס אויפן הימל און ס׳האָט זיך געשטעלט אַ שיינער טאָג.

.2

פלוצלינג איז געקומען צולויפן, אַ פאַרסאָפּעטער, דער טערק און זיי דערציילט אַ גאַנצע מעשה: זיין יידענע איז געווען קראַנק אַ גאַנצע נאַכט און ער האָט צוליב דעם ניט געקענט שלאָפן, איז ער איינגעשלאָפן ווי נאָר ער האָט אריינגעשטעלט די געבעקס אין אויוון, און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין אַלץ געווען פאַרברענט אויף קויל.

— העלפט מיר ארויס מיט אַ ביסל געבעקס, ר׳ שמעון! — האָט ער זיך געבעטן.

— הייגט קענען מיר ניט! — האָט שמעון געזאָגט. — מיר האָבן געבאַקן פאַר דער חתונה און פאַר די קונדן, און ס׳איז כמעט גאָר ניט געבליבן צום פאַרקויפן.

פריידעלע איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געזען ווי דער טערק איז בייז און באַליידיקט. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ביי זיי האָט צוגעברענט ניט לאַנג צוריק די מילך און זיי זיינען געבליבן אָן איין בייגעלע אפילו, איז זי אריבער צום טערק און געוואָלט קויפן אַ פאָר צענדליק קוכעלעך און באַצאָלן ווי מ׳רעכנט אַלעמען, האָט דער טערק איר מיאוס באַליידיקט. טראָגט זיך אָפּ, האָט ער געזאָגט, און שיקט אייערע קונדן צו מיר.

זי האָט דעמאָלט זיך ניט געוואָלט צעווערטלען איבער אַ ביסל געבעקס, האָט זי געזאָגט זייט געזונט און איז אַוועק. מ׳קען זיך דאָך שוין אזוי פיל יאָרן, איז ניט כדאי זיך צו קריגן. אָבער איצטער האָט איר פאַרדראָסן און זי האָט עס אים געוואָלט דערמאָנען, נאָר אײדער זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט שוין דער טערק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז צוריק געלאָפן צו זיך אין בעקעריי.

אז פריידעלען איז אָפּגעגאַנגען דער כעס, האָט זי גענומען איינע פון די שענסטע באַבקעס, עס פיין איינגעפּאַקט און האָט געזאָגט שמעונען, אַז זי גייט זען וואָס די טערקיכע מאַכט. זי האָט איר געפונען ליגנדיק אין בעט אַ בלאַסע און אַן אָפּגעשוואַכטע, האָט זי געמאַכט אַ גלאָז טיי און עס איר צוגעטראָגן צום בעט.

אין אַ שעה ארום איז דער טערק געקומען צולויפן זיך איבערבעטן. ער האָט געזאָגט, אז זיין יידענע פילט זיך בעסער. ער האָט אַ פאַרשעמטער באַדאַנקט פריידעלען און איר געזאָגט, אז זי האָט איר געראַטעוועט. פריידעלען האָט עס הנאה געטאָן, וואָס מ׳איז גוט געוואָרן.

דערווייל האָט זיך אין שטאָט ביי די יידן געקאָכט מיט דער חתונה. ניט געווען קיין היים, ווו מ׳האָט זיך ניט געגרייט. אַלע זיינען געווען פאַרבעטן.

פריידעלע און שמעון האָבן זיך שוין איינגעקויפט נייע זאַכן, אָבער דאָס איז געווען מער צו פאַרדעקן די אַלטע. אזוי האָט די ווייסע שאַל פאַרשטעלט דאָס אָפּגעטראָגענע קלייד, און פריידעלע האָט די האָר פאַרקאָמט אין אַ קוקלע. זי האָט אויסגעקוקט שלאַנק און אירע אויגן האָבן געשיינט.

— עס קליידט דיר צו דיין פנים, ער ווערט ליכטיקער, — האָט שמעון געזאָגט.

— האָלטסט מיר אין איין געבן קאָמפּלימענטן, — האָט פריידעלע קאָ־קעטירט.

— ניין, פריידעלע, ס׳איז ניט קיין קאָמפּלימענט, — האָט זיך שמעון באַ־לײדיקט, — כ׳זאָג נאָר דעם ריינעם אמת. און ווי ער וואָלט געוואָלט באַשטע־טיקן אז ער מיינט עס טאַקע אויף אַן אמת, איז ער צוגעגאַנגען צו פריידעלען, זי ארומגענומען און אַ קוש געטאָן. ניטאָ זיך וואָס צו שעמען, זיי זיינען דאָך מאַן און ווייב, האָט שמעון געטראַכט. נאָר פריידעלע האָט זיך אַ ביסל פאַר־שעמט. דאָס איז געווען אַ סימן פון איר איידלקייט.

3.

אין דער זעלבער שטאָט האָט געלעבט אַ פאָר פאָלק מיט אַ זון. זייער כאַטקע איז געשטאַנען ווייט פאַררוקט, אין עק פון אַ פעלד, און זיי זיינען גע־ווען אָפּגעזונדערט פון אַלץ און אַלעמען. מ׳פלעגט זיי זעלטן זען און כמעט קיינער האָט זיי ניט געקענט. צו ערשט האָט מען טאַקע ניט געוווסט, צי זיי זיינען יידן צי קריסטן, ווייל ניט מ׳האָט זיי געזען אין שול און ניט אין קלויסטער.

די קינדער פלעגן טאַקע אָפט פאַרקריכן ביז צו זייער כאַטע, אָבער זיי האָבן פון דרויסן גאָר ניט געזען און ניט געקענט דערציילן וואָס דאָרט טוט זיך. פון וואָס זיי האָבן געלעבט האָט קיינער ניט געוווסט, נאָר מ׳האָט געקענט פאַר־שטיין אז קיין גרויסע גבירים זיינען זיי ניט, ווייל זייער כאַטע איז אַ מאָל געווען אַ האָלצסקלאַד, וואָס האָט געפוילט און געהאַלטן ביים איינפאַלן.

אין שטעטל זיינען אין גאַנצן געווען אַרום פופציק יידישע משפחות און איינע די אַנדערע האָבן געקענט. אין שול איז טאַקע געווען אַ מודעה פון רב און דעם רייכן מחותן, אז אַלע שטעטלשע יידן מיט זייערע משפחות זיינען פאַר־בעטן צו דער חתונה, אָבער מען האָט געוווסט אז די אָרעמע משפחה וועט ניט קומען, ווייל קיינער האָט ניט געטראַכט זיי צו גיין אָנזאָגן וועגן דער שימחה.

זייער זון פלעגט גיין פאַר טאָג אָדער שפּעט אין אָוונט, קויפן אַ שטיקל שוואַרצברויט צי אַ הערינג, און האָט זיך געהיט ווי אַ גנב. קיינער האָט ניט גע־וווסט פון וואָס זיי לעבן. פריידעלע האָט ניט איין מאָל געוואָלט זיי אריינברענ־גען אַ שטיקל באַבקע צי אַ פּאָר זעמעלעך, נאָר האָט זיך יעדער מאָל אָפּגעהאַלטן, זיי זאָלן ניט מיינען אז זי איז בייגעריק, און זיי וועלן זיך באַליידיקן.

אַנדערש האָט אָבער געטראַכט ר׳ נאָטע, דער רייכער מחותן. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט זיין מחותן, דעם רב, און ביידע האָבן באַשלאָסן, אז אַ טאָג פאַר דער חתונה וועלן זיי אין אָוונט, אז קיינער זאָל ניט זען, אריבערגיין

מיטן שמש און פאַרבעטן די אָרעמע מענטשן צו דער חתונה. זיי האָבן געוווסט, אז ס׳איז אַ גרויסע מיצווה עס צו טאָן. און אפשר צוליב דעם וועלן די פרעמדע מענטשן זיך דערנענטערן צו יידן און אָנהויבן קומען אין שול אריין, האָט זיך דער רב געטראַכט.

ס׳איז געווען אַ שיינער זומערדיקער אָוונט. ביידע מחותנים האָבן געזאָגט, אז זיי דאַרפן עפּעס וויכטיקס דערליידיקן און געבליבן נאָך מעריב אין שול. אז ס׳איז געוואָרן טונקל, האָבן זיי מיטן שמש זיך אָוועקגעלאָזט צו דער כאַטע ביים ברעג פון שטעטל. ארום איז געווען שטיל. קינדער זיינען שוין לאַנג געשלאָפן, און די גרויסע האָבן זיך געגרייט צו גיין שלאָפן.

זיי זיינען געבליבן שטיין פאַר דער צעבראָכענער טיר און דער רב האָט קוים אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין שטעקן. ס׳האָבן זיך געהערט טריט און אַ שושקעריי. אַ רגע שפּעטער האָט אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן געעפנט די טיר.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געפרעגט פאַרוווּנדערט און דערשראָקן.

— מיר ווילן ריידן צו דיין טאַטן און צו דיין מאַמען. מיר האָבן זיי וואָס צו זאָגן.

דאָס בחורל איז אַוועק אָן אַ וואָרט צו זאָגן און אין אַ ווײַלע ארום איז צוגעקומען די מאַמע. זי איז געווען פאַרוויקלט אין אַ צעריסענעם טוך, נאָר אין דער פינצטער האָט מען עס ניט געזען. מיט אַ ציטעריק קול האָט זי געפרעגט:

— ווער זייט איר? און פאַר וואָס זייט איר געקומען אזוי שפּעט אין דער נאַכט?

— איך בין דער היגער רב, — האָט דער רב געזאָגט מיט פּשוטע ווערטער, — און דאָס איז מיין מחותן, ר׳ נאַטע, און דער דריטער איז אונדזער שמש פון שול. און אזוי ווי מאָרגן קומט פאָר די חתונה פון מיין זון מיטן גבירס טאָכטער, זיינען מיר צו אייך געקומען מיט אַ בקשה: איר זאָלט מאָרגן למען השם קומען צו דער חתונה. אַלע יידן פון שטעטל וועלן זיין, ווילן מיר אז איר זאָלט ניט פעלן. איר פאַרשטייט, האַ?

— אַ דאַנק, רבי, אַ דאַנק! — האָט די פרוי געמורמלט מיט טרערן אין איר שטים.

— איז דאַרפן מיר פאַרשטיין פון אייער דאַנק, אז איר וועט קומען, — האָט ר׳ נאַטע געזאָגט.

— ניין, מיר קענען ניט קומען, רבי. מיר קענען ניט... האָט די פרוי שטיל געזאָגט.

— איר ווילט דאָך אונדז ניט באַליידיקן, — האָט ר׳ נאַטע געזאָגט.

— וואַרט אַ ווײַלע, כ׳וועל פרעגן מײַן מאַן! — און זי איז פאַרשוווּנדן אין שטוב.

— מײַן מאַן וויל מיט אײַך ריידן. — איז זי געקומען צוריק און זיי פאַר־בעטן אַרײַנצוגיין.

אַז זיי זײַנען אַרײַן אינעווייניק, האָט מען שוין קיין סך ניט געדאַרפט דער־קלערן כּדי צו פאַרשטיין די לאַגע. דער מאַן, וואָס איז געזעסן אויף אַ צעבראָכן קעסטל, פאַרוויקלט אין אַן אַלטער דעקע, האָט זיי אַלץ דערציילט. ער האָט גע־וואָלט אָפּטרעטן פאַר דעם רבֿ זײַן זיצאָרט, אָבער דער רבֿ האָט זיך אַנטזאָגט.

— נײַן, ר׳ ייִד, בלײַבט זיצן. איך זיץ אַ גאַנצן טאָג און וויל אַ ביסל שטיין.

און די מעשה וואָס ער האָט דערציילט איז געווען אַ טרויעריקע. ניט איין מאָל האָט ער געמוזט איבעררײַסן און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זײַנע אויגן. זײַן פרוי האָט געוויינט און געשריען מיט ביטערע קולות.

דער רבֿ, ר׳ נאָטשע און דער שמש זײַנען אַלע געשטאַנען צעשווידערטע און זיי האָבן געפּילט דעם בראָך וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די דאָזיקע דריי מענטשן. ס׳איז בלויז אַ וווּנדער געווען וואָס ער קען דערציילן און דער רבֿ האָט זיי געוואָלט טרייסטן און ניט געפונען די פּאַסיקע ווערטער.

*

דער מאַן איז געווען זייער רײַך, נאָר ער האָט זײַן געלט געפּאַקט אין בינטלעך און עס געהאַלטן אין שטוב פאַרבאַהאַלטן. ער האָט זיך אײַנגערעדט אַז אויך די באַנק קען מען ניט געטרויען. דאָרט קען מען אויך באַגנבֿענען. איז דער זיכערסטער אָרט ביי זיך אין שטוב. איין אָוונט זײַנען זיי אָוועק באַזוכן באַקאַנטע אין אַ ווייטער גאַס און איבערגעלאָזט די צוויי יונגע טעכטערלעך מיטן מיזיניקל, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר דריי אין שטוב. ער, דער עלטסטער, וואָס איז מיט זיי, איז אָוועק מיט חבֿרים אין אַ לאַגער. אין דעם הויז, וווּ זיי זײַנען געווען, איז פאָרגעקומען אַ שׂימחה. אַ גראַמאַפאָן האָט געשפּילט און אַלע האָבן געטאַנצט. מ׳האָט געלאַכט, געטרונקען און זיך גוט פאַרבראַכט. מיט אַ מאָל האָבן זיי דערהערט אַ טרעוואָגע און ווי די פײַערלעשער יאָגן זיך דורכן שטאָט. אײנער איז אַרויס זיך דערוויסן און געזאָגט, אַז דאָס פײַער איז זייער ווײַט און ס׳ווערט אַלץ קלענער. מסתּמא האָט מען שוין אײַנגעלאָשן. דער מאַן איז געווען אַ ביסל שיכּור און ס׳האָט אים ניט געאַרט, נאָר זי האָט אים דערמאָנט די קינדער און דאָס געלט, האָט ער צו ערשט ניט באַנומען וואָס זי מיינט, נאָר פּלוצעם האָט ער זיך געכאַפּט און מ׳איז געלאָפן אַהיים. דאָס הויז מיט די זאַכן מיטן געלט זײַנען אָוועק מיטן פײַער, און די קינדער זײַנען געווען פאַרברענט

אויף טויט. זיי האָבן ווייזט אויס זיך געשפּילט מיט שוועבעלעך און ס׳האָט זיך אָנגעכאַפּט אַ בלעך קעראָסין, וואָס איז געשטאַנען אין קיך. מער ווי דעם רויך פון די געסמאַליעטע לייבער פון זייערע קינדער האָבן זיי ניט געפונען. די ווייב איז באַלד משוגע געוואָרן. אים האָט שוין ניט געקימערט דאָס געלט און דאָס הויז, נאָר די אומשולדיקע קינדער וואָס מ׳וועט מער ניט זען.

ס׳איז שוין געווען אַוועק באַלד אַ יאָר. זיי האָבן זיך קוים מיט צרות דער־שלעפּט צו דער אַ שטאָט, ווייל דאָ לעבן דער ווייבס עלטערן. זיי זיינען אויך ניט קיין גבירים און חוץ זייער אויוועלע אויף וועלכן זיי באַקן בלינעס און פאַר־קויפן, האָבן זיי כמעט גאָר ניט. זיי זיינען שוין אַלטע מענטשן און האָבן קיין סך ניט געקענט העלפן, נאָר זיי האָבן באַזאָרגט אַ פּאָר בעטלעך, קאַלדרעס, אַ טישל מיט אַ בענקל. איצט, אין זומער, כאַפּט דער מאַן פיש און דער זון פאַרקויפט זיי. פון דעם לעבן זיי קוים דורך.

אַלע דריי, דער רב, זיין מחותן און דער שמש זיינען געווען גערירט פון דער מעשה. טרערן זיינען זיי געשטאַנען אין די אויגן. פּלוצלינג איז שמעון דער בעקער ארויסגעקומען פון הינטער די פּלייצעס פון די יידן. ער איז געשטאַנען באַהאַלטן און עס אַלץ געהערט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן פּאַק, פאַרוויקלט אין אַ טישטעך.

— דאָס האָט מיין ווייב געשיקט פאַר אייך, — האָט ער געזאָגט. — זי האָט עס שוין מיט אַ צייט צוריק געוואָלט שיקן. עסט געזונטערהייט!

די יידן האָבן זיך איבערגעקוקט פאַרוואונדערט, פון וואַנען האָט זיך דער בעקער גענומען אַהער. שמעון האָט זיי דערקלערט, אז זיין פריידעלע האָט גע־שיקט אַ טאָרט מיט אַ לעקעך, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען אז די יידן דאַרפן שיקן אַ מתנה צו דער חתונה. האָט ער געזען ווי זיי דריי גייען אויך אַהער און איז זיי נאָכגעגאַנגען.

— און איצט עסט דאָס אליין. עסט געזונטערהייט! — האָט שמעון זיי נאָך אַ מאָל צוגעווונטשן.

דער רב האָט געזאָגט שטיל:

— אַ גרויסע מיצווה האָט איר פאַרדינט, ר׳ שמעון.

אז ר׳ נאָטע האָט דאָס דערהערט, האָט ער ארויסגעכאַפּט אַ גאַנצן הונ־דערטער און געגעבן דער פרוי:

— קויפט מאָרגן אַלץ וואָס איר דאַרפט: עסנוואַרג און קליידער. און למען השם קומט אויף דער חתונה, איר הערט! איך וועל אייך ניט פאַרלאָזן!

— מיר פאַרשטייען, ליבע יידן, ווי אייך איז אויפן האַרצן, אָבער פאַרדינט

די מיצווה פון קומען אויף דער חתונה. גאָט וועט העלפן! — האָט דער רב געזאָגט.

*

אויף מאָרגן זיינען זיי געזעסן צווישן אַלעמען אויף דער חתונה, ווי נאָנטע קרובים. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און אַ ווײַלע פאַרגעסן זייערע צרות.

שמעון און פריידעלע האָבן זיי צוגעזען און צודערלאַנגט אַלץ, ווי זיי וואָלטן געווען חשובע געסט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהוליעט און אין שטעטל האָט מען גערעדט וואָכן און חדשים וועגן דער רייכער חתונה. אָבער נאָך מער האָט מען גערעדט וועגן ר׳ נאָטשעס גוט האַרץ, וואָס האָט געדונגען אַ הויז פאַר די דריי אומגליקלעכע מענטשן. דעם מאַן און זון האָט ער אנגענומען אויף אַרבעט אין זיינע סקלאַדן און זיי גוט געצאָלט.

מלכהלע

.1

מלכהלע איז געזעסן פאַרטראַכט. זי האָט אפילו ניט געהערט ווי די מאַמע רופט איר. די מאַמע אירע האָט געוווסט, אז מלכהלע האָט ליב סיאָמען און דערפאַר איז זי אזוי פאַרצווייפלט. אָבער באַלד וועט זי מוזן טרויערן אויף אַן אמת. ער וועט זיך דאָס מאָל ניט ארויסדרייען, ווייל צו דעם גרויסן קוואַנטום אַלקאָהאָל וואָס ער האָט אַראָפּגעזופּט אַ נאַכט פריער, האָט ער נאָך אַראָפּגעשלונגען אַ פאַרציע טאַבלעטן וואָס האָבן אים געמאַכט אומבאַוווסטזיניק.

דאָס אַלץ האָט איר דערציילט זיין חבר אהרון, וואָס האָט אים געפונען אַ באַוווסטלאָזן און גענומען אין שפּיטאָל. ער האָט דאָרט אָפּגעוואַרט איבער אַ שעה אויף דעם דאָקטערס דיאַגנאָז. דער דאָקטער זאָגט, אז די קישקעס זיינען ביי אים פאַרברענט און מ׳וועט נאָך היינט מוזן מאַכן אַ דרינגנדיקע אָפּעראַציע, אָבער די האָפענונג איז זייער אַ שוואַכע. אָט וועגן דעם רופט איר טאַקע איצטער די מאַמע.

— יע, מאַמע, איך הער אז דו רופסט מיך. וואָס ווילסטו? — האָט מלכהלע געענטפערט.

— וואָס זאָל איך וועלן? כ׳האָב דיר דאָך דערציילט וואָס אהרון האָט מיר געזאָגט, אז היינט וועט פאָרקומען די אָפּעראַציע אויף סיאָמען, וואָלט געפּאַסט זאָלסט דאָרטן צוגיין. זיין מאַמע, גיסע, וועט מסתמא דאָרט אויך זיין. דו ביסט דאָך פאַרליבט אין אים.

— אוודאי, מאַמע, בין איך פאַרליבט, אַניט וואָלט ער דאָך ניט געווען מיין חתן... — האָט מלכהלע געענטפערט אויפגערעגט. — ביסט גערעכט, כ׳דאַרף טאַקע גיין. — און זי האָט גענומען זוכן דעם שליסל פון איר אויטאָ. — כ׳קען היינט קיין זאַך ניט געפינען.

— ווען אהרון וואָלט מיר דערציילט פאַר די תנאים, אז סיאָמע טרינקט אזוי פיל, וואָלט עס אזוי וויט ניט דערגאַנגען, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— מאַמע, ס׳וואָלט ניט געווען אַנדערש, ווייל איך ליב אים. ער איז שיין, ער איז שלאַנק און איז גוט צו מיר, — האָט זי גערעדט מיט אַ פאַרחלומט קול.

— איז דעריבער דאַרפסטו טאַקע דאָרטן זיין. זיין מאַמע, נעבעך, קלאָגט זיך אויס די אויגן. זי ווייס איר צרה — איר מאַן איז אויך געשטאָרבן פון צו פיל טרינקען. ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן — און איצט דער איינציקער זון !..

מלכהלע איז ניט געווען אין כעס וואָס די מאַמע רעדט אזוי פריי וועגן דעם, ווייל זי האָט געוווסט אז איר מאַמע וויל איר ניט וויי טאָן. ענדלעך האָט זי געפונען דעם אויטאָ־שליסל און אַן אַ וואָרט איז זי געגאַנגען צו דער טיר. אין דעם מאָמענט האָט די טיר זיך געעפנט און אהרון איז געשטאַנען קעגן איר.

— וווהין קלייבסטו זיך, מלכהלע ? — האָט ער איר געפרעגט אָן צו באַ־גריסן זיך, — איך בין דיר געקומען נעמען צום שפּיטאָל. די אָפּעראַציע קומט איצט פאָר און דו מוזסט דאָרטן זיין.

— איך האָב עס טאַקע איצט אַהין געוואָלט גיין. מסתמא איז שוין דאָרטן דאָ זיין מאַמע.

— אוודאי איז זי דאָ. איר האָט מען געלאָזט וויסן די ערשטע, ווייל זי האָט געדאַרפט אונטערשרייבן איר צושטימונג צו מאַכן די אָפּעראַציע. זי ווייס ווי די לאַגע איז...

— ס׳איז איר איינציק קינד און כ׳שטעל זיך פאָר ווי שווער איר איז, — האָט געזאָגט מלכהלעס מאַמע. — גריסט איר און ווינטשט, אז ער זאָל גיך געזונט ווערן !

— מיר דוכט, אז ס׳איז שוין צו שפּעט... — האָט אהרון געזאָגט, ארויס־גייענדיק נאָך מלכהלען.

אז זיי זיינען אָנגעקומען אין שפּיטאָל, האָבן זיי געפונען סיאָמעס מאַמען זיצן מיט פאַרבראָכענע הענט און געשוואָלענע אויגן פון וויינען. מלכהלע האָט איר ארומגענומען.

— אוי ווי איז מיר, מלכהלע ! מיין איינציקער זון... און ניטאָ קיין האָפע־נונג... ניטאָ... ווער ווייס צי ער לעבט נאָך... — האָט זי געכליפּעט אויף מלכהלעס שולטער.

אַ קראַנקנשוועסטער האָט אריינגערופן די מאַמען צום זון. זי האָט זיך קוים געשלעפּט.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז דער דאָקטער איז ארויסגעקומען פון אָפּעראַ־ציע־זאַל. זיי האָבן געוווסט אז ער איז אַ גרויסער כירורג, און אויב ער קען אים ניט ראַטעווען איז סיאָמאַ שוין אַ פאַרמישפּטער. מלכהלעס אויגן האָבן זיך

איינגעגעסן אין דאָקטערס געזיכט. דער דאָקטער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר ווי פאַרהיפּנאָטיזירט.

קיין מאָל פריער האָט דער דאָקטער זיך ניט אומגעקוקט אויף פרויען, וואָס קומען באַזוכן קראַנקע אין שפּיטאָל, נאָר איצט האָט ער זיך ניט געקענט אָפּ־רייסן פון איר פּנים און אירע ליכטיקע אויגן. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען צע־טומלט און ניט געוווּסט וואָס ער זאָל זאָגן, ביז מלכהלע האָט דערפילט זיין קאָנצענטרירטן בליק אויף זיך און אָנגעהויבן אַרויסשטאַמלען אַ פראַגע:

— ווי איז די לאַגע פון... סיאָמע שמערלינג ?..

— איך באַדויער זייער, אָבער ס׳איז ניט גוט. — האָט דער דאָקטער האַס־טיק געריעדט. — די דאָזע טאַבלעטן וואָס ער האָט גענומען, האָבן פאַרענדיקט וואָס די אַלקאָהאָל האָט אָנגעהויבן. שווערע שאַנסן... אָבער ווער זייט איר, פריילין ?

— איך בין מלכה קראַמער. ער איז מיין חתן... — האָט זי אַרויסגע־קרעכצט. — קענען מיר אַריינגיין אים זען. דאָס איז זיין חבר, וואָס האָט אים אַהער געבראַכט, — האָט זי אָנגעוויזן אויף אהרונען, וואָס איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער לעבן איר.

— זיין מאַמע זיצט דאָרט לעבן אים, — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — זי האָט שוין דריי מאָל געחלשט און איך האָב איר געגעבן שטאַרקע פאַרטויב־מיטלען. דער פּאַציענט איז סיי ווי באַוווסטלאָז. כ׳באַדויער עס אייך צו זאָגן, פריילין קראַמער, אָבער ער וועט ניט לעבן.

דער „ער וועט ניט לעבן" איז געווען געזאָגט אַזוי רוי און ציניש, אַז מלכהלע האָט גלייך געפילט, אַז זי האָט פיינט דעם באַרימטן דאָקטער.

דער דאָקטער האָט מיט אַ מאָל אַ זאָג געטאָן צו זיי:

— קומט, כ׳וועל אייך אַריינפירן צום קראַנקן ! — מלכהלע האָט אויף זיך דערפילט דעם בליץ פון זיינע אויגן.

סיאָמעס פּנים איז געווען באַדעקט מיט אַ געלקייט, וואָס האָט מלכהלען געשראָקן. די אויגן זיינען געווען צוגעמאַכט, ווי גריבער. די באַקן איינגעפאַלן. זי האָט זיך באַהערשט און אים אַ קוש געטאָן אויפן פייכטן שטערן. דאַן האָט זי זיך צוגעזעצט לעבן סיאָמעס מאַמען, וואָס האָט געהאַלטן זיין קאַלטע און ווייסע האַנט, ווי פּאַפּיר, און טרערן האָבן זיך געקייקלט פון אירע באַקן.

מלכהלע האָט אָפּגעווישט די טראָפּנס שווייס פון זיין שטערן, נאָר דער קראַנקער האָט ניט רעאַגירט ווי ער וואָלט ניט געפילט.

דער דאָקטער האָט גענומען סיאָמעס האַנט און אָנגעטאַפּט דעם פּולס, נאָך דעם האָט ער מיטן פינגער געעפנט דאָס אויגן־דעקל פון רעכטן אויג און אָן צו

זאָגן אַ וואָרט איז ער ארויס פון זאַל. אָבער ביים ארויסגיין האָט נאָך מלכהלע אויפגעכאַפּט דעם דאָקטערס בליק אויף זיך, וואָס האָט איר מאָדנע אומרואיק געמאַכט.

צען מינוט שפּעטער איז דער דאָקטער ווידער געווען ביים בעט פון סיאַמען. ער האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט, דאַן האָט ער אָנגענומען זיין האַנט און זי צוריק אַפּגעלאָזט און פּאַמעלעך האָט ער אריבערגעצויגן דעם ליילעך איבער זיין פּנים.

סיאַמעס מאַמע האָט זיך געוואָרפן איבער דעם זונס בעט און אָנגעהויבן גוואַלדעווען. ס'איז אָנגעקומען אַ שוועסטער און זי מיט אהרונען האָבן ארויס־געפירט די מאַמען אונטערן אָרעם. אַ צווייטע שוועסטער האָט פאַרשטעלט דאָס בעט מיט אַ פּאַראַוואַן.

דער דאָקטער איז געשטאַנען און געמינטערט מלכהלען, וואָס האָט גע־האַלטן אין איין חלשן. ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינע פינגער. ער האָט געטאַפּט דעם פּולס. מלכהלע האָט דערפילט ווי עפּעס שטעכט זיך אריין אין איר אָרעם און ס'האָט זיך איר געדוכט, אז דער דאָקטער שוועבט מיט זיין ווייסן כאַלאַט איבער איר קאָפּ. זי האָט געוואָלט שרייען, נאָר זי האָט ניט גע־קענט ארויסברענגען אַ קול. מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערפילט אזוי לייכט, ווי זי וואָלט ארייגעפאַלן אין אַ זיסן שלאָף.

דער דאָקטער האָט איר געלאָזן זיצן אין ווייכן פּאָטעל ביים בעט און איז ארויס צו די אַנדערע אין קאָרידאָר. ער האָט געזאָגט צו אהרונען, אז די פריילין וועט מוזן ספּעציעל באַהאַנדלט ווערן און נאָך בלייבן אַ צוויי־דריי שעה. דער־ווייל זאָל ער אוועקפירן די אַלטע פרוי אַהיים און איר באַרואיקן. ער האָט אים געגעבן עטלעכע פּילן פאַר איר און אים געבעטן דעם טעלעפאָן פון פריילין קראַמערס עלטערן. ער וועט זיי שוין טעלעפאָנירן און אַלץ דערקלערן.

.2

אז מלכהלע האָט געעפנט די אויגן, האָט זי ניט פאַרשטאַנען וואָס מיט איר טוט זיך און וווּ זי געפינט זיך. זי איז געלעגן אויף אַן אייזן־בעטל און דערביי איז געשטאַנען אַ פלאַך טישל און די ווענט זיינען געווען ווייס און אויסגעזען ווי אַ קאַסטן. דאָס איינציקע פענצטערל איז געווען אין דער הייך, כמעט ביים סופיט, און מיט גראַטעס, ווי אין אַ טורמע, און קיין סך ליכט ניט אריינגעלאָזט.

וווּ בין איך? האָט מלכהלע זיך דערלאַנגט אַ ריס־אויף פון בעט און דער־פילט אז זי איז מוטער־נאַקעט. דאָ איז דאָך אַ משוגעים־קאַמער! האָט עס איר

אַ שלאָג געטאָן אין מוח. און ווי קומט עס וואָס איך בין נאַקעט? פאַר וואָס ליג איך דאָ? ווער האָט מיר אויסגעטאָן?

זי האָט געזען ווי אירע זאַכן זיינען צעוואָרפן אויפן דיל. זי טוט זיך דאָך קיין מאָל ניט אויס נאַקעט! זי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און אָנגעהויבן זוכן ווי ארויסצוגיין, אָבער דאָ איז קיין טיר ניטאָ... טאָ ווי איז זי דאָ געקומען? וואָס האָט מיט איר פּאַסירט?

מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי איז דאָך געווען אין שפּיטאָל. סיאָמע איז געשטאָרבן און זיין מאַמע האָט ספּאַזמירט. יאָ, און דער דאָקטער — ער האָט דאָך פון איר די אויגן ניט אראָפּגענומען. זי דערמאָנט זיך אַז ער האָט געהאַלטן איר האַנט... ער האָט איר דאָס אַהער געבראַכט און אויסגעטאָן...

דער געדאַנק האָט איר אָנגעהויבן ברענען אין מוח. זי האָט אָנגעהויבן ארומלויפן איבערן צימער, זי האָט גענומען שרייען, ווילד קלאַפּן אין די ווענט, געוואָלט קריכן צום פענצטערל. צום סוף איז זי אַ פאַרמאַטערטע און פאַר־צווייפלטע געבליבן זיצן אויפן בעט און זיך צעוויינט. זי האָט געוויינט און געטראַכט, אַז איצט איז שוין אַלץ איינס. סיאָמע איז ניטאָ. ער האָט זיך אליין דאָס לעבן גענומען.

אָבער זי האָט דאָך געוווסט וואָס מיט אים קומט פאַר, טאָ פאַר וואָס איז זי אים נאָכגעלאָפן? זי האָט שוין געדאַרפט לאַנג איבעררייסן מיט אים. וואָס פאַר אַ לעבן וואָלט עס געווען מיט אזא מענטשן? אָבער כ׳האָב אים ליב געהאַט.

זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי איז דאָ פאַרשפּאַרט. אפשר אויף אייביק? איר איז קאַלט געוואָרן און זי האָט געדענקט ווי זי איז דאָ אָקערשט געלעגן נאַקעט. זי וועט דאָ אומקומען און קיינער וועט אפילו ניט וויסן.

זי האָט ווידער אָנגעהויבן לויפן ארום די ווענט. די גרויקייט אין צימער האָט אָנגעהויבן שרעקן. ביסלעכווייז איז פינצטער געוואָרן און אַ קליין לעמ־פּעלע האָט זיך אָנגעצונדן אויפן סופיט. די שוואַכע שיין האָט נאָך גרעסער און פינצטערער געמאַכט איר שאָטן אויף דער וואַנט. אַ שרעק איז איר באַפאַלן און זי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. זי האָט געפילט אַז באַלד וועט זי דאָ משוגע ווערן.

פּלוצלינג האָט מלכהלע דערהערט ווי שליסלען קלינגען און אַ פיגור אין ווייסן איז אויסגעוואַקסן לעבן איר. זי האָט געוואָלט שרייען, אָבער די צונג איז איר געליימט געוואָרן פון שרעק. אין דער ערשטער ווילע האָט מען ניט געקענט זען אין דער האַלב טונקלקייט צי דאָס איז אַ מאַן, אַ פרוי אָדער בלויז דער ווייסער שאָטן פון אַ געשטאַלט. אָבער ווי זי האָט דערזען דעם שפּיציקן בליק פון די אויגן, וואָס האָבן געבליצט אויף איר, האָט זי גלייך דערקענט אַז

דאָס איז דער דאָקטער. פון דעסטוועגן האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אויסגעשריגן מיטן גאַנצן כוח:

— ווער זייט איר?

— איר דאַרפט אַזוי שטאַרק ניט שרייען, פריילין קראַמער, ווייל קיינער וועט אייך דאָ סיי ווי ניט הערן. איר מוזט זיך באַהערשן און רעדט רואיק.

— אָבער וווּ בין איך און ווער האָט מיך געבראַכט אַהער? און פאַר וואָס בין איך געווען נאַקעט? ווער האָט מיך אויסגעטאָן? זאָגט דאָקטער, איר ווייסט אַלץ.

— כ׳וועל אייך זאָגן, פריילין קראַמער, און ס׳וועט אייך אַלץ קלאָר ווערן. איר האָט געהאַלטן אין איין חלשן און אין דער צייט איז גראָדע ניט געווען קיין פרייע בעט ערגעץ אין אַ פּאַלאַטע, האָב איך אייך געבראַכט אַהער. אַלע בעטן זיינען געווען...

— אָבער ווער האָט מיך אויסגעטאָן, אויב ניט איר, דאָקטער? — האָט מלכהלע איבערגעריסן זיינע רייד. — און פאַר וואָס האָט מען מיך אויסגעטאָן?

— אוודאי מעגט איר עס וויסן, פריילין קראַמער. איך האָט אויסגעטאָן די שוועסטער, ווייל ביי אייך האָט דאָס האַרץ זיך פאַרקראַמפּט און מ׳האָט געמוזט אייך לויז מאַכן.

— און וואָס גייט איצטער זיין? כ׳פיל זיך אין גאַנצן געזונט, דאָקטער.

— איך בין צופרידן עס צו הערן, פריילין קראַמער. איצט וועט איר גיין אַהיים מיט אייער מוטער און דעם יונגער־מאַן. זיי זיינען אייך געקומען אָפּ־נעמען.

אַז דער דאָקטער האָט איר געבראַכט צו איר מוטער און אהרונען, האָבן זיי איר גלייך געפרעגט ווי זי פילט זיך. זי האָט זיך זיי געשעמט צו דערציילן וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, האָט זי געזאָגט אַז זי פילט זיך אַ סך בעסער, נאָר זי האָט זיך פאַרשלאָפן. זיי האָבן באַדאַנקט דעם דאָקטער פאַר זיין מי און זיך אָפּגעזעגנט מיט אים.

אהרון האָט דערציילט, אַז סיאָמעס מאַמע, גיסע, ליגט אין בעט און באַ־גיסט זיך מיט ימען טרערן. מ׳קען זיך אויף איר גאָר ניט פאַרלאָזן, וועט ער מוזן גיין דערליידיקן די קבורה און אַלע אַנדערע וויכטיקע זאַכן וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן. זיי האָבן באַשלאָסן צו גיין איר באַזוכן און זאָגן אַ טרייסט־וואָרט. אהרון וועט דאָרטן בלייבן נעכטיקן.

זיי זיינען אַהין אַוועק. ווי נאָר זי האָט זיי דערזען, האָט זי אָנגעהויבן ברעכן מיט די הענט און נאָך שטאַרקער יאָמערן.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, איז אהרון שוין ארומגעלאָפן איבער די אַמטן. ער האָט גיך דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן צו דער קבורה, וואָס וועט פאָרקומען נאָך מיטאָג. שפּעטער זיינען אָנגעקומען צו גיסען מלכהלע מיט אירע עלטערן, און קורץ פאַר מיטאָג איז אומגעריכט געקומען דער דאָקטער. ער איז געקומען זען וואָס פרוי שמערלינג, סיאָמעס מאַמע, מאַכט און פאַר איינס וועט ער שוין מיטגיין צו דער לוויה. ווידער האָט מלכהלע דערפילט ווי דעם דאָקטערס בליקן שטעכן זיך אין איר און זי האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען.

ווען אַלע האָבן זיך שוין געגרייט ארויסצוגיין, איז גיסע צוגעגאַנגען צו איר מאַנס בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, און זיך אַוועקגעשטעלט קעגן אים ווי זי וואָלט געשטאַנען קעגן אַ לעבעדיקן מענטשן. מיט אַ מאָל האָט זי אָנגעהויבן גוואַלדעווען און איינרייסן ווענטן:

— כ׳גיי באַגלייטן דיין איינציקן זון, מיין מאַן! מ׳נעמט אים אַוועק פון מיר אויף אייביק. מאָטל, זאָלסט אים דאָרט אויפפּאַסן... איך זאָג דיר, מאָטל, אַז איך וועל אויך אין גיכן קומען צו אייך... אָט, איך גיי... איך קום...

ביי די לעצטע ווערטער איז זי ווי אַ שטיק האָלץ אַ פאַל געטאָן אויפן דיל. דער דאָקטער האָט שנעל אַ שפּרייז געטאָן און זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. ער האָט גענומען איר האַנט און געטאַפּט דעם פּולס. דאַן האָט ער צוגעלייגט אַן אויער צו איר ברוסט, איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז ער האָט געקראָגן דעם נומער. דער־ווייל איז די אַלטע געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געקרעכצט. אין צימער איז געווען שטיל און מ׳האָט קלאָר געהערט ווי דער דאָקטער רעדט:

— דאָס רעדט דאָקטער קליין. דאָ האָט אַ פרוי געהאַט אַן הארץ־אטאַק. איר מוזט גלייך צושיקן אַן אויטאָ פון דער גיכער־הילף. יע, כ׳וועל וואַרטן און מיטקומען מיט אייך. כ׳גיב אייך דעם אַדרעס.

דער דאָקטער האָט געמאַכט אַן איינשפּריצונג דער פרוי, וואָס איז געלעגן באַוווסטלאָז. מלכהלע האָט זיך דערפילט שלעכט און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. אַלע האָבן שוין געוואַרט ביז דער אויטאָ פון דער גיכער־הילף וועט קומען. אַ טרויער איז געהאנגען אין שטוב און קיינער האָט ניט געוואָלט ארויסברענגען אַ וואָרט. די סירענע פון דער גיכער־הילף האָט זיך שוין געהערט פון ווייטן.

דער אויטאָ פון דער גיכער־הילף איז שטיין געבליבן פאַרן הויז. צוויי מענער מיט אַ טראָג־בעטל האָבן אַוועקגענומען די קוים־לעבעדיקע פרוי. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז די פרוי געפינט זיך אין אַ קריטישן צושטאַנד. ער וועט זיי לאָזן וויסן. זאָל אים היינט אָונט פריילין קראַמער טעלעפאָנירן.

אַלע האָבן אַ קוק געטאָן צו מלכהלעס זייט. ס׳האָט זיך עפּעס מאָדנע אָנ־

געהערט זיין פֿאַרלאַנג. פֿאַר וואָס דווקא פֿריילין קראַמער זאָל אים טעלעפֿאָנירן.

מלכהלע האָט ניט טעלעפֿאָנירט. שפּעט אין אָוונט האָט דער דאָקטער גע־קלונגען און געזאָגט, אַז פֿרוי שמערלינג איז געשטאָרבן. מלכהלע האָט ספּאָז־מירט: — מאַמע און זון אין איין טאָג, גאָט, ווי קענסט עס צוזען ?..

.3

עס זיינען אַוועק טעג, וואָכן, חדשים. מלכהלע איז ארומגעגאַנגען אַ צע־טראָגענע און אַ פֿאַראומערטע. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי זיך דערמאָנען יענעם פֿינצטערן טאָג, ווען סיאָמע איז געשטאָרבן, און גלייך פֿלעגט אַ ציטער דורכגיין איר לייב. זי האָט געדענקט ווי זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ נאַקעטע אין פֿאַר־שפּאַרטן צימער, און פֿאַר זיך געזען דעם דאָקטערס שטעכיקן בליק. נאָך וואָס האָט איר דאָרט דער דאָקטער געהאַלטן מוטער־נאַקעט ? זי האָט זיך דערמאָנט ווי די זאַכן אירע זיינען געווען צעוואָרפֿן. זי האָט באַשלאָסן, אַז אויב דער דאָק־טער האָט איר עפּעס אָפּגעטאָן און זי וועט זיך דאָס דערוויסן, נעמט זי זיך דאָס לעבן. ניין, זי וועט ניט לעבן אין שאַנדע !

זי איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, ארומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענע און צו קיינעם ניט גערעדט. דער געדאַנק פֿון יענעם מאָדנעם פֿאַל האָט איר אָן אויפֿהער געמאַטערט און געלעגן ווי אַ שווערעניש אויף איר געוויסן, טאָג און נאַכט.

די מאַמע האָט באַמערקט, אַז אין דער פֿרי שטייט זי אויף מיט פֿאַרשוואָ־לענע אויגן פֿון וויינען, און אַ גאַנצן טאָג עסט זי כמעט גאָר ניט. אפֿשר איז זי געווען אַזוי שטאַרק פֿאַרליבט, אַז זי טרויערט נאָך אַלץ נאָך אים, האָט די מאַמע געקלערט. מיט דער צייט וועט זיך עס אויסשטיין, ווי אַ היץ־קראַנקייט. איז די מאַמע איר נאָכגעגאַנגען טריט ביי שריט און געוואָלט איר ארויסשלאָגן פֿון דעם אומעט.

אָבער אויך אהרון איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון מלכהלען און איז איר פֿאַרגאַנגען אַלע וועגן. די מאַמע האָט געזען ווי דער יונג גייט אויס נאָך איר איינציקע טאָכטער, און זי ליידט און פֿאַרזעט איר יוגנט צוליב עמעצן, וואָס וועט זיך שוין קיין מאָל ניט אומקערן. איר שיין פּנים ווערט פֿאַרוועלקט, און אויף דעם אהרונען קוקט זי זיך זעלטן אום. אָבער ער איז געדולדיק, און ווי אַ פֿאַר־עקשנטער אָקס קומט ער ווידער צו איר.

איין טאָג, נאָך דעם ווי אהרון איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן אָוונט און זיי האָבן כמעט אַ וואָרט צווישן זיך ניט גערעדט, האָט די מאַמע מער ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט :

מיין קינד, וויפל איז דער שיעור צו טרויערן? ס'איז אַ שאָד דיינע יונגע יאָרן.

— מאַמע, טאָ וואָס זאָל איך טאָן אַז מיר איז שלעכט אויפן האַרצן...

— אָבער דיינע טרערן וועלן במילא ניט העלפן אומקערן דאָס וואָס איז אַוועק. דו מוזסט זיך ארומקוקן, וועסטו זען אַז אַ מאָל שטייט דאָס גליק און וואַרט אויף דיר ביי דיין שוועל. דאָס וואָס איז אַוועק מוזסטו פאַרגעסן, מלכהלע. מוזט פאַרגעסן!

— מאַמע, עס זיינען פאַראַן זאַכן וואָס מ'קען זיי ניט פאַרגעסן.

— נאַרישקייטן, אין לעבן פאַרגעסט מען אַלץ וואָס איז געווען נעכטן. און די לעבעדיקע מוזן לעבן. אייביק קען מען ניט טרויערן אפילו נאָך דער גרעס־טער ליבע.

מלכהלע האָט אָנגעהויבן וויינען. דער מוטער האָט פאַרדראָסן דער גאַנ־צער געשפּרעך. זי מאַכט מיט דעם נאָך ערגער. אָבער מלכהלע האָט געוויינט, ווייל זי קען נעבעך איר אומשולדיקער מאַמען ניט דערציילן דעם אמת און מוז דעם סוד טראָגן אין איר האַרץ. און אפשר אונטער איר האַרץ... איז איר מיט אַ מאָל געקומען אַ שווערער געדאַנק און זי האָט זיך ווידער פונאַנדערגעכליפּעט.

שפּעטער, ווען זי איז געלעגן, ווי אַלע נאַכט, אָן שלאָף, איז איר גאָר איינ־געפאַלן אַז איר קלייד איז איר מיט אַ מאָל ענג געוואָרן. ס'האָט דאָך גאָר גע־דאַרפט זיין פאַרקערט, ווייל צום עסן רירט זי זיך כמעט ניט צו, האָט דאָך דאָס קלייד געדאַרפט ווערן ברייטער. זי וועט מוזן גיין צו אַ דאָקטער, זיך לאָזן אונטערזוכן... און די שלייפן האָבן איר געקלאַפּט פון שרעק.

*

אהרון איז אַלץ אָפטער געקומען. איז געווען צוגעלאָזן, גוט און האָט אויף איר געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן. מלכהלע האָט עס באַמערקט און אַלץ געזען. אין האַרצן האָט זי געוווּסט, אַז אהרון געפעלט איר, זי האָט אים אפילו ליב, אָבער אין איר לאַגע איז בעסער וואָס ווייטער צו זיין פון אים.

— וואָס איז מיט אייך, קינדער, וואָס איר זיצט ווי שטומע און רעדט קיין וואָרט ניט? ווילט איר ניט אַז איך זאָל הערן אייערע סודות... — האָט די מאַמע געפרוווט מאַכן אַ וויץ.

— וואָס איז מיט דיר, מלכהלע? — האָט אהרון געפרעגט, נאָך דעם ווי די מאַמע איז ארויס. — אפשר בין איך גאָר דער שולדיקער, וועל איך מער ניט קומען.

— וואָס רעדסטו, אהרון, די שולדיקע בין איך, און דו ביסט מיין בעסטער פריינד, מיין איינציקער פריינד, און אָן דיר וואָלט געווען נאָך ערגער.

— הייסט עס, מלכהלע, אז דו האָסט מיך האָלט, האַ? זאָג!

— יע, אהרון, כ׳האָב דיר האָלט. נאָר מיר מוזן נאָך וואַרטן.

— נאָך וואָס וואַרטן, מלכהלע? אָט בין איך שוין גליקלעך פון דיינע רייד, און איך וועל דיר אויך מאַכן גליקלעך! כ׳וועל דיר האַלטן טייער, מלכהלע, ווי אַן אוצר! דערלויב מיר צו קויפן דיר אַ רינג. כ׳האָב שוין איינעם אויסגעקוקט אין די שויפענצטער.

— ניין, אהרון, כ׳האָב דיר געזאָגט אז מע מוז נאָך וואַרטן. סתם פאַרדרייען דיר דעם קאָפּ וויל איך ניט. כ׳פיל זיך עפּעס ניט געזונט און מוז גיין צו אַ דאָקטער.

— צום גרעסטן פּראָפעסאָר וועל איך דיר נעמען, מלכהלע, צום בעסטן ספּעציאַליסט.

— ניין, אהרון, ס׳איז פיל ערנסטער ווי דו טראַכסט און כ׳מוז עס טאָן אליין.

אהרון האָט זיך פאַרטראַכט און פאַרהערט אירע רייד. זי איז ווירקלעך קראַנק, אזוי בלאַס און עסט ווייניק. זי איז נערוועז און פאַרוויינט כסדר. דאָ איז עפּעס דערביי.

טאַטע־מאַמע האָבן זייער געליטן זיך צוקוקנדיק וואָס פון מלכהלען איז געוואָרן. מען האָט איבערגערעדט וואָס זי טראָגט אַלץ די זעלבע ברייטע טונקעלע קלייד און וויל ניט גיין צום פריזירער מאַכן אירע האָר.

דער טאַטע איז אָבער געווען מער אָפּטימיסטיש ווי די מאַמע און געזאָגט, אז מ׳דאַרף זיך ניט זאָרגן, ס׳איז אזא צייט ביי איר:

— קלעם זיך ניט, ברכה, — פלעגט ער זאָגן צו זיין ווייב, כדי איר צו דערמוטיקן, — מיר וועלן נאָך נחת האָבן פון אונדזער בת־יחידה! — אָבער אליין האָט ער זיך יע געקלעמט און געטראַכט: — ווער ווייס וואָס מיט אונדזער מלכהלען איז?

4.

אהרון האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן מלכהלען פון דעם מאָמענט, ווען זי האָט אים געזאָגט אז זי פילט זיך קראַנק. ער האָט איר אַלץ אין דער שטיל דערמאָנט, אז מ׳דאַרף גיין צו אַ דאָקטער, צו אַ פּראָפעסאָר. ער פלעגט איר כסדר בעטן, זי זאָל גיין מיט אים אויף אַ שפּאַציר, ווייל ער האָט געהאַלטן אז די פרישע לופט וועט איר מאַכן בעסער. אָבער מלכהלע האָט זיך יעדער מאָל איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט גיין.

איין זונטיק אין דער פרי האָט זי זייער גיך צוגעשטימט ארויסצוגיין מיט

אהרונען. די עלטערן זיינען געווען צופרידן, וואָס די קינדער זיינען געגאַנגען צוזאַמען. דאָס האָט זיי אויסגעזען אַ גוטער סימן.

ווען מלכהלע איז אריין אין אהרונס אויטאָ, איז ער צוגעשטאַנען צו איר אז זי מוז אים דערציילן אַלץ וואָס עס מאַטערט איר געוויסן און וואָס די קראַנקייט איז. ער וויל גלייך באַשטעלן אַ וויזיט ביי אַ פּראָפעסאָר.

מלכהלע האָט שוין לאַנג געטראַכט, אז זי מוז זיך די זאַך פאַרטרויען פאַר אהרונען. אליין קען זי עס מער ניט איבערטראָגן און ער איז דער נאָנטסטער און ליבסטער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט איר. וועט ער איר צוליב דעם אַוועקוואַרפן און מער ניט וועלן זען, איז פאַרפאַלן. אזוי איז איר מזל. און זי האָט טאַקע געוואָלט, אז ער זאָל איר צופירן צום דאָקטער אין אַ דערבייאיקן שטעטל, וואָס זי האָט שוין געהאַט באַשטעלט אַ באַזוך ביי אים.

און מלכהלע האָט דערציילט אהרונען די גאַנצע געשיכטע פון אָנהייב ביזן סוף. און זי האָט אים געזאָגט, אז זי פאַרשטייט איצט אז דער דאָקטער האָט איר צוליב דעם פאַרהאַלטן. זי איז געווען נאַקעט און זי פילט זיך יעדן טאָג ניט גוט, איבלדיק...

— טאָ לאָמיר גלייך גיין צו אַ דאָקטער, — האָט אהרון געזאָגט אָן אויפ־גערעגטער, — אַניט וועט נאָך זיין צו שפּעט. מ'טאָר מער ניט וואַרטן.

איצט האָט מלכהלע געפילט אז אהרון האָט איר אויף אַן אמת ליב. זי האָט אים אַ קוש געטאָן:

— היינט איז טאַקע מיין באַשטעלטער באַזוך ביים דאָקטער און כ'וויל זאָלסט מיר אַהין צופירן, אהרון. אָבער מיין האַרץ איז אזוי מאָדנע אומרואיק.

ביים דאָקטער האָט זי אָנגעגעבן איר ריכטיקן נאָמען, מער ניט פרוי קראַ־מער אָנשטאָט פריילין. דערפאַר האָט זי אָנגעגעבן אַ פאַלשן אַדרעס, אז אירע עלטערן זאָלן זיך ניט דערוויסן. אין וואַרטצימער, פאַרן אריינגיין, האָט זי אָב־געטאָן אומבאַמערקטערהייט אַ קידושין־רינגעלע, וואָס זי האָט זיך שוין פון פריער געהאַט באַזאָרגט. זאָל דער דאָקטער ניט האָבן קיין פאַרדאַכט. אָבער ווען זי איז ארויס פון דאָקטערס אויפנעם־קאַבינעט איז זי געווען בלאַסער ווי שטענדיק און שטאַרק דערדריקט.

אהרון האָט געעפנט דאָס טירל פון אויטאָ און איר אריינגעלאָזט, אָבער ער האָט שוין גאָר ניט געדאַרפט פרעגן. לויט איר אויסזען און דעם אומעטיקן בליק האָט ער פאַרשטאַנען אז מ'דאַרף איר אויפמונטערן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ רעסטאָראַן און איר פאַרבעטן. כמעט ווי אָן איר ווילן איז זי מיט אים מיטגעגאַנגען.

— כ'פאַרשטיי... — האָט ער איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן. — און וואָס

קלערסטו איז די בעסטע זאַך צו טאָן איצט? אפשר... — האָט ער געשטאַמלט, — מאַכן אַן אַבאָרט?..

— ניין, שוין צו שפּעט! האָט דער דאָקטער געזאָגט. — און מיט אַ מאָל האָט דער כעס אַ שאָס געטאָן פון מלכהלעס מויל: — איצט וועל איך גיין צום דאָקטער און אים אויסגראַבלען די אויגן, מאַכן אַ סקאַנדאַל און זאָגן אים אַז ער איז אַ פאַרברעכער, אַ קרימינאַליסט! כ'וועל אים אָנגעבן אין געריכט און זאָל די וועלט וויסן.

— באַרויִק זיך, מלכהלע, — האָט אהרון איר אָנגענומען פאַר אַ האַנט, — דו טאָרסט ניט מאַכן קיין סקאַנדאַלן, ווייל דאָס וועט נאָך דיין נאָמען באַשמוצן און פאַרקירצן די יאָרן פון דיינע עלטערן, טאָרסט אזוי ניט האַנדלען. מיר וועלן זיך אָפּרעכענען מיטן היגטישן דאָקטער אויף אַן אַנדער אופן: מיר וועלן גלייך און אויף גיך אַ חופּה שטעלן.

— אָבער צו וואָס דאַרפסטו חתונה האָבן מיט אזא ווי איך? קענסט דאָך נעמען אַן אָרנטלעכע פרוי און האָבן אייגענע קינדער, — האָט מלכהלע אין איין אָטעם ארויסגעפּלאַצט.

— איך טו דאָס ווייל כ'האָב דיר שרעקלעך ליב! — האָט ער געגלעט איר האַנט און איר געקוקט אָפן אין די אויגן. — איך האָב שוין אפילו אַ פּלאַן ווי אַלץ זאָל אַראָפּגיין גלאַט. כ'האָב סיי ווי געדאַרפט פאָרן געשעפטלעך קיין אויסלאַנד, וועלן מיר פאָרןביידע און מיר וועלן דאָס פאַררעכענען פאַר אַ לענגערן האָני־מון. אז דאָס קינד וועט געבאָרן ווערן, וועלן מיר מעלדן די עלטערן, אז ס'איז געבאָרן געוואָרן אַ פריאיקער קינד. ס'איז פאַראַן אויך אַ תירוץ פאַר דעם: דיינע שרעקלעכע איבערלעבונגען.

מלכהלע האָט אויף אים געקוקט און אירע אויערן ניט געגלייבט. אזא שיינקייט, אזא איידלקייט! זי וואָלט קיין מאָל ניט געגלייבט אז אזא איינער איז פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט.

— און דו וועסט מיר פאַרגעבן? וועסט מיר פאַרגעבן די זינד? — האָט זי אָפּגעדרייט די אויגן, אז די ארומיקע זאָלן ניט זען די טרערן און ניט הערן זייערע רייד.

— דו ביסט ניט זינדיק, מלכהלע, קלאַפּ זיך עס ארויס פון קאָפּ. די איינציקע זאַך וואָס מיר קענען האָפן, אז אויף דעם זינדיקן וועט קומען זיין פאַרדינטע שטראָף.

— דו ביסט אַזאַ גוטער, אהרון! — האָט זי געשעפּטשעט. — איך בין דיר אוודאי ניט ווערט.

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן, טייערע. קיינער פון אונדז איז קיינעם גאָר

ניט שולדיק. און מיר מוזן גלייך מאַכן די פּלענער און אָפּשטעלן אַ חופּה, אין איילעניש. די פאַרלאָבונג און די חתונה — איין טאָג נאָכן אַנדערן. און מאָרגן פרי גייען מיר קויפן צוויי רינגען — אַ פאַרלאָבונג־ און אַ קידושין־רינג.

אהרון און מלכהלע זיינען ארויס פון רעסטאָראַן אויפגעמונטערטע. ער האָט געטריבן דעם אויטאָמאָביל אַ ביסל גיכער ווי מען מעג איבער די גאַסן פון שטאָט. אין קאָפּ האָט זיך אים שוין צונויפגעשטעלט די געשיכטע, וואָס ער וועט דערציילן מלכהלעס עלטערן.

ווי די עלטערן האָבן זיי געזען אריינקומענדיק אזוי צעשטראַלט, האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען אז די קינדער האָבן געבראַכט עפּעס גוטע נייעס. קיין סך ריידן האָט אהרון ניט באַדאַרפט, ווייל צו אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט האָבן די עלטערן גלייך מסכים געווען. נאָך באַלד פיר חדשים פון פיין און טרויער, האָט די טאָכטער צום ערשטן מאָל געשיינט פון גליק און פרייד.

די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אין אַ וואָך ארום, און איינלאַדונגען וועט מען שיקן נאָר צו פאַמיליע און די נאָענטסטע פריינד. די פאַרלאָבונג וועט זיין מאָרגן, נאָר אין דעם ענגען קרייז פון דער משפּחה. זיינע עלטערן וועט ער גלייך טעלעפאָנירן, נאָר זיי וועלן שוין ניט באַוויזן צו קומען פון דער וויטער פּראָווינץ ווו זיי לעבן.

.5

ווען מלכהלע איז געשטאַנען, מיט טרערן פון פרייד, אונטער דער חופּה, האָט איר טאַטע געזאָגט צו זיין ווייב, אז אזוי האָט זי אויסגעזען ביי זייער חתונה.

— און דו האָסט אויסגעזען אזוי ווי אהרון — ער זעט דאָך אויס ווי אַ מלאך... — האָט אים די ווייב געענטפערט. זיי האָבן געוויינט פון גליק.

אָבער ביידע האָבן ניט געוווּסט, וואָס איז געווען די אמתע סיבה פון מאַכן אין איין וואָך די תנאים מיט די חתונה. זיי האָבן אָנגענומען מיט צופרידנקייט דעם תירוץ פון שנעלע געשעפטן צו וועלכע אהרון האָט געמוזט אָפּפאָרן. און ביים אָפּפאָרן האָבן די עלטערן זיי צום הונדערטסטן מאָל געווונטשן גליק און גוטע געשעפטן מיט אַ גוטן האָניקיאָר...

— און אַ מזל טוב צו אַ זונעלע!.. — האָט אהרון צוגעגעבן כלומרשט אין שפּאַס.

די עלטערן פלעגן זיך פרייען מיט יעדן בריוול וואָס זיי האָבן געקראָגן פון מלכהלען מיט אהרונען. אָבער אַ שטורעם פון גליק האָט ביי זיי ארויסגערופן

די ידיעה, אז די טאָכטער האָט פאַרשוואַנגערט. צענדליקער מאָל האָט מען גע־לייענט דעם בריוו און נאָר וועגן דעם גערעדט.

כמעט צו ניין מאָנאַט האָבן זיי געקראָגן אַ טעלעגראַמע: מזל טוב. אַ יינגעלע איז געבאָרן געוואָרן. אַלע געזונט. אַלץ אין אָרדענונג. די געשעפטן גייען גוט. זייט געזונט. גרוסן. מלכה און אהרון.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז געקומען אַ בריוו, אז ווען דאָס קינד וועט זיין דריי חדשים אַלט וועלן זיי צוריק קומען. דערווייל שיקן זיי אַ בילד פון אים.

— אַ געראָטן קינד, האַ, ברכה? — האָט דער זיידע ניט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן פון בילד. — דאָס קינד זעט אויס ווי אַ גיבור. זע נאָר ווי גרויס ער איז. אַ מחיה עס צו זען. איך האָב דיר געזאָגט, יידענע, אז מיר וועלן נאָך האָבן נחת פון איר.

— גיב מיר אויך אַ קוק טאָן, — האָט זיין ווייב געבעטן, — ס׳איז דאָך ניט נאָר דיין אייניקל.

— נעם, קלייב נחת! — האָט ער איר אונטערגערוקט דאָס בילד. — אָבער מאַך עס ניט שמוציק. איך וועל עס געבן איינצוראַמען... כ׳האָב געזאָגט אז מיר וועלן נאָך האָבן נחת, האַ?

— זאָל ער נאָר זיין געזונט! אזא נחת! — האָט די באָבע געדריקט דעם בילד צו אירע ליפּן און אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

די גנבה

.1

אין אונדזער שטעטל האָט געלעבט אַן אָרעמע משפּחה. דער מין אָרעמע־לייט האָט אוודאי ניט אויסגעפּעלט ביי אונדז, זיי זיינען געווען אַ סך און פון אַלערליי גראַדן. די משפּחה אָבער, כאָטש זי איז אפשר געווען אָרעמער און געדריקטער פון אַנדערע, האָט געהאַט איין שטיקל פאַרמעגן, וואָס איז ביי זיי געווען טייערער פון אַלץ. נאָר אין איין זאַך, אין קינדער, זיינען זיי שוין גאָר ניט אָרעם געווען. יעדן יאָר, אין הונגער און דלות, איז צוגעקומען אַ נייער פּרעסערל, וואָס האָט ביי דער מאַמען אויסגעזויגן די לעצטע טראָפּנס געזונט. די אָרעמקייט איז געווען אין די קינדער, וואָס האָבן זיך געמערט, אָבער דאָס פאַרמעגן איז געווען אַ קרישטאָלענער טאָפּ — און אים האָבן זיי געהאַט נאָר איינעם.

און דער טאָפּ איז טאַקע געווען איינער אין אַ מדינה, אַן אַנטיק שבאַנטיקן, און דערצו נאָך אַ ירושה פון אַן עלטער־באָבען. און געווען איז ער אָנגעמאָלן מיט בלומען און אוזאָרן אין פאַרשיידענע פאַרבן און מ׳האָט הנאה געהאַט צו קוקן אויף אים. איז דער טאָפּ געווען זייער אוצר. אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער שטיין פאַרדעקט מיט עפּעס אַן אַלטע שמאַטע, אָבער אין שבתים און יום־טובים איז ער געווען דער גאַנצער פּוץ פאַר זייער אָרעמקייט. ער פלעגט באַ־שיינען די שטוב.

חוץ דער מאַמען האָט זיך קיינער פון די קינדער ניט געטאָרט צורירן צום טאָפּ. די „כאַליאַסטרע״, ווי די מאַמע פלעגט רופן איר געזינדל, האָט אַ גאַנצן שבת צי יום־טוב געמעגט קוקן אויפן טאָפּ און אים באַוואונדערן, אָבער זיך דער־נענטערן איז געווען אַ סכנה. פלעגן זיי טאַקע שטיין פון וויטן, מיט אויסגע־סטשאַרטשעטע אויגן און אָפענע מיילער, און אָנקוקן דעם טאָפּ. דער טאָפּ איז געשטאַנען אויפן אַלטן הינקעדיקן קאָמאָד, וואָס איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט ציגל. די קינדער האָבן שוין אויף אויסוויניק געקענט יעדן שטריכעלע און פּאַסיקל אויף דעם טאָפּ, אז מיט פאַרמאַכטע אויגן וואָלטן זיי אים געקענט אויסמאָלן.

פלעגט טאַקע טרעפן אז אַ קינד פלעגט זיך פאַרקוקן אויפן טאָפּ און פאַר־געסן אויף אַ ווייל אָן הונגער, וואָס איז געווען אַ שטענדיקער גאַסט אין דער היים. איבערהויפט פלעגט עס טרעפן ווען די שטראַלן פון דער זון פלעגן זיך צעשפּילן אויף דעם בלימלדיקן קרישטאָל און אַלע פאַרבן פון דער וועלט פלעגן ארומטאַנצן אויפן טאָפּ, אויפן קאָמאָד, אויף דער וואַנט. דאָס איז געווען אַ בילד פון קאָלירן, וואָס פלעגט אָנפילן דאָס האַרץ מיט פאַרגעניגן און פרייד.

אזוי איז עס געגאַנגען פאַר יאָרן. קינדער זיינען געוואַקסן און געהונגערט, אָבער דער טאָפּ איז געווען דאָס טייערסטע פאַרמעגן און זיי וואָלטן אים ניט אוועקגעגעבן פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

דער טאַטע, ר׳ כאַצקל, האָט זיך גערעכנט אין שטעטל פאַר אַ מאָלער. אין דער אמתן האָט ער זיך אָבער קיין מאָל ניט געלערנט אזא זאַך ווי מאָלעריי. איין מאָל נאָר, מיט יאָרן צוריק, האָט ער געזען ווי אַ גויישער בעל־מלאכה האָט געמאָלן ביים גביר דעם גאַנעק, האָט ער זיך צוגעקוקט און געטראַכט: דאָס איז גאָר ניט אזא שווערע ארבעט, ער וועט עס אויך קענען טאָן. און ער האָט באַשלאָסן: ער וועט גאָר ווערן אַ מאָלער — מ׳שמירט מיט פאַרב אויף די ווענט און געענדיקט...

אז ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער פאַר די לעצטע פּאָר גראָשן זיך גע־קויפט עטלעכע בערשטלעך און צוויי פּושקעס פאַרב — ווייס און שוואַרץ — און ער האָט נאָך דעם זעלבן טאָג אָנגעמאָלן אויף זיין טיר מיט גרויסע יידישע אותיות: כאַצקל דער מאָלער. פון דעם טאָג האָט מען אים אין שטעטל גע־רופן, כאַצקל דער מאָלער, און ארויסריידן פלעגט מען עס אָפּלאַכעריש. פלעגן חברה זיך אָפּשטעלן, באַקוקן זיין אַרבעט און זאָגן מיט חוזק: מאָלן קען ער טאַקע ניט, אָבער דערפאַר קען ער שמירן — און האָט פון דעם פאַרגעניגן.

פלעגט כאַצקל ארומגיין אין שטעטל און שמירן די הייזער, ווייל מ׳האָט זיך ווי צונויפגערעדט צווישן זיך, אי די בעלי־בתים און אי די אָרעמע־לייט, אז איידער צו געבן אַרבעט אַ גוי איז כאַצקל בילכער — ער דאַרף אָנקאָרמענען, קיין עין־הרע, אזא כאַליאַסטרע... איז כאַצקל ארומגעגאַנגען און געשמירט און געצויגן פון דעם דאָס ביסל חיונה און געווען צופרידן מיט די אָרעמע גראָשנס.

און געשמירט האָט ער דאָס רוב ביי אָרעמע־לייט, ווייל ביי זיי פאַר־פּאַטשקענען זיך די ווענט גיכער. ביי די גבירים פלעגט ער האָבן די פריווילע־גיע צו מאָלן נאָר אויף יום־טוב, איבערהויפט פאַר פסח, און מ׳פלעגט אים קוקן אויף די פינגער ווי ער טוט די אַרבעט. פלעגט עס אים קאָסטן געזונט, אָבער קיין נדבות, חלילה, האָט ער ניט געוואָלט נעמען.

אויב דער סעזאָן פון אַרבעט פאַר כאַצקלען איז געווען ערב פסח, איז אָבער

דער הונגער־סעזאָן געווען אין מיטן זומער. קיין ייד וועט ניט קאַלכן אַ שטוב אין די היצן, אין ספירה, צי די „ניין טעג״. אָבער דער גביר פון שטעטל האָט דערפילט אז ס׳איז אַ רחמנות און מ׳דאַרף העלפן כאַצקלס משפחה, ווייל עס רוקט זיך שוין אונטער דער יום־הדין — פלעגט ער אים יעדן זומער געבן אויס־מאָלן זיין קיכל און צוזוואַרפן אַ פּאָר גילדן און עפּעס אַ צעקאָדערטן בגד פאַר די קינדער, אָדער אַ צעבראָכענע כלי. זיין ווייב פלעגט ער אָבער זאָגן, אז כאַצקלס אַרבעט טויג אויף כפרות און ס׳גאַנצע מאָלן איז ניט ווערט אַ צעבראָ־כענעם גראָשן. איין טאָג האָט ער אים אונטערגערוקט דעם אָפּגענוצטן קאָמאָד, וואָס ר׳ כאַצקל האָט אים אונטערגעהאַלטן מיט אַ פּאָר ציגל.

אויף דעם גבירס קאָמאָד איז עס געשטאַנען דער טאָפּ, ווי מ׳פלעגט עס רופן אין דער משפחה. אין דער אמתן איז עס געווען אַ קרישטאָלענע וואַזע און א זעלטענער אַנטיק, אָבער קיינעם וואָלט ניט איינגעפאַלן עס צו רופן מיט אזא מאָדנעם נאָמען. אזא וואַזע וואָלט אויף דעם גבירס נייעם קאָמאָד בעסער געפּאַסט. קריינע, כאַצקלס ווייב, וואָלט זיך געקייכט פון געלעכטער ווען מ׳זאָגט איר אז איר טאָפּ איז גאָר קיין טאָפּ ניט, נאָר אַ וואַזע...

.2

און אָט איז ווידער געווען זומער. כאַצקל איז ווי יעדן טאָג ארויסגעגאַנגען גאַנץ פרי, כדי אויפצוזוכן ערגעץ אַן אָרט וווּ מ׳קען אַ שמיר טאָן מיטן פּענדזל און מיטברענגען פאַר דער כאַליאַסטרע אַ שטיקל ברויט.

די זון האָט דעם טאָג געברענט ווי אַ פלאַם־פייער און אין דער איינגעפאַ־לענער הייזקע איז געווען אזוי הייס, ממש דערשטיקט צו ווערן. האָט קריינעס פאַרחלשט האַרץ ניט אויסגעהאַלטן די היץ, אין קאָפּ האָט איר אַ שווינדל גע־טאָן און זי איז מיט אַ מאָל אַוועקגעפאַלן און געבליבן ליגן ווייס ווי קאַלך, אָן אַן אָטעם. די כאַליאַסטרע איז געבליבן שטיל און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַ דערשראָקענער אויף טויט האָט איינער פון די עלטערע קינדער אַ שפּרונג געטאָן דורך דער טיר און געלאָפן צו דער שכנה.

גנעסע די קצבטע איז גלייך געקומען אַ פאַרשמייעטע און אָפּגענעצט קריי־נעס ליפּן מיט וואַסער. אז ס׳איז איר אַ ביסל בעסער געוואָרן, איז זי געגאַנגען און געבראַכט אַ לעפעלע צוקער מיט אַ פּאָר טראָפּנס וואַלעריאַן. זי האָט זיך געבעטן:

— נעמט עס איין, קריינע־לעבן, און פאַרטרינקט מיטן ביסל לימענע־

וואַסער. קייט דאָס פּיצל לעמאָן, ס׳וועט העלפֿן. מ׳טאָר ניט איבערחלשן ס׳האַרץ! — האָט זי געמוסרט.

גנעסע איז געווען אַ גוטע שכנטע, אויף שבת פֿלעגט זי ארײַנשיקן אַ דרייב־קע, אויף יום־טוב אַ לונג־און־לעבער, אַ מאָל אַ חלק פֿלייש, אָבער קריינע פֿלעגט ניט ווען אומזיסט, חלילה. און כאָטש קריינען האָט קיין אַרבעט ניט אויסגע־פּעלט, פֿלעגט זי זיך ארײַנכאַפּן און העלפֿן אָפּפּליקן אַ גאַנדז צי אַ קאַטשקע, מאַכן אַ הון, אכטונג געבן אויף דער שטוב, און מיט דעם זיך אויסרעכענען. קינע פֿון זיי האָט זיך קיין מאָל ניט געפֿילט באַעוולט. ביידע ווייבער האָבן געשטאַמט פֿון אָרעמע הייזער, נאָר אין גנעסעס שלאָפֿקאַמער זײַנען געשטאַנען אַ פּאָר בעטן, און אויב זיי האָבן זיך אפֿילו אונטערגעשאָקלט, איז מען אָבער ביי כאַצקלען אין שטוב געשלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע. פֿלעגט זיך טאַקע קריינע ווייצלען אויפֿן חשבון פֿון די „בעטן״:

— פּאָר די קינדער איז זיכערער — טאָמער פֿאַלן זיי, וועלן זיי זיך ניט צעקלאַפּן...

אַ סך יאָרן זײַנען שוין אַוועק זינט די צוויי שכנטעס קענען זיך. אָבער גנע־סע קען זיך ניט פֿאַרגעסן יענעם טאָג, ווען זי איז צום ערשטן מאָל אריין ביי קריינען אין שטוב און דערזען דעם דלות. עס האָט איר אַזוי פֿאַרקוועטשט ביים האַרצן, אַז זי האָט פּשוט דעם אָטעם ניט געקענט אָפּכאַפּן. אַליין איז גנעסע אויך ניט געווען קיין צו גרויסע גבירטע, אָבער אַז מ׳האָט אַן אייגן בעט ווו צו שלאָפֿן און אַז מ׳קען זיך נאָך אין אַ מיטן וואָך פֿאַרגינען צו עסן אַ שטיקל הון, טאָר מען זיך ניט באַקלאָגן. דער אמת איז געווען, אַז זי אַליין האָט די הינער פֿאַרקויפֿט, און דאָך האָט מען געוואָרט ביז די גבירים פֿון שטעטל האָבן אַ הינדל פֿאַרבראַ־קירט און עס אפֿילו ניט געוואָלט אָנקוקן פֿאַר האַלב אומזיסט, דעמאָלט פֿלעגט גנעסע עס אויסקאָכן אין מיטן וואָך.

— אַ מאכל מלכים! — פֿלעגט איר מאַן סענדער פּסקנען, אַז ער האָט זיך באַלעקט פֿון דער פֿעטער יויך.

און גנעסע פֿלעגט זײַן צופֿרידן פֿון קאָמפּלימענט און זאָגן:

— און די גראָבע מאַדאַמעלעך האָבן פֿאַרקרימט די פּיסקעלעך און געזאָגט: ס׳איז אַ פּגירה. און גנעסע פֿלעגט נאָכמאַכן ווי יענע זאָגן עס, ביז סענדער פֿלעגט ארויסשיסן מיט אַ געלעכטער און הנאה האָבן פֿון זײַן ווייבס אויפֿטו.

סענדער האָט געליבט זײַן ווייב, ווייל זי איז געווען די פֿאַרזאָרגערקע פֿון הויז און ארײַנגעבראַכט די חיונה. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער פֿוילער. נאָך אַ גוטן אָנבייסן פֿלעגט ער גלייך דערפֿילן, אַז ער דאַרף זיך צולייגן און כאַפּן אַ ביסל אַ דרעמל, מעג עס זײַן אין אַ מיטן העלן מיטוואָך. זײַן ווייב פֿלעגט

טאַקע זיך אַ חכמה־טאָן איבער אים, אַז ער האָט אַ גוטע מלאכה — דעם פּוי־לערפּאַך. און ווי פיל זי האָט אים ניט געמוסרט, מיט גוטן צי מיט בייזן, האָט סיי ווי ניט געהאָלפן. האָט גנעסע אַליין געשלעפּט די שווערע קאָשיקעס מיט עופות און חלקים פליש, פאַר די גבירים — און דעם מאַן געלאָזט צו רו.

— אַז אַך און ווי וואָלט מיר געווען, אַז מיין שלימזל וואָלט מיר געדאַרפט פאַרזאָרגן. — פלעגט גנעסע גוטמוטיק אַ קרעכץ טאָן צו קריינען, ווען זי פלעגט אריינפאַלן אהיים. קריינע איז איר מקנא געווען, וואָס זי קען זיך אַן עצה געבן אָן איר מאַן, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון דער כאַליאַסטרע, צו קענען גיין פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט. און איצט, אין מיטן זומער, האָט כאצקל ניט געהאַט ווו „אַ שמיר צו טאָן", ווי ער פלעגט זאָגן, און קריינע פלעגט זיך ניט פאַרגינען אַ ביסן, ביז זי איז פאַרשלאָפט געוואָרן.

— קומט אַ ווײַלע אריין צו מיר, קריינע־לעבן! האָט גנעסע געזאָגט צו קריינען, ווי נאָר זי האָט געזען אַז זי טשוכעט זיך אויס פון חלשות.

— אַ דאַנק אייך, גנעסע, איר זייט אַ גאָלד! אָן אייך וואָלט איך דאָ חלילה אַוועק...

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן, קריינע. איר האָט נאָך אזעלכע עופהלעך, פּיטשינקע, און זיי דאַרפן האָבן אַ מאַמען. נישקשה, דער רבונו־של־עולם וועט העלפן. איז קומט אריבער צו מיר. איר וועט זיך זעצן אויפן גאַניק, אין שאָטן, דאָרט איז קיל.

— אַ דאַנק אייך, ליבינקע. כ'פּיל מיך שוין בעסער.

— ניין, ניין! — האָט גנעסע ניט נאָכגעלאָזן. — איר מוזט גיין. כ'האָב קאַלט וואַסער אין אייזקאַסטן, ווו איך האַלט די הינער, איר וועט זיך דערקוויקן.

— נאָך אַ מאָל אַ דאַנק, גנעסע, אָבער כ'דאַרף געבן די קינדער עסן. — האָט זי איר געזאָגט אַ תירוץ, כאָטש זי האָט גוט געוווסט אַז ס'איז ניטאָ קיין סקאָרינקע אין הויז.

— איך וועל זיי געבן עסן, — האָט גנעסע ניט געוואָלט וויזן, אַז זי פאַר־שטייט זיך אויף איר לאַגע. — חוץ דעם איז אייער ברויט מסתמא פון נעכטן, און איך האָב היינט פרי געבאַקן. מיינס אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַד וועט די קינדער געפעלן.

און זי האָט לייכט גענומען קריינען אונטערן אָרעם.

קריינע האָט זיך געשאַרט מיט שוואַכע טריט. איר פּנים איז געווען בלאַס. אַז זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען אויפן גאַניק, האָט זי פרייער אָפּגעאָטעמט און געמוזט צרשטימען, אַז ס'איז טאַקע קילער ווי ביי איר אין דער פאַרשטיקטער כאַטע. דערווייל האָבן זיך ארומגעשטעלט די קינ־

דער ארום דער מאַמען און ווי אויף עפּעס געוואַרט. זיי האָבן געוווּסט אַז ביי דער שכנטע איז אַלעמאָל פאַראַן עפּעס צו נעמען אין מויל, בפרט אַז זיי האָבן נאָך אין דער לופט געפילט דעם ריח פון פרישן ברויט.

גנעסע איז געווען אַ בריה און גוט געקאָכט, געבאַקן און געפּרעגלט. צום עסן איז קיין עין־הרע געניג געווען. איצט האָט זי אין איילעניש פאַרטיילט יעדן פון די קינדער אַ מוציא ברויט מיט מאַרמעלאַד, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויפן דיל און מיט אַפּעטיט געגעסן. אין דער פאַוזע האָט זיי געטראָפן סענדער, ווען ער איז אַריין אין שטוב. דער פוילער סענדער איז קיין מאָל ניט געווען פויל צום עסן, און ווי נאָר ער האָט דערשפּירט אַז ס'איז עפּעס דאָ איז ער שוין גע־זעסן ביים טיש. איצט האָט אים גנעסע גלייך אונטערגעטראָגן אַ פולע שיסל הייס געקעכטס און ער האָט עס גלייך איינגעשלונגען. ער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן און זיך אַריינגעשאַרט אין שלאָפקאַמער.

קריינע איז געזעסן אָן אָפּגעשוואַכטע. זי האָט אפילו קיין כוח ניט געהאַט אָנצורירן דאָס ביסל געקעכטס, וואָס גנעסע האָט איר אונטערגעטראָגן. פון מיד־קייט איז זי מיט אַ מאָל אַנטדרימלט געוואָרן און זיך געשמאַק געשלאָפן. ווען גנעסע האָט עס באַמערקט, האָט זי אַ ווונק געטאָן צו די קינדער זיי זאָלן זיין שטיל, ווייל די מאַמע שלאָפט. זי האָט גענומען דעם קאָרב מיט די עופות, וואָס איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט, פאַרמאַכט די טיר צום שלאָפקאַמער און איז אויף די שפּיץ פינגער ארויס פון שטוב.

.3

און דאָ האָט עפּעס פּאַסירט.ביידע ווייבער האָבן פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר אין קריינעס הויז. די קינדער זיינען איצט געזעסן, ווי הינדעלעך ארום דער מאַמען, און זיי האָבן אויך ניט געדענקט אַז די טיר איז געבליבן אָפן. דער־ווייל האָט זיך אַ גנב אַריינגעכאַפּט. ער האָט איבערגעדרייט דאָס בעטגעוואַנט אויף דער פּאָדלאָגע און אַלע בעבעכעס וואָס אין שטוב. ער האָט געזוכט אַ פּאָר גראָשן, אָבער דאָ האָט ער עס ניט געקענט געפינען. אַז ער האָט שוין געוואָלט ארויסגיין, האָט ער באַמערקט אַז אויף דעם צעבראָכענעם קאָמאָד שטייט עפּעס פאַרדעקט מיט טראַנטעס. אַז ער האָט דעריזען די וואָזע איז ער געוואָרן פאַר־וווּנדערט פון איר שיינקייט, אָבער קיין סך צייט אויף עס אָנצוקוקן האָט ער ניט געהאַט, האָט ער זי פאַרזיכטיק איינגעוויקלט אין די שמאַטעס און איז מיט איר נעלם געוואָרן...

איבער אַ שעה איז קריינע געשלאָפן און פלוצלינג זיך אויפגעכאַפּט. בעת־

מעשה האָט זי אפילו ניט געוווּסט ווו זי געפינט זיך און ניט געדענקט וואָס מיט איר איז געשען, אָבער ווי נאָר די כאַליאַסטרע ארום האָט אָנגעהויבן טומלען האָט זי זיך אַלץ דערמאָנט. זי ליגט דאָ, ביי גנעסן, און דאָס הויז האָט זי גע־לאָזט אויף הפקר. שטענדיק בלייבט דער מאַן, צי אַ קינד.

פלוצלינג האָט איר אין קאָפּ אַ בליץ געטאָן: דער טאַפּ! זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, נאָר ס׳האָט איר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן און אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן דרייען. פון שוואַכקייט האָט זי זיך צוריק אוועקגעזעצט און מיט בעטנדיקע אויגן געקוקט צו די קינדער. די קינדער האָבן פאַרשטאַנען און זי געהאָלפן זיך אויפהייבן. זי האָט זיך ארומגעקוקט. געוואָלט באַדאַנקען גנעסן, אָבער קיין לעבעדיקער נפש האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף איר לייכטן קלאַפּ אין טיר פון שלאָפקאַמער. זי האָט געהערט אַ כראָפּן און פאַרשטאַנען אז סענדער שלאָפט נאָך. זי האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין וואָס זי איז דאָ געשלאָפן אזוי לאַנג. זי האָט געטראַכט וועגן טאָפּ און ס׳האַרץ האָט איר עפּעס ניט גוטס פאָ־רויסגעזאָגט. די קינדער האָבן זיך אויך דערמאָנט אז די שטוב איז געבליבן אָפן און זיך געפילט ווי שולדיק.

— דו בלייב דאָ! האָט זי געזאָגט צום עלטסטן יינגל. — ביז גנעסע וועט צוריק קומען אָדער סענדער וועט אויפשטיין, דאַרף מען אכטונג געבן אויפן הויז, — האָט זי אים שטרענג פאַרזאָגט. — ער שלאָפט און הערט קיין זאַך ניט, מ׳קען אים אפילו ארויסטראָגן...

אַ שמייכל האָט אַ שיין געטאָן אויפן יינגלס פנים:

— כ׳וועל דאָ בלייבן, מאַמע. גיי. גייט! — האָט ער געזאָגט צו איר און צו די קינדער.

די טיר צו איר הייזקע איז געשטאַנען אָפן, אזוי ווי זיי האָבן עס איבערגע־לאָזט. אָבער ווי נאָר זי איז אריין אינעווייניק, האָט זי דערזען ווי אַלץ איז צע־וואָרפן און צעשליידערט. ס׳טרעפט אז די קינדער טוען עס ביים שפּילן זיך, אָבער ווען זיי זיינען ארויס איז אַלץ געבליבן אויף אַן אָרט. די קינדער זיינען דאָך געווען מיט איר. אזא חורבן!

איר בליק איז שנעל געפאַלן אויפן קאַמאָד און ס׳איז איר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, דער קאָמאָד מיט די ווענט האָבן זיך אַ דריי געטאָן. זי האָט דער־פילט אַ שוואַכעניש ווי מיט אַ פּאָר שעה צוריק.

— אָט וועל איך חלשן אויף אַן אמת!

דאָס איז געווען איר געשריי, נאָר די ווערטער זיינען ארויסגעקומען פרעמד. ווען ניט דאָס געשריי וואָלט זי מסתמא יאָ געחלשט. די קינדער האָבן איר אונ־טערגעהאַלטן. אַ טייל פון די שמאַטעס אין וועלכע דער טאָפּ איז געווען איינ־

געוויקלט, האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די פּיס, אָבער דער טאָפּ איז ניט גע־וועז. אַוועק...

קריינע האָט געבראָכן מיט די הענט, געיאָמערט. די קינדער האָבן מיט־געשריען און געוויינט. פון די גוואַלדן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען שכנים, מענטשן פון גאַס, אָבער קיינער האָט אין דעם געקלאַג ניט געקענט אויסגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט.

— ביי אייך איז דאָך חלילה קיינער ניט געשטאָרבן, טאָ וואָס קלאָגט איר אזוי ווי נאָך אַ טויטן?! האָט אַ באַקאַנטער ייד געשריען צו קריינען.

— מיין אוצר!... האָט קריינע זיך צעיאָמערט אויף אַ קול, ווי דער ייד וואָלט איר נאָר וואָס דערמאָנט וועגן וואָס זיי וויינען. — מיין טאָפּ! אונדזער טייערער טאָפּ איז אַוועק, אַוועק! ניטאָ!.. — האָט זי היסטעריש געשריען.

— אַוועקגעגנבעט. שוין! געבוג! — האָט דער ייד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַבי עס האָט אייך גאָר ניט פּאַסירט. כ'וועל גיין אויפזוכן כאַצקלען און ער וועט גיין אין פּאָליציי. מ'דאַרף מעלדן פּאָליציי. — האָט דער ייד גע־רעדט צו קריינען, וואָס איז אויף אַ ווייַלע שטיל געוואָרן.

— מ'דאַרף בענטשן גומל! — האָט אַ צווייטער ייד געזאָגט. — גזלנים, זיי האָבן געקענט געבן מיט אַ האַק איבערן קאָפּ. ווער וויס...

דער באַקאַנטער האָט געהאַלטן וואָרט — ער האָט אויפגעזוכט כאַצקלען. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך ארומגעדרייט אַ פאַרשמאַכטער מיטן ליידיקן פאַרב־עמערל און פענדזל און ניט געפונען ווו „אַ שמיר צו טאָן". איז נאָך איצט אונ־טערגעקומען דער שלעכטער אָנזאָג פון דעם באַקאַנטן ייד, וואָס דערציילט אז מ'האָט אים, כאַצקלען, באַגנבעט.

— באַגנבעט?.. — האָט כאַצקל געגעבן אַ ביטערן שמייכל. — וואָס קען מען ביי מיר גנבענען?

— אייער ווייב און אַלע קינדער קלאָגן מיט קולות: דער טאָפּ! דער טאָפּ!

— דער טאָפּ! — האָט כאַצקל ארויסגעלאָזט אַ געשריי. — דער טאָפּ אונד־זערער!

— איר דאַרפט גלייך גיין מעלדן אין דער פּאָליציי, גלייך! — האָט אים דער ייד געעצהט.

אז כאַצקל איז אָנגעקומען מיט אַ פּאָליציאַנט, איז די משפּחה און פרעמדע אין הויז שוין געווען פאַרשטילט. עס האָט אים פאַרדראָסן אויף די אָרעמע טראַנטעס, וואָס זיינען צעשליידערט איבערן צימער, אָבער נאָך מער האָט אים וויי געטאָן אויף קריינען. זי איז געשטאַנען, ארומגערינגלט פון דער כאַליאַס־טרע, מיט געשוואָלענע פאַרוויינטע אויגן.

ווען דער פּאָליציאַנט איז צו איר צוגעגאַנגען, האָבן די פרעמדע מענטשן אין שטוב זיך אָנגעהויבן פונאַנדערגיין. זי האָט דעם פּאָליציאַנט דערציילט די געשיכטע פון איר שטאַרקן קאָפּווייטיק און ווי זי איז זיך אַריין אָפּרוען ביי גנעסען און איז איינגעשלאָפן. ווען זי איז אין אַ שעה אַרום צוריק אַריין אין שטוב, האָט זי געזען אַז דער טאָפּ איז פאַרשוווּנדן... דער פּאָליציאַנט האָט אירע רייד אַריינגעשריבן אין אַ קליין ביכעלע און איז אַוועק.

כאַצקל האָט געזאָגט די קינדער זיי זאָלן אַרויסגיין זיך שפּילן. די לעצטע פּאָר גוטע פריינד האָבן געזאָגט אַ טרייסטוואָרט און אויך אַוועק.

אַז כאַצקל איז געבליבן מיט קריינען אַליין, איז זי אַרויפגעפאַלן אויף זיין שולטער און זיך ווידער צעוויינט. ער האָט געפּילט איר פאַרקלעמעניש, האָט איר אַרומגענומען און געזאָגט:

— הער אויף וויינען, קריינע, די פּאָליציי וועט שוין געפינען דעם גנב.

— איך ווייס ווער דער גנב איז... — האָט קריינע פּלוצלינג געזאָגט.

— אויב דו ווייסט, פאַר וואָס האָסטו גלייך ניט געזאָגט דעם פּאָליציאַנט?

ער האָט געטאָן אַ טריט נענטער צו איר. — ווער איז דאָס, זאָג?

— מ׳קען דאָס ניט דערציילן קיינעם, נאָר איך ווייס איין זאַך: ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין גנעסע אין ערגעץ ניט געווען... און איך דערמאָן זיך, אַז ווען זי איז אַריין אין שטוב און איך בין געלעגן אַ האַלב־געחלשטע, האָט זי געקוקט אויפן טאָפּ... כ׳געדענק נאָך איצט איר בליק...

— און... וואָס נאָך געדענקסטו?.. — האָט כאַצקל געשטאַמלט. — מיר טאָרן ניט שווייגן...

— יע, נאָך דעם האָב איך זיך דערמאָנט, — האָט קריינע דערציילט איר מאַן, — אַז נאָך גאָר אַ מאָל האָט מיר גנעסע געפרעגט פאַר וואָס מיר האַלטן אַזאַ שיינעם טאָפּ שטענדיק פאַרדעקט מיט שמאַטעס. איך האָב נאָך אַזאַ טאָפּ אין ערגעץ ניט געזען, האָט זי געזאָגט. אדרבא, זאָלן מענטשן זען אַז ביי אייך איז דאָ אַזאַ פּראַכטיקע זאַך! איך געדענק נאָך אירע רייד ווי היינט. און נאָך דעם איז זי מיט אַ מאָל געוואָרן גוט און געגעבן די קינדער פריש־געבאַקן ברויט מיט מאַרמעלאַד, האַ, וואָס זאָגסטו?

— כ׳ווייס ניט, קריינע! — האָט דער מאַן זיך געפּרוווט אַרויסדרייען פון אַן ענטפער.

— אָבער ווען כ׳בין איינגעשלאָפן, האָט זי זיך מסתמא אַריינגעכאַפּט און גענומען...

— הער אויף, קריינע, — איז כאַצקל בייז געוואָרן, — מ׳טאָר ניט באַשולדיקן אַ מענטשן כל־זמן מ׳האָט אים ניט געכאַפּט ביי דער האַנט. ס׳קען אַרויס־

קומען אַן אומזיסטער בילבול און מ׳קען פאַר אזא זאַך טייער באצאָלן... און נאָך האָבן בזיונות...

— כ׳האָב עס פאַרשטאַנען און דערפאַר האָב איך פאַר קיינעם ניט גערעדט — האָט זיך קריינע ווי פאַרענטפערט.

— ווען דו כאַפּסט זיך ארויס מיט אַ וואָרט פאַר די יענטעס, וואָס האָבן זיך דאָ ארומגעדרייט, וואָלט שוין געקלונגען די גאַנצע וועלט... אָבער קלעם זיך ניט, דער טאָפּ וועט זיך איינגעפינען. קיינער אין שטעטל האָט ניט אַזאַ טאָפּ, און פּאָליציי וועט איצט אָנהויבן זוכן. און איך דריי זיך דאָך אויך ארום, וועל איך שוין באַמערקן...

4.

כאצקל האָט אָפּגעוואַרט גנעסען. ארויסגעקוקט פון זייער פענצטער. און ווי נאָר ער האָט זי געזען אָנקומען, אַ פאַרמאַטערטע און פאַרשוויצטע פון דער היץ, איז ער אַ ווילע שפּעטער אריבער צו איר און איר באַדאַנקט, וואָס זי האָט געהאָלפן זיין ווייב זיך אָפּרוען ביי איר און אָנגעקאָרמעט די קינדער.

גנעסע האָט אים געזאָגט, אז זי דאַרף גאָר דאַנקען וואָס זי האָט געלאָזן דעם יינגל ביז איצט אַכטונג געבן אויף זייער שטוב, ווייל איר „פוילערפאַך" פּאַפּט נאָך אַלץ. אָבער זי האָט שוין אין שטעטל געהערט, וואָס ביי זיי האָט פּאַסירט און אז דער שיינער טאָפּ איז נעלם געוואָרן. און זי האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, אז זי פילט זיך שולדיק צוליב דעם, און ווי נאָר זי וועט אויספּאַקן אירע געבליבענע עופות, וועט זי זיך אריבערכאַפּן זען וואָס קריינע מאַכט.

— היינט גראָדע האָב איך געקוקט אויף די שמאַטעס ארום אייער שיינעם טאָפּ, און דעם אמת זאָגנדיק האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס איר האַלט אים אזוי פאַרוויקלט אז קיינער קען זיין שיינקייט ניט זען, האָב איך אים מסתמא אַן עין־הרע געגעבן...

ווען גנעסע איז שפּעטער אריבערגעקומען געוויר ווערן קריינען, האָט זי ווידער זיך פאַרענטפערט וואָס צוליב איר שולד האָט מען צוגעגנבעט די וואָזע.

אז קריינע האָט געהערט ווי דאָס וואָרט וואָזע גייט ארויס פון גנעסעס מויל, האָט זי אַ צאַפּל געטאָן און ווידער ארויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. דאָס וואָרט וואָזע האָט איר דערמאָנט רייכקייט, און קריינע האָט אָנגעהויבן דערציילן די מעשה פון דער ירושה פון דער עלטער־באָבען, וואָס האָט געלאָזן דעם טאָפּ. זי איז געווען אַ מאָל זייער רייך.

— פלעגן מיר אים טאַקע היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. — האָט קריינע גע־

כליפּעט. — נאָר שבת און יום־טוב פלעגן מיר אים אָפּדעקן. אזא צירונג! אַזאַ פּראַכט!

— קריינע פלעגט קיינעם ניט צולאָזן צום טאָפּ. זי אליין פלעגט אים אויפ־וויקלען, באַזאָרגט אים ארומווישן, אזוי ווי אַן אתרוג... — האָט כאַצקל צוגע־געבן זיינס.

גנעסע איז געזעסן פאַראומערט און געקרעכצט:

—שרעקלעך... שרעקלעך,,, אַזאַ וואָזע! — ווען איך קען אייך עפּענען מיין האַרץ, ווי מיך פאַרדריסט דאָס... — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר איר אַוועקגיין.

— איר דאַרפט זיך ניט נעמען צום האַרצן, — האָט כאַצקל ווייך גערעדט, — ס'האָט שוין פּאַסירט און מ'קען גאָרניט העלפן. אפשר פּאָליציי? כ'וועל אויך זוכן...

— נו, וואָס זאָגסטו?.. — האָט קריינע געזאָגט מיט פאַרדראָס, גלייך ווי גנעסע איז ארויס.

—איך זאָג גאָרניט, — האָט זיך כאַצקל אָפּגעטרייסלט. — אז די טיר איז אָפן, מיין ווייב, קען אַ גנב אריין און צונעמען אַלץ וואָס ער געפינט...

— גראָדע דעם טאָפּ האָט זיך אים פאַרוואָלט... — האָט קריינע ניט נאָכ־געגעבן.

— ניט דעם טאָפּ האָט ער געזוכט. זעסט דאָך, אז ער האָט אַלץ פונאַנדער־געוואָרפן, ארויסגעשלעפּט די שופלאָדן פון קאָמאָד.

— טאָ וואָס האָט ער געזוכט אין אונדזער אָרעמקייט, האַ, חכם מיינער?

— געדענקסט, קריינע־לעבן, — האָט כאַצקל געפּרוווט איינבעמען זיין ווייב מיט גוטן, — דעם שלעפּער נתן? ער פלעגט גיין אָנגעטאָן אין טראַנטעס, און אָנשטאָט קנעפּלעך פלעגט ער זיי צובינדן מיט שטריקלעך.

אוודאי געדענק איך, — האָט זי זיך דערמאָנט, — איך געדענק אים נאָך ווען ער פלעגט קומען ביי מיין מאַמען אין הויז נאָך אַ נדבה. איז וואָס עפּעס דער בעטלער?

— דער בעטלער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. שוין אַ מעשה מסתמא פון פופצן יאָר, גלייך נאָך אונדזער חתונה. האָט דאַן די חברה־קדישא אין אַ קישע־לע, ביי אים צוקאָפּנס, אַ קניפּל געפונען, אָנגעשטאָפּט מיט גרויסע סיגנאַציעס, גראָבע טויזנטער...

— איז וואָס האָט עס צו טאָן מיט אונדזער טאָפּ? — האָט זיך קריינע גע־וווּנדערט.

— יע, דער גנב איז מסתמא אַ היגער און געדענקט די מעשה, האָט ער ביי אונדז אויך געזוכט אַ קניפּל. ניט אַזוי, קריינע?

— הער אויף, כאַצקל, מיר טוט ווי דאָס האַרץ און דו חכמעסט זיך. — האָט זיך קריינע געבעטן. — מיך גריזשעט עס, און גנעסע...

— הער אויף עס צו דערמאָנען, — האָט איר כאַצקל איבערגעריסן מיט אַ געשריי, — ניט גנעסע האָט עס געטאָן. מיר דאַרפן דערמאָנען איר נאָמען צום גוטן, ווייל זי העלפט אונדז אין אַ נויט, גיט אַ שטיקל ברויט די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין. וואָס נאָך?..

— מסתמא בין איך משוגע, — האָט זיך קריינע מודה געווען, — אַ קלעפּקע אין קאָפּ...

— פאַרשטיי, קריינע, — האָט איר כאַצקל אויפגעקלערט, — אָט גייט גנע־סע פאַרקויפן היגער און פלייש צו די רייכע מאַדאַמען, און דאָרט, אויף זייערע טישלעך און קאָמאָדן איז אָנגעשטעלט גאָלד און זילבער, און מ׳האָט קיין מאָל ניט געהערט אַז זי זאָל זיין אַ גנבטע. דער גנב האָט קיין אַנדער זאַך ניט גע־פונען, האָט ער גענומען דעם טאָפּ.

— ביסט גערעכט, כאַצקל, — האָט קריינע געזאָגט, — אָבער ווי געפינט מען דעם טאָפּ?

— זאָרג זיך ניט, ס׳וועט זיך איינגעפינען. דער גנב דאַרף ניט דעם טאָפּ פאַר זיך, און געלט דאַרף ער דאָך אויך, וועט ער גיין דעם טאָפּ פאַרקויפן. און אַזא גבירישע וואָזע וועלן דאָך אָרעמע ניט קויפן, וועט ער גיין צו די רייכע, וועלן דאָך די מענטשן וועלן וויסן פון וואַנעט דאָס שטאַמט — און מ׳וועט אים כאַפּן...

— ביסט גערעכט ווי דער טאָג, מיין מאַן! — האָט קריינע זיך דערפילט גרינגער פון די ווייכע רייד פון כאַצקלען. — ביסט גערעכט! — האָט זי גע־רעדט ווי אַ שולדיקע.

5.

— אַ פּאָר וואָכן זיינען אריבער. איין טאָג איז גנעסע אריינגעלאָפן אַ פאַר־סאָפּעטע צו קריינען. זי האָט געקוקט קריינען אין די אויגן און אַ שמייכל האָט זיך געשפּרייט אויף איר פּנים:

— איר ווייסט, קריינע־לעבן, כ׳האָב אים!

— וועמען? וועמען האָט איר? — האָט זיך קריינע געוווּנדערט.

— אייער טאָפּ האָב איך! די וואַזע! ביי מיינעם אַ קונד דערזען... אויפן טיש... מיט בלומען... — האָט גנעסע ניט געקענט ריידן פון איפּרעקונג.

— מיין טאָפּ! — האָט קריינע אויסגעשריען, אַ שפּרונג געטאָן און אָנגע־הויבן גנעסען קושן.

— זיי מאַכן חתונה אַ מיזינקעלע, האָבן זיי געמאַכט ביי מיר אַ גרויסע באַ־שטעלונג. קומט, איר וועט מיטגיין מיט מיר און פאַראיינס מיר העלפן צוטראָגן דאָס פליש. כ׳וועל בעטן סענדערן אַכטונג געבן אויף אייער קליינוואַרג. קומט!

גנעסע האָט גערעדט ווי מ׳וואָלט אַט־שוין געדאַרפט גיין. ווען קריינע האָט אָן אויפגעמונטערטע זיך אָנגעהויבן גרייטן מיטצוגיין, האָט איר גנעסע געזאָגט אז מ׳וועט גיין ערשט מאָרגן, ווייל איצט דאַרף זי איר העלפן אָפּפּליקן די הינער און כשר מאַכן דעם חלק פליש.

— איך וועל שוין היינטיקע נאַכט קיין אויג ניט צומאַכן. איז לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— קומט, — האָט גנעסע געזאָגט. און ביידע ווייבער זיינען געגאַנגען צו גנעסען אַהיים.

— סענדער, — האָט גנעסע געזאָגט צו איר מאַן, ווען זיי זיינען אריין אין שטוב, — דו אַרבעטסט במילא ניט, וועסטו מאָרגן אַכטונג געבן אויף קריינעס קינדער — האָסט דאָך ליב קינדער, האַ? און איך מיט קריינען וועלן אוועק־טראָגן די עופות און פליש פאַר דער חתונה. — זי האָט דאָס אַלץ געזאָגט ווי אַ באַפעל, אָבער וועגן טאָפּ האָט זי אים ניט דערציילט.

אויף מאָרגן, ווען קריינע האָט דערזען איר טאָפּ, זיינען איר געקומען טרערן אין די אויגן און איר האַרץ האָט געקלאַפּט פון פרייד.

— אַנטשולדיקט, מאַדאַם... — מיין טאָפּ... מיין וואַזע... — האָט זי גערעדט צו דער באַלעבאָסטע און געגלעט דעם טאָפּ. זי האָט געזען ווי שיין ער זעט אויס מיט די בלומען אין אים.

די באַלעבאָסטע האָט שוין פון גנעסען געוווּסט וועגן דעם וואָס האָט פּאַ־סירט מיט דער וואַזע, און ווי זי וואָלט זיך געפילט שולדיק האָט זי אָנגעהויבן דערציילן איר מעשה:

— איר פאַרשטייט, איך האָב עס אָפּגעקויפט ביי אַ מאַן, וואָס האָט אָנגע־קלאַפּט אין טיר. ער האָט געהאַט אַ גאַנצן בינטל זאַכן צו פאַרקויפן און מיר דערציילט אַ געשיכטע, אז זיינע אַ מומע האָט עס אים געלאָזן אַ ירושה, נאָר אַזוי ווי ער האָט נייטיק געלט, מוז ער עס פאַרקויפן. כ׳האָב קיין זאַך ניט גע־וואָלט קויפן, נאָר ווי איך האָב דערזען די וואַזע האָט עס מיר אַזוי פאַרכאַפּט. די אַלע וווּנדערלעכע קאָלירן, צו אַלץ אין דער וועלט פּאַסן זיי, — האָט זי

אַנגעוויזן אויף דער וואַזע, — האָב איך שוין ביי אים גאָר ניט געפרעגט און באַצאָלט וויפל ער האָט געבעטן: צען רובל. און זיך געפרייט מיט דער מציאה ביז... איר... גנעסע, האָט מיר גענוי דערציילט וועגן אַלץ.

דערווייל האָבן די ווייבער אויסגעפּאַקט די הינער און פלייש. די באַלע־באָסטע האָט אַלץ באַקוקט. נאָר אויף דער וואַזע האָט זי געקוקט מיט פאַר־דרוס, ווייל זי דאַרף זיך מיט דעם געזעגענען. צום סוף האָט זי געזאָגט צו קריינען:

— הערנדיק אַז דאָס איז אַ ירושה פון אייער עלטער־באָבען, ווי איר זאָגט... וועל איך אייך די וואַזע אָפּגעבן.

— אָבער, מאַדאַם, — האָט זיך קריינע אָפּגערופן אָן אָטעם, — כ׳האָב קיין צען רובל ניט.

— וועגן דעם זאָרגט זיך ניט, כ׳האָב אַ פּלאַן. און דעם גנב וועל איך דערקענען.

— ווי אַזוי וועט איר דעם גנב דערקענען, אַז די פּאָליציי אפילו קען אים ניט כאַפּן? האָט גנעסע געפרעגט אַ פאַרוואונדערטע.

— ער דרייט זיך דאָ ארום אויפן מאַרק. מיט אַ שניט אויפן שטערן. ס׳איז ניט שווער אים צו דערקענען. — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט. זי האָט באַ־טאַפּט די הינער. — איר האָט מיר געבראַכט שיינע סחורה, גנעסע.

— מיינע סחורה איז אויף אַלע גבירישע טישן! — האָט זיך גנעסע באַ־רימט. — זאָלט איר נאָר האָבן נחת פון אייער מיזינקעלע און אַ גוטן מזל, מאַדאַם.

אויך קריינע האָט איר צוגעווונטשן אירע ברכות און געזאָגט, אַז זי האָט נאָך אַזאַ גוטהאַרציקע פרוי ניט געטראָפן. זי האָט איר אפילו געוואָלט אַ קוש טאָן די האַנט פאַר איר גוטסקייט, נאָר יענע האָט זיך ניט געלאָזן.

— איך האָב געהערט אַז מ׳רופט אייך קריינע. טאָ זאָגט מיר, קריינע, ווען ביי אייך פּאַסירט אַזאַ מין זאַך, וואָלט איר דען ניט אַזוי געטאָן? — האָט זי איידל געזאָגט.

— געוויס, אַן אָרנטלעכער מענטש טוט נאָר אַזוי ווי איר, מאַדאַם.

— און איצט הערט וואָס נאָך איך גיי טאָן. אייער מאַן, האָט מיר גנעסע געזאָגט, איז אַ מאָלער. דאַרף איך טאָקע אויספאַרבן די קיך צו דער חתונה. און חוץ דעם דאַרף מען נאָך אויסקאַלכן די סקלאַדן ביי אונדז, אויסמאָלן דעם גאַנעק, און מסתמא קען ער נאָך פאַרריכטן עפּעס אויך. וועט ער האָבן ביי אונדז אַרבעט, כמעט שטענדיק... — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — איז פאַרגעסט אים ניט צו שיקן, אייער מאַן, מאָרגן פרי.

.6

ווען בײדע װײבער זײנען ארויס און קרײנע האָט געטראָגן, ווי אַן אוצר, איר טײערן טאָפּ, האָבן זײ ניט געפונען גענוג לויבווערטער פאַר דער גוטער מאַדאַם. מיט אַ מאָל האָט זיך קרײנע אָפּגערופן:

— איר ווײסט, גנעסע, אײך דאַרף איך פון גאַנצן האַרצן דאַנקען פאַר דעם וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר...

— איך האָב עס געטאָן פאַר זיך, ניט פאַר אײך! — האָט איר גנעסע אָפּגעשניטן.

— ווי אַזוי פאַר זיך? אָט טראָג איך דאָך מײן טאָפּ אַהײם.

— אָבער כ׳האָב געפילט אַז איר האָט געטראַכט, אַז איך האָב צוגענומען דעם טאָפּ — איז גוט אַז איך בין געווען די געפינערקע. און דעם גנב וועט מען נאָך אויך געפינען.

קרײנע האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט. די ווערטער זײנען איר מיט אַ מאָל ווי אַוועקגענומען געוואָרן און זי איז געגאַנגען שווײגנדיק. צום סוף האָט זי זיך געשטאַרקט:

— זײט מיר מוחל, גנעסע. מײן שטראָף האָב איך פאַרדינט. כ׳בין אַ שלעכטע. נאָר מײן מאַן איז געווען גערעכט — ער האָט געזאָגט אַז איר זײט אַן ערלעכער מענטש.

אַז קרײנע איז ארײן אין שטוב האָבן אַלע זיך דערפרײט מיטן צוריק געפונענעם טאָפּ. כאַצקל האָט געשטראַלט פאַר גליק און די קינדער האָבן געטאַנצט פון שימחה. קרײנע האָט אוועקגעשטעלט די וואַזע אויפן קאָמאָד און געזאָגט אין אַ יום־טובדיקן טאָן:

— פון הײנט וועט דער טאָפּ שטײן ניט פאַרדעקט, אַזוי אַז אַלע זאָלן אים זען. און מיר וועלן קויפן בלומען און ארײנשטעלן אין אים, ווי מ׳טוט אין די רײכע הײזער. אָבער די פרײד איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען זי האָט דערצײלט וועגן דער אַרבעט וואָס כאַצקל וועט מאָרגן קריגן, און די קינדער האָבן זיך געפרײט מיט טאַטע־מאַמעס שימחה.

אַז די קינדער זײנען אנטשלאָפן געוואָרן האָט קרײנע שטיל געזאָגט צום מאַן:

— ווײסט, כאַצקל, כ׳האָב הײנט אויסגעפונען אַז גנעסע איז אַ צדיקת. כ׳בין באַגאַנגען אַ גרויסע זינד קעגן איר.

די מאַדאַם האָט אָנגעבעטן גנעסן, אַז זי זאָל פאַרשווײגן די גאַנצע זאַך, ווײל זי וויל מיטן גנב זיך אַלײן אָפּרעכענען. און אין אַ פּאָר טעג ארום האָט זי

אים טאָקע געפונען. ער האָט זיך געבעטן ביי איר אז זי זאָל אים ניט איבערגעבן צו פּאָליציי. נאָר ער האָט געמוזט מיטגיין מיט איר און גנעסן צו קריינעס שטיבל. ער האָט זיך מודה געווען און געשוואָרן אז ער וועט מער ניט גנבענען, און מ׳האָט אים געלאָזן פריי. און די ווייבער האָבן געדאַנקט און געקושט די גוטע מאַדאַם.

*

פון יענעם טאָג האָט זיך אַלץ געביטן: ביידע שכנטעס זיינען געוואָרן גרויסע פריינט. כאַצקל איז געוואָרן אַ שטענדיקער אַרבעטער ביי דער מאַדאַם אין הויז. און כאַצקלס משפחה האָט געהאַט גענוג צו עסן און אפילו בעטן ווו צו שלאָפן, אַן אַלמער און אַ גאַנצן קאָמאָד וואָס די גוטע באַלעבאָסטע האָט זיי אוועקגעגעבן — כאָטש אַ ביסל אָפּגענוצט. און זיי האָבן גאַנץ אָפט אפילו געהאַט אַ הינדל אין מיטן וואָך.

שאָסע

1.

שאָסע איז געווען עלטער פוןביילינקען מיט גאַנצע עלף יאָר. זי איז געווען צוויי און דרייסיק, ביילינקע — איין און צוואַנציק. אָבער ניט נאָר די יאָרן, נאָר אַ סך זאַכן זיינען ביי די צוויי שוועסטער געווען אַנדערש. ניט נאָר איז שאָסע געווען אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד, נאָר זי איז אויך געווען אַ גרויסע פוילערקע און האָט אין הויז מיט גאַרניט געהאָלפן. ביילקע האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון דאַמען־זאַכן, אָבער שאָסע האָט פון אַרבעט ניט געוואָלט הערן. זי פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג אויפן בעט און אַ פינגער אין קאַלט וואַסער ניט געוואָלט אריינטאָן. דער מאַמען פלעגט עס זייער פאַרדריסן און ניט איין מאָל איז געקומען צו געשרייען און קריגערייען צווישן זיי.

לאה, די מאַמע, פלעגט גיין וואַשן פאַדלאָגעס אין פרעמדע הייזער, אָבער אַז זי פלעגט קומען אַ פאַרמאַטערטע און פאַרשמאַכטע צוריק אהיים, פלעגט זי זיך נעמען מאַכן וועטשערע און צוראַמען אין הויז. שאָסע פלעגט אָבער זיך ניט מאַכן זעענדיק.

מרדכי, דער טאַטע, האָט געפּרעסט אַ גאַנצן טאָג הויזן ערגעץ אין אַ קליין פאַבריקל און ער האָט צופיל ניט פאַרדינט דערביי. ער האָט אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט און געשוויצט, געבלאָזן דעם שווערן אייזן אים הייס צו האַלטן און זיך ניט פאַרגינט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

דערפאַר איז ביילינקע געווען די אויפטוערקע, וואָס האָט פאַרדינט מער פון טאַטע־מאַמע, און זי האָט זיך באַמיט וואָס מערער אַרבעט ארויסצוגעבן און וואָס מערער פאַרדינען. דאָס האַרץ האָט איר וויי געטאָן פאַר די עלטערן. זי געדענקט נאָך איצט, ווי זי פלעגט אין די ערשטע יאָרן אין פאַבריק אַלץ פרעגן דער מאַמען, פאַרוואָס האָט איינער אַזוי פיל און אַ צווייטער — גאַרניט. און ווען זי איז אַוועק אין פאַבריק איז זי נאָך כמעט אַ קינד געווען. איר דוכט זיך אַז זי אַרבעט שוין מער יאָרן ווי אין דער אמתן.

היינט האָט זי געאַרבעט לענגער ווי אַנדערע טעג. ווען זי איז ארויס פון פאַבריק איז שוין געווען נאַכט. די לאָמפּן האָבן שוואַך באַלויכטן די גאַסן.

מענטשן האָבן זיך איצט געאײַלט אַהײם. הינטער די ראָגן פֿון די גאַסן זײַנען זיי האַסטיק פֿאַרשוווּנדן. צווישן די מענטשן איז אויך געגאַנגען ביילקע, אַ מידע פֿון שווערן און לאַנגן טאָג אַרבעט. זי האָט געטראַכט, אַז די מאַמע האָט אויך ניט לאַנג געמוזט קומען און זי דאַרף זיך ערשט צו דער אַרבעט אײַן שטוב נעמען. זי האָט זיך אָנגעהויבן אײַלן, כּמעט געלאָפֿן. זי וועט דער מאַמען אַ ביסל נאָך צוהעלפֿן. איר האָט זיך געדוכט, אַז די לאַוועס זײַנען שמאָל געוואָרן, זי האָט געוווּסט אַז דער טאַטע קען נאָך ניט זײַן אַהײם. ער אַרבעט פֿון פֿריען פֿרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. און אין קלײנעם צימערל פֿון פֿאַבריק, וווּ ער פּרעסט די הויזן, איז כּמעט קײן לופֿט ניטאָ. און פֿון וואָך געהאַלט, וואָס ער ברענגט, קלעקט קוים וואַסער אויף קאַשע.

ביילקע האָט שוין הינטער דער טיר געהערט די קולות פֿון דער מאַמען. זי האָט אויף גיך געעפֿנט די טיר און זיך דערשראָקן, כאָטש זי איז שוין געווען געוווינט צו אַזעלכע בילדער. אָבער דאָס מאָל האָט די מאַמע געשריען, ווי אין שטוב וואָלט אַ פֿײַער געברענט. און איר שוועסטער שאָסע איז זיך געזעסן רואיק, ווי ניט איר מײַנט מען דאָס, כאָטש עס איז געווען קלאָר אַז די מאַמע שרײַט אויף איר. נאָר ווי די מאַמע האָט דערזען ביילינקען, וואָס איז געווען איר ליבלינג, איז זי מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן.

— וואָס האָסטו אַזוי געשריען, מאַמע? באַלד וועט מען זיך דאָ צונויפֿ־לויפֿן פֿון אומעטום.

— פֿאַרוואָס זאָל איך ניט שרײַען? — האָט די מאַמע שטיל און מיט פֿאַר־דרוס געפֿרעגט. — אָט זיצט אַ מויד אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און טוט גאָרניט. און אַז מיר ביידע קומען פֿון אַ שווערן טאָג אַרבעט, וואַרט זי נאָך אַז מיר זאָלן אַלץ צוגרייטן פֿאַר איר און איר נאָך באַדינען. זי איז אַלט גענוג כאָטש מיט־צוהעלפֿן אין הויז, אויב זי וויל ניט גיין אַליין פֿאַרדינען, — האָט די מאַמע זיך אַראָפּגערעדט פֿאַר ביילקען פֿון האַרצן.

ביילקע האָט געוואָלט זאָגן דער מאַמען אַ גוט וואָרט, אָבער אויך שאָסען ניט באַליידיקן.

— דו ווייסט דאָך, מאַמע, אַז שאָסע איז אַלע מאָל אַזוי געווען, איז בעסער דײַן געזונט ניט צו פּטרן. גיב אַכטונג אויף זיך, מאַמע. — זי האָט עס געזאָגט מיט מיטלייד צו ביידן, דאַן האָט זי אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע, וואָס זי האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— זע בעסער וואָס מײַן טײַערער באַלעבאָס האָט מיר געגעבן, צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פֿיל שווערע יאָרן אַרבעט. שוין אײנמאָל אַ גוטער באַלעבאָס... — האָט זי בייסיק צוגעגעבן.

— און שוין לאַנג צייט געווען, אז ער זאָל דיר העכערן דיין געהאַלט, — האָט די מאַמע אונטערגעכאַפּט. — אָבער לאָמיר שוין זען וואָס פאַר אַ געשאַנק ער האָט דיר געגעבן.

— ניט קיין גרויסע זאַכן, מאַמע, — האָטביילקע געזאָגט, אויסוויקלענדיק דריי פּאָר זאָקן פון פּאַפּיר. זי האָט זיי געלאָזט אַראָפּהענגען פון האַנט קעגן ליכט פון לעמפּל.

— אָבער זיי זיינען דאָך צעריסן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אייגלעך, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— אוודאי צעריסענע, — האָט ביילקע באַשטעטיקט. — וואָס האָסטו געמיינט, גאַנצע וועט ער מיר געבן. און דאָס האָט אים אויך געקאָסט געזונט, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט העלפן.

— פאַרוואָס עפּעס? וואָס האָט פּאַסירט?

— יע. די מאַשין האָט זיך אין מיטן דרינען צעבראָכן.

— גוט אויף אים! — האָט שאָסע געזאָגט אַ צופרידענע. — איצט וועל איך האָבן זאָקן.

— יע, אַ פּאָר פאַר דיר אויך, — האָט ביילקע געזאָגט צו דער שוועסטער.

— אַ דאַנק! — האָט שאָסע קורץ געענטפערט דעם איין וואָרט, ווי זי וואָלט זיך אפילו געפוילט צו ריידן.

— אָבער וואָס האָט די צעבראָכענע מאַשין צו טאָן מיט די צעריסענע זאָקן? האָט די מאַמע געפרעגט נייגעריק און מיט אומגעדולד.

— עס האָט שוין יע צו טאָן, — האָט ביילקע געענטפערט, — ווייל די מאַשין האָט צעריסן די זאָקן. און ער האָט די מאַשין ניט געקענט גלייך פאַרריכטן. ער האָט אזוי גיך ניט געקענט קריגן אַ מעכאַניק. איז ער באַלד משוגע געוואָרן, ווייל די אַרבעט איז געשטאַנען.

— טאָ פאַרוואָס האָט ער דיר פּלוצלינג געגעבן די זאָקן?

— ווייל איך האָב אים פאַרריכט די מאַשין, האָט ער פאַרשפּאָרט באַצאָלן אַ מעכאַניק.

—דו! — האָט די מאַמע פאַרוואונדערט ארויסגעשריען. — פון וואַנען קענסטו עס?

— וועל איך דיר דערציילן: געדענקסט, מאַמע, דעם שכן אונדזערן, וואָס האָט געוווינט אין קליינעם צימערל לעבן אונדזער הויז. ער איז געווען אַ מעכאַניק און איך פלעג צו אים אריינגיין און זיך צוקוקן ווי ער פאַרריכט די מאַשינעס. איינמאָל, ווען ער האָט פאַרריכט אזא ניימאַשין ווי ס'האָט זיך היינט

ביי אונדז צעבראָכן, האָט ער מיר צוגערופן און געזאָגט: קוק זיך צו,ביילינקע, ווי איך טו עס. טאָמער האָט איר אַ מאָל אַ מאַשין און עס צעברעכט זיך אַ נאָדל צי אַ ציינדל, וועסטו וויסן אליין ווי עס איבערצובייטן און צורעכטמאַכן. איך האָב עס גוט געדענקט און היינט איז עס מיר צוניץ געקומען. דער באַלעבאָס האָט באַלד געטאַנצט פון שימחה, ווען ער האָט געזען אז די מאַשין איז אַוועק ווי געשמירט. און נאָכדעם זיינען נאָך ארויס פון מאַשין אַ סך מער זאָקן ווי פריער. איז אים זיין האַרץ ווייך געוואָרן און ער האָט מיר אַוועקגעגעבן די זאָקן צוזאַמען מיט די לעכער.

— איז וואָס וועסטו טאָן מיט די לעכער? — האָט די מאַמע זיך געפּרוווט חכמהנען.

— די לעכער וועלן מיר ארויסוואַרפן, און די זאָקן וועלן מיר טראָגן, — האָט ביילינקע אויך געענטפערט מיט אַ חכמה. — און חוץ דעם, מאַמע, בין איך שוין אַ צו גוטער פּאַכמאַן אויף ארויפציען אייגלעך — וועלן זיי ווידער גאַנץ ווערן. האָסט דאָך געוואָלט האָבן אַ פּאָר, שאָסע? — האָט זי זיך געווענדט צו איר שוועסטער.

— איך האָב געוואָלט אַ פּאָר גאַנצע, ניט אויף ארויסצוואַרפן, — האָט שאָסע געענטפערט.

— ווילסט האָבן גאַנצע זאָקן? — האָטביילקע איבערגעפרעגט נאָכאַמאָל.

— געוויס גאַנצע, ביילינקע, — האָט שאָסע צופרידן געענטפערט.

— טאָ קום אַהער, שאָסע, און העלף אויך עפּעס, — האָט ביילקע האַרט געזאָגט. — וואַש גיך אויס דעם טשוגונענעם טאָפּ און שייל אָפּ פּאָר דער מאַמען די בולבעס. דער טאַטע וועט באַלד קומען אַ פאַרמאַטערטער פון דער אַרבעט. אייל זיך צו! — האָט זי געזאָגט באַפעלעריש. — און דו ווייסט אז דער טאַטע נעמט מיט טרוקן ברויט פאַר אַ גאַנצן טאָג, איז ער געוויס הונגעריק.

ווי שטאַרק שאָסע האָט ניט געוואָלט טאָן די אַרבעט, האָט זי אָבער נאָך שטאַרקער געוואָלט האָבן די זיידענע מאָדערנע זאָקן, וואָס ביילקע וויל פאַר איר צורעכטמאַכן. האָט זי געזאָגט:

— גוט, ביילינקע, כ׳וועל גלייך אויסשייערן דעם טאָפּ.

זי האָט געעפנט די טיר צום הויף און אין ליכט, וואָס איז געקומען פון דער קיך, האָט זי מיט זאַמד אויסגעשייערט דעם טאָפּ, אז ער האָט געבלאַנקט. און די מאַמע האָט ביילינקען באַוואונדערט, ווי די אַלטע מויד האָט איר געפאָלגט. זי האָט געטראַכט: ביילינקע איז אפשר גערעכט, וואָס זי רעדט מיט איר איידל און שטיל. און איך שריי אויף איר. און וואָס איז שאָסע נעבעך שולדיק? — האָט איר מאַמישע האַרץ אַ צאַפּל געטאָן. איז זי דען שולדיק אז זי איז פאַרזעסן

אַן אַלטע מויד. קענען מיר איר דען געבן נדן און זאַכן? און צי וועט איר גאָר עמעצער וועלן אָנקוקן אין אזא הילוך? אז אַך און וויי צו איר.

און איידער וואָס־ווען איז שוין דער טאָפּ מיט בולבעס געשטאָבען אויפן פייער. איצט האָט די מאַמע זיך ארומגעזעצן, אז מיט גוטן קען מען מער דער־גרייכן. אפשר קען עס ווערן אַנדערש: אז אלע דריי זאָלן קומען אהיים פון דער אַרבעט און געפינען אַ פאַרטיקע וועטשערע. אז קומענדיק שפּעט פון דער אַרבעט, זאָל זי זיך ניט דאַרפן ארויסיאָגן די נשמה אויף צוצוגרייטן דאָס עסן. און ביז אַלץ ווערט פאַרטיק איז שוין שפּעט און מ׳גייט האַלבע נאַכט שלאָפן. און מיט אַ פולן מאָגן שלאָפט זיך שלעכט, אָדער אין גאַנצן ניט. שטייט מען אויף אויף דער לינקער זייט און יעדער איינער איז נערוועז, לאָזט מען אויס דעם גאַנצן כעס צו שאָסען. אָבער ביילינקע האָט גוט געטאָן. גוטע רייד העלפן. נאָר מיט גוטן. מיט גוטן. — האָט די מאַמע אין זיך אריינגערעדט, ווי זי וואָלט זיך פאַרזאָגט עס צו טאָן.

און ס׳האָט טאַקע ניט לאַנג געדויערט. קיינער האָט ניט גערעדט, נאָר אַלע האָבן געקוקט מיט ליבלעכע אויגן אויף שאָסען. און שאָסע האָט זיך דערמאָנט, אז ביילקע האָט איר אַ מאָל געזאָגט וועגן טאָטנס באַלעבאָטים: זיי גיבן אים אפילו קיין פּאָר מינוט ניט אָפּצורוען דאָס שטיקל טרוקן ברויט און ער מוז עס טאָן פאַרבאַהאַלטענערהייט — און אַ מאָל איז אפילו אזא מעגלעכקייט ניט פאַ־ראַן. און שאָסע האָט דערפילט אַ רחמנות אויף טאַטע־מאַמע.

.2

טאַטע־מאַמע און ביילינקע פלעגן זיך קוים דערוואַרטן אויף שבת, כדי זיך אָפּצורוען פון שווערן יאָך. אויב מ׳האָט ביי זיך אַהיים אַ מאָל פאַרקוקט דאָס עסן, אַ לאַטע לייגן צי אַ קנעפּל איינניייען, האָט מען עס אָבער ניט געקענט טאָן ווען מ׳אַרבעט פאַר יענעם. פאַר פרעמדע מוז מען אַלץ מאַכן פּינקטלעך, אַניט וואַרפט דער באַלעבאָס גאָר ארויס. פשוט: ער טרייבט דיר דורך דורך אַלע טירן און דו בלייבסט אָן אַ שטאָך אַרבעט. פלעגט מען טאַקע אַ גאַנצע וואָך האָרעווען מיט אַלע כוחות, כדי שבת אָנצושעפּן נייע כוחות אויף אַ נייער וואָך.

ערב שבת, ווי איר שטייגער, איז די מאַמע געקומען פריער אַהיים. און אז זי האָט געזען ווי שאָסע קומט איר אַנטקעגן מיטן גרויסן בלאַנקן טאָפּ, זיינען איר טרערן געקומען אין די אויגן. וואָס פאַר אַ טייער קינד! — האָט זי גע־טראַכט.

— זע, מאַמע, עס איז ריין געגוג פאַר שבת? — האָט שאָסע געפרעגט.

— זייער רייך, רייכער ווי איך וואָלט געמאַכט, מיין קינד! — האָט די מאַמע געזאָגט.

— איך בין אויך דיין קינד, מאַמע! — האָט שאַסע אויסגערופן. — דאָס איז גוט צו הערן.

— געוויס, שאַסעלע, ביסטו מיין קינד, מיין ליב קינד! — איז איר מאַמישע האַרץ פול געווען מיט פרייד, אז זי האָט זיך באַלד פונאַנדערגעוויינט.

— און איך האָב געמיינט, אז נאָר ביילינקע איז דיין קינד — איך ניט. — האָט שאַסע זיך ניט איינגעהאַלטן צו זאָגן דער מאַמען, וואָס זי האָט שוין לאַנג געטראַכט.

— וואָס פאַלט דיר איין? ביי אַ מאַמען זיינען אַלע קינדער גלייך, — האָט זי געציטערט.

— אָבער אויף מיר שרייסטו, און אויף ביילינקען קיינמאָל ניט, — האָט שאַסע געזאָגט.

— ווייל ביילינקע ניט נאָר זי אַרבעט און פאַרדינט, נאָר קומענדיק אַ פאַר־מאַטערטע העלפט זי אפילו אין הויז. און דו האָסט ביז היינט גאָרניט געטאָן. פאַרדריסט עס...

— אָבער פון היינט אָן וועט שוין אַנדערש זיין.

— אַ דאַנק, מיין קינד! — האָט די מאַמע אויסגערופן און איר געוואָלט צעקושן.

— און פאַרגעס ניט, מאַמע, אז איך האָב ניט קיין פאַך, ניט קיין זאַכן, גאָרניט!

די מאַמע איז געבליבן שטיין הילפלאָז. פון שאַסעס ווערטער האָט איר דאָס האַרץ וויי געטאָן. זי האָט ניט געפונען קיין רייד מיט וואָס איר צו טרייסטן.

שאַסע האָט ניט דערוואַרטנדיק זיך אָן ענטפער ווידער אָנגעהויבן ריידן:

— און דו פלעגסט אַלעמאָל שרייען אויף מיר, — האָט זי איבערגעחזרט איר טענה, — אפילו שבת. נאָר ביילינקע שרייט ניט אויף מיר. זי איז אויף אַן אמת אַ גוטע שוועסטער.

— שאַסעלע, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט ליבשאַפט, — אז דו וועסט העלפן טאָן די אַרבעט אין שטוב, וועל איך מער אויף דיר ניט שרייען. זע, היינט צעגייט מיר מיין האַרץ פון נחת.

— איך וועל פון איצט אָן אַלץ טאָן: באַקן, קאָכן, ראַמען.

— אַ דאַנק דיר, קינד! איך בין שוין פשוט געפאַלן פון די כוחות. דערפאַר בין איך אזוי נערוועז געווען און אויף דיר געשריען. פאַרשטיי. — האָט זיך די מאַמע געבעטן.

— רו זיך אָפּ, מאַמע, כ׳וועל שוין אַלץ מאַכן, — האָט שאָסע געזאָגט און אָנגעהויבן אַרבעטן.

די מאַמע האָט איר נאָכגעקוקט און געטראַכט מיט פאַרגעניגן: אַז זי וויל קען זי, די מויד. און ביילינקע האָט עס באַוויזן דעם קונץ. זי איז אַ קלוגע און אַ ווילע. און מיט שאָסען דאַרף מען זיך באַגיין איידל. מיט גוטסקייט קען מען אַלץ ביי איר דערגרייכן.

דער שבת איז אַריבער שטיל. צום ערשטן מאָל איז ניט געווען קיין טומל און געשריי. די שבת־רו האָט זיך געפילט אין אַלע ווינקעלעך. אויף מאָרגן איז מען געגאַנגען מיט פאַרטאָפּלטע כוחות צו דער אַרבעט. גלייך נאָך מיטאָג האָט זיך שאָסע געשטעלט צוגרייטן וועטשערע. די שטוב איז געווען אויפגע־ראַמט און אַלץ האָט געשיינט. זי האָט זיך דערמאָנט אַז ס׳איז נאָך קיין פולע וואָך ניט, ווי זי האָט זיך גענומען צו דער הויז־אַרבעט. זי געדענקט נאָך, ווי דאָנערשטיק שפּעט אין אָוונט, ווען ביילקע איז געקומען מיט די זאַכן און זי האָט אָנגעהויבן טאָן די שטובאַרבעט, האָט זי אַלץ געמאָלדן און געפרעגט די מאַמען.

— מאַמע, די בולבעס האָב איך שוין אָפּגעשיילט, וואָס טאָן?

און זי געדענקט נאָך גוט דער מאַמעס פאַראָרדענונג, וואָס האָט איר פּינק־טלעך אַלץ געזאָגט:

— וואַש זיי גוט איבער אין טאָפּ און נאָכדעם שווינק דעם טאָפּ אַ פּאָר מאָל אויס. שייל אָפּ אַ ציבעלקע און לייג אריין צוזאַמען מיט אַ ביסל זאַלץ און פעפער. גיס אָן וואַסער איבער די בולבעס און שטעל צו אויפן פייער. און וועסט פרוון צי זיי זיינען שוין ווייך.

איצט, ווען שאָסע גרייט צו דעם זעלבן בולבעס־מאכל, געדענקט זי דאָס אַלץ.

שאָסע האָט באַמערקט ווי די צייט איז אַוועק. אַלץ האָט שוין געוואָרט גרייט אויפן טיש. ווען די משפחה־מענטשן זיינען אָנגעקומען, האָט מען זיך בלויז געדאַרפט די הענט וואַשן און זיך נעמען צו דער וועטשערע. עס איז גע־ווען גוט און געשמאַק און אַלע האָבן געלויבט שאָסעס קאָכן. און אַז מ׳האָט אויסגעטרונקען די טיי, האָט זיך ביילקע אויפגעהויבן צו העלפן אויסווישן דאָס געשיר וואָס שאָסע האָט איבערגעוואַשן. זי האָט באַזונדער צעשטעלט אויפן טיש די טעלער, די טיי־קוביקעס, די לעפל־גאָפּל און אויסגערופן:

— זעט ווי אַלץ שיינט, ווי אויף אַ באַל.

— ריין און ליכטיק! — האָט די מאַמע באַשטעטיקט. — אַ דאַנק, קינדער!

— איצט זע איך אַז כ׳האָב אַ טייערע שוועסטער, וואָס איז אויך אַ בריה.

און איצט איז שוין אַלץ פאַרטיק און טאַטע־מאַמע קענען זיך גיין אויסרוען. — האָטביילקע קאָמאַנדירט.

שאַסע איז איר געווען דאַנקבאַר פאַר דעם איבערבייט, וואָס זי האָט גע־האָלפן מאַכן אין איר. זי האָט זיך מיט איינמאָל אָפּגעוווינט פון זיצן טאָג און נאַכט אויפן געלעגער און וואַרטן ביז מ׳וועט איר דערלאַנגען דאָס עסן און טרינקען. ווי איבער נאַכט וואָלט עפּעס אַ וווּנדער פּאַסירט. מער איז דער טאַטע ניט איינגעשלאָפן אַ הונגעריקער אין די זאַכן, אַ מידער וואַרטנדיק אויף דער וועטשערע. ספּעציעל פלעגט עס פּאַסירן אין די זומערדיקע היצן און מ׳פלעגט אים קוים קענען דערוועקן. אין די פּאָר טעג האָט מען געקענט דער־קענען די אויסגערוטע גוטע שטימונג אויף אַלעמענס פּנימער.

דאָס לעבן איז הויז האָט זיך גיך געביטן. פריער פלעגט דער טאַטע פונאַנ־דערטיילן די פּאָר שיסעלעך געקעכטס צו וועטשערע, ווייל די מאַמע פלעגט שוין זיין צו מיד פון קאָכן. איצט פלעגט מען עסן אַ מאָל אויך אין מיטן וואָר אַ שטיקל פלייש און ביילקע האָט געמאַכט אז די מאַמע זאָל אַלץ פאַרטיילן. שאַסען איז עס פאַרגעקומען מאָדנע און זי האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס פאַרטיילט ניט מער דער טאַטע?

ביילקע האָט איר אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און געענטפערט:

— ווייל די מאַמע איז די באַלעבאָסטע אין הויז.

— און דער טאַטע איז גאָרניט — אפילו ניט ביים פונאַנדערטיילן די פּאָרציעס.

— דער טאַטע איז דער קאָפּ פון הויז, — האָט איר ביילקע געענטפערט ווי פון אַ בוך.

— איך פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט — דער קאָפּ. אַ טאַטע איז אַ טאַטע.

— לייען ביכער וועסטו עס אַלץ פאַרשטיין. ביסט דאָך געגאַנגען אין שול און געלערנט.

— אוודאי בין איך געגאַנגען. און כ׳קען לייענען און שרייבן. אָבער ווו נעמט מען ביכער?

— אין ביבליאָטעק, ווו איך נעם.

— און ווי ווייס מען וועלכע ביכער מ׳דאַרף לייענען?

— גוט, שאַסע, איך וועל נעמען פאַר דיר, וועסטו פאַרשפּאָרן פרעגן אַזוי פיל פראַגעס.

דאָס אָרעמע עסן פלעגט זיי איצט שמעקן ווי די בעסטע מאכלים. אויסגע־הונגערטע פון אַ גאַנצן טאָג, פלעגט מען עס אַרונטערשלינגען מיט אַפּעטיט אין ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה. איצט פלעגט שוין שאַסע אַליין, אָן ביילינקעס

הילף, ארונטערנעמען דאָס געשיר פון טיש און אַלץ אויסוואַשן. נאָכדעם פלעגט זי אויסשייערן דעם גרויסן טשוגונענעם טאָפּ.

די מאַמע אוןביילקע פלעגן זיך איבערקוקן און שווייגן. אָבער אז שאָסע פלעגט וואַרפן אַ בליק צו זיי, פלעגט זי באַמערקן די צופרידנקייט זייערע און איז געווען איבערגליקלעך. איבערהויפּט האָט איר הנאה געטאָן וואָס זיי שמייכלען אזוי פריינדלעך צו איר. דער טאַטע פלעגט איצט פריער ווי אַלעמאָל גיין שלאָפן, אַ זאַטער און רואיקער.

איין אָוונט האָט זיך ביילקע אָפּגערופן:

— דער טאַטע שלאָפט שוין. איז לאָמיר אַלע דריי זיך גאָר דורכשפּאַצירן אַ ביסל. נאָך אַ שפּאַציר אויף דער פרישער לופט שלאָפט זיך בעסער.

— גייט איר, קינדער, — האָט די מאַמע געזאָגט. — איר זעט דאָך אז איך פאַרריכט מיין קלייד. דאַרף נאָך איינניייען אַ פּאָר קנעפּלעך. גייט, גייט. — האָט זי זיך געבעטן.

זי האָט זיי לאַנג ניט געדאַרפט בעטן. ביילקע האָט אַ צי געטאָן שאָסען:

— יע, מיר וועלן זיך דורכגיין. און דו, מאַמע, ווי דו פאַרענדיקסט גיי שלאָפן.

— איך פריי זיך, שאָסעלע, וואָס דו באַוויזסט אזוי גיך מיט דער ארבעט. די טעפּ און לעפל־גאָפּל זיינען אויסגעשייערט און יעדן טאָג איז דאָס עסן גרייט צו דער צייט.

— איך האָב עס צו פאַרדאַנקען דיר, ביילינקע. דו האָסט מיר געעפנט די אויגן.

— און כ'האָב שוין די זאָקן אויך פאַרריכט, — האָט ביילקע געפּרוווט עס פאַררייזדן, — איין פּאָר וועל איך געבן דער מאַמען, און דיר — די אַנדערע צוויי פּאָר.

אין די פריערדיקע טעג וואָלט עס איר ניט געאַרט, וואָס איר שוועסטער וויל פּאָר זיך גאָרניט, און זי וואָלט צוגענומען ביידע פּאָר. איצט האָט זי עס ניט אָנגענומען:

— ניין, ניין! דו איין פּאָר, און איך איין פּאָר. ס'איז גענוג פאַר מיר. אַ דאַנק.

— ווייסטו גאָר וואָס, — איז ביילקען פּלוצלינג איינגעפאַלן, — קענסט דאָך העננכן, מיט וועמען כ'גיי ארום. ווילסטו מיטגיין מאָרגן מיט מיר? מיר וועלן צוזאַמען שפּאַצירן.

— ער איז דאָך דיין חתן, זאָגן אַלע, טאָ ווי פּאַסט עס? — האָט שאָסע געפרעגט.

— פרעג קיין פראַגעס ניט, שאַסע. הענעך איז זייער אַ גוטער. און דו וועסט מיטגיין.

— יע, ביילינקע, פאַרוואָס ניט! — האָט זי צופרידן צוגעשטימט.

.3

אַלע אין שטאָט האָבן געוווּסט, אַז ביי לאהן, די פּאַדלאָגע־וואַשערקע, זיצט אין שטוב אַ מויד אַ פּוילערקע. אָבער זינט זי האָט פאַרלאָזן די שול — און דאָס איז שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק — האָט מען איר כמעט ניט געזען. זי האָט קיין מאָל דעם קאָפּ דורכן טיר ניט אַרויסגעשטעקט און זיך זעלטן געוויזן פאַר מענטשן. אפילו די שכנים האָבן איר ניט געזען. איצט האָט מען איר שוין אין די טעג געזען אַרויסגיין אין הייפל אויפהענגען אַ ביסל וועש, שייערן אַ טאָפּ, צעקלאַפּן אַ שטיקל האָלץ.

— זע די אַלטע מויד, די פּוילערקע, אַ וווּנדער האָט פּאַסירט... — האָט איין שכנטע צוגערופן די אַנדערע. מ׳האָט געקוקט דורך שפּעלטלעך פון פענצטער און טירן און ניט פאַרשטאַנען וואָס איז מיט אַ מאָל דאָ פאָרגעקומען.

אויך צו ביילקען זיינען דערגאַנגען די קלאַנגען און שושקערייען. זי האָט געוווּסט אַז די מענטשן וועלן זיך צו דעם צוגעוווינען און באַלד אויפהערן נאָכ־קוקן און ריידן. אָבער זי האָט געוואָלט אַז שאַסע זאָל עס דערווייל ניט דער־הערן און עס זאָל איר ווי טאָן. דערפאַר האָט זי אָפּגעוואַרט אַ פּאָר וואָכן, ביז זי האָט שאַסען געבעטן מיטגיין מיט איר צו הענעכן. שוין אויף די ערשטע שפּאַצירן האָט ביילקע באַמערקט ווי צענדליקער פּאָר אויגן קוקן זיי נאָך. זי פלעגט דערפאַר אַ סך און הויך ריידן, כדי אָפּצוווענדן שאַסעס אויפמערקזאַמ־קייט פון אַרום און זי פלעגט איר גלייך פירן אויף גיך אַהיים:

— שאַסעלע, כ׳בין אַזוי פאַרמאַטערט. איך וועל גיין צוריק — און גלייך אין בעט.

*

די גאַנצע שטוב פון דער משפּחה איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער, וואָס איז געווען פונאַנדערגעטיילט אויף פיר קלענערע גלייכע טיילן. צוויי קאָ־מערן זיינען געווען שלאָפצימערן — איינס פאַר טאַטע־מאַמע, אַ צווייטס — פאַר ביידע שוועסטער. נאָך איינס איז געווען אַן עסצימער, און ס׳לעצטע — אַ קיכל מיט אַן אייזן אויוועלע. די ווענטלעך זיינען געווען פון געבלימטע פאַר־האַנגען, וואָס האָבן פאַרשטעלט און פאַרדעקט פון אויג איין קאַמער פון אַנדערן.

ס'איז ניט געווען באַקוועם און מ'האָט זיך דורך יאָרן צוגעוווינט צו דער ענג־שאַפט. און בעת אַ קריגעריי מיט שאָסען איז ניט געווען ווו אהינצוקומען.

דערפאַר האָט שאָסע איצט ווי אויפגעלעבט. זי האָט געוואָלט וואָס מער גיין אויף די שפּאַצירן. זי האָט דערפילט פרייהייט און אַלע ווילנער גאַסן זיינען איר אויסגעקומען ברייט. איבערהויפּט זיינען איר געפעלן געוואָרן די גרויסע שויפענצטער מיט שיינע זאַכן.

— פאַר וועמען זיינען עס אַזויפיל גוטע און שיינע קליידער? — האָט זי נאַאיוו געפרעגט.

— פאַר די מענטשן וואָס האָבן אַ סך געלט, — האָט ביילינקע געענטפערט.

— אַזוי גאָר! און אַז איך וועל האָבן געלט, וועל איך קויפן די זאַכן. פאַר אַלעמען.

— געוויס, שאָסע. פאַר טאַטע־מאַמע און פאַר אונדזביידן. לאָמיר זען וואָס?..

און אַז שאָסע פלעגט נאָך אַזא שפּאַציר, שפּעט אין דער נאַכט געשמאַק איינשלאָפן, פלעגט זיך איר חלומען ווי זי גייט אַרום אויסגעפּוצט אין שיינע קליידער. און אויפכאַפּן פלעגט זי זיך פרי, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן. שטילערהייט פלעגט זי זיך אָנטאָן, פאַרבעטן איר געלעגער. נאָכדעם פלעגט זי זיך אַרויסשאַרן אין קיך, אַ ביסל אויפראַמען, מאַכן טיי און דעקן דעם טיש. ווען די מאַמע פלעגט זיך אַ כאַפּ טאָן און אַרויסקומען, פלעגט שאָסע שוין זיצן און וואַרטן, און אויפן טיש — ברויט, מאַרמעלאַד, צוקער און אַ מאָל — אַ בולקע.

דורך די פאַר וואָכן האָט זיך שוין די מאַמע צוגעוווינט צו דעם. אָבער ווען זי איז אַרויס דעם ערשטן מאָל און געזען דורכן פאָרהאַנג, אַז שאָסעס גע־לעגער איז שוין פאַרבעט, און אין עסצימער איז דער טיש געגרייט און די טיי פאַרעט אויף דער פּליטע, — האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטן, איז צוגעפאַלן צו שאָסען, איר אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

האָט שאָסע דער מאַמען אַרומגעכאַפּט און אין אירע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן:

— זעסט, מאַמע, כ'וועל שוין מער ניט זיין קיין פוילערקע! — האָט זי געזאָגט. און זי האָט זיך דערמאָנט אַז די מאַמע גייט באַלד אַוועק און וועט אַרבעטן שווער אַ גאַנצן טאָג. — מאַמע, איין טאָג וועל איך אויך פאַרדינען און ניט דאַרפן עסן אומזיסט ברויט, וואָס דער טאַטע און דו און ביילינקע פאַר־האָרעווען אַזוי שווער.

די מאַמע איז געשטאַנען און זיך געוווּנדערט אויף די רייד. זי האָט איר קיינמאָל ניט געהערט אַזוי ריידן.

אין האַרצן האָט לאה דערפילט אַ זיסע פרייד און זי האָט זיך אומגעדרייט און אַ ווּיש געטאָן מיט דער טרוקענער האַנט אַ טרער פון אויג. דאָס, דוכט זיך איר, איז שוין געווען אַ לאַנגע צייט צוריק. און נאָכדעם האָט זי מיט נייע קרעפטן געוואַשן די פּאָדלאָגעס.

אָבער ניט נאָר די מאַמע, אויך דער טאַטע איז געווען צופרידן מיטן אומ־בייט אין הויז. דאָס האָט מען געפילט פון זיין דאַוונען באַגינען, וואָס איז מער ניט געווען אַזוי טרויעריק און מיט וויניקער קרעכצן. אָפּגעדאַוונט, פלעגט ער אויף גיך כאַפּן אַ ביס מיט אַ זופּ טיי, נעמען זיין מאַגער פּעקעלע עסן, אַ קוש טאָן די מזוזה און ארויסגיין צו דער אַרבעט. אָבער אין זיין שטים האָט זיך געפילט מער מונטערקייט און צופרידנקייט.

וועגן ביילינקען איז דאָך אָפּגערעדט, אַז זי איז געווען טאָפּלט גליקלעך: אי פאַר שאָסען, וואָס איז געוואָרן אַ נייער מענטש, אי פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס דאַרפן מער ניט ראַמען און קאָכן און פאַרמוטשעטע טראָגן דעם יאָך פון הויז. פלעגט זי טאָקע יעדן טאָג, פאַרן ארויסגיין צו דער אַרבעט, ארומנעמען שאָסען, איר צודריקן צום האַרצן און זאָגן אַ גוט וואָרט.

אַז ס׳איז געקומען סוף חודש, ווען די דריי פאַרדינערס אין הויז קריגן זייער געהאַלט, האָבן אַלע דריי, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, באַשלאָסן צו קויפן מתנות פאַר שאָסען און פאַר דער שטוב. די מאַמע האָט שוין לאַנג גע־טראַכט, אַז שאָסע מוז האָבן אַ לייטיש קלייד און אַ פּאָר שיך, זי זאָל זיך קענען ווייזן פאַר מענטשן, אָבער נאָך לאַנגע ציילעניִשן פון אירע אָרעמע גראָשנס האָט זי זיך ארומגעזען, אַז אויף איינמאָל וועט זי עס ניט קענען נעמען, ווייל ס׳געלט וועט ניט קלעקן פאַר אַלץ. האָט זי באַשלאָסן אַז זי וועט בלויז געבן האַנטגעלט און דאָס איבעריקע אויף אָפּצוצאָלן. און אויב אָפּצוצאָלן, האָט זי זיך געוואָלט פאַרגינען עפּעס אַ בעסערע און שענערע זאַך. זי האָט געוווּסט ווי שווער דאָס וועט פאַלן אויף די הוצאות אין שטוב, אָבער זי האָט געטראַכט אַז שאָסע האָט זיך עס פאַרדינט. זי איז טאָקע אריין אין געשעפט פון אירע באַלע־באַטים, פאַר וועמען זי האָט געאַרבעט, און זיך דאָרט ארויסגעקליבן די זאַכן, ווייל אנדערשווּ וואָלט מען איר סיִיוּ ניט געטרויט. מ׳האָט איר דאָס אַלץ איינגעפּאַקט אין אַ שיין קעסטל און אפילו גערעכנט אַ ביסל ביליגער.

דער טאַטע איז שוין געווען פאַרזיכטיקער. ער האָט געוווּסט אַז פון זיין געהאַלט דאַרף זיך שפּייזן די גאַנצע משפחה, האָט ער קיין סך הוצאות ניט גע־קענט מאַכן. און ס׳האָט פּשוט ווי געטאָן דאָס האַרץ, וואָס ער קען קיין פּאַסיקע

מתנה פאַר יעדן ניט קויפן. איז ער דעם אָוונט אַרויס אַ ביסל פריער פון דער אַרבעט, האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום די פענצטער און געזוכט אַ מציאה מיט וואָס ער זאָל אַלעמען קענען צופרידנשטעלן. צום סוף האָט ער איינגעהאַנדלט אַ גרויסע באַבקע און אַ זעקעלע עפּל.

ביילינקע האָט געקראָגן דאָס מאַגערע פעקל געלט און האָט זיך אויך לאַנג איבערגעלייגט וואָס און פאַר וועמען צו קויפן. צום סוף האָט זי געקויפט פאַר דער מאַמען אַ ניט צו טייערע שאַל, און פאַר שאָסען — אַן אונטערקליידל. פאַר זיך איז שוין געווען צו ווייניק. און ווי דורך אַ צופאַל האָבן זיך אַלע דריי גע־טראָפן לעבן דער טיר, מיט די פעקלעך אין האַנט. צופרידענע איז מען אַריין אין הויז און אַלע צוזאַמען האָבן אויסגערופן:

— אַ גוטן אָוונט, שאָסע!

זי האָט זיי אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס קומט איר היינט אַזאַ יום־טובדיקער „גוטנאָוונט“, נאָר אַז זי האָט באַמערקט די פעקלעך און די ליב־שאַפט וואָס שיינט אַראָפּ פון די פּנימער, האָט זי אָנגעהויבן פאַרשטיין אין וואָס דאָ גייט. טאַטע־מאַמע האָבן געשמייכלט און ביילינקע האָט אויסגעזען פריי־שער ווי שטענדיק.

דער טיש איז שוין געווען געגרייט. די ערשטע זאַך האָט יעדער געוואַשן די הענט, ווי אַלע מאָל צום עסן. נאָכדעם האָט מען זיך געזעצט צום טיש. ביילקע האָט געזאָגט:

— אין דער לופט פיל איך, אַז היינט איז אַ געשמאַקער אָונטברויט.

— מיר פילן עס אַלע! — האָט די מאַמע צוגעגעבן. — שאָסע האָט זיך היינט צעבריהט.

ווי נאָר מ׳האָט פאַרענדיקט עסן, האָט דער טאַטע דערלאַנגט זיין פעקל געלט דער ווייב:

— דאָ האָסטו, לאה, אַלץ. ביסט דאָך אַ גוטע באַלעבאָסטע! — האָט ער געזאָגט.

— און וואָס האָסטו דאָ? — האָט לאה געפרעגט, אָנווייזנדיק אויפן זעקל לעבן אים.

— אָ, אַ קלייניקייט. כ׳בין פאַרביי פאַר דער בעקערײַ, האָט מיר פאַר־שמעקט דאָס געבעקס און כ׳האָב געקויפט אַ באַבקע. אָבער ביים אַרויסגיין איז גראָדע פאַר דער טיר געשטאַנען אַ ייִדענע מיט אַ קאָשיק עפּל. נו, האָט זי אָנגעהויבן קלאָגן אַז זי האָט נאָך היינט גאָרניט געלייזט. איז ווי האָט מען דאָס קיין האַרץ ניט? האָב איך איר געגעבן צו לייזן און געקויפט עטלעכע עפּל. און פרעג גאָרניט וויפל זי האָט מיר אָנגעבענטשט דערפאַר. אויב עס

זאָל אונדז אָנקומען כאָטש אַ העלפט פון דעם, וועלן מיר אַלע מאָל זיין רייך און געזונט.

— האָסט גוט געטאָן, מרדכי! — האָט לאה אויסגערופן צופרידן.

— און וואָס האָסטו, מאַמע? כ׳זע דו האָסט אויך אַ פעקל, — האָטביילקע געפרעגט.

— איך האָב גענומען ביי מיינע באַלעבאַטים אַ קלייד פאַר שאָסען — אַ ביסל פאַר געלט, און ס׳איבעריקע אויף באָרג. — און זי האָט אויפגעהויבן דאָס פעקל פון באַנק.

— פאַר מיר, מאַמע? — האָט שאָסע אויסגעשריען, ווי זי וואָלט זיך ניט געגלייבט.

— יע, יע, שאָסעלע, פאַר דיר. און טראָג עס געזונטערהייט!

— אַ דאַנק, מאַמע, אַ דאַנק! — האָט איר שאָסע ארומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— גיי און פאַס עס אָן... — האָט די מאַמע געזאָגט אַ גערירטע פון שאָסעס וואַרעמקייט.

— גוט, מאַמע. — און זי האָט גענומען דאָס פעקל און אריין אין שלאָפּ־צימער. זי האָט געפונען אין פעקל, וואָס זי האָט זייער פאַרזיכטיק פונאַנדער־וויקלט, אַ פאָר שיך און צוויי קליידער. זי האָט זיך געוווּנדערט פאַר וואָס צוויי, נאָר זי האָט גאָרניט געפרעגט. זי האָט אַלץ אָנגעפּאַסט און ס׳איז געווען פונקט ווי פאַר איר געמאַכט. זי איז ארויס אַ צופרידענע און געזאָגט צו דער מאַמען:

— ביידע קליידער פאַסן מיר, ווי אָנגעמאָסטן. די שיך אויך.

די מאַמע האָט אַ ציטער געטאָן. איצט האָט זי זיך דערמאָנט אז זי האָט גענומען צוויי קליידער, אז שאָסע זאָל קענען אויסקלייבן וועלכע ס׳געפעלט איר בעסער, און זי האָט עס איר פאַרגעסן צו זאָגן. ניט טראַכטנדיק האָט זי זיך ארויסגעכאַפּט:

— טראָג געזונטערהייט! אַבי זיי פאַסן. — און זי האָט געטראַכט, אז מסתמא איז באַשערט אז שאָסע זאָל מיט איין מאָל האָבן צוויי קליידער. זי וועט ביסלעכוויז אָפּצאָלן...

— ווייסט, מאַמע, — האָט שאָסע געמאַכט איר פּלאַן, — דאָס אַלטע שבת־דיקע קלייד וועל איך נעמען אויף אינדערוואָכן, נאָך וועטשערע. איינס פון די נייע — אויף שבת, און ס׳אַנדערע — אויף יום־טובים. ניט אזוי האָסטו געמיינט, מאַמע?

ביילקע האָט מיט אַמאָל זיך געכאַפּט, אז די מאַמע האָט געמאַכט אַ טעות, און האָט געזאָגט:

— אזוי האָט די מאַמע מסתמא אויך געמיינט. און איך האָב דיר געבראַכט אַן אונטערקלייד, שאָסע, זאָלסט עס קענען נוצן פאַר די קליידער. — זי האָט איר דערלאַנגט דאָס פּעקל. — און איצט גיי און טו זיך איבער גיך. מיר וועלן גיין צו הענעכן, ווי כ'האָב דיר נעכטן צוגעזאָגט. און פאַרגעס ניט אָנצוטאָן די זאַקן. איך וועל אויך גיין זיך איבערטאָן.

— אַ דאַנק דיר,ביילינקע, טייערע. כ'וועל עס מאַכן גיך. — און זי איז ארויס.

ווי שאָסע איז ארויס האָט ביילקע דערלאַנגט דער מאַמען די שאַל:

— און דאָס איז פאַר דיר, מאַמע. דער טאַטע וועט שוין מוזן וואַרטן ביזן צווייטן מאָל.

— גוט, גוט. איך דאַרף גאָרניט, — האָט דער טאַטע געזאָגט און גע־שמייכלט.

— אַ דאַנק דיר, מיין ביילינקע! — האָט די מאַמע איר ארומגענומען און אַ קוש געטאָן.

— איצט וועל איך אויך גיין זיך איבערטאָן, — האָט ביילקע געזאָגט און ארויסגעגאַנגען.

אז זיי זיינען ביידע צוריק אריין אין די שבתדיקע קליידער מיט די זיידענע זאָקן, האָבן זיי געשיינט. טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעקוואָלן און זיי צוגעווונטשן זיך גוט פאַרברענגען.

אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן פענצטער פון אַ מעבל־געשעפט. עס איז געווען אין רויטן פּלוש און אַלערליי אויסאַרבעטונגען, וואָס שאָסע האָט אזוינס קיינמאָל ניט געזען. זי איז געווען אַנטציקט.

4.

שפּעט ביינאַכט זיינען זיי געגאַנגען צוריק אַהיים און שאָסע האָט זיך גע־פילט ווי אין אַ יום־טובדיקן טאָג. זי איז נאָך געווען איבערראַשט פון די פיל מתנות און די גוטע ווונטשן, וואָס זי האָט אזעלכע קיין מאָל ניט געהערט.

— איין זאַך פאַרדריסט מיך, ביילינקע, — האָט זי פלוצלינג געזאָגט, — וואָס כ'קען ניט אַרבעטן און פאַרדינען אזוי ווי דו. כ'וואָלט געקויפט פאַר אונדז די שענסטע זאַכן.

— מיט מיינע פאַרדינסטן קען איך אויך ניט קויפן די שענסטע זאַכן, פאַרשטייסט?

— כ׳פאַרשטיי. אָבער דו קענסט כאָטש קויפן דער מאַמען אַ מתנה, און מיר עפּעס.

— ווייסט גאָר וואָס, שאָסע, אויב דו ווילסט וועל איך דיר מיטנעמען צו דער אַרבעט ביי אונדז אין פאַבריק, אפילו מאָרגן. נו?

— וואָס וועל איך טאָן אין פאַבריק. זאָג מיר טאַקע ווי דאָרטן איז.

— וועסט זיך אויסלערנען ארויפנעמען אייגלעך אין זאָקן. פון דעם, זאָגט דער באַלעבאָס, האָט ער דעם גרעסטן היזק. כאָטש מיר אַרבעטן אַלע מיט הענטשקעס, אז די נעגל פון די פינגער זאָלן ניט פאַרטשעפּען די זאָקן, טרעפט זיך אָבער כסדר פאַרטשעפּענישן און נאָך מיידלעך ארבעטן ביי דעם. ווילסטו מיטקומען?

— אז איך וועל גיין צו דער אַרבעט, טאָ ווער וועט ראַמען און קאָכן, ביילינקע?

— ביסט גערעכט. מ׳טאָר ניט מאַכן אז די מאַמע זאָל זיך ווידער דאַרפן נעמען צו די שטובאַרבעטן. און דער טאַטע דאַרף האָבן מערער רו. וועט עס דערווייל אזוי מוזן בלייבן.

— נייך, ביילינקע, כ׳האָב אַ פּלאַן: דו לערן מיר אויס ארויפנעמען אייגלעך און נאָכדעם ברענג מיר אַרבעט אהיים. פאַר דיין באַלעבאָס איז דאָך אַלצאיינס ווו מען מאַכט עס, און איך האָב גענוג פרייע צייט. ווילסטו עס טאָן, ביילינקע?

— אוודאי וויל איך עס טאָן. ס׳איז אַ גוטער פּלאַן. נאָר כ׳וועל דיר סייווי מוזן מיטנעמען אין פאַבריק, ריידן מיטן באַלעבאָס. וועסט זיך אויך באַקענען מיט אַנדערע.

— גוט, ביילינקע! — האָט זיך שאָסע דערפילט גליקלעך, — און אז איך וועל אַרבעטן וועט די מאַמע קענען אָפּצאָלן אין געשעפט פאַר מיינע קליידער און שיך פון מיין פאַרדינסט. כ׳וויל ניט אז די מאַמע זאָל נעמען פאַר מיר אויף באָרג און דאַרפן שפּאָרן פון אירע פאַרהאָרעוועטע גראָשנס. גענוג אז איך האָב עס געהאָט ביז היינט.

ביילקע האָט איר שוועסטער ניט דערקענט. זי איז ניט געווען זיכער צי שאָסע רעדט עס די דאָזיקע רייד. איצט איז זי געווען גרייט צו טאָן פאַר איר אַלץ אין דער וועלט. זי איז געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן זיך גוט פאַרבראַכט ביי הענעכן און דאָרט געטרונקען טיי. שאָסע מוז עפּעטער ארויסגיין צווישן מענטשן. אפשר וועט דורכדעם קומען איר גליק.

— וואָס שווייגסטו? רייד איך ניט ריכטיק, האַ?

— כ׳טראַכט, שאָסע, אז דו ביסט געקומען צום שכל. ביסט גערעכט.

— כ׳בין געקומען צום שכל אַ ביסל צו שפּעט. איצט האָב איך באַמערקט,

אז טאַטע־מאַמע זיינען אַלט געוואָרן און מיר מוזן זיי העלפן. און איך בין אויך ניט קיין יונגיטשקע.

— אָבער ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט, שאָסע. קענסט נאָך גליקלעך זיין.

— אז מ'שפּרייזט אריבער די דרייסיקער, ווערט שוין אַ ביסל צו שפּעט,ביילינקע.

— גיי, נאַרעלע, יאָרן האָבן קיין באַטייט ניט ווען מ'האָט אַ ביסעלע מזל.

— זעסט דאָך מיין מזל. אָט ביסטו נאָך אזוי יונג, האָסטו שוין אַ חתן און פאַרדינסט.

— וועסט נאָך אַרבעטן און פאַרדינען, שאָסע. וועסט זיך אָנטאָן שיין און קריגן אַ גוטן בחור. אפשר ניט אזא יונגן, כ'מיין אַ יינגערן פאַר דיר... — האָט זי זיך פאַרכאַפּט.

— דאָס אַרט מיך ניט, ביילינקע, אַבי איך זאָל האָבן אַ פריינד, א חבר, סתם אַ מענטשן.

איצט האָט ביילקע דערפילט ווי עלנט איר שוועסטער איז. האָט זי געזאָגט:

— האָסט זיך פאַרדינט אַ שיינעם חתן, אַ ווילן יונגנמאַן. ער וועט נאָך קומען, כ'ווייס.

— ביסט אַ קלוגיטשקע און אַ גוטינקע, ביילינקע. און פון וואַנען ווייסטו עס?

— ווייל איך פיל עס... — האָט ביילקע געזאָגט. נאָך אַ ווײַלע שוויַיגן האָט זי געפרעגט:

— האָסט זיך גוט פאַרבראַכט ביי הענעכן? כ'האָב באַמערקט אז דו ביסט אַ ביסל שעמעוודיק.

— האָסט עס ריכטיק באַמערקט, — האָט שאָסע געזאָגט. — מסתמא איז עס די פרעמדקייט. איך האָב אים געוואָלט פרעגן עטלעכע פראַגעס און זיך געשעמט.

— אַ צווייטן מאָל וועט שוין זיין גרינגער. מ'געוואוינט זיך צו.

אזוי ריידנדיק זיינען זיי געקומען אַהיים. שוין געווען שפּעט. זיי זיינען שטיל אריין צו זיך אין שלאָפצימער. די עלטערן זיינען שוין געשלאָפן.

שאָסע האָט זיך געלייגט אין בעט, אַ געגעץ געטאָן און גלייך איינגעשלאָפן. ביילינקע האָט געהערט איר לייכטן אָטעמען. זי האָט געדאַרפט עפּעס צוגרייטן און זיך געלייגט אַ ביסל שפּעטער, אָבער ביז טיף אין דער נאַכט האָט זי ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט געטראַכט וועגן היינטיקן טאָג, די מתנות, וועגן טאַטע־מאַמע, אָבער איבערהויפּט האָט זי געטראַכט וועגן שאָסען. איר עלנט־קייט האָט געצופּט איר האַרץ. אָט האָט זי, ביילינקע, אַ חתן, און שאָסע איז מיט גאַנצע עלף יאָר עלטער פון איר. און אַן עלטערע דאַרף פריער חתונה האָבן.

זי האָט זיך געבראַכן דעם קאָפּ צו געפינען אַ בחור וואָס קען פּאַסן פּאַר איר. און שאַסע האָט דאָך אַליין געזאָגט היינט, אַז די יאָרן אַרן איר ניט, אַבי אַ פריינד. זי האָט דורכגעמישט דורכן קאָפּ אַלע באַקאַנטע, נאָנטע און ווייטע, משפּחה און פרעמדע, נאָר זיך ניט אָנגעשטויסן אויף אַזאַ איינעם.

מיטאַמאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז זי קומט אויף איינעם אַזאַ. ער איז אַ צוגעפּאַסטער בחור פּאַר שאַסען! — האָבן די שלעפעריקע געדאַנקען פּלוצלינג זיך אַ וועק געטאָן. ווער איז ער? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט און ס׳האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח: כ׳וויס, דעם באַלעבאָס׳ ברודער! און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען דער באַלעבאָס ווערט אין כעס אויף אים, בורטשעט ער צו זיך אַז יענער זאָל ניט הערן: אַלטער באָק. זיין אמתער נאָמען איז זאַמע. ער איז טאַקע אַ סך עלטער פון שאַסען, אָבער ער פאַרדינט גוט. און ביילינקע איז געווען זיכער אַז שאַסע וועט אים געפעלן, כאָטש ער קוקט ניט צופיל אויף די מיידלעך אין פאַבריק, אפילו ניט אויף די יונגע. און ניט איינע פון זיי וואָלט אים גלייך צוגעכאַפּט, ווען ער וויל נאָר. און זי האָט באַשלאָסן אַז איבערמאָרגן נעמט זי מיט שאַסען אין פאַבריק. זי וועט איר דאָרט, אויף אָן אָרט, וויזן ווי מ׳נעמט ארויף אייגלעך. אין די פּאָר וואָכן האָט שאַסע די שטוב איבערגעקערט. זי איז אַבריה און וועט זיך גיך אויסלערנען. און אין שטוב איז שוין אַלץ איינגעאָרדנט, שטיל און ריין, וועלן זיי ביידע זיך צוויילן און צוזאַמען מאַכן די שטובאַרבעט. מיט די געדאַנקען וועגן אויספירן איר פּלאַן איז ביילינקע איינגעשלאָפן.

פאַרטאָג האָט זיך דער הימל פאַרדעקט מיט כמאַרעס און ס׳האָט אָנגעהויבן דונערן. ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן מיט ווינטערדיקער קעלט. איין דונער האָט אַ פּויק געטאָן, אַז די שטוב האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און ביילינקע האָט זיך אויפגעכאַפּט. אַלע זיינען געזעסן ארום טיש גרייט אָנצוהויבן עסן. דער טיש איז געווען געדעקט:

— וואָס זיצט איר אַלע ארום טיש? — האָט ביילקע צעטומלט געפרעגט.

— די דונערן האָבן אונדז אויפגעוועקט. מ׳האָט ניט געקענט שלאָפן, — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— און דיך האָבן מיר געזשאַלעוועט אויפצוּוועקן, ביסט אַזוי געשמאַק געשלאָפן. — האָט די מאַמע צוגעגעבן. — און איצט וועלן מיר גיין עסן פרישטיק.

— און ווער האָט געמאַכט פרישטיק? — האָט ביילקע געפרעגט.

— ווייסט ניט ווער? שאַסע! ווי אַלע מאָל. איך האָב איר געוואָלט העלפן און זי האָט בשום אופן מיר ניט צוגעלאָזן עפּעס טאָן, — האָט זיך די מאַמע באַקלאָגט.

— און איך האָב זיך פאַרשלאָפן! — האָט ביילינקע אַרויסגעשריען. — ס׳איז דאָך שוין צייט צו גיין צו דער אַרבעט.

— ניין, ס׳איז נאָך איבער אַ האַלבע שעה צייט, — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— ביילינקע, טו זיך אָן וואַרעם. אין דרויסן בלאָזט שוין אַ פּראָסטיקע קעלט. ס׳ווערט ווינטער, — האָט די מאַמע געררעדט צו דער טאָכטער.

פאַרן פאַרלאָזן דאָס הויז האָט ביילקע געזאָגט צו שאָסען:

— מאָרגן נעם איך דיר מיט אין פאַבריק. היינט וועל איך מיטברענגען עטלעכע פּאָר זאָקן און דיר ווייזן ווי מ׳נעמט אַרויף די אייגלעך. האָסט דאָך געזען ווי איך האָב פאַרריכט די דריי פּאָר זאָקן, וואָס דער באַלעבאָס האָט מיר געגעבן.

— יע, כ׳האָב זיך דאָן צוגעקוקט ווי דו טוסט עס. כ׳ווייס שוין ווי אַזוי.

— גיי, נאַרעלע, פון איין מאָל זיך צוקוקן קען מען זיך ניט אויסלערנען. וועסט אין אָוונט פּראַקטיצירן ווי מען מאַכט עס. דאַן וועט די אַרבעט גוט זיין, און דער באַלעבאָס צופרידן. איז באַשלאָסן: מאָרגן גייסטו מיט מיר, האַ?

— יע, ביילינקע. גיי געזונטערהייט! — און זי האָט איר באַגלייט צו דער טיר.

5.

נאָך מיטאָג האָט אָנגעהויבן שנייען. דער שניי איז שטיל געפאַלן און ווייס געמאַכט די גאַסן און הייזער. ווען די לאָמפּן אין די גאַסן האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט דער שניי געבליצט ווי קופּעס אמתע בריליאַנטן. די לאַוועס זיינען פול געווען מיט מענטשן, וואָס גייען פון דער אַרבעט און איילן זיך אַהיים. צווישן זיי איז אויך געווען ביילינקע.

ווען זי איז אַריינגעפאַלן אין שטוב, האָבן אויפן טיש זיך שוין געפּאַרעט בולבעס אין פעלצלעך. זיי האָבן אויסגעזען אַפּעטיטלעך און ברוין געגלאַנצט. קענטיק אז מ׳האָט זיי פאַר דעם גוט אויסגעוואַשן. דערביי זיינען געשטאַנען אַ פּאָר פעטע צעשניטענע הערינג, וואָס שאָסע האָט פאַרנאַכט געקויפט, און זיי האָבן געררייצט נאָך מער דעם אַפּעטיט.

— אַ גוטער איינפאַל צו מאַכן אַזאַ וועטשערע. אַ קייסער מעג עס עסן.

— כ׳האָב געטראַכט אז אין אַזאַ קאַלטן אָוונט איז גוט צו עסן וואַרעמע בולבעס. און דעם אמת, ביילינקע, כ׳האָב זיך געפוילט שטיין און שיילן די בול־בעס און זיי וואַשן.

— כ׳ווייס, ס׳איז קאַלט, — האָט ביילקע געזאָגט. — און סיווי דאַרפן מיר

זיך איילן היינט, ווייל כ׳האָב דיר געבראַכט אַ ביסל אַרבעט. כ׳וועל דיר ווייזן ווי מ׳טוט עס.

ווי נאָר די מאַמע מיטן טאַטן זיינען געקומען, האָט מען אויף גיך אָפּגעגעסן. דער טאַטע איז דער ערשטער געגאַנגען שלאָפן. די מאַמע האָט זיך נאָך ארומ־געדרייט.ביילקע האָט געהאָלפן שאָסען אויסוואַשן די טעלער און די גלעזער.

— מאַמע, גיי אויך שלאָפן. אין אזא אָוונט איז גוט צו זיין אין בעט, — האָט ביילקע געזאָגט.

די מאַמע האָט געפאָלגט. און ביידע מיידלעך האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

— כ׳ווייס ניט צי מיין אַרבעט וועט זיין גוט, — האָט שאָסע געזאָגט מיט ניט זיכערקייט.

ביילקע האָט איר ניט געענטפערט. אָבער ביים לייגן זיך שלאָפן האָט זי געזאָגט:

— זעסט, דו מאַכסט שוין בעסער און פלינקער פון מיר. דער באַלעבאָס וועט צופרידן זיין.

אויף מאָרגן איז שאָסע אויפגעשטאַנען די ערשטע. זי האָט אין איילעניש געמאַכט פרישטיק פאַר אַלעמען, כדי די מאַמע זאָל ניט קומען איר העלפן. נאָכ־דעם האָט זי אָנגעטאָן דאָס נייע קלייד מיט די נייע שיך און לאַנג געקאַמט זיך די האָר. ווי עס זאָל ניט זיין איז בעסער אז מ׳געפעלט דעם באַלעבאָס, האָט זי געטראַכט. זי האָט געוואַרט אויף ביילינקען, נאָר יענע איז אַ ביסל פאַרשלאָפן. אזא זאַך האָט זעלטן פּאַסירט און זי האָט איר געמוזט אויפוועקן.

— כ׳פיל זיך זייער מאָדנע, — האָט שאָסע געזאָגט, ווען זיי זיינען שוין גע־וועז אויפן וועג, — איך וועל זיין דעם ערשטן מאָל אין אַ פאַבריק. כ׳וועל מסתמא דעם באַלעבאָס געפעלן.

— אוודאי וועסטו אים געפעלן, — האָט ביילקע געזאָגט. און אין געדאַנק האָט זי געזאָגט: — וועסט אויך געפעלן זאַמען, מיט וועמען כ׳פיר דיר זיך באַ־קענען. זי האָט אַ קוק געטאָן ווי שיין שאָסע האָט זיך געמאַכט די פריזור און געטראַכט: כ׳האַלט אז עס איז אַ צוגעפּאַסטע פּאָר.

זיי זיינען אריין אַ ביסל שפּעטלעך, ווען די מאַשינען האָבן שוין געאַרבעט. אַלע מאָל איז דער באַלעבאָס געווען אין כעס, ווען עמעצער האָט פאַרשפּעטיקט, איבערהויפּט ווען מען אַרבעט שוין באַלד אַ האַלבע שעה. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און פאַרביסן די ליפּ. מ׳טאָר איר ניט אויסריידן, ווייל נעכטן האָט זי זיך געאיילט און אויפגעטאָן מערער ווי אַנדערע טעג. און איר שוועסטער זעט אויס אזוי עלעגאַנט, ניט ווי פאַר אַ פאַבריק...

— אַנטשולדיקט, כ׳האָב זיך פאַרשלאָפן אַ ביסל, — האָט זי געזאָגט פאַר־בייגייענדיק.

— דאָס איז מסתמא דיין שוועסטער, און דו ווילסט זי זאָל דאָ אַרבעטן ? — האָט ער געפרעגט.

— יע, מיין שוועסטער. זי הייסט שאָסע. זייט באַקאַנט. — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפרעגט, ווי סתם אין דער וועלט :

— קענסטו נייען אויף אַ מאַשין ?

ביילקע האָט ארויסגעכאַפּט פון איר פעקל די פאַרריכטע זאָקן און געזאָגט :

— אָט האָב איך געבראַכט די זאָקן, וואָס כ׳האָב נעכטן מיטגענומען. גיט אַ קוק ווי זי נעמט ארויף די אייגלעך. זי מאַכט עס גיכער ווי איך. וועט זי מיר העלפן מיט דער אַרבעט, וועט עס גיין גיכער. און כ׳וועל איר אויך ווייזן ווי מ׳נייט אויפן מאַשין.

— אָבער ניט אין דער צייט פון דער אַרבעט. וועסט עס טאָן אין טיי־איבעררייס.

— כ׳וויס ניט צי אין צען־פופצן מינוט קען איך עס מאַכן. כ׳וועל עס טאָן צוויי טעג.

— גוט, טו עס מיינטוועגן אין דריי מאָל. אָבער דערווייל וועל איך צופיל ניט צאָלן.

צופיל צאָלט איר קיינעם ניט ! — האָט זי געוואָלט זאָגן, נאָר זי האָט אַנשטאָט דעם געזאָגט :

— מיר וועלן צופרידן זיין וויפל איר וועט צאָלן.

דער באַלעבאָס האָט געזען אז זיי ריידן אויף זיין צייט און ער איז האַס־טיק אַוועק.

אַלע זיינען געזעסן ביי די מאַשינען פאַרטאָן אין דער אַרבעט. ביילקע האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטן, געזוכט אומעטום מיט די אויגן, נאָר זאַמען האָט זי ניט געזען. ערשט נעכטן איז ער דאָ געווען, טאָ ווו איז ער אַהינגעקומען ? זי האָט באַמערקט ווי דער באַלעבאָס גייט יעדע ווילע ארויס פון זיין ביוראָ און גיט אַכטונג. העלפט סאָרטירן, האָט זי פאַרשטאַנען אז עפּעס האָט פּאַסירט, נאָר די העזה צו פרעגן האָט זי ניט געהאַט.

שאָסע האָט זיך צוגעקוקט ווי מ׳טוט יעדע אַרבעט : ווי מ׳פּאַרטיקט אויס, ווי מ׳טוט אַ פּרעס, ווי מ׳לייגט צוזאַמען די טוצן און ווי מ׳פּאַקט אריין אין די שאַכטלען. זי האָט אין אַ פּאָר טעג אפילו שוין געאַרבעט אויף אַ מאַשין און דער באַלעבאָס איז געווען צופרידן.

אויף מאָרגן האָט זיך ביילקע דערוווסט, אז זאַמע איז אַוועק אויף אַ לענגערע

צייט אין שפּיטאָל, ווייל ער איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און אין הויז פון ברו־
דער האָט ער ניט געקענט בלייבן. ס'איז ניט געווען ווער עס זאָל אויפפּאַסן
אויף אים.

— ווער מען מוזן וואַרטן. כ'האָף אז ער וועט זיין גיך געזונט! — האָט
ביילקע צו זיך גערעדט אין דער הויך, אָבער דאָס גערויש פון די מאַשינעס
האָט פאַרשלונגען איר קול.

6.

אין צוויי מאָנאַט ארום איז זאַמע געקומען פון שפּיטאָל. דעם טאָג ווען
ביילקע איז אריין אין פאַבריק און אים געטראָפן, איז איר באַפאַלן אַ שימחה.
זי האָט שאָסען קיין מאָל ניט דערציילט וועגן איר פּלאַן, האָט זי איצט געוואָרט
אויף דער געלעגנהייט זיי צו באַקאָנען.

דער באַלעבאָס איז ווידער געזעסן אין ביורא, וווּ ער האָט זיך פאַרנומען
מיט פירן די ביכער, מיט טעלעפאָנס און אויסרעכענען און באַצאָלן די אַרבעטער
זייער געהאַלט. זאַמע איז ווידער ארומגעגאַנגען צווישן די מאַשינען און אכטונג
געגעבן אז די אַרבעט זאָל גיין אין אָרדענונג. ער האָט געציילט די פאַרטיקע
זאַקן, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אין גרויסע זעק און זיי סאָרטירט איינציקע
און אין טוצן.

דורך די פּאָר מאָנאַט האָט זיך שאָסע ארויפגעאַרבעט. דער באַלעבאָס האָט
איר אַ פּאָר מאָל דערלייגט אויף איר געהאַלט און זי האָט זיך גענומען אָנטאָן
בעסער און מאָדערנער. זי האָט געקראָגן אַ נאָמען פאַר אַ גוטע אַרבעטערקע.
און ווען דער באַלעבאָס האָט איר איינמאָל ארויסגעשטעלט פאַר אַ מוסטער און
געלויבט, האָבן אַלע אויגן געקוקט אויף איר מיט נייגער און קינאה. און ווען
זאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, ווי איינער זאָגט: ווער איז די מיידל,
האָט ביילקע ניט פאַרזאַמט אויפצושפּרינגען און מעלדן:

— דאָס איז מיין שוועסטער שאָסע. ווערט באַקאַנט! דאָס איז זאַמע, דעם
באַלעבאָס' ברודער.

— זייער אָנגענעם אייך צו קענען. מיין ברודער האָט מיר דערציילט וועגן
אייך, — איז זאַמע צוגעגאַנגען אַ טריט נענטער און איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— וואָס האָט אייער ברודער וועגן מיר געזאָגט? — האָט שאָסע געפרעגט,
ניט וויסנדיק וואָס אַנדערש צו זאָגן, און האָט אָנגענומען זיין האַנט.

— מיין ברודער האָט געזאָגט, אז איר זייט היינט די בעסטע אַרבעטערין
אין פאַבריק.

ער האָט עס ספּעציעל געזאָגט, אַזוי הויך, אַז די אַרבעטערינס פון די דער־בייאיקע מאַשינעס זאָלן עס הערן. האָבן זיי טאַקע אויפגעהויבן זייערע אויגן אויף שאָסען, וואָס איז רויט געוואָרן און געבליבן שטיין ווי אַ נעבעכל. זי איז געוואָרן אַזוי צעמישט, אַז זי האָט אפילו קיין דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט ניט געזאָגט.

ביילקע האָט זיך געפרייט וואָס זאַמע לויבט איר שוועסטער פאַר אַלעמען אין די אויגן. און כאָטש צו איר אויער איז דערגאַנגען אַ פאַרביטערטער זאָג פון איינע פון די מיידלעך: וואָס זאָגט איר וואָס פאַר אַ דערפאָלג די אַלטע מויד האָט דאָ געמאַכט! — האָט עס איר ניט געאַרט.

אין פאַבריק האָט יעדע מיידל געהאַט איר צוגעטיילטע אַרבעט, וואָס זי פלעגט אויספירן פּינקטלעך ווי אַ מאַשין. ס'איז געווען ווי יעדערענס באַזונדער פאַך. די צייט איז געגאַנגען און שאָסע האָט פאַר די עטלעכע מאָנאַט ניט נאָר געקענט אַרויפנעמען אייגלעך און נייען אויף אַ מאַשין, נאָר פון זיך צוקוקן האָט זי געוווּסט יעדער אַרבעט און יעדע זאַך. אַ מענטש דאַרף אַלץ קענען, האָט זי געטראַכט, ווער ווייס וואָס עס מאַכט זיך. ס'קען צוניץ קומען. און ס'איז טאַקע צוניץ געקומען.

איין טאָג איז שווער קראַנק געוואָרן די הויפּט־אַרבעטערקע, וואָס האָט קאָנצענטרירט די גאַנצע אַרבעט אין פאַבריק. זי איז געווען זייער אַ פּעאיקע און אַ געשולטע, און אַלע זיינען געוואָרן פאַראומערט: איצט וועט זיך די פאַב־ריק אָפּשטעלן ביז זי וועט צוריקקומען אָדער מ'וועט קריגן אַן אַנדערע. קיינער וואָלט זיך איר אַרבעט ניט אונטערגענומען. אָבער איינע האָט זיך עס יאָ אונ־טערגענומען — דאָס איז געווען שאָסע.

ווען די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז זי צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און געזאָגט:

— קען איך פּרובירן טאָן די אַרבעט — כ'ווייס גענוי ווי עס צו טאָן.

— ווי אַזוי קענסטו עס טאָן, נאַרישקייטן. וועסט מיר נאָר שאָדן אָנמאַכן, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט. נאָר זאַמע איז אונטערגעקומען און געזאָגט:

— זי איז דאָך קיין קינד ניט. אַז זי נעמט זיך אונטער, לאָז איר פּרובירן.

— גוט, לאָמיר זען, — האָט דער באַלעבאָס נאָכגעגעבן. — אָבער זאַמע, דאָס איז די בעסטע מאַשין וואָס מיר האָבן, טאָמער צעברעכט זי איר.

ביילקע האָט מורא געקראָגן. זי האָט געוואָלט אויסשרייען צו שאָסען, אַז טאָמער פּאַסירט עפּעס וועט מען זיי הייסן אָפּאַרבעטן פאַר דער מאַשין און ערשט דאַן אַרויסטרייבן. נאָר זי האָט געשוויגן.

דער טומל אין פֿאַבריק האָט זיך איינגעשטילט, ווען שאָסע איז צו צו דער מאַשין. זי האָט דורכגעצויגן אַלע פֿאַרשיידענע באַוולען און גענומען די אַרבעט צוגרייטן. זי האָט די מאָסן אָפּגעשטעלט. דער באַלעבאָס און זאַמע האָבן זיך מיט באַוואונדערונג צוגעקוקט מיט וואָס פֿאַר אַ גלאַסנקייט זי טוט עס. די אַר־בעט איז געגאַנגען ריין און אָן ארונטערגעלאָזענע אייגלעך. אין אַ פּאָר שעה איז שוין דאָס זעקל, ביי דער מאַשין, געווען אָנגעלייגט פֿול.

דער באַלעבאָס האָט גענומען דאָס זעקל און מיט זאַמען אריין אין ביוראָ. זיי האָבן זיך לאַנג געזאָמט. מסתמא האָבן זיי באקוקט די קוואַליטעט פֿון דער אַרבעט און אַלץ באַרעכנט. דער באַלעבאָס איז צוגעגאַנגען צו שאָסען און האָט איר דערלאַנגט אַ קאָנווערט מיט אַ געלט־פּרעמיע, נאָכדעם האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין שטערן — אַ זאַך וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל און צו קיינער פֿון די אַרבעטערינס ניט געטאָן, און ער האָט אויסגערופֿן:

— שאָסע, דו האָסט געמאַכט כמעט טאָפּלט ווי יענע, און אַלץ איז אויס־געצייכנט. שטעלט זיך אַלע ווידער צו דער אַרבעט! — האָט ער צופֿרידן גע־מעלדעט.

אויך ביילינקע איז צוגעגאַנגען, ארומגענומען שאָסען און איר גראַטולירט. די צוויי שוועסטער האָבן זיך געקושט און די מאַשינען האָבן ווידער געהודזשעט.

פֿון דעם טאָג איז שאָסע געוואָרן אין פֿאַבריק אַלץ — די אויפֿזעערקע, וואָס האָט אויפֿגעפּאַסט אויף דער אַרבעט, און טאָמער איז ווער ניט געקומען צו אַ מאַשין, האָט זי יענער פֿאַרביטן. און זי האָט שוין פֿאַרדינט מער ווי ביילינקע, וואָס האָט געאַרבעט זעקס יאָר. די מאַמע איז מער ניט ארויס צו איר אַרבעט, נאָר דער טאַטע האָט זיך ניט געוואָלט ארומדרייען ליידיק. איר גאַנצן לוין האָט שאָסע אוועקגעגעבן דער מאַמען און די לאַגע אין הויז האָט זיך פֿאַרבעסערט. צו וועטשערע פֿלעגט מען שוין עסן אַ געדיכטע זופּ מיט פֿלייש און דאָס לעבן האָט אויסגעזען ליכטיקער.

איין מאָל, ווען זאַמע איז געשטאַנען און גערעדט צו שאָסען, און אַלע אין פֿאַבריק האָבן עס אויפֿגענומען ווי דעם געוויינלעכן שמועס וועגן אַרבעט, איז עס געווען פּונקט אַנדערש:

— איך וויל דיר היינט באַגלייטן אַהיים, שאָסע! — האָט ער שטיל געזאָגט.

— וואָס עפּעס מיר? דאָ זיינען פֿאַראַן אַ סך שענערע און ייִנגערע, — האָט זי זיך געחכמעט.

— כ׳ווייס עס, שאָסע, זיי זיינען מיר אָבער ניט צום האַרצן. דו געפֿעלסט מיר בעסער.

— אַ דאַנק, זאַמע, אָבער איך האָב שוין אַ באַגלייטער... — האָט זי געלאַכט.

— ווער איז ער? — האָט זאַמע איר אָנגעקוקט אַ צעטומלטער.

— ניט ער, נאָר זי, — מיין שוועסטער ביילינקע.

און ביידע האָבן האַרציק געלאַכט.

ווען זאַמע האָט צוגעפירט ביידע מיידלעך צו דער טיר פון זייער הויז, האָט ער שאָסען געפרעגט:

— קען איך דיר נעמען אין קינאָ? — און צו ביילינקען האָט ער געזאָגט:

— דיר ניט!

— אז איך וויל גאָרניט! — האָט ביילקע געלאַכט. — אָבער שאָסע קען גיין ווען זי וויל.

— איז ווען ווילסטו, שאָסע? — האָט זאַמע ערנסט געפרעגט.

— היינט שוין זיכער ניט! — האָט שאָסע געזאָגט.

— און מאָרגן? — האָט זאַמע ניט נאָכגעלאָזן.

— מאָרגן וועלן מיר מאָרגן זען. מיר טרעפן זיך דאָך אין פאַבריק — וועלן מיר ריידן.

— איז מאָרגן ביי דער אַרבעט, וועלן מיר טאָן ווי דו ווילסט, דאָס הייסט, ווען דו ווילסט, — האָט זאַמע נאָכגעגעבן.

מ׳האָט זיך וואַרעם געזעגנט, און ווי נאָר מ׳איז אריין אין שטוב האָט ביילקע געזאָגט:

— היינט האָט שאָסע אַ בעסערע מתנה, ווי יענעם טאָג בעת זי האָט איבער־גענומען די הויפּט־אַרבעטערקעס שטעלע. איר געדענקט, זי האָט געקראָגן אַ געלט־פּרעמיע.

— און וואָס האָט זי היינט געקראָגן? — האָבן טאַטע־מאַמע מיט איין מאָל אויסגערופן.

— היינט האָט זי געקראָגן אַ חתן! זאַמע, דעם באַלעבאָס׳ ברודער! — האָט זי ארויסגעשאָסן די גאַנצע נייעס. שאָסע איז רויט געוואָרן און אַ גע־שריי געטאָן:

— הער אויף, ביילקע! ביסט משוגע...

— וואָס איז זיך דאָ צו שעמען? איך האָב אויך אַ חתן — איז האָבן מיר צוויי! און מיר וועלן אַלע גיין צוזאַמען אין קינאָ — אויך טאַטע־מאַמע. און ס׳וועלן זיין שימחות.

טאַטע־מאַמע זיינען געשטאַנען מיט פולע אויגן מיט פרייד.

— וואָס שוויגט איר? שרייט: מזל־טוב, שאָסע!

— מזל־טוב, שאָסע!

*

היינט האָבןביידע שוועסטער און ביידע שוואָגערס אַ גרויסע פאַבריק פון זאָקן. דעם פאַך קענען זיי זייער גוט און אַלץ גייט גלאַט און מזלדיק. טאַטע־מאַמע קלייבן נחת פון די טעכטער מיט די איידעמס און מ׳גייט צו זיי צו גאַסט. אַמאָל נעמט מען זיך צוזאַמען און מ׳גייט אין יידישן טעאַטער צי אין קינאָ.

— זאָרגט ניט, שווער! זאָרגט ניט שוויגער! — טרייסטן העניעך און זאַמע מרדכין און לאהן, ניט בלויז זאָקן וועלן זיין — באַלד וועלן זיין אייניקלעך אויך.

רחלע און חיים

רחלע און חיים לעבן אין זייער פּראַכטיק־שיינעם הויז, ווי צוויי טויבן. איינער אָן דעם אַנדערן וועט זיך ניט רירן און קיין זאַך ניט טאָן. וועגן יעדער זאַך באַראַט מען זיך — ווי און וואָס צו מאַכן. זייער הויז שטייט אין אַ נייע קליינע געגנט אין ירושלים, וואָס רופט זיך מוצא עלית. דאָ זיינען אַלע שכנים אויפגעלעבט ווי איין משפּחה און אין די ווינטערדיקע לאַנגע אָוונטן פאַר־ברענגט מען איינע ביי די אַנדערע. אַז מען רעדט ניט וועגן פּאָליטיק, הערט מען די נייעס אויף דער ראַדיאָ אָדער מען שפּילט גאָר אין קאָרטן. און ניט זעלטן פירט זיך דער שמועס וועגן די גערטנער און די קליינע ווירטשאַפט, וואָס יעדער איינער האָט ארום זיין הויז.

רחלע און חיים שטייען אויף זייער פרי, ווען אין דרויסן איז נאָך גרוי, און נעמען זיך גלייך צו דער אַרבעט. ס׳איז גוט צו אַרבעטן ווען אין דרויסן איז נאָך קיל און אַלץ ארום שלאָפט נאָך. צו ערשט גייען זיי אין גאָרטן, באַגיסן די פלאַנצן, קוקן אויף די בייטן און קוועלן. נאָך דעם גייט מען עסן פרישטיק. אַז מ׳ענדיקט עסן נעמט זיך חיים צו די הינער, וואָס ער פּאַסט אויף, און רחלע מאַכט ריין דאָס הויז — ראַמט און וואַשט און קאָכט. פאַרטאָג אין דער אַרבעט, קוקט מען זיך ניט ארום ווי גיך דער טאָג פאַרגייט. און אין די אָוונטן, נאָך אַ טאָג מי, לאָזן זיך אַלע שכנים ארויס אויף אַ שפּאַציר אין דער געגנט. מ׳אָטעמט אַ ביסל פרישע לופט, מ׳זעט איינע די אַנדערע און מ׳כאַפּט אַ שמועס איידער מ׳גייט אהיים זיך אויסרוען.

אין זומערדיקע מילדע שבת צו נאַכטן, נאָך אַ לאַנגע וואָך אין היץ און אין זון, גייען רחלע און חיים אין אַ קינאָ, וווּ עס שפּילט אַ גוטער פילם. וועגן רעדט נאָך אַז דער פילם איז אַ היסטאָרישער, דעמאָלט מוז מען שוין גיין, ווייל זיי האָבן ליב בילדער פון היסטאָרישע צייטן. און אויף מאָרגן הייבט זיך ווידער אָן אַ וואָך פון אַרבעט. און ווידער זיצט מען אין די אָוונטן, ביי זיך אהיים אָדער ביי אַ שכן, און מ׳קוקט אין דעם טעלעוויזיע־קאַסטן. דאָס איז רחלעס און חיימס גרעסטער פאַרגעניגן. איבערהויפּט ווען געסט קומען, און ווי באַקאַנט אינטע־רעסירט זיי מער פון אַלץ די נייעס, לאָזט מען ניט דורך די קלענסטע זאַך וואָס

מ׳האָט געזען און נאָך דעם רעדט מען וועגן דעם אַלעם. ס׳טרעפט, ווען ס׳איז זייער וויכטיקע, טרויעריקע אָדער גוטע נייעס, פאַרזיצט מען זיך אַ ביסל שפּעטער, אַז יעדער איינער זאָל קענען ארויסזאָגן זיין מיינונג. אָבער אין אַלגעמיין איז די פאַרמאַטערטקייט פון לאַנגן טאָג אַרבעט לאָזט זיך שפּירן אין די גלידער, גייט מען שלאָפן אין די ווינטערנעכט — שפּעטסטנס צען, און זומער, ווען די טעג זיינען לענגער, פאַרציט מען מיטן שלאָפן גיין ביז עלף ביי נאַכט.

רחלע און חיים האָבן איין טאָכטער, תמר, וואָס וווינט אין תל־אביב. נאָר אין די שבתים און יום־טובים קומט תמר צו גאַסט ביי טאַטע־מאַמען. איר געפעלט בעסער תל־אביב — מער שטאָט און מער לעבן. אויף זייער געגענט אין ירושלים קוקט זי ווי אויף אַ שטיקל קליין דערפעלע, ווו ס׳איז אומעטיק. ערב אַ יום־טוב קומט תמר מיטן אויטאָבוס אָדער מיט אַ שירות־טאַקסי און פּאַלט אריין אַהיים, אָנגעלאָדן מיט פּעקלעך — בלומען און מתנות פאַר טאַטע־מאַמע. זי האָט ליב די עלטערן און וואָלט פאַר זיי אָפּגעגעבן איר גאַנץ לעבן.

אָבער אין די שבת־יום־טוב־טעג איז תמר ניט די איינציקע, וואָס קומט פון דער וויַיט. אין די טעג פאָרט זיך צונויף די גאַנצע יוגנט פון אומעטום אַהיים און ס׳ווערט מיט אַ מאָל לעבעדיק און פריילעך. מ׳פאַרברענגט מיט די עלטערן און יעדער איז צו ערשט פאַרנומען מיט זיך און ביי זיך. אָבער גלייך נאָך דעם הייבן זיך אָן פאַרוויילונגען און צוזאַמענקומען פון יונגע יינגלעך און מיידלעך — און אויך די עלטערן זיינען מיט דער יוגנט צוזאַמען. און ס׳איז לוסטיק און ליכטיק ארום. עס דויערט עס אָבער ניט לאַנג. און ווי די קינדער פאָרן צוריק אַוועק צו זייערע שטאָטישע שטעלעס, אָדער נאָך זייער אורלויב פון מיליטער, דערפילט מען נאָך שטאַרקער דעם אומעט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף דעם קליינעם ישוב. מ׳זעט עס אויף די פּנימער פון די עלטערן. ווידער קומען פאַרנומענע אַרבעטסטעג. זיצט מען און מ׳ציילט די וואָכן, וויפל ס׳איז נאָך געבליבן ביז דעם קומענדיקן יום־טוב, אין דער האָפענונג צו זיין ווידער צוזאַמען געזונטערהייט.

רחלע און חיים זיינען מיט זייער לעבן אריינגעפלאָכטן אין לעבן און באַוועגונג פון דעם אַרום. מיט די שכנים לעבט מען גוט און ס׳האָט זיך געשאַפן אזא באַענטקייט, אַז מען באַראַט זיך וועגן יעדע קלייניקייט וואָס קומט פאָר אין משפּחה. אין דער געגנט גייען אויטאָבוסן אַ גאַנצן טאָג, און אַז אַ באַלעבאָס ציי אַ באַלעבאָסטע מאַכט אַ גרויסע באַשטעלונג ברענגט מען עס דירעקט צום הויז. ס׳קאָסט טאַקע אַ ביסל מערער, אָבער ס׳איז באַקוועם און ס׳איז ווערט. די שכנים באָרגן און לייען איינער ביים צווייטן. און ס׳טרעפט אויך אַז איינער וואָס האָט אַ טראָק (אויטאָ) און ער איז גראָדע ניט פאַרנומען, גיט ער עס דעם

שכן אז יענער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט צו פאָרן איינקויפן. איבערהויפּט איז עס אַ גרויסע טובה אין ווינטער, ווייל זיי לעבן אויף אַ הויכן באַרג, און אז עס פאַלט אַ ביסל שניי, ווערט עס גליטשיק און קאַלט און מ׳וויל זיך פאַרזיכערן מיט פּראָדוקטן און עסן. אויף דעם באַרג געפינט זיך אויך אַ סאַנאַטאָריום. די לופט איז דאָ גוט, פריש און קלאָר. און אז מ׳קוקט אַראָפּ פון באַרג זעט מען גאַנץ ירושלים. ביי טאָג זעט מען עס זייער ווייט און קלאָר, און ביי נאַכט זעט מען ליכט און פייערלעך פון דער הייליקער שטאָט.

דאָ, אויפן באַרג, געפינט זיך אויך אַ שיינער האָטעל. ישראל־בירגער קו־מען אַהער אויף אורלויב, און טוריסטן, וואָס פאָרן ארום באַקוקן דאָס לאַנד, שטעלן זיך דאָ אָפּ. דאָ איז אַ גוטע פריינדלעכע אַטמאָספער און מ׳פילט זיך ווי אין דער היים. דאָס עסן איז דאָ זייער גוט און מ׳קען זיך גאָר פיין אויסרוען. כ׳ווייס עס אַלץ פון אייגענער דערפאַרונג, ווייל מיר האָבן פאַרבראַכט אין האָ־טעל און דאָרטן געגעסן, און כ׳וואָלט אַלע מיינע גוטע פריינד רעקאָמענדירן דאָרטן צו שטיין, ווען זיי קומען אויף אַ באַזוך אין ירושלים. און ווייל ס׳איז דאָרטן אזוי גוט, איז טאַקע אַ שטענדיקע באַוועגונג אין האָטעל. כסדר קומען געסט און טוריסטן, מ׳פאַרברענגט אַ פּאָר טעג אָדער מער און מ׳פאָרט ווייטער.

רחלע און חיים האָבן דאָרטן זייער אייגענעם האָטעל — זייער היים. און ביידע זיינען גליקלעך צו האָבן דאָס שיינע הויז. זיי דערמאָנען זיך נאָך איצט די שוועריקייטן פון מיט פערציק יאָר צוריק, איידער זיי האָבן געהאַט דאָס הויז מיט די אַלע אויסערגעוויינלעכע באַקוועמלעכקייטן. מ׳האָט זיך געוואַל־גערט אין ענגשאַפט און ניט זעלטן אָן ליכט און אָן וואַסער. דעם אויוון האָט מען געהייצט מיט האָלץ און מיט דינע שפּענדלעך פלעגט מען קאָכן דאָס עסן. וועש האָט מען געוואַשן מיט די הענט און ס׳איז געווען אַ ביטערע האָרעוואַניע. היינט איז עס גאָר ניט צו פאַרגלייכן. זיי האָבן אַ טעלעוויזיע־אַפּאַראַט און אַ טעלעפאָן, וואָס מ׳האָט דאַן אפילו ניט געחלומט וועגן דעם. אין קיך איז דער עלעקטרישער אויוון לויט דער לעצטער מאָדע, אַ נייע עלעקטרישע וואַשמאַשין און אַ סך אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס העלפן גרינגער מאַכן דאָס לעבן.

אז רחלע און חיים דערמאָנען זיך יענע שווערע צייטן, פאַר ישראלס ערש־טער באפרייאונג־מלחמה, גייט זיי דורך אַ געפיל פון פרייד פון דעם וואָס זיי האָבן דערגרייכט. זיי געדענקען אז ווי נאָר די טאָגשיין פלעגט פאַרשווינדן, פלעגן די גאַסן, וווּ זיי לעבן, זיך איינדעקן אין פינצטערניש און מ׳האָט ניט געזען ווער עס קומט דיר אַנטקעגן. איז אָבער איין זאַך אין יענער צייט גוט געווען, וואָס די אַראַבער האָבן געלעבט בשלום מיט די יידן. מ׳האָט ניט גע־דאַרפט מורא האָבן ארויסצוגיין אין מיטן דער נאַכט, ווייל זיי האָבן דעם יידן

אָפּגעגעבן כבוד און אים הויך געשאַצט. אויב אַ מאָל פלעגט אַן אַראַבער זיך באַגנבענען, איז עס געווען אַ געוויינלעכע זאַך, אָבער נאָך דער מלחמה זיינען זיי געוואָרן ווי די נאַציס, גייען ארום מיט געווער און מעסערס און זוכן צו באַפאַלן ערגעץ ווו אַ יידן. און איידער די ענגלענדער זיינען ארויס פון לאַנד, האָבן זיי אויך געגנוג אָנגערעדט אויף יידן און צרות אָנגעמאַכט, איז שוין דאַן געווען אַ מורא אליין אין גאַס צו גיין, אפילו אין מיטן העלן טאָג.

היינט האָבן זיך די צייטן אין גאַנצן געביטן. רחלע און חיים האָבן שוין געהאַט צו פיל דערפאַרונג מיט אַראַבער. אַ מאָל, ווען יידן האָבן זיי נאָך געגלייבט, פלעגן זיי זיך פאַרשטעלן פאַר כלומרשטע פריינד, צוזאָגן כלערליי גליקן און אַלץ אויסנאַרן מיט פאַלשקייט. איצט טרויט מען שוין ניט אזוי ווי געווען און מ׳גיט ניט אַוועק זאַכן מיט אזא לייכטקייט ווי פריער. אָבער די אַראַבער זוכן נאָך אַלץ צוצונעמען פון יידן זייער האָב און גוטס, דאָס לאַנד און אפילו דאָס לעבן — אָבער די ישראל־יידן גיבן זיך מער ניט אונטער זייער דרוק. זיי קעמפן האַרט און שווער — אויב אפילו טויט פאַר טויט.

רחלע און חיים זיצן יעדן אָוונט ביים טעלעוויזיע־אַפּאַראַט און קוקן זיך צו צו די געשעענישן אין לאַנד. זיי זעען ווי ס׳האָט זיך אַלץ געביטן. ס׳איז באַלויכטן און ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, אָבער פלוצלינג רייסט ערגעץ ווו אויף אַ באָמבע, ווי ס׳וואָלט פאַרגעקומען אַן ערדציטערניש. און שוין לויפן און יאָגן פּאָליציי און די סאָלדאַטן פון דער אַרמיי צו ראַטעווען די אומשולדיקע מענטשן. קיינער האָט מער ניט מורא און מ׳באַהאַלט זיך ניט מער. רחלע און חיים גלויבן, ווי אַלע אַנדערע אין ישראל, אז אַ ביטערע מפּלה וועט קומען אויף די קעפּ פון די, וואָס פאַרגיסן אומשולדיק בלוט פון מאַמעס און קליינע קינדער. אמת, זיי גייען אויך אָפּ מיט בלוט, אָבער עס איז דאָך ווייל זיי קומען מאָרדן און רויבן. אָבער זיי קענען מער ניט פאַרשפּאַרן יידן אין אַ געטאָ און ארויסרייסן דעם לעצטן ביסן פון מויל, נאָך דעם זיי אומברענגען. ישראל איז אַ פאָלק אין זיין אייגן לאַנד און וועט אַלע זיינע שונאים באַזיגן. דאָס זיינען די טראַכטענישן פון רחלען און חיימען — און זיי ווייסן אז פּונקט אזוי טראַכטן אַלע יידן אין ישראל. איז מען צופרידן וואָס מ׳איז אַלע ווי איינער, פאַרייניקט און צוזאַמען.

רחלע און חיים געדענקען, אז נאָך אין די צייטן פון די ענגלענדער האָבן די אַראַבער מקנא געווען די יידן. ס׳איז געווען צוליב דעם, וואָס יידן זיינען געווען פעאיקער און קליגער און צו וואָס זיי האָבן זיך גענומען האָבן זיי געטאָן בעסער און שענער ווי די אַראַבער. זיי האָבן געמאַכט אז דאָס לאַנד זאָל זיך אַנטוויקלען גיך און אויפגעבויט שטעט און דערפער, וואָס וואַקסן און בליען.

איז עס אויך קיין וואונדער ניט, אז אין די מלחמות מיט די אַראַבער זיינען די יידן די בעסערע קעמפּער און געווינער. און פאַר דעם איז מען אויך מקנא — איז בעסער זאָלן די שונאים אונדז מקנא זיין, איידער מיר זיי. דאָס זיינען די גע־דאַנקען און דערמאָנונגען פון רחלען מיט חיימען, בעת זיי קוקן אויף די בילדער פון טעלעוויזיע און הערן די רייד פון די פירער פון דער רעגירונג, פון די אָפּי־צערן און סאָלדאַטן. און דאָס געפיל פון זיכערקייט שטאַרקט זיך ביי זיי.

און ווען זיי זיינען שוין אָנגעזעטיקט מיט די בילדער פון גרויל און גבורה, איז פול דאָס האַרץ מיט אַ געבעט, אז פאַר די אַלע ליידן און פּיין זאָל באַצאָלט זיין מיט יאָרן פון גליק און פרייד. און די האָפענונג קומט אויף, אז עס וועט נאָך זיין אזוי גוט אין ישראל און יידן פון אַלע עקן וועלט וועלן זיך רייסן אריינ־צוקומען אין לאַנד פון זייערע טרוימען, כדי דאָרטן שוין צו פאַרבלייבן. און פריילעך וועט זיין אין לאַנד ישראל, זי וועט וואַקסן און קוועלן און איר צוקונפט וועט זיין פאַרזיכערט פאַר אַלע צייטן. און ס'וועט זיין פריילעך אין אירע שטעט און דערפער און אַ גערעטעניש וועט אירע גערטנער און פעלדער פאַרפלייצן. וועלן אַלע יידן שעפּן פולע הערצער מיט נחת, ווייל דער שלום וועט הערשן איבער אַלץ און אַלעמען.

און רחלע און חיים שלאָפן איין מידע פון גוטן חלום.

סאַראַ גאַסט

.1

נאָטל און פרומל האָבן זייערע גרויסע שיינע הייזער געהאַט איינס לעבן אַנדערן. ער — אַן אַלטער בחור, זי — אַן אַלמנה. אזוי האָט מען געוווינט אין שכנות צענדליקער יאָרן און מ׳איז געוואָרן גרויסע פריינד. נאָטל האָט ליב געהאַט אריינקומען צו פרומלען זיך אַראָפריידן פון האַרצן און הערן אַ גוט וואָרט, אַן עצה, ווייל ער האָט געהאַלטן אז זי איז אַ קלוגע פרוי. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגעהויבן אַלץ זעלטענער אריינקומען און איין טאָג האָט זי זיך דער־וווּסט, אז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונג ווייבל, די העלפט יאָרן פון אים. אויף דעם האָט פרומלען ניט פאַרדראָסן, ווייל צו קיין שידוך ביי זיי וואָלט סיי ווי ניט געקומען, נאָר ס׳האָט איר פאַרדראָסן פאַר וואָס ער האָט זיך אויסבאַ־האַלטן פון איר. נאָר ווי ער האָט אריינגעבראַכט זיין יונג ווייבל אין שטוב צו זיך, האָט פרומל גלייך אויף מאָרגן זיך באַקענט מיט איר. דעם זעלבן אָונט, ווען נאָטל האָט זיך אריבערגעכאַפּט צו פרומלען, כלומרשט זיך פאַרענטפערן, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו דער זאַך:

— האַ, פרומל, אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט און קיינער האָט אפילו ניט געוווּסט.

— און איך האָב געוווּסט, — האָט זי אים אומישנע געזאָגט. — און כ׳וועל איך זאָגן דעם אמת, ר׳ נאָטל, אז איר זעט אויס ווי איר טאַטע, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטאָך.

— פע, פרומל, איר זאָלט דאָס זאָגן. מיר זיינען דאָך שוין אזוי פיל יאָרן פריינד.

— טאָקע דערפאַר זאָג איך עס, גלייך אין די אויגן. איר ווייסט דאָך אז איך האָב פיינט צו ריידן הינטער יענעמס פלייצעס. וואָס אויפן לונג, דאָס אויפן צונג.

— איר מאַכט מסתמא ווי אַלע ווייבער מאַכן — זיי מאַכן יענעם שטענדיק עלטער פון זיך.

— מ׳דאַרף דאָך זיין אַ בלינדער עס ניט צו באַמערקן, ר׳ נאָטל, — האָט פרומל געזאָגט.

— ערשטנס, רופט מיר ניט ר׳, נאָר ווי אַלע מאָל, אָן צערעמאָניעס, נאָטל. און צווייטנס, וויפל, אדרבא, מיינט איר בין איך אַלט. איר האָט עס געמעגט שוין וויסן.

— איר זייט שוין געוויס אַריבער די פופציקער. מיט פופציק זייט איר זיכער.

— וואָס רעדט איר, פרומל? כ׳בין ערשט אַכט און פערציק. נו, אפשר מיט אַ האַלב.

— זאָל זיין אזוי. און אייער נעכעלע איז איצט מסתמא צוואַנציק. אפשר מיט אַ האַלב.

— ניין, מיט דריי. זי איז דריי און צוואַנציק.

— האַ, בין איך שוין גערעכט, אז איר קענט זיין איר טאַטע.

נאָטל האָט פאַר כעס געוואָלט אַרויסלויפן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געזאָגט:

— אַ מאַן דאַרף שטענדיק זיין אַ ביסל עלטער, איז עס ביי מיר מער ווי אַ ביסל.

— נו, מילא, ווי איר פאַרשטייט. און זאָל איך סיי ווי זיין מיט מזל, — האָט זי געזאָגט.

פון יענעם טאָג האָט נאָטל ניט אַריינגעשמעקט צו פרומלען פאַר עטלעכע מאָנאַטן.

דער אמת איז געווען, אז נאָטלען האָט געצויגן אַריינצוגיין זיך אַראָפּריידן פון האַרצן און זי האָט אים אויך געוואָלט זען. איז זי אים געלאָפן אנטקעגן ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן:

— סאַראַ גאַסט! זע נאָר ווער עס קומט, אזא גאַסט! זיצט, נאָטל. וואָס מאַכט מען עפּעס?

ער האָט זיך מיט אַ מאָל געפילט פאַרכאַפּט פון איר גאַסטפריינטלעכקייט און געזאָגט אָפן:

— פרומל, מיין טייערע, מיר זיינען דאָך גאָר אַלטע פריינט, בין איך אריין אייך זען.

די קלוגע פרומל האָט זיך גלייך געכאַפּט, אז ניט סתם אזוי זיך זען, איז נאָטל אין מיטן העלן טאָג געקומען און געלאָזן דאָס געשעפט אויף די אָנ־געשטעלטע. זי האָט אויך געוווסט, אז אין דער צייט גייט נעכעלע אַרויס איינ־קויפן פאַר דער ווירטשאַפט.

— אייך האָט עפּעס היינט געבראַכט צו מיר. איז זאָגט, וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

— כ׳ווייס... איך שעם זיך צו זאָגן... אַ גאַנצע מעשה. נעכעלע... — האָט ער געשטאַמלט.

— יע, יע, — האָט זיך פרומל דערפרייט מיט דער געלעגנהייט, וואָס ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען, — וואָס מאַכט זי עפּעס, אייער נעכעלע? און אפשר מאַכט איר צוזאַמען אַ ברית? פאַר מיר דאַרפט איר זיך ניט שעמען. די קינדער זיינען ביי דער אַרבעט, און מיין מאַן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, רבונו־של־עולם, קען סיי ווי ניט קומען...

נאָטל איז מיט אַ מאָל געוואָרן אויפגעלייגט פון איר חכמענען זיך:

— אָט דאָס איז עס טאָקע, פרומל. אז איר פרעגט וועגן אַ ברית, מוז איך אייך זאָגן, אז נעכעלע וויל גאָר קיין קינדער ניט. זי וויל אַ מיטל קעגן קינדער. און אַ גאַנצן טאָג ליגט זי אויפן דיוואַן און לייענט ראָמאַנען. ניט זי קאָכט און ניט זי גיט אַכטונג. זי איז אַ מאָדערנע פרוי, זאָגט זי. יע אויסגעקאָכט, ניט אויסגעקאָכט, עס אַרט איר גאָר ניט.

— און אייער נעכעלע, וואָס עסט זי אליין אַ גאַנצן טאָג? — האָט פרומל געפרעגט.

— זי שטעלט אַוועק לעבן זיך אַ שאַכטל מיט שאָקאָלאַדקעס, וואָס זי וואַרפט אין מויל אָן אויפהער, ווי קליינע פּילקעלעך, און פאַרטרינקט מיט אַ פלעשל זעלצער צי לעמאָנאַד.

— אזוי גאָר! — האָט זיך פרומל געוווּנדערט. — און וואָס טוט די דינסט אַ גאַנצן טאָג?

— די דינסט לויפט ארום. און מיין נעכעלען אַרט עס ניט און זי זאָגט איר גאָר ניט.

— ווילט איר אפשר אז איך זאָל ריידן מיט איר? — האָט פרומל פאַרזאָרגט געפרעגט.

— ניין, ניין, פרומל, טראַכט גאָר ניט וועגן דעם. ס׳איז גענוג אז איך זאָג איר, אז פון ליגן איבער די ביכער און זיך שטאָפּן מיט שאָקאָלאַד וועט זי דיק ווערן ווי אַ טונכל פון ווייץ, ווערט זי בייז און הייבט אָן שרייען: איך בין אַ קאַרגער און זשאַלעווע איר אַ ביסל פאַרגעניגן. זי פרעגט מיך, וואָס איך פאַרשטיי אויף ביכער און ראָמאַנען, און זי זאָגט, אז פאַר איר האָב איך שוין גענוג געלט. זי וויל איצט אַ רואיק לעבן.

— און וואָס מיינט זי אַ רואיק לעבן ? — האָט פרומל געוואָלט וויסן.

— אָט וועל איך אייך טאַקע זאָגן ווי זי דערקלערט עס, — האָט נאָטל ווייטער גערעדט. — אירע עלטערן זיינען געווען צופרידן, אַז זי זאָל וואָס מער לייענען, דאַן זיינען זיי געווען זיכער, אַז זי בלייבט אין שטוב און וועט ניט ארומלויפן ביז שפּעט אין דער נאַכט. און אַזוי רעדט זי אײדל און געלאַסן און איך דערזע פאַר זיך אַ מאָדנע אַנדערשדיקע ווייבל ווי אַלע, וואָס וויל ניט קיין קינדער, ניט זיין קיין באַלעבאָסטע און אפילו ניט מאַכן עסן פאַר איר מאַן. טראַכט איך, אַז איך האָב צו לאַנג געזוכט און צו פיל געוואַרט, ביז איך האָב אַנגעקליבן אַ סך געלט, און וואָס האָב איך געפונען. און וואָס אַ מינוט מער ווער איך אַלץ מער זאַט פון אירע רייד, ביז אין מיר קאָכט עס אויף אַ כעס און איך אַנטלויף פון איר, פון אירע רייד. און לויף און לויף סתם אין דער וועלט אריין.

פרומל קוקט אים אָן און קען ניט גלייבן אירע אויערן. פרעגט זי נאַאיוו :

— און וואָס איז מיט אַ גט ? אין אַזא פאַל...

— וואָס רעדט איר, פרומל ? — רייסט ער איבער אירע רייד. — מער פעלט מיר ניט. און וואָס וועט מען ריידן אין שטאָט, אַז מ׳וועט זיך דערוויסן אַזא זאַך ? מ׳וועט ריידן פון מיר שלעכטס, און אָפּלאַכן, און אויסטראַכטן וויצן. כ׳ווייס עס שוין.

— אָבער אַז מען מוז לויפן פון שטוב, איז עס שוין קיין לעבן ניט, — זאָגט זי.

— אָבער אין גאַס איז נאָך ערגער, פרומל. כ׳האָב עס שוין געהאַט גענוג, איבערגענוג. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן די קינדער מיר נאָכגעשריען אויף דער גאַס. זיי האָבן אפילו געמאַכט אַ לידל אויף מיר און עס געזונגען : נאָטל מיטן צילינדער, וויל ניט האָבן קיין קינדער. ער האָט גענומען אַ יונגע מיידל פאַר אַ ווייב — און נעכעלע פון שטוב אים טרייבט. פון וואַנען האָבן עס די זשוּ־ליקעס געוווּסט ? מסתמא הערן זיי אין דער היים וואָס טאַטע־מאַמע ריידן. האָב איך זיך אַ יאָג געטאָן און געכאַפּט איינעם פון דער באַנדע און כ׳האָב אים גע־טאָן, וואָס מיין רבי אין חדר פלעגט מיר טאָן, ווען כ׳בין געווען צעלאָזן : איך האָב אים אָנגעדרייט און אָנגעריסןביידע אויערן, אַז זיי האָבן געברענט ווי פייער. נאָך דעם האָב איך אים אָנגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן עס נאָך אַ מאָל טאָן, וועל איך כאַפּן דעם גרעסטן פון זיי און אים איבערגעבן דער פּאָליציי. און דאָרט וועט מען אים אַזוי פיל שמייסן, אַז ער וועט אַ פּאָר וואָכן ניט קענען זיצן. און איצט קען איך גיין רואיק אין גאַס. און איך היט זיך, כ׳וויל ניט

געכעלע זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם. און פון וואַנען די זשוליקעס האָבן גע־נומען דאָס לידל ווייס איך ניט.

— איר האָט דאָך געקענט פרעגן דעם יינגל, וואָס איר האָט געשלאָגן, פון וואַנען האָבן זיי גענומען דאָס לידל?

— מיינט איר, פרומל, אז איך בין אזא נאַר. כ׳האָב עס טאַקע געטאָן. האָט ער מיר גלייך אויסגעזאָגט דעם אמת: זיין מאַמע און אַלע שכנים האָבן עס געזונגען און מ׳האָט זיך געקייכט פון געלעכטער. טאָ ווי הייבט מען זיך אָן מיט אַ גאַנצע שטאָט ווייבער?

— אָבער, נאָטל, וואָס דאַרפט איר זיך בייזערן, ס׳איז דאָך פאָרט דער אמת, — האָט פרומל אים געזאָגט. — איז אויב מ׳וועל ניט קיין גט און קיין לייטישע געלעכטער, מוז מען עס אַראָפּשלינגען און אַלץ פאַרשווייגן.

— פאַרשווייגן די אַלע רייד? — האָט נאָטל געפרעגט. — אָבער איך קען עס ניט. מיך טוט עס ווי, מיך קרענקט עס. און קיינער האָט ניט האַלט צו הערן אַ שלעכטן אמת. — האָט ער געזאָגט אָפּנהאַרציק. — איז זאָגט מיר טאַקע, פרומע־לעבן, וואָס טוט מען אין אַזאַ לאַגע?

— איר ווייסט גאַר וואָס, נאָטל, כאַפּט זיך אריבער צו געכעלעס עלטערן און רעדט זיך דורך מיט זיי. אָפּן און אָן קונצן, אזוי ווי איר רעדט מיט מיר.

נאָטל האָט אַ ווײַלע געטראַכט, צי ער זאָל איר דערציילן אז ער איז שוין געווען ביי זיי, אָבער די קלוגע פרומל האָט זיך גלייך געכאַפּט פון זיין ניט ענטפערן:

— מסתמא זייט איר דער זעלבער חכם ווי איך, און איר האָט שוין מיט זיי גערעדט.

— אוודאי, פרומל, האָב איך גערעדט. האָט איר טאַטע אין גאַנצן ניט געוואָלט הערן. האָב איך געמוזט ריידן מיט דער מאַמען, און זי האָט דעם גאַנצן באַריכט אריינגעשריען אין צווייטן צימער, צו איר מאַן: — דו הערסט, גדליה, וואָס נאָטל, אונדזער איידעם, וויל. אז מיר זאָלן הייסן אונדזער געכע־לען, זי זאָל באַקן און קאָכן און האָבן קינדער. איז דער מאַן ארויסגעלאָפן אַ צעקאָכטער צו מיר און מיך באַלד צעריסן: — וואָס דערציילסטו ליגנס אויף מיין געכעלען, טייערער גאַנײדעם. וואָסי, זי גיט דיר אפשר ווייניק עסן? און אז דו וועסט שוין זיין אַ טאַטע, וועסטו דען ווייסן ווי אַכטונג צו געבן אויף אַ קינד? וועסט דאָך ניט ווייסן ווי אים צו האַלטן. וועסט אים האַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ, פאַרקערט. ווילסט אז מיר זאָלן דיר העלפן האָבן קינדער, שלימזל איינער! און אז איך האָב אויסגעהערט די גאַנצע זידלערײַ און ווי ער לאַכט אָפּ פון מיר, האָב איך זיך אָפּגעטראָגן. און איך האָב באַשלאָסן, אז מער וועט

מיין פוס זייער שווער ניט אריבערטרעטן. כ׳וויל זיי ביידן מער קיין מאָל ניט אָנקוקן. איך דאַרף זיי דאָך ניט, גאָט צו דאַנקען, איך קען מיין שטעטל באַ־שטיין. איר ווייסט דאָך, פּרומל, אַז איך האָב גענוג געלט און דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען, און וואָס ווייטער די אויגן, אַלץ גרינגער דאָס האַרץ.

פּרומל איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער איז דאָך געקומען צו איר נאָך אַן עצה, טאָ וואָס קען זי אים איצטער זאָגן. ער איז דאָך געראָכטן.

— איין עצה איז פאַראַן, — האָט זי אַ ווילע טראַכטנדיק זיך אָפּגערופן.

— איר מוזט אַ מאָל אַ געשריי טאָן אויף נעכעלען, אפשר וועט זי זיך דער־שרעקן און אָנהויבן פאָלגן.

— וואָס רעדט איר, פּרומל? ווי קען איך שרייען אויף נעכעלען? און וואָס וועלן די שכנים פון הויף זאָגן, אַז זיי וועלן הערן מיינע געשרייען? ס׳וועט ארויס אַ קלאַנג, אַז איך באַצי זיך שלעכט צו מיין יונג ווייבל. און אפשר גאָר וועט זיך עמעצער פון די קינדער, צי זייערע מאַמעס באַהאַלטן הינטער מיין פענצטער און מ׳וועט אונדז אָנהויבן אויפזינגען דאָס לידל. מער ווי דאָס פעלט מיר ניט.

— איך מוז אייך זאָגן, נאָטל, אַז איך ווייס אייך שוין ניט וואָס צו ראָטן. אַז וואָס איז זאָג אייך, ווייסט איר שוין פריער און איר האָט אַ פאַרטיקן ענט־פער אויף אַלץ. זאָג איך אייך גיין צו אירע עלטערן, זייט איר שוין געווען. זאָג איך שרייען, ווילט איר ניט פאָלגן, ווייל די גאַס וועט הערן. דאָס האָט איר שוין געטאָן, פאַר דעם האָט איר מורא און פאַר יענץ שעמט איר זיך. טאָ וואָס זאָל איך אייך זאָגן? מיר דוכט אַז איר פרעגט נאָר סתם אין דער וועלט אריין, און אין דער אמתן ווילט איר ניט גיין, ווילט ניט טאָן און וועט סיי ווי ניט פאָלגן. ווי אַן אַלטער פריינד, נאָטל, מוז איך אייך זאָגן וואָס איך טראַכט: מיט אייערע אַלע מעלות, וואָס איר דענקט אַז איר זייט גוט, מיין איך פּונקט פאַרקערט, אַז אייער ווייבל, נעכעלע, לעקט ניט קיין האָניק פון אייך. אַז זי וויל ניט קיין קינדער, ווייס זי מסתמא פאַר וואָס זי וויל ניט. און אַז זי קאָכט ניט, איז ווייס זי אויך פאַר וואָס. מסתמא געפעלט אייך ניט איר קאָכן. זאָגט, איז עס אמת?

— וואָס רעדט איר, פּרומל? איר זייט שוין אויך קעגן מיר, ווי אַלע אַנדערע.

— וואָס עפּעס קעגן אייך? וואָס האָב איך צו אייך, נאָטל? נאָר כ׳וויל הערן פון אייער מויל, אַז אַלץ וואָס איר זאָגט האָט טאַקע פּאַסירט, אַזוי ווי איר דערציילט עס.

— וואָס הייסט פּאַסירט? אָט ליגט זי גאַנצע טעג און לייענט ביכלעך.

— היינט איז אַנדערע צייטן, נאַטל. היינטיקע ווייבלעך ווילן ניט זיין פאַרשפּאַרט גאַנצענע טעג. איז דאָך בעסער אַז זי זיצט אין דער היים. און וועגן קינדער, וועל איך אייך זאָגן, אַז היינטיקע ווייבלעך ווילן בעסער זיצן גאַנצע נעכט און שפּילן קאָרטן, איידער האָדעווען קינדער. קינדער, אַז ס׳טוט זיי עפּעס ווי, שרייען זיי אַ גאַנצע נאַכט.

— טאָ וואָס אַז זיי שרייען, דערפאַר זיינען זיי דאָך קינדער, און אַ מאַמע איז אַ מאַמע.

— און אַ טאַטע איז אַ טאַטע, זאָגן היינטיקע ווייבער. וועט איר אַראָפּגיין פון בעט איבערוויקלען דאָס קינד, ווייל ער איז נאַס, אָדער אים געבן זיין פלעשל, ווייל ער איז הונגעריק. מענער ווילן כסדר שלאָפן און טו זיי עפּעס.

— די פרוי מוז טאָן אַלץ פאַר דעם מאַן, און זי דאַרף טאָן אַלץ פאַר די קינדער.

— איר האָט אַ טעות, נאַטל. היינטיקע מאַמעס קוקן ניט אויפן מאַן און האָדעווען ניט די קינדער. זיי לאָזן עס אַלץ איבער פאַר די דינסטן און די ניאַנעס. עס קאָסט טאָקע, אָבער עס איז ווערט, זאָגן זיי. נאָר אַזאַ ווי איך, אַן אַלט־מאָדישע, האָב אָפּגעפּינצטערט אַ גאַנץ לעבן, טאָג און נאַכט געווען מיט די קינדער פאַרנומען, ביז איך האָב זיי פאַר מענטשן געמאַכט. און מיינט איר, נאַטל, אַז ביי די קינדער איז עס נאָך דעם אָנגעלייגט. עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. טאָמער זאָגסטו זיי עפּעס, אַז זיי זאָלן וויסן ווער עלטער איז, קומען זיי גלייך ארויס מיט דער טענה: ווער האָט דיך געהייסן אונדז האָבן ?..

— אָבער נעכעלע וויל עס דאָך אויך ניט, — האָט נאַטל ווידער געזאָגט דאָס אייגענע.

— ווייל אייער נעכעלע וויל נאָך געניסן פון איר יוגנט, — האָט פרומל געפילט אַז זי דאַרף איר פאַרטיידיקן. — אַז איר ווילט ניט ארויסגיין מיט איר אין אָונט, טאָ וואָס זאָל זי טאָן? לייענט זי ביכער. אָבער מיט קיין אנדערן גייט זי ניט ארויס.

— לאָמיר אויפהערן, — האָט נאַטל געזאָגט, — מיר דוכט אַז עמעצער קומט, מסתמא אייער זון.

— פאַר מיין זון איז נאָך צו פרי. נאָר מיר דוכט, אַז אייער נעכעלען האָב איך דאָ געזען פאַרבייגיין פאַרביי פענצטער. מסתמא זוכט זי אייך.

— אוי־ווי איז מיר, — האָט זיך נאַטל דערשראָקן. — זאָגט איר גאָר ניט. כ׳וועל זיך באַהאַלטן אין דעם צימער... — און ער איז אריינגעשפּרונגען אין גאַסטצימער, ווען עס האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר.

.2

— אָ, נעכעלע, סאַראַ גאַסט! ס׳פרייט מיך אייך צו זען. וואָס מאַכט איר, נעכעלע? — איז פרומל נאָך געווען צעטומלט פון נאָטלס אַנטלויפן אין צווייטן צימער. זי האָט זיך געפילט שולדיק און ניט געפונען די ריכטיקע ווערטער, ווי אָנצוקניפּן אַ שמועס.

— כ׳פיל זיך גוט, — האָט נעכעלע געזאָגט. — נאָר איך בין אַזוי פּלוצלינג אַריינגעפאַלן צו אייך. טאָ אַנטשולדיקט מיר פאַר קומען אייך דרייען אַ קאָפּ.

— אדרבא, נעכעלע. איך בין צופרידן אַז איר קומט אַריין. זאָגט וואָס איר ווילט און כ׳וועל אייך העלפן מיט וואָס איך קען נאָר.

— ניין, קיין זאַך ניט. כ׳האָב בלויז געוואָלט זען, צי מיין נאָטל איז ניט אַ מאָל ביי אייך. ער האָט מיר שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז ער קלייבט זיך אַריינגיין צו אייך.

— זעט איר דאָך אַז ער איז ניטאָ, — האָט פרומל קוים אַרויסגערעדט און געוואָרן רויט.

— אוודאי זע איך. נאָר ער האַלט מיר אין איין דערציילן, אַז איר זייט אַזוי פיל יאָרן זיין בעסטע פריינד. מסתמא דריקט אים עפּעס, וויל ער זיך אָראָפּ־ריידן פון האַרצן.

— אָבער אפשר האָט ער זיך פאַרהאַלטן צוליב אַ נייטיקן ענין, — האָט פרומל געזאָגט.

— ניין, אַלע מאָל קומט ער פון געשעפט צו דער צייט, — האָט נעכעלע געזאָגט. — האָב איך געמיינט אַז ער איז פאַרבייגייענדיק אַריין צו אייך. איך בין אומרואיק.

— וואָס איז דאָ צו זיין אומרואיק? — האָט פרומל געפרעגט. — וואָס שטייט איר? זעצט זיך.

— אַ דאַנק, — האָט זיך נעכעלע צוגעזעצט אויף אַ ברעג שטול, ווי זי וואָלט באַלד דאַרפן אַוועקגיין. — כ׳בין אומרואיק, ווייל אין דער צייט איז שוין לאַנג ביי אונדז נאָך אָוונטברויט. און אַנדערע מאָל נעמט ער מיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר.

— אַזוי גאָר... — האָט פרומל פון צעטומלטקייט ניט געוווסט וואָס זי זאָגט. זי האָט זיך ערשט געכאַפּט, אַז נאָטל איז אָפּגעזעסן ביי איר אַ האַלבן טאָג און אָנגעפּלוידערט אַזוי פיל וועגן נעכעלען, וואָס וויל אים ניט קענען און ווּסן. מסתמא האָט ער היינט פאַרשלאָסן דאָס געשעפט און ספּעציעל אַריין צו איר, אויסצודערציילן אַלע ליגנס.

— יע, — האָט נעכעלע ווי זיך באַקלאָגט, — און איצט וועט ווערן זיין עסן פאַרטריקנט.

— און ווער קאָכט פאַר איך, נעכעלע?

— וואָס פרעגט איר מיר פלוצלינג אזא מאָדנע פראַגע, פרומל? פאַר־שטייט זיך, איך קאָך.

— ניין, איך האָב געמיינט אַ מאָל, איר ווייסט דאָך, אייער דינסט קאָכט.

— ניין. זי האָט צו פיל אַרבעט: האַלטן ריין אַ הויז, וואַשן, ראַמען. ס׳קלעקט פאַר ביידן. און הייגט האָב איך נאָך געבאַקן. מיין מאַן געפעלט מיינע באַבקעס און טאָרטן.

— אזוי גאָר! — האָט פרומל אויסגעשריען. — איר האָדעוועט אים אויף גוטע זאַכן.

— וואָס איז דער וווּנדער? — האָט נעכעלע געפרעגט. — זאָל אים זיין צו געזונט. נאָר לעצטנס פאָלט עס מיך אַ ביסל שווער, — האָט זי געזאָגט שטילער.

— פאַר וואָס, נעכעלע? איר פילט זיך ניט געזונט, חלילה.

— ניין. גראָדע געזונט, אָבער איר באַמערקט ניט, — האָט זי אַראָפּגע־קוקט צו איר בויך.

פרומל האָט איצטער אַלץ באַמערקט און געוועזן אויפגעקאָכט אויף נאָטלען. וואָלט זי זיך ניט געשעמט פאַר נעכעלען, וואָלט זי אים פאַר די האָר ארויסגע־שלעפּט פון טונקעלן גאַסטצימער. איצט האָט זי באַמערקט, אז אריינלויפנדיק אַהין האָט ער געלאָזן די טיר אָפן און מסתמא הערט ער אַלץ וואָס זיי ריידן. האָט זי אים דאָס איצט ניט פאַרגינט. האָט זי זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט זיך אַ טרייסל, ווי ס׳וואָלט פון דאָרטן געבלאָזן אַ ווינט, און פאַרמאַכט די טיר. איצט זעט מען דאָך אז ער איז אַ ליגנער און וויל פאַרקאָכן אַ קאַשע.

— זאָל זיין מיט מזל, נעכעלע. און קומט אַריבער עפּטער, אויב איך קען מיט עפּעס העלפן.

— אַ דאַנק, פרומל! איר האָט שוין גרויסע קינדער, טאָ זאָגט מיר טאַקע, כ׳וועל האָבן אַ יינגל אָדער אַ מיידל?

פרומל האָט פאַרשטאַנען, אז ניט נאָר זוכן נאָטלען איז זי געקומען, נאָר אויך פרעגן איר די פראַגע. זי שעמט זיך מסתמא צו ריידן וועגן דעם מיט טאַטע־מאַמע. און נאָטל איז דאָך אויב אזוי אין גאַנצן ניט נאָרמאַל. און אין איר פאַרטראַכטקייט האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן.

— וואָס איז איך, פרומל? איר פילט זיך קאַלט? — האָט נעכעלע גע־פרעגט.

— כ'האָב זיך עפּעס מיט אַ מאָל דערפילט מאַדנע. עפּעס ניט גוט.

—איך שוואַנגער און איר פילט זיך ניט גוט, — האָט נעכעלע געלאַכט.

— אָבער איך האָב אַ גוטן מיטל פאַר דעם: קאַלט וואַסער מיט לעמאָן. קומט אַריין צו מיר, וועל איך עס אייך געבן און איר וועט זיך גלייך פילן בעסער. מיך העלפט עס, — און נעכעלע איז אויפגעשטאַנען.

— אַ דאַנק, נעכעלע, — האָט פרומל געזאָגט אַ צופרידענע, וואָס עס האָט זיך אונטערגעמאַכט אַזאַ געלעגנהייט. זי איז געווען בייגעריק צו זען זייער הויז, וואָס נאָר איין מאָל, גלייך נאָך זיין חתונה, איז זי דאָרטן געווען. אַז נאָטל איז דער ליגנער, האָט זי שוין סיי ווי געוווּסט. האָט זי אים איצט פאַרשלאָסן ביי זיך אין הויז, און געגאַנגען צו דער יונגער שכנטע. און ווען נעכעלע האָט פרומלען אַריינגעפירט אין איר שיין הויז, האָט זי ניט געקענט אָוועקנעמען די אויגן פון פיין־געדעקטן טיש, אַפילו מיט בלומען, ניט ווי אין אַ פּראָסטן מיטנוואָכיקן טאָג, נאָר ווי אין דעם גרעסטן יום־טוב. די זילבערנע לעפל־גאָפּל און די ווייסע סערוועטקעס האָבן פאַרשיינט די אויגן.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרקוקט אויף מיין טיש. כ'ווייס, ניט אַלע מאַכן די זעלבע זאַך, נאָר מיך האָט מיין מאַמע אַזוי געלערנט. און כ'האָב עס אַזוי ביי אונדז געזען: מיין מאַמע, זאָל געזונט זיין, מאַכט פריער אַלץ ריין, און אַז זי ענדיקט קאָכן און דעקט דעם טיש, דאַן טוט זי זיך אָן בעסערע קליידער און איז גרייט צום עסן. און אויב ס'קומט איר אויס אַ ביסל צו וואַרטן ביז דער טאַטע קומט, נעמט זי אַ בוך, לייגט זיך אויף דער סאָפע און לייענט. און איך טו אויך פונקט די זעלבע זאַך. — האָט נעכעלע זיך באַרימט.

— נו, איז דיין מאַן צופרידן מיט אַזאַ פירונג, נעכעלע? — האָט פרומל געפרעגט.

— ווי אַ מאָל. דאָס הייסט: אַ מאָל יע, און אַ מאָל ניט.

— און אַז ער איז ניט צופרידן ,טויג דאָך ניט. אַ מאַן דאַרף זיין צופרידן.

— אויב ער איז ניט צופרידן, זע איך אַז ער זאָל יע זיין צופרידן, — האָט נעכעלע גערעדט ווי אַ דערפאַרענע. — אויף דעם זיינען פאַראַן אַ סך מיטלען. און מענער זיינען ניט — ווי פרויען. יעדער האָט אַן אַנדער שוואַכקייט. אוי, זיך פאַררעדט וועגן נאַרישקייטן און גאָר פאַרגעסן — כ'דאַרף אייך דאָך געבן עפּעס. ס'וועט אייך גלייך העלפן. — און זי האָט איר צוגעטראָגן אַ גלאָז מיט איר מעדיצין.

ווען פרומל האָט אַראָפּגעזופּט דאָס וואַסער, האָט איר נעכעלע געפרעגט:

— פילט איר זיך איצט בעסער, פרומל?

— יע, נעכעלע, אַ דאַנק! דאָס קאַלטע וואַסער מיט לעמאָן האָט מיך שוין געהאָלפן.

— דאָס איז גוט, — האָט נעכעלע געזאָגט. — וואָלט איר אפשר ווען זען מיין קיד?

— פאַר וואָס ניט? אוודאי וויל איך זען ווי מיין יונגע שכנטע ספּראַ־וועט זיך.

— וואָס הייסט ספּראַוועט זיך? — האָט נעכעלע אריינגעפּירט פרומלען אין קיד. — זעט נאָר וואָס פאַר אַ געבראָטענע קאָטשקעלע כ׳האָב אָנגעגרייט פאַר מיין נאָטלען.

— דיין מאַמע האָט דיך גוט געלערנט, זע איך. איר זייט ביידע בריהס.

— יע, פרומל. אָבער איצט וויל זי ניט אז כ׳זאָל זיך צו פיל אָנשטרענגען. כ׳וויס: זי היט איר ערשט אייניקל מער ווי מיך.

— נו, איך זע אז דיר פעלט גאָר ניט. עסן — דאָס שענסטע און בעסטע. זאָלסטו נאָר געזונט זיין און איבערקומען גרינג. און נאָטל מוז זיין גליקלעך און פול מיט דאַנק.

— מיר דאַנקט ער נאָך אַ מאָל, אָבער מיינע עלטערן קיין מאָל ניט. און דאָס פאַרדריסט זיי. ער מיינט אז איך קום אים, און זיי האָבן גאָר קיין שייכות ניט צו מיר.

— טאָ פאַר וואָס האָסטו אים גענומען? דו האָסט דאָך עס געוואָלט.

— ניין, פרומל. מער ווי איך האָבן עס געוואָלט מיין טאַטע־מאַמע. זיי איז וויכטיק געווען זיין יחוס. אַ קליינינקייט, אַ רבס אַן אייניקל. מיינע עלטערן זיינען נאָך פאַרצייטיקע מענטשן, האָבן זיי ווען מיר וויניק געטראַכט. איך האָב זיי ליב און האָב אין אַלץ נאָכגעגעבן. פּרווו איך זיך איצט צופּאַסן צו נאָטלען. צו ערשט האָט איך געפילט, אז צוליב זיין יחוס לייד איך, אָבער מיר דוכט אז אלץ גייט שוין אויף אַ וועג.

— אָט זע איך סאַראַ גוטע ווייב דו ביסט, ווי דו לויפסט אים ארום זוכן.

— ער איז דאָך פאַרט מיין מאַן, — האָט נעכעלע געזאָגט, — דאַרף איך זאָרגן פאַר אים. אָבער ווו איז ער טאַקע פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט זי זיך דערלאַנגט אַ כאַפּ.

— כ׳בין זיכער אז ער וועט באַלד קומען, — האָט פרומל געזאָגט, און זיך באַלד ניט ארויסגערעדט אז זי ווייס ווו נאָטל איז. זי האָט פאַרביסן אַ ליפּ און געשוויגן. און זי האָט געטראַכט, ווי שטאַרק ער וועט זיך שעמען אז ער וועט איר דערזען.

— איר ווייסט ניט, פרומל, ווי מיין האַרץ פאַלט מיר איין, ווען איך טראַכט

ווי מען פליט הייַנטיקע צייַטן מיט די אויטאָס. און יעדעס מאָל בעט איך גאָט: זאָל חלילה עפּעס ניט פּאַסירן. און דאָ איז שוין אַזוי שפּעט. דאָס עסן וועט אין פּליטע פאַרטריקנט ווערן.

— איך ווייס אַז נאָטל האָט ליב אַ סך צו ריידן, אפשר האָט ער זיך אין ערגעץ פאַררעדט, — האָט פרומל געזאָגט.

— איך האָב אויך גלייַך אויסגעפונען אַז ער רעדט צו פיל, — האָט נעכעלע געזאָגט. — איז פּאַס איך שוין אויף, אַז ער זאָל ניט צו פיל בייז ווערן. און אויב ער ווערט שוין יע בייז, ענטפער איך אים קיין מאָל ניט אַנטקעגן. פאַר־קערט גאָר, איך זאָג צו אים מיט אַ שמייכל: נאָטעלע, פאַרגעס וואָס איז גע־ווען, און כ׳וועל זיך סטאַרעווען צו פאַרבעסערן. און אויב אפילו דאָס העלפט ניט, פאַרבייס איך מיט אַ ראַמאַן אַנשטאָט טרערן...

פרומל האָט געזען, אַז אויך נעכעלע האָט ליב אַ סך צו ריידן, האָט זי זיך באַדאַנקט און איז אַוועק צו זיך אַהיים. זי איז שנעל אַרייַן אין גאַסטצימער און געזען אַז נאָטל איז דאָרטן ניטאָ. מסתמא איז ער גאָר אַרויס דורך אַ פענצטער, האָט זי געטראַכט. זי האָט אַ קוק געטאָן צו די פענצטער און געזען אַז אַלע זייַנען פאַרמאַכט. מיט אַ מאָל האָט זי דערזען אַז די בעט האָט זיך אַ רוק געטאָן און זי האָט זיך דערשראָקן. נאָר זי האָט זיך געכאַפּט:

— נאָטל, איר? — האָט זי אויסגעשריען.

— יע, איך. — איז ער אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעט. — כ׳האָב גע־מיינט אַז נעכעלע וועט מיך שלאָגן, האָב איך זיך באַהאַלטן... — האָט ער זיך געחכמעט.

איצט האָט פרומל רחמנות געהאַט אויף נעכעלען, וואָס אַ קינד איז אויפן וועג און זי וועט דאַרפן אָפּלעבן אַ לעבן פאַר אַזאַ צעדרייטן מאַן.

— לויפט גיכער צו אייַער טייַערער פרוי, — האָט פרומל אַ געשריי געטאָן.

— אַניט וועל איך אייַך שלאָגן. זי גייט דאָך האָבן אייַער קינד, ווייסט איר עס ניט?

— איך ווייס, איך ווייס. אָבער זי זאָגט אַז מער ניט. און איך וויל האָבן אַ פול הויז מיט קינדער. אַז מ׳זאָל אַלץ איבערקערן קאַפּויער... — האָט ער גערעדט צעטומלט.

— איר זייַט גערעכט, נאָטל. איר האָט טאַקע אַ גרויס הויז, זייַער אַ גרויס הויז, און מיט דער צייַט וועט זי זייַן איבערפולט מיט קינדער. אייַער ווייַבל איז נאָך יונג. און איצט גייט, גיכער! זי זאָרגט זיך.

און ווען נאָטל האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט פרומל פרייַער אָפּגעאָטעמט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: אַ משוגענער בלייַבט אַ משוגענער.

א ס ת ר

1.

אסתר און שלמה ראָזענשטיין זיינען געווען אַ יונג פּאָרל, ערשט פינף יאָר נאָך זייער חתונה. זייער צווילינג, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, זיינען אַלט געווען פיר יאָר. ער האָט געהייסן יעשואינקע און זי, דאָס מיידעלע — מילינקע. זיי זיינען געווען שיינע קינדערלעך, געראָטן און קלוג און גערעדט פּונקט ווי דער־וואַקסענע. מענטשן, וואָס פלעגן זיך צוהערן צו זייערע געשפּרעכן, פלעגן זיי באַוואונדערן. ביידע זיינען געגאַנגען אין קינדער־גאָרטן און די מאַמע פלעגט בלייבן אהיים און אכטונג געבן אויף דער היים. אין דער אמתן איז ניט געווען פיל צו טאָן אין הויז און נאָך ווייניקער אויף וואָס אַכטונג צו געבן. זייער דינסט. וואָס איז געווען מער הויז־פאַרוואַלטערין ווי דינסט, האָט אַלץ פּינקטלעך און גוט געטאָן, אַזוי אַז פאַר אסתרן איז שוין צופיל אַרבעט ניט איבערגעבליבן. און געהאַלטן האָט מען איר אויך ווי אַן אייגענע, וואָס געהערט צו דער משפחה. און הגם זי האָט דאָ, ביי די ראָזענשטיינס, אַ סך געאַרבעט, איז עס אָבער גע־ווען גאָר ניט אין פאַרגלייך קעגן דעם וואָס זי האָט געהאָרעוועט אין שפּיטאָל, און דאָ האָט מען איר געצאָלט אַ טאָפּלטן לוין כמעט. אָבער מער פון אַלץ איז אַנאַן געפעלן די אידעלע באַציאונג צו איר פון דער באַלעבאָסטע. אָבער ווען אַנאַ איז אָנגעקומען אויף דער שטעלע, האָט זי די באַלעבאַטים ניט דערציילט פון ווו זי קומט און אז אין שפּיטאָל האָט זי מער ניט געוואָלט אַרבעטן. אַנאַ האָט אליין געוווסט אז זי איז אַ צו גוטע, דעריבער טאַקע האָבן איר די קראַנקע אין איר פאַלאַטע אזוי פאַרמאַטערט, אז זי האָט געמוזט איבעררייסן די אזוי ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. און אייגנטלעך האָט זי, לויט איר נאַ־טור, ליב געהאַט צו העלפן די קראַנקע מענטשן, אָבער זי האָט געפילט אז זי וועט ווייטער בלייבן אין שפּיטאָל וועט זי אליין קראַנק ווערן. און דערפאַר האָט זי נאָך דעם ניט גערעדט מער וועגן דעם.

שלמה ראָזענשטיין האָט געהאַט אַ געשעפט אין אַ ביסל אַ זייטיקער גאַס, וווּ ער האָט געאַרבעט מיט איין אָנגעשטעלטן. איין טאָג האָבן באַנדיטן אָפּגע־היט דעם מאָמענט, ווען דער אָנגעשטעלטער איז ארויס עפּעס קויפן, און זיי זיי־

נען שלמהן באַפּאַלן. שלמה האָט געפּילט אויף זיין האַלדז דעם שאַרף פון מעסער, וואָס איין באַנדיט האָט געהאַלטן און שטיל געזאָגט: — דעם גאַנצן טאָג לייזונג גיב אונדז, אַניט וועל איך דיר גלייך דעם גאָרגל איבערשניידן. לויט זיין פינצטערן בליק האָט שלמה דערקענט, אַז דער באַנדיט מיינט עס אויף אַן אמת און ער האָט אים איבערגעגעבן אַ פול זעקל מיט אויסגעציילט געלט, וואָס איז געלעגן גרייט אין קאַסע אויף אָוועקצוטראָגן גלייך אין דער פרי אין באַנק. די באַנדיטן האָבן געקראָגן אַ צייכן פון זייער מאַן ביי דער טיר זיך גיך אָפּצוטראָגן. איז ווי נאָר זיי האָבן באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר, האָט שלמה אָנגעהויבן מאַכן גוואַלדן ביזן הימל.

מענטשן אין גאַס האָבן גלייך באַמערקט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און אַ פּאָר געזונטע חברה האָבן געזען ווי די באַנדיטן אַנטלויפן, האָבן זיי זיך אַ יאָג געטאָן נאָך זיי און מ׳האָט זיי געכאַפּט און איבערגעגעבן דער פּאָליציי. אָבער אין קראָם איז זיך שוין געווען אָנגעלאָפן אַ גרויס געזעמל מענטשן. שלמה איז אָבער נאָך זיינע עטלעכע גוואַלד־קולות געבליבן ליגן פאַרקראַמפּט און שטיל אויפן דיל און מער קיין וואָרט ניט געקענט ארויסברענגען. ער איז געלעגן פאַרחלשט און געברומט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער.

דער אָנגעשטעלטער האָט שוין פון ווייטן געזען וואָס אַרום טוט זיך, איז ער אַן אָטעם אריינגעלאָפן אין געשעפט. ער איז צוגעפאַלן צום באַלעבאָס און אים געפּרוווט מינטערן, נאָר דער באַלעבאָס האָט אויף אים געגלאָצט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אים ניט דערקענט און אַ שוים איז אים ארויס אויף די ליפּן. מיט דער הילף פון אַ פּאָר קרעמער־שכנים האָט מען שלמהן ארויפגעטראָגן אין זיין היים, וואָס איז געווען ניט ווייט פון געשעפט.

אַז אסתר האָט דערזען, ווי די מענטשן טראָגן ארויף איר מאַן כמעט אַ טויטן, האָט זי זיך צעשריען מיט אַ היסטערישן געיאָמער:

— אוי וויי איז מיר, מיין מאַן! וואָס האָט פּאַסירט? ווו איז ער געפאַלן? מענטשן!

— באַרואיקט זיך, באַלעבאָסטע, — האָט דער אָנגעשטעלטער געזאָגט, — לאָזט אים אוועקלייגן אין בעט. איר וועט אַלץ באַלד וויסן.

אָבער אסתר האָט פאַרשריען זיינע רייד. זי איז צוגעפאַלן צו איר מאַן:

— שלמהלע, רייד אַ וואָרט... וואָס האָט פּאַסירט?.. אוי, וויי איז מיר!..

איצט האָט שלמה געהאַלטן די צונג האַלב ארויסגעשטעקט פון מויל, ווי ער וואָלט געבליבן שטעקן אין מיטן אַ וואָרט, און מיט גלעזערנע אויגן אָנגעקוקט זיין היסטעריש ווייב.

— וואָס שרייט איר דאָרטן, אסתר? — איז די שכנה שרה אריינגעלאָפן

און געבליבן שטיין אַ צעטומלטע אַנטקעגן בעט, ווו די מענטשן האָבן אַראָפּגע־לייגט שלמהן.

— איר זעט דאָך, שרה־לעבן, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, — האָט מיט אַ מאָל אסתר זיך דערפילט געשטאַרקט, זעענדיק אַ באַקאַנט פּנים, — און גראָדע איז אַנאַ אויף אַ ווײַלע ארויס אין גאַס. איך בעט אייך, טײַערע, העלפט מיר. כ׳בין דערשלאָגן און ווייס ניט וואָס צו טאָן...

— כ׳זע אז די מענטשן וואָס האָבן אים געבראַכט, זײַנען שוין אַוועק. האָבן זיי אייך וואָס געזאָגט? מ׳דאַרף דאָך וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט.

— זיי האָבן מיר יע עפּעס דערציילט, נאָר איך בין געווען אַזוי צעטומלט אז כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן גערעדט. איינער איז געווען פון אונדזער געשעפט, מײַן שלמהס אַנגעשטעלטער, און געזאָגט אז ער מוז גיין גיך פאַרשליסן דאָס געשעפט און אין פּאָליציי.

— איצט מוז מען גלייך רופן אַ דאָקטער. איר זעט דאָך אז ער ליגט אָן לשון.

— ווי איז מיר, שרה, — האָט אסתר זיך ווידער צעוויינט. — כ׳האָב קיין מאָל אין מײַן שטוב קיין דאָקטער ניט געהאַט...

— וועט איר הײַנט יע האָבן. און מ׳טאָר לאַנג ניט וואַרטן! — האָט שרה שאַרף געזאָגט.

— איר זײַט גערעכט, — האָט אסתר זיך באַרואיקט. — טוט מיר אַ טובה און טעלעפאָנירט אָן צו אַ דאָקטער, אפשר צו אײַער דאָקטער. — און זי האָט זיך ווידער צעכליפּעט.

— ווייַנט ניט, אסתר, ס׳וועט סיי ווי ניט העלפן. אָט גיי איך טעלעפאָנירן, — און זי איז ארויס אין פאָדערצימער, ווו דער טעלעפאָן איז געשטאַנען. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז זי צוריקגעקומען און געזאָגט: — דער דאָקטער וועט באַלד קומען, אָבער ער האָט געהייסן די ערשטע זאַך אים אויסטאָן, מאַכן פרײַ. פאַר וואָס טוט איר אים טאַקע ניט אויס, אסתר?

— כ׳ווייס אליין ניט, — האָט אסתר גערעדט פאַרצווייפלט, — העלפט מיר, שרה.

— וואָס רעדט איר, אסתר? איך זאָל העלפן אויסטאָן אַ פרעמדן מאַן! — האָט שרה געזאָגט.

— אָבער מײַן שלמהלע דאַרף דאָך הילף... — האָט אסתר געזאָגט ווי צע־טומלט.

— גוט, גוט, — האָט שרה געזאָגט. כ׳וועל אים אַראָפּציען די שיך, און

איר טוט אים אויס די קליידער. דערווייל וועל איך גיין מאַכן אַ גלאָז טיי פאַר אייך, אסתר.

— אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק אייך, שרה, — האָט אסתר געדאַנקט, ניט ווּיסנדיק פאַרוואָס.

— איך זע אַז איר זייט אין גאַנצן אָפּגעשוואַכט, אסתר, נאָר איר מוזט זיך האַלטן.

נאָר ווי אסתר האָט אים אַ צי געטאָן ביים אַרבל, האָט שלמה אויסגעגלאָצט אויף איר די אויגן און מיט שטייפע פינגער געוויזן אויפן האַרצן. אסתר האָט זיך צעשריען:

— אוי־ווי מיר, שרה! ער רעדט דאָך ניט, נאָר ער ווייזט אויפן האַרץ. זעט נאָר...

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טירגלעקל און דער דאָקטער איז אריין. אסתר האָט זיך פאַרהאַלטן רואיק. דער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צום קראַנקן. האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געטאַפּט דעם פּולס. נאָך דעם האָט ער אים אַ גלעט געטאָן דאָס פּנים, אָבער שלמה האָט אפילו קיין צוק ניט געטאָן, נאָר ווי פריער געגלאָצט מיט די אויגן.

אז דער דאָקטער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער יונגער אסתרן, האָט זי געפרעגט:

— דאָקטער, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיין מאַן? וואָס איז אים?

— וואָס עס האָט פּאַסירט ווייס איך ניט. ער האָט איבערגעלעבט אַ גרויסע שרעק און איז פּאַראַליזירט געוואָרן אויפן מויל, דעריבער קען ער ניט ריידן. נאָר ער איז נאָך אַ גאָר יונגער מענטש און איך מיין אז דאָס וועט מיט דער צייט אַוועק. אָבער דערווייל מוז ער האָבן אַ סך רו און מען מוז ארום אים זיך באַוועגן אַבסאָלוט שטיל. האָט איר קינדער?

— יע, דאָקטער, מיר האָבן אַ צווילינג. זיי זיינען נאָך ניט געקומען פון קינדער־גאָרטן. זיי זיינען זייער שטילע און פאָלגן אַלץ וואָס מ׳זאָגט זיי.

— אָבער אַלץ איינס דאַרפט איר זיי האַלטן באַזונדער, אין אַ צווייטן צימער. אייער מאַן דאַרף דורכאויס רו. איר וועט אים זייער גוט מוזן אויפּפּאַסן. געבן די מעדיצין אין דער צייט און וויפיל עס איז פאַרשריבן. איר וועט אים אויך מוזן אָנקאָרמענען, ווי א קליין קינד, ווייל ער וועט אליין ניט קענען עסן, — האָט דער דאָקטער אַלץ אויסגערעכנט.

— אָבער כ׳וועל דאָך מוזן גיין אין געשעפט. כ׳מוז דאָרטן אויך אַכטונג געבן.

— פאַרמאַכט אויף דערווייל דאָס געשעפט, — האָט דער דאָקטער געזאָגט.

— וואָס רעדט איר. דאָקטער? און פון וואַנען וועלן מיר ווייטער ציען חיונה?

— אין דעם פאַל וועט איר מוזן נעמען אַ קראַנקן־שוועסטער, — האָט דער דאָקטער געזאָגט.

— אָבער מיין דינסט וועט קענען העלפן. זי איז גראָדע איצט ניטאָ. זייער אַ גוטע.

— ס׳וועט זיין גענוג צו טאָן פאַר איר אויך. אָבער אַ קראַנקן־שוועסטער מוז מען האָבן.

— גוט, כ׳וועל אייך פאָלגן, דאָקטער, — האָט פרוי ראָזענשטיין געזאָגט.

אין דער מינוט זיינען אַנגעלאָפןביידע קינדער און שטיין געבליבן צע־שראָקענע אויף דער שוועל פון שלאָפצימער. זיי האָבן די ארומגעקוקט און ביידע צוזאַמען אויסגערופן:

— מאַמע, וואָס האָט פאַסירט מיטן טאַטן? איז ער ניט געזונט?

— יע, מיינע קינדער, דער טאַטע איז פלוצלינג קראַנק געוואָרן. און דאָ איז דער דאָקטער. ער זאָגט אז איר דאַרפט זיין זייער שטיל, כדי דער טאַטע זאָל גיכער געזונט ווערן.

— מיר וועלן זיין זייער שטיל, זייער־זייער שטיל. מיר זאָגן עס צו! — האָבן זיי ביידע אויף אַ מאָל גערעדט און צוויי מאָל אונטערגעשטראָכן דעם זייער, כדי צו פאַרזיכערן דער מאַמען אז זיי מיינען עס אויף אַן אמת.

— גוט, קינדער, איצט קענט איר גיין אין אייער צימער. אַנאַ וועט באַלד קומען.

אויף די שפיץ פינגער, אָן צו געבן אַ פּיפּס, האָבן זיי זיך ארויסגעשאַרט. עס איז אַ שושקעריי דערגאַנגען פון צווייטן צימער, אָבער מ׳האָט ניט געקענט הערן וואָס זיי ריידן.

— איך באַוווּנדער ווי פאַרשטענדיק און קלוג אייערע קינדער זיינען, — האָט דער דאָקטער געזאָגט.

— אַ דאַנק, דאָקטער. ס׳פרייט מיך אז איר האָט עס באַמערקט.

— אָבער אַ קראַנקן־שוועסטער וועט איר סיי ווי מוזן האָבן, — האָט ער געזאָגט, — אז מ׳איז אפילו אַ קורצע צייט אין געשעפט, קומט מען ארויף אַ מידע און דאָס וועט באַשווערן אי אייך און אי דעם קראַנקן. חוץ דעם דאַרף מען אים איבערטאָן, וואַשן, ריין האַלטן, די מעדיצין איינגעבן און זיך היטן עס ניט צו פאַרבייטן — און אַ שוועסטער קען די אַרבעט.

— כ׳זע אז איר זייט גערעכט, דאָקטער. אָבער איר זעט דאָך אז כ׳בין אליין. אָט, מיין שכנטע, וואָס האָט מיר געהאָלפן, האָט זיך אויך אָפּגעטראָגן.

מסתמא ניט געוואַלט שטערן. וועל איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין, דאָקטער, אויב איר וועט מיר צושיקן אַ קראַנקן־שוועסטער. אייך איז עס זיכער גרינגער צו טאָן, ניט אזוי ?

— גוט, פרוי ראַזענשטיין, כ׳וועל זיך באַמיען, כאָטש ס׳איז איצט שווער צו קריגן איינע.

— אַ דאַנק, דאָקטער, דערווייל וועט אויך מיין מוטער קומען העלפן.

— דאָס וועט זיין בעסער. איר מוזט איר דאָך סיי ווי אָנזאָגן. און איר זעט — אייער מאַן איז איינגעשלאָפן. און איך וועל אין אָוונט ווידער קומען.

— האָט ער געזאָגט.

— כ׳וועל צופרידן זיין אז איר וועט אים געפינען בעסער, — האָט זי אים נאָכגעזאָגט ביים ארויסגיין. אָבער דער דאָקטער איז שוין געווען הינטער דער טיר.

זי האָט געטראַכט : מיר זיינען נאָך אזוי יונג און דאָ האָט פּאַסירט אזא אומגליק. זי האָט זיך דערמאָנט איצט, אז זי ווייס אפילו ניט ווי און וואָס מיט שלמהן האָט פּאַסירט. זי האָט אָבער פאַרשטאַנען אז עפּעס ערנסט האָט גע־טראָפן און ער איז שווער קראַנק. א רחמנות אויף די קינדער ! האָט זי זיך מיט שטילע טריט צוגעשאַרט הינטער דער טיר פון זייער צימער. זי האָט גע־הערט ווי זיי לאַכן פון עפּעס, ריידן, שפּילן זיך. אָבער ס׳איז אַלץ געווען איינ־געהאַלטן. נאָך אַלעמען, האָט זי געטראַכט, זיינען זיי דאָך נאָך קליינע קינדער, אָבער זיי פאַרשטייען די לאַגע פּונקט ווי גרויסע. אפילו דער דאָקטער האָט זיי געלויבט.

.2

אין אָוונט, אז דער דאָקטער איז ווידער געקומען, איז שוין שלמה געווען וואַך. די אויגן זיינען געווען רואיקער, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען ווי צע־טומלט. דער דאָקטער האָט אים לענגער אונטערזוכט און צום סוף זיך אָנ־גערופן :

— מאַדאַם ראַזענשטיין, אייער מאַן איז שוין ארויס פון געפאַר, אָבער ער איז נאָך אַלץ זייער ערנסט קראַנק. שטילקייט וועט אים אַ סך גוטס טאָן, און פּינקטלעך אים געבן מעדיצין. צום באַדויערן האָב איך קיין קראַנקן־שוועסטער פאַר אייך ניט געקראָגן.

— דאָקטער, כ׳וויל אייך עפּעס דערציילן. ווי נאָר איר זייט אַוועק איז גע־קומען אַנאַ, אונדזער דינסט. זי איז געווען גערירט פון דעם וואָס האָט פּאַסירט,

און זי האָט מיר געזאָגט אז זי איז אַ מאָל געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און וועט קענען טאָן די אַרבעט.

— דאָס איז זייער גוט, פרוי ראָזענשטיין. וווּ איז זי?

— אָט שטייט זי דאָ, הינטער אייך, דאָקטער.

— ס׳איז אמת, דאָקטער, — האָט אַנאַ געמאַכט אַ טריט און זיך געשטעלט קעגן דאָקטער, — כ׳קען די אַרבעט און איך נעם אויף זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט.

— דאָס איז זייער גוט, אַנאַ, — האָט זיך דער דאָקטער דערפרייט און זי אָנגערופן ביים נאָמען. — אָבער איר ווייסט דאָך ווי שווער ביי אזא קראַנקן איז. איר וועט דאָ מוזן אין די נעכט דיזשורירן, טאָמער פאַסירט עפּעס.

— זי איז צוגעבונדן צו אונדז ווי אַן אייגענע, — האָט פרוי ראָזענשטיין זיך געאיילט צו ענטפערן.

— יע, דאָקטער, — האָט אַנאַ באַשטעטיקט, — כ׳פיל עס ווי מיין פליכט אויפצופאַסן אויף מיין קראַנקן באַלעבאָס. און כ׳האָב שוין אָפּגעמאַכט מיט מאַדאַם ראָזענשטיין, אז זי וועט קענען רואיק זיין אין געשעפט.

— אמת, אַנאַ פאַרשטייט אונדזער לאַגע, — האָט פרוי ראָזענשטיין גע־זאָגט גערירט.

— און ווער וועט אויפפאַסן אויף די קינדער? — האָט דער דאָקטער זיך אינטערעסירט.

— די קינדער שלאָפן שוין, — האָט פרוי ראָזענשטיין געזאָגט, — און אַ האַלבן טאָג זיינען זיי אין קינדער־גאָרטן. זיי זיינען גוט און ס׳איז ניט שווער זיי אויפצופאַסן.

— אויך די שכנטע, פרוי שרה, האָט צוגעזאָגט אַלע מעגלעכע הילף, וואָס איך וועל נייטיק האָבן, — האָט אַנאַ געזאָגט. — און אויך די מאַדאַמס מוטער וועט קומען העלפן.

— זעט איר, פרוי ראָזענשטיין, ווי מ׳דאַרף צו אַלץ האָבן מזל, אויך אין אזא לאַגע, — האָט דער דאָקטער געזאָגט. — און כ׳בין זיכער אז אַלץ וועט געמאַכט ווערן ווי איך האָב פאַראָרדנט. נו, איצט קען איך רואיק גיין. כ׳וועל קומען מאָרגן.

אז דער דאָקטער איז ארויסגעגאַנגען, האָט פרוי ראָזענשטיין געפילט ווי זי וואָלט זיך דאַרפן פאַרענטפערן פאַר אַנאַן און זי האָט געזאָגט:

— ס׳וועט דיר פאַלן שווער אזוי פיל אַרבעט, אַנאַ. און אזוי אומגעריכט איז עס געקומען.

— און איך, מאַדאַם, וועט ניט פאַלן צו שווער? — האָט אַנאַ געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— איך בין מחויב, ס'איז דאָך מיין מאַן, — האָט פרוי ראָזענשטיין געזאָגט, — און אויך מיינע קינדער. און פון דיר, אַנאַ, קען איך עס ניט פאַרלאַנגען.

— איך פאַרלאַנג עס פון זיך אליין, — האָט אַנאַ געזאָגט, — ס'איז מיין פליכט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, וועגן וואָס כ'האָב איך קיין מאָל ניט דער־ציילט, אַכטונג צו געבן אויף אייער קראַנקן מאַן. און כ'טו עס אויך צוליב דעם, וויל כ'פיל מיין היים דאָ.

— יע, — האָט אסתר געזאָגט געריהרט, — פון היינט אָן וועט עס זיין דיין היים. און רוף מיך מער ניט מאַדאַם, נאָר פשוט מיט מיין נאָמען, אסתר. — און זי איז צוגעגאַנגען צו איר, איר ארומגענומען און צוגעדריקט צום האַרצן.

נאָך דעם אָפנהאַרציקן געשפּרעך האָט זיך אסתר געפילט בעסער. זאָל אַנאַ וויסן אז זי האַלט איר ווי אַן אייגענע, ווי אַ פריינט, אַ חברטע, ניט סתם ווי אַ שטובמיידל.

— נו, וואָס האָט דער דאָקטער געזאָגט? און מיט וואָס קען איך אייך העלפן? — איז די שכנטע שרה אריינגעפאַלן אויף מאָרגן איינדערפרי. — יע, אפילו פאַרגעסן צו זאָגן גוט מאָרגן. ווו איז אַנאַ?

— גוט מאָרגן, שרה, — האָט אסתר געזאָגט. — אַנאַ איז אַוועק אוועקפירן די קינדער אין קינדער־גאָרטן, און ווי נאָר זי קומט צוריק מוז איך גיין אין געשעפט. שוין שפּעט. און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז מיין מאַן איז שוין ארויס פון געפאַר.

— איז גאָט צו דאַנקען, — האָט שרה געזאָגט. — און איך זע אז ער שלאָפט רואיק. קענט איר גיין איצט אין געשעפט, אסתר, און איך וועל דאָ בלייבן ביז אַנאַ וועט צוריקקומען.

— אַ דאַנק, שרה. ס'איז געוואָרן שפּעט. און זיך פאַרלאָזן אויף אַ פרעמדן אָנגעשטעלטן אין אַ געשעפט, איז ניט גוט. ווען ער וואָלט געווען ווי אַנאַ! — האָט זי צוגעגעבן.

— אַנאַ איז אַ גאָלדענער מענטש, — האָט שרה זי געלויבט. — נו, גייט שוין.

אויף דעם קורצן וועג צום געשעפט, זיינען אסתרן דורכגעלאָפן אַלע גע־דאַנקען וועגן אַנאַן, די קינדער, וועגן קראַנקן מאַן. ווי אַנאַ האָט איר באַקוועם געמאַכט, אז זי וועט איצט קענען אַרבעטן מיט אַ רואיקן קאָפּ אין געשעפט. וויל זי ווייס אז דער מאַן און די קינדער וועלן אַלץ באַקומען צו דער צייט. און אויב אַנאַ איז אַ גוטע, זיינען דאָך די קינדער ממש גאָלדענע. זיי וואַשן זיך

אליין, טוען זיך אָן, ווי גרויסע, און נעמען זיך עסן אליין. און זיי זיינען שטיל, ווי צוויי טייבעלעך. אפילו ווען דער מאַן איז געזונט געווען, פלעגן זיי זיצן אין אַ ווינקל פון זייער צימער און אַזוי שטיל זיך שפּילן, אַז ווען אַ שטיקל פּאַפּיר פלעגט אַראָפּפאַלן, האָט מען עס געקענט הערן. און זיי זיינען אַלע מאָל גרייט צו העלפן, וואָס נאָר מ'זאָל זיי ניט בעטן. גייך, אַנאַן וועט ניט זיין צו שווער, — באַשליסט זי ביי זיך, עפענענדיק די טיר אין געשעפט אריין.

איצט האָט אסתר אויסגעהערט פון אָנגעשטעלטן אַלע איינצלהייטן פון אי־בערפאַל אויף איר מאַן, ווי ער האָט זיך עס דערוווסט פון די מענטשן און גע־הערט אין פּאָליציי. ער האָט געזען די צוויי באַנדיטן און איז געווען צופרידן וואָס מ'האָט זיי געכאַפּט.

— און אז מ'האָט זיי געכאַפּט, קען עס דעם העלפן מיין מאַן? — האָט אסתר געזאָגט.

— אָבער פרוי ראָזענשטיין, — האָט דער אָנגעשטעלטער געזאָגט, — ס'וועט זיין אַ לערע פאַר אַנדערע באַנדיטן, אז ניט אַלע מאָל קען מען זיך ארויסדרייען אָן אַ שטראָף.

דער אָנגעשטעלטער האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס דער באַלעבאָס מאַכט. אסתר האָט אים מיט אַ צעקלעמט האַרץ דערציילט, אַז ער איז שוין ארויס פון געפאַר, נאָר ער איז נאָך אַלץ אָן לשון. אָבער דער דאָקטער גיט גוטע האָפע־נונגען. ס'וועט אפשר ניט לאַנג דויערן.

— ווער האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן. כ'בין ארויס נאָר אויף עטלעכע מינוט. — האָט ער געזאָגט.

נאָך מיטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן מער קונדן און זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען. אסתר איז ניט געווינט געווען אַזוי פיל און שנעל צו אַר־בעטן, און ווען דער אָנגעשטעלטער האָט אַלץ צונויפגעלייגט, צונויפגערעכנט און צוגעשלאָסן דאָס געשעפט איז שוין געווען שפּעטלעך. אסתר האָט זיך גע־איילט אהיים און געטראָפן לעבן איר הויז די שכנות. זיי זיינען געשטאַנען און נאָך אַלץ גערעדט וועגן אומגליק. אין דער צייטונג איז עס שוין געווען באַ־שריבן מיט אַלע איינצלהייטן.

— נו, אסתר, וואָס מאַכט ער, אייער שלמה? — האָט מען איר פאַרהאַלטן פון אַלע זייטן.

— איך האָף אז בעסער. איר זעט דאָך, כ'בין אַ גאַנצן טאָג אין שטוב ניט געווען. איך בין געווען אין געשעפט און איל זיך אהיים.

די ווייבער האָבן איר אָפּגעטראָטן דעם וועג און איר נאָכגעקוקט מיט באַדויער.

.3

ווען אסתר האָט געעפנט די טיר, איז אין הויז געווען אזוי שטיל אז זי האָט זיך אין ערשטן מאָמענט דערשראָקן. אָבער ווי אַנאַ איז איר אַנגעקומען אַנט־קעגן און זי האָט געזען איר אויפגעלויכטן פנים, האָט זי פאַרשטאַנען אז זי האָט גוטע נייעס. אַנאַ האָט געדענקט אז די באַלעבאָסטע האָט איר געבעטן איר רופן ביים נאָמען, אָבער אזוי ווי עס איז איר ניט געווען באַקוועם און זי האָט זיך ניט געקענט צוגעוווינען, האָט זי איר געזאָגט:

— איז ווייסט, דער דאָקטער איז שוין געווען. ער האָט אים אונטערזוכט און געזאָגט, אז עס וועט לאַנג ניט דויערן און ער וועט זיין געזונט. ער פּרוווט שוין ריידן אַ פּאָר ווערטער. כ'האָב אים געגעבן די מעדיצין און צום טרינקען און איצט שלאָפט ער.

פון גליק צו הערן אַזעלכע גוטע נייעס, האָט אסתר אַנאַן ארומגענומען:

— אַ דאַנק דיר פאַר דעם גוטן באַריכט, טייערע אַנאַ, ווי אַ מלאך ביסטו ביי אונדז.

אַנאַ איז געווען גערירט פון דער באַלעבאָסטעס רייד און ביידע האָבן זיך פאַר פרייד געווישט די טרערן פון די אויגן. אסתר האָט געפרעגט:

— וואָס טוען די קינדער? ס'איז אזוי שטיל דאָ.

— די קינדער האָב איך געבאָדן און אריינגעלייגט אין די בעטן. זיי שלאָפן שוין. זיי האָבן אַלץ געוואָלט וויסן, ווען דער טאַטע וועט ווידער געזונט זיין. זיי זיינען אזוי געהאָרכזאַם און שטיל, טאָקע גאָלדענע קינדער האָט איר.

— דאָס איז דיר צו פאַרדאַנקען, אַנאַ, ווייל דו האָסט זיי גוט דערצויגן.

— ניין, מיר קומט קיין דאַנק ניט. דער דאַנק קומט די עלטערן, וואָס זיי־נען וווּנדערבאַרע מענטשן. קינדער גיבן זיך איין אין טאַטע־מאַמע, זיינען זיי געראָטן אין אייך.

— דאָס איז פיין צו הערן, אַנאַ. אַ דאַנק פאַר די קאָמפּלימענטן.

— די קינדער פאָלגן אזוי גוט, אז ס'בלייבט מיר שוין ניט צו פיל וואָס צו טאָן מיט זיי. זיי פאַרשטייען שוין אויפן ווונק. און איצט זעצט זיך צום טיש.

— אויב דו ווילסט ערגעץ גייך, אַנאַ, — האָט זיך אסתר דערמאָנט, — קענסטו גייך. איך בלייב שוין אין שטוב און וועל זיך אליין באַדינען.

— ניין, כ'קען ניט אַוועקגיין איצט. כ'דאַרף דעם קראַנקן געבן די פילן צו דער צייט און אין מיטן דער נאַכט — אַן איינשפריצונג.

— טאָ גיי און רו זיך אָפּ אַ ווײַלע. כ'וועל אליין נעמען דאָס עסן.

— צו וואָס זיך אָפּרוען, אז איך בין ניט מיד, — האָט אַנאַ געזאָגט.

— וואָס הייסט ניט מיד? קאָכן, ראַמען און נאָך ארומגיין ארום אַ קראַנקן. און די קינדער — פירן און אָפּנעמען פון קינדער־גאָרטן. אַרבעטסט שווער, אַנאַ.

— אין שפּיטאָל האָב איך שווערער געאַרבעט, און ניט געהאַט אזא פיינע באַהאַנדלונג, — האָט אַנאַ געזאָגט. — און דער דאָקטער איז אַ טייערער מענטש. ער זאָרגט זיך אזוי.

— מיר זיינען מיט אַלע שכנים אין גוטע באַציאונגען, — האָט אסתר דאָקטער.

— ס'איז ניט נאָר מזל, נאָר ס'איז אויך אַ כבוד — ער איז אַ באַרימטער דאָקטער. און איר ווייסט, אז איר האָט דאָ אַ סך גוטע פריינד. ווי נאָר כ'גיי ארויס מיט די קינדער, שטעלן מיר צענדליקער מענטשן אָפּ און פרעגן זיך נאָך וואָס אייער מאַן מאַכט.

— מיר האָבן מזל, וואָס שרה, אונדזער שכנטע, האָט ארויסגערופן איר געזאָגט.

— אס־תר... אס־תר... — האָט זיך געהערט אַ שוואַך אָפּגעהאַקט קול פון קראַנקנס צימער.

אסתר איז אויפגעשפּרונגען און זיך צוגעהערט. פּאַר פרייד האָבן אַ גלאַנץ געטאָן די אויגן אירע און אַ טרער איז אַראָפּגעפאַלן. אַנאַ האָט עס באַמערקט.

— וויינט ניט, וויינט ניט, אסתר! — האָט זי איר דעם ערשטן מאָל גערופן ביים נאָמען.

— ס'איז פון פרייד, אַנאַ. איך הער אז ער רופט מיך. אָט גיי איך, שלמהלע!

— יע, דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז ער וועט באַלד ווידער זיין ווי געווען, — האָט איר אַנאַ געענטפערט, מיטגייענדיק מיט איר אין קראַנקנס צימער.

— שלמהלע, טייערער! — האָט זי זיך צוגעבויגן צו אים און אים אַ קוש געטאָן. אָט באַלד וועסטו זיין געזונט. באַלד. איצט געדענק אז דו דאַרפסט ליגן רואיק. נאָר רואיק.

— גוט... אס־תר... — האָט ער קוים ארויסגערעדט די צוויי ווערטער און געשמייכלט.

אסתר האָט אים געגלעט. די הענט האָבן איר געציטערט פון אויפרעגונג. אַנאַ האָט זיך שטיל און פּאַמעלעך ארויסגעשאַרט פון צימער. אין שלמהס אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

— וויין ניט, שלמה, וועסט געזונט זיין!

— פון... פרייד... — האָט ער שוואַך געדריקט איר האַנט.

*

אויף מאָרגן איז שלמה געוואָרן ערגער. דער דאָקטער האָט עס דערקלערט מיט דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט צו שטאַרק די אויפרעקונג פון ארויס־ברענגען די עטלעכע ווערטער און זיך איבערגענומען מיט זיין פרויס רייד. איצט האָט דער דאָקטער פאַראָרדנט, אז די שוועסטער זאָל אים אויפפאַסן און די פרוי זאָל וואָס ווייניקער אריינגיין צו אים. ער האָט ווידער אויפגעהערט צו ריידן און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אז איצט וועט עס שוין קומען אויף איינמאָל. מ'דאַרף האָבן געדולד. אזוי זיינען אוועק זעקס וואָכן — זעקס לאַנגע וואָכן. ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען דער דאָקטער איז גראָדע געקומען אים באַזוכן, און אסתר האָט געהאַלטן ביים ארויסגיין אין געשעפט, און אויך אַנאַ איז געשטאַנען גרייט מיט די קינדער זיי צו נעמען אין קינדערגאָרטן, — האָט זיך קלאָר דערהערט פון צווייטן צימער דאָס קול פון שלמהן:

— אסתר... אסתר...

דער דאָקטער האָט איר אַ ווונק געטאָן זי זאָל אריינגיין צום מאַן, אָבער זי זאָל זיך פאַרהאַלטן רואיק. ניט וויינען.

— וואָס ווילסטו, שלמהלע? — איז אסתר אריין און געפרעגט, ווי ס'וואָלט גאָר ניט פאַסירט.

— איך וויל זען די קינדער, אסתר. איך בענק...

— איין מאָמענט, שלמהלע, — האָט זי געזאָגט און ארויסגעגאַנגען. זי האָט אויף שטיל געזאָגט דעם דאָקטער, וואָס דער קראַנקער פאַרלאַנגט.

— קומט! — האָט דער דאָקטער געזאָגט צו די קינדער, מיט אסתרן און אַנאַן — און אַלע צוזאַמען זיינען אריין צום קראַנקן אין צימער. זיי האָבן זיך געשטעלט ביי זיין בעט.

ווען שלמה האָט דערזען זיי אַלעמען, האָט ער גענומען שמייכלען און מ'האָט געפילט וואָס פאַר אַ גרויס גליק ער לעבט איבער. זיינע אויגן האָבן געקוקט אין די קינדערס פנימלעך און געוועזן פייכט פון טרערן.

— אַ דאַנק אייך, מיינע קינדערלעך, מיין פרוי, דאָקטער און אַנאַ. כ'פיל זיך בעסער

אסתר האָט אויסגעווישט אַ טרער פון די אויגן. אפילו דער דאָקטער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, מ'זאָל ניט מערקן ווי ס'קומען אים טרערן אין די אויגן. אַנאַ האָט אויך געוויינט.

— נו, פאַר היינט איז גענוג! — האָט דער דאָקטער שטרענג געזאָגט.

— פאַר וואָס גענוג, דאָקטער? — האָט שלמה געפרעגט. — אַ דאַנק אייך פיל איך זיך בעסער.

— גענוג — ווייל איצט דאַרפט איר ווידער אַ קורצע צייט האָבן רו.

— אז איר זאָגט גענוג, מוז איך אייך פאָלגן, דאָקטער. אָבער ענטפערט מיר נאָך איין פראַגע: ווי לאַנג בין איך שוין קראַנק? און ווי לאַנג וועל איך נאָך דאַרפן ליגן?

— איר ליגט שוין, הער ראָזענשטיין, זעקס וואָכן, ווייל איר האָט געהאַט דעם פּאַראַליז אין אַ לייכטער פאָרעם. ביי אנדערע דויערט עס מאָנאַטן, אפילו יאָרן. איר האָט עס צו פאַרדאַנקען אייערע קינדערלעך, וואָס זיינען אזוי שטיל, אייער טייערע פרוי, וואָס זאָרגט פאַר אייך, און איבערהויפּט דער גוטער אַנאַן, וואָס ווייס ניט ווו צו פאַלן פאַר אייך.

— און אייך, הער דאָקטער! — האָט שלמה אויסגערופן.

— און איצט מוזט איר זיך אָפּרוען. איר האָט היינט געהאַט צו פיל איבער־ראַשונגען. און כדי איר זאָלט זיך קענען גוט אויסרוען, וועט אייך אַנאַ אריינ־שפּריצן מעדיצין.

אַנאַ האָט געגעבן שלמהן די איינשפּריצונג, וואָס דער דאָקטער האָט פאַר־אָרדנט, און דער קראַנקער איז גלייך איינגעשלאָפן. דער דאָקטער איז אוועק. נאָך דעם איז אסתר אוועק אין געשעפט. אַנאַ האָט געבעטן שרהן בלייבן מיטן קראַנקן און זי האָט אַוועקגעפירט די קינדער אין קינדער־גאָרטן.

אין אָוונט איז דער דאָקטער ווידער געקומען. די קינדער זיינען שוין גע־שלאָפן ביי זיך אין צימער. נאָכן אונטערזוכן דעם קראַנקן איז ער אריין אין גאַסטצימער, צו אסתרן און אַנאַן, וואָס האָבן אים אויפגענומען מיט כיבוד.

— איצט, פרוי ראָזענשטיין, גייט צום בעסערן און כ׳דאַרף ניט קומען אזוי אָפט. די קראַנקייט וועט זיך אליין אויסשטיין. און אין אַ וואָך ארום, ווען ס׳וועט זיין אַ זוניקער טאָג, זאָלט איר אייער מאַן איינדעקן וואַרעם און אים ארויסנעמען אין דרויסן. איר זאָלט אים נאָר גוט אָפּהיטן די ערשטע פאַר מאָנאַטן פון ווינט און רעגן. ער טאָר זיך ניט פאַרקילן. און איר טאָרט אים ניט לאָזן די ערשטע צייט אליין גיין. און ווי נאָר ער וועט צוריק אָנהייבן גיין אין געשעפט — מוזט איר זיין מיט אים, ביז ער וועט קומען צוריק צו די כוחות. איר הערט וואָס איך פאַרזאָג אייך.

— געוויס וועל איך אזוי טאָן, ווי איר זאָגט מיר אָן, דאָקטער.

אַ פאָר וואָכן שפּעטער איז שוין שלמה אליין ארומגעגאַנגען.ביידע קינדער זיינען מיטגעגאַנגען פון ביידע זייטן און אים געהאַלטן פאַר די הענט, און פון הינטן איז נאָכגעגאַנגען אסתר און הנאה געהאַט זיך צוקוקנדיק, ווי די דריי — שלמה, מילינקע און יעשואילע — גייען צוזאַמען. און אין געדאַנקען האָט זי

אויסגערעכנט אַלעמען און געבענטשט יעדן באַזונדער. זי האָט געדאַנקט גאָט, וואָס זי האָט ווידער אַ געזונטן איר טייערן מאַן. און זי האָט געבעטן פאַר דעם דאָקטער און אַנאַן, זיי זאָלן געזונט זיין.

און דער דאָקטער מיט זיין פרוי און קינדער, פלעגן נאָך דעם גאַנץ אָפט קומען צו די ראָזענשטיינס און צו אַנאַ און זיך דאָרט פילן ווי ביי זיך אין דער היים.

ערב פסח

.1

אין נוחס שטוב האָט זיך עס אַ ביסל געטאָן ערב פסח, אַז דבורהלע, נוחס ווייב, האָט געהאָרעוועט פאַר צען אַלץ צוצוגרייטן. ווייל נוח האָט זיך אין שטוב ניט געמישט. ער איז געזעסן פון פאַר טאָג ביז שפּעט אין אָוונט אין שול און געלערנט איין בלאַט גמרא נאָכן אַנדערן. האָט דבורהלע אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן מאַן, וואָס בעט אויס ביים אייבערשטן אַז אין שטוב זאָל קיין זאַך ניט פעלן. און זיי האָבן טאַקע אַלץ, נאָר ס'איז אַ דאַנק דער ווייב, וואָס חוץ אין שטוב שטייט זי אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס, אין געשעפט, און באַדינט אירע קונדן. זי קען שוין די קונדן אויפן קאָפּ און ווייס ווער עס קויפט גלייך און ווער עס דינגט זיך און קרימט זיך. און כאָטש ניט אַלע זיינען גלייך, האָט זי זיך באַצויגן צו אַלעמען די זעלבע זאַך.

פינף קינדער, איינער אונטערן אַנדערן, האָבן נוח און דבורהלע. די עלטסטע איז באַסעלע. זי איז געוואָרן פופצן יאָר און העלפט שוין דער מאַמען מיט אַלץ. פון די יינגלעך איז פייוול דער עלטסטער. ער איז שוין געוואָרן בר־מיצווה, און רפאל, וואָס דאַרף אויך באַלד בר־מיצווה ווערן. מענדעלע איז דער קלענסטער פון די יינגלעך — זעקס יאָר, און מאַשעלע איז די מיזינקעלע — דריי יאָר. און פאַר אַזאַ גרויסע פאַמיליע צוצוגרייטן אַלץ פאַר אַ יום־טוב, איז גאָר אַ סך אַרבעט. אפילו אין אַן ערב שבת, אַז דבורהלע דערשלעפּט זיך אהיים נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, פאַלט זי פון מידקייט פון די פיס. און אַז זי קוקט זיך ארום אין הויז און זעט די אַן אַ שיעור אַרבעט און די פינף קינדער, ווייס זי ניט וואָס פריער אָנצוהויבן.

דעם ערב פסח האָט זי גוט געלייזט און איילט זיך פריער אַהיים. אין קאָפּ האָט זי אַ פּלאַן, וואָס זי גייט טאָן. אָבער אַז זי קומט אריין אין שטוב, מוז זי זיך צוזעצן אויף אַ שטול אָפּרוען. די קינדער שטייען ארום דער מאַמען און שווייגן. זי רעדט ניט, נאָר זי טראַכט ווי אַזוי און וואָס גיכער אַלץ צו טאָן. זי וועט צו ערשט צושטעלן די הינער, אַז די זופּ זאָל זיך קאָכן, נאָך דעם וועט זי מאַכן

די פיש און צושטעלן, און דאַן — די קנײדלעך. וואָס זיץ איך און טראַכט, כ׳מוז דאָך גלײך אַלץ מאַכן! גיט זי זיך אַ שטעל אויף.

אין אַ װײלע אַרום האָבן זיך שוין די הינער געקאָכט. זי האָט פאַרמישט אַלץ פאַר די קנײדלעך און געלאָזט עס שטײן, עס זאָל אויפגײן, און דערװײל האָט זי זיך גענומען צו די פיש. און אַ ביסל שפּעטער, װען די פיש האָבן זיך שוין אויך געקאָכט, האָט זי גענומען באַזאָרגן זאַכן, צו ערשט פאַר די קלענערע, נאָך דעם — פאַר די גרעסערע קינדער. די קינדער האָבן שוין געװוּסט, װער און װאָס דאַרף טאָן יעדער פון זײ. די גרעסערע האָבן אָנגעפּילט די װאַנע מיט הײסן װאַסער, דערגאָסן קאַלטס, צו דער מאָס, און געהאָלפן די קלענערע זיך אַרומװאַשן.

דאַן האָבן די גרעסערע געהאָלפן די קלענערע זיך אָנטאָן די נײַע זאַכן אויף יום־טוב. שפּעטער האָט מען געביטן דאָס װאַסער און די גרעסערע האָבן זיך געװאַשן און אָנגעטאָן רײנע װעש און נײַע זאַכן. אַז דבורהלע האָט געזען, אַז די קינדער זײַנען שוין באַלד פאַרטיק, האָט זי געזאָגט צו באַסעלען:

— איצט, באַסעלע, פאַרקאָם די קלענערע קינדער די האָר, און אַז דו װעסט ענדיקן זיך אַלײן אויך פאַרקאָמען, װעסטו מיר אַ ביסל צוהעלפן. געדענקסט דאָך נאָך פון פאַר אַ יאָרן.

— יע, מאַמע, זאָרג זיך ניט, איך װײס אַלצדינג װי צו מאַכן.

און װען די מאַמע איז געװען פאַרנומען בײַ די טעפּלעך, האָט באַסעלע אַרויפגעלײגט אַ װײסן טישטעך אויפן טיש, אויסגעשטעלט טעלער און דערבײ לעפל, גאָפּל און מעסער. אין מיטן, אויף אַ באַזונדערן טעלער, האַרטע אײער מיט חרוסת. די מצה האָט זי צוגעדעקט מיט אַ סאַמעטענעם װײסן סערװעט און אַרויפגעשטעלט די פלאַש פּסחדיקן װײַן. נאָך דעם האָט זי אַװעקגעשטעלט פאַר יעדן אײנעם אַ בעכער, לױט דעם עלטער. פאַר דעם טאַטן — אַ גרויסן כּוס, פאַר דער מאַמען — אַ קלענערן, ביז אַ פּיצעלע כּוסעלע פאַר דער מיזיניקעלע.

די מאַמע האָט אַרויסגענומען פון דער זופּ די הינער, װאָס זײַנען װײך גע־װאָרן, און אַרײַנגעלײגט אין זעלבן טאָפּ די קנײדלעך אָפּצוקאָכן. זי האָט פאַר־זוכט די זופּ און זיך פאַסמאַקעװעט. און די פיש האָט פאַרשמעקט מיט אַ זיסן גערוך דאָס גרויסע הויז. דער גאַנצער יום־טוב איז שוין געװען אין שטוב. איצט האָט זיך דבורהלע געפילט מיד און צופרידן.

אין עסצימער האָט באַסעלע געמאַכט די הסבֿ־בעט, װוּ דער טאַטע און די מאַמע װעלן זיצן. די אַנדערע קינדער האָבן איר געהאָלפן צורוקן די ברײטע באַנק. זײ האָבן געבראַכט פון בעט אַ פּאָר פריש־שמעקעדיקע קישנס, און באַ־

סעלע איז געווען פאַרנומען מיט עס אויספּראַווען וואָס שענער, אַז זי האָט אפילו ניט געהערט אַז מען קלאַפּט אין טיר.

— באַסעלע! — האָט די מאַמע צו איר גערופן פון דער קיך. — מ׳קלאַפּט אין טיר. גיי זע ווער דאַרטן איז, און לאָז חלילה ניט אריין קיין פרעמדן פאַרשוין.

— איך גיי! — האָט באַסעלע צוריקגעשריען, פאַרענדיקנדיק פאַרגלעטן די הסב־בעט.

דער טאַטע איז געשטאַנען אין טיר מיט זעקעלעך ניס פאַר אַלע קינדער אויף יום־טוב.

— מאַמע, דער טאַטע איז שוין געקומען, — האָט באַסעלע גערופן צו דער מאַמען.

דבורהלע האָט זיך געאיילט באַגעגענען איר מאַן און אים מיט אַ פרייד אָנגעזאָגט:

— אַלץ איז שוין פאַרטיק, נוח. באַסעלע האָט אויסגעוואַשן די וואַנע און איך האָב דאָרט צוגעגרייט דיינע וועש. קענסט זיך גיין באָדן. דערווייל וועט פייוול צוגרייטן אַלץ וואָס דו דאַרפסט צו גיין אין שול.

— אַ דאַנק דיר, דבורה, פאַר דעם וואָס דו טוסט פאַר אונדז... פאַר מיר...
— האָט ער שטיל געזאָגט, ניט געפינענדיק די ריכטיקע ווערטער.

אָבער דערווייל זיינען די קלענערע קינדער אים געלאָפן אַנטקעגן, און מיט אַ טומל געשטרעקט די הענטלעך צו די מתנות. ער האָט יעדערן געגעבן זיין פעקל און די קינדער האָבן אים געדאַנקט און געקושט, ווי די מאַמע האָט זיי געלערנט.

— מאַמע, איך האָב שוין אַלץ צוגעגרייט פאַרן סדר, — איז באַסעלע גע־קומען אָפּגעבן אַ באַריכט דער מאַמען. — איך האָב אפילו שוין אוועקגעלייגט אויפן טיש פאַר יעדערן זיין הגדה, — האָט זי זיך באַרימט. — אַלץ האָב איך געדענקט פונקט ווי פאַר אַ יאָרן.

— אַ געזונט אין דיין קאָפּ, מיין חכמה, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ שמייכל. און זי האָט ביי זיך געטראַכט, ווי געהאַרכזאַם און קלוג באַסעלע איז. זי איז מיר אַ גרויס הילף און אָן איר וואָלט איך זיך ניט ארומגעטאָן. אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר אַלע קינדער.

יעדערער פון די קינדער איז זיך געזעסן אין אַ ווינקל און געציילט זיינע ניס. מ׳האָט זיך געפרייט, אַז מאָרגן וועט מען שפּילן אין ניס און געהאָפט צו געווינען.

דערווייל האָט זיך נוח אָפּגעבאָדן, זיך איבערגעטאָן אין יום־טובדיקע קליי־דער און אריינגערופן אין שלאָפצימער זיין געטרייע פרוי. ער האָט זיך געשעמט

צוריידן פאַר די קינדער אין די אויגן. ער האָט זי נאָך אַ מאָל באַדאַנקט, וואָס זי האָט אַלץ אַזוי גוט און פּינקטלעך צוגעגרייט, אַז ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אין שול, צום דאַווענען. ער האָט איר לייכט אַ קוש געטאָן און מיט אַ ציטער געזאָגט:

— זיי געזונט, דבורה, און איבער אַ יאָר זאָלן מיר ווידער האָבן אַ שיינעם פּסח.

— הלוואי! — האָט זי געזאָגט אַ גליקלעכע. — מיר זאָלן אַלע זיין געזונט.

— און זי איז האַסטיק אַרויס פון שלאָפצימער.

נוח איז איילנדיק אַרויס נאָך דבורהלען. זיינע דריי זין האָבן שוין געוואַרט מיט די מחזורים אין האַנט. ער האָט די צוויי עלטערע אָנגענומען פאַר די הענטלעך, און דער יינגערער, מענדעלע, האָט ניט אַנדערש געוואָלט האַלטן דעם טאַטן פאַר דער פּאָלע פון רעקל. אים איז מסתמא פאַרגעקומען, אַז אַזוי איז זיכערער, ער האַלט צו דעם טאַטן...

ער האָט נאָך פריער געבעטן באַסעלען, אַז זי זאָל אים לאָזן האַלטן דעם טאַטנס פּאָלע, דערפאַר וועט ער די גאַנצע צייט שטיין לעבן טאַטן און ניט אַרומלויפן אין שול. זי האָט אויך ביי די עלטערע ברידער געבעטן, אַז זיי זאָלן דעם טאַטן ניט לאָזן אַליין ביים דאַווענען און בלייבן די גאַנצע צייט לעבן אים. און אַלע האָבן עס איר צוגעזאָגט.

— זיי געזונט, באַסעלע, און אַ דאַנק דיר פאַר העלפן, — האָט דער טאַטע באַדאַנקט אויך זיין טאָכטער.

— זייט אויך געזונט, טאַטע, — האָט באַסעלע געענטפערט און געעפנט פאַר אים די טיר.

נוח האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַלע פיר זיינען צוזאַמען אַרויס.

— באַסעלע! — האָט די מאַמע געררופן פון קיך. — ווו איז ערגעץ אַהינגעקומען מאַשעלע?

— מאַשעלע זיצט זיך רואיק אין אַ ווינקל פון עסצימער און שפּילט זיך מיט די ניסלעך, — האָט באַסעלע געזאָגט דער מאַמען, אַריינקומענדיק אין קיך.

— און איצטער וועלן מיר מוזן אַלץ זען, אויב ס׳איז אויף אַן אָרט. און מ׳וועט נאָך דאַרפן צוגרייטן די הסב־בעט.

— מאַמע, דאַרפסט קיין זאַך מער ניט טאָן און מער ניט גרייטן, — האָט באַסעלע געזאָגט, — ערשטנס, האָסטו זיך גוט אָנגעאַרבעט און ביסט גענוג פאַרמאַטערט. צווייטנס, איז שוין לאַנג די הסב־בעט געמאַכט. כ׳האָב עס צוגעגרייט מיט די קינדער, איידער דער טאַטע איז אָנגעקומען. כ׳וויל ניט זאָלסט

נאָך ווערן מער פאַרמאַטערט, — האָט באַסעלע ארומגענומען די מאַמען און זי אַ קוש געטאָן.

אַלע קושן זי היינט, האָט דבורהלע געטראַכט. און זי האָט ווייך געזאָגט:

— און דו ביסט ניט פאַרמאַטערט, באַסעלע.

— איך האָב ניט געטאָן אזוי פיל וויפל דו, בין איך ניט אזוי פיל פאַר־מאַטערט.

— האָסט געטאָן גענוג, — האָט די מאַמע געזאָגט. — צורוקן אזא שווערע באַנק צום טיש איז זייער שווער און האָסט געדאַרפט וואַרטן אויף מיר.

— האָסט מסתמא קיין מאָל ניט באַמערקט, אז די באַנק האָט רעדלעך און זי פאָרט, איז עס גרינג. אז מיר רירן קיין מאָל ניט די באַנק פון אָרט, — האָט איר באַסעלע דערקלערט. — חוץ דעם האָבן מיר די קינדער געהאָלפן. איך האָב זי פאַרדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך און די קישנס באַצויגן מיט נייע ציכלעך. זע ווי אַלץ שיינט, — האָט באַסעלע אויסגערעכנט, וואָס זי האָט געטאָן.

— אָבער איין זאַך האָסטו נאָך פאַרגעסן, — האָט זיך די מאַמע עפּעס דערמאָנט.

— אפילו די הגדות ליגן אויפן טיש, און די מצה, — האָט באַסעלע גע־זאָגט, זייענדיק זיכער אז דאָס מיינט די מאַמע. זי האָט איר דאָך שוין געזאָגט וועגן דעם און זי פאַרגעסט.

— איך ווייס עס, באַסעלע, אָבער דו האָסט פאַרגעסן אוועקצולייגן אויף דער הסב־בעט דעם טאַטנס קיטל, ער זאָגט אַלע מאָל די הגדה אין קיטל.

— אָ, יע, מאַמע! — האָט באַסעלע אויסגעשריען. — ביסט גערעכט.

אז זי האָט אוועקגעלייגט דעם קיטל, האָט זי געזאָגט צו דער מאַמען:

— איצט, מאַמעלע, גיי זיך ארומוואַשן און איבערטאָן. נאָך דעם — וועל איך גיין. לאָמיר דעם טאַטן מיט די קינדער אָפּוואַרטן אויסגעפּוצטערהייט.

— יע, כ׳וועל זיך גיין איצט וואַשן און איבערטאָן, ווען איך זע אז אַלץ איז פאַרטיק, — האָט די מאַמע צוגעשטימט. זי האָט געוואָלט צעקושן די טאָכטער פאַר איר פיינקייט.

ווען די מאַמע איז שוין געווען אָנגעטאָן אין אירע יום־טוב־קליידער, איז באַסעלע אוועק זיך וואַשן און איבערטאָן. דבורהלע האָט דערווייל אריינגע־שטעלט ליכט אין די לייכטער, פאַרדעקט די אויגן און געבענטשט. נאָך דעם, אז באַסעלע איז געקומען איבערגעטאָן, האָט זי אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן אין שטוב און ס׳איז געוואָרן ליכטיק און פריילעך. מאַמע און טאָכטער האָבן זיך געשטעלט ביים פענצטער און ארויסגעקוקט צו דער שטילער גאַס, ווי זי ווערט פאַרדעקט מיט דער טונקלקייט פון אָוונט. זיי האָבן באַטראַכט די יידישע שטיבער, ווו

פון אַלע פענצטער האָבן געשיינט ליכט־פּייערלעך, און זיי האָבן גערעדט וועגן די געריכטן און קליידער, וואָס מ׳האָט אָנגעגרייט אויף פּסח.

זיי האָבן געזען ווי די ערשטע יידן קומען פון שול, און דבורהלע מיט איר טאָכטער האָבן אויסגעקוקט דעם מאַן און טאַטן מיט די קינדער. מיט אַ מאָל האָט באַסעלע דערזען פון ווייטן אָנקומענדיק דעם טאַטן מיט די ברידער. מענדעלע האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דער פּאָלע פון טאַטנס ראָק, פּונקט ווי בעת זיי זיינען ארויס צו גיין אין שול. זי איז אויף גיך געלאָפן און ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די טיר, אזוי ווי זי האָט געטאָן ביי זייער ארויסגיין. און דער טאַטע, מיט די צוויי עלטערע קינדער פאַר די הענט, איז אריינגעקומען מיט אַ הויכן גוט יום־טוב. די קינדער האָבן נאָכגעזאָגט דעם גוט יום־טוב, פּונקט ווי דער טאַטע.

— גוט יום־טוב, גוט יאָר! — האָבןביידע, מאַמע און טאָכטער געענטפערט. נאָר מאַשעלע איז נאָך אַלץ געזעסן אין ווינקל און זיך געשפּילט מיט די ניס, ווי ס׳וואָלט איר גאָר ניט אָנגעגאַנגען. האָט איר דער טאַטע אויפגעהויבן אין דער הויך און געזאָגט:

— אַ גוט יום־טוב, מאַשעלע, היינט איז פּסח. זאָג מיר אַ גוט יום־טוב, זאָג אַלעמען.

— אַ גוט יום־טוב, טאַטע. אַ גוט יום־טוב אַלעמען, — האָט מאַשעלע געזאָגט מיט אַ דין קול.

— אַ גוט יום־טוב, מאַשעלע, — האָבן אַלע געענטפערט. — מען זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר.

מאַשעלע איז געווען די ייגסטע. און מענדעלע, וואָס איז געווען כמעט צוויי מאָל אזוי אַלט ווי זי, האָט מען אזוי צעפּיעשטשעט אז ווי נאָר וואָס פלעגט ער וויינען. איצט איז ער אויך געווען פאַרוויינט און באַסעלע האָט אים געפרעגט, וואָס איז דאָס געווייך.

— ווייל רפאל האָט מיך אַ שטופּ געטאָן, ארויסגייענדיק פון שול, איז מיר ארויסגעפאַלן מיין גרעסטער נוס און כ׳האָב אים מער ניט געפונען.

— איבער אַ נוס דאַרפסטו ניט וויינען, — האָט אים די מאַמע אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, — מאָרגן וועסטו געווינען אַנדערע ניס און וועסט האָבן אַ סך מער ווי היינט.

— ניין, — האָט רפאל פּראָטעסטירט, — מענדעלע איז מער ניט קליין. ער גייט שוין אין חדר. און איר וועט מער ניט מאַכן אומישנע, אז ער זאָל געווינען.

— און מענדעלע טאָר מער ניט וויינען, אז ער וועט פאַרלירן, — האָט פּייוול געזאָגט.

— כ׳וועל יע וויינען, אויב איך וועל מאָרגן פאַרלירן, — האָט מענדעלע ניט נאָכגעגעבן.

— נו, קינדער, הערט זיך אויף צו קריגן. גענוג! — האָט די מאַמע געזאָגט.

— יום־טוב טאָר מען זיך ניט קריגן, — האָט נוח צוגעהאָלפן זיין ווייב.

— און אין מיטן וואָך מעג מען יע, — האָט באַסעלע געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— ניין, קיינער פון אייך טאָר זיך מער ניט קריגן און ניט וויינען! — האָט דער טאַטע ארויסגעטראָגן זיין פסק. — הערסט, מענדעלע?

— איך וועל וויינען, טאַטע. ווייל איך וויל ניט פאַרלירן, — האָט מענדעלע געזאָגט.

— וועט מען דיר ניט אריינגעמען אין קאָן, — האָט פייוול אים געזאָגט.

— א סוף זאָל עס נעמען! — האָט נוח שטרענג געזאָגט. — מ׳דאַרף זיך זעצן צום סדר.

— איך וועל מער ניט וויינען, אויב כ׳וועל אפילו פאַרלירן, — האָט מענדעלע געזאָגט.

— גוט, ביסט אַ פיין יינגעלע, — האָט אים דער טאַטע געזאָגט. — קום, וועסט זיך זעצן לעבן מיר. אָבער שלאָף ניט איין איידער מ׳ענדיקט די הגדה.

— ניין, איך וועל ניט איינשלאָפן, טאַטע. און וווּ וועט זיצן מאַשעלע?

— לעבן דער מאַמען, — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— איך וועל אויך ניט איינשלאָפן, — האָט מאַשעלע אויסגעשריען.

אָבער ווען ס׳איז געקומען צו עפענען די טיר פאַר אליהו הנביא, האָט שוין מאַשעלע געדרעמלט. מענדעלע איז נאָך געווען וואַך. באַסעלע איז געגאַנגען עפענען די טיר, און ווען זי האָט די טיר צוריק פאַרמאַכט, האָט מענדעלע געפרעגט:

— טאַטע, פאַר וואָס האָב איך ניט געזען אליהו הנביא, ווי ער איז אריין צו אונדז? ווי מאַכט ער עס?

— אליהו הנביא קומט צו אַלע יידישע היימען, — האָט אים דער טאַטע דערקלערט. — מ׳שטעלט זיך אויף פאַר אים און מ׳זאָגט אים ברוך הבא, אָבער אים אליין קען מען ניט זען. מ׳טאָר אים ניט זען, ווייל ער איז הייליק, ער איז בלויז גייסט. און אזא זאַך קענען מענטשן ניט זען מיט די אויגן. מיר נעמען אים אָבער אויף מיט גרויס כבוד.

— אָבער פאַר וואָס האָט ער ניט געטרונקען, טאַטע? דער בעכער איז דאָך נאָך פול, — האָט מענדעלע געפרעגט מיט אַ גענעץ, און שוין ניט געוואַרט

אויפן ענטפער. די אויגן האָבן זיך אים ווי צונויפגעקלעפּט און ער איז גלייך איינגעשלאָפן.

— מענדעלע איז גערעכט, — האָט פייוול זיך אָפּגערופן, — ווי קען ער...

— זאָג אליהו הנביא און ניט ער, — האָט די מאַמע אים איבערגעריסן.

— פאַר וואָס טאָר מען ניט זאָגן ער? — האָט רפאל געפרעגט.

— צוליב רעספּעקט פאַר אַן עלטערן טאָר מען ניט זאָגן סתם זי אָדער ער, — האָט די מאַמע דערקלערט. — און אליהו הנביא איז אַ הייליקער, אַ נביא.

— די מאַמע ווייס, — האָט נוח גערימט זיין ווייב. — ס'איז ריכטיק אַזוי, קינדער.

— און איך ווייס פאַר וואָס אליהו הנביא האָט ניט געטרונקען, — האָט זיך פייוול ניט געקענט איינהאַלטן. — ער גייט דאָך היינטיקע נאַכט אין טויזנטער יידישע היימען, און אויב ער וועט אומעטום אויסטרינקען זיין גרויסן כוס, וועט ער ווערן שיכור...

אַלע האָבן געלאַכט. אפילו נוח האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— פּסח דאַרף טאַקע זיין פריילעך, אָבער אַזאַ חכמה פּאַסט זיך ניט פאַר אליהו הנביא.

— אוי, זע, די קינדער שלאָפן גאָר, — האָט דבורהלע געזאָגט. — מ'דאַרף זיי נעמען אין בעט.

מאַשעלעס לאַנגע שוואַרצע האָר זיינען געווען צעשפּרייט איבערן קישן. און ווען די מאַמע האָט איר גענומען אויפן אָרעם, האָט זי געעפנט אירע בלויע ליכטיקע אייגעלעך, וואָס האָבן פאַרשיינט איר פּנים. דער טאַטע האָט אַוועקגעטראָגן מענדעלען.

.2

דער ערשטער סדר ביי נוחן אין שטוב האָט זיך געהאַלטן ביים פאַרענדיקן.

— איצט וועלן מיר זינגען חד גדיא, — האָט נוח געזאָגט. — איך וועל פאַרזינגען, און דו מיט די קינדער, — האָט ער געזאָגט צו דבורהן מיט די קינדער, — וועלן מיר באַגלייטן מיטן צוזינגען חד גדיא.

אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זיך געהערט אַ גערויש פון אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס. פון דרויסן איז דערגאַנגען אַ גערייד פון מענטשן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט באַסעלע אַ דערשראָקענע געפרעגט. זי איז צוגעשפּרונגען צום פענצטער און ארויסגעקוקט. — זע, מאַמע, טאַטע, —

האָט זי געררופן. — אַן אַמבולאַנס שטייט דאָ אקעגן אונדז און אַ רעדל מענטשן ארום.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלאַסער און ציטעריק געזאָגט:

— קינדער, לאָמיר זיין שטיל און זיך צוהערן. זאָל מען נאָר באַהיט ווערן.

— מיר דוכט אז מ׳רעדט ביי אונדז אין פּאָרהויז, — האָט די מאַמע זיך צוגעדריקט צו באַסעלען. — ס׳איז דאָך שוין אַ שפּעטע שעה, נאָך האַלבע נאַכט...

— האָט זי געפּליסטערט.

ס׳האָט זיך געהערט אַ שוואַכער קלאַפּ אין טיר, נאָך דעם אַ שטאַרקערער. אַלע זיינען געשטאַנען צונויפגעדריקט און געשוויגן. דאַן האָט מען פון דרויסן אַ ריס געטאָן די טיר.

נוח האָט זיך געמאַכט האַרץ, איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

— פּאָליציי! — איז געקומען דער ענטפער.

— פּאָליציי? — האָט נוח איבערגעפרעגט, אַ בלאַסער פון שרעק, ווי ער וואָלט ניט געגלייבט.

— יע, פּאָליציי, און מאַכט גלייך אויף! — איז געקומען אַ שטרענגער באַפעל.

נוח האָט אויפגעשלאָסן די טיר. אין טיר זיינען געשטאַנען צוויי פּאָליציסטן, איינער מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין האַנט. אז זיי האָבן דערזען נוחן, אָנגעטאָן אין ווייסן כאַלאַט, זיינען זיי צעטומלט געוואָרן, ווי ס׳וואָלט זיי באַפאַלן אַ שרעק. דורך דער עפענונג פון עסצימער האָט ארויסגעשטראָמט אַ ליכטיקייט און ס׳האָט זיך געזען אַ ברעג פון גרויסן טיש מיט ליכט און וויין אויף אים, און דערביי די ווייסע הסב־בעט.

— וועגן וואָס זייט איר געקומען, מיינע הערן? — האָט נוח, וואָס האָט געקענט אַ ביסל פּויליש, געפרעגט. און ער האָט זיך אָנגעשטרענגט איינצו־האַלטן זיין רואיקייט.

— מיר זיינען גע־גע־קומען... — האָט דער מיטן נאָטיץ־ביכל זיך זאַהיקעט.

דער צווייטער האָט אים אָבער גלייך ארויסגעהאָלפן און קלאָר געזאָגט:

— מיר זיינען געקומען דיך אַרעסטירן.

איצט האָט נוח באַקומען מוט און געפרעגט:

— פאַר וואָס עפּעס מיך אַרעסטירן? איר שפּאַסט מסתמא.

— ניין. ס׳איז ניט קיין שפּאַס. מיר האָבן אזא פאַראָרדענונג. — האָט ער געזאָגט.

דבורהלע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט אַ צעציטערטע, האָט געפילט אז

זי דאַרף דאָ מיט עפּעס העלפן. זי האָט גערעדט פּויליש ווי אַ זייעריקע, האָט זי געמאַכט אַ טריט פאָרויס און זיך געשטעלט צווישן נחן און די פּאַליציאַנטן:

— אַ גוטן אָוונט, מיינע יונגע הערן. איר זעט דאָך אַז ביי אונדז האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער יום־טוב, און מיר האָבן נאָך ניט געענדיקט דעם ערשטן אָוונט. איז זעצט זיך צום טיש און איר וועט פאַרזוכן אונדזערע געריכטן.

פון עסצימער און פון קיך האָבן געשמעקט די געריכטן, אַז מ'האָט טאַקע געדאַרפט זיין פון אייזן זיך צו אַנטזאָגן. דיביידע פּאָליציאַנטן האָבן זיך איי־בערגעקוקט, ווי איינער וואָלט דערלויבט דעם אַנדערן עס צו טאָן, און מ'איז אריין אין עסצימער. דבורהלע האָט גלייך אנטקעגן זיי אוועקגעשטעלט צוויי פולע טעלער מיט קניידלעך און אָנגעגאָסן צוויי גרויסע בעכערס וויין. און ווי נאָר זיי האָבן אָנגעהויבן טרינקען און עסן, האָט זי זיך ניט געמאַכט וויסנדיק וועגן אַרעסטירן איר מאַן, נאָר זי האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערפרעגן פאַר וואָס דער אַמבולאַנס איז דאָ געקומען און אנדערע זאַכן.

איין פּאָליציאַנט האָט דערציילט, אַז דאָס יונג פּאָרל, וואָס ווינען אנטקעגן דאָ, זיינען אוועק האָבן די סעודה פון פסח ביי זייערע עלטערן. אַז די דינסט איז געבליבן אליין, האָט זי ערגעץ געפונען אַ פלאַש מיט וויין און עס אויף איין מאָל אויסגעטרונקען. איז געוואָרן שיכור און אָנגעהויבן ברעכן די מעבל, רייסן און שטעכן. האָט מען פאַר איר געמוזט ברענגען דעם אַמבולאַנס, ווייל זי איז ווילד און לאָזט זיך ניט נעמען. פּרוווט מען איר אָנטאָן אזא כאַלאַט, ווי דער פּאַן טראָגט, האָט דער פּאָליציסט געזאָגט מיט אַ שמייכל. דאָס איז אזא העמדל, וואָס די אַרבל פאַרבינדן זיך אויף הינטן, קען זי מיט די הענט מער גאָר ניט טאָן.

פון דרויסן האָט מען געהערט געשרייען. די קינדער זיינען צוגעלאָפן צום פענצטער און געזען ווי מ'שלעפּט די דינסט צום אַמבולאַנס, מיט די הענט פאַר־בונדן אויף הינטן. ווי נאָר דער אַמבולאַנס איז אוועקגעפאָרן, האָט באַסעלע שטיל געזאָגט די קינדער אז זיי זאָלן גיין שלאָפן. ס'איז בעסער אז טאַטע־מאַמע אליין זאָלן בלייבן מיט די פּאָליציסטן. די קינדער זיינען שוין סיי ווי געוועזן צו מיד ניט צו פאָלגן. איז מען אָוועק שלאָפן.

די פּאָליציאַנטן האָבן מיט אַפּעטיט געפרעסן די קניידלעך און פאַרטרונקען מיט פולע בעכערס וויין. מיט אַ מאָל האָט איינער פון זיי געפרעגט:

— פון וואָס מאַכט איר די מצה, אז ס'איז אזוי געשמאַק?

— פון מעל און וואַסער, דאָס אַלץ, — האָט נוח געענטפערט.

— איז עס ניט אַ מאָל געמישט מיט בלוט? — האָט דער פּאָליציאַנט גע־פרעגט מיט אַ געלעכטער.

— אז ס'וואָלט געווען מיט בלוט, וואָלט עס דאָך געווען רויט, — האָט נוח

עס געזוכט אָנצוגעמען ווי אַ שפּאַס. — זעסט דאָך אַז עס איז גאַנצן ווייס. רעדסט נאַרישקייטן.

— און פון וואָס מאַכט איר דעם וויין, — האָט דער פּאַליציאַנט ווייטער געפּאַרשט.

— איך מאַך עס, האָט זיך דבורהלע ארויסגעשטעלט. — כ׳מאַך עס פון ראָזשינקעס.

—און וואָס איז ראָזשינקעס ? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— דאָס זיינען געטריקנטע ווייַנטרויבן. מען ברענגט עס פון אַנדערע לענדער.

— איז פאַר וואָס איז עס אזוי שטאַרק. אָט בין איך שוין באַלד שיכור, ווי פון שנאַפּס.

— ווייל מיר מאַכן מיט איין מאָל אַ סך פלעשער, מ׳זאָל עס ניט דאַרפן טאָן אַלע יאָר. און וואָס לענגער דאָס שטייט, ווערט עס אַלץ שטאַרקער, — האָט דבורהלע דערקלערט.

— אָט טרינקען מיר דעם וויין און ווערן ניט שיכור, — האָט נוח געזאָגט.

— ווייל מיר טרינקען נאָר יום־טוב, און מיט אַ מאָס.

— איר זייט קלוגינקע יידעלעך, איר באַהאַלט אלץ אויס, — האָט דער פּאַליציאַנט געזאָגט.

נוח האָט געטראַכט אז איצט קען ער שוין ריידן אָפן און אָן שרעק. זייער קומען אים אַרעסטירן כלומרשט, איז נאָר געוועזן אַן אויסרייד זיך אָנצופרעסן און אָנצושיכורן.

— מיר באַהאַלטן קיין זאַך ניט אויס, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איר לאָזט אונדז ניט צו רו אפילו אין אונדזער פּסח. מיר שטערן אייך ניט אין אייערע יום־טובים, און מיר שיקן אייך נאָך מתנות. מיר העלפן מיט וואָס מיר קענען.

— ווייל יידן זיינען צעשטערערס, — האָט דער פּאַליציאַנט געלאַכט.

— מיר זיינען צעשטערערס ? — איז נוח אויף אַן אמת אין כעס געוואָרן.

— אָט, יידן העלפן בויען פוילן, ארבעטן און שאַפן. און איר קומט און צעשטערט אונדזער לעבן.

— ביסט אַ קלוגער ייד, — האָט דער פּאַליציאַנט געלאַכט. — ברענג נאָך אַ פלאַש און מיר וועלן טרינקען פאַר אייער געזונט... — האָט ער געקוקט צו דבורהלעס זייט.

דבורהלע האָט גלייך ארויפגעשטעלט נאָך אַ פלאַש און געפרעגט :

— זאָגט מיר דעם אמת, ווער האָט אייך געשיקט היינט ביי נאַכט צו אונדז ?

— כ'וועל זאָגן דעם אמת, — האָט ער גערעדט אויפריכטיק. — דער אַרעסט־באַפעל איז פאַר מאָרגן, אָבער אז מיר זיינען דאָ פאַרבייגעגאַנגען און געזען אז ס'איז אזוי ליכטיק און מען זינגט, האָבן מיר פאַרשטאַנען אז מיר קענען ביי אייך קריגן אַ שנאַפּס און אַ צוביים.

— איז האָט איר דאָך געקענט גלייך זאָגן, — איז דבורהלע געווען צופרידן פון זיין אָפנהאַרציקייט, — טרינקט און עסט וויפל נאָר איר ווילט.

— אָבער וואָס פאַרא שייכות האָט עס אַלץ צו מיר? — האָט נוח געפרעגט.

— וואָס האָט איר מיך געדאַרפט שרעקן מיט אַרעסטירן? האָט איר עפּעס קעגן מיר?

— יע, מיר האָבן דאָך גלייך געזאָגט, אז מיר האָבן אַן אַרעסט־באַפעל פאַר ניט צאָלן די שטייערן און וועקסלען, פאַן חיימאָוויטש.

— מיין נאָמען איז ניט חיימאָוויטש, — האָט נוח געזאָגט, — מיין נאָמען איז קראַמער.

— אויב אזוי האָבן מיר פאַרבלאָנדזשעט... — און זיי האָבן זיך ארויסגע־שאַרט אין דרויסן.

נוח האָט גלייך פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיי. ער האָט זיך איבערגע־קוקט מיט דבורהלען ווי איינער זאָגט: גראָדע יום־טוב האָט געדאַרפט פּאַסירן אַזאַ צרה.

די קינדער זיינען שוין לאַנג געשלאָפן. נאָר איין באַסעלע איז נאָך געווען וואַך. זי האָט געוואַרט צו העלפן דער מאַמען אָפּראַמען דעם טיש.

— זיי האָבן עס אַ ביסל אָנגעחזירט, די שיכורים, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— און דער זאַהיקע האָט שוין די גאַנצע צייט ניט גערעדט. בלויז גע־פרעסן און געטרונקען.

נוח האָט געזען אז ס'איז שוין נאָך האַלבע נאַכט און ס'האָט אים פאַר־דראָסן אויף די שיכורים. ערשטנס האָט מען ניט געקענט פאַרענדיקן דעם סדר און זינגען חד גדיא. אָבער ערגער איז, אז ער קען מאָרגן פאַרשלאָפן און וועט ניט באַוויזן צו גיין דאַוונען צום ערשטן מנין, ווי ער פירט זיך שטענדיק. צוויטנס, זעט ער ווי מיד און פאַרשלאָפן עס זיינען דבורהלע און באַסעלע. זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט און קענען קוים אויף די פיס שטיין. וואָלט ער זיך ניט געשעמט, וואָלט ער זיי איצט געהאָלפן אויפראַמען.

— נוח, נוח, קום נאָר אַהער, — האָט ער פלוצלינג געהערט דבורהלען רופן פון עסצימער, — זע וואָס איך האָב געפונען אונטערן שטול, ווו דער פּאָ־ליציאַנט איז געזעסן. — אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן דאָס נאָטיץ־ביכל מיטן אַרעסט־באַפעל פאַר פאַן חיימאָוויטש.

נוח האָט אַ קוק געטאָן און זיך צעלאַכט, און אויך דבורהלע האָט אַרויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער. פון קיך איז געקומען צולויפן באַסעלע און דערזען פון וואָס מ׳לאַכט, האָט זי זיך אויך צעלאַכט. און נוח האָט געזאָגט:

— אַ שיינע ריינע כפּרה אויף זיי. אז זיי קומען עס זוכן, וועלן מיר זאָגן אז מיר האָבן עס ניט געזען. מסתמא האָבן זיי עס פאַרלאָרן אויפן וועג. און אין פּאָליציי וועלן זיי דאָך ניט וועלן דערציילן דעם אמת: אז זיי האָבן ביי אונדז געשיכורט. — און ער האָט עס אריינגעוואָרפן צווישן דעם נאָסן אָפּפאַל פון עסן. ער איז איצט געווען אין אַ גוטער שטימונג און ער האָט געזאָגט צו באַסעלען:

— באַסעלע, איך בעט דיך, גיי שלאָפן. איך מיט דער מאַמען וועלן שוין אַלץ אויפראַמען.

באַסעלע און די מאַמע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס דער טאַטע וויל העלפן. און זי איז געווען צופרידן צו געבן אים די געלעגנהייט, האָט זי שטיל געזאָגט:

— אַ דאַנק, טאַטע. און אַ גוטע נאַכט! — און זי איז אַרויס צו זיך אין שלאָפצימער.

— וואָס זאָגסטו, דבורה, אויף דער חוצפּה פון די צוויי גוים, — האָט נוח געזאָגט.

— זיי זיינען דאָך די באַלעבאַטים פון פּוילן, מעגן זיי טאָן וואָס זיי ווילן, האָט דבורהלע געענטפערט. — אָבער וועט זיי פרעגן זיך נאָך פאַר דעם ביים סטרוזש, וועער דער חיימאָוויטש איז און צי ער וווינט דאָ, וואָלטן זיי אונדז ניט צעשטערט דעם יום־טוב.

— נאַרישקייטן, דבורה. קען זיין אז זיי האָבן יע געוווּסט אז מיר זיינען ניט קיין חיימאָוויטשעס, נאָר ס׳האָט זיי ניט געאַרט ווער מיר זיינען, אַבי עסן און טרינקען.

— דו ביסט גערעכט. אָבער האָסט געזען ווי זיי זיינען פול מיט שינאה־קינאה. זיי האָבן נאָר געוואָלט וויסן צי מיר נוצן בלוט...

— הער אויף מיט דעם. כ׳וויל עס מער ניט הערן. — האָט נוח געזאָגט. דבורהלע האָט געפילט אז נוח איז גערעכט. וואָס דאַרף זי נאָכריידן די גויים. האָט זי אים געוואָלט צופרידנשטעלן און געזאָגט:

— אָבער האָסט זיי צום סוף ריכטיק דערלאַנגט. האָסט זיי געזאָגט ווער זיי זיינען.

— אָבער דאָס אַלץ איז אַרויסגעוואָרפענע רייד, דבורהלע. און אויב מיר זיינען פון זיי איידעלער און ערלעכער, זאָגן זיי נאָך אַלץ אז מיר זיינען די שלעכטע.

— אָבער מיך פאַרדריסט נאָך אַלץ, וואָס זיי זיינען היינט אריינגעקומען צו אונדז. אַ גאַנץ יאָר גרייט מען זיך אויף דעם שענסטן יום־טוב. מען מאַכט כשר. מ׳קאָכט און מען וואַשט און מ׳שייערט און מ׳איז פאַרמאַטערט און צו־פרידן, און דאָ מיט אַ מאָל — די חזירים.

— קלעם זיך ניט, דבורהלע. ווערסט עס שוין ניט איבערמאַכן. ווייל דעם פויער, קאָך אים אין זיס און אין זויער, בלייבט ער אַלץ פויער.

— יע, זיי מיינען אז פוילן געהערט זיי, זיינען די יידן זייערע קנעכט און זיי מעגן טאָן וואָס זיי ווילן, — האָט דבורהלע זיך באַקלאָגט.

— יע, און מיר ביי זיך אין שטוב מעגן אויך טאָן וואָס מיר ווילן, — האָט נוח שטיל געזאָגט. — איז ביים מאָרגנדיקן סדר, וועלן מיר זינגען צוויי מאָל חד גדיא, אויך פאַר דעם היינטיקן צעשטערטן סדר.

אזוי ריידנדיק האָבן זיי זיך ארומגעטאָן מיטן אויפראַמען, און דבורהלע האָט געזאָגט:

— און איצט, נוח, דאַרף מען גיין שלאָפן.

— ניט איך, — האָט נוח געלאַכט. — איך דאַרף שוין אויפשטיין צום דאַוונען.

אינהאַלט

עלטערן און קינדער

אַן אמתע פּאַסירונג — 13—19
דאָס בעסטע גליק — 20—26
כ׳בין געווען צו שפּעט — 27—35
מירעלע — 36—45
צוויי פריינד — 46—55
די באַרימטע זינגער — 56—66
פּעסעלע — 67—78
צוריק אַהיים — 79—91
פון דאָקטער — 92—107
אַן אומעטיקער טאָג — 108—125
דער אויספלוג — 126—142
לאהלע — 143—161

אַנטוישונג און ליבע

די פאַרצווייפלטע מאַמע — 165—167
אומזיסטע שרעק — 168—173
אז דו מיין קינד — 174—179
דער קליינער בערעלע — 180—185
די נאַשערקע — 186—193
ווער איז מיין אמתע מאַמע ? — 194—200
מיינע פריינד — 201—207
דער אומגליקספאַל — 208—216
דער פאַרשטערטער שבת — 217—226
מיין נייער פריינד — 227—237
יענע פריינט — 238—250
ר׳ נאָטע — 251—265
אַ מאַמעס פאַרלאַנג — 266—283

אומגליק און גורל

וואָס באַשערט — — — — — — — — — — 287—291
עס וועט זיין גוט — — — — — — — — — 292—296
די אָרעמע פרוי און איר קינד — — — — — — 297—302
דער אומבאַקאַנטער — — — — — — — — — 303—308
פאַרטראַכטערהייט — — — — — — — — — 309—314
אין אזא ווינטער — — — — — — — — — 315—323
צייטל — — — — — — — — — — — — 324—332
שמעון דער בעקער — — — — — — — — — 333—343
מלכהלע — — — — — — — — — — — 344—357
די גנבה — — — — — — — — — — — 358—373
שאָסע — — — — — — — — — — — — 374—399
רחלע און חיים — — — — — — — — — — 400—404
סאַראַ גאַסט — — — — — — — — — — 405—416
אסתר — — — — — — — — — — — — 417—430
ערב פסח — — — — — — — — — — — 431—444